STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10041

REBE AKIVA

Shloyme Rosenberg

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שלמה ראָזענבערג

רבי עקיבא

שלמה ראָזענבערג

רבי עקיבא

ניו יאָרק 1947 תש"ז

Copyright 1947
By
S. ROSENBERG
2802 Olinville Ave.
Bronx 67., N. Y.

שער־בלאַט געצייכנט פֿון י. ליכטנשטיין

Printed in the United States of America

מיין טייערער רעגינען
דאָס דאָזיקע בוך
אַ מתנה
שלמה

איך דריק דאָ אויס מיין האַרציקסטן דאַנק
מיינע פֿריינט, די גערזעלשאַפֿטלעכע טוער,

יוסף אַרנאָלד און ישראל שורעק

וועלכע האָבן דערמעגלעכט דאָס דערשיינען
פֿון דאָזיקן בוך

דער מחבר

הקדמה

דאָס דאָזיקע בוך איז אָנגעשריבן געוואָרן ערב דעם צוזאַמענ־ברוך פֿון די נאַציס, די גרעסטע שונאים פֿון יידישן פֿאָלק. דאָס איז אין אַ געוויסן זין סימבאָליש, ווייל די עפּאָכע, אין וועלכער עס האָבן געלעבט רבי עקיבא און זיינע חברים איז אין פֿיל הינזיכטן ענלעך צו דער עפּאָכע פֿון היטלערס ממשלת־זדון.

רבי עקיבא האָט אין זיינע פֿריע 20ער יאָרן צוגעזען די צע־שטערונג פֿון ירושלים, דעם חורבן בית המקדש, די פֿאַרניכטונג פֿון דער יידישער אומאָפּהענגיקייט און זיין פֿילבאַר הארץ האָט גע־ווייטיקט איבער דעם גורל פֿון זיין פֿאָלק.

מיט זיינע פֿלאַמיקע רייד צינדט ער אָן די הערצער פֿון דער רעוואָלטירנדיקער יידישער יוגנט און רופֿט זי אַרויסצוטרעטן קעגן דעם רשעותדיקן מלכות פֿון רוים. ער אונטערשטיצט דעם אויפֿ־שטאַנד פֿון בר־כּוכבאן, פֿאַרט אַרום איבער ארץ־ישראל און אויך מחוץ אירע גרענעצן, וועקט און רופֿט די יידן צו העלפֿן דעם קאַמף פֿון דעם מאַן, אויף וועלכן ער האָט אין אַ מאָמענט פֿון עקסטאַז אויסגערופֿן: „דרך כּוכב מיעקב".

אין דער צייט פֿון אַדרינוס־קייסער און זיין רוצחישן פּראָקו־ראַטאָר פֿון ארץ־ישראל, טורנוס רופֿוס (ווי ענלעך צו היטלערס פּראָטעקטאָרן!), זיינען יידן אָפּגעגאַנגען אין בלוט. מיט דער גרעסטער אַכזריות זענען אומגעקומען אַזעלכע באַרימטע תּנאים ווי רבי ישמעאל בן אלישע, רבי חנינא בן תּרדיון, ר' חוצפּית המתורגמן און ענדלעך — רבי עקיבא אַליין.

יידן האָבן געקעמפֿט העלדיש בעת דעם אויפֿשטאַנד פֿון בר־כּוכבאן און אויך שפּעטער דורכגעפֿירט ספּאָראַדישע אָנפֿאַלן אויף די רוימישע גאַרניזאָנען. די דאָזיקע איינצלנע אָנפֿאַלן זענען פֿאָרגעקומען אין ארץ־ישראל און אין אַנדערע רוימישע קאָלאָניעס, ווי קירענע, קפּריסין (דאָס איצט אַזוי באַרימטע ציפּערן). צו די

דאָזיקע העלדישע און טראַגיש-פֿאַרענדיקטע קאַמפֿן קאָן מען נאָר פֿאַרגלייכן דעם אויפֿשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ.

די דאָזיקע געשיכטע פֿון רבי עקיבאן און זיינע חברים דאַרף דעריבער דינען פֿאַר אונדז, וועלכע זעצן פֿאָר דעם ווייטערדיקן העראָאישן 2,000-יעריקן קאַמף פֿאַרן לאַנד פֿון אונדזערע אָבות — ווי אַ גרויסע טרייסט, אונדזערע צעווייטיקטע הערצער דאַרפֿן אָנגעפֿולט ווערן מיט האָפֿענונג: רוים, די גרויסע אימפּעריע, וואָס האָט באַהערשט אַ וועלט, עקזיסטירט בלויז אין די געשיכטע־ביכער, אָבער דאָס יידישע פֿאָלק עקזיסטירט נאָך היינט. די רוימער זיינען אָפּגעווישט געוואָרן אונטער די „קלעפּ״ פֿון יידישן גייסט, ווי רבי עקיבא פֿלעגט זיך שטענדיק אויסדריקן אין זיינע פֿלאַמיקע רעדעס צום פֿאָלק: „בלויז אונדזער גוף קאָנען זיי אומברענגען, אונדזער גייסט וועט אָבער זיי פֿאַרטיליקן לעולם ועד!״

האַרט זיינען אָבער די הערצער פֿון די נישט־יידישע פֿעלקער, זיי ווילן באַין אופֿן נישט לערנען פֿון דער געשיכטע!

☘

ביים שרייבן דאָס דאָזיקע בוך האָב איך זיך באַנוצט מיט אַלע עקזיסטירנדיקע מאַטעריאַלן, וואָס איך האָב במשך פֿון אַ לאַנגער צייט געקליבן. אין דעם בוך „רבי עקיבא״ זיינען טריי אָפּגעהיטן געוואָרן די וויכטיקסטע געשיכטלעכע עפּיזאָדן. דערביי אָבער האָב איך אַריינגענומען אַ גרויסע צאָל לעגענדעס, וואָס האָבן זיך במשך פֿון 2,000 יאָר פֿאַרוועבט אַרום דער העראָאישער געשטאַלט פֿון רבי עקיבאן און זיינע חברים.

מיין אויפֿגאַבע ביים שרייבן דאָס בוך „רבי עקיבא״ איז באַ־דייטנדיק פֿאַרלייכטערט געוואָרן דורך דעם גליקלעכן צופֿאַל, וואָס איך האָב עטלעכע יאָר פֿאַרבראַכט אין ארץ־ישראל, וואו איך האָב אַלס חלוץ מיט דעם גראַבאַייזן געהאָלפֿן עפֿענען דעם פֿאַרוויסטן און פֿאַרשטיינערטן באָדן פֿון הייליקן לאַנד. כ׳האָב באַזוכט די אַלע ערטער, וואו רבי עקיבא און זיינע חברים האָבן מיט קנאַפּע צוויי טויזנט יאָר צוריק געלעבט, געקעמפֿט און אומגעקומען.

וויפֿיל געדאַנקען און רעיונות האָט אויף מיר אָנגעיאָגט דער פֿאַקט, ווען איך האָב אין דער היסטאָרישער געגנט פֿון טבריה, גראָבנדיק אין דער ערד ביים פֿאַרלייגן אַ נייע בריק, געפֿונען אַ מענטשלעכן שאַרבן, וואָס איז געווען אַזוי גרוי ווי די ערד: אפֿשר

איז דאָס געווען איינער פֿון די יידישע העלדן, וועלכער האָט גע־קעמפֿט קעגן די רוימער פֿאַר דער פֿרייהייט פֿון זיין לאַנד, און אפֿשר איז עס גאָר געווען אַ שונאס קאָפּ, וואָס איז דורך אַ יידישן העלד אָפּגעשניטן געוואָרן אין זיין פֿאַרטיידיקונג...

איך האָב אין מיר איינגעזאַפּט די ארץ־ישראלדיקע אַטמאָ־ספֿער, דעם שיין פֿון דער צויבערנדיקער זילבערנער לבנה, די ברוין־אַנגעגליטע פֿאַרב פֿון די פֿעלזיקע בערג אונטער דער הייסער זון, דעם מיט שניי־באַדעקטן הר החרמון, דעם גלאַטן בלוי פֿון ים כּנרת און שטיל פֿליסנדיקן ירדן. איך האָב געטרעטן אויף דער מיט אַזוי פֿיל יידיש בלוט אָנגעזאַפּטער ערד פֿון דער שטאָט ביתּר, געשפּאַצירט צווישן די הייליקע קברים אַרום טבריה, געווען ביים קבר פֿון רבי שמעון בן יוחאי אין מירון, מתפּלל געווען ביי דער כּותל מערבֿי אין ירושלים.

דאָס אַלץ איז געשטאַנען פֿאַר מיינע אויגן, ווען כ׳האָב דאָס בוך געשריבן.

די עפּאָכע פֿון רבי עקיבא קאָן דעריבער דינען ווי אַ וועג־ווייזער פֿאַר דעם אייביקן יידישן פֿאָלק, וואָס האָט איבערגעלעבט אַדרינוס־קייסער, זיין בלוטיקן משרת טורנוס רופֿוס, די קרייצצוגן, אינקוויזיציעס און כּלערליי שחיטות און פּאָגראָמען און צום סוף אויך די ממשלת־זדון פֿון היטלערן, ימח־שמו. געשיכטע איז אַ גלגל החוזר: אָט איז אַ פֿאָלק אַ גרויזאַמער באַהערשער און אונ־טערדיקער און אָט ליגט עס צעשטויבט און אָפּגעמעקט פֿון פּנים פֿון דער ערד. זאָלן די לייענער פֿון דעם דאָזיקן בוך, וואָס שילדערט אָט די גרויסע עפּאָכע נאָכן חורבן פֿון בית המקדש און פֿאַרלוי־רענער יידישער אומאָפּהענגיקייט, געפֿינען אַ טרייסט, אַז לא אַלמן ישראל, אַז ישראל סבא וועט ווידער אַלע זיינע שונאים און פֿאַלשע פֿריינט איבערלעבן, אָמן!

ש. ר.

קאַפּיטל 1

דער פּאַסטוך

●

עס איז געווען אין דער צייט, ווען אַספּסינוס, דער רוימישער קריגספירער, האָט געהאַט חרוב געמאַכט דאָס לאַנד פון יהודה, פאַרברענט דאָס בית־המקדש און צעשטערט די הייליקע שטאָט ירושלים. דעם גרעסטן טייל פון אירע איינוואוינער האָט ער אויסגעהרגעט און אַ טייל האָט ער אַוועקגעפירט אין געפאַנגענשאַפט קיין רוים. די שטעט און דערפער פון גליל און יהודה זיינען פאַרוויסט געווען און אַ פינצטערער טרויער האָט געהערשט איבער אַלעמען. וואָרים ווי אַזוי האָט אַ שמייכל געקאָנט אַרויסקומען אויף די פּנימער פון די איבערגעבליבענע יידן אין לאַנד, ווען זייערע קינדער און קרובים, פריינט און אייגענע זיינען פאַרקויפט געוואָרן פאַר שקלאַפן אין די ווייטע לענדער אַרייך, אָדער זיינען איבערגעענטפערט געוואָרן אין די רוימישע צירקן, וואו זיי האָבן געדאַרפט קעמפן מיט ווילדע חיות, כדי דערמיט צו דערפרייען די הערצער פון די זיגרייכע בלוטדורשטיקע רוימער. ווי אַזוי האָט אַ שמייכל געקאָנט אויפשיינען אויף זייערע פּנימער, ווען יונגע טעכטער זיינען פאַרשיקט געוואָרן אין די שאַנד־הייזער פון רוים און מצרים און אין אַנדערע מזרח־לענדער, וואָס זיינען געווען אונטערטעניק צום קייסער פון רוים. יונגע בחורים זיינען איינגעשפּאַנט געוואָרן אויפן גאַנצן לעבן אַלס רודערער אויף די רוימישע שקלאַפן־שיפן, און כדי זיי זאָלן נישט קאָנען אַנטלויפן, האָט מען ביי זיי אויסגעשטאָכן די אויגן.

ווינד און ווי איז געווען צו די איבערגעבליבענע, וואָס האָבן צוגעזען די שאַנד פון פאָלק ישראל, זיי האָבן מקנא געווען די טויטע, וועלכע האָבן מיט גרויס גבורה פאַרטיידיקט זייער פרייהייט, און זייערע נעמען זיינען אויף אייביק פאַרהייליקט געוואָרן אין געדעכעניש פון יידישן פאָלק.

זייער ווינציק יידן זיינען איבערגעבליבן אין לאַנד, מ׳האָט געקאָנט אָפּגיין שעהנווייז און אויף קיינעם נישט אָנטרעפן. פעלדער זיינען גע־

לעגן נישט פֿאַראַקערט און וויינגערטנער נישט געפֿלעגט און פֿיל ביימער זיינען געלעגן אויסגעריסן מיט די וואָרצלען. וויסט און טרויעריק איז געווען דעמאָלט דאָס לאַנד פֿון ישראל. דאָס בלוט, מיט וואָס די ערד איז געווען אָנגעזאַפּט, האָט געמאָנט נקמה. אָבער צו שוואַך זיינען די יידן אין יענער צייט נאָכן חורבן געווען, אַז זיי זאָלן קאָנען דערפֿון טראַכטן. די מענטשן זיינען געווען אין זיך איינגעשלאָסן, אין די אָרעמע הייזער איז מען אין די נעכט ביי זיך געזעסן און נישט אויפֿגעהערט צו שמועסן און אָפּצורעדן זיך פֿון די הערצער. אַלע האָבן געוואַרט אויפֿן מאָמענט, ווען דאָס יידישע פֿאָלק וועט אויסגעלייזט ווערן, עס וועט צוריק אויפֿגעבויט ווערן די הייליקע שטאָט ירושלים, עס וועט ווידער אויפֿגעריכט ווערן דאָס בית־המקדש, גאָטס הויז; און ווידער וועט פֿרייד רוען אויף די פּנימער פֿון די קינדער פֿון ישראל.

— אָבער ווען? אָבער ווען?... — פֿלעגן די מענטשן שווער אָפּזיפֿצן. — מיר האָבן שוין קיין כּוח מער נישט צו וואַרטן. די פּנימער ברענען אונדז פֿאַר חרפּה און שאַנד. ווי איז צו אונדז, וואָס אונדזערע אויגן האָבן געזען און ווי איז צו אונדז, וואָס מיר האָבן דערלעבט!

האָבן די מער גלויביקע געטרייסט די שוואַכערע:

— דער עיקר איז, מען טאָר נישט אָנווערן די אמונה. נישט אַלע, וועלכע זיגן בלייבן שוין די זיגער. מיר האָבן דעם כּוח אין זיך זעלבסט, דעם כּוח פֿון אונדזער תּורה, וואָס וועט אונדז נישט לאָזן אונטערגיין. מיר דאַרפֿן קאָנען אויסהאַלטן, מיר מוזן אויסהאַלטן!

און אין דער שטיל, בעת די פֿאַרזאַמלונגען אין די געהיימע חדרים, פֿלעגט מען זיך דערציילן און איבערגעבן די געשיכטע וועגן תּנא ר׳ יוחנן בן זכאי:

„...ווען דער תּנא ר׳ יוחנן בן זכאי האָט איינגעזען, אַז דעם פֿיינטס כּוחות זיינען שטאַרקער און אַז דאָס לאַנד פֿון ישראל וועט באַזיגט ווערן, האָט ער זיך געטראַכט: אמת, אונדזערע גופֿים קאָנען די רוימער באַזיגן, אָבער נישט אונדזער גייסט; און ער האָט זיך פֿאַר־נומען אויף אַ געוואַגטן פּלאַן: ער מוז אָנקומען אין רוימישן לאַגער און האָבן אַ שמועס מיטן קריגספֿירער אַספּסינוס. האָט ער געלאָזט פֿאַר־שפּרייטן אַ קלאַנג, אַז ער איז געשטאָרבן און זיינע תּלמידים האָט ער געהייסן, אַז זיי זאָלן אים אַרויסטראָגן פֿון דער באַלאַגערטער ירושלים. ווייל די קנאים, די וועלכע זיינען געווען פֿאַר אַ ווייטערדיקן קאַמף מיט די רוימער ביזן לעצטן אָטעם־צוג, האָבן קיין איין לעבעדיקן מענטש פֿון שטאָט ניט אַרויסגעלאָזט. אין אַ טונקעלן בין־השמשות האָט מען אים אין אַן אָרון צוגעטראָגן ביזן טויער פֿון דער שטאָט. ווען די וועכ־

טער האָבן געפּרעגט, ווען זיי טראָגן דאָ, האָבן די תּלמידים פון ר׳ יוחנן בן זכּאַי געענטפערט: „אַ מת״.

„ווען דער גרויסער תּנא איז אָנגעקומען פאַר דעם קריגספירער אַספּסינוס — האָט זיך אין דער געשיכטע ווייטער דערציילט — האָט ער אים באַגריסט אַלס דעם קייסער פון רוים. און ווען אַספּסינוס האָט דאָס דערהערט, האָט ער אויפגעציטערט און געזאָגט: „ווען נירון־קייסער, דער הערשער מיינער, וואָלט דאָס געהערט, וואָלט ער אונדז ביידן גע־טויט. ווי וואַגסטו מיך אַזוי אָנצורופן!״ האָט אים ר׳ יוחנן מיט אַ טרויעריקן שמייכל געענטפערט און פאַרזיכערט, אַז ער איז יאָ דער רוימישער קייסער, ווייל אַ פּראָסטן מענטש וואָלט דאָך גאָט נישט איבער־געענטפערט זיין הייליקע שטאָט ירושלים און ניט געלאָזט חרוב מאַכן זיין הייליק הויז. אין דער זעלבער רגע איז אָנגעקומען אַ ספּעציעלער שליח פון רוים און אויסגערופן: „זאָל לעבן דער קייסער אַספּסינוס!״ און דערביי איבערגעגעבן, אַז נירון־קייסער איז געשטאָרבן און דער רוימי־שער סענאַט האָט אים באַשטימט פאַר זיין נאָכפאָלגער.

„איז דער רוימישער קריגספירער געווירדט געוואָרן פון ר׳ יוחנן בן זכּאַיס רייד און ער איז באַרייט געווען צו טאָן אַלץ, וואָס דער תּנא וואָלט פון אים איצטער פאַרלאַנגט. און ר׳ יוחנן האָט פאַרלאַנגט, לויט אַספּסינוסעס באַגריף, זייער ווינציק: בלויז די דערלויבעניש אויפצו־שטעלן אַ ישיבה אין יבנה...״

אָט אַזוי האָט מען מיט אַ סודותפולן טאָן זיך איבערגעגעבן אין די געהיימע חדרים, און אַלע האָבן פאַרשטאַנען דעם גרויסן מיין פון דעם תּנא ר׳ יוחנן בן זכּאַי, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין דער קלוגער פראַזע: „אונדזערע גופים קענען זיי באַזיגן, אָבער נישט אונדזער גייסט״.

— דער גייסט פון יבנה וועט אונדזער פאָלק נישט לאָזן אונטערגיין, ווייל פריער וועט די רוימישע מלוכה אָפּגעווישט ווערן פון דער ערד... — האָט דער דערציילער מיט אַ מיסטעריעזן נביאישן טאָן פאַר־ענדיקט.

שטיל איז זיך יעדער פונאַנדערגעגאַנגען, אַ געטרייסטער און אַ געשטאַרקטער מיט דער גרויסער האָפענונג אויף בעסערע ציטן.

אָט אין יענע יאָרן נאָכן חורבן, ווען אין יבנה האָבן די געלערנטע זין פון ישראל אונטערגענומען צו פאַרשפּרייטן דעם יידישן גייסט איבערן לאַנד, האָבן די יידישע אָרעמע פויערים, די רייכע יידישע וויינגערטנער־באַזיצער און גרויסע לאַנד־אייגנטימער, ווידער גענומען באַאַרבעטן די פאַרוויסטע ערד, געאַקערט און געזייעט, פאַרפלאַנצט נייע

ביימלעך אויפֿן אַרט פֿון די אויסגעריסענע. אַ ניי לעבן אונטערן יאָך פֿון די רוימער האָט זיך אָנגעהויבן אין ארץ־ישראל. די ווייטיקלעכע וואונדן האָבן ביסלעכווייז געפֿוּמען זיך פֿאַרהיילן, ווידער זיינען גערטנער זיך צעוואַקסן און די מאַנדל־סעדער האָבן פֿאַרשפּרייט דעם פּרעכטיקן אַראָמאַט פֿון זייער בליעכץ, שווערע הענגל ווייַנטרויבן זיינען אויף די ווייַנשטאָקן נאָכגעהאָנגען, סטאַדעס שאָף האָבן זיך אויף די פֿעלדער געפּיטערט. כאָטש די שנאה צום רוימישן זיגער האָט זיך אויף אַ האָר נישט פֿאַרקלענערט. מען האָט בלויז געוואַרט אויף אַ גינסטיקן מאָ־מענט, ווען דאָס פֿייער פֿון אויפֿשטאַנד קעגן אונטערדריקער זאָל זיך צעפֿלאַקערן אין אַ העלישן פֿלאַם.

⁂

אַ שטילער אָוונט איז צוגעפֿאַלן נאָך דעם הייסן בראַנד, וואָס האָט היינט אַ גאַנצן טאָג געגליט פֿון די הימלען. די שטאָט רמלה איז געלעגן איינגעהילט אין טונקעלע שאָטנס. מענטשן זיינען געווען פֿאַר־זונקען אין זייער טיפֿן שלאָף. בלויז צוויי שטאָטישע פּאַסטוכער, עזריה מיט עקיבאָן, זיינען געווען הינטער דער שטאָט מיט זייערע סטאַדעס. אין דער טונקלקייט פֿון דער נאַכט זיינען זיי ווי פֿאַרשוואונדן גע־וואָרן. מען האָט פֿון זיי גאָרנישט געהערט. פֿאַרחלומט זיינען זיי ביידע געלעגן אויסגעצויגן אויפֿן פֿעלד און איבערגעטראַכט וועגן דעם, וואָס זיי האָבן היינט אין דעם טונקעלן שטיבל אויף דער געהיימער פֿאַרזאַמלונג געהערט.

אַ בלוטיקע לבנה, ווי אַ גרויס פֿלאַמענדיק ראָד, האָט אויפֿגע־טויכט פֿון הינטער די בערג פֿון יהודה און מיט פּורפּור־שיין אָפּגעגאָסן די גאַנצע געגנט אַרום; אָבער שווימענדיק אַלץ העכער און העכער איבערן טונקעלן בלויען הימל, איז זי אַלץ ווייסער און זילבערדיקער געוואָרן און אַ העלע ליכטיקייט, מיט פֿאַנטאַסטישן גרין געמישט, האָט אַ פֿלייץ געטאָן איבער די פֿעלדער, בערג און ווייַנגערטנער. די ני־דעריקע ווייַנטרויבן־ביימלעך האָבן געבלישטשעט מיט זייער טוי קעגן דער לבנה מיט מיליאַרדן דראָבנע דימענטלעך. אויף דער וועלט איז אַזוי שטיל געווען, אַז די שטילקייט האָט אַזש אין די אויערן אָפּגע־שאַלט. פֿון צייט צו צייט בלויז האָט אַ היילנדיק געוואָי פֿון שאַקאַלן, פּונקט ווי דאָס געוויין פֿון קליינע קינדער, יעמערלעך אין דער לופֿטן זיך פֿונאַנדערגעטראָגן.

אין דעם אויפֿשיין פֿון דער גרויסער ליכטיקער לבנה האָט זיך איצט איבערן ברייטן פֿעלד הינטער דער שטאָט רמלה עפּעס ווי אַ גרוי־סער טונקעלער פֿלעק באַוועגט. ערשט ווען אַ געמעקעריי איז זיך פֿון

דאָרט פֿונאַנדערגעגאַנגען, האָט מען שוין געקאָנט בפֿירוש אונטערשיידן אַ סטאַדע שאָף, וואָס האָט זיך געפּאַשעט אויפֿן פֿעלד.

ס'איז געווען די צווייטע העלפֿט פֿון חודש תּמוז. דער הימל האָט בייטאָג געשאָטן מיט פֿייערדיקע פֿונקען און די ערד האָט געבריט אונטער די באָרוועסע פֿיס. האָבן דעריבער די פּאַסטוכער זייערע שאָף געפּיטערט אין די קילערע נעכט.

פֿונדערווייטנס האָט מען אין דער ליכטיקער לבֿנה־נאַכט געזען אויסגעצויגן צוויי לאַנגע שאָטנס, וואָס זיינען געפֿאַלן פֿון די צוויי פּאַס־טוכער אין שוואַרצן איינגעהילט. זיי האָבן געהאַט אויפֿגעוואַכט פֿון זייער פֿאַרטראַכטקייט און איצט זיינען זיי געשטאַנען אַביסל דערווייטערט איינער פֿון אַנדערן. פֿון צייט צו צייט האָט מען דאָ איינעמס, דאָ דעם צווייטנס שטימע געהערט אַפּהילכן אין דער בויערנדיקער שטילקייט ווי אַן עכאָ, וואָס האָט זיך אָוועקגעקייקלט ביז די הויכע בערג פֿון יהודה. דאָס האָבן די צוויי פּאַסטוכער, וועלכע האָבן געפּיטערט די שאָף, פֿון לאַנגווייליקייט זיך איבערגעוואָרפֿן מיט רייד.

אַ ווײַלע איז ווידער שטיל געוואָרן. אַ שעפּסל האָט טרויעריק אַ מעקע געטאָן און פֿון דער סטאַדע זיך אָפּגעטיילט. אַ קנאַל פֿון אַ בייטש האָט אָפּגעהילכט. ערגעץ־וואו אין דער געדיכטעניש האָט אַ שלאַנג אַ שיפּע געטאָן, אַ פֿאַרטריקנט אָפּגעבראָכן צווייגל אין אַ נאָענטן ווײַנ־גאָרטן האָט מיט אַ לייכטן קנאַק זיך איבערגעבראָכן. אַ לויפֿנדיקער שאַקאַל האָט אַוודאי שווער אויף דעם אַרויפֿגעטראָטן.

די פּאַסטוכער האָבן זיך דערנעענטערט איינער צום אַנדערן. אַ ווײַלע איז געווען שטיל. זיי האָבן זיך איינגעקוקט אין די ווײַטע בערג, וואָס זיינען מיט אַ גרינגלעך־זילבערדיקער שיין איינגעהילט געווען. ס'האָט וואו נישט וואו אַ שוואַך שטערנדל אויפֿן הימל אַ שימער געטאָן.

— עזריה! — האָט דער העכערער פּאַסטוך, אַ שלאַנקער יונגער־מאַן, מיט אַ געדיכטער שוואַרץ בערדל דאָס פּנים אַרומגעראַמט, אויסגע־רופֿן — עזריה, מיין חבֿר, מען זאָגט אַז יעדער מענטש האָט זיין שטערן אין הימל, וואָס אונטער זיין מזל איז ער געבוירן געוואָרן... דו האָסט דאָך אַמאָל געלערנט, ווייסטו דאָך געוויס: זאָג מיר, וועלכער שטערן איז מיינער?

— צו וואָס דאַרפֿסטו דאָס וויסן, עקיבֿא? — האָט אים עזריה שטיל געפֿרעגט.

— זאָג מיר, עזריה, איך בעט דיך. איך קאָן שוין צוליב אָט דעם דאָזיקן געדאַנק, וואָס עקבערט מיר כּסדר דעם מוח, פֿיל נעכט נישט שלאָפֿן: צי בין איך געבוירן געוואָרן אונטער אַ גוטן שטערן...

עזריה, אַ נידעריקער אָבער פֿעסט־געבויטער מאַן, עלטער פֿון עקיבאן, האָט זיך אַ ווייל פֿאַרטראַכט, איינגעהערט זיך צו דעם וואָיען פֿון די שאַקאַלן, וואָס האָט אין דער שטילקייט פֿון דער נאַכט אַזוי יעמערלעך אָפּגעהילכט. ער האָט אָפּגעהוסט און ענדלעך אויסגערופֿן:

מיר, יידן, טאָרן נישט פֿרעגן ביי די שטערן וועגן אונדזער גורל. בלויז זיי, די געצנדינער, פֿאַרמאָגן זייערע שטערנזעער, צו וועלכע קעניגן ווענדן זיך אין זייער נויט געוואָר צו ווערן די צוקונפֿט. דאָס איז עבודה־זרה, עקיבא; דאָס הייסט דינען צו די כּוכבים און מזלות.

— זאָג מיר, עזריה, מיין חבר — האָט עקיבא מיט אַ טרויעריקער שטימע אויסגערופֿן — פֿאַרוואָס זיינען מיר, יידן, אַזוי געשטראָפֿט? אַלץ טאָר מען נישט און מען טאָר נישט. פֿאַרוואָס מעגן די געצנדינער אַלצדינג און זיי ווערן גאָרנישט באַשטראָפֿט דערפֿאַר? פֿאַרוואָס, עזריה?

— דאַרפֿסט נישט אַזוי רעדן, עקיבא. פֿון וואַנען ווייסטו גאָטס וועגן? וואָס ווייסטו וועגן שכר ועונש? וואָס אַ מענטש זאָל נאָר נישט טאָן, מעג עס זיין אַ ייד אָדער להבדיל אַ גוי, ווייסט עס גאָט און עס וואַרט אויף אים זיין באַצאָלונג, גוטס אָדער חלילה שלעכטס.

— יאָ, עזריה, ביסט גערעכט. אַלץ וואָס גאָט טוט, טוט ער צום גוטן. אָבער דאָך פּייניקט מיך כּסדר דאָס דאָזיקע געפֿיל — האָט עקיבא אַ פֿאַרטראַכטער געענטפֿערט — פֿאַרוואָס באַשטראָפֿט נישט גאָט די רוימער?... זיי האָבן חרוב געמאַכט זיין הייליק הויז אין ירושלים און זיי האָבן פֿאַרוויסט דאָס לאַנד פֿון יהודה.

און עקיבא האָט זיך דערמאָנט אָן די רייד, וואָס ער האָט היינט פֿאַרנאַכט געהערט דערציילן אין דעם טונקעלן שטיבל.

— טאָ פֿאַרוואָס שוויגט ער, גאָט? פֿאַרוואָס שיקט ער נישט אַראָפּ קיין מבול אויף זיי, פֿאַרוואָס פֿאַרברענט ער נישט זייערע שטעט, ווי ער האָט פֿאַרברענט סדום ועמורה! פֿאַרוואָס, עזריה?!... — האָט ער נישט אויפֿגעהערט צו ביטערן.

און טרערן האָבן זיך אָנגעהויבן גיסן פֿון עקיבאס אויגן, עס האָט אים געדריקט ביים האַרץ, אַז ער האָט נישט געקאָנט מער רעדן. אויך עזריה האָט גאָרנישט געענטפֿערט. ער האָט זיך פֿאַרטראַכט וועגן די רייד פֿון עקיבאן און אים פֿאַרוואונדערט אָנגעקוקט: ווייל ווי אומוויסנדיק דער דאָזיקער בחור איז, פֿאַרמאָגט ער אָבער אַ וואַרעם יידיש האַרץ און אַן איידעלע נשמה. ווען ער האָט נאָר אָנגעהויבן רעדן וועגן דעם חורבן פֿון יידישן לאַנד, וואָס טיטוס, דער זון פֿון אַספּסינוס, דער קייסער פֿון רוים האָט פֿאַראורזאַכט; צי וועגן די פּיין, וואָס די יידישע

געפֿאַנגענע האָבן אויסצושטיין, האָט ער אויפֿגעציטערט און אין האַלדז האָבן אים אָנגעהויבן שטיקן די טרערן.

— פֿאַרוואָס, עקיבא, האָסטו דיך פֿריער געפֿרעגט אויף דיין שטערן?

— האָט עזריה נאָך אַ לענגערן שטילשווייגן אָנגעהויבן, אויסמיידנדיק צו געבן אַן ענטפֿער אויף עקיבאס צווייפֿלען — איך באַמערק, אַז שוין זינט עטלעכע טעג גייסטו אַרום פֿאַרטראַכט, צי היטסטו דיך מיט עפּעס פֿאַר מיר, פֿאַר עזריהן דיין חבר?

— ס'איז גאָרנישט — האָט עקיבא אָפּגעהאַקט — גאָרנישט, נאָר...

— נאָר וואָס, עקיבא?... — האָט עזריה נייגעריק געפֿאָרשט.

עקיבא האָט געשוויגן. ער האָט זיך געשלאָגן מיט דער דעה, צי זאָל ער זיין עלטערן חבר פֿאַרטרויען דאָס, וואָס ער לעבט איבער זינט עטלעכע טעג שוין, אָדער נישט. ער האָט זיך פּשוט געשעמט, דער דאָזיקער געזונטער, אָבער נאַאיווער בחור.

ער האָט געפֿלאַמט אינגאַנצן. ער האָט געפֿילט, ווי דאָס בלוט איז אים געקומען אין פּנים אַריין. אַ קיל ווינטל האָט אַ בלאָז געטאָן פֿון מזרח און אים אַ גלעט געגעבן איבער דער הייסער באַק. ער האָט דערפֿילט אַ דערלייכטערונג.

— וועסט נישט לאַכן פֿון מיר, עזריה?

— פֿאַרוואָס זאָל איך לאַכן? אויב דו גייסט אַרום פֿאַרטראַכט און אומעטיק זינט עטלעכע טעג, האָסטו דאָך מסתמא אַ סיבה אומעטיק צו זיין; און אַז מיין חבר איז אומעטיק, טאָ פֿון וואָס איז דאָ פֿאַראַן צו לאַכן?...

— כ'האָב... כ'האָב זי שוין עטלעכע טעג נישט געזען... כ'קאָן נישט פֿאַרגעסן דעם טיפֿן בליק פֿון אירע שוואַרצע אויגן... זי איז אַזוי שיין, ווי אַן אמתע טאָכטער פֿון ירושלים.

— וועגן וועמען רעדסטו, עקיבא? האָט עזריה נייגעריק געפֿרעגט — ווער איז זי דען און וואו האָסטו זי געזען?

— כ'האָב זי געזען דאָ אַ שלאַנקע אין פֿעלד דורכגיין, זי האָט געקוקט מיט איר זוניקן בליק, און כ'ווייס אַפֿילו נישט ווער זי איז. כ'האָב זי בלויז איין מאָל געזען און זי איז ווי אַ חלום פֿון מיינע אויגן פֿאַרשוואונדן... ווען איך טראַכט וועגן איר, דערמאָן איך מיך אָן דעם געזאַנג פֿון אונדזער קעניג שלמה, וואָס מיין טאַטע פֿלעגט אין די שבתים זינגען — האָט עקיבא גערעדט פֿאַרטרוימט און פֿאַרקוקט זיך אויף די בערג פֿון יהודה, וואָס האָבן זיך געבאָדן אין לבנה־שיין.

ווי לעבעדיק איז איצט זיין פֿאָטער יוסף פֿאַר זיינע אויגן גע־שטאַנען. ווען ער פֿלעגט איבערן גרויסן חדר שפּרייזן אַהין און צוריק אין

ווייסע קליידער אָנגעטאָן און מיט התלהבות געזונגען די פּרעכטיקע פּסוקים פון שיר־השירים. עקיבא איז פאַרטראָגן געוואָרן מיט זיינע געדאַנקען אין זייער היים, אין דעם אָרעמען הייזל, און זיינע ליפּן האָבן, פריער שטיל, דערנאָך העכער און העכער אָנגעהויבן זינגען די ווערטער, וואָס ער האָט זיך דערמאָנט: „דו ביסט שיין, געליבטע מיינע, ביסט שיין; דיינע אויגן זיינען טויבן פון דיין שלייער אַדורך. דיינע האָר, ווי אַ סטאַדע ציגן, וואָס לאָזן זיך אַראָפּ פון באַרג גלעד... דיין האַלדז איז ווי דער טורעם פון דוד, דיינע צוויי בריסטן, ווי צוויי הירשעלעך, צווילינגס פון אַ הירשין, וואָס פּיטערן זיך צווישן די ליליען"...

עזריה האָט זיך איינגעהערט צום ליד, וואָס דער קעניג שלמה האָט אַמאָל געזונגען צו זיין געליבטער שולמית, און ער האָט זיך דערמאָנט אָן דער אַמאָליקער גרויסקייט פון יידישן פאָלק, ווען פון צור און צידון האָט מען געבראַכט די שטיינער צום בית־המקדש און דאָס גאָלד פון דעם לאַנד אופיר. די גאַנצע וועלט האָט מורא געהאַט פאַרן מלך פון יהודה, און קעניגן מיט פירשטן זיינען זיך געקומען בוקן צו אים.

עקיבא איז אַזוי מיטגעריסן געוואָרן פון די ווערטער, וואָס ער האָט געדענקט פון זיין טאַטן יוסף, דעם זון פון אַ כנעני, אַז ער האָט גאָר קיין אַכט נישט געלייגט אויף עזריהס פאַרחלומטקייט, און ער האָט ווייטער אין דעם אומעטיק־צעצויגענעם ניגון זיך צעזונגען, און זיין קול האָט זיך מיטן וואָיען פון די שאַקאַלן אויסגעמישט, אינאיינעם מיט אַ ווידערקול אין די בערג פון יהודה אָפּגעשאָלט און צוריקגעקומען פון אַלע עקן וועלט:

„האָסט ס'האַרץ מיר געפאַנגען, שוועסטער מיין כלה, האָסט ס'האַרץ מיר געפאַנגען מיט איינעם פון דיינע בליקן. ווי שיין איז דיין ליבשאַפט, שוועסטער מיין כלה, ווי בעסער איז דיין ליבשאַפט פון וויין און דער ריח פון דיינע איילן פון אַלערליי בשמים".

— עקיבא!... — האָט אים עזריה איבערגעשלאָגן, גלעטנדיק מיט זיין האַנט אים די אַקסלען — הער אויף, וויל ברענגסט מיך צום וויינען. דו זינגסט מיט אַזאַ האַרציק געפיל, אַז ס'האָט זיך מיר געדאַכט צו פאַרנעמען אַ געטלעך קול פון ערגעץ קומען. הער אויף, עקיבא... דאָס האַרץ ציטערט מיר אינגאַנצן.

עקיבא האָט אַ שווערן זיפץ געטאָן. די אויגן זיינען אים ווי פאַר־נעפּלט געוואָרן און ער האָט גאַרנישט געזען אַרום זיך.

מיטאַמאָל האָט עזריה אויסגעשריגן מיט ווילדער פרייד:

— איך ווייס שוין! איך ווייס שוין!... איך ווייס, ווער עס איז דאָס מיידל פון דיין חלום!

עקיבא האָט זיך אויפֿגעכאַפּט, ווי פֿון אַ טיפֿן שלאָף.

— דו ווייסט?... — האָט ער אַ דערשטוינטער געפֿרעגט — דו ווייסט, ווער עס איז דאָס וואונדערלעכע געשטאַלט, וואָס האָט זיך מיר אויף אַ ווייל באַוויזן און איז פֿאַרשוואונדן געוואָרן? זאָג־זשע מיר, עזריה, זאָג מיר גיכער!...

און עזריה האָט אים געענטפֿערט:

— אַנומלט איז דאָ געווען הורקנוס, פֿון לעבן טבריה, ער האָט געזוכט אַן אויפֿזעער פֿאַר די גיטער פֿון דעם רייכן ייִד כּלבא שבוע. איך האָב געהערט, אַז ער איז דאָ געווען מיט זיין טאָכטער רחל. זינט דאָס ווייב פֿון כּלבא שבוע איז געשטאָרבן, העלפֿט די טאָכטער צו אין דערווירטשאַפֿט פֿון איר פֿאָטער. זי איז די שענסטע, זאָגט מען, פֿון גאַנצן לאַנד יהודה און דעם גאַנצן גליל. הורקנוס איז געפֿאָרן קיין לוד. מעגלעך, אַז ער וועט נאָך דאָ אַהער צוריקקומען. דער וועג קיין טבריה פֿירט דאָ אַרום און וועסט זי דעריבער נאָך זען...

— כ׳וועל זי זען, זאָגסטו? — האָט עקיבא אַ צעלויכטענער אַרויפֿ־געלייגט זיין האַנט אויף עזריהס אַקסל — אָדער ווילסט מיך בלויז טרייסטן?...

— איך גלויב, עקיבא, אַז דיר וועט נאָך זיין באַשערט זי צו זען. אָבער... צו וואָס האָסטו דיר אין קאָפּ אַריינגענומען דאָס דאָזיקע מיידל. דו ביסט אַ פּשוטער פּאַסטוך, אַ נישט־געלערנטער. זי איז די שענסטע טאָכטער פֿון ישראל און איר פֿאָטער איז אַמאָל געווען דער רייכסטער ייִד פֿון ירושלים און איצט דער שענסטער באַלעבאָס ביים ים כּנרת. פֿאַרגעס, מיין חבר, אָן איר, ווייל וועסט נאָך קראַנק ווערן פֿון ליבשאַפֿט. גיי נישט צו הויך, מיין חבר. יעדער דאַרף וויסן זיין אָרט און פּלאַץ...

עקיבא האָט טרויעריק אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און לאַנג, לאַנג זיך פֿאַרטראַכט. די לבנה איז שוין געהאַט וויט פֿאַרשוואונדן, עס האָט אָנגעהויבן בלויען אויף טאָג. אויף מזרח, פֿון יענער זייט ירדן, האָט דער הימל זיך אָנגעהויבן רויטלען. אַ נייער טאָג איז געבוירן געוואָרן.

אַ ווייסער גרדיכטער נעפּל האָט זיך אויף די פֿעלדער אָפּגעלייגט. די בלעטלעך פֿון די ווייַנטרויבן־ביימלעך זיינען נאָס געווען פֿון דעם פֿעטן טוי. די סטאַדע שעפּסן מיט אירע פּאַסטוכער זיינען אין אַ ווייסן רויך איינגעהילט געוואָרן און מ׳האָט זיי נישט אַרויסגעזען. עס איז בלויער און בלויער געוואָרן, ביז די זון האָט מיטאַמאָל אַ פֿלאַם־אויף געטאָן פֿון האָריזאָנט אָפּער און דעם נעפּל ביסלעכווייז פֿונאַנדערגעטריבן, פֿאַרצערנדיק אים און אויסטריקנדיק די פֿייכטקייט אויף די פֿעלדער און די ווייַנגערטנער. עס האָט זיך געשטעלט אַ נייער הייסער טאָג. מען האָט

שוין געזען די סטאַדע שאָף צוזאַמענגעטוליעט אונטער דער וואַכנדיקער בייטש פֿון עזריהן.

עקיבא איז נאָך אַלץ געזעסן פֿאַרטראַכט, דעם קאָפּ טיף צו דער ערד געבויגן. ער האָט די גאַנצע צייט געשוויגן, קיין וואָרט צו זיין פֿריינט נישט אַרויסגערעדט, גלייך ער וואָלט זיך געשעמט מיט זיין געוואַגטן טרוימען.

עזריה האָט אים שוין עטלעכע מאָל ביים אָרעם אָנגערירט:

— עקיבא, די זון שטייט שוין הויך אין הימל, באַלד וועט אַ פֿלאַ־קערנדיקע היץ זיך אַראָפּלאָזן איבער אונדזערע קעפּ. מען דאַרף די סטאַדעס שאָף אין זייערע שטאַלן איינטרייבן.

דער יונגער פּאַסטוך האָט פּאַמעלעך דעם קאָפּ אויפֿגעהויבן. זיינע שוואַרצע גרויסע אויגן, איינגעפֿאַסט אין דעם אַליוו־ברוינלעכן געזונטן פּנים, אַרומגעראַמט מיט דעם געדיכטן שוואַרצן קיילעכדיקן בערדל, האָבן געשפּריצט מיט פֿונקען פֿייער. ער האָט טרויעריק אַ שמייכל געטאָן. די רויטע ליפּן האָבן זיך צעעפֿנט און צוויי שורות ווייסע געזונטע ציין האָבן אויפֿגעבליצט. ער האָט זיך אין זיין גאַנצער גרויס אויפֿגעשטעלט און אַ פֿריינטלעכן בליק געוואָרפֿן אויף זיין חבר און אַרויסגערעדט ווייך:

— יאָ, עזריה, ביסט גערעכט. מען דאַרף איינטרייבן די שאָף. עס שטעלט זיך אַ הייסער טאָג.

עזריה האָט אים מיט אַ פֿאָטערלעכן בליק אָפּגעמאָסטן און פֿאַר זיך אַליין שטיל אַרויסגערעדט:

— אַ מלכותדיק אויסזען האָט ער, עקיבא, גאָרנישט ווי אַ פּאַסטוך פֿון שעפּסן...

און באַלד האָבן די שאָף, אונטער דעם געקנאַל פֿוןביידע פּאַס־טוכערס בייטשן, אָנגעהויבן שטעלן גיכע, דראָבנע טריט איבערן פֿעלד און איבערגעלאָזן אַ געדיכטן ווייס־ראָזן שטויב הינטער זיך.

ס'איז געווען די צייט פֿון דאַוונען שחרית. די פּויערים אויף די פֿעלדער, די אַרבעטער אין די וויינגערטנער און מאַנדל־סעדער האָבן געזאָגט קריאת־שמע און מיט דעם וואַסער פֿון ליימענע קרוגן האָבן זיי זיך די הענט געוואַשן און געזעצט זיך צו זייער פֿרימאָרגן־מאָלצייט.

עקיבא מיט עזריהן האָבן זיך דערנעענטערט צו רמלה. דאָרט האָבן געוואוינט זייערע באַלעבאַטים. הינטער דער שטאָט האָבן זיך די צוויי פּאַסטוכער־חברים געזעגנט און די שאָף, ווי זיי וואָלטן יעדער דערקענט די קאַריטע פֿון זייער באַלעבאָס, האָבן זיך פֿונאַנדערגעטיילט און גע־גאַנגען איטלעכע זייער וועג צו די באַזונדערע שטאַלן.

— זאָרג נישט, מיין חבר! — האָט עזריה פֿון דערוויטנס נאָך צוגעשריגן צו עקיבאן — גאָט וועט דיך נישט פֿאַרלאָזן. ביסט געזונט, שיין, האָסט אַ גוט האַרץ און מענטשן האָבן דיך ליב. כ׳האָף, אַז וועסט דיך אויסהיילן פֿון דיין ליבשאַפֿט־קראַנקייט.

עקיבא האָט בלויז אַ מאַך געגעבן מיט דער האַנט צו אים, און מיט די ווייסע ציין אַ בלענד געטאָן פֿון אונטער דער אויבערשטער באַוואַקסענער ליפּ אין אַ האַרציקן שמייכל. ער האָט זיך געלאָזט גיין צו זיך אין קאַמער אָפּרוען און באַשיצן זיך פֿון דער זון.

ער האָט פֿון זיך אַראָפּגעוואָרפֿן די שוואַרצע, צעריסענע קליידער, דאָס געל־רויטע טוך, מיט וועלכן זיין קאָפּ איז געווען איינגעהילט. ער האָט אָנגעגאָסן אין דער ליימענער גרויסער שיסל קאַלט וואַסער און זיך אַרומגעוואַשן דאָס פּנים, דאָס לייב און די פֿיס. ער האָט זיך דערפֿילט אָן אַן ערך פֿרישער, ער האָט אונטערגעכאַפּט דאָס האַרץ מיט ברויט, פֿאַרטרונקען מיט טרויבן־זאַפּט און זיך אָװעקגעלייגט אַ מידער אויף זיין געלעגער פֿון שטרוי אויסגעבעט, און באַלד איינגעשלאָפֿן מיט אַ האַרטן שלאָף.

פֿאַרשידענע זעאונגען און קאָשמאַרן האָבן זיין שלאָף געשטערט. יעדעס מאָל האָט ער זיך אַן אָפּגעגאָסענער מיט שווייס אויפֿגעכאַפּט און פֿאַרוואונדערט זיך אומגעקוקט אויף אַלע זייטן. ער האָט געהערט די שעפּסן מעקען פֿון דער נאָענטער שטאַל. אין קאַמער, וואו עקיבא איז געשלאָפֿן, איז געווען טונקל. בלויז דורך די שפּאַרונעס האָבן זיך מיט גוואַלד אַריינגעריסן פּאַסן ליכט פֿון זוניקן טאָג.

ער האָט זיך אויפֿגעכאַפּט, ווידער איינגעשלאָפֿן. ער האָט זיך מיט אַמאָל דערזען צווישן אַ סך יונגעלייט אין אַ טונקעלן שטיבל, און איינער, אַ ריזיקער מאַן, האָט געריסן און געזען, אַז מען דאַרף זיך באַפֿרייען פֿון אונטער דער רוימישער מאַכט. מען טאָר נישט דערלאָזן צעטרעטן דעם שטאָלץ פֿון ישראל... און אָט האָט ער זיך אַליין געזען אין דער ראָל פֿון דעם דאָזיקן מאַן, ער רופֿט עס צום אויפֿשטאַנד קעגן רוים. ער גייט פֿאָראויס מיט אַ שווערד אין דער האַנט און צענער־טויזנטער גבורי ישראל גייען אים נאָך. ער וויל שרייען, צוגעבן מוט זיינע קעמפֿער. אָבער דאָס קול בלייבט אים שטעקן אין האַלדז און קאָן גאָרנישט אַרויס־ברענגען. ער כאַפּט זיך ווידער אויף אַן אָפּגעגאָסענער מיט שווייס...

אָט זעט ער זיך גאָר אַלס אויפֿזעער אין הויז פֿון כּלבא שבוע. ער דרייט זיך אַרום אין די וויינגערטנער, גיט באַפֿעלן צו די אַרבעטער; אָט גייט ער אַרויס אין פֿעלד, וואו די שעפּסן פּיטערן זיך אונטער דער אויפֿזיכט פֿון עטלעכע פּאַסטוכער. עס איז פֿאַרנאַכט, די זון איז שוין

נידעריק ביי דער סאַמער ערד. דער ים כנרת איז אַזוי בלוי, ווי דער הימל און באַרויטלט פון דעם זון־פאַרגאַנג.

זיינע אויגן זוכן עפּעס, ער געדענקט אַליין נישט וואָס. אָבער אַט דערמאָנט ער זיך: ער איז דאָך ביי כלבא שבוע. טאָ וואו איז דאָס מיידל, זיין טאָכטער, וואָס ער האָט אַמאָל געזען אין רמלה. זי דאַרף דאָך ערגעץ דאָ זיין. אָבער אין ערגעץ באַגעגנט ער זי נישט. ער ווערט טרויעריק און עס נאָגט אים ביים האַרץ...

אָבער אַט דערהערט ער זיין נאָמען רופן: „עקיבא! עקיבא!״...

— ווען קאָן דאָס מיך רופן, און פון וואַנען קומט דאָס קול? — האָט ער זיך געוואונדערט, אַז ער זעט דאָ קיינעם נישט.

אָבער מיטאַמאָל גיט אַ שימער פאַר זיינע אויגן אַ שטראַל, ווי מען וואָלט אים אָפּגעגאָסן מיט אַ שטראָם פון ליכטיקייט.

— דאָס איז זי, דאָס איז זי... — דערפרייט ער זיך און ער וויל אויסשטרעקן זיינע הענט. אָבער ער איז ווי צוגעשמידט צום געלעגער. און גלייך זי וואָלט זיך געריצט מיט אים, ווייל אַט קומט זי נעענטער צו און אַט גאָר דערווייטערט זי זיך. ער זעט בפירוש אירע פעך־שוואַרצע האָר פון הינטן, זי אַנטלויפט פון אים און ווי רויך ווערט זי פלוצלינג פאַרשוואונדן... אויף איר פּלאַץ שטייט גאָר עזריה און מיט אַ פיבערהאַפטן שמייכל אויף זיינע ליפּן, רעדט ער צו אים שטיל:

— עקיבא, עקיבא... וואָס שלאָפסטו עפּעס היינט אַזוי לאַנג, די זון האָט זיך שוין אָוועקגענויגט אויף מערב־זייט. מיר דאַרפן באַלד ווידער אַרויסגיין אין פעלד מיט אונדזערע סטאַדעס שאָף. עקיבא, עקיבא, שטיי אויף! אַ פרעמדער מענטש וואַרט אויף דיר דאָ און וויל מיט דיר רעדן. ס'איז הורקנוס, דער שכן פון כלבא שבוע. ער איז צוריקגעקומען פון לוד. ער דאַרף דיך נויטיק זען...

ביי די רייד איז עקיבא אויפגעשפּרונגען פון זיין געלעגער. אַ פאַר־שלאָפענער רייבט ער זיך אויס די אויגן. צי איז עס אַ חלום? אָבער ניין, עזריה שטייט טאַקע לעבן אים ביי זיין געלעגער און אין דער טיר שטייט עפּעס אַ פרעמדער מענטש מיט אַ גרויסער, געדיכטער באָרד; אויפן פּנים האָט מען געקאָנט דערקענען, אַז ער איז אַ פּויער. ער האָט פאַרמאָגט אַזעלכע שטריכן, וואָס מען מען זעט עס צום מערסטן ביי די גלילער. אָבער אין זיין בליק איז געווען אַ פאָטערלעכע מילדקייט.

עקיבא איז אַ ווייל געבליבן זיצן אויף זיין האַרטן שטרוי־געלעגער. ער איז געווען צעמישט און אויף אַן אויגנבליק נישט געוואוסט וואָס מיט זיך צו טאָן. ער האָט נישט פאַרשטאַנען וואָס דאָ איז פּלוצלינג געשען.

דער פּרעמדער איז אַריבערגעטראָטן די שוועל און זיך דערנעענטערט צו עקיבאן מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט.

— שלום עליכם! — האָט עקיבא נאָך אַ פאַרשלאָפענער אויסגערופן.

— עליכם שלום! — האָט הורקנוס מיט אַ גראָבער שטים געענטפערט און אים אַריינגעשטעקט אַ גרויסע, אויסגעאַרבעטע האַנט — דיין נאָמען, האָט מען מיר געזאָגט, איז עקיבא, נישט וואָר? מען האָט מיר וועגן דיר פּיל גוטס דערציילט און איך בין דיך געקומען נעמען אַלס אויפזעער פון די גיטער ביי מיין שכן כלבא שבוע. עס וועט דיר ביי אים גוט זיין. זיינע גיטער ציען זיך לענגאויס דעם ירדן ביזן ים כנרת. עס וואַקסן דאָרטן די בעסטע גיס, וואָס דאַרפן האָבן קעלט און די האָניקזיסע טייטלען, וואָס דאַרפן האָבן וואַרעמקייט. כלבא שבוע איז אַזוי רייך, אַז ווען די הייליקע שטאָט ירושלים איז געווען באַלאַגערט דורך די רוימער, איז ער געווען איינער פון די דריי גרעסטע עשירים אין שטאָט, וואָס האָבן זיך אונטערגענומען צו באַשפּייזן די גאַנצע ירושלימער באַפעלקערונג אין משך פון פּיל יאָרן. אַזוי פּיל תבואה האָבן זיי אין זייערע שפּייכלערס געהאַט.

„דאָס ווייב פון כלבא שבוע איז געשטאָרבן. ער איז געבליבן בלויז מיט זיין איינציקער שיינער טאָכטער רחל אין דער דאָזיקער ריזיקער ווירטשאַפט. ווילן זיי האָבן אַ געטרייען מענטש, אויף וועמען זיי זאָלן זיך קאָנען פאַרלאָזן אין אַלצדינג; אַכטונג געבן אויף די פּאַסטוכער, שערן צו דער צייט די וואָל פון די שאָף, די גערטנער זאָלן צו דער צייט באַאַרבעט ווערן — האָט הורקנוס כסדר געפּלייצט מיט אַ ים פון רייד — אויך זיין טאָכטער איז מיט מיר דאָ געווען, אָבער ווען איך בין אָוועקגעריטן אויף מיין אייזל קיין לוד, איז זי צוריק אַהיימגעגאַנגען צו איר פאָטער, וועמען זי האָט זייער ליב".

עקיבא האָט אַ צאַפּל געטאָן ביים דערמאָנען דעם נאָמען פון דעם דאָזיקן וואונדערבאַרן מיידל. די אויגן זיינע זיינען פאַרלאָפן מיט אַ נעפּל.

— טאָ וואָס פאַר אַן ענטפער, עקיבא, זאָל איך ברענגען צו מיין שכן, כלבא שבוע? אויב ביסט מסכים אָנצונעמען די דאָזיקע שטעלע, וועל איך דיר מיטגעבן צו אים אַ סימן. און אפשר גאָר ווילסטו שוין מיט מיר מיטפאָרן אַהין? — האָט הורקנוס נישט אָפּגעלאָזט.

— ניין, מיין פריינט — האָט עקיבא געענטפערט — איך אַרבעט ביי מיין באַלעבאָס שוין זיבן יאָר און ער איז מיט מיר צופרידן, איך מיט אים אויך; קאָן איך דאָך אים נישט איבערלאָזן סתם אין דער וועלט אַריין. ער מוז זיך קאָנען פריער אַ צווייטן פּאַסטוך אויף מיין אָרט דינגען.

— דו געפּעלסט מיר, עקיבא. ביסט אַן ערלעכער מאַן און וועסט זיכער דערמיט שטאַרק אויסנעמען ביי דעם רייכן כּלבא שבוע. ער־לעכקייט באַצאָלט זיך.

— איך טו עס נישט פאַר באַצאָלט, מיין פריינט — האָט עקיבא דערווידערט — איך טו עס, ווייל איך פיל אַזוי צו טון.

ווען הורקנוס האָט זיך מיט אים אָפּגעזעגנט און פאַרלאָזט די קאַמער, האָט עקיבא זיך אַנידערגעוואָרפן אויף זיין געלעגער און פאַר גרויס פרייד אָנגעהויבן ווי אַ ווילדער יונג צו שפּרינגען. אָבער באַלד איז ער ווידער טרויעריק געוואָרן.

עזריה איז נישט אָפּגעטראָטן פון זיין גוטן חבר. ער האָט אים מיט־געפילט אין זיין ווייטיק און אויך אין זיין פרייד... אין האַרץ האָט ער געציטערט פאַר עקיבאס גורל און האָט באַדויערט, וואָס ער וועט זיך אפשר דאַרפן שיידן מיט אים.

דער אָוונט איז צוגעפאַלן. די שטראַלן פון דער אונטערגייענדיקער זון האָבן זיך געשפּילט אויף די ווענט פון דער קאַמער, אָנגעצונדן דאָס שטרוי פון עקיבאס געלעגער און פאַרגאָסן מיט זייער רויטקייט עקיבאס פּנים.

— מע... מע... — האָט זיך דערטראָגן פון די דערבייאיקע שטאַלן דאָס מעקען פון די שאָף.

— עקיבא, מיר דאַרפן שוין גיין צו אונדזער אַרבעט. אַ רחמנות אויף די שעפּסן נעבעך — האָט עזריה אים קוים אָנגערירט ביי דעם אָרעם.

— יאָ, עזריה, מיר גייען, מיר גייען — האָט ער שטיל געענטפערט און ס׳האָט אים אַרומגענומען אי אַ פרייד און אי אַן אומעט.

עס זיינען אַדורך די עטלעכע טעג. עקיבא פלעגט יעדע נאַכט אַרויסגיין מיט זיין סטאַדע שאָף צוזאַמען מיט עזריהן, און פאַרטאָג פלעגן זיי צוריק־קומען אַהיים. עקיבא האָט געדולדיק געוואַרט, ווען זיין אַלטער באַלעבאָס וועט אים באַפרייען פון זיין דינסט און ער וועט קאָנען אַהינגיין צום כּנרת, אין דער געגנט פון טבריה, וואו כּלבא שבוע האָט זיין גרויסעווירטשאַפט געהאַט. ער האָט די אַלע טעג, וואָס איז אים נאָך געבליבן צו זיין אין רמלה, כּמעט קיין וואָרט נישט אַרויסגערעדט צו זיין פריינט. ער איז געווען פאַר־זונקען אין זיך. די שענסטע חלומות האָט ער וואַכעדיקערהייט אויסגע־חלומט, און זיין פּנים האָט געלויכטן פון קינדערישער פרייד, כאָטש ער איז שוין נישט געווען אַזוי יונג.

עקיבא דאַרף באַלד ווערן פערציק יאָר, אָבער צוליב זיין געזונטקייט און גלייכן וואוקס ווי אַ פּאַלמע, האָט ער אויסגעזען נישט מער ווי דריי־סיק. ער פלעגט אויפן פעלד שפּרינגען און וואַלגערן זיך צוזאַמען מיט

זיינע שעפסן ווי אַ יונג בחורל. ווייל פון קינדווייז־אָן איז ער צווישן די שאָף און רינדער אויסגעוואַקסן און זיי זיינען געווען זיינע פריינט. זינט ער געדענקט זיך איז ער שטענדיק אין פעלד אַרומגערינגלט פון זיינע שעפסן.

ער דערמאָנט זיך אָן זיין היים און אָן אומעט נעמט אים אַרום. דער פאָטער זיינער לעבט שוין ניט און אויך זיין מוטער האָט ער זייער יונג פאַרלוירן. ער איז אַ קיילעכדיקער יתום געוואָרן, ווען ער איז אַלט געווען 12 יאָר. אין דער היים פלעגט אים מאַטערן דער געדאַנק פאַרוואָס ער שטאַמט ניט אָפּ פון דור־דורות יידן. זיין זיידע איז נאָך געווען אַ כנעני, געדינט צו די געצן, אויסגעהאַקטע פון שטיינער און אויסגעשניצטע פון האָלץ, אָבער ער האָט זיך שפּעטער מגייר געווען. זיין זיידע איז אָנגעקומען קיין ארץ־ישראל צוזאַמען מיט הילני המלכּה. ער איז געווען איר ראָט־געבער. דער זיידע זייער האָט אָפּגעשטאַמט פון גרויסן אַדל. זיין יחוס האָט ער געצויגן פון דעם כּנעניש גענעראַל סיסרא, וועלכער איז געווען דער קריגס־אָנפירער ביים מלך יבין פון כּנען. ווען סיסרא האָט מלחמה געהאַלטן קעגן די יידן, האָט אים דער יידישער קריגספירער ברק בן אבינועם באַזיגט, און סיסרא אַליין איז געפאַלן פון דער האַנט פון דער פרוי יעל, וואָס האָט אים פאַרבאַרט צו זיך אין צימער, אים איינגעשלעפערט און דערנאָך דערהרגעט.

זיין זיידע, יהושע האָט ער געהייסן, ווען ער איז אָנגעקומען קיין ירושלים און צוגעזען די גרויסקייט פון יהודה, די הייליקע עבודה אין בית־המקדש, איז אים געפעלן געוואָרן דאָס גלויבן פון פאָלק ישראל אין איין גאָט; אַ גאָט, וועלכן מען זעט ניט, נאָר מען דאַרף אים בלויז האָבן אין האַרצן און מורא האָבן פאַר אים. ער האָט מיטאַמאָל פאַרשטאַנען דעם אומזין פון דינען צו געצן, וואָס מענטשלעכע הענט אַרבעטן אויס. ער האָט אַוועקגעוואָרפן זיין געצנדינסט און זיך מגייר געווען. זיין זון יוסף, עקיבאס פאָטער, איז שוין געבוירן געוואָרן אַ ייד.

עקיבא פלעגט אָבער טרויעריק ווערן, ווען זיינע חברים אויף דער גאַס פלעגן אים אויפוואַרפן, אַז ער שטאַמט אָפּ פון געצנדינער. ער האָט זיך דערפאַר אָפּגעשיידט פון זיי און איז געגאַנגען זיין אייגענעם וועג.

ער פלעגט זיך שטענדיק אַליין פאַרענטפערן, ווען זיין געוויסן האָט אים געפלאָגט, מיטן פאָלגנדיקן ענטפער: אברהם אבינוס טאַטע, תרח, איז דאָך אויך געווען אַ געצנדינער, אָבער ווען אברהם האָט איינגעזען דעם אומזין פון די שטיינערנע געטער ביי זיין פאָטער אין הויז און זיי צעשטויסן אויף שטויב, האָט ער דערנאָך זוכה געווען, אַז דאָס גאַנצע יידישע פאָלק זאָל פון אים אַרויסקומען.

עקיבא האָט זיך געפֿילט געטרייסט פֿון דער דאָזיקער געשיכטע, וואָס זיין פֿאָטער יוסף פֿלעגט מיט אים ווידעראַמאָל און ווידעראַמאָל לערנען, ווען ער איז נאָך זייער יונג געווען.

— אַז דו וועסט לערנען, מיין זון, גאָטס תּורה, וועסטו אויך אויסוואַקסן אַ גרויסער מאַן ביי יידן און דיין נאָמען וועט ליגן אויף אַלעמענס ליפּן — האָט אים זיין פֿאָטער געזאָגט.

אָבער עקיבאן איז נישט באַשערט געווען יונגערהייט צו לערנען. אַ יתום, אָן טאַטע־מאַמע, האָט ער ניט געהאַט ווער עס זאָל אויף אים אַכטונג געבן און ווער עס זאָל מיט אים לערנען. איז עקיבא דעריבער אויסגעוואַקסן אַן אומוויסנדיק ייִנגל. ער האָט אַפֿילו דעם אלף־בית ניט געקאָנט לייענען.

ווען די עלטערן זיינע זיינען געשטאָרבן, און קיינער האָט זיך מיט עקיבאס דערציאונג נישט פֿאַרנומען, איז ער אָנגעקומען אויף אַ שטעלע אַלס פּאַסטוך צו אַ פּויער אין אַ דאָרף לעבן ירושלים, און אַזוי איז ער שוין ביי פּאַסטוכעריי פֿאַרבליבן ביז אין די עלטערע יאָרן. ער האָט ליב געהאַט זיינע שעפּסן, דאָס פֿעלד, דעם הימל און די הויכע בערג.

עקיבא האָט קיינמאָל נישט באַדויערט פֿאַרוואָס ער האָט ניט געלערנט. עס איז אים אַזוי גוט געווען אין זיין אומוויסנקייט. נישט איינמאָל פֿלעגט אים זיין עלטערער חבר, עזריה, שטראָפֿן דערפֿאַר און מוסר זאָגן, פֿאַרוואָס ער לערנט זיך נישט אויס כאָטש דעם אלף־בית.

— ווי קאָן אַ מענטש אין דיינע יאָרן זיין אַזוי גראָב און נישט קאָנען אַפֿילו אַ פּסוק פֿון דער תּורה איבערלייענען? ווען דו וואָלסט געקאָנט לייענען אין דער תּורה, וואָלסטו אַ סך זאַכן געוואָר געוואָרן. לערנען מאַכט קלוג, שלייפֿט דעם מוח, האָסט געניג שכל און וואָלסט מיט דער צייט געקאָנט אויסוואַקסן אַ תּלמיד־חכם.

אָט אַזוי פֿלעגט עזריה אָפּט צו אים טענהן און זיך אָנבאָטן צו לערנען מיט אים.

און נישט איינמאָל, ווען עזריה פֿלעגט אים דערציילן פֿאַרשידענע אגדות, נאָכזאָגן די קלוגע רייד פֿון די תּלמידי חכמים, האָט עקיבא מיט אַ ווידערווילן זיך אָפּגעשאָקלט דערפֿון, און מיט אַ הויב פֿון זיינע אַקסלען האָט ער אַלע טענות פֿון עזריהן צונישט געמאַכט.

— איך האָב זיי פֿיינט, דיינע תּלמידי חכמים, איך קאָן פֿון זיי נישט הערן. ווען איך קאָן כאַפּן אַזאַ איינעם, וואָלט איך אים ווי אַן אייזל צעריסן.

— פֿאַרוואָס, עקיבא? פֿאַרוואָס האָסטו זיי אַזוי פֿיינט? אין זייער זכות לעבן מיר דאָך. ווען נישט די תּורה, וואָס זיי לערנען, וואָלטן מיר דאָך אינגאַנצן אונטערגעגאַנגען.

— איך האָב זיי פֿײַנט — האָט עקיבא מיט כּעס גערעדט — ווײַל זיי זײַנען שולדיק אין דער פֿאַרוויסטונג פֿון אונדזער טײַער לאַנד. זיי האָבן געזוכט מיט אַלע כּוחות צו פֿאַרשטענדיקן זיך מיט אונדזער בלוטיקסטן שונא. זיי האָבן געשטרעבט נאָר שלום צו מאַכן מיט רוים. זיי האָבן די פֿרײַהייט און די אומאָפּהענגיקייט פֿון אונדזער לאַנד פֿאַרקויפֿט פֿאַר אַ ישיבה אין יבנה... פֿאַרוואָס האָבן זיי מיט זייער חכמה און געלערנטקייט ניט געקאָנט אָפּראַטעווען דאָס בית־המקדש?

— וואָס רעדסטו, עקיבא? די חכמים האָבן, חלילה, געהאָלפֿן חרוב מאַכן דאָס בית־המקדש? ניין, איך טאַדל דיך נישט פֿאַר דײַנע רייד, ווײַל בלויז דײַן אומוויסנקייט רעדט פֿון דיר אַרויס, נישט מער.

— עזריה, דו האָסט דאָך מיר אַגומלט אַליין דערציילט, און אויך אויף די געהיימע צונויפֿקונפֿטן אין די טונקעלע שטיבלעך רעדט מען דערפֿון, ווי ר׳ יוחנן בן זכּאַי האָט זיך געלאָזט אַרויסטראָגן ווי אַ מת אין אַן ארון פֿון דער באַלאַגערטער ירושלים און געהייסן זיך פֿירן אין לאַגער פֿון די שונאים. ער האָט אַספּסינוסן, דעם רוימישן קריגספֿירער, אָנגערופֿן „קייסער״, כאָטש ער איז גאָר דעמאָלט קיין קייסער נישט געווען.

— אָבער, עקיבא, ווען דו וואָלסט געקאָנט לערנען, וואָלסטו אַזוי נישט גערעדט. פּונקט ווי מ׳זאָל רעדן צו אַ בלינדן וועגן קאָלירן, אַזוי איז צו רעדן צו אַ נישט־געלערנטן וועגן דעם, וואָס ר׳ יוחנן בן זכּאַי האָט פֿאַר דעם יידישן פֿאָלק אויפֿגעטאָן מיט יבנה, וואָס ער האָט ביי אספּסינוסן בעת יענעם באַזוך אויסגעפּועלט.

— ניין, ניין, עזריה, וועסט מיך נישט איבערצייגן. איך האָב זיי פֿײַנט. מיר האָבן געדאַרפֿט מלחמה האַלטן ביזן סוף און מיר וואָלטן אונדזערע שונאים מנצח געווען. ווען נישט די תּלמידי חכמים, וואָלטן מיר דעם פֿײַנט געווען צעשמעטערט. ווײַל ער איז שוין געווען זייער אָפּגעשוואַכט.

עקיבאס אויגן האָבן געגליט אין דער פֿינצטערניש פֿון דער נאַכט. אַ שטילשווײַגן איז אַרײַנגעטראָטן צווישן זיי. עקיבא איז געלעגן פֿאַרטראַכט און נישט געוואָלט מער זיך אַמפּערן מיט עזריהן, זײַן חבר. דאָס איז געווען די לעצטע נאַכט, וואָס זיי זײַנען צוזאַמען. מיט טאָג צוגלייך פֿאַרלאָזט ער רמלה און גייט־אַוועק קיין טבריה איינציקעם מיט אַ גרעסערער חברותא, דאָרט וואו זײַן נײַער באַלעבאָס כּלבא שבוע האָט זײַנע גיטער.

פֿלוצלינג האָט אַ העליש פֿייער זיך פֿונאַנדערגעפֿלאַקערט פֿון הינטער די בערג פֿון יהודה. דאָס איז געווען די לבנה. עס זײַנען שוין געווען די לעצטע טעג פֿון חודש תּמוז. באַלד וועט זײַן נײַן טעג אין אב. מיט צען יאָר צוריק, האָט טיטוס, דער זון פֿון רוימישן קייסער אַספּסינוס, פֿאַרברענט

דאָס בית־המקדש. עקיבא האָט אין דעם פֿייער־פֿלאַם, וואָס איז אויפֿ־געגאַנגען פֿון הינטער די בערג, געזען די שריפֿה פֿון גאָטס הויז, די פֿלאַקערן פֿון דער שטאָט ירושלים, און די אויגן האָבן ביי אים אָנגע־הויבן צו טרערן.

עקיבאס און עזריהס פּנימער זיינען אָפּגעגאָסן געוואָרן מיט דער בלוטיקער רויטקייט, וואָס האָט אויך דאָס גאַנצע אין פֿינצטערניש פֿאַר־זונקענע פֿעלד אַרומגענומען און די סטאַדע שעפּסן האָבן אין דער דאָזי־קער רויטקייט אויסגעזען ווי געשפּענסטער.

— איכה ישבה בדד... — האָבן עקיבאס און עזריהס ליפּן אָנגעהויבן צו שעפּטשען, און טרערן זיינען טייכנווייז גערונען איבער זייערע באַקן.

ווען זיי האָבן זיך פֿון דער טרויעריקער פֿאַרטראַכטקייט אויפֿגעכאַפּט, איז שוין אַ האַלבע זילבערנע לבנה געשוואומען הויך אין הימל, וואָס האָט שוין אָנגעהויבן העלער צו ווערן. די שטערן האָבן זיך געלאָשן איינער נאָכן אַנדערן. בלויז דער מאָרגנשטערן האָט געפֿינקלט און געציטערט אַנטקעגן דעם אָנקומענדיקן טאָג פֿון דער מזרחדיקער זייט, וואָס האָט זיך געמיניעט אין כּלערליי ברוינע, בלויע און העלע פֿאַרבן.

דער מאָמענט פֿון שיידונג איז אָנגעקומען. זיי האָבן זיך האַרציק געזעגנט. לאַנג זיינען זיי געשטאַנען אַרומגענומען, און איינער דעם אַנ־דערן אַלדאָס בעסטע צוגעוואונטשן.

— וועסט דאָך ניט בלייבן אַליין, עזריה. מיין באַלעבאָס האָט שוין אַ נייעם פּאַסטוך פֿון גליל אַראָפּגעבראַכט. איך וועל צו דיר אויף יעדן יום־טוב קומען קיין רמלה — האָט עקיבא זיין חבר געטרייסט.

— זע, היט דיך אָפּ, עקיבא — האָט עזריה אים אויפֿן וועג זיינע עצות מיטגעגעבן — ווייס שטענדיק דיין פּלאַץ. שטייג נישט צו הויך, ווייל פֿון דער הויך אין דער טיפֿער נידער אַראָפּצופֿאַלן טוט שטאַרק וויי.

עקיבא האָט אים אויסגעהערט מיט שטילשווייגן. ער האָט פֿאַרשטאַנען וואוהין ער צילט מיט זיינע רייד און ער איז טרויעריק געוואָרן.

די שעפּסן האָבן דעם אָנקום פֿון נייעם טאָג אויפֿגענומען מיט אַ געמעקערײ, און זייער מעקען האָט טרויעריק אָפּגעקלונגען אין עקיבאס האַרץ. עס האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז דאָס טרויערן אַזוי זיינע שעפּסן צוליב דעם אַוועקגיין פֿון זייער פּאַסטוך. עקיבא איז געשטאַנען אַ ווייל און מיט אַ פֿאַטערלעכן בליק אַרומגענומען זיינע שעפֿעלעך, וואָס ער האָט זיבן יאָר געפּיטערט.

אויפֿן צווייטן טאָג איז עקיבא, צוזאַמען מיט דער חבֿרותא, מיט טאָג צוגלייך אָנגעקומען קיין טבריה. נאָך פֿון דערווייטנס האָט זיי אַנטקעגנ־געבליצט די בלויקייט פֿון ים כּנרת.

— אַט דאָס אַלץ געהערט צו דיין נייעם באַלעבאָס, כּלבא שבוע — האָט איינער פֿון דער חברותא מיט דער האַנט אָנגעוויזן עקיבאן אויף די פֿעלדער מיט תּבֿואה אין טאָל פֿון ירדן, אויף די פּיל ווייַנגערטנער און מאַנדל־סעדער.

עקיבא האָט גאָרנישט געענטפֿערט, נאָר מיט נייַגעריקייט באַטראַכט די נייַע וועלט, אין וועלכער ער פֿאַלט איצטער אַרייַן. עס איז אים אין האַרצן אי פֿריילעך און אי אומעטיק געוואָרן. עס האָט זיך אים אין דעם מאָמענט פֿאַרבענקט נאָך זייַנע פֿרייַנט און באַקאַנטע אין רמלה, און דער עיקר נאָך זייַן חבֿר עזריה.

— דיר איז גוט, עקיבא — האָט אַ צווייטער פֿון דער חברותא אויס־גערופֿן — דו וועסט זיך באַלד אויסרוען און מיר דאַרפֿן נאָך גיין צוויי טעג און צוויי נעכט ביז דמשק.

— דאָס איז נאָך גאָרנישט — האָט אַ דריטער זיך אַרייַנגעמישט.

— איך האָב געהערט נאָך אין ירושלים, אַז כּלבא שבוע מאַכט חתונה זייַן איינציקע טאָכטער, אַ פֿייַנעם חתן גיט ער איר, און עקיבא וועט אַפֿעסן אַ פֿעטע סעודה, אַזוי ווי דער רייַכער כּלבא שבוע קאָן נאָר צוגרייטן.

ביי די רייד האָט אויף עקיבאס פּנים ווי אַ וואָלקן זיך אַראָפּגעלאָזט. עס האָט אים אָנגעכאַפּט ווי מיט צוואַנגען אַ קראַמף אין דער ברוסט, אין האַלדז האָט אים אָנגעהויבן שטיקן. עס איז אים עפּעס אַזוי ענג געוואָרן אינעווייניק, אַז ער האָט קיין וואָרט ניט געקאָנט אַרויסרעדן. זייַן פּנים איז געוואָרן בלאַס און ער האָט זיך געטרייסלט אינגאַנצן.

— וואָס איז דיר, עקיבא? — האָט אים דער לעצטער אַ פֿרעג געטאָן.

— וואָס ביסטו אַזוי בלאַס געוואָרן?

— גאָרנישט, ס'איז מיר גאָרנישט... — האָט עקיבא מיט אַן אויס־געקרומטן שמייכל געענטפֿערט.

— ס'האָט אים אָנגעכאַפּט אַן אַפּעטיט צום געבראָטענעם שעפּסן־פֿלייש — האָט עמיצער פֿון דער חברותא געמאַכט אַ שפּאַס.

עקיבא איז בייז געוואָרן פֿאַר דעם דאָזיקן נאַרישן וויץ. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט פֿאַר דעם אַרייַנגאַנג אין דעם געדיכטן פּאַרק, געזעגנט זיך מיט זייַנע באַגלייטער און ער איז פֿאַרשוואונדן צווישן די הויכע פּאַלמען, וואָס האָבן זיך געצויגן לענגאויס דער אַלעע ביז כּלבא שבועס פּאַלאַץ.

דאָס האַרץ האָט ביי אים געקלאַפּט ווי מיט האַמערס. ער האָט זיך דערמאָנט אָן זייַן חבֿר עזריהס רייד פֿאַרן אַוועקגיין: „גיי נישט צו הויך, ווייל אַראָפּצופֿאַלן פֿון דער הויך ביז אין דער נידער טוט שטאַרק ווי...״

יאָ, עס האָט אים שוין איצט וויי געטאָן פֿון דעם גוואַלטיקן פֿאַל־אַראָפּ, וואָס ער האָט נאָר וואָס איבערגעלעבט... כּלבא שבועס טאָכטער

וועט באַלד חתונה האָבן, זי האָט שוין אַ חתן... ווי נאַריש, ווי נאַריש ער איז געווען.

פֿאַרטראַכטערהייט איז ער געגאַנגען אַלץ טיפֿער אין דער אַלעע און מיטאַמאָל האָט אים אַ בלענד געטאָן פֿאַר די אויגן: אַ פּרעכטיקער פּאַ־לאַץ פֿון ווייסן מאַרמאָר איז געשטאַנען ווי באַהאַלטן אין דעם שאָטן פֿון ציפּריסן, אַלעאַנדרען און אתרוגים־ביימער. הינטערן פּאַלאַץ, טיפֿער אין פּאַרק, האָט זיך געפֿונען אַ באַסיין מיט קריסטאַל־ריין וואַסער, וואו דער באַלעבאָס און זיין טאָכטער פֿלעגן זיך באָדן אין די הייסע טעג. פֿאַרן פּאַלאַץ האָבן פֿאָנטאַנען געשפּריצט קעגן דער גאָלדענער הייסער זון מיט רעגנבויגנדיקע וואַסער־פֿונקען. אַ גערמיש פֿון כלערליי ריחות האָט אַ שלאָג געטאָן עקיבאן אין פּנים אַריין, אַז ער איז געבליבן שטיין ווי פֿאַרשיכּורט. אין קאָפּ האָט זיך אים אַ מיש געטאָן. ער האָט נאָך אַזאַ פּראַכט און גלאַנץ אין ערגעץ נישט געזען.

ער האָט זיך אויף אַ ווייסער שטיינערנער באַנק אַראָפּגעלאָזט, כּדי אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם. אָבער מיטאַמאָל האָט ער דערהערט טריט צווישן די ביימער, צווייגן האָבן זיך טיף אין פּאַרק באַוועגט מיט אַ בלעטער־גערויש און פּלוצלינג האָט ער דערזען אַ ברייט־פּלייציקן און פֿעטן מאַן, אָנגעטאָן אין אַ רויט־זיידענער אַבאַיע, דעם קאָפּ מיט אַ טוך פֿון דעם זעלבן שטאָף אַרומגענומען. אַ קויל־שוואַרצע באָרד האָט זיך קיילעכדיק אָפּגעלייגט אויף זיין ברוסט און צווישן דער שוואַרצער באָרד און די וואָנסעס האָבן רויט אָפּגעגלאַנצט צוויי דיקע פֿליישיקע ליפּן. דאָס ברוינע, זון אָפּגעבאַקענע פּנים זיינס איז געווען ברייט און באַוואַקסן און צוויי שוואַרצע פֿייערדיקע אויגן האָבן אַרויסגעקוקט מיט צופֿרידנקייט.

— וואָס זוכסטו דאָ, פֿרעמדער? — האָט אַ באַלעבאַטישע שטימע, עט־וואָס פֿאַרענדיקט מיט אַ בנעימותדיק קוויטשל, זיך דערהערט.

עקיבא האָט אויפֿגעצאַפּלט און זיך פֿלינק אויפֿגעשטעלט פֿון דער שטיינערנער באַנק.

פֿון גרויס איבעראַשונג האָט ער דאָס מויל נישט געקאָנט עפֿענען. ער איז רויט געוואָרן, און באַלד האָט אַ בלאַסקייט זיין ברוין־אָליוו שיין פּנים באַדעקט. אָבער ענדלעך האָט ער אַרויסגעשטאַמלט:

— כ׳בין דאָ אַהערגעקומען... כ׳בין פֿון רמלה... הורקנוס... אַז דער רייכער כּלבא שבוע דאַרף אַן אויפֿזעער צו זיינע גיטער...

— אָ, הורקנוס... — האָט דער מאַן אין דער רויט־זיידענער אַבאַיע אַ ברום געטאָן — כ׳ווייס... ביסטו געקומען, הייסט עס, זיין ביי מיר אַן אויפֿזעער. יאָ... און ווי איז דיין נאָמען, יונגערמאַן?

— עקיבא.

— יאָ, עקיבא... כ'דערמאָן זיך — האָט כּלבא שבוע אַנגעבלאָזן זײַנע פֿלײשיקע ליפּן — הורקנוס, מײַן שכן, האָט מיר װעגן דיר דערציילט. ביסט אַן ערלעכער מאַן, האָט ער מיר געזאָגט. יאָ... אַ ייִד דאַרף זײַן ערלעך. זעסט אױס צו זײַן אַ פֿײַנער מאַן. ביסט הױך געװאַקסן, געזונט, שטאַרק. װעסט דיך אױסטױגן פֿאַר דער שטעלע. פֿונװאַנען קומסטו, עקיבא און װאָס איז דײַן אָפּשטאַמונג?

— איך קום פֿון דרום. מײַן טאַטע האָט געהײסן יוסף און מײַן זײדע יהושע. מײַן זײדעס שטאַמפּאָטע־אַפּ פֿון אַ כּנענישער משפּחה. ער האָט זיך אין ארץ ישראל מגייר געװען.

— געפֿעלסט מיר, עקיבא — האָט כּלבא שבוע אים אַ קלאַפּ געטאָן איבערן אַקסל און אַ ברײטער צופֿרידענער שמייכל האָט זיך אױסגעגאָסן אױף זײַן ברױן־באַװאַקסן פּנים — געפֿעלסט מיר, דו רעדסט פֿײַן. זאָג מיר, װיפֿיל װילסטו האָבן פֿאַר דײַן אַרבעט, עקיבא?

אין דעם זעלבן מאָמענט האָט זיך דערהערט אַ גערױש צװישן די בײמער און אַ קלינגענדיקע פֿרױען־שטימע האָט, דערנענטערנדיק זיך צו כּלבא שבוען, אױסגערופֿן:

— פֿאָטער! פֿאָטער!...

— װאָס װילסטו מיר זאָגן, מײַן טאָכטער? — האָט כּלבא שבוע זי צערטלעך אָנגעקוקט.

פֿאַר עקיבאס אױגן האָט בלױז אַ ליכטיקער שטראַל אױפֿגעהעלט. דאָס גאַנצע בלוט איז אים געקומען אין פּנים אַרײַן און דאָס האַרץ האָט אים אָנגעהױבן האַסטיקער צו קלאַפּן, דאָס בלוט שנעל צו ריזלען איבער אַלע גלידער.

דאָס מײדל האָט אים מיט נײַגעריקײט אָנגעקוקט און זי האָט אים דערקענט. דאָס איז דאָך דער זעלבער, װעמען זי האָט געזען אין רמלה. אַ זיסער שמייכל האָט זיך פֿונאַנדערגעגאָסן איבער איר סאַמעט־גלאַטן פֿאַררױטלטן פּנים, װאָס איז אײַנגעראַמט געװען אין אַ כװאַליענדיקן גע־קרײזל פֿון פּעך־שװאַרצע האָר. אירע טונקעלע אױגן, װי צװײ שװאַרצע טרױבן, האָבן אױפֿגעפֿלעמלט, אָבער באַלד האָבן זיך די אױגנדעקלעך צניעותדיק אַראָפּגעלאָזט און די לאַנגע װיעס האָבן צאַרט געציטערט.

— װי שײן ער איז... — האָט זי געטראַכט, נישט אױפֿהײבנדיק פֿון דער ערד אירע אױגן.

עקיבא האָט זײַן בליק פֿון איר נישט אַראָפּגענומען און דאָס האַרץ האָט זיך פֿון אױפֿרעגונג געכװאַליעט.

— װען איך קאָן מײַן באַלעבאָס ענטפֿערן, װי אונדזער פֿאָטער יעקב האָט געענטפֿערט צו לבנען: „זיבן יאָר װעל איך אַרבעטן פֿאַר דײַן טאָכ־

טער רחל...״ — איז עקיבאן אויף אַ סעקונדע דורכן געדאַנק דורכגעלאָפֿן.

רחל איז נאָך אַ ווײַלע געשטאַנען אַראָפּגעלאָזט די אויגן, דאַן האָט זי זיי פּאַמעלעך אויפֿגעהויבן צום פֿאָטער און דערנאָך אַנגעשטעלט אויף עקיבאן, וועלכער איז געשטאַנען אײַנגאַנצן אַ צעטומלטער.

— וואָס ווילסטו מיר זאָגן, טאָכטער? — האָט כּלבא שבוע איבער־געחזרט זײַן פֿראַגע.

רחל האָט אָפּגעווענדט איר בליק פֿון עקיבאן און האָט מיט אַ קלינ־גענדיקער שטימע איבערגעגעבן דעם פֿאָטער, אַז אַ גאַסט איז צו זיי געקומען פֿון ירושלים.

— ווער איז ער דאָס, מײַן קינד? — האָט כּלבא שבוע צאַרט אַ גלעט געטאָן רחלען איבערן סאַמעט־שוואַרצן קאָפּ האָר.

— ס'איז פּפּוס, דער זון פֿון יהודה. ער וואַרט אויף דיר אין דעם גאַסט־זאַל.

— פֿיר אים אַרײַן, מײַן טאָכטער, אין זײַן צוגעגרייטן צימער, זאָל ער זיך דאָרט מאַכן באַקוועם. הייס די דינער אים וואַשן די פֿיס און דו גרייט־צו אַ רײַך מאָלצײַט לכּבוד דײַן גאַסט... גיב אים איבער מײַנע האַרציקסטע גרוסן און זאָל ער געבענטשט זײַן אויף דער שוועל פֿון מײַן הויז. איך וועל אים באַלד קומען זען.

— גוט, פֿאָטער — האָט רחל אַ בליק געוואָרפֿן אויף דעם שלאַנקן מענערישן עקיבא, און זי האָט שוין געוואָלט אַוועקגיין.

— יאָ, פֿאַרגעס נישט אויף דער סעודה אויך צו פֿאַרבעטן מײַנע שכנים און דער עיקר מײַן פֿרײַנט הורקנוס.

— גוט, פֿאָטער — האָט רחל געענטפֿערט, און זי איז ווי אַ זון־שטראַל אונטער אַ וואָלקן גיך פֿאַרשוואונדן.

אַזוי האָט זיך עקיבאן אויסגעוויזן.

— דאָס איז אַ זון פֿון מײַן יוגנט־פֿרײַנט — האָט כּלבא שבוע צו עקיבאן מיט שטאָלץ באַמערקט, נאָכדעם ווי זײַן טאָכטער איז אַוועקגע־גאַנגען. ער וועט חתונה האָבן מיט מײַן אײנציקער טאָכטער. ער איז זייער אַ געלערנטער בחור, רעדט גוט די רוימישע שפּראַך, לייענט פֿיל אין זייערע ביכער און קען אויך גוט אין דער תּורה לערנען.

עקיבא האָט מיט שטילשווײַגן אויסגעהערט די רייד פֿון זײַן בעל־הבית. די אויגן האָבן בײַ אים געפֿלאַמט, און יעדעס וואָרט פֿון כּלבא שבוען האָט אים ווי מיט אַ מעסער אַ שניט געטאָן אין האַרץ.

אין דעם מאָמענט האָט ער זייער געבענקט נאָך זײַן חבר עזריה. ער וואָלט איצט אַזוי געדאַרפֿט האָבן זײַנס אַ טרייסט־וואָרט. ער איז גערעכט געווען, עזריה... ווי קום איך זיך צו פֿאַרגלײַכן מיט אַזאַ יונגג־

מאַן ווי פּפּוס... ער קאָן רעדן די רוימישע שפּראַך, ער קאָן לייענען אין דער תּורה... — האָבן זײַנע ליפּן קוים געפּליסטערט.

— וואָס זאָגסטו? — האָט כּלבֿא שבֿוע אים געפֿרעגט, באַמערקנדיק ווי עקיבֿא מורמלט עפּעס מיט די ליפּן — אַלזאָ, זאָג מיר דײַן פּרײַז, וויפֿיל ווילסטו פֿאַר דײַן אַרבעט ביי מיר? — האָט ער, נישט וואַרטנדיק אויף זײַן ענטפֿער, פֿאַרגעזעצט.

— וואָס קאָן איך דיר, מײַן האַר, איצט זאָגן?... וועסט מיר באַצאָלן לויט דעם ווערט פֿון מײַן אַרבעט — האָט עקיבֿא באַשיידן און מיט אַ ציטערנדיקער שטים פֿון רעזיגנאַציע געענטפֿערט.

— געפֿעלסט מיר, עקיבֿא — האָט כּלבֿא שבֿוע אויסגערופֿן — רעדסט זייער קלוג. זאָל זײַן אַזוי ווי דו זאָגסט. איך מאַך דיך דעריבער פֿאַר דעם אויפֿזעער איבער אַלע מײַנע פּאַסטוכער, סטאַדעס שאָף, רינדער, מויל־אייזלען און פֿערד, איבער אַלע מײַנע ווײַנגערטנער און פֿעלדער. דײַן פֿליכט וועט זײַן אַכטונג צו געבן, אַז די שאָף זאָלן אין דער צייט אַרויסגעטריבן ווערן אויף דער פּאַשע, זיי זאָלן האָבן גוטע פֿיטערונג, אַז די פּאַסטוכער זאָלן נישט אָפּנאַרן; די וואָל פֿון די שעפּסן זאָלן אין צייט געשוירן ווערן, דערנאָך זי אײַנזאַמלען אין מײַנע שפּייכלערס, וואו מען וועט זי דאַרפֿן וואַשן. וועסט דאַרפֿן צווישן די רינדער אָפּקלייבן די, וואָס דאַרפֿן אַרויסגעפֿירט ווערן אויפֿן מאַרק צום פֿאַרקויפֿן און די, וואָס זײַנען נייטיק פֿאַרן אייגענעם געברויך. קאָנסטו זײַן אויך אַ שוחט? האָסטו געלערנט די יידישע געזעצן?

— ניין, מײַן האַר — האָט עקיבֿא געענטפֿערט — כ׳האָב נישט געלערנט די יידישע געזעצן. כ׳ווייס בלויז אַביסל דערפֿון, וואָס כ׳האָב פֿון מײַן טאַטן געהערט, פֿון מײַנע חבֿרים, וועלכע האָבן מיר דערציילט וועגן דער געשיכטע פֿון אונדזער פֿאָלק. דאָס איז אַלץ וואָס איך קאָן...

— אַ שאָד, אַ שאָד... — האָט כּלבֿא שבֿוע זייטיק געוואָרפֿן אויף עקיבֿאן אַ ביטולדיקן בליק. ער האָט זיך געוואונדערט, וואָס אַ מאַן מיט אַזאַ אַריסטאָקראַטישן אויסזען איז אַזאַ עם־הארץ.

ער האָט אים אַ צי געטאָן ביי דער האַנט און אַוועקגעפֿירט צו די שטאַלן, וואו די פּאַסטוכער האָבן גערוט און ער האָט אים פֿאַר זיי פֿאַרגעשטעלט:

— אָט דער מאַן, עקיבֿא איז זײַן נאָמען, וועט פֿון הײַנט אָן זײַן אייער אויפֿזעער און צו אים דאַרפֿט איר געהאָרכזאַם זײַן. וואָס ער וועט אייך הייסן טאָן, זאָלט איר אויספֿאָלגן. ער איז צו מיר פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר אייך און פֿאַר מײַן גאַנץ פֿאַרמעגן.

די פּאַסטוכער האָבן אַלע מיט איין קול געענטפֿערט:

— גוט, מיין האַר!

און זיי האָבן מיט נייגעריקייט אָפּגעמאָסטן עקיבאַן פון אויבן ביז אַראָפּ און ס'איז קענטיק געווען, אַז ער איז זיי געפעלן געוואָרן.

— אַז וועסט אָפּהיטן ווי געהעריק דיינע פליכטן, עקיבא, וועל איך שוין וויסן ווי אַזוי דיך צו באַהאַנדלען. עס וועט דיר גוט זיין ביי מיר... האָסטו אַ ווייב, עקיבא? האָסטו קינדער? — האָט אים פּלוצלינג כלבא שבוע אַ פרעג געטאָן, צוריקגייענדיק אויפן וועג צו זיין פּאַלאַץ.

— ניין, מיין האַר, כ'בין נאָך אַ בחור — האָט עקיבא מיט אַ פלאַטער אין זיין שטימע געענטפערט.

— נישט גוט אַזוי, עקיבא. אַ בחור אין דיינע יאָרן דאַרף חתונה האָבן, ברענגען קינדער אויף דער וועלט. אונדזער פאָלק איז אָפּגעגאַנגען אין בלוט, עס מוז געשטאַרקט ווערן. אַז וועסט חתונה האָבן, וועל איך אַ ספּעציעל ביידל דיר לאָזן אויפבויען, און אַז דיין ווייב וועט אויך אַרבעטן, וועסטו מער פאַרדינען...

— יאָ, מיין האַר... — האָט עקיבא מיט אַ פאַרשטיקט קול צוגעשטימט צום באַלעבאָס רייד.

— און איצט, עקיבא, לאָז איך דיך אָפּ. גיי וואַש דיך אָרום, גיי אַריין אין קיך, וואָס איז באַשטימט פאַר אַלע מיינע דינער און עס אָפּ צו דער זעט, וויפיל נאָר דיין האַרץ גלוסט. ביי כלבא שבוען איז נאָך קיינער נישט אַרויסגעגאַנגען הונגעריק פון הויז. שלום צו דיר, עקיבא!

— שלום צו דיר, מיין האַר! — האָט עקיבא געענטפערט.

ער איז לאַנג געשטאַנען אויף זיין פּלאַץ אינם פּאַרק, וואו כלבא שבוע האָט זיך מיט אים צעשיידט און האָט נאָכגעקוקט זיין נייעם באַלעבאָס, ווי ער גייט אַוועק מיט זיין וואַקלדיקן טריט פון צופיל פעטקייט, ביז ער איז פאַרשוואונדן געוואָרן צווישן די פּאַלמען־ביימער איבער דער אַלעע, וואָס פירט צום פּאַלאַץ.

עקיבא האָט נישט געוואוסט, וואָס מיט זיך צו טאָן. אין קאָפּ האָט אים געדרוישט פון די אַלע היינטיקע איבערלעבונגען. אין אַ נייער וועלט איז ער אַריינגעפאַלן. ער האָט זיך געפילט מיד פון אַ גאַנצן טאָג און אַ גאַנצער נאַכט גיין פון רמלה ביז אַהער. ער וואָלט זיך גערן ערגעץ אַנידערגעלייגט אָפּרוען.

מיטאַמאָל האָט אים ווי אַ בלענד געטאָן פאַר די אויגן. רחל האָט ווי אַ ווייסער שמעטערלינג דורכגעשוועבט צווישן די געדיכטענישן פון די ביימער. זי האָט אים אַפילו נישט באַמערקט. זי איז געווען פאַרנומען מיט צוגרייטן דאָס מאַלצייט פאַרן ירושלימער גאַסט, פאַר איר חתן...

דינער האָבן געטראָגן בענק און טישן, כּלים צום עסן. אַט האָט אײנער געטראָגן אַ גרויסע בראָט־פּאַן מיט געבאַקענעם שעפּסן־פלײש, וואָס האָט מיט זײנע שטאַרקע געווירצן אין די נאָזלעכער אים אַ שפּאַר געטאָן, אַז אַ סלינע איז אים געקומען אין מויל אַרײן.

ער האָט געהערט די שטימע פֿון זײן באַלעבאָס, ווי ער גיט באַפֿעלן צו זײנע דינער. ער האָט אויך צווישן דעם גערויש און געטומל, וואָס האָט זיך פֿון ווײטן געטראָגן, פּלוצלינג אויך דערהערט רחלס שטימע. ער האָט אויפֿגעצאַפּלט. ער האָט מיט די אויגן געזוכט צווישן די ביימער, געוואָלט נאָך אַמאָל איר פּרעכטיק געשטאַלט זען. אָבער זי האָט זיך מער נישט באַוויזן און אַן אומעט האָט אים אײנגעאַנצן אַרומגענומען.

קאַפּיטל 2

דאָס מאָלצייט

די געסט פֿון כלבא שבועס פּאַלאַץ האָבן זיך שוין אָנגעהויבן ביסלעכוויז צונויפֿקומען. אַלע זיינען געווען פֿייערלעך אָנגעטאָן אין רויטע, גרינע און ווייסע כאַלאַטן, מיט גאָלדענע און זילבערנע פֿעדים דורכגעוועבט. די קעפּ זיינען געווען אַרומגעהילט מיט ווייס און וויאָלעט געפֿלאָכטענע טיכער; זייערע בערד זיינען געווען קויל־שוואַרצע, ביי אַ טייל עטוואָס ברוינלעכע און ביי אַנדערע זיינען שוין די בערד געווען מיט זילבערנע האָר דורכגעמישט. די אויגן האָבן געלויכטן, מען האָט זיך איינער דעם אַנדערן שלום אָפּגעגעבן, אויסגעפֿרעגט זיך וועגן ווייב און קינדער, וועגן די סטאַדעס שאָף און פֿי, צי די פֿרוכט איז הייאָר געראָטן, צי די תבואה פֿון פֿעלד אַראָפּגענומען...

די געסט האָבן זיך שוין אָנגעהויבן אויסזעצן אויף די פּרעכטיק געמאָלטע דיוואַנען און פֿאַר יעדן איינעם זיינען אויף אַ באַזונדער קליין ווייס־איבערגעדעקט טישעלע סערווירט געווען קרוגן מיט אַלטן ווייַן, גאָלדענע בעכערס און שפּייז אויף זילבערנע כלים.

אין דעם גרויסן זאַל איז געווען אַ געדעמפּטע ליכט פֿון די אָנגעצונדענע אייל־לעמפּלעך. די ווענט זיינען געווען באַהאָנגען מיט לולבים און אתרוגים, ערשט נאָר־וואָס אָפּגעשניטענע הענגל ווייַנטרויבן, רויטע, שוואַרצע און בורשטין. פֿאַנטאַסטישע פֿייגל פֿון פּאַפּירוסן אויסגעשניטן האָבן מיט זייערע אויסגעשפּרייטע פֿליגל די ווענט באַפּוצט.

די טאָג־ליכט האָט קוים דורך די שפּאַרונעס פֿון די שווער פֿאַרהאָנגענע פֿענצטער זיך אַריינגעשפּאַרט און דאָ אויף דעם, דאָ אויף אַן אַנדערן אַ גאָלדענעם פּאַס ליכט געוואָרפֿן.

אַלע האָבן געוואַרט אויף כלבא שבוען און דעם גאַסט, פּפּוס בן יהודה, פֿון וועמען זיי האָבן דערוואַרט היינט לכבוד דעם מאָלצייט קלוגע רייד צו הערן. ער קומט דאָך פֿון ירושלים.

פֿון צייט צו צייט האָט אַ שוועב פֿאַרביי געטאָן דאָס געטאָקטע געשטאַלט פֿון רחלען אין שוימיקן ווייסן אָנגעטאָן. זי האָט די לעצטע צו־

גרייטונגען געמאַכט, די לעצטע באַפֿעלן געגעבן צו די דינער, וועלכע האָבן יעדעס מאָל נייע כּלים, נייע שפּייזן אויף די טישלעך אָנגעשטעלט. זיי האָבן אָנגעפֿילט די גאָלדענע בעכערס מיט רויטן ווייַן.

מיטאַמאָל האָט זיך דער פּורפּורנער שווערער פֿאָרהאַנג מיט גאָלדענע פֿראַנזן באַפּוצט, פֿונאַנדערגעשפּרייט און כּלבא שבוע, אין אַ גרין־זיידענעם כאַלאַט מיט פֿיל גאָלד און זילבער דורכגעהאַפֿטן, האָט זיך באַוויזן אין דער באַגלייטונג פֿון דעם יונגן פּפּוס. ער איז געווען אַ שמאָלער, נישט זייער קיין הויכער יונגערמאַן, געקליידט אין רוימישן סטיל מיט אַ זיידענעם טוניק און אַ לאָרבערקראַנץ אויפֿן קאָפּ. לעבן כּלבא שבועס קויל־שוואַרצער קײַלעכדיקער באָרד האָט פּפּוס מיט זיין גלאַטן, לענגלעך־בלאַסן פּנים אָן אַ באָרד אויסגעזען ווי אַ ייִנגל. די אויגן זיינע האָבן געהאַט אַ גריב־לעכן גלאַנץ און מיט אַ לייכטן, קוים באַמערקבאַרן איראָנישן שמייכל, האָט ער ביים איבערטרעטן די שוועל אַלע געסט אין זאַל באַגריסט.

די סעודה האָט זיך אָנגעהויבן. די דינער האָבן אַרומגעטראָגן זיל־בערנע בעקנס מיט וואַסער צו וואַשן די הענט. אַ שטילקייט, ווי בשעת אַ הייליקער עבודה, איז אַריינגעטראָטן, מען האָט געהערט בלויז דאָס זופּן פֿון ווייַן און דאָס קייען פֿון די שפּייז, און די ריחות פֿון דעם שמעקעדיקן גע־ווירצטן פֿלייש האָבן אַזוי אָנגענעם געקיצלט די נאָזלעכער. אויף ספּעציעלע שיסלען האָבן געגרינט די טייערסטע סאַלאַטן מיט איילבירטן בוימאייל באַשפּריצט.

די פֿרויען פֿון די פֿאַרבעטענע געסט, צוזאַמען מיט רחלען, די באַ־לעבאָסטע פֿון הויז, זייַנען געזעסן אין אַ דערבייאיקן צימער, אָבער פֿון צייט צו צייט האָט עמיצנס אַ ווייב אויף דער שוועל פֿון הינטער דעם שווערן פּורפּורנעם פֿאָרהאַנג זיך באַוויזן און איר מאַן צוגערופֿן, עפּעס אַ סוד איינגערוימט און מיט אַ שמייכל זיך צוריקגעצויגן.

די פּנימער פֿון די געסט זייַנען נאָך די ערשטע בעכערס ווייַן פֿאַר־רויטלט געוואָרן, די אויגן האָבן בגילופֿינדיק געפֿינקלט און די צונגען האָבן זיך אויפֿגעבונדן.

— אָך, אָך . . . — האָט כּלבא שבוע פֿלוצלינג אין מיטן די רוישיקע געשפּרעכן די אויגן פֿרום אויפֿגעהויבן און מיט אַ זיפֿץ אויסגערופֿן — מיר זייַנען באמת זינדיקע מענטשן. אונדזער לאַנד איז חרוב און אונטערדריקט פֿון אַ פֿרעמדן געצנדינערישן שונא, גאָטס הויז איז שוין מער נישטאָ און מיר ווייזן לחלוטין נישט אַרויס קיין סימן פֿון טרויער. אָט זיצן מיר דאָ, מיר עסן, טרינקען און לאַכן, בעת פֿאַר אונדזערע אויגן שטייען נאָך לע־בעדיק די פֿלאַמען פֿון בית־המקדש, אין די אויערן קלינגען נאָך אָפּ די

געוויינען פון אונדזערע נאָענטע, וואָס זיינען דערמאָרדעט אָדער פאַר־שלעפּט געוואָרן אין קייטן און פאַר קנעכט פאַרקויפט געוואָרן...

— גאָט זאָל אונדז מוחל זיין!... — האָבן זיך שטימען צווישן פאַרזאַמלטן עולם געהערט — גאָט זאָל זיך אויף אונדז דערבאַרעמען!...

— ווען, גאָט, וועט שוין ענדלעך נעמען אַ סוף צו אונדזערע צרות און ליידן? — האָט כלבא שבוע ווייטער גערעדט — ווען, ווען?... פאַרוואָס שטראָפט ער אונדז אַזוי האַרב, פאַר וועלכע זינד? מיר האָבן אונדזערע ביכּורים אין בית־המקדש געבראַכט, תּרומה און מעשר געגעבן צו די כּהנים, קרבּנות אויפן מזבּח מקריב געווען, די תּורה, וואָס מען האָט אונדז געגעבן אויפן באַרג סיני, געלערנט; אַלע אירע מצוות אָפּגעהיטן — פאַרוואָס איז אונדז געקומען אַזאַ האַרבע שטראָף?

— מיר זיינען זיך אַליין שולדיק — האָט פּפּוס זיך אַריינגעמישט מיט זיין יונג־קלינגענדיקער און עטוואָס חוצפּהדיקער שטימע — מיר אַליין טראָגן אפשר די שולד פאַר דעם, וואָס עס איז אונדז געשען.

— ריכטיק! — האָט הורקנוס, וועלכער איז געזעסן נאָענט פון כּלבא שבוען, צוגעשטימט — גאָט האָט אונדז געשטראָפט פאַר אונדזערע זינד. מיר האָבן אָנגעהויבן גיין אין די וועגן פון די גוים. די כּהנים גדולים האָבן אין זינען געהאַט זייערע אייגענע קעשענעס. זייערע זין האָבן אָנ־געהויבן נאָכטאָן די רוימער...

— ניין, נישט דאָס האָב איך געמיינט — האָט פּפּוס אים איבערגע־שלאָגן אין די רייד — ווען איך זאָג: מיר אַליין זיינען שולדיק אין אונדזער אומגליק, מיין איך דערמיט צו באַהויפּטן, אַז מיר טוען שלעכט, וואָס מיר ווילן זיין אַנדערש פון אַלע און בעסער פון אַלע פעלקער אויף דער ערד. גאַנץ מעגלעך, אַז די צעשטערונג פון בית־המקדש איז גאָר אַ גליק פאַר אונדז, אויב — פאַרשטייט זיך — מיר זאָלן אויפגעבן אונדזער באַזונדערקייט און אויפהערן זיך אונטערצושיידן פון די אַנדערע. די יידישע מלוכה עקזיסטירט נישט מער. מיר האָבן נישט מער קיין קעניג און נישט קיין כּהן־גדול. דאַרפן מיר דעריבער זען זיך אויסצומישן מיטן רוימישן פאָלק.

— מיינסטו, הייסט עס — האָט כּלבא שבוע מיט אַן איינגעהאַלטענעם כּעס געפרעגט — אַז מיר דאַרפן חלילה ווערן געצנדינער?!

— לחלוטין נישט — האָט פּפּוס אַ פאַרוויטלטער זיך צוריקגע־כאַפּט — איך מיין דאָס גאָרנישט אַזוי צו זאָגן — איך האָס די רוימישע געצנדינסט פּונקט ווי איר אַלע, און איך וואָלט בעסער געשטאָרבן, איידער צו וואָרפן אַ שטיין נאָך מערקורין, ווי זייער נאַרישע גאָטעסדינסט פאָדערט. אָבער עס זיינען דאָ טויזנטער אַנדערע וועגן ווי אַזוי אַראָפּצוּוואַרפן פון

זיך די אַנדערשקייט, וואָס שיידט אונדז אונטער פֿון די איבעריקע פֿעל־קער. מיר דאַרפֿן זיך פֿעסט האַלטן אָן אונדזער אמונה פֿון איין גאָט, מיטן איבעריקן אָבער דאַרפֿן מיר ווערן ווי די רוימער...

אַ פֿײַנלעך שטילשווייגן איז אַרײַנגעטראָטן צווישן די פֿאַרזאַמלטע. די געסט האָבן זיך צעטומלטע איבערגעקוקט. קיינער האָט נישט געגוי פֿאַר־שטאַנען וואָס דער יונגערמאַן פּפּוס וויל דאָ האָבן, כּלבא שבוע האָט זיך נערוועז אויפֿגעהויבן פֿון זײַן פּלאַץ און עפּעס אונטער דער נאָז געמורמלט.

פֿון הינטער דעם שווערן פּורפּורנעם פֿאַרהאַנג, וואָס האָט אָפּגעטיילט די פֿרויען פֿון די מענער, האָט זיך באַוויזן דער שוואַרץ־צעכוואַליעטער קאָפּ האָר פֿון רחלען. דאָס פּנים אירס האָט געפֿלאַמט. די אויגן האָבן זיך אָנגעצונדן ווי צוויי פֿלאַקערן. זי האָט זיך געהאַט צוגעהערט צום גאַנצן שמועס און צו די געדאַנקען, וואָס פּפּוס האָט אַרויסגעזאָגט. באַלד נאָך איר איז נאָך אַ פֿרוי פֿון הינטער דעם פֿאַרהאַנג אַרויסגעקומען, אַ צווייטע, אַ דריטע. עס איז זיי אינטערעסאַנט געווען צו הערן די משונהדיקע מיינונג פֿון דעם ירושלימער גאַסט, וואָס זעט אויס גיכער צו זײַן אַ רוימער איידער אַ ייִד.

רחל האָט געמאַכט אַ טריט פֿאַראויס, ווי זי וואָלט זיך געגרייט עפּעס צו זאָגן.

אַלעמענס בליקן האָבן זיך געווענדט אין רחלס זײַט אַרײַן. אַלע זײַנען נײַגעריק געווען, וואָס כּלבא שבועס טאָכטער האָט צו זאָגן אין דעם דאָזיקן געשפּרעך. אויך פּפּוס האָט אָנגעשטעלט זײַן נײַגעריקן בליק אויף איר און מיט ליבלעכע בליקן זי באַטראַכט.

— זי איז פּרעכטיק — האָט ער געקלערט בײַ זיך — זי זעט אויס ווי אַן אמתע רוימישע טאָכטער, כאָטש נעם און פֿיר זי אַרײַן אין דער העכסטער געזעלשאַפֿט פֿון די רוימישע פּאַטריציער, כ׳וועל מיך מיט איר אין ירושלים צווישן מײַנע רוימישע פֿרײַנט זיך נישט האָבן וואָס צו שע־מען... — האָט ער גליקלעך אַ שמייכל געטאָן — זי איז אַ געבוירענע מאַטראָנע.

אָבער באַלד איז זײַן טראַכטן איבערגעריסן געוואָרן. ער האָט דער־הערט איר זאַנפֿטע אָבער אַנטשלאָסענע שטימע:

— איר וועט מיר דערלויבן, מײַן פּאַטערס גאַסט — האָט זי אונ־טערגעשטראָכן די צוויי ווערטער „מײַן פּאָטערס" — אַרײַנצומישן זיך אין אײַער שטרײַטנדיקן שמועס. איך האָב געמיינט, אַז ווער פֿון די עלטערע שכנים אונדזערע וועט אײַך ענטפֿערן, אָבער ווען איך זע, אַז אַלע שווײַגן, נעם איך מיר די דרייסטקייט אויסצודריקן מײַן מיינונג.

— אדרבה, רעד. מיר זיינען זייער נייגעריק צו וויסן, וואָס אַ יידישע טאָכטער האָט צו זאָגן — האָט פּפּוס מיט וואַרעמקייט און ליבע אין זיין שטימע צו איר אויסגערופֿן.

— מיר זיינען טאַקע נייגעריק צו הערן דיין מיינונג — האָט כּלבא שבוע אָן איבערראַשטער, וואָס זיין שטענדיק שטילע און באַשיידענע טאָכטער מישט זיך אַריין אין דעם געשפּרעך פֿון די פֿאַרזאַמלטע מענער.

— מיינסטו דאָס טאַקע ווירקלעך, פּפּוס, אַז יידן זאָלן אויפֿגעבן זייער אייגנאַרטיקייט און באַזונדערקייט און זיך צונויפֿמישן מיט די אַרעריקע פֿעלקער? איז בלויז דאָס גלויבן אין איין גאָט שוין גענוג, כּדי צו זיין אַ ייד? ניין. די צוקונפֿט פֿון פֿאָלק ישראל איז נאָך נישט אָפּגעווישט געוואָרן מיט דער צעשטערונג פֿון בית־המקדש און נישט מיט דעם פֿאַרלירן די אומאָפּהענגיקייט. מיר זיינען און מיר וועלן בלייבן אַ פֿאָלק, און כאָטש רוים האָט אונדז פֿון אַלעמען באַרויבט, האָט ער אָבער ביי אונדז נישט צוגענומען די תּורה. אַרום דער תּורה וועלן מיר זיך צונויפֿזאַמלען און זי וועט אונדז דורכפֿירן דורך די פֿינצטערע טעג פֿון גלות. איז דען דאָס בית־המקדש שוין איין מאָל נישט חרוב געוואָרן? טאָ ווער האָט אונדז דעמאָלט געראַטעוועט? אפשר די פֿאַלשע נביאים, די אָפּטריניקע כּהנים? — ניין! געראַטעוועט האָבן אונדז זרובבל, עזרא און נחמיה, די יידישע פּאַטריאָטן!... לאָמיר האָפֿן, אַז עס וועט קומען אַ נייער זרובבל, עזרא און נחמיה און זיי וועלן צום דריטן מאָל אונדזער לאַנד אויפֿבויען, צוריק אויפֿריכטן גאָטס הייליק הויז. אונדזער גלויבן אין איין גאָט שטייט פֿיל העכער ווי דאָס וואַרפֿן שטיינער נאָך דעם געץ מערקורי, צי אין אַנדערע שטיינערנע און הילצערנע אָפּגעטער...

— אַ... — האָבן די פֿאַרזאַמלטע געסט צוגעשטימט צו אירע רייד.

— דו הייסט אונדז — האָט רחל זיך נישט געלאָזט איבעררייסן — דו הייסט אונדז, יידן, זיך אויסמישן מיט די רוימער? פּונקט פֿאַרקערט, די רוימער דאַרפֿן צו אונדז זיך קומען לערנען. ווייסן זיי דען פֿון דעם דערהאָבענעם „ואהבת לרעך כמוך" — זאָלסט ליב האָבן דיין נאָענטן ווי זיך אַליין? ניין, כ'וואָלט מיר קיינמאָל נישט געגלויבט, אַז אַ ייד זאָל אַזעלכעס רעדן, נאָכדעם ווי די רוימער האָבן אונדז אַזויפֿיל שלעכטס געטאָן, אַזויפֿיל אוממענטשלעכקייט אַרויסגעוויזן. מיר זאָלן זיך גאָר מיט זיי אויסמישן, מיט די דאָזיקע געצנדינער? אומדערהערט, פּפּוס!!...

רחלס אויגן האָבן געבליצט מיט פֿייערן, איר פּנים האָט געפֿלאַמט און ווי איין שטיק זון איז זי אויפֿגעגאַנגען אין אירע רייד. די הערצער פֿון די פֿאַרזאַמלטע געסט האָבן האַסטיקער געקלאַפּט. דאָס מיידל האָט זיי גע־

בראַכט טרייסט און דערלייזונג. די פּנימער האָבן ביי אַלעמען אויפגעלויכטן און מיט אַנטציקונג געקוקט אויף דער דרייסטער יידישער טאָכטער.

כּלבא שבוע האָט מיט פאָטערלעכן שטאָלץ געקוקט אויף זיין טאָכ־טער. ער האָט צערטלעך צו איר געשמייכלט. רחל האָט אָבער גאָרנישט געזען, וואָס עס טוט זיך אַרום איר. איר צאָרנדיקער בליק איז געווען איינגעשטאָכן אין דעם רויטלעכן פּנים פון דעם חוצפּהדיקן בחור און גע־וואַרט, וואָס ער האָט נאָך צו זאָגן.

— אָ, יונגפרוי — האָט פפּוס מיט אַ טאָן פון ביטול געוואָלט צונישט מאַכן רחלס רייד, וואָס האָבן אַזאַ שטאַרקן איינדרוק געמאַכט אויף אַלע פאַרזאַמלטע — דו, וואָס פאַרטיידיקסט אַזוי ענטוזיאַסטיש און מיט אַזאַ פייער די תורה, טאָרסט דאָך לויט די יידישע געזעצן, אַלס אשה, די דאָזיקע תורה גאָרנישט לערנען!...

— אַפילו ווען איך אַליין קאָן מיך נישט ווידמען דער פאָרשונג פון דער תורה שבעל פּה — האָט רחל מיט היץ געענטפערט — בלייבט נאָך אַלץ איבער פאַר אונדז, יידישע טעכטער, די דערהאָבענע אויפגאַבע אונ־טערצוטראָגן חשק, אַז אונדזערע מענער זאָלן זי לערנען און אויך צו דער־ציען אונדזערע קינדער אין איר גייסט!...

— איך האָב מורא — האָט פפּוס מיט עקשנות דערווידערט — אַז דו מאַכסט אַ גרויסן טעות, יונגפרוי, ווען דו חלומסט וועגן זאַכן, וואָס זיינען זייער ווייט פון דערווירקלעכקייט. די רוימער האָבן געלערנט פון די גריכן און האָבן איינגעזאַפּט אין זיך די ליבע צו קונסט און וויסנשאַפט.

— און דאָך האַלטן זיי זיך ביי זייערע נאַרישע געצען!... — האָט רחל איבערגעריסן.

— אָבער זייערע פילאָזאָפן וואַרפן אָפּ די פאַרערונג פון געצען. פּלאַטאָ און אַריסטאָטעל גלויבן נישט אין די אָלימפּישע געטער; און דער מענטש, וואָס האָט מיט זיין נשמה באַגריפן דעם העכסטן אמת פון די דאָזיקע דענקער, וועט שוין אַליין געפינען דעם ריכטיקן וועג אין זיין לעבן. אַזאַ מענטש וועט שטענדיק וויסן ווי אונטערצושיידן די אוי־סערלעכע פאָרם פון דער זאַך פון איר אינערלעכן מהות. דאָס זעלבע פאָדער איך אויך פון מיין פאָלק, אַז עס זאָל אָפּהיטן דעם תוכן פון גאָטס תורה, דעם גלויבן אין איין גאָט, אָבער אין די אַלע זאַכן, וואָס זיינען נישט נוגע די אמונה, דאַרף דער מענטש זיין פריי צו טאָן און צו טראַכטן ווי ער געפינט פאַר נויטיק.

ווידער איז אַ פיינלעכע שטילקייט אַריינגעטראָטן אין דעם זאַל, וואו אַלע פאַרזאַמלטע זיינען געזעסן און זיך איינגעהערט צו די רייד פון דעם ירושלימער יונגנמאַן, וואָס דאַרף ווערן דער איידעם פון כּלבא שבוע. ווער

עס האָט פון זיין בעכער אַ טראָפּן וויין אַ זופּ געטאָן, כּדי דעם טרוקענעם גומען צו באַנעצן, ווער עס האָט צו זיין שכנס אויער זיך צוגעבויגן און אים עפּעס איינגערוימט.

דורך די שפּאַרונעס פון די אַראָפּגעלאָזטע קאַטאָרן האָבן די רויטע בלוטיקע שטראַלן זיך דורכגעשפּאַרט און אַ טייל פון די געסט מיט אַ רויטקייט אָפּגעגאָסן. דער טאָג האָט זיך שוין אָוועקגענויגט. אַ שטראַל האָט זיך אויף דער קעגנאיבערדיקער וואַנט אַ שפּיל געטאָן און מיט עטלעכע מינוט שפּעטער זיך פאַרלאָשן.

די דינער האָבן אַריינגעבראַכט פרוכטן אויף זילבערנע טאַצן, בלוטיק פונאַנדערגעשניטענע מילגרוימען, ברוינע קלעפּיקע טייטלען, אַנגעשוואָלענע וויינטרויבן און מאַנדלען. אָבער קיינעמס הענט האָבן זיך צו זיי נישט אויסגעצויגן. אַלע זיינען נאָך געווען אונטערן איינדרוק פון די נאָר וואָס געהערטע רייד.

דער טאָג אינדרויסן איז שוין פאַרגאַנגען. די ליכט אין די קאַנדעליאַבּרעס און גאָלדענע מנורות האָבן זיך העלער צעפלאַקערט. די פּנימער האָבן זיך איצטער בולטער אַרויסגעוויזן. כּלבא שבוע האָט זיין באַוואַקסן קיילעכדיק פּנים אויף דער האַנט־פלאַך אָנגעשפּאַרט. עמיץ האָט אונטערגעברומט אַן אויסגעצויגן ניגונדל: „אני לדודי ודודי לי” — איך בין מיין געליבטנס און מיין געליבטער איז מיין...

— און דו דענקסט — האָט פּלוצלינג, ווי אַ בת־קול פון ערגעץ־וואו זיך אָנגערופן רחלס שטים — און דו דענקסט, אַז די אמונה אין איינאייניקן גאָט קאָן האָבן אַ קיום אָן גאָטס תּורה?

אַלע האָבן זיך אויפגעכאַפּט פון זייער פאַרטראַכטקייט. כּלבא שבוע האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און זיין בליק אָנגעשטעלט אויף רחלען.

— רחל איז גערעכט — האָט הורקנוס מיט זיין דיקער שטימע זיך אָנגערופן — יידן דאַרפן שטענדיק בלייבן יידן, דאָס ליגט אין אונדזער בלוט. מיר קאָנען זיך מיט קיינעם ניט אויסמישן.

זיין שטימע האָט ווי אַ באַס אַריינגעברומט אין דער גאַנצער פידל־סימפאָניע.

אַלע האָבן געוואַרט אויף פּפּוסעס ענטפער. מען האָט זיך אומגעקוקט אויף רחלען. אָבער זי איז אויף איר פּלאַץ שוין מער נישט געווען. עס איז איר זייער הייס געוואָרן, איז זי אַרויס אין דרויסן אָנשעפּן אַביסל פרישע לופט. עס איז שוין געווען טונקל. דער הימל האָט אין מערב זייט זיך נאָך געמיניעט אין ליכטיקע און טונקעלע פאַרבן. דער כּנרת האָט טונקל־בלוי אָהערגעבליצט, דאָס וואַסער האָט זיך אין דער קילקייט פון אָוונט

געריינצלט. אַ שטערן האָט אויפֿגעפֿינקלט אין הימל, אַ צווייטער און אַ דריטער.

רחל האָט אַ פֿאַרטראַכטע געשפּאַצירט לעבן ברעג פֿון דער בלויער אָזערע. פֿאַרשידענע געדאַנקען און טראַכטונגען האָבן זיך אין איר מוח אויף אַמאָל געשטופּט. פֿאַר די אויגן האָבן זיך איר, אַליין נישט צו וויסן פֿאַרוואָס, פּלוצלינג אָפּגעשטעלט צווי געשטאַלטן, דאָס גלאַטע אָפּגעגאָלטע רוימישע געזיכט פֿון דעם יינגל פּפּוס און דאָס מענלעכע, געדיכט־באַבערדלטע ברוין פּנים פֿון דעם פֿרעמדן מאַן, וואָס איז היינט צו זיי אָנגעקומען אַלס אויפֿזעער פֿון די סטאַדעס שאָף.

— ווי אַ געבוירענער אַריסטאָקראַט זעט ער אויס! — האָבן אירע ליפּן געמורמלט.

מיטאַמאָל האָט זי אַ ציטער געטאָן. אויף אַ שטיין ביים ברעג פֿון כּנרת איז געזעסן עפּעס אַ טונקעלע געשטאַלט און זיך צוגעקוקט, ווי די כוואַליעס שפּילן זיך ביים ברעג, וואַשן אים אַרום מיט ווייסן שוים און ציען זיך צוריק, וואַשן אים אַרום און ציען זיך צוריק.

— עקיבא?... — האָט זי פֿאַרוואונדערט אויסגערופֿן.

עקיבא איז אַ דערשראָקענער אויפֿגעשפּרונגען פֿון זיין פּלאַץ און פֿון איבערראַשונג האָט ער נישט געקאָנט דאָס מויל עפֿענען. ער האָט אין ערשטן מאָמענט נישט געוואוסט, ווער עס האָט אַזוי צאַרט זיין נאָמען אָנגע־רופֿן. עפּעס איז עס געווען אַזאַ געטלעכער קלאַנג, וואָס האָט אין זיין מוח ווי אַן עכאָ אָפּגעשאַלט: „עקיבא"...

— יאָ, מיין האַרינטע — האָט עקיבא מיט אַ פֿאַרשטיקט קול אויס־גערופֿן.

ער האָט זי איצט דערקענט.

— וואָס טוסטו דאָ, עקיבא? — האָט אים רחל מיט נייגעריקייט גע־פֿרעגט — ביסט דאָך מיד מן הסתּם פֿון נעכטיקן ווייטן גאַנג, וואָלסט דיך געדאַרפֿט בעסער אָפּרוען.

— כ'האָב ליב די כוואַליעס פֿון ים, כ'האָב ליב די ווייטע בלויקייט פֿון די בערג, די שטילקייט פֿון דער נאַכט... פֿריער האָב איך די פּאַס־טוכער געהייסן די שאָף אַרויסטרייבן אין פֿעלד אַריין און אַליין האָב איך זיך אויף אַ ווײַלע צוגעזעצט אויפֿן שטיין. אַ גוטע נאַכט, מיין האַרינטע.

עקיבא האָט זיך ווירקלעך געפֿילט מיד, און עפּעס האָט ער זיך גע־שעמט צו בלייבן דאָ מיטן מיידעל אַליין. ער האָט נישט געוואוסט וואָס מיט איר צו רעדן, אפֿשר וועט ער זי גאָר דערצערענען מיט זיינס אַ וואָרט.

— פֿאַרוואָס אַנטלויפֿסטו אַזוי פּלוצלינג, עקיבא? — האָט רחל אַן איבערראַשטע אים געפֿרעגט — האָב איך דען דיר מיט עפּעס ווי געטאָן?

— חלילה, מיין האַרינטע, פֿאַרקערט, ביסט זייער גוט צו מיר, ביסט...

— און ער האָט זיך פֿאַרהאַקט, נישט וויסנדיק ווי זיך בעסער אויסצודריקן.

— כ'האָב געוואָלט מיט דיר אַביסל רעדן, איך בין נייגעריק צו וויסן, ווי דו פֿילסט זיך ביי אונדז, ווי עס געפֿעלט דיר דאָ, עקיבא, דער נייער פּלאַץ?

— יאָ, מיין האַרינטע, עס געפֿעלט מיר דאָ אַלץ...

— מיין האַרינטע, מיין האַרינטע... — האָט אים רחל מיט אַ שמייכל אויף איר פֿאַררויטעלטן געזיכט נאָכגעשפּעט — רוף מיך נישט מער „מיין האַרינטע”. איך בין אַ טאָכטער פֿון פֿאָלק ישראל, פּונקט ווי דו ביסט אַ זון פֿון דעם זעלביקן פֿאָלק. ביי אונדז זיינען נישטאָ קיין האַרן און קיין קנעכט. בלויז איין גאָט איז אונדזער אַלעמענס האַר און מיר זיינען זיינע דינער.

— נאָר ווי דען זאָל איך דיך רופֿן, מיין האַרינטע?

— רחל זאָלסטו מיך רופֿן, רחל... — האָט זי מיט אים איינגעהזורט.

— ווי אונדזער מוטער רחל... — איז עקיבא דרייסטער געוואָרן.

— און עס וואָלט זיך געפּאַסט, אַז אונדזער אויפֿזעער איבער די פּאַסטוכער זאָל הייסן יעקב... — האָט רחל אַרויסגעמורמלט און אַליין זיך פֿאַרשעמט פֿאַר אירע רייד און זי איז רויט געוואָרן.

— איך הייס אָבער עקיבא... — האָט ער ווי מיט פֿאַרדרוס, פֿאַרוואָס ער הייסט נישט יעקב, זיך פֿאַר איר פֿאַרענטפֿערט.

— עס איז אַלצאיינס — האָט זיך רחל נישט פֿאַרלוירן — אין דיין נאָמען „עקיבא” געפֿינען זיך די אותיות פֿון יעקב...

— און זי האָט לייכט אַ לאַך געטאָן.

— טאַקע?... — האָט עקיבא, אַן איבערראַשטער פֿון דעם מיידלס קלוגע רייד, אַרויסגעשטאַמלט — כ'האָב עס קיינמאָל נישט געוואוסט.

— האָסט דען נישט געלערנט די תורה? אַפֿילו ווען מען קאָן בלויז דעם אלף־בית, קאָן מען עס וויסן.

— כ'קאָן נישט דעם אלף־בית — האָט עקיבא פֿאַרשעמט געמורמלט.

— זעסט נישט אויס אַזוי — האָט רחל מיט באַדויערן צו אים געזאָגט, און זי האָט זיך פֿאַרטראַכט.

אַ לאַנגע ווײַלע האָט געהערשט אַ שטילשווייגן, פֿון איר פֿאָטערס פּאַלאַץ זיינען אַהער דערגאַנגען אָפּגעהאַקטע קלאַנגען פֿון געשפּרעכן. אין גראָז, האַרט ביים ברעג פֿון כנרת, האָט עפּעס אַ שפּרונג געטאָן, דער־נאָך האָט זיך דערהערט אַ פּליוך אין וואַסער.

— זעסט נישט אויס דערויף... — האָט דאָס מיידל מיט אַן אומעט אין איר קול איבערגעחזרט.

— איך האָב קיינמאָל נישט געהאַט קיין געלעגנהייט דערצו. ווען מיינע עלטערן זיינען געשטאָרבן, בין איך נאָך זייער יונג געווען, אינגאַנצן צוועלף יאָר אַלט. קיינער האָט זיך מיט מיר נישט אָפּגעגעבן און איך בין געבליבן אַזוי אומגעלערנט.

— איך וועל מיט דיר לערנען דעם אלף־בית — האָט רחל מיט גע־רירטקייט אין איר שטים צו אים געזאָגט.

עקיבאַן האָבן זיך טרערען געשטעלט אין די אויגן. ער האָט זיך געפילט געטראָפן אין זיין מאַנסבילישן שטאָלץ, פון אַ פרוי צו לערנען דעם אלף־בית...

רחל האָט דאָס דערפילט און זי האָט זיך באַמיט די זאַך צו פאַרגלעטן.

— דאַרפסט בכלל לערנען גאָטס תורה — האָט זי צו אים ווייך גערעדט, דערמאָנענדיק זיך אָן אירע פריערדיקע רייד צו פפוסן, אַז אַ יידישע טאָכ־טער דאַרף זען, אַז די מענער זאָלן לערנען.

— איך וועל מיך שוין נישט אויסלערנען — האָט עקיבא דערווידערט.

— נישטאָ די זאַך, וואָס זאָל קאָנען ביישטיין פאַר אַ שטאַרקן ווילן — האָט רחל אים צוגעגעבן מוט — אַזוי זאָגן אונדזערע חכמים.

— איך האָב אָבער נישט דעם ווילן!... — האָט עקיבא מיט אַ פאַרעקשנט פייערל אין זיינע אויגן אָפּגעענטפערט.

— פאַרוואָס, עקיבא? — האָט רחל פאַרוואונדערט אים אָנגעקוקט.

— ווייל איך וויל נישט זיין קיין געלערנטער.

— זע, וואָס פאַר אַ כבוד די חכמים האָבן. נעם, למשל, אליעזר, דעם זון פון אונדזער שכן הורקנוס! ער איז איינער פון די באַרימטסטע תלמידי חכמים אין אונדזער צייט נאָך ר' יוחנן בן זכאַי.

— איך האָס זיי, די חכמים.

— פאַרוואָס איז זיי דאָ צו האַסן? — האָט רחל געשטוינט אויף עקיבאס רייד.

— ווייל זיי האַסן אונדז. זיי באַטראַכטן די אומוויסנדיקע ווי נישט קיין ריינע באַשעפענישן. זיי ווילן נישט עסן מיט אונדז ביי איין טיש, זיי האַלטן זיך שטאָלץ קעגנאיבער דעם פשוטן פאָלק, גלייך ווי זיי וואָלטן פון אַן אַנדער טייג געווען געקנאָטן.

מיט איינמאָל האָט זיך דערהערט כלבא שבועס שטים:

— רחל! רחל!

— כ'וועל נאָך מיט דיר רעדן, עקיבא. דו ביסט נישט גערעכט... כ'וועל נאָך מיט דיר רעדן. שלום צו דיר, עקיבא.

און זי האָט שנעל זיך דערווייטערט פון ים־ברעג אין דער ריכטונג פון פאָטערס פאַלאַץ. באַלד האָט עקיבא פונדערווייטנס געהערט זי רעדן:

— דאַ בין איך, פֿאָטער. כ׳בין אַביסל אַרויסגעגאַנגען זיך אָפּקילן.

— כ׳האָב זיך אַזוי דערשראָקן, טאָכטער מיינע... — האָט כּלבא שבוע זי געגלעט צערטלעך איבערן קאָפּ.

ווען רחל איז צוזאַמען מיט איר פֿאָטער צוריק אַריינגעקומען אין דעם גרויסן זאַל, האָט זי געטראָפֿן דעם גאַנצן עולם פֿאַרטאָן אין עסן פֿרוכטן און פֿאַרטרינקען מיט וויין.

פּפּוס איז געזעסן אַביסל צעמישט. עס האָט אים, זעט אויס, ווי געטאָן רחלס פּלוצלינג פֿאַרשווינדן ווערן. ער האָט נערוועז געפּויקט מיט אַ פֿינ־גער אין דעם טישל, לעבן וועלכן ער איז געזעסן. ווען רחל האָט אַריבער־געטראָטן די שוועל, האָט זי אַפֿילו אויף אים קיין בליק נישט געוואָרפֿן. דאָס האָט אים נאָך מער דערשלאָגן.

— פֿאַרוואָס האָסטו אונדז ׳פֿאַרלאָזן, רחל? — האָט הורקנוס זי גע־פֿרעגט מיט אַ בגילופֿינדיקער שטים — מיר האָבן דאָ וויטער אונדזער שטרייט מיט דעם יונגעמאַן פֿאַרגעזעצט און דו האָסט אונדז געפֿעלט. הלוואַי זאָלן אַ סך פֿון אונדזערע בחורים אַזוי פֿאַרשטענדיק רעדן ווי דיין טאָכטער — האָט ער זיך געווענדט צו כּלבא שבוען, ביי וועמען דאָס פּנים האָט געשיינט פֿון נחת.

גליקלעך וועט זיין דער מאַן, וואָס וועט זי פֿאַר אַ ווייב באַקומען!

— האָט אַ צווייטער שכן אויסגערופֿן.

פּפּוס איז געוואָרן אָפּגעגאָסן מיט אַ צונטער־רויטקייט און דאָס האַרץ האָט אים אָנגעהויבן צו כוואַליען פֿון פֿיל גליק, וואָס אים איז טאַקע באַ־שערט דאָס דאָזיקע פּרעכטיקע מיידל פֿאַר אַ ווייב צו נעמען...

מיט דעם דאָזיקן געדאַנק, זיך דורכצושמועסן מיט דעם פֿאָטערס יוגנט־פֿריינט, כּלבא שבוע, וועגן באַקומען זיין טאָכטער רחל פֿאַר אַ ווייב, איז ער דאָך אַהערגעקומען, פּפּוס. ער האָט זי געהאַט בלויז איין מאָל געזען מיט דריי יאָר צוריק, ווען כּלבא שבוע איז געקומען קיין ירושלים צוזאַמען מיט רחלען מבקר חולה זיין זיין פֿאָטער, וועלכער איז שוין געלעגן אויפֿן טויטן־בעט. רחל איז דעמאָלט אַלט געווען אַרום פֿופֿצן יאָר.

ער געדענקט, ווי וואָכן גאַנצע איז ער דערנאָך אַרומגעגאַנגען אַ צע־טראָגענער, בענקענדיק נאָך דעם דאָזיקן הערלעכן מיידל. ווי אַ ווייסע שמעקעדיקע ליליע האָט זי דעמאָלט אויסגעזען, וואָס די קנאָספּן האָבן נאָר־וואָס ערשט אויפֿגעפּלאַצט און אָנגעהויבן זיך אַנטוויקלען אין אַ פּרעכטיקער בלום.

זיין פֿאָטער יהודה האָט שטענדיק, ווען פּפּוס איז נאָך געווען גאָר יונג, געדעדט דערפֿון, אַז כּלבא שבועס שיינע טעכטערל וועט אַנטשפּויזט ווערן

צו אים. ער האָט זיך נאָך יוגנטלעכהייט אויסגעמאָלט זיין כּלה, אַז זי דאַרף זיין זייער אַ שיינע. און ער האָט זיך נישט אָפּגענאַרט. זי איז אַן אמתע טאָכטער פון ירושלים, וואָס שלמה המלך האָט אַזוי שיין באַזונגען.

ער האָט שוין געוואַרט אויף דעם דאָזיקן גליקלעכן טאָג, ווען ער וועט רחלען קאָנען ברענגען אין זיין ירושלימער פּאַלאַץ אַלס זיין ווייב. ער וועט זי פאַר זיינע רוימישע פריינט פאָרשטעלן און זי וועט זיכער אַ גרויסן איינדרוק מאַכן מיט איר שיינקייט און קלוגע רייד. ער זעט זי כּסדר אין זיינע חלומות, ווי זי טאַנצט פאַר אים און זינגט: „איך בין אַ רויז פון שרון, אַ ליליע פון די טאָלן"... און זיין גאַנץ בלוט הויבט דעמאָלט אָן צו ריזלען און ער ענטפערט איר: „ווי אַ ליליע צווישן די דערנער, אַזוי איז מיין געליבטע צווישן די טעכטער..." אַפילו בייטאָג אין זיינע טראַכטונגען וועגן איר, פלעגט ער די דאָזיקע הערלעכע סטראָפן זינגען אָדער שעפּטשען מיט די ליפּן.

יהודה, זיין פאָטער, איז געווען נאָך כּלבא שבוען דער רייכסטער ייד פון ירושלים נאָכן חורבן.

אין דער צייט, ווען ירושלים איז חרוב געוואָרן, זיינען אויך זיינע פּאַלאַצן און וויינגערטנער פאַרוויסט און פאַרניכטעט געוואָרן. זיינע פריינט און נאָענטע זיינען אין די בלוטיקע קאַמפן אומגעקומען. דאָס האָט אַזוי געווירקט אויף יהודהן, אַז ער האָט אָנגעהויבן קרענקען און שוין ביזן טויט מיט עטלעכע יאָר צוריק איז ער כּמעט פון זיין בעט נישט אַראָפּגעגאַנגען.

פּפּוס, זיין זון, האָט זיך אָנגעהויבן חברן מיט די רוימישע באַצוויגער. ער האָט אַכטונג געגעבן אויפן פאָטערס וויינגערטנער, וואָס ער האָט ביסלעכווייז צוריק פאַרפלאַנצט, די פעלדער האָבן אין משך פון עטלעכע יאָר געגעבן גוטע גערעטעכישן. ער האָט נאָך אַ שענערן און רייכערן פּאַלאַץ אויפגעבויט, און יהודה האָט זיך ווידער געציילט צווישן די רייכסטע יידן. פון זון זיינעם האָט אָבער יהודה קיין גרויס נחת נישט געהאַט און ער האָט געטראַכט, אַז אויב ער וועט אים פאַרבינדן מיט דעם הויז פון נאַציאָנאַלן ייד, כּלבא שבוע, וועט ער אפשר אַנדערש ווערן.

עס האָט אָבער גאָרנישט געהאָלפן. דער זון האָט אָנגעהויבן גיין אין די געצנדינערישע וועגן, געקליידט זיך ווי אַ רוימער, זיך אויסגעלערנט זייער שפּראַך, גענומען לעקציעס אין רעטאָריק און געוואָרן אַ גוטער רעדנער. ער האָט געשטודירט ציצעראָן און פּלוצלינג האָט ער אָנגעהויבן צווישן זיינע פריינט צו דרשענען, אַז מען מוז שלום מאַכן מיט די רוימער, אויפגעבן די האָפנונג ווען עס איז צוריקצוגעווינען די אומאָפּהענגיקייט פון יהודה.

— רוים איז שטאַרק, זי האָט די גאַנצע וועלט באַצוואונגען, אַפילו די באַרבאַרישע גערמאַנער פון די פינסטערע וועלדער האָט זי מיט דער שווערד איינגעצוימט — פלעגט ער טענהן — ווילן מיר, דאָס קלענ־סטע פאָלק צווישן די פעלקער, זיך אַנטקעגנשטעלן קעגן רוים?!... מיר וועלן בלויז מער בלוט פאַרגיסן און אויף זיך ציען אַ גרעסערע שנאה מצד די וועלט־הערשער.

ער האָט גרויס אַפשיי געהאַט פאַר דער מאַכט פון די רוימישע באַצווינגער. ער האָט פאַרגעטערט זייער קראַפט און באַוואונדערט זייערע גיבורים. ער האָט ליב געהאַט צו זען די קאַמפן פון די גלאַדיאַטאָרן, וואָס די רוימישע מלוכה האָט איינגעאָרדנט אין ירושלים און אין קיסריה. ער איז אַנטציקט געוואָרן פון דער פראַכטפולער קונסט פון די רוימער און גריכן, פון זייערע מאַלערייען און סקולפּטורן.

— מיר קאָנען בלייבן ביי אונדזער אמונה — פלעגט ער זאָגן, ווען מען פלעגט אים אַנטקעגנשטעלן די לאָגישע טענה וועגן דער נאַרישקייט פון דינען צו שטיינערנע געצן, אָבער אין האַרץ האָט ער פאַרערט די רוי־מישע געטער יופּיטער, צעאוס און מערקורי. עס זיינען אים געפעלן גע־וואָרן די גאָטעסדינסטן צו די דאָזיקע געטער. ער האָט געטראַכט, אַז מיט דער צייט — זאָלן זיך נאָר די יידן אויסמישן אויבנאויפיק מיט די רוימער— וועלן זיי אויך אָנהויבן דינען צו זייערע געטער, זיי וועלן איינזען די שיינקייט פון דער גריכישער און רוימישער קונסט און זיי וועלן זיך ביס־לעכוויז צוזאַמענשמעלצן מיט דעם שטאַרקן פאָלק, זיי וועלן אַריינברענגען זייער בלוט אין די אָדערן פון די רוימער, זייער חכמה און שאַרפזי־ניקן גייסט.

— מיר וועלן די רוימער גייסטיק באַזיגן... — האָט ער גערעדט צו זיינע באַקאַנטע יידן און דערביי פילדייטיק אונטערגעשמייכלט.

די רוימישע באַאַמטע האָבן אויסגענוצט פּפוסעס פריינטשאַפט און זיי האָבן אים געשטיצט ווי זייערס אַ מענטש. זיי האָבן שוין פלענער גע־מאַכט, ווי אַזוי פּפוס וועט אויפשטעלן אַ גרויסע רוימיש־יידישע פריינט־שאַפט געזעלשאַפט צווישן די פאַרעקשנטע יידן און זיי, די רוימער, וועלן שוין נישט דאַרפן ציטערן פאַר אַ מעסער אין דער זייט פון די האַרט־נעקיקע „יודעער".

דער דעמאָלטדיקער פּראָקוראַטאָר אין יהודה, סילוואָ, וועלכער איז צו דער זעלבער צייט געווען דער מיליטערישער הויפט פון רוימישן גאַר־ניזאָן דאָרטן, האָט געשיקט באַרואיקנדיקע באַריכטן קיין רוים:

„די יידן לאָזן זיך שוין צוימען..."

פפוס האָט זיין אויפגאַבע, וואָס די רוימישע פּריינט האָבן אויף אים אַרויפגעלייגט, אויסגעפירט אויפן בעסטן אופן. ער האָט זיין פּראָ־רוימישע אַגיטאַציע אָנגעפירט וואו ער האָט זיך געפונען און ווען ער האָט נאָר גע־האָט אַ מעגלעכקייט דערצו.

ער האָט אויך נישט דורכגעלאָזן די געלעגנהייט אין הויז פון כלבא שבוע, בעת מען האָט פאַר אים, אַלס דעם חתן פון זיין איינציקער טאָכ־טער, געפּראַוועט אַ פּראַכטפול מאָלצייט; ער האָט אויך דאָרטן געלאָזט הערן זיין שטים און פאַרטיידיקט זיינע געדאַנקען.

פפוס האָט געהאַט גרויס אַכטונג און אָפּשיי פאַר דעם דאָזיקן מיידל, זיין צוקונפטיקער כלה. ער האָט זי ליב געהאַט מיט אַלע זיינע פיבערן פון דער נשמה.

האָט אים דעריבער זייער וויי געטאָן, ווען ער האָט איצט באַמערקט איר קאַלטע באַציאונג צו אים, נישט נאָר אַ קאַלטע, נאָר אַפילו אַ פיינט־לעכע . . .

— איך וועל זי סוף כל סוף דאָך איבערצייגן אין מיינע אמתע אידעען — האָט ער זיך געטראַכט, ווען ער האָט זי דערזען אַריינקומען פון דרויסן אין דער באַגלייטונג פון איר פאָטער. איר פּנים איז געווען רויטלעך צעפלאַמט און די אויגן האָבן געגליט מיט אַ געטלעך פייערל.

— ביי יופּיטער . . . — האָט ער זיך שיער נישט אַרויסגעכאַפּט, ווען ער האָט דערזען די גראַנציעזקייט פון איר יונגן בויגזאַמען געשטאַלט.

ער האָט זיך אַ ביס געטאָן אין די ליפּן.

„ווי אַ רויז פון שרון, אַ ליליע פון די טאָלן, אַזוי איז מיין געליבטע צווישן די טעכטער . . .” — האָט ער אין געדאַנק דעקלאַמירט.

— אַ פּראַכטפול באַשעפעניש, וואָס דו ביסט, מיין טייערע כלה — האָבן זיינע ליפּן געשעפּטשעט, בעת זיינע פלאַמיקע אויגן האָבן אונטערן איינפלוס פון די פיל בעכער וויין, וואָס ער האָט שוין געהאַט אויסגע־טרונקען, זי ממש געשלונגען.

רחל האָט זיך ווידער אַוועקגעשטעלט לעבן די פורפורנע שווערע פאָרהאַנגען, וואָס האָבן אָפּגעטיילט דאָס פּרויען־צימער פון דעם גרויסן זאַל, וואו די מענער האָבן זיך אונטערהאַלטן און זיך צוגעהערט צו די געשפּרעכן, וואָס די פאַרזאַמלטע האָבן געפירט אַלץ אויף דער זעלבער טעמע, וואָס פפוס האָט אַריינגעבראַכט צווישן עולם.

פפוס האָט אויף איר געקוקט און כסדר מיט זיינע בליקן נאָכגעע־פאָלגט. ער האָט געוואָלט אַרויסלייענען ביי איר די סודותפולע שטימונג, וואָס עס האָט זי מיטאַמאָל באַהערשט. אָבער פאַרשלאָסן איז איר האַרץ פאַר אים געווען.

— איך בין פֿונדעסטוועגן זיכער, אַז זי וועט אונטערן דאַך פֿון מיין הויז מיט דער צייט ווערן ווי איינע פֿון די גרויסאַרטיקסטע רוימישע מאַטראָנעס — האָט ער זיך באַרואיקט און געטרייסט.

רחל האָט אָבער אין דעם מאָמענט גאָר אַנדערש געטראַכט... זי איז אינגאַנצן געווען איצט אַריבערגעטראָגן אין אַן אַנדערער וועלט.

ווען זי האָט אים נאָך געזען אין רמלה, האָט דער דאָזיקער פּאַס־טוך עקיבא שוין אויף איר געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק. אַן אויסטער־ליש אינטערעסאַנט פּנים האָט ער, אַזעלכע פֿאַרטרוימטע טיף־שוואַרצע אויגן, אַזאַ איידל געזיכט, וואָס איז אַרומגעראַמט מיט דעם געדיכטן, שוואַרצן בערדל. „ניין, ער טאָר נישט בלייבן קיין פּאַסטוך...״ — האָט זי צו זיך אין געדאַנק צום וויפֿילטן מאָל שוין געזאָגט. אַזאַ מענטש, מיט אַזאַ פּערזענלעכקייט אין אויסזען, איז באַשאַפֿן געוואָרן צו זיין אַ פֿירער פֿון אַ גרויסער באַוועגונג. עס איז איר אַפֿילו געפֿעלן געוואָרן זיין עקשנות, מיט וועלכער ער האַלט זיך אַזוי פֿעסט אין זיין האַס צו די תּלמידי־חכמים.

״בלויז אין זיין אומוויסנהייט רעדט ער אַזוי״ — האָט זי אים ביי זיך אין געדאַנק פֿאַרענטפֿערט — ווען אַזאַ מענטש הויבט אָן לערנען, און אַ פֿאַרשטענדיקער זעט ער אויס צו זיין, קאָן ער גאָר ווייט דער־גרייכן...״

„אָ, ווען ער איז געלערנט!...״ — האָט זי מיט אַ ווייטיק אין האַרץ געטראַכט — „אָ, ווען ער איז געלערנט!...״

אָט מיט די דאָזיקע שטורמישע געדאַנקען ביי איר אין מוח איז זי אַריינגעקומען פֿון דעם קילן דרויסן אין דעם רוישיקן און שטיקנדיקן זאַל. די אויגן זיינען ביי איר ווי פֿאַרנעפּלט געווען, זי האָט קיינעם נישט געזען. זי האָט בלויז געהערט אַ זשומען ווי אין אַ בינשטאָק און אַ היץ האָט איר אַ שלאָג געטאָן אין פּנים אַריין.

און ווען זי האָט ווידער איר אָרט פֿאַרנומען הינטער דעם שווערן פּורפּורנעם פֿאָרהאַנג, בלויז באַווייזנדיק איר שוואַרצן קרייזלדיק־כוואַליענ־דיקן קאָפּ האָר און דאָס פֿאַררויטלטע חנעוודיקע פּנים, האָט זי זיך אויפֿ־מערקזאַם צוגעהערט צו דעם ווייטער אָנגייענדיקן געשפּרעך.

„...כ׳וועל איך דערציילן אַ מעשה — האָט הורקנוס פֿאַרגעזעצט זיין געשפּרעך — וואָס ביי אונדז אַליין אין דער משפּחה האָט פּאַסירט, און דאָס באַווייזט, אַז יידן וועלן שטענדיק לערנען גאָטס תּורה. אויב אין דור פֿאַרנאַכלעסיקט זי, הויבט דער צווייטער דור אָן מיט חשק צו שעפּן פֿון איר חכמה און וויסנשאַפֿט.

„מיין טאַטע, זאָל זיין געדעכעניש געהייליקט זיין, איז געווען אַ גרוי־סער געלערנטער אין דער תּורה שבכתב, ער איז נאָך געווען איינער פֿון

הלל הזקנס תּלמידים. עס האָט אים זייער ווײ געטאָן דאָס האַרץ, וואָס איך באַגער נישט אַזוי שטאַרק צום לערנען. מיך האָט געצויגן צו די פעלדער, וואָס מיין פאָטער האָט פאַרמאָגט, צו זיינע ווייַנגערטנער. איך האָב ליב געהאַט גאַנצע טעג אָפּצוליגן צוזאַמען מיט מיין פאָטערס פאַסטוכער אויף די פּאַשע־פעלדער און אין די גרויסע היצן בין איך מיט זיי אויף געווען גאַנצע נעכט. איך האָב, צו זיין גרויסן באַדויערן, בשום אופן נישט געוואָלט לערנען.

„און ווען מיין פאָטער האָט געזען, אַז עס וועט שוין פון מיר קיין תּלמיד־חכם נישט אויסוואַקסן, האָט ער מיך איינגאַנצן מעביר־נחלה געווען. אָבער שפּעטער האָבן די תּלמידי־חכמים אים אויפגעבונדן פון זיין נדר.

„און מיט מיין זון איז געשען פונקט דאָס פאַרקערטע: איך האָב געפאָדערט פון מיינע קינדער, אַז זיי זאָלן זייער לעבן ווידמען צו דער אַרבעט אין פעלד, צום באַלעבאַטישקייט אַרום הויז, אָבער מיין זון אליעזר האָט גראָד אויסגעווײלט צו לערנען תּורה. ער איז אַנטלאָפן פון מיין הויז און ער איז געוואָרן איינער פון די בעסטע תּלמידים ביי ר׳ יוחנן בן זכאי אין יבנה...״

— זאָל דערפאַר זיין נאָמען זיין געלויבט — האָט כלבא שבוע פרום אויפגעהויבן די אויגן צום הימל — איצט קלינגט זיין נאָמען פון איין עק וועלט ביזן צווייטן און מען בענטשט דעם נאָמען פון זיין טאַטן, וועלכער האָט אַזאַ זון אויף דער וועלט געבראַכט.

הורקנוס האָט זיך געפילט שטאָלץ. רחל האָט אים אין דער מינוט מקנא געווען, וואָס זיין זון אליעזר איז פון אַ פּויער געוואָרן אַ תּלמיד־חכם.

— און ער האָט פריער גאַרנישט געקאָנט?... — האָט זיך רחל פּלוצלינג געפרעגט.

— ניין, גאַרנישט. אַזוי ווי — לאָמיר זאָגן — אייער נייער אויפזעער, וואָס איך האָב אייך געבראַכט פון רמלה...

רחל האָט אַ צאַפּל געטאָן.

— איז דאָך מיין האָפנונג אויף עקיבאן גאַרנישט קיין אומזיסטע, — האָט זי זיך געטראַכט און עס איז איר פיל לייכטער געוואָרן אויפן האַרץ.

דער פאַרזאַמלטער עולם האָט מיט גרויס נייגעריקייט אויסגעהערט די געשיכטע וועגן אליעזר, דעם זון פון הורקנוס, און נישט איין טאַטן פון דערוואַקסענע קינדער האָט איצט געוואָרעמט די האָפנונג, אַז אפשר וועט אויך זיין זון אויסוואַקסן אַ גרויסער תּנא ביי יידן.

פּפּוס איז געזעסן אַ דערשלאָגענער און ווי אַ פאַרגעסענער.

— אַן עם קשה עורף אונדזערע יידן, אַ האַרטנעקיק פאָלק... — האָט ער געטראַכט, דערזעענדיק, מיט וואָס פאַר אַ באַגייסטערונג זיי רעדן

וועגן דער יידישער תורה — און זי אויך... — האָט ער געוואָרפן אַן אומעטיקן בליק אויף רחלען, וואָס דאַרף ווערן זיין ווייב...

קיינער האָט זיך אויף אים ניט אומגעקוקט, און ווען ער וואָלט ווייטער פאַרגעזעצט זיינע לעסטערנדיקע רייד, וואָלט ער מיט קיין כבוד פון דאַנען נישט אַרויס. דערפאַר האָט פפוס געשוויגן און געהאַלטן די אויגן אַראָפּגעלאָזט.

מיט אומגעדולד האָט ער געוואַרט, אַז די סעודה זאָל זיך ענדיקן, ווען ער קאָנען אין אַ באַזונדער חדר רעדן מיט רחלס פאָטער וועגן זיין טאָכטער, וועגן דעם אייגנטלעכן צוועק, נאָך וואָס ער איז דאָ אַהער געקומען.

פפוס האָט געגלויבט, אַז כלבא שבוע וועט האַלטן וואָרט, וואָס ער האָט אַמאָל געגעבן צו זיין יוגנט־פריינט יהודה, פפוסעס פאָטער, אַז ער וועט אים געבן זיין טאָכטער רחל פאַר אַ ווייב. ער האָט בלויז געציטערט ביי דעם געדאַנק, וואָס עס טראַכט רחל וועגן אים.

ווייל לויט גאָר אַן אַלטן מנהג, מוז מען דאָס מיידל פרעגן וועגן איר באַגער. ווען אליעזר, דער קנעכט פון אברהם אבינו, איז געקומען צו בתואל, צו נעמען זיין טאָכטער רבקה פאַר אַ ווייב צו יצחקן, האָט אים לבן, איר ברודער, דעמאָלט געזאָגט:

„מיר וועלן רופן דאָס מיידל און מיר וועלן פרעגן איר מויל".

אָבער קיין גוטס האָט אים רחלס האַלטונג נישט אָנגעזאָגט. עפעס אַזאַ שטאָלץ און פרעמדקייט האָט פון איר געשלאָגן.

באַלד איז רחל פאַרשוואונדן געוואָרן הינטער דעם שווערן פאָרהאַנג און ער האָט זי שוין אינגאַנצן מער נישט געזען.

די דינער האָבן אַריינגעבראַכט קאַלטע געטראַנקען פון דעם אויס־געמויערטן גרוב, וואָס כלבא שבוע האָט ספּעציעל געהאַט אין דער ערד אונטער זיין הויז אויסגעגראָבן. דער עולם האָט זיך אָפּגעקילט מיט די געטראַנקען פון דער גרויסער היץ אין שטוב.

די שמועסן האָבן זיך איצט געדרייט אַרום זייערע באַלעבאַטיש־קייטן, דערנאָך איז מען אַרויסגעקומען אויף דער נייער סעקטע, וואָס גלויבן אין דעם געקרייציקטן ישו הנוצרי, אַז ער איז געווען דער משיח. די רוימער זיינען זיך מיט אָט די יידן־קריסטן באַגאַנגען פיל אַכזריות־דיקער ווי מיט די פרושים. ווייל זיי, די יידן־קריסטן, ווילן די רוימער און אויך די איבעריקע פעלקער אונטער דער רוימישער הערשאַפט מזכה זיין מיט זייער נייעם גלויבן.

— וועגן די מינים (אַפּיקורסים) זאָלט איר מיר גאָרנישט רעדן! — האָט כלבא שבוע מיט כעס אויסגערופן — זיי וועלן נאָך חלילה די תורה אויך אָפּלייקענען.

דער שמועס איז דערנאָך אַריבער אויף דער פּאָליטישער לאַגע אין לאַנד, וועגן דער שענדלעכער ראָלע פון יוסף בן מתתיהו הכהן, וועלכער איז אַריבערגעגאַנגען צו די רוימער און בוגד געווען אין יידישן פאָלק. ער האָט זיך אַפילו אַ גויאישן נאָמען געגעבן: יאָזעפוס פלאַוויוס — פלאַוויוס, נאָכן פאַמיליען־נאָמען פון קיסר אַספּסינוס.

דערמאָנענדיק זיין נאָמען, האָבן אַלע אים געשאָלטן, אַ חוץ פּפּוס, וועלכער האָט געחלומט צו דערגרייכן צו אַזאַ כבוד, ווי יוסף בן מתתיהו האָט דערגרייכט. מען האָט געשמועסט, אַז ער שרייבט אַ ספר וועגן די מלחמות, וואָס יידן האָבן געפירט מיט זייערע שונאים.

אָט אַזוי זייגען די געשפּרעכן איבערגעגאַנגען פון איין טעמע צו אַ צווייטער, ביז עס איז שפּעט געוואָרן, און אַ דינער איז אַריינגעקומען אָנ־זאָגן: „הגיע זמן של שחרית!" — מ'דאַרף שוין זאָגן די פרימאָרגן תפילה.

די געסט האָבן זיך ביסלעכווייז אויפגעהויבן, געזעגנט זיך מיטן באַלעבאָס, באַדאַנקט אים פאַר דעם רייכן מאָלצייט, וואָס ער האָט זיי געגעבן און אָנגעוואונטשן, אַז דער זיווג זאָל זיין אַ גוטער.

כּלבא שבוע האָט ווי אַ גאַסטפריינטלעכער מענטש אַלעמען צוגע־שמייכלט און צוריקגעוואונטשן. דערנאָך האָבן זיך אָנגעהויבן ווינטשע־נישן פון די ווייבער צו דער כּלה.

רחל האָט אויף אַלע גוטע וואונטשן געענטפערט מיט אַ קאַלטן שמייכל, ווייל ביי זיך האָט זי שוין פעסט געהאַט באַשלאָסן, אַז פּפּוס וועט נישט זיין איר מאַן. זיי זייגען צוויי באַזונדערע וועלטן און... וועגן דער צווייטער אורזאַך האָט זי נאָך נישט געוואָגט פאַר די ליפּן צו ברענ־גען. בלויז ערגעץ אין מוח האָט זיך געהאַלטן אין אויפפלאַנטערן אַ קנויל, וואָס האָט איר בלוט געמאַכט שנעלער ריזלען אין די אָדערן, און עפּעס אַן אָנגענעם געפיל האָט זי איינגאַנצן באַהערשט.

זי האָט מיט שטילשווייגן באַמערקט, ווי דער פאָטער אירער, נאָכדעם ווי אַלע געסט האָבן זיך שוין געהאַט פונאַנדערגעגאַנגען, האָט זיך אָפּ־געשלאָסן מיט פּפּוסן אין אַ באַזונדער חדר און לאַנג דאָרט מיט אים גערעדט. רחל האָט פאַרשטאַנען, וועגן וואָס דער שמועס גייט אָן. איר נאָמען ווערט צווישן זיי נישט איין מאָל דערמאָנט, און זי האָט אַ ביטערן שמייכל געטאָן: „אומזיסט איז דייך רעדן, פּפּוס, דער פאָטער וועט מיך די לעצטע נאָך דאַרפן פרעגן..."

אַ בלויקייט האָט דורך די שפּאַרונעס צווישן די שווערע קאָטאַרן אין איר שטוב זיך דורכגעשפּאַרט. זי האָט געשעפּטשעט מיט די ליפּן

די קריאת־שמע פֿון דער פֿרימאָרגנדיקער תּפֿילה און געלייגט זיך אַ מידע אין בעט אַריין.

אַ לאַנגע צייט איז זי געווען וואַך און נישט געקאָנט איינשלאָפֿן. איין געדאַנק האָט זי בלויז באַהערשט: „אָ, ווען ער קאָן לערנען!...״ און ווען דער שלאָף האָט ענדלעך שוין געהאַט צוגעקלעפּט אירע אויגן און זי איבערגעטראָגן אין דער וועלט פֿון חלומות, האָט איר פּנים אַזוי לייט־זעליק געשמייכלט, ווי אַ מענטש וואָס האָט גוטע האָפֿנונגען...

קאַפּיטל 3

עקיבא רעדט מיט כּלבא שבוען

●

אַ גרויסער טרויער האָט געהערשט צווישן די יידן אין ארץ־ישראל און צווישן די יידן אין אַנדערע לענדער. דער גרויסער רבי, ר׳ יוחנן בן זכּאַי, איז קראַנק געוואָרן. זיינע תּלמידים, ר׳ אליעזר בן הורקנוס, ר׳ יהושע בן חנניה, ר׳ אליעזר בן ערך און רבן גמליאל זיינען אים גע־קומען מבקר־חולה זיין. ווען ר׳ יוחנן בן זכּאַי האָט זיי דערזען, האָט ער שטאַרק אָנגעהויבן צו וויינען.

האָבן די תּלמידים זיינע געפּרעגט אים:

— רבי, וואָס וויינסטו?

— פאַרוואָס זאָל איך נישט וויינען. שטעלט אייך נאָר פאָר, ווען מען דאַרף קומען פאַרן פּנים פון אַ מלך, אַ פּשוטן בשר ודם, ציטערט דעמאָלט דער מענטש אויפן גאַנצן לייב, היינט פאַרוואָס זאָל איך נישט וויינען, ווען איך וועל באַלד דאַרפן זיך שטעלן פאַרן מלך המלכים, פאַרן אַלמעכטיקן הערשער פון דער וועלט, פאַר דעם אַלווייסנדיקן גאָט. ווער ווייסט, וואוהין מיר איז אָנגעצייכנט צו גיין, צי אין דעם ליכטיקן גן־עדן אָדער חלילה אין דעם אָפּגרונט פון גיהנום...

— רבי, גיב אונדז דיין ברכה! — האָבן די תּלמידים ביי אים געבעטן.

און ר׳ יוחנן האָט צו זיי געזאָגט:

— איר זאָלט מורא האָבן פאַר גאָט, פּונקט ווי איר האָט מורא פאַר מענטשן.

— דאָס איז אַלץ? — האָבן די תּלמידים נישט גוט פאַרשטאַנען דעם רבינס געדאַנק.

— אויב איר וועט שטענדיק פילן די אָנוועזנהייט פון גאָט, וועט איר קיינמאָל קיין זינד נישט באַגיין, פּונקט ווי אַ מענטש שעמט זיך צו טאָן אַ נישט־שיינע זאַך אין דער אָנוועזנהייט פון אַ צווייטן מענטש.

די תּלמידים האָבן דאָן פאַרשטאַנען זייער רבין. זיי זיינען נישט אוועקגעגאַנגען פון זיין צוקאָפּנס, ביז דער גרויסער געלערנטער האָט אויסגעהויכט זיין הייליקע נשמה.

ווען די טרויעריקע ידיעה האָט זיך פֿאַרשפּרייט איבערן לאַנד, האָבן יידן געקלאָגט, פּונקט ווי נאָכן חורבן בית־המקדש. גלייך ווי די זון וואָלט פֿאַרטונקלט געוואָרן איבער דער וועלט, אַזוי איז פֿינצטער געוואָרן דאָס געמיט פֿון פֿאָלק ישראל.

די בייזע בשורה האָט אויך דערגרייכט דאָס הויז פֿון כלבא שבוע, און דאָס האָט אַלעמען געטראָפֿן ווי אַ דונער. איבערהויפּט האָט עס שווער געטראָפֿן רחלען. זי איז באמת געווען אַן איבערגעגעבענע יידישע טאָכ־טער, האָט ליב געהאַט איר פֿאָלק און זי האָט זיך אָפּגעגעבן אַ רעכענונג דערפֿון, וואָס די ישיבה אין יבנה מיינט פֿאַר יידן. דאָרט, אין יענע פֿיר ווענט, וואו הונדערטער און טויזנטער נאָכפֿאָלגער פֿון ר׳ יחנן בן זכאי האָבן געשמידט די צוקונפֿט פֿון יידישן גייסט, איז אויפֿגעגאַנגען אַ ניי ליכט, און דאָס איז געווען די יידישע תורה. דאָרט איז געלייגט גע־וואָרן דער גרונדשטיין פֿאַר דעם ווייטערדיקן קיום האומה. ווען נישט די ישיבה אין יבנה, וואו עס איז אויפֿגעהאַלטן און געפֿלעגט געוואָרן דער יידישער אייביקער פֿלאַם — וואָס וואָלט פֿון די קינדער פֿון ישראל געוואָרן! זיי וואָלטן זיך מיט דער צייט אויסגעמישט מיט די איבעריקע פֿעלקער און עס וואָלט פֿון זיי קיין זכר נישט געבליבן.

רחל, די קלוגע און פֿיין־פֿילנדיקע יידישע טאָכטער, האָט דאָס גוט באַנומען און פֿאַרשטאַנען. דעריבער איז איר ווייטיק געווען גאַר גרויס, ווען אַזאַ גרויסע פּערזענלעכקייט, ווי דער גרינדער פֿון יבנה, איז גע־שטאָרבן. „אונטערגעגאַנגען די ליכט פֿון ישראל״... — האָט זי געזאָגט צו איר פֿאָטער.

אַ חוץ דעם האָט זיך רחל לעצטנס געפֿונען אין אַזאַ נשמהדיקן צו־שטאַנד, וואָס יעדע קלענסטע טרויעריקע געשעעניש וואָלט זי געקאָנט אַרויספֿירן פֿון גלייכגעוויכט.

אַזוי האָט איר גאַרנישט געפֿעלט. זי איז געווען די טאָכטער פֿון רייכסטן ייד אין לאַנד. זי האָט געקאָנט באַקומען פֿאַר אַ מאַן איינעם פֿון די אָנגעזעענסטע לייט פֿון יהודה, אַפֿילו פֿון רוים און אַלעקסאַנדריע. זי האָט געקאָנט געניסן פֿון אַלע תענוגים אין דער וועלט.

רחל האָט די אַלע זאַכן פֿאַרוואָרפֿן. אירע געדאַנקען זיינען געווען פֿאַרנומען מיט זאַכן, וועלכע האָבן געהאַט אַ שייכות מיט פֿאַרבעסערן די לאַגע פֿון איר פֿאָלק. זי האָט אויך געהערט צו דער געהיימער חברותא, וואָס פֿלעגט זיך צוזאַמענקומען יעדעס מאָל אויף אַנדערע פּלעצער און דאָרט רעדן וועגן ענינים, וואָס מען וואָלט דערפֿאַר פֿאַרשיקט אויף די שקלאַפֿן־שיפֿן...

זי האָט איר פֿאָטער אָפֿן דערקלערט, ווען ער האָט זי, נאָך פּפּוסעס אומקערן זיך קיין ירושלים, געפֿרעגט וועגן איר מיינונג חתונה צו האָבן מיט דעם זון פֿון זיין יוגנט־פֿריינט.

רחל האָט אים קורץ און שאַרף געענטפֿערט, אַז ווען זי זאָל דאַרפֿן אויסקלויבן צווישן פּפּוסן, דעם נאָכגעמאַכטן רוימער און אַן אמתן רוימער, וואָלט זי שוין ליבערשט אויסגעקליבן דעם לעצטן...

כלבא שבוע האָט פֿאַרשטאַנען דעם שאַרפֿן זאָג אירן. ער האָט זיך מיט איר נישט געאַמפּערט, פֿאַרקערט — ער האָט איר פֿאָטערלעך אַ גלעט געטאָן איבערן קאָפּ און אויסגערופֿן:

— האָסט גוט געזאָגט, מיין טאָכטער, דיין באַשלוס איז אויך מיינער. פּפּוס איז ווירקלעך נישט קיין מאַן פֿאַר דיר. ער איז אַוועק אויף נישט־ייִדישלעכע וועגן.

דאָס מיידל איז געווען גליקלעך, וואָס דער פֿאָטער צווינגט זי נישט צו דערפֿילן זיין אַמאָל געגעבן וואָרט צו זיין יוגנט־פֿריינט יהודה. אָבער וואָס קומט פֿאַר ביי איר אין האַרץ, האָט זי דעם פֿאָטער נישט דערציילט. און דאָס איז טאַקע געווען די סיבה פֿון איר טרויעריקן נשמה־צושטאַנד, וואָס האָט זי געפּייניקט און קיין רו איר נישט געגעבן, נישט ביי טאָג און נישט ביי נאַכט.

עקיבא, דער נייער דינער זייערער, דער אויפֿזעער איבער די פּאַס־טוכער, איז געווען די אורזאַך פֿון איר אומרואיקייט.

זינט דעם גרויסן מאָלצייט, וואָס איז ביי זיי פֿאָרגעקומען לכבוד פּפּוסן און זינט יענעם אָוונט, ווען זי האָט זיך פּלוצלינג מיט עקיבאן באַגעגנט, איז שוין געהאַט אַוועק מער פֿון אַ וואָך. נאָר איין מאָל האָט זי געזען עקיבאן דורך דער גאַנצער צייט. עפּעס האָט זי דער דאָזיקער שיינער און שטאָלצער פֿרעמדער בחור ווי אויסגעמיטן. ער האָט נישט גע־גלויבט אין דעם צו גרויסן גליק, אַז אָט די שיינע רחל, די פּרעכטיקע טאָכטער פֿון זיין באַלעבאָס, וואָס האָט אָפּגעוואָרפֿן פּפּוסן, זאָל אים, דעם אומוויסנדיקן פּאַסטוך, ליב האָבן.

אויך צווישן די פּאַסטוכער אין פֿעלד איז דערגאַנגען די ידיעה, אַז רחל האָט זיך אָפּגעזאָגט צו ווערן דאָס ווייב פֿון רוימיש־געקליידטן בחור, וועלכער איז ספּעציעל אַראָפּגעקומען פֿאַר דעם צוועק פֿון ירושלים, און אַלע האָבן געהויבן מיט די פּלייצעס.

— אַן אויסטערליש מיידל איז זי, רחל — פֿלעגן די פּאַסטוכער וועגן איר רעדן — אָבער זייער אַ גוטע. ווי זי גיט זיך דאָס אָפּ מיט אונדזער נייעם אויפֿזעער, דעם הויפּט־פּאַסטוך עקיבא. זי לערנט אים דעם אלף־בית, זי שמועסט מיט אים. זי איז נישט ווי די טעכטער פֿון

אַנדערע באַלעבאַטים, וועלכע זײַנען אַזוי שטאָלץ און האָבן אונדז פײַנט, פּונקט ווי די געלערנטע האָבן אונדז פײַנט...

אויך כּלבא שבוע אַליין האָט זיך באַצויגן גוט צו עקיבאן. ער ווייסט אַליין נישט פאַרוואָס, אָבער דער דאָזיקער נײַער פּאַסטוך פון רמלה איז אים געפעלן געוואָרן. עקיבא האָט געטאָן זײַן אַרבעט בשלימות, די שאָף זײַנען פיל פעטער געוואָרן, אַזוי אויך די רינדער. ווייל עקיבא האָט געזאָרגט דערפאַר, אַז די פּאַסטוכער זאָלן זיי פיטערן, וואו די פּאַשע איז זאַפטיקער, פייכטער, נישט אויסגעטריקנט פון דער זון.

ער האָט אים אַליין באַשטימט אַ געהאַלט און נאָך צוויי וואָכן אָפּ־זײַן, האָט ער אים געהעכערט זײַנע שכירות, טראַכטנדיק, אַז שפּעטער־צו וועט ער אים פרעגן, וויפיל ער וויל און עס וועט פאַר אים גאָרנישט צו טייער זײַן, ווייל ער פאַרדינט זיך זײַן געלט. עס האָט אים בלויז געאַרט, וואָס דער דאָזיקער עקיבא, אַ יידישער בחור מיט אַ פײַן יידיש האַרץ, האָט אַזוי פײַנט תּלמידי־חכמים און רעדט נישט וועגן זיי מיט געהעריקן כּבוד.

ווען ר׳ יוחנן בן זכּאַי איז געשטאָרבן און אַלע ביי אים אין הויז און די אַרומיקע שכנים האָבן געטרויערט, איז עקיבא געבליבן גלייכגילטיק צו דער דאָזיקער טרויעריקער געשעעניש. עס האָט אים נישט גערירט. ער האָט ווייטער געטאָן זײַן אַרבעט, געמאַכט זיך פון האָלץ אַ פייפל און אויסגעשפילט אויף דעם פאַרשידענע ניגונים, וואָס די לוויים האָבן גע־זונגען אַמאָל אין בית־המקדש.

— אַן אומוויסנדיקער מענטש! — האָט כּלבא שבוע אַ מאָך געטאָן מיט דער האַנט אויף אים, זעענדיק איינמאָל עקיבאן זיצן אויף אַ בערגל קעגנאיבער דעם כּנרת און פאַרטראַכטערהייט געשפּילט.

אויך צו רחלען האָט כּלבא שבוע געמאַכט נישט־ווילנדיק אַמאָל אַ באַמערקונג, וואָס האָט זי זייער טרויעריק געמאַכט.

— אַ גרויסער עם־הארץ נעבעך אונדזער נײַער הויפּט־פּאַסטוך — האָט ער צו איר געזאָגט, שפּאַצירנדיק איינמאָל אין פעלד אין אַ פאַר־נאַכט און דערזעענדיק עקיבאן איינעם אַליין אַרומבלאָנדזשען צווישן די תּבואה־זאַנגען אַן אָפּגעגאָסענער מיט דער רויטקייט פון דער פאַרגיי־ענדיקער זון — כ׳האָב געהערט, אַז דו האָסט אים אָנגעהויבן לערנען דעם אלף־בית, מײַן טאָכטער. זייער שיין פון דײַן זײַט. אָבער עס וועט אים שוין גאָרנישט העלפן. ער האָט פײַנט אונדזערע חכמים און ער האָט פײַנט די תּורה. דאַרפסט זיך מיט אים צופיל נישט אָפּגעבן. ווייסט דאָך, וואָס אונדזערע חכמים זאָגן וועגן עם־הארצים...

— כ׳וואונדער מיך אויף דיר, פֿאָטער — האָט רחל אַ באַליידיק־טע צו אים אויסגערופֿן — אונדזער גרויסער הלל הזקן האָט געזאָגט: „זאָלסט נישט אורטיילן דיין נאָענטן, ביז דו אַליין וועסט נישט קומען אויף זיין אָרט״... ס׳איז נישט זיין שולד.

און זי האָט ביי זיך באַשלאָסן פֿאַר יעדן פּרייז עקיבאן איבערצוצייגן, אַז ער זאָל אָנהויבן לערנען. זי האָט פֿאַר אירע אויגן געהאַט אַ גרויס־אַרטיקן ביישפּיל: ר׳ אליעזר בן הורקנוס...

צומאָרגנס איז רחל אויפֿגעשטאַנען אַן אויסגעשלאָפֿענע און אַ מונ־טערע. זי האָט געהאַט ביי זיך אָפּגעמאַכט, אַז היינט וועט זי רעדן מיט עקיבאן. עפּעס האָט זי געהאַט אַ פֿאָרגעפֿיל, אַז פֿון אָט דעם פּראָסטן מאַן קאָן אויסוואַקסן אַמאָל אַ גרויסער מענטש, און זי האָט זיך פֿאַר־נומען מיט אַלע אירע כּוחות צו ווירקן אויף אים, ער זאָל זיך נעמען לערנען. עס זיינען איר געפֿעלן געוואָרן זיינע קלוגע ענטפֿערס, עס האָט אויף איר געמאַכט אַן איינדרוק זיין מענטשלעכער שטאָלץ און זיין עקשנותדיקער ווילן.

— ער איז נישט קיין געוויינלעכער מענטש פּונקט ווי אַלע פּאַס־טוכער, וואָס דינען ביים פֿאָטער — האָט זי אָפּט וועגן עקיבאן געטראַכט.

און אפֿשר איז דאָס געווען די שטאַרקע ליבשאַפֿט, וואָס האָט זיך אין איר האַרץ מיט יעדן טאָג אַלץ מער צעפֿלאַקערט. זי האָט זיין אָנבליק שטענדיק געהאַט פֿאַר אירע אויגן. זי האָט כּסדר געבענקט נאָך אים, און וואָס מער זי האָט געפֿילט, אַז זייער פֿאַראייניקונג איז ווייט, אַלץ מער ליב האָט זי אים געקראָגן.

דער פֿאָטער, דער רייכער און שטאָלצער כּלבא שבוע, האָט זי גע־וואוסט, וועט באַין־אופֿן נישט דערלאָזן, אַז זי זאָל פּפּוסן גאָר אויס־בייטן אויף זיינס אַ פּאַסטוך און דערצו אַזאַ עם־הארץ, אַ האַסער פֿון תּלמידי־חכמים.

זי האָט געזען די איינציקע תּרופֿה אין דעם, אַז זי זאָל באַוועגן עקיבאן אָפּצולאָזן די סטאַדעס שאָף און אָנהויבן לערנען.

מיט דעם דאָזיקן געדאַנק איז זי מונטער און פֿריילעכער געוואָרן. שוין זיבט פֿיל טעג איז זי נישט אַזוי פֿריילעך געווען ווי איצטער אין דעם דאָזיקן ליכטיקן פֿרימאָרגן, ווען זי האָט אָנגענומען דעם פֿעסטן באַשלוס.

— גוט מאָרגן דיר, מיין קינד! — האָט זי כּלבא שבוע באַגריסט, דערזעענדיק זי אין פּאַרק זיצן איינע אַליין אויף דער שטיינערנער ווייַ־סער באַנק. ער האָט דערקענט, אַז אין איר קומט עפּעס פֿאָר אַ געראַנגל. אַזוי פֿיל טעג איז זי אַרומגעגאַנגען אַן אומעטיקע, פֿול מיט טרויער אין

אירע שוואַרצע יידישע אויגן. ער האָט זי נישט געפֿרעגט, מורא האָבנדיק, טאָמער טרעפֿט ער אָן מיט זיין פֿראַגע אויף אַ ווייטיקלעכן פּונקט.

אָבער איצט, דערזעענדיק זי גאָר אַן אַנדערע, ווי עפּעס אַ לייטזעליקע פֿרייד וואָלט געלעגן אויסגעגאָסן אויף איר פּנים, האָט ער זיך דערנעענ־טערט און, אַרויפֿלייגנדיק זיין האַנט אויף אירע אַקסלען, זי געפֿרעגט:

— וואָס קומט פֿאַר מיט דיר, מיין קינד? איך האָב די לעצטע טעג געהאַט אַ סך עגמת־נפֿש צוליב דיר, אַזאַ עצבֿות איז אויף דיין פּנים גע־לעגן אויסגעגאָסן. היינט בין איך אָבער גליקלעך דיך צו זען אַ פֿריילע־כע, אַ שיינענדיקע.

— פֿאַרוואָס, פֿאָטער, זאָלסטו מיך דאָס פֿרעגן? ווייסטו דען אַליין נישט, ווי שטאַרק עס האָט אויף מיר געווירקט דער טויט פֿון אונדזער גרויסן פֿירער, ר׳ יוחנן בן זכאי? ווי האָב איך געקאָנט נישט טרויעריק זיין, ווען עס איז אונדז צוגענומען געוואָרן די ליכט פֿון דער תּורה. אָבער עפּעס זאָגט מיר דאָס האַרץ, אַז גאָט וועט אונדז נישט פֿאַרלאָזן, ער וועט אונדז צושיקן אַ נייַ ליכט, וואָס וועט פֿאַרשיינען דאָס גאַנצע יידישע פֿאָלק — האָט זי מיט אַ סודותפֿולן שמייכל אַרויסגעזאָגט.

— ביסט זייער קלוג, מיין טאָכטער, און איך זע, אַז דו ביסט פֿאַר־שטענדיק ווי אַ מאַן. אליעזר בן הורקנוס און רבי יהושע בן חנניה שיינען ווירקלעך איבער אונדז ווי צוויי זונען אין אַ העלן טאָג.

רחל האָט גאָרנישט געענטפֿערט. זי האָט געפֿלאַטערט אין אירע ווייסע קליידער אויף דער זון ווי אַ זומער־פֿויגעלע. אירע אויגן זיינען אין ריינער שמייכל געווען.

— כ׳וועל אַביסל אין פֿעלד אַרויסגיין, פֿאָטער — האָט זי מיט־אַמאָל אויסגערופֿן — עס איז אַזוי שיין אינדרויסן און כ׳האָב ליב דאָס פֿעלד, כ׳האָב ליב צו זען, ווי די זאַנגען וואַקסן, ווי די כוואַליעס פֿאַלדן זיך אויפֿן כּנרת.

— גיי, מיין קינד — האָט כּלבא שבֿוע, שמעלצנדיק זיך אינגאַנצן פֿון נחת, איר געזאָגט — נאָר זוים זיך נישט דאָרט.

זי האָט מיטן אויסגעטראָטענעם שמאָלן וועגל צווישן די תּבֿואה־זאַנגען פּאַמעלעך געשפּאַצירט, פֿאַרנעמענדיק זיך אין דער ריכטונג, וואו די פּאַסטוכער פּאַשען זייערע שעפּסן. עס איז שוין חודש אלול. פֿון אלול הייבן די פּאַסטוכער אָן אַרויסטרייבן זייערע סטאַדעס שאָף און רינדער אין די פֿרימאָרגנס. די זון בריט שוין נישט אַזוי שטאַרק און די נעכט זיינען שוין קאַלטע.

פֿון דערוווייטנס נאָך האָט זי עקיבאן באַמערקט. ער איז געזעסן אויף אַ בערגל און ווי געווייגלעך אויף זיין פֿייפֿל געשפּילט. ער האָט אַכטונג געגעבן אויף די פּאַסטוכער, ווי זיי שערן די וואָל פֿון די שעפּסן.

ווען ער האָט דערזען רחלען אָנקומען, האָט ער זיך אויפֿגעשטעלט און איר אַנטקעגנגעגאַנגען.

— זיי געגריסט, מיין האַרינטע! ביסט געקומען זען, ווי מען שערט די וואָל פֿון די שאָף? קום, וועל איך דיר ווייזן.

און זיינע ווייסע געזונטע ציין האָבן שמייכלענדיק אַ בלישטש געטאָן, זיין ברוין באַבערדלט פּנים האָט היינט עפּעס אַזוי פֿיין געלויכטן. אַזוי האָט זיך רחלען אויסגעוויזן. אַלץ האָט זיך איר אויסגעוויזן איצט אַזוי שיין און אַלע מענטשן גוט.

— ניין, עקיבא. איך בין נישט געקומען זען, ווי מען שערט די וואָל פֿון די שאָף. איך בין געקומען דיך זען...

ביי עקיבאן האָט דאָס האַרץ אָנגעהויבן קלאַפּן, און ער האָט נישט געפֿונען דאָס ריכטיקע וואָרט וואָס איר צו ענטפֿערן.

ער האָט זי אָנגעקוקט פֿאַרוואונדערט און האָט געוואָלט פֿון איר פּנים אַראָפּלייענען דאָס רעטעניש: „מיך איז זי געקומען זען...“

אַ לאַנגע ווײַלע האָט אַזוי אָנגעהאַלטן די שטילקייט, ביז רחל האָט די ערשטע אָנגעהויבן רעדן.

— עקיבא, איך בין מיט דיר געקומען איבערשמועסן וועגן אַ זאַך און איך בעט דיך, נייג־צו דיין אויער צו מיינע רייד.

— כ׳בין גרייט, מיין האַרינטע.

— זאָג מיר נישט, איך בעט דיך, "האַרינטע"...

— כ׳בין גרייט צו הערן, רחל — האָט עקיבא געהאַרכזאַם אויסגעבעסערט.

ביי דעם וואָרט „רחל“ האָט ער אַ ציטער געטאָן און דאָס אַרויסזאָגן איר נאָמען האָט אים אַ גרויס פֿאַרגעניגן פֿאַרשאַפֿט.

— מיר טוט וויי דאָס האַרץ פֿאַר דיין אומוויסנקייט, עקיבא, דו ביסט אַ מענטש, וואָס גאָט האָט דיך געבענטשט מיט שכל. ווי מ׳האָט מיר איבערגעגעבן, קומסט אין דער זעלבער געהיימער חברותא וואָס איך. דאָס מיינט, אַז מיר ביידע האָבן איין זינען איין זאַך: די אויפֿלעבונג פֿון אונדזער לאַנד און די אויפֿריכטונג פֿון ירושלים... האָסט ביי מיר זייער פֿיל געוואונען דערמיט; דו האָסט ליב אונדזער פֿאָלק און האָסט פֿיינט די רוימער.

— ס׳איז אמת, מיין... ס׳איז אמת, רחל... — האָט עקיבא זיך פֿאַרשעמט, וואָס ער האָט זי ווידער שיער נישט אָנגערופֿן „האַרינטע“ — איך

האָב ליב מיין לאַנד, מיין פֿאָלק, און איך וואָלט געוואָלט טאָן פֿאַר זיי אַלץ, וואָס ליגט נאָר אין מיינע כּוחות...

— כּוח ליגט אין וויסן, און דו ווייסט גאָרנישט, עקיבא. איך גלויב אין דיין צוקונפֿטיקן כּוח, דאַרפֿסט נאָר לערנען, לערנען.

עקיבא האָט געשוויגן. ער האָט זיך פֿאַרטראַכט איבער אירע רייד.

— פֿאַרוואָס, עקיבא, באַמערק איך גאָרנישט ביי דיר קיין טרויער נאָכן טויט פֿון אונדזער גרויסן גייסטיקן פֿירער, ר׳ יוחנן בן זכּאי? דאָס גאַנצע פֿאָלק טרויערט, בלויז דו אַליין נישט — האָט רחל ווייטער צו אים גערעדט.

— איך קאָן נישט טרויערן אויפֿן טויט פֿון אַ מאַן, וואָס האָט אוועקגעגעבן זיין לעבן אויף זאַכן, וואָס האָבן נישט קיין ממשות. ער האָט געווירקט אויף זיינע אַנהענגער, אַז זיי זאָלן זיך פֿאַרנעמען מיט ענינים, וואָס ברענגען דעם פֿאָלק נישט קיין נוצן. זיי האָבן זיך אָפּגעשיידט פֿון אונדז מיט זייער קעגנערשאַפֿט צום קאַמף מיט די רוימער.

— דו רעדסט אַזוי, ווייל דו האָסט נישט געלערנט. גאָט האָט געגעבן צו משה רבינו די תּורה אויפֿן באַרג סיני, ער האָט זי איבערגעגעבן צו יהושע, יהושע צו די זקנים, די זקנים צו די נביאים און די נביאים צו די תּלמידי־חכמים. זיי, די תּלמידי־חכמים, טראָגן אין זיך די תּורה, און דאָס איז דער כּוח פֿון יידישן פֿאָלק. מען האָט ביי אונדז אַלץ צוגענומען, די יידישע מלוכה איז געפֿאַלן, גאָטס הויז איז פֿאַרברענט, דער גייסט פֿון די נביאים איז נישטאָ מיט אונדז, געבליבן איז אונדז בלויז די תּורה, און אייביק וועט זי מיט אונדז בלייבן. אַ גרויסע זאַך האָט ר׳ יוחנן בן זכּאי אויפֿגעטאָן. דו ווייסט ערשט דעמאָלט פֿאַרשטיין, ווען דו וועסט לערנען די תּורה. איך גלויב אין דיינע כּוחות, עקיבא. מיט דיין לערנען וועסטו פֿיל נוצן ברענגען דיין פֿאָלק. פֿאַרלאָז די סטאַדעס שאָף פֿון מיין פֿאָטער און גיי, ווער אַ פֿאַסטוך פֿון אונדזער פֿאָלק ישראל — איז רחל אַריינגעפֿאַלן אין עקסטאַז. די אויגן האָבן געשפּריצט מיט פֿונקען און אויף איר גאַנץ פּנים איז געלעגן אויסגעגאָסן איין געבעט צו עקיבאן: גיי לערנען, און עס וועט אונדז ביידן גוט זיין...״

— אָ, רחל — האָט עקיבא אויסגערופֿן און טרערן זיינען אים געשטאַנען אין די אויגן פֿון געריהרטקייט — רחל, דו טרייבסט איבער מיינע כּוחות, איך בין גאָרנישט אַזוי שטאַרק, ווי דו לייגסט אויף מיר דיין האָפֿנונג. ווי זאָל איך איצטער, אַ מאַן פֿון פֿערציק יאָר, אָנהויבן לערנען, ווען איך האָב אין מיין יוגנט קיינמאָל נישט געלערנט?

— וועסט קאָנען, עקיבא, וועסט קאָנען. איך זע דיך יעדן טאָג ביי דער אַרבעט, איך זע דיין פּינקטלעכקייט, איך זע דיינע איינפֿאַלן ווי אַזוי

די אַרבעט אויסצובעסערן, צו פֿאַראײנפֿאַכן. גײ און לערן, עקיבא, און װעסט נאָך אַמאָל זײן אַ גרויסער מענטש בײ ײדן!

— אויב איך זאָל מיך װידמען װי דו פֿאַרלאַנגסט, צו לערנען תורה, — האָט עקיבא, נאָכדענקענדיק אַביסל, צו איר געזאָגט — דאַרף איך מיך דאָך איבערגעבן דערצו מיט מײן גאַנץ לײב און לעבן, דעמאָלט מוז איך פֿאַרלאָזן מײן שטעלע, װאָס דערפֿון לעב איך און צי מײן חיונה, װאָס װעל איך האָבן דערפֿאַר?

— כבוד און ליבע־געזאַנגען און אַ גוטן נאָמען אויף דער װעלט אויף דור־דורות! — האָט אים רחל מיט אַ גליקלעכן שמײכל געענטפֿערט.

— אָבער די אַלע גוטע זאַכן — האָט עקיבא מיט אַ געזונטן האַר־ציקן געלעכטער אָפּגעענטפֿערט — זײנען נאָך אַלץ נישט גענוג זאַט צו מאַכן דעם הונגעריקן גוף...

רחל האָט אים גאָרנישט געענטפֿערט, בלויז אַ שמײכל געגעבן און זי איז אַװעק פֿון אים אַ צופֿרידענע מיט איר ערשטן שמועס. אַ גליקלעכע און שײנענדיקע פֿון פֿרײד איז זי אַנגעקומען אַהײם.

עקיבא איז פֿון דעם טאָג אָן, װאָס ער האָט געהאַט דאָס געשפּרעך מיט רחלען, געװאָרן גאָר אַן אַנדערער מענטש. די גוטע רײד פֿון דעם מײדל האָבן געמאַכט אויפֿציטערן זײן האַרץ. אַ גאַנצע איבערקערעניש איז אין זײן מוח פֿאָרגעקומען. ער האָט אָנגעהויבן טראַכטן. עפּעס נײע געדאַנקען זײנען אים געקומען אין קאָפּ אַרײן, געדאַנקען, װאָס ער האָט גאָר קײנ־מאָל נישט געטראַכט װעגן זײ. ער האָט װײטער אויסגעפֿירט זײן אַר־בעט בשלימות, אָבער זײן קאָפּ איז שוין נישט געװען דערבײ. ביז איצט האָט ער געהאַט פֿאַר זיך בלויז אײן ציל: אָנזאַמלען אַביסל געלט, קויפֿן זיך אַלײן אַ שטיקל פֿעלד און װערן פֿאַר זיך אַ באַלעבאָס.

פֿון דעם טאָג אָן האָט זיך בײ אים אין מוח אַלץ איבערגעמישט. ער האָט אָנגעהויבן פֿרימער צו דאַװנען, אָבער ער האָט גאָרנישט פֿאַר־שטאַנען, װאָס ער זאָגט, װאָרים זײן שפּראַך איז געװען אַראַמיש. ער האָט זיך איצט דערמאָנט, װי זײן חבר עזריה פֿלעגט אים נאָכזאָגן אַ װערטל פֿון די חכמים: „אַן עם־הארץ קאָן נישט זײן קײן חסיד”...

עס האָט אים נאָך איצט פֿאַרדראָסן די דאָזיקע מײנונג פֿון די חכמים, און ער האָט דערמאָנט זײער נאָמען מיט האַס.

פֿיל פֿראַגן האָבן אים איצטער געמאַטערט, װאָס ער האָט זײ נישט געקאָנט פֿאַרענטפֿערן, װײל עס האָט אים געפֿעלט װיסן, און ביסלעכװײז האָט זיך בײ אים אָנגעהויבן דערװעקן אַ גרויסער חשק צו לערנען.

אויך רחלען האָט באַהערשט אַן אומרואיק געמיט. זי האָט געפֿילט, אַז מיט יעדן טאָג דערנעענטערט זיך דער מאָמענט, װען עס װעלן מיט

איר פאַסירן וויכטיקע געשעענישן. זי האָט מער אירע געפֿילן צו עקיבאן נישט געקאָנט באַהאַלטן. זי האָט געהאַט ביי זיך פֿעסט באַשלאָסן, אַז ביים קומענדיקן געשפּרעך וועט זי מיט אים רעדן ערנסטע רייד. זי קאָן נישט מער אונטערדריקן אין זיך דאָס ליבע־געפֿיל צו דעם שיינעם, שטאָלצן בחור. ווען זי שליסט די אויגן אירע, זעט זי זיין הויכע, גלייכע געשטאַלט, די פֿלאַמענדיקע אויגן, זיין גלאַטע, ברוינע הויט פֿון געזיכט, וואָס איז מיט דעם געדיכטן שוואַרצן בערדל אַרומגענומען.

ווי אַ פּרינץ האָט ער ביי איר אין די אויגן אויסגעזען. זי האָט ליב געהאַט זיך צוצוקוקן, ווי ער גיט זיינע באַפֿעלן צו די פּאַסטוכער, ווי ער פֿירט מיט זיי אָן ביי דער אַרבעט.

— אַ געבוירענער הערשער! — האָט זי מיט ליבע געטראַכט וועגן עקיבאן.

זי האָט זיך בלויז געשראָקן פֿאַר איר פֿאָטער. ער וועט זיכער נישט דערלאָזן אַזאַ שריט צו מאַכן. וואָס קאָן ער דען ווער דען ווי וויסן וועגן עקיבאן? ער זעט אין אים בלויז דעם פּאַסטוך, דעם עם־הארץ, דעם אומוויסנדיקן מאַן, וועלכער קאָן קיין פּרשה אין דער תורה נישט לערנען. ער קאָן נישט אַזוי פֿילן און דורכקוקן עקיבאס האַרץ, ווי זי טוט דאָס...

— עס וועט זיין מיט אים אַ שווערע מלחמה! — האָט זי געטראַכט. און דאָס האָט זי זייער טרויעריק געמאַכט.

זי פֿלעגט אַ גאַנצן טאָג אָפּזיצן אין דעם פֿאָטערס פּרעכטיקן פּאַרק לעבן באַסיין. זי פֿלעגט זיך צוקוקן, ווי די פֿאָנטאַנען שפּריצן מיט גאָלדענע און פֿייערדיקע פֿונקען קעגן דער זון. זי האָט זיך אין די פֿרימאָרגנס צוגעהערט צום צוויטשערן פֿון די פֿייגל צווישן די צווייגן. אין די פֿאַרנאַכטן האָט זי באַוואונדערט דעם שניי־ווייסן שפּיץ פֿון חרמון, ווי ער רויטלט זיך אין דעם זון־פֿאַרגאַנג. עס דאַכט זיך איר איצט, אַז זי זעט דאָס אַלץ צום ערשטן מאָל.

איינמאָל אין אַזאַ פֿאַרנאַכט האָט זי אָוועקגעשפּאַצירט מיט דער סטעזשקע פֿון פּאַרק, וואָס האָט געפֿירט צום כנרת. זי האָט געבלאָנדזשעט צווישן די ביימער־געדיכטענישן. פֿאַר די אויגן האָבן די אָפּשלאָגנדיקע שטראַלן צווישן די צווייגן געבלענדט, אַז זי האָט זיי אויף אַ מאָמענט געמוזט פֿאַרמאַכן. אָט איז איר באַליבטער ברייט־צעצווייגטער איילבירטן־בוים, אונטער וועלכן זי האָט שטענדיק אַזוי ליב צו זיצן איינזאַם און טראַכטן אירע מיידלשע געדאַנקען. זי האָט זיך אַנידערגעזעצט אויפֿן גראָז און געקוקט, ווי די כוואַליעס שפּילן זיך לעבן ברעג און פֿלאַטערן ווי מיט אַ ווייסלעך־ראָזן שפּינוועבס פֿאַרצויגן.

און מיטאַמאָל, ווען זי הויבט אויף אירע אויגן, דערזעט זי עקיבאן שטיין לעבן איר.

— זיי מיר מוחל, רחל — ציטערט אַרויס עקיבא מיט זיינע ליפּן די עטלעכע ווערטער — וואָס איך שטער דיר אין דיין איינזאַמקייט. אָבער דאָס איז נישט מיין שולד. דאָס האָסטו מיך נעכטן מיט דיינע רייד אומרואיק געמאַכט. האָסט אין מיר אויפגעוועקט פראַגן, וואָס איך קאָן נישט פאַר־ענטפערן. איך וואָלט דיך זייער געבעטן, זאָלסט מיר, למשל, פאַרענטפערן די דאָזיקע פראַגע: פאַרוואָס ליידט אונדזער פאָלק מער פון די אַנדערע פעלקער? מיט וואָס זיינען אונדזערע זינד גרעסער פון זייערע? פאַר־ענטפער מיר דאָס, רחל...

— ס'איז טאַקע אמת, עקיבא, וואָס דו זאָגסט. דאָס יידישע פאָלק האָט שוין זייער פיל מאָל געליטן, אַ סך מאָל באַצווינגען געוואָרן פון זיינע שונאים, אָבער שטענדיק איז עס צוריקגעקומען צום לעבן און עס איז נישט אונטערגעגאַנגען. מיר זיינען קיינמאָל נישט אַזוי באַשטראָפט געוואָרן ווי אונדזערע רשעותדיקע באַצווינגער. זיי זיינען סוף כל סוף אַלע אויסגעראָטן געוואָרן און מען געדענקט זיי נישט מער, און מיר וועלן אויך אונדזערע היינטיקע שונאים, די רוימער, איבערלעבן. ווען רוים וועט שוין מער נישט עקזיסטירן, וועלן מיר נאָך זיין. מיר גייען טאַקע דורך פיל צרות און פיין, אָבער עס איז אונדז געשאָנקען געוואָרן פון גאָט דער שטאַרקער כוח דאָס אַלץ אויסצוטראָגן און איבערצוהאַלטן, ווייל פונקט ווי די יסורים לייטערן דעם איינצלנעם מענטש, אַזוי לייטערן זיי אויך אַ גאַנץ פאָלק.

— דו רעדסט ווי אַ נביאה, רחל — האָט עקיבא, באַצויבערט פון אירע רייד, אַרויסגעמורמלט — איך וועל דיך איצט אין אַלץ פאָלגן: אַזאַ יידישע טאָכטער ווי דו ביסט, מוז מען פאָלגן... אָבער זאָג מיר נאָך איין וואָרט, רחל, פאַרוואָס זיינען מיר ביידע נישט געבוירן געוואָרן אין דער צייט, ווען אונדזער פאָלק האָט געלעבט אין גליק און פרידן, נאָר מיר זיינען געקומען אויף דער וועלט אין אַזאַ שרעקלעכער צייט!...

— איך קאָן דיר בלויז איין ענטפער געבן דערויף: גיי און לערן די תורה...

— וועל איך אויף דעם אין דער תורה געפינען אַן ענטפער? — האָט עקיבא תמימותדיק געפרעגט.

— אַלץ געפינט מען אין דער תורה. לערנען מאַכט קלוג, פון לערנען שאַרפט זיך דער מוח און מען פאַרשטייט איין זאַך פון דער אַנדערער אַרויס.

— אַ וואונדערלעכע זאַך די תורה — האָט עקיבא געשעפּטשעט שטיל. — אַזוי פיל חכמה געפינט זיך אין איר...

— יאָ — האָט אים רחל צוריקגעענטפֿערט שטיל.

אַ צווײטשער פֿון אַ פֿויגל האָט זײער געשפּרעך איבערגעריסן.

— זעסט, אַפֿילו די פֿייגל לויבן גאָט, ערשט װיפֿיל דאַרף דער מענטש זײַן דאַנקבאַר גאָט פֿאַר דער חכמה, וואָס ער האָט אין אים אַרײַנגעגעבן און דערמיט אים אונטערשיידט פֿון דער בהמה...

אַ שטילקייט איז אַרײַנגעטראָטן צווישן זײ בײדע. עקיבא האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד און מיט די הענט זײַנע פֿיס אַרומגענומען, דעם קאָפּ אַראָפּגעזונקען און זיך לאַנג, לאַנג װעגן עפּעס פֿאַרטראַכט.

ער האָט זיך דערמאָנט אָן רמלה, ווען ער האָט דאָס דאָזיקע וואונדערלעכע מײדל צום ערשטן מאָל דערזען, ווי ער איז אינגאַנצן געפֿאַנגען געוואָרן פֿון איר. עס איז אים אויך געקומען אויפֿן רעיון די רייד פֿון זײַן חבר עזריה.

— ער איז עלטער פֿון מיר, עזריה, אָבער אין זאַכן פֿון האַרץ און נשמה ביי יונגע מענטשן ווייסט ער גאָרנישט...

עקיבא האָט אינסטינקטיוו דערפֿילט די וואַרעמקייט, וואָס עס פֿליסט אויף אים פֿון דעם מײדלס רייד. ער האָט נאָך קלאָר נישט געוואוסט, מיט וואָס עס וועט זיך ענדיקן די דאָזיקע דערנעענטערונג זײערע. אָבער עס איז אים גוט געווען. ער האָט געפֿילט, ווי אַלע ליכטזעליקייטן פֿון הימל האָבן אויף אים אַראָפּגענידערט און ער האָט ווי דער פֿויגל צווישן די צווייגן געמורמלט אַ דאַנק־תּפֿילה צו גאָט.

— ווען איך קאָן געפֿינען אַזאַ גוטע פֿרוי ווי דו ביסט, רחל... — האָט עקיבא אָנגעהויבן צו שטאַמלען — וואָס זאָל מיך ליב האָבן און שטיין לעבן מיר צו הילף, דעמאָלט וואָלט איך קיין מורא נישט געהאַט פֿאַר אָרעמקייט, פֿאַר הונגער, טאָג־טעגלעכע דאגות און איך וואָלט מיך מיט מײַן גאַנץ וועזן איבערגעגעבן צום לערנען... — האָט עקיבא מיט טרערן אין די אויגן שטיל גערעדט — איך וואָלט געוואָלט, אַז מײַן ווייב זאָל זײַן געראָטן אין דיר...

— און איך... — האָט רחל אָפּגעהאַקט — און איך, ווען איך ווייס, אַז דו וועסט ווערן מיט דער צייט איינער פֿון די יידישע חכמים, וועסט ווערן אַ גרויסער געלערנטער, וואָלט איך דיך נישט אָפּגעשטויסן...

—און אויב אַפֿילו איך זאָל לערנען און דאָך קיין גרויסער תּלמיד־חכם נישט ווערן ביי יידן?... — האָט עקיבא געפֿרעגט, אויפֿהויבנדיק מיט געבעט זײַנע אויגן צו איר.

זײַן פּנים איז געווען ערנסט און ער איז אַזוי שיין געווען איצט, די אויגן האָבן געגלאַנצט מיט אַ געטלעכן פֿונק. ער האָט געקוקט אויף דעם

וואונדערלעכן מיידל, וואָס ער האָט זי פֿאַרגליכן אַמאָל מיט שולמית, שלמה המלכס געליבטע, און געוואָרט אויף איר ענטפֿער...

— אויב דו וועסט מיר צוזאָגן, אַז דו וועסט דיך ווידמען מיטן גאַנצן האַרץ און מיט דיין גאַנץ וועזן צו לערנען תּורה, איז אַפֿילו דו וועסט נישט ווערן קיין גרויסער געלערנטער ביי יידן, וועל איך דיך אויך נישט אָפּשטויסן...

— רחל!... — האָט עקיבא אויסגערופֿן מיט גרויס באַגייסטערונג און ער האָט אויסגעצויגן זיין שטאַרקן אָרעם, צו נעמען איר האַנט אין זיינער.

— גיי, רעד מיט מיין פֿאָטער!... — האָט דאָס מיידל קורץ געענט־פֿערט און זי האָט זיך אויפֿגעהויבן און שנעל אַוועק פֿון אים...

עקיבא איז געבליבן שטיין ווי אַ צוגעשמידטער צו זיין פּלאַץ. ער האָט זיך באַין־אופֿן נישט געקאָנט אָפּגעבן קיין רעכנונג, וואָס מיט אים איז דאָ געשען. איז עס נישט אַמאָל בלויז אַ חלום, וואָס ער חלומט... איז עס טאַקע מעגלעך, אַז אָט דאָס שיינע מיידל, וואָס האָט אים אַזוי באַצויבערט, ווען ער האָט זי צום ערשטן מאָל געזען אין רמלה, וויל מיט אים חתונה האָבן?...

— ניין, עס איז אוממעגלעך. עס איז אַ צו גרויס גליק פֿאַר מיר!... — האָט עקיבא מיט די ליפּן צו זיך אַליין געמורמלט, קוקנדיק אין דער טונקלקייט פֿון דער נאַכט, וואָס האָט זיך אַרום אים אויסגעשפּרייט — וואָס וואָלט דערצו מיין חבר עזריה געזאָגט...

עס איז דאָך אָבער פֿאַרט אמת. ער האָט עס דאָך געהערט פֿון איר אייגן מויל: „אויב אַפֿילו דו זאָלסט נישט ווערן אַ גרויסער געלערנטער ביי יידן, וועל איך דיך אויך נישט אָפּשטויסן...”

עקיבא איז די נאַכט געווען פֿול מיט גליק. ער איז אַרויסגעקומען אויפֿן אָפֿענעם פֿעלד. אַרום אים איז פֿינצטער. דער הימל איז פֿאַרזייט מיט בלישטשענדיקע שטערנדלעך. עקיבא איז פֿאַרגאַנגען אין אַ געזאַנג, וואָס האָט זיך אָפּגעשלאָגן אין אַלע זייטן פֿון דער וועלט; פֿון צפֿון און דרום, פֿון מזרח און מערב זיינען צוריקגעקומען צו אים די ווידער־קולות פֿון זיין געזאַנג וועגן גליק און האָבן ביי אים אין האַרץ אָפּגעשאַלט.

„האָסט ס'האַרץ מיר געפֿאַנגען, שוועסטער מיין כּלה, האָסט ס'האַרץ מיר געפֿאַנגען מיט איינעם פֿון דיינע בליקן...”

ער איז אַ פֿאַרשיכּורטער אַריינגעקומען אין זייןביידל און אויפֿן געלעגער זיך אַנידערגעוואָרפֿן. אַ פֿרייד האָט געשפּאַרט פֿון אַלע זיינע גלידער, עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער האָט דעם בעסטן וויין אויסגע־טרונקען. דער קאָפּ זיינער פֿליט ערגעץ הויך, הויך אַוועק אין ווייטע

פֿאַנטאַסטישע לענדער. פֿאַר גרויס שמחה האָבן ביי אים פֿון די אויגן זיך אָנגעהויבן גיסן טרערן. אָבער די טרערן זיינען געווען פֿון גרויס גליק און פֿרייד.

ווען ער האָט זיך אַביסל באַרואיקט, האָט אים אַן אַנדערער געדאַנק אָנגעהויבן שפּאַרן אין קאָפּ אַריין: „אָט איז ער איצט אַן אָרעמאַן און באַלד וועלן אַלע פֿעלדער און ווייַנגערטנער, שאָף און רינדער צו אים געהערן. ער וועט זיין רייך און ער וועט זיך ערשט דעמאָלט קאָנען אָפּגעבן מיט לערנען גאָטס תורה". אָבער באַלד האָט ער פֿאַרטריבן פֿון זיך דעם דאָזיקן געדאַנק.

— וואָס האָט דען דאָס אַלץ פֿאַר אַ ווערט אין פֿאַרגלייך מיטן הימלישן מיידל, וואָס האָט איינגעשטימט צו ווערן מיין ווייב — האָט ער געטראַכט.

אָבער פּלוצלינג איז זיין גאַנצע פֿרייד פֿאַרשטערט געוואָרן און פֿאַר זיינע אויגן איז אויפֿגעשוואומען דאָס געשטאַלט פֿון זיין באַלעבאָס, כּלבא שבוע. ער האָט אים איצט געזען, פּונקט ווי אין יענעם טאָג, ווען ער איז אָנגעקומען פֿון רמלה: אָנגעטאָן אין זיין רויט־זיידענער אַבאַיע. אַ פֿעטער, דאָס ברייטע פּנים פֿון אַן עושר, מיט זיין געדיכטער שוואַרצער באָרד אויף דער ברוסט אָפּגעלייגט.

אַ, ניין, דאָס גליק זיינס איז גאָרנישט אַזוי נאָענט ווי ער האָט פֿריער געמיינט. עס איז איצט אַזוי ווייט, ווי נאָך קיינמאָל נישט. כּלבא שבוע וועט אים, דעם אומוויסנדיקן פּאַסטוך, פֿאַר קיין איידעם נישט נעמען. רחל איז זיין איינציקע טאָכטער, ער האָט זי ליב דאָס לעבן, און אויך זי האָט ליב דעם פֿאָטער. זי וועט דאָך אים צוליב אַן אָרעמען און אומוויסנדיקן פּאַסטוך קיין עגמת־נפֿש נישט וועלן פֿאַרשאַפֿן...

דאָס האַרץ הויבט אים אָן קלאַפּן, ווען ער שטעלט זיך פֿאָר, אַז ער וועט דאַרפֿן רעדן מיט כּלבא שבוען. „ער וועט דאָך מיינען, אַז איך בין משוגע געוואָרן! ער וועט מיך פֿאַרטרייבן פֿון מיין שטעלע מיט חרפּה און שאַנד"...

אָט אַזוי האָבן זיינע געדאַנקען געשטורעמט ביי אים אין מוח און געביטן זיך פֿון רגע צו רגע, ווי עס וואַרפֿט איינעם פֿון היץ אין קעלט, ביז ער איז אַ מידער און אויסגעמאַטערטער איינגעשלאָפֿן.

צומאָרגנס איז עקיבא ווידער אַן אויסגעשלאָפֿענער און אַ רואיקער צו זיין אַרבעט געגאַנגען. ער האָט זיך געפֿילט גאָר אַן אַנדערער מענטש. ער איז שוין נישט מער אַליין אויף דער וועלט. עס איז דאָ אַ טייערע וועזן, וואָס טראַכט וועגן אים און זאָרגט פֿאַר אים, און דאָס האַרץ זיינס האָט זיך אָנגעפֿילט מיט גליק.

עקיבא האָט אַ סך מאָל געזען זיין באַלעבאָס אין פֿעלד, באַגריסט זיך מיט אים, אָבער ער האָט זיין טייערן סוד אין זיך געטראָגן. ער האָט נישט געהאַט די דרייסטקייט צו אים צוצוגיין. ער האָט זיין אַרבעט אָפּגעהיטן ווי שטענדיק. מיט רחלען האָט ער מער נישט גערעדט, ווייל ער האָט זי כּמעט נישט באַגעגנט, בלויז פֿון דערווייטנס פֿלעגט ער זי זען און אויפֿכאַפּן איר וואַרעמען בליק. איז ער דערמיט אַליין שוין געווען גליקלעך ביז גאָר.

קיין רו האָט אָבער עקיבא שוין נישט געהאַט. די טעג זיינען ביי אים נאָך ווי עס איז אַריבער גלאַט, ער איז פֿאַרטאָן געווען אין זיין אַרבעט און באַמיט זיך צופֿיל נישט צו טראַכטן. אָבער די נעכט זיינען פֿאַר אים געווען אַן אמתע אָפּקומעניש. ער איז גאַנצע שעהן געלעגן וואַך אויף זיין געלעגער און ווידער זיינען די ווידערשפּרעכנדיקסטע געדאַנקען אים אין קאָפּ געקראָכן. דאָ האָט ער זיך געזען דער גליקלעכסטער מאַן אין דער וועלט, דאָ איז ער פּלוצלינג געוואָרן פֿאַרביטערט און אַ וויייטיק האָט אים אין האַרץ געמאַטערט.

ביז איינמאָל אין אַ פֿרימאָרגן, ווען ער איז אַרויסגעגאַנגען אין פֿעלד צו זיין טאָג־טעגלעכער אַרבעט, איז עס געשען. עס איז געווען נאָכן יום־טוב סוכּות. באַלד וועלן זיך אָנהויבן די גרויסע רעגנס אין לאַנד. מען האָט געמוזט די גאַנצע תּבואה איינזאַמלען אין די שייערן, אָנגרייטן פֿיטערונג פֿאַר די שאָף אויף די טעג, ווען מען וועט זיי נישט קאָנען אַרויסטרייבן אין פֿעלד אַריין. מען האָט געמוזט אַראָפּנעמען די וויינטרויבן, וואָס זיינען נאָך אין פֿולע הענגלען ווי אייטערס מיט וויין געהאָנגען אויף די ביימלעך. עקיבא איז געווען געוואַלטיק באַשעפֿטיקט און ער איז צופֿרידן געווען, וואָס דער טאָג צו רעדן מיט כּלבא שבוען ווערט כּסדר אָפּגעשטופּט.

אין אַזאַ פֿרימאָרגן האָט זיך עקיבא גראָד באַגעגנט פּנים אל פּנים מיט זיין באַלעבאָס, וועלכער איז געקומען זען, ווי די אַרבעט גייט־צו, וואָרים ער האָט מורא געהאַט פֿאַר די אָנקומענדיקע רעגנס.

דער באַלעבאָס האָט זיך צוגעקוקט צו די ענערגישע באַפֿעלן פֿון עקיבאן און ווי די דינער און דינסטן אַרבעטן שנעל אונטער זיין אויפֿזיכט. ער איז אַזוי צופֿרידן געווען פֿון זיין נייעם אויפֿזעער, אַז ער האָט זיך צו אים דערנעענטערט און פֿריינטלעך אים אַרויפֿגעלייגט די האַנט אויפֿן אַקסל.

— איך בין זייער צופֿרידן מיט דיר, עקיבא — האָט כּלבא שבוע מיט זיין ברייטן גבֿירישן שמייכל צו אים אויסגערופֿן — דו אַרבעטסט געטריי פֿאַר מיר, היטסט אָפּ מיין פֿאַרמעגן. אָט אַזעלכן ווי דו האָב איך טאַקע שטענדיק געזוכט, און איך בין דאַנקבאַר מיין שכן הורקנוס, וואָס ער האָט

דיך אויסגעפֿונען. אײגנטלעך, האָט מײן טאָכטער דיך געפֿונען. זי האָט דיך דערזען אין רמלה, האָט זי מיר שפּעטער דערצײלט, און הורקנוסן אויף דיר אָנגעוויזן...

עקיבאן איז די רגע אַ ליכט אויפֿגעגאַנגען אין די אויגן. עס האָט אים אַ געוואַלטיקע פֿרייד פֿאַרשאַפֿט, וואָס דאָס מײדל האָט אים פֿון דער ערשטער מינוט אָן אויסגעקליבן. עס איז איצט פֿאַר אים לעבעדיק גע־שטאַנען דאָס בילד פֿאַר די אויגן, ווען ער האָט זי דערזען דעמאָלט אין פֿעלד און זי האָט לײטזעליק צו אים געשמײכלט.

— וואָס האָסטו זיך אַזוי פֿאַרטראַכט, עקיבא? — האָט כלבא שבוע לײכט געחוזקט פֿון זײן פֿאַסטוכס מאָדנער האַלטונג — טראַכסט וועגן מהות פֿון דער וועלט?...

עקיבא האָט אויף דעם לײכטן שפּאַס פֿון זײן באַלעבאָס גאָרנישט געענטפֿערט. ער האָט בלויז געוואַרט, וואָס ער וועט ווײטער זאָגן, וואָרים ער האָט דערקענט אָן דער מינע פֿון זײן פּנים, אַז ער וויל מיט אים וועגן עפּעס רעדן.

כלבא שבוע האָט אים נאָך אַ רגע באַטראַכט און אָנגעהויבן:

— נו, איצט קאָנסטו מיר שוין זאָגן, עקיבא, וויפֿיל דו פֿאַרלאַנגסט פֿאַר דײן אַרבעט. איך בין מיט דיר זײער צופֿרידן און ס׳וועט פֿאַר מיר גאָרנישט זײן צו טײער...

עקיבא האָט אויפֿגעציטערט.

„איצט איז געקומען דער מאָמענט צו רעדן!“ — איז אים דורכן קאָפּ ווי אַ בליץ דורכגעלאָפֿן — איצט אָדער קײנמאָל נישט.

עקיבא איז רויט געוואָרן און קוים אַרויסגעשטאַמלט:

— מײן האַר, האָסט מיר שוין אײנמאָל געשטעלט די דאָזיקע פֿראַגע. דאָס איז געווען אין דעם ערשטן טאָג, וואָס איך בין אָנגעקומען צו דיר. אין דעם זעלבן מאָמענט, ווען דו האָסט מיך געפֿרעגט וויפֿיל איך וויל פֿאַר מײן אַרבעט, איז גראָד אַרײנגעקומען דײן טאָכטער רחל. ווען איך האָב זי דערזען, האָב איך מיר געטראַכט אין מײן האַרץ: „אָ, ווען איך קאָן דיר אַזוי ענטפֿערן, ווי ס׳האָט געענטפֿערט אונדזער פֿאָטער יעקב: כ׳וועל אַרבעטן בײ דיר זיבן יאָר פֿאַר דײן טאָכטער רחל... און איצטער, מײן האַר, קאָן איך עפּעס אַנדערש בײ דיר אַ חוץ דעם נישט בעטן...

דאָ האָט ער זיך פֿאַרהאַקט און נישט געקאָנט ווײטער רעדן. אָבער ווען כלבא שבוע איז געבליבן שטײן קאַלט, מיט אַ מינע פֿון דערשטוינונג אויף זײן פּנים און גאָרנישט געענטפֿערט, האָט עקיבא זיך אָנגענומען מיט מוט און ווײטער גערעדט:

— כ׳האָב צו דיר, מיין האַר, בלויז די איינע בקשה: באַפֿריי מיך פֿון מיין אַרבעט, כּדי איך זאָל קאָנען דערפֿילן דעם פֿאַרלאַנג פֿון דיין טאָכטער רחל און קאָנען אָנהויבן לערנען תּורה. ווייל בלויז מיט דעם תּנאַי האָט זי מיר צוגעזאָגט צו ווערן מיין ווייב...

כּלבא שבוע איז אַלץ געשטאַנען אַ שווייגנדיקער און אָנגעקוקט מיט גרויס שטוינען זיין הויפּט־פּאַסטוך, דעם עם־הארץ עקיבא, און אויף זיין פּנים האָט זיך געצייכנט אַ מינע פֿון רחמנות. עס האָט זיך אים נישט גע־גלויבט, וואָס זיינע אויערן הערן; ער האָט געטראַכט, אפֿשר איז דער מאַן אַראָפּ פֿון זינען. עס טרעפֿן זיך אַזעלכע זאַכן...

— איך פֿאַרשטיי נישט גוט, וואָס דו רעדסט, עקיבא — האָט ענדלעך כּלבא שבוע איבערגעריסן זיין שווייגן — כ׳האָב אפֿשר פֿאַרהערט דיינע רייד, ווייל דאָס, וואָס דו האָסט מיר געזאָגט, קלינגט פֿאַר מיר אומוואָר־שיינלעך... דו... און מיין טאָכטער... וואו האָסטו געזען מיין טאָכ־טער?... ווען האָט זי גערעדט מיט דיר?... אפֿשר האָט עפּעס אַ שדית זיך פֿאַרשטעלט אַלס מיין טאָכטער און פֿון דיר, אָרעמער נעבעך, חוזק געמאַכט. ביסטו אַמאָל נישט קראַנק, עקיבא?...

— ניין, איך בין נישט קראַנק, מיין האַר. דאָס וואָס דיינע אויערן האָבן געהערט, אָט דאָס האָב איך געזאָגט און דאָס איז דער ריינער אמת...

— האָט עקיבא איצט שוין דרייסטער גערעדט. ער האָט שוין נישט געהאָט וואָס צו פֿאַרלירן.

כּלבא שבוע האָט אים אָנגעקוקט מיט אַ חוזקדיקן שמייכל, וואָס איז געווען געמישט מיט כּעס. ער האָט גאָרנישט געוואוסט, וואָס ער האָט דעם פּאַסטוך זיינעם צו זאָגן, ווייל ער האָט געטראַכט, אַז ער האָט פֿאַר זיך נישט קיין קלאָרן מענטש...

— אפֿשר ביסטו צופֿיל איבערגעאַרבעט, עקיבא — האָט כּלבא שבוע מיט אַ רחמנות־טאָן ווידער אָנגעהויבן — האָסטו אַ נישט־קלוגן געדאַנק דיר אין קאָפּ אַרייגענומען. האָסט געטראַכט אַוודאַי פֿון זאַכן, וואָס דו דאַרפֿסט נישט טראַכטן. דאַרפֿסט חתונה האָבן, עקיבא... דאַרפֿסט נעמען אַ ווייב פֿון דיינס גלייכן און עס וועט דיר גוט מאַכן, וועסט דיך באַרואיקן. אַ מאַנצביל טאָר נישט זיין אַזוי לאַנג אָן אַ ווייב, זאָגן אונדזערע חכמים. נאָך צוואַנציק יאָר, אַז אַ מאַן האָט נישט חתונה, פֿאַרשעלט אים גאָט זיינע ביינער...

עקיבא האָט אויסגעהערט די שטראָף־רייד פֿון זיין באַלעבאָס און נאָכ־דעם געזאָגט:

— איך האָב געוואוסט, אַז מיינע רייד וועלן ביי דיר אויסקומען, ווי רייד פֿון אַ משוגענעם, ווי פֿון אַ מענטש, וואָס איז פֿון קלאָרן זינען אַראָפּ.

אָבער ווען דאָס וואָלט נישט געווען דער ווילן פֿון דיין טאָכטער, וואָלט איך גאָרנישט געהאָט די העזה צו דיר צו קומען און רעדן וועגן דעם.

כּלבא שבוע האָט זיך פֿאַרטראַכט אַ ווייל, דערנאָך האָט ער צוגערופֿן איינעם פֿון זיינע דינער און באַפֿוילן:

— גיי און ברענג שוין אַהער מיין טאָכטער רחל!

מיט עטלעכע מינוט שפּעטער האָט זיך רחל פֿונדערוויטנס דער־נעענטערט, ווי אַ ווייסער שמעטערלינג האָט זי אַהערגעשוועבט. איר ליכטיק פּנים איז געווען צעשמייכלט. זי איז צוגעלאָפֿן צו איר פֿאָטער, אַ קוש געטאָן אים אין די באַקן און געפֿרעגט:

— האָסט מיך גערופֿן, פֿאָטער? — און זי האָט געוואָרפֿן אַ בליק פֿול מיט ליבע צו עקיבאָן.

— טייערע טאָכטער מיינע — האָט כּלבא שבוע אָנגעהויבן — ביסט שטענדיק געווען אַ געהאָרכזאַם קינד, מיינע רייד זיינען תּמיד געווען ווי אַ געבאָט פֿאַר דיר. איך האָב מיך אויך דיין ווילן קיינמאָל נישט אַנטקעגנ־געשטעלט, ווייל דיין ווילן איז געווען מיין ווילן. ווען דו האָסט מיר גע־געבן צו פֿילן, אַז דו ווילסט נישט פּפּוסן, האָב איך באַלד אויף דעם איינגעשטימט. איך האָב פֿאַרשטאַנען דיין האַרץ, איך האָב געשוינט דיינע געפֿילן פֿון אַ יידישער טאָכטער און כ׳האָב דיך נישט געוואָלט צווינגען...

— ס׳איז אמת, פֿאָטער, דו ביסט שטענדיק געווען גוט צו מיר. איך ווייס גאַנץ גוט, ווי גרויס דיין פֿאָטער־ליבע איז צו מיר, און דו ווייסט אויך, ווי שטאַרק איך האָב דיך ליב, פֿאָטער.

— כ׳ווייס — האָט דער פֿאָטער ווייך געענטפֿערט — כ׳ווייס אויך, אַז דו ביסט אַ פֿאַרשטענדיק קינד, וואָס נישט איין פֿאָטער וואָלט זיך גע־וואונטשן אַזאַ זון צו האָבן. ווי גרויס נחת האָב איך געהאַט צו הערן דיינע קלוגע רייד אויף דעם מאַלצייט פֿאַר פּפּוסן. מענטשן האָבן מיך מקנא געווען און זיך געבענטשט מיט דיר...

רחל האָט אים געקוקט געטריי אין די אויגן אַריין און געוואַרט, אַז דער פֿאָטער אירער זאָל שוין אָנהויבן רעדן דערפֿון, וועגן וואָס ער האָט זי גערופֿן. זי האָט דערקענט אָן עקיבאס פּנים, אַז דער דערוואַרטער געשפּרעך איז שוין ענדלעך פֿאָרגעקומען.

— טאָ זאָג מיר, מיין טאָכטער — האָט כּלבא שבוע נאָך אַ ווײַלע פֿאַרגעזעצט — איז עס טאַקע אמת, וואָס אָט דער יונגערמאַן, אונדזער פּאַסטוך, דערציילט מיר? ער זאָגט, אַז דו האָסט אים געהייסן מיך בעטן וועגן אַ דערלויבעניש דיך צו נעמען פֿאַר אַ ווייב?...

— ס׳איז אמת, פֿאָטער... — האָט רחל צניעותדיק אַראָפּגעלאָזן אירע אויגן.

כלבא שבוע האָט געשטוינט און זיך גוט איינגעקוקט אין זיין קינד. ער האָט פון איר אַזעלכעס קיינמאָל נישט דערוואַרט.

— הער, מיין טאָכטער — האָט ער כמעט ווי מיט געבעט צו איר גערעדט — כ'רעד שוין נישט דערפון, אַז ער איז אָרעם, כ'וויל מיך אויך נישט אָפּשטעלן אויף דעם, וואָס זיין אָפּשטאַם איז נישט קיין בכבודיקער, זיין זיידע איז געווען אַ געצנדינער, אָבער...

דאָ האָט ער זי אַנגענומען ביי דער האַנט און אָפּגעפירט אָן אַ זייט, נישט וועלנדיק פונדעסטוועגן עקיבאַן פאַרשעמען.

— ...אָבער ער איז דאָך אַן עם־הארץ, אַן אומוויסנדיקער מענטש, ער קאָן דאָך צומאָל דעם אלף־בית נישט... און דו, מיין טאָכטער, האָסט דאָך שטענדיק געזאָגט, אַז דו ווילסט זיין דאָס ווייב פון אַ תלמיד־חכם!...

— הער, פאָטער — האָט רחל, קוקנדיק אויף עקיבאַן, וועלכער איז געשטאַנען דערווייטערט אויף אַ פּאָר טריט מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ, ווי אַ שטאָלצער פּרינץ — הער מיך אויס, פאָטער, דער דאָזיקער מאַן האָט אויסערגעוויינלעכע פעאיקייטן, איינגעבוירענעם גרויסן שכל און ער האָט מיר צוגעזאָגט, אַז ער וועט ווידמען זיין לעבן צו לערנען תורה. איך גלויב אין זיינע כוחות. קוק אים בלויז אָן, פאָטער, זע דעם אויסדרוק פון זיין פּנים. ער איז פול מיט ווילן. ער וועט אַמאָל נאָך זיין אַ גרויסער תלמיד־חכם און וועט פאַרשיינען די וועלט מיט זיין חכמה — האָט רחל געפּלייצט מיט אירע רייד ווי אַ שטראָם.

אין איר טאָן האָט זיך געפילט, אי געבעט, אי אַנטשלאָסנקייט, אַזוי אַז כלבא שבוע איז געבליבן שטיין מיט אַן אָפן מויל און אויפן אָרט גאָרנישט געהאַט דאָס ריכטיקע וואָרט איר צו דערווידערן.

ער האָט זי אָנגעקוקט מיט רחמנות און מיטלייד, וואָס זי האָט זיך אַזאַ אומגליקלעכע זאַך אין קאָפּ אַריינגענומען. וואָס פאַר אַ פאַרבלענדע־ניש האָבן דאָס אירע אויגן געשלאָגן, מיט וואָס פאַר אַ כוח האָט זי דער אומוויסנדיקער מאַן באַצויבערט, און ער האָט אויף עקיבאַן זייטיק גע־וואָרפן אַ בליק.

אמת, אויפן קוק אויבנאויף מאַכט ער אַ שטאַרקן איינדרוק. ער זעט ווירקלעך אויס מלכותדיק. און עס וואָלט אים געפּאַסט צו זיין נישט קיין פאַסטוך ביי שעפסן, נאָר דער פאַסטוך פון אַ פאָלק.

— ער קאָן דאָך אָבער גאָרנישט... — האָט ער געמורמלט, גלייך ווי ער וואָלט די אַלע פריערדיקע געדאַנקען צו רחלן גערעדט — ער איז דאָך אומוויסנדיק, קאָן אַפילו דעם אלף־בית נישט. זאָל ער דאָס זיין דיין מאַן און דיין באַגלייטער אויפן גאַנצן לעבן?... וועט ער עס זיצן מיט מיר ביי מיין טיש?...

טרערן האָבן זיך אים אַזש געשטעלט אין די אויגן פֿון פֿאַרדרוס און רויטע פֿלעקן זיינען אים אַרויסגעקומען אויפֿן פּנים.

— ניין, דאָס קאָן נישט זיין און וועט קיינמאָל נישט זיין! — האָט ער אויפֿן הויכן קול מיט אַנטשלאָסנקייט אויסגערופֿן.

רחל האָט געקוקט דאָ אויף איר פֿאָטער, דאָ אויף עקיבאן, וועלכער איז איצט געזעסן אויף דער ערד, דעם קאָפּ צווישן זיינע הענט אַראָפּ־געזונקען. עס האָט אים ווי געטאָן דער גאַנצער געשפּרעך, ער האָט זיך געפֿילט געקרענקט אין זיין שטאָלץ. ער האָט נאָר אַ טרייסט געזען אין דעם, וואָס רחל האָט מיט אַזוי פֿיל ליבע גערעדט וועגן אים.

אַ לענגערע ווײַלע האָט געדויערט דאָס שטילשווייגן. רחל האָט די ערשטע איבערגעריסן די שטילקייט און אָנגעהויבן:

— פֿאָטער מיינער, זיי נישט בייז אויף מיר. דו קענסט דאָך דיין טאָכטער און דו ווייסט, אַז איך וויל דיר נישט אָנטאָן קיין עגמת־נפֿש. מיין ליבע צו דיר איז אָן אַ גרענעץ. גלויבסטו דען, אַז איך וועל סתּם וועגן אַ מענטש זאָגן אַזעלכע גוטע רייד, ווען ער זאָל זיי נישט ווערט זיין? עקיבא האָט אַ יידיש האַרץ, ער האָט ליב זיין פֿאָלק און זיין לאַנד, ער וועט דיר נאָך אַמאָל פֿאַרשאַפֿן גרויס כּבֿוד...

— דו רעדסט ווי אַ נאַריש קינד — האָט ענדלעך כּלבא שבוע אָנגעהויבן — צי גלויבסטו טאַקע, אַז אַ מענטש, וועלכער האָט פֿון קינדוויַיז אָן נישט געלערנט, וועט איצטער אין די מיטעלע יאָרן ווערן מיטאַמאָל אַ תּלמיד־חכם? איז דען מעגלעך, ער זאָל האַלטן זיין צוזאָג, וואָס ער האָט דיר געגעבן? דער אמת איז, אַז ער גלוסט בלויז צו דיין רייכקייט, און ווען ער וועט רייך ווערן, וועט ער שוין מער נישט לערנען, ער וועט וועלן הנאה האָבן פֿון זיין עשירות.

ביי די ווערטער האָט זיך עקיבא אָנגענומען מיט מוט און זיך דער־נעענטערט צו זיי. עס האָט אים ווי געטאָן צו הערן וועגן זיך אַזעלכע באַליידיקנדיקע רייד, און ער האָט געזאָגט:

— דו ביסט נישט גערעכט, מיין האַר, וואָס דו אורטיילסט מיך אַזוי שווער. איך האָב ליב דיין טאָכטער מיט דער ריינסטער ליבע, וואָס מען קאָן נאָר פֿילן צו אַזאַ אויסערגעוויינלעך מיידל און איך וואָלט געוועזן דער גליקלעכסטער מענטש אויף דער וועלט, ווען זי איז אַזוי אָרעם ווי איך.

— אויב זי וועט זיין אָרעם — האָט כּלבא שבוע מיט חוזק אים גע־ענטפֿערט — וועסטו דאָך דאַרפֿן שווער אַרבעטן, כּדי זאָלסט איר קאָנען געבן פּרנסה און שפּעטער וועסטו אויך דאַרפֿן שפּייזן די קינדער, וואָס וועלן קומען אויף דער וועלט, טאָ ווען וועסטו האָבן צייט צו לערנען תּורה?...

— הלוואַי וואָלט איך געווען אָרעם — האָט רחל דעם פֿאָטער גע־ענטפֿערט — איך וואָלט שווער און ביטער געאַרבעט, אַז מיר זאָלן זיך קאָנען אויפֿהאַלטן ביים לעבן, און מיין מאַן וואָלט אָן שום שטערונג געקאָנט זיצן און לערנען.

— איך זאָג דיר גאָר־כּאַמאָל — האָט כּלבא שבוע, מיט עטוואָס כּעס אין זיין שטימע, אויסגערופֿן — רעדסט ווי אַ נאַריש קינד. צי ווייסטו דען, וואָס אָרעמקייט באַדייט? צי האָסטו שוין פֿאַרזוכט אַמאָל דעם טעם פֿון הונגער? האָסטו שוין אַמאָל אין דיין לעבן די גרינגסטע אַרבעט געטאָן? ווי נעמסטו דיך אונטער אַזעלכעס? איך דערקען דיך נישט, טאָכטער מיינע. איך בין געווואוינט שטענדיק פֿון דיר צו הערן קלוגע רייד, און היינט ביסטו עפּעס איינגאַנצן פֿאַרנאַרט געוואָרן, וואָס פֿאַר אַ כּישוף האָט ער דיר אָפּגעטאָן? נישט אַנדערש ווי נאָר אַ כּישוף!...

— ניין, פֿאָטער — האָט רחל מיט אַ ציטער אין איר שטימע גע־זאָגט — ער איז נישט קיין כּישוף־מאַכער, ער האָט מיך בלויז באַצויבערט מיט זיין איידלקייט, מיט זיין וואָרעם יידיש האַרץ און מיט זיין גוטסקייט. עס וואונדערט מיך אויף דיר, פֿאָטער, וואָס דו זעסט עס נישט אין אים. איך האָב נישט מורא פֿאַר קיין אָרעמקייט און איך שרעק זיך נישט פֿאַר הונגער. עס איז נישטאָ דער שווערער קרבן, וואָס איך זאָל נישט זיין גרייט צו ברענגען פֿאַר אים, פֿאַר דעם אויסדערוויילטן פֿון מיין האַרץ. איך האָב דעם דאָזיקן מאַן געגעבן מיין וואָרט און איך וועל מיין וואָרט האַלטן. איך וועל קיינמאָל נישט זיין דאָס ווייב פֿון אַן אַנדערן.

כּלבא שבוע איז געבליבן שטיין אַ שטומער און מען האָט געקאָנט זען, ווי ער שטיקט זיך ממש מיט אַ בייז וואָרט אין האַלדז און וואָגט עס נישט אַרויסצוברענגען. ער האָט גוט געקענט זיין טאָכטער. ער האָט געוואוסט איר שטאַרקן כאַראַקטער, אַז זי וועט קיינמאָל נישט ענדערן איר אַ וואָרט. האָט ער דעריבער געברענט פֿאַר כּעס, אָבער גאַרנישט געזאָגט. אויף זיין פּנים האָט מען אויך געזען אַ פֿעסט־אָנגענומענעם באַשלוס זיינס אויסצופֿירן.

ער האָט זיך אויסגעדרייט און אָנגעהויבן זיך דערווייטערן פֿון זיי.
רחל איז אַ ווײַלע געבליבן שטיין מיט עקיבאָן. זי האָט אים מיט גרויס מיטגעפֿיל אָנגעקוקט און געזאָגט:

— זיי שטאַרק, עקיבא. אַזוי וועט געשען ווי איך האָב באַשלאָסן. דיין ווייב וועל איך זיין און נישט קיין אַנדערנס.

זי האָט זיין האַנט גענומען אין אירער און לאַנג, לאַנג וואַרעם זי געדריקט. דאַן האָט זי זיך געלאָזט נאָכגיין מיט שנעלע טריט נאָך איר פֿאָטער.

ווען זי האָט זיך אויסגעגלייכט מיט אים, האָט זי דעם פּאָטער ביים אַרבל פֿון דער זיידענער אַבאַיע אָנגענומען און מיט געבעט געזאָגט בלויז:

— פּאָטער...

כּלבא שבוע האָט זיך אויסגעדרייט צו איר, שאַרף זי אָנגעקוקט, אָפּגעמאָסטן זי מיט זיינע בליקן. אָבער זי האָט זיין צאָרנדיקן בליק אויסגעהאַלטן. דאַן האָט ער זי אַ נעם געטאָן ביי דער האַנט און זי אַ ציי געגעבן.

— קום, לאָמיר זיך אַוועקזעצן אויף דער באַנק דאָ אין גאָרטן און איך וועל מיט דיר רעדן. אָבער דאָס וואָס איך וועל דיר איצט זאָגן, אַזוי מוז עס בלייבן.

רחל האָט געשוויגן און מיט אַן אַראָפּגעזונקענעם קאָפּ איז זי אים נאָכגעגאַנגען, ביז זיי זיינען אַריינגעקומען אין גאָרטן. פֿון ביידע זייטן פֿון דער סטעזשקע זיינען געוואַקסן הויכע פּאַלמען־בוימער, וואָס זיינען זיך אין דער הויך צוזאַמענגעקומען מיט זייערע קרוינען. אַן אָנגענעמער ריח פֿון רויזן האָט זיי אַנטקעגנגעווייעט. די פֿאָנטאַנען האָבן געשפּריצט מיט מיליאָנען רעגנבויגנדיקע פֿונקען. דער הימל איז געווען קלאָר בלוי, אָן אַ פּיצעלע וואָלקן.

עס האָט רחלן אַ בלענד געטאָן די רחבות און רייכקייט פֿאַר די אויגן, און עס האָט אויסגעזען, ווי כּלבא שבוע וואָלט זי מיט אַ כּיוון דאָ אַריינגעפֿירט צו ווייזן און דערמאָנען איר, וואָס זי איז אַלץ מקריב פֿאַר דעם דאָזיקן אומוויסנדיקן פּאַסטוך־יונג.

אַ שפּאָטישער שמייכל האָט זיך באַוויזן אויף זיינע פֿליישיקע ליפּן און ער האָט רחלען זייטיק אָנגעקוקט.

רחל האָט געוואָרט, וואָס דער פּאָטער וויל איר זאָגן. ער האָט זי אָבער געלאָזט לענגער וואַרטן, געוואָלט זי אומרואיק מאַכן, דערצערענען, וואָרים ער איז שטאַרק אין כּעס געווען אויף איר.

ענדלעך האָט ער אָנגעהויבן:

— זיי וויסן, טאָכטער, אויב דו וועסט נישט דערפֿילן מיין רצון און וועסט נישט פֿאַרלאָזן דעם אָרעמען פּאַסטוך, וועלכן איך שיק נאָך היינט אַוועק פֿון דאַנען, פֿאַרלייקן איך דיך פֿאַר אַ טאָכטער. ווילסטו בעסער נאָכגיין אָט דעם דאָזיקן אָרעמען יונג און דאָס אַלץ איבערלאָזן? גוט!... טאָ פֿאַרזוך דעם טעם פֿון אָרעמקייט. איך זאָג דיר אָפֿן און אָנטשלאָסן: קיין שום חלק וועסטו נישט האָבן אין מיין פֿאַרמעגן. אָט דעם פּאַלאַץ, אָט דעם גאָרטן, מיינע שאָף און רינדער, גאָלד און זילבער און טייערע שטיינער — דאָס אַלץ וועל איך אַוועקשענקען צו פֿרעמדע. אַזוי ווי דו שטייסט און גייסט וועסטו פֿאַרלאָזן מיין הויז. קיין פֿאָדעם וועל איך דיך נישט לאָזן מיטנעמען, אַחוץ וואָס דו טראָגסט אויף דיין לייב, און דעמאָלט

גיי דיר מיט דיין אָרעמען פּאַסטוך איבער די הייזער און בעט ביי גוטע מענטשן, זיי זאָלן דיר שענקען אַ פּרוטה...

„אָט אַזוי וועט זיין שפּעטער, אָבער איצט קאָנסטו נאָך אויסקלויבן צווישן אָט דעם אַלעם — האָט ער אַ פיר געטאָן מיט דער האַנט איבער זיינע פעלדער — צווישן דערגער און פּאַלאַץ, איך אָדער עקיבא!”...

— פּאָטער — האָט רחל מיט טרערן אין די אויגן געזאָגט — גאָט איז מיין עדות, אַז כ׳האָב דיר נישט געוואָלט ווייִ־טאָן. אָבער דיין כּעס האָט מיך אינגאַנצן צעבראָכן. איך טרויער נישט אויף דיין רייכטום, אָבער באַרויב מיך נישט פון דיין פּאָטערלעכער ליבע!...

— הייסט עס, אַז דו האָסט נישט קיין חרטה? — האָט ער אויסגערופן.

— איך קאָן נישט, פּאָטער...

— טאָ גיי מיט דעם דאַזיקן מאַן — האָט כּלבא שבוע אויסגערופן — ביסט נישט מער מיין טאָכטער, האָסט געפעלשט אין דיין ליבע צו מיר. פאַרשעלטן, פאַרשעלט איך דיך נישט, נאָר וויסן פון דיר וויל איך מער קיינמאָל נישט, גיי!... — האָט ער איר מיטן פינגער אָנגעוויזן אויפן אָפענעם טויער.

קאַפּיטל 4

אין אָרעמקייט

●

אַ פֿאַרלוירענע איז רחל געבליבן שטיין, נאָכדעם ווי איר געליבטער פֿאָטער האָט זי אַזוי שווער באַליידיקט. די וועלט איז פֿאַר איר פֿינצטער געוואָרן און זי איז צוגעוואַקסן צום אָרט, וואו זי איז געשטאַנען. מיט פֿולע אויגן טרערן האָט זי נאָכגעקוקט, ווי איר פֿאָטער דערווייטערט זיך אַלץ מער און מער. ער האָט אַפֿילו נישט געפּרואווט זיך אומקוקן צו איר. ער איז געלאָפֿן, גלייך עס וואָלט אים עמיצער פֿון הינטן נאָכגעיאָגט, און אַזוי איז ער אַריין צו זיך אין הויז.

רחל האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער ווייסער שטיינערנער באַנק, אויף וועלכער זי איז ערשט נאָר־וואָס מיט איר פֿאָטער געזעסן, און זי האָט נישט געקאָנט איינהאַלטן די טרערן, וואָס האָבן געפּלייצט פֿון אירע אויגן. וואו וועט זי איצטער גיין, צו וועמען זאָל זי זיך ווענדן, אַז זי האָט דאָ קיינעם נישט. וואָלט כאָטש די מוטער אירע געלעבט... זי פֿאַר־מאָגט אויך גאָרנישט, אַחוץ דעם וואָס זי האָט אויף זיך אָנגעטאָן און דאָס ביסל צירונג אויף איר האַלדז און פֿינגער.

וועגן גיין בעטן דעם פֿאָטער, איז איר אַפֿילו נישט איינגעפֿאַלן. זי האָט דאָך געזען, מיט וואָס פֿאַר אַ כּעס ער איז אַוועק פֿון איר, און דערצו איז זי צו שטאָלץ געווען צו טאָן אַזאַ זאַך.

ווען זי איז שוין געהאַט אָפּגעזעסן אַ שטיק צייט אויף דער באַנק און דער פֿאָטער האָט זיך אַלץ נישט באַוויזן, האָט זי אויסגעווישט די טרערן פֿון די אויגן, אויפֿגעשטעלט זיך און אַרויסגעגאַנגען צום לעצטן מאָל פֿון דעם פֿאָטערס פּרעכטיקן גאָרטן.

אַ ווייל איז זי געשטאַנען פֿאַרן אַריינגאַנג און אַרומגענומען מיט איר בליק דאָס אָרט, וואָס איז איר אַזוי ליב און טייער געווען, וואו זי איז כּמעט ווי דערצויגן געוואָרן. וואָרים שוין באַלד צען יאָר וואוינען זיי דאָ ביים כּנרת. זי האָט געמורמלט עפּעס אומפֿאַרשטענדלעכע ווערטער, ווי געזעגענענדיק זיך מיט דעם אַלעם. זי האָט זיך אָנגענומען מיט מוט, אַוועק פֿון דעם גאָרטן און אָנגעהויבן שטעלן שנעלע טריט צום פֿעלד אַרויס.

זי איז גלייך געגאַנגען צו עקיבאן. ער איז איצטער געווען איר איינ־ציקע טרייסט און דער איינציקער טייערער אוצר אין איר לעבן.

עקיבא איז געווען אין פעלד און עפּעס איינגעטענהט מיט די פּאַס־טוכער. ווען ער האָט דערזען רחלען פון דערווייטנס, איז ער איר אַנט־קעגנגעלאָפן מיט אויסגעשפּרייטע אָרעמס, ווי ער וואָלט זי געוואָלט איינ־גאַנצן אַרונטערנעמען אונטערן שוץ פון זיינע פליגל.

ער האָט מיט אַ ציטער אין האַרץ געוואַרט אויף איר; ער האָט גע־וואָלט וויסן איר גאַנצן שמועס מיטן פאָטער. אָבער ווען ער האָט אַריינ־געקוקט אין אירע, מיט טרערן אָנגעלאָפענע אויגן, האָט ער שוין אַלץ פאַרשטאַנען און זי גאַרנישט געפרעגט. ער האָט איר ווייך אַ גלעט געטאָן איבערן קאָפּ, איבער די באַקן, און האָט אויסגערופן:

— טרויערן טאָר מען נישט און עס איז נישטאָ צו וואָס. דו געהערסט איצט אינגאַנצן צו מיר, און איך וועל דיך פון היינט מאָל אָן אָפּהיטן פון אַלעם שלעכטן.

ער האָט אַרויסגענומען אַ זילבערנע מטבע פון אונטער זיין בוזעם און אין דער אַנוועזנהייט פון עטלעכע פאַסטוכער, וועלכע ער האָט גענומען פאַר עדות, האָט ער דאָס רחלען דערלאַנגט און זי מקדש געווען כּדת משה וישראל.

עקיבא האָט איר געקושט אין מויל אַריין, רחל האָט זיך צו אים געטוליעט ווי אַ שוואַכע אָרעמע טויב און מיט איר סאַמעט־ווייכער שטימע, מיט אַן אויסדרוק פון פיל ליבע צו אים, דאָס ערשטע מאָל צו אים אויסגערופן:

— מיין עקיבא...

זיי האָבן זיך געזעגנט מיט די פאַסטוכער אין פעלד, וועלכע זיינען געבליבן שטיין מיט אָפענע מיילער און געגאַפט פון דעם דאָזיקן אויס־טערלישן געשעעניש.

רחל האָט מיט אויגן פול מיט בענקשאַפט אַרומגענומען די פעלדער, די סטאַדעס שאָף און רינדער, געזעגנט זיך מיט יעדער בוים, מיט יעדער גרעזל אין פעלד, געוואָרפן אַ לעצטן בליק אויפן פּאַלאַץ, וואָס האָט צווישן דער גרינער געדיכטעניש פון פּאַרק אַרויסגעבלאַנקט, און זיי האָבן זיך ביידע געלאָזט גיין אין דעם וויטן וועג אַריין.

— וואוהין וועלן מיר ווענדן אונדזערע טריט, עקיבא? — האָט רחל צו אים וואַרעם זיך געטוליעט און געקוקט אים מיט מוטערלעכער ליבע אין די אויגן אַריין.

— מיר וועלן צוריקגיין קיין רמלה צו מיין פריינט עזריה, און דאָרט וועלן מיר שוין באַשטימען וואָס ווייטער צו טאָן — האָט עקיבא פאַר־טראַכט געזאָגט.

— און וועסט אָנהויבן לערנען? — האָט רחל מיט געבעט אין די אויגן אים געפרעגט.

— יאָ, טייערע מיינע... — האָט עקיבא איר מיט גרויס ליבע אין זיין שטים געענטפערט.

— איצט גלויבסטו שוין, מיין טייערער, אַז וועסט נאָך באַווייזן צו קאָנען אויסלערנען די תּורה? — האָט רחל אים אַריינגעקוקט אין די אויגן.

— יאָ, איך גלויב, רחל. איך האָב אַנומלט געזען, שטייענדיק ביי אַ ברונעם, ווי אַ האַרטער שטיין איז אויסגעהוילט געוואָרן צוליב דעם, ווייל עס האָט געקאַפּעט כּסדר אויף אים טראָפּנס וואַסער. האָב איך מיר געטראַכט: אויב פּליסיקע טראָפּנס וואַסער האָבן אין זיך אַזאַ כּוח צו קאָנען דורכשלאָגן אַ האַרטן שטיין, וועלן דאָך די ווערטער פון דער תּורה, די פעסטע ווי אייזן, געוויס קאָנען דורכשלאָגן מיין האַרץ, וואָס איז נישט מער ווי בלוט און פלייש...

— האָסט גוט געזאָגט, עקיבא... — האָט רחל אים אַ גלעט געטאָן די האַנט.

און זיי זיינען ביידע אַוועקגעגאַנגען מיטן וועג, וואָס פירט איבער יפו קיין רמלה.

עס איז ביסלעכווייז צוגעפאַלן דער אָוונט. דער הימל איז געוואָרן פאַרוואָלקנט. ס'איז געווען אָנהויב פון חודש חשון. אַ פינצטערניש האָט די גאַנצע וועלט אַרומגענומען. אַרום איז געווען שטיל, און זיי זיינען ביידע געגאַנגען און געגאַנגען.

— כ'בין מיד... — האָט רחל זיך פאַר אים געפּיעשטשעט.

עקיבא האָט זי אַראָפּגעפירט פון וועג אויפן פעלד אַרויף, וואו ער האָט באַמערקט אין דער צוגעוואוינטער פינצטערניש זיך עפּעס טונקלען. אַ גרויסער הויפן תּבואה איז נאָך אויפן פעלד געשטאַנען, וואָס דער באַ־לעבאָס האָט נישט באַוויזן ביז היינט אַראָפּצונעמען און אַריינפירן אין שייער. ער האָט דאָרט צוגעפירט רחלען, אַרויסגענומען גענוג שטרוי פון דעם הויפן אַרויס, אַז ס'זאָל זיין פּלאַץ פאַר צוויי מענטשן און זיי זיינען דאָרט אַהין אַריינגעקראָכן אויף איבערצונעכטיקן די נאַכט.

אַ שטאַרקער דונער האָט פּלוצלינג מיט דער לופט אויפגעטרייסלט און אַ בליץ האָט אויף אַ רגע די וועלט באַלויכטן. רחלס פּנים האָט ליב און אונטערטעניק מיט בעטנדיקע אויגן געקוקט אויף עקיבאן.

אַ פּלייץ רעגן האָט אָנגעהויבן גיסן. דאָס איז דער ערשטער רעגן אין ארץ־ישראל נאָך די זומערדיקע היצן. עס האָט זיך געדאַכט, אַז אַ מבול האָט זיך אויף דער וועלט אַראָפּגעלאָזט. אָבער די צוויי יונגע מענטשן זיינען געווען באַשיצט. דער רעגן האָט זיי נישט דערגרייכט.

— כ'האָב נישט געגלויבט, אַז דיין פּאָטער וועט אַזוי האַרטנעקיק קעגן דיר האַנדלען — האָט עקיבא שטיל געשעפּטשעט.

— ער איז פון דער טבע נישט קיין שלעכטער מענטש — האָט רחל איר פּאָטער פאַרטיידיקט — אָבער אַ גרויסער עקשן און וויל מען זאָל אים געהאָרכזאַם זיין...

— עס טוט אים איצט אַוודאי באַנג, וואָס זיין טאָכטער געפינט זיך אין אַזאַ גאַס רעגן אונטערוועגנס... — האָט עקיבא געזאָגט.

— ניין... — האָט רחל קורץ געענטפערט.

עקיבא האָט זי מיט זיין פּראָסטן פּאַסטוך־קלייד אַרומגעדעקט און געשעפּטשעט צו איר ליבע און צערטלעכע רייד.

— ווי אַ חלום, דאַכט זיך מיר, איז דאָס אַלץ. אַט האָב איך דיך ערשט געזען אין רמלה, ווי אַ זון־שטראַל האָסטו פאַר מיר אויפגעבליצט און פלוצלינג ביסטו ווי אונטער אַ וואָלקן צוריק פאַרשוואונדן געוואָרן...

— האָסטו מיך דעמאָלט באַמערקט?... — האָט רחל מיט פיל ליבע אין איר שטימע געפרעגט.

— יאָ, האָסט אין מיר אַן אומרואיקייט איינגעפלאַנצט, דו שענסטע טאָכטער פון ירושלים...

— דאָס האָב איך הורקנוסן וועגן דיר געזאָגט... — האָט רחל אַנטפּלעקט איצט פאַר אים דעם סוד... — דערנאָך האָב איך מיט אומגעדולד געוואַרט, אַז זאָלסט קומען צו מיר, מיין געליבטער.

— כ'בין גליקלעך, וואָס דו, די שענסטע צווישן די יידישע טעכ־טער, געהערסט צו מיר...

אינדרויסן האָט דער רעגן אַלץ געפּלייצט איבער דעם גרויסן סטויג תבואה, וואָס האָט איצט געשמעקט מיט פייכטקייט, און די גליקלעכסטע אין דער וועלט זיינען זיי שפּעט אין דער נאַכט איינגעשלאָפן מיט אַ געשמאַקן שלאָף.

ווען זיי האָבן זיך אינדערפרי אויפגעכאַפּט און זיינען אַרויסגעקראָכן פון זייער באַהעלטעניש, האָט זיי אַן אָפּגעוואַשענע, גליענדיקע זון אַנט־קעגנגעלאַכט. דאָס פעלד האָט נאָך געפינקלט מיט די טראָפּנס וואַסער קעגן די שטראַלן.

— מיין טייערער מאַן... — האָט רחל עקיבאן באַגריסט מיט אַ זוניקן שמייכל.

— מיין אויסדערוויילט ווייב... — האָט איר עקיבא צערטלעך גע־ענטפערט.

די זון האָט הייס געברענט, ווי ס'וואָלט גאָר קיינמאָל קיין רעגן נישט געגאַנגען. סימנים זיינען בלויז געווען אין די אויסגעהוילטע לעכער פון די שטיינער, אין וועלכע עס איז נאָך געשטאַנען דאָס רעגן־וואַסער.

עקיבא מיט רחלען גייען שוין אַזוי פון פריען מאָרגן אָן. רחל איז זייער מיד, די פיס טוען איר שוין ווי פון אַזוי פיל גיין. זי איז צו דעם נישט צוגעוואוינט געווען. עקיבאן האָט דאָס האַרץ וויי־געטאָן פאַר איר. אָבער וואָס האָט ער געקאָנט איר העלפן מער, ווי צוזעצן זיך יעדעס מאָל אויף אַ שטיין ביים וועג און זי לאָזן אָפּרוען.

ענדלעך האָט שפּעט נאָכמיטאָג זיי אָנגעיאָגט אַ קאַראַוואַן מיט קעמ־לען, וואָס האָט געפירט סחורות פון דמשק קיין יפו און ירושלים. עקיבא האָט די אַנטרייבער פון די קעמלען זייער שטאַרק געבעטן און אָנגעוויזן אויף רחלען, ווי מיד און אָפּגעשוואַכט זי איז, און זיי האָבןביידע אַרויפ־גענומען אויף אַ קעמל.

רחל איז באַלד איינגעשלאָפן, וויגנדיק זיך צום טאַקט פון דעם קעמ'לס באַוועגונגען. עקיבא איז לעבן איר געזעסן און געוואַכט איבער איר, אַז מען זאָל זי נישט אויפוועקן.

ער האָט זיך איצט דערמאָנט אָן דעם, וואָס דער פאָטער זיינער האָט אים אַלס ייִנגל דערציילט, ווי אליעזר, דער קנעכט פון אברהם, האָט געבראַכט רבקהן אויף אַ קעמל צו זיין האַרס זון, יצחק.

— זיי זיינען זיכער געריטן אויף דעם זעלבן וועג פון חרן קיין באר־שבע.

און ער האָט זיך פאָרגעשטעלט די פרייד פון יצחקן, ווען ער איז אַרויסגעגאַנגען אין פעלד דאַוונען די אָוונט־תפילה און דאָרט באַגעגנט זיין ווייב רבקהן אָנקומען. און ער האָט דאָ זיין געליבט ווייב לעבן זיך...

ער האָט זיך גלייכצייטיק דערמאָנט טאַקע, אַז עס איז שוין צייט אויך איצט צו דאַוונען די אָוונט־תפילה, און ער איז פאַמעלעך אַראָפּ פון דעם קעמל. דאָס זעלבע האָבן אויך געטאָן די אַנטרייבער. זיי האָבן זיך געשטעלט הינטער אַ בוים און געלויבט גאָט.

ווען ער איז צוריק אַרויפגעקומען אויפן קעמל, איז רחל נאָך אַלץ געשלאָפן.

„נעבעך, מיד און אויסגעמאַטערט", האָט עקיבא מיט גרויס רחמנות געשעפּטשעט, קוקנדיק אויף איר ליכטיק פנים, וואָס האָט אַזוי אומשולדיק געאָטעמט מיט אירע נאָזלעכער, איר ברוסט האָט זיך געהויבן רעגלמעסיק אַרויף און אַראָפּ.

אַ שטערנדל האָט אויפֿגעפֿינקלט.

— נאָך גוט, וואָס עס רעגנט הייַנט נישט! — האָט איינער פֿון די אַנטרייַבער געזאָגט צו עקיבאַן — נעכטן זייַנען מיר ביזן לעצטן פֿאָדעם אויסגעוווייקט געוואָרן.

— איז נאָך ווייַט קיין רמלה? — האָט עקיבא געפֿרעגט.

— כּעלות השחר וועלן מיר דאָרט אָנקומען — האָט דער אַנטרייַבער געענטפֿערט.

און ווידער איז שטיל געוואָרן אַרום. מ'האָט בלויז געהערט דאָס טרעטן פֿון די קעמלען און פֿון צייַט־צו־צייַט אַ הוסט פֿון עמיצן.

עקיבא איז געזעסן פֿאַרטראַכט. פֿאַרשידענע געדאַנקען זייַנען אים אין קאָפּ אַדורכגעלאָפֿן. ביים האַרץ האָט אים אַ פֿרייד יעדעס מאָל אָנגעכאַפּט, ווען ער האָט מיט זייַן האַנט צאַרט אַריבערגעפֿירט איבער רחלס שלאָפֿנדיקן פּנים.

— עזריה וועט זיך נישט וועלן גלויבן, צו וואָס איך האָב דערגרייכט... — האָט עקיבא זיך דערמאָנט אָן זייַן חברס צווייפֿלען, צי ער שטייגט נישט אַמאָל צו הויך.

וועגן דער גרויסער אָרעמקייט, אין וועלכער זיי וועט באַלד אויסקומען צו לעבן, איז עקיבאַן אַפֿילו אויפֿן זינען נישט געקומען. ער האָט אין געדאַנק ביי זיך געהאַט אָפּגעמאַכט, אַז ער וועט פֿון די שווערסטע אַרבעטן זיך נישט אָפּזאָגן, אַבי זייַן רחלען זאָל גאָרנישט פֿעלן. בייטאָג וועט ער אַרבעטן און ביינאַכט וועט ער לערנען תּורה.

ער ווייסט שוין אַפֿילו ביי וועמען ער וועט לערנען. רחל האָט אים אויפֿן וועג גייענדיק דערציילט, אַז לעבן רמלה איז פֿאַראַן אַ קליין שטעטעלע מיטן נאָמען גמזו, וואוינט דאָרט אַ גרויסער תּלמיד־חכם מיטן נאָמען נחום איש גמזו, און ווייל ער פֿלעגט אויף אַלץ זאָגן: „גם זו לטובה", איז אים דער דאָזיקער נאָמען געגעבן געוואָרן ווי אַ פֿיינער וואָרט־שפּיל.

נחום איש גם־זו האָט אין דעם שטעטל געלערנט מיט אַ סך תּלמידים און ער איז אין זייַן צייַט באַרימט געוועזן אַלס איינער פֿון די אָנגעזעענסטע תּנאים און גאָטספֿאַרכטיקע לייַט, וואָס פֿלעגט אַלצדינג, וואָס מיט אים איז נאָר געשען, אויסלייגן צום גוטן.

עקיבא האָט אין דער פֿינצטער אַ שמייכל געטאָן. ער האָט זיך דערמאָנט אָן דעם שיינעם מעשהלע, וואָס רחל האָט אים נעכטן דערציילט וועגן נחום איש גם־זו; דאָס מעשהלע האָט אים געקלונגען ווי אויסגעטראַכט, אָבער רחל האָט אים פֿאַרזיכערט, אַז עס איז אַן אמתע פּאַסירונג:

„אַמאָל האָט מען אַ קאַסטן יידן געוואָלט שיקן אַ מתּנה צום קייסער פֿון רוים, כּדי ער זאָל זייַן גוט צו זיי. וועמען קלייבט מען אויס

פֿאַר אַזאַ וויכטיקער שליחות? איז געפֿאַלן דער גורל אויף נחום איש גם־זו. וואָרים ער, האָבן די אַלטע יידן פֿון ירושלים געטענהט, איז זייער אַ פֿרומער און ער באַגעגנט זיך דערפֿאַר זייער אָפֿט מיט אליהו הנביאן און ער קאָן ביי אים אַלץ אויספּועלן. האָט מען געשיקט דורך אים אַ קעסטעלע אָנגעפּילט מיט דימענטן און בריליאַנטן און אַנדערע טייערע שטיינער אַלס מתנה צום קייסער. אויפֿן וועג איז נחום איש גם־זו אויסגעקומען צו נעכטיקן אין אַן איינפֿאָרהויז. ביינאַכט, ווען ער איז איינגעשלאָפֿן, האָט דער אייגנטימער פֿון איינפֿאָרהויז — ווי עס זעט אויס, נישט גאָר פֿון די פֿיינע מענטשן — גענומען זוכן ביי נחום איש גם־זו אין די זאַכן. ווען ער האָט געפֿונען דאָס קעסטעלע און דערזען דעם בליאַסק פֿון די טייערע שטיינער, האָט ער נישט געקאָנט איבערוועלטיקן זיין יצר־הרע, און ער האָט די טייערע דימענטן און בריליאַנטן אַרויסגענומען און דאָס קעסטעלע אָנגעפּילט מיט ערד.

„צומאָרגנס, ווען ר׳ נחום האָט זיך גענומען גרייטן אין זיין וויטערדיקן וועג אַריין, האָט ער פֿריער נאָכגעקוקט, צי ער האָט חלילה קיין זאַך נישט פֿאַרלוירן. ווען ער האָט געעפֿנט דאָס קעסטעלע, איז ער נבהל ונשתּומם געוואָרן, דערזעענדיק, אַז אַנשטאָט דימענטן און בריליאַנטן, איז גאָר דאָס קעסטעלע אָנגעפּילט מיט ערד. ר׳ נחום האָט זיך אָבער באַלד באַהערשט און ווי געוויינלעך האָט ער אַ זאָג געטאָן: „גם זו לטובה״... ער האָט גענומען דאָס קעסטעלע און איז וויטער געגאַנגען זיין וועג.

„ווען נחום איש גמזו איז אָנגעקומען קיין רוים און געשטעלט זיך פֿאַרן קייסער, האָט מען אים דאָרט צוגלייך מיט די שליחים פֿון אַנדערע פֿעלקער אויפֿגענומען מיט כּבוד. אָבער ווען דער קייסער האָט געעפֿנט דאָס קעסטעלע און דערזען, אַז יידן האָבן אים געשיקט אַלס מתנה אַביסל שוואַרצע ערד, איז ער אַריינגעפֿאַלן אין גרויס גרימצאָרן און אויסגעשריגן: „די יידן מאַכן חוזק פֿון מיר!״ און ער האָט באַפֿוילן צו טויטן דעם שליח. ר׳ נחום איז אָבער געבליבן זיצן רואיק און האָט פֿרום אויסגערופֿן: „גם זו לטובה״... דערווייל איז געקומען אליהו הנביא אין געשטאַלט פֿון איינעם פֿון דעם קייסערס ראַטגעבער און געזאָגט:

„מעגלעך, אַז די ערד איז פֿון אַ געוויסן מין, וואָס זייער עלטער־עלטער־זיידע אברהם האָט באַנוצט אין זיינע מלחמות און באַוויזן גרויסע גבורות, ווייל ווי נאָר ער האָט פֿון דער דאָזיקער ערד געוואָרפֿן אויפֿן שונא, איז ער באַלד אַזוי ווי פֿון פֿייער און שוועבל פֿאַרטיליקט געוואָרן.

„האָט גראָד דער קייסער פֿון רוים דעמאָלט געפֿירט אַ שווערע מלחמה מיט די באַרבאַרישע גערמאַנער און זיי נישט געקאָנט בייקומען. האָט דער קייסער באַפֿוילן צו נעמען די ערד פֿון קעסטעלע און אַהינשיקן אויפֿן

שלאַכטפֿעלד, כּדי אויסצופּרואוון איר כּוח. דערווייל האָט מען נחום איש גם־זו געהאַלטן אין קייסערלעכן הויף אַלס אַ משכּון.

„אין וואָכן אַרום איז אַ ספּעציעלער שליח צוריקגעקומען פֿון דעם שלאַכטפֿעלד מיט דער פֿריילעכער בשורה, אַז דער פֿיינט איז דורך דער ערד, וואָס מען האָט אויף אים געוואָרפֿן, באַזיגט געוואָרן און ער איז פֿולשטענדיק פֿאַרטיליקט. האָט דער קייסער געהייסן אָנפֿילן דאָס קעסטעלע מיט דימענטן און בריליאַנטן פֿון זיין שאַץ־קאַמער, און איבערגעבן עס צו נחום איש־גם־זו און אים אַליין האָט ער מיט גרויס כּבוד אַרויסבאַגלייט פֿון רוים.

„צוריקפֿאָרנדיק אַהיים קיין ארץ־ישראל, האָט נחום איש גם־זו אויפֿן וועג זיך ווידעראַמאָל אָפּגעשטעלט אין דעם זעלבן איינפֿאָרהויז. פֿרעגט אים דער אייגנטימער: „וואָס האָסטו אַזעלכעס אַהינגעפֿירט דעם קייסער, וואָס מ׳האָט דיר אָנגעטאָן אַזוי פֿיל כּבוד?״

„ענטפֿערט ער: „וואָס איך האָב גענומען פֿון דאַנען, האָב איך געבראַכט אַהין...

„דערהערט דאָס, האָט דער באַלעבאָס פֿון דער אכסניה צעלייגט זיין הויז, אויפֿגעגראָבן די ערד און אָנגעפֿילט דערמיט אַ סך קאַסטנס און אויף אַ גאַנצן קאַראַוואַן מיט קעמלען אַהינגעפֿירט צום קייסער קיין רוים.

„אדוני קייסער — האָט דער כיטרער באַלעבאָס געזאָגט — די וואונדערלעכע ערד, וואָס דער ייד האָט דיר געבראַכט אַלס מתּנה, האָט ער גענומען ביי מיר. דאָ האָב איך דיר געבראַכט צו פֿירן אַ גאַנצן קאַראַוואַן מיט דער זעלבער ערד...

„האָט מען אויסגעפּרואווט די ערד און עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ס׳איז פּשוטע ערד ווי יעדע אַנדערע. האָט מען דעם באַלעבאָס פֿון דער אכסניה מיט זיין גאַנץ הויזגעזינט, וואָס ער האָט מיט זיך מיטגענומען, פֿאַראורטיילט צום טויט...״

עקיבאן איז די דאָזיקע געשיכטע זייער געפֿעלן געוואָרן און ער האָט זיך אין האַרץ געפֿרייט, וואָס אָט ביי דעם הייליקן נחום איש גם־זו, וועט ער לערנען תּורה.

ווען עקיבא האָט זיך אויפֿגעכאַפּט פֿון זיין פֿאַרטראַכטקייט, האָט שוין איינדרויסן געבלויט אויף טאָג.

עזריה איז נאָך געשלאָפֿן, ווען עקיבא איז אַריבערגעטראָטן די שוועל פֿון זיין ביידל צוזאַמען מיט רחלען. עס איז איינעווייניק נאָך געווען טונקל און עס האָט זיך געהערט דאָס שווערע אָטעמען פֿון דעם שלאָפֿנדיקן.

ווען עקיבא האָט אים אויפֿגעוועקט, איז עזריה אַ פֿאַרשלאָפֿענער אויפֿגעשפּרונגען דערשראָקן. עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז עס חלומט זיך אים בלויז אַזוי.

— עקיבא! — האָט ער פּלוצלינג מיט פֿרייד אויסגעשריגן, און ער איז אַרויפֿגעפֿאַלן אויף זיין חברס האַלדז — עקיבא, ביסט צוריקגעקומען?! כ'האָב דיך, אמת, אַזוי שטאַרק געוואָלט זען, אָבער כ'בין אומרואיק פֿאַר דיין איצטיקן צוריקקומען... האָט כּלבא שבוע דיך אַרויסגעטריבן? האָסט אפֿשר... כ'האָב דיך געוואָרנט, עקיבא... גיי נישט צו הויך...

עקיבא האָט זיך האַרציק צעלאַכט און אויסגערופֿן צום געשטאַלט, וואָס איז אין דער טונקלקייט פֿוןביידל געבליבן שטיין אין אַ ווינקל:

— קום אַהער, רחל. אָט דאָס איז מיין בעסטער חבר, עזריה!

און עזריה איז געבליבן שטיין דערשטוינט. פֿון דער טונקלקייט אַרויס האָט ווי אַ פֿרימאָרגנדיקער זון־שטראַל רחלס פּנים אַ שיין געטאָן. ער האָט זי דערקענט. דאָס איז דאָך כּלבא שבועס טאָכטער, וואָס ער האָט זי צום ערשטן מאָל געזען מיט הורקנוסן אין רמלה, ווען ער איז געקומען זוכן עקיבאן.

— זיי געבענטשט אויף דער שוועל פֿון מיין הויז, מיין האַרינטע!

— האָט עזריה מיט גרויס דרך־ארץ אויסגערופֿן.

— שלום צו דיר, עזריה — האָט רחל מיט איר ווייכער שטימע געענטפֿערט.

— רוף זי נישט „מיין האַרינטע” — האָט עקיבא געזאָגט צו זיין חבר — זי וועט בייז ווערן אויף דיר, ווי זי האָט אויף מיר געצערנט און בייז געוועזן. זי איז רחל, רחל, עקיבאס ווייב...

— זאָל דיר זיין מיט מזל — האָט עזריה צוגעדריקט צו זיך עקיבאן און פֿריינטלעך געשמייכלט צו רחלען.

און עקיבא האָט דעם חבר דערציילט וועגן גאַנצן פֿאַרלויף פֿון זיין דינסט ביי כּלבא שבוען און ווי אַזוי רחל האָט זיך צו אים דערנעענטערט און אַזוי ביזן סוף, ווען כּלבא שבוע האָט רחלען פֿאַרטריבן פֿון זיין הויז און זי אָפּגעלייקנט פֿאַר אַ טאָכטער.

עזריה האָט מיט גרויס אינטערעס אויסגעהערט עקיבאס דערציילן און ער האָט אַריבערגעפֿירט זיין בליק פֿון עקיבאן אויף רחלען, פֿון רחלען אויף עקיבאן און ער האָט זיך געטראַכט:

— ווי אַ פֿיין צוגעפּאַסטע פּאָר דאָס איז! דער אויבערשטער איז טאַקע אַ מזווג זווגים...

ער האָט אַריינגעבראַכט אַ גרויסע ליימענע שיסל מיט וואַסער און עקיבא האָט זיך געוואַשן דאָס פּנים מיט די פֿיס. דערנאָך זיינען די צוויי

מאַנצבילן אַרויסגעגאַנגען און רחלען אַליין איבערגעלאָזט אַרומצו־וואַשן זיך נאָך אַזאַ אויסמאַטערנדיקן וועג.

עקיבא מיט עזריהן האָבן זיך איינגעהילט אין זייערע טליתים, אָנגע־טאָן די תּפֿילין און געזאָגט קריאת־שמע. דאָן האָט עזריה, ווי דער באַ־לעבאָס פֿון שטוב, אַריינגעבראַכט אַ פֿולע שיסל מיט איילבירטן, ברויט און ווייַנטרויבן, געבראָטענע פֿיש, און זיי האָבן אַלע דריי אונטערגעלענט זייערע הערצער.

נאָכמיטאָג האָט עקיבא מיט רחלען גענומען אָפּשייד פֿון זייער חבר, און זיי זייַנען אַוועק אין אַ קליין דערפֿל מיטן נאָמען קרחה, לעבן גמזו. און דאָרט האָבן זיי נאָך עטלעכע טעג זיך אַרומקוקן, אָפּגעקויפֿט אַ וועכטער־ביידל פֿאַר דעם געלט, וואָס רחל האָט באַקומען פֿאַר איר ביסל צירונג און טייערן קלייד, וואָס זי האָט געטראָגן.

דאָס האָבן זיי געטאָן דערפֿאַר, אַז עקיבאן זאָל זיין נאָענט יעדן טאָג צו גיין לערנען צו ר׳ נחומען.

צומאָרגנס איז רחל מיט עקיבאן אַוועקגעגאַנגען אין דער שטאָט גמזו און האָבן צוגעוואַרט פֿאַרן בית־המדרש, וואו ר׳ נחום האָט גע־לערנט מיט זיינע תּלמידים.

ווען דער רבי האָט פֿאַרענדיקט זיין לערנען און די תּלמידים זייַנען זיך פֿונאַנדערגעגאַנגען יעדער אין זיין היים, איז רחל, אין פּשוטע דאָרפֿי־שע קליידער, אַריינגעגאַנגען צו ר׳ נחום איש גמזו און אויסגערופֿן:

— זיי מיר מוחל, רבי, זיי נישט בייז, וואָס איך האָב געוואָגט צו דיר צו קומען. מיין מאַן איז נישט צוגעוואוינט צו רעדן מיט תּלמידי־חכמים. דעריבער בין איך געקומען רעדן פֿאַר אים, אַז דו זאָלסט אים אַריינגעמען צו דיר און לערנען מיט אים תּורה.

ר׳ נחום איש גמזו, אַ נידעריקער עלטערער ייִד, דאָס צעקנייטשטע פּנים מיט אַ ווייס בערדל אַרומגעראָמט, פֿון די אויגן האָט אים געשפּראָצט פֿריילעכקייט און גוטסקייט.

— דאַכט זיך, טאָכטער מיינע, אַז איך האָב דיך ערגעץ־וואו געזען, דיין פּנים איז מיר באַקאַנט — האָט נחום איש גמזו זי געפֿרעגט.

— מיין נאָמען איז רחל און איך בין די טאָכטער פֿון כּלבא שבוע — האָט רחל באַשיידן געענטפֿערט.

ר׳ נחום איז צוריקגעטראָטן אַ דערשטוינטער. ער האָט זי בעסער איבער־אָנגעקוקט, אַ בליק געוואָרפֿן אויף אירע אָרעמע קליידער און מיט אַ טאָן פֿון מיטלייד האָט ער צו איר אויסגערופֿן:

— איז חלילה דיין פֿאָטער אַזוי אָרעם געוואָרן?

— ניין, — האָט רחל געענטפערט — מיין פֿאָטער איז דער זעלבער עושר וואָס געווען און אפֿשר נאָך רייכער. מיך האָט ער אָבער אַרויסגע־טריבן פֿון זיין הויז...

— אָרעמע נעבעך... — האָט דער גוטער ר׳ נחום צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ — ביסט חלילה באַגאַנגען אַ זינד?...

רחל האָט אויסגעווישט אַ טרער פֿון אויג, ווייל עס האָט זי גערירט דעם רבינס גוטסקייט. זי האָט אין קורצע רייד דערציילט צו נחום איש גמזו די גאַנצע געשיכטע, וואָס עס איז פֿאַרגעקומען צווישן איר און דעם פֿאָטער.

ר׳ נחום האָט מיט גרויס נייגעריקייט אויסגעהערט איר דערציילן. אַ וואַרעמער שמייכל האָט געשוועבט אויף זיין אַלט גוט פּנים און מיט זיינע באַרמהערציקע בליקן זי געטרייסט.

— פֿון וואַנען וועט איר ציען אייער חיונה, אויב דיין פֿאָטער האָט דיך פֿון אַלעמען אָפּגעזאָגט און וויל מער פֿון דיר נישט וויסן?

— כ׳האָב פֿאַרקויפֿט, רבי, מיינע טייערע קליידער, וואָס איך האָב געהאַט אויף זיך, כ׳האָב פֿאַרקויפֿט מיינע צירונג און פֿאַר דעם געלט האָבן מיר אָפּגעדונגען אַ וועכטער־ביידל אין דאָרף קרחה, אַ ביסל הויז־כּלים און אָט דאָס קלייד, וואָס איך טראָג איצטער. איך וועל מיך באַמיען צו אַרבעטן און איך וועל שפּייזן מיין מאַן, אַבי ער זאָל קאָנען זיצן און לערנען תּורה.

ר׳ נחום האָט באַוואונדערט דעם גרויסן כּוח פֿון דער דאָזיקער פֿרוי. זי איז דערצויגן געוואָרן אין אַזאַ רייכטום, קיינמאָל נישט געוואוסט וואָס עס הייסט נויט, קיינמאָל נישט געאַרבעט, און דאָ נעמט זי זיך אונטער אַזאַ אָרעם לעבן צו פֿירן, כּדי איר מאַן זאָל קאָנען לערנען תּורה.

— זיי געבענטשט, מיין טאָכטער — האָט ר׳ נחום צו איר געזאָגט — דו ביסט ווערט, אַז דיין מאַן זאָל אויסוואַקסן אַ גרויסער תּלמיד־חכם ביי יידן. ברענג אים אַריין צו מיר.

רחל האָט פֿאַרלאָזט דאָס בית־המדרש, זי איז אַרויסגעגאַנגען צו עקיבאַן און אין אַ ווײַלע שפּעטער איז זי מיט אים אַריינגעקומען צו נחום איש גמזו.

עקיבא האָט אויף אים געמאַכט זייער אַ גוטן איינדרוק. ער האָט אים ליבלעך באַגריסט:

— שלום צו דיר, יונגערמאַן!

— שלום צו דיר, רבי — האָט עקיבא געענטפֿערט און ס׳האָט אים איבערראַשט די גוטסקייט, וואָס האָט פֿון ר׳ נחומס אויגן אַרויסגעשיינט.

— וואָס האָסטו געלערנט ביז איצט, מיין זון? — האָט ר׳ נחום אים געפֿרעגט.

— איך האָב געלערנט — האָט אים עקיבא געענטפֿערט — ווי צו אַקערן אין פֿעלד, ווי צו פֿלאַנצן אַ ווייגאָרטן, אָפּצוהיטן סעדער פֿון גנבים, צו פֿיטערן שאָף און אַנדערע אַרבעטן פֿון אַ פּויער. אָבער קיין תּורה, רבי, האָב איך נישט געלערנט.

— גם זו לטובֿה, אויך דאָס איז צום גוטן... — האָט ר׳ נחום איש גמזו געענטפֿערט — אָבער אויב אַזוי, וועסטו דאָך נישט פֿאַרשטיין מײַנע דרשות, וואָס איך דרשן פֿאַר די תּלמידים. דעריבער דאַרפֿסטו דיך קודם־כּל לערנען לייענען, און איך וועל דיר נאָך היינט ווייזן די יידישע אותיות.

— איך דאַנק דיר, רבי, — האָט רחל אַ שיינענדיקע אויסגערופֿן — און געלויבט איז גאָט, וואָס ער האָט פֿאַר מיין מאַן אויסגעזוכט אַזאַ גוטן רבין, אַ טייערן מענטש.

זי איז אין גוטן געמיט און אַ גליקלעכע אַהיימגעגאַנגען, איבערלאָזנדיק עקיבאַן ביי נחום איש גמזו. מיט גרויס ליבע און געטריישאַפֿט האָט זי זיך געזעגנט מיט איר מאַן אין טיפֿן גלויבן, אַז ער וועט מצליח זיין אין לערנען...

דאָס גאַנצע פּנים אירס איז געווען פֿול מיט פֿרייד, ווען זי האָט פֿאַרלאָזט דאָס בית־המדרש פֿון נחום איש גמזו. דעם ערשטן ציל אין איר נייעם לעבן האָט זי דערגרייכט. איר געטרייער מאַן וועט שוין איצט לערנען, און אַז ער וועט לערנען, האָט זי האָפֿנונג, אַז ער וועט אויסוואַקסן אַ גרויסער מענטש. עס וועלן דעמאָלט האָבן פֿאַר איר אַ זין די אַלע ליידן, וואָס דער פֿאָטער האָט איר פֿאַרשאַפֿט.

זי איז איצט געווען די גליקלעכסטע פֿרוי אין דער וועלט. ווען זי איז אַהיימגעקומען אין איר אָרעמען ביידל, האָט זי גענומען עס אויספּוצן. זי האָט אויפֿן וועג די שענסטע בלומען אין די גערטנער אָנגעריסן און מיט זיי די ווענט באַצירט, אַ מאַטע אויף דער ערד אויסגעשפּרייט. אויפֿן וועג האָט זי די אַלע שטוב־זאַכן איינגעקויפֿט. די לעצטע פּאָר פּרוטות האָט זי אויסגעגעבן, אַבי איר געליבטן מאַן פֿאַרגעניגן צו פֿאַרשאַפֿן.

רחל האָט אָנגעפּילט די ליימענע קרוג מיט רויטן וויין און אויף דער מאַטע אַנידערגעשטעלט, פֿיש אָפּגעבראָטן און ברויט אַנידערגעלייגט. דאָס וועט זיין דער ערשטער מאָלצייט מיט איר מאַן צוזאַמען אונטער איין דאַך.

ניין, עס האָט איר גאָרנישט געפֿעלט. זי איז שוין אַפֿילו ביי אַ שכנטע געווען און איר געלאָזט וויסן, אַז זי קאָן איר די וועש וואַשן און אַנדערע שטוב־אַרבעטן טאָן. איר מאַן לערנט תּורה ביי נחום איש גמזו און זי דאַרף פֿאַר אים איינשאַפֿן די פּרנסה.

עקיבא האָט דערפון נישט געוואוסט. ער איז געזעסן דעם גאַנצן טאָג ביי ר׳ נחום איש גמזו אין בית־המדרש און געלערנט דעם אלף־בית, דערנאָך ווי אַזוי פון די אותיות צוזאַמענצושטעלן גאַנצע ווערטער. ער האָט שוין געהאַט צו פרעגן זיין רבין פאַרשידענע קשיות, פון וועלכע ר׳ נחום איז זייער צופרידן געווען און אים צוגעגעבן מוט. דער נייער תלמיד זיינער האָט אַרויסגעוויזן שאַרפקייט אין מוח און ליב געהאַט זיך צו גריבלען אין יעדער קלייניקייט, וואָס ער האָט געלערנט.

— פרעג, פרעג, מיין זון — האָט ר׳ נחום צו אים פאָטערלעך גערעדט, — אַז וועסט פרעגן, וועל איך דיר ענטפערן און וועסט געוואָר ווערן פיל זאַכן. אונדזער גרויסער הלל הזקן האָט געזאָגט: „ולא הבישן למד" — דער וואָס שעמט זיך צו פרעגן, דער וועט קיינמאָל נישט קאָנען לערנען.

— וויל איך טאַקע פרעגן, רבי — האָט עקיבא געזאָגט, רויט ווערנדיק איבער די אויערן פאַר זיין דרייסטקייט. ער האָט מורא געהאַט, טאָמער איז זיין פראַגע אַ נאַרישע און דער רבי וועט פון איר לאַכן.

— פרעג, מיין זון, שעם זיך נישט... — האָט ר׳ נחום אים אויפגעמונטערט.

— רבי, פאַרוואָס הויבט זיך די תורה אָן מיט אַ „בית" — בראשית, וואָס דאָס איז אַ קליינע צאָל און נישט מיט אַ „תיו", וואָס דאָס איז די העכסטע צאָל, און אַפילו צוליב דעם אַליין, וואָס דאָס וואָרט „תורה" הויבט זיך דערמיט אָן?

— ר׳ נחום האָט צופרידן אַ שמייכל געטאָן און געזאָגט:

— מיין זון, האָסט געפרעגט זייער אַ קלוגע קשיא, און הער־אויס, וואָס אונדזערע חכמים האָבן דערויף צו זאָגן... זיי דערציילן וועגן דעם אַזוי:

„דער אלף־בית באַשטייט פון צוויי־און־צוואַנציק אותיות און פון די דאָזיקע צוויי־און־צוואַנציק אותיות איז צוזאַמענגעשטעלט די גאַנצע תורה און די גאַנצע חכמה, וואָס אין איר געפינט זיך און גאָט האָט באַשאַפן די אותיות מיט אַ פייערדיקער שריפט. ווען גאָט איז געגאַנגען באַשאַפן די וועלט, האָבן די פייערדיקע אותיות אַרומגערינגלט גאָטס כסא־הכבוד און איטלעכעס אות האָט געבעטן ביים אַלמעכטיקן, אַז אים זאָל ער אויסקלויבן דעם ערשטן ביים באַשאַפן די וועלט און מיט אים זאָל ער אָנהויבן די תורה.

„צום ערשטן איז אַרויסגעקומען די „תיו" און געטענהט: „מיר קומט די בכורה, ווייל איך בין די גרעסטע אין צאָל און מיט מיר פאַנגט זיך אָן דאָס וואָרט „תורה".

„אָבער דער אויבערשטער האָט אָפּגעוואָרפן די „תיו", ווייל זי איז באַשטימט געווען פאַר די צייטן פון נביא יחזקאל צו ווערן אויסגעבערענט

ווי אַ בראַנדמאַרק אויף דעם זינדיקן מענטש, וואָס וועט פֿאַרמשפּט ווערן צום טויט... דאָן איז די „שין" אַרויסגעטראָטן און געמאָנט איר פֿאַרצוג, אָבער אויך די „שין" איז אָפּגעוואָרפֿן געוואָרן, ווייל מיט „שין" הויבט זיך אָן דאָס וואָרט „שקר", פֿאַלשקייט... די „ריש" איז אָפּגעוואָרפֿן געוואָרן דערפֿאַר, וואָס מיט איר הויבט זיך אָן דאָס וואָרט „רע", שלעכטס־קייט. און אַזוי זיינען אַלע אותיות געקומען פֿאַרן באַשעפֿער פֿון דער וועלט און גאָט האָט זיי אַלע צוליב פֿאַרשידענע טעמים אָפּגעשטויסן אָן אַ זייט, ביז עס איז געקומען די ריי אויף דער „בית". ווען די „בית" האָט זיך דערנעענטערט צום כּסא־הכּבֿוד, האָט זי געזאָגט: „אַלמעכטיקער גאָט, זאָל זיין דיין ווילן צו באַשאַפֿן די וועלט מיט מיר, ווייל איך בין דאָס ערשטע אות פֿון דער ברכה: ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד — געבענטשט זאָל זיין דער נאָמען פֿון גאָט אויף אייביק. און גאָט האָט גע־ענטפֿערט: „געבענטשט זאָל זיין דער, וואָס קומט אין נאָמען פֿון גאָט!" און דער אויבערשטער האָט צוליב געטאָן די בקשה פֿון דער „בית" און מיט איר באַשאַפֿן די וועלט, ווי עס שטייט געשריבן: בראשית ברא אלהים!

„אַ טרויעריקע האָט זיך די „אלף" צוריקגעצויגן, נישט האָבנדיק די מעגלעכקייט אַרויסצוזאָגן איר בקשה. ווען גאָט ברוך הוא האָט דאָס דערזען, האָט ער אויסגערופֿן: „אלף, פֿאַרוואָס שווייגסטו עפּעס?" האָט די „אלף" געענטפֿערט: „ווי אַזוי קאָן איך וואַגן צו רעדן, אַז איך בין בלויז די צאָל „איינס" און אַלע אַנדערע אותיות האָבן אַ העכערן ווערט פֿון מיר!" האָט גאָט דעמאָלט זיך אָנגערופֿן: „האָב נישט קיין מורא, דו וועסט זיין דאָס ערשטע אות פֿון אַלעמען און ווי אַ קעניג וועסטו האָבן די בכורה איבער אַלעמען. דו ביסט „איינס", און איך בין אויך איינער און די תורה איז איינע, און ווען איך וועל מיך אַנטפּלעקן צו מיין פֿאָלק אויפֿן באַרג סיני, וועל איך די אַנטפּלעקונג אָנהויבן מיט דיר, מיט דער „אלף": אנכי. איך בין דער גאָט, דיין גאָט..."

עקיבֿא איז געבליבן זיצן אַ פֿאַרגאַפֿטער אויף זיין פּלאַץ. פֿאַר די אויגן זיינען אים געלאָפֿן פֿייערדיקע רינגען. ער האָט געפֿלאַמט אינגאַנצן פֿון התפּעלות. ער איז אַזוי דורכגענומען געוואָרן מיט דער דאָזיקער שיינער מעשה, אַז ער האָט אינגאַנצן געפֿלאַטערט פֿון אויפֿרעגונג.

— כ'דאַנק דיר, רבי... — האָט ער מיט ציטערניש אַרויסגערעדט — כ'דאַנק דיר, רבי...

און ווען ער איז פֿאַרנאַכט מיט זון־זעצן אַהיימגעגאַנגען פֿון בית־המדרש, האָט אַלץ אין אים געזונגען, אַלע גלידער זיינע האָבן אָפּגעגעבן אַ לויב צום אויבערשטן. און ווען ער האָט זיך דערמאָנט, אַז אינדערהיים וואַרט אויף אים רחל, זיין טייער ווייב רחל, דאָס מלאכישע באַשעפֿעניש,

וואָס נאָר אַ דאַנק איר האָט ער דאָס גליק צו לערנען, האָט אים אַ לייטזע־ליקייט און גרויס גליק דורכגענומען פֿון די שפּיץ נעגל ביז די האָר פֿון קאָפּ. עס האָט אים אַרומגענומען אַ ליבע צו אַלץ אין דער וועלט, צום גרעזל אין פֿעלד, צום בוים אין גאָרטן, צום אויסגעשפּרייטן הימל, אויף וועלכן איינצלנע שטערנדלעך האָבן שוין אָנגעהויבן אויפֿצופֿינקלען, אַ ליבע צו זיין טייערסטן וועזן אויף דער וועלט, צו זיין ווייב רחל, צו זיין רבין, ר׳ נחום איש גמזו, צום גאַנצן לעבן...

— גאָט, מיין באַשעפֿער, פֿיר מיך אויף די ריכטיקע וועגן און מאַך נישט בלאָנדזשען מיינע טריט... — האָט ער אין אַ תּפֿילה געשעפּטשעט מיט די ליפּן און אַ פֿויגל־צוויטשער האָט צווישן די בוימער־צווייגן אים געענטפֿערט מיטן זעלבן לויב, צום זעלבן אַלמעכטיקן גאָט, וואָס האָט די גאַנצע וועלט באַשאַפֿן.

אָט איז ער שוין אַרויס פֿון דער שטאָט גמזו, און ער זעט שוין זיין דאָרף קרחה, ער גייט צווישן די פֿאַראַקערטע, פֿאַרזייטע פֿעלדער, וואָס וואַרטן אויף מער רעגן; אָט זעט ער שוין זייןביידל פֿונדערווייטנס, דורך אַ פֿענצטער לויכט דאָס אייל־לעמפּל, וואָס רחל האָט פֿאַר זיין קו־מען אָנגעצונדן. און אָט שטייט זי טאַקע אויף דער שוועל, זיין טייערס־טע, מיט אַ געטלעכן שמייכל אויפֿן פּנים אויסגעגאָסן.

— זיי באַגריסט, דו לעבן פֿון מיין לעבן! — האָט עקיבא מיט גרויס פֿרייד אין זיין גאַנצן לייב צו איר אויסגערופֿן נאָך פֿונדערווייטנס.

— שלום צו דיר, מיין געליבטער מאַן, נאָך וועלכן איך האָב אַ גאַנצן טאָג אַזוי שטאַרק געבענקט. זיי באַגריסט אויף אונדזער שוועל.

און זי האָט מיט אירע הענט זיין האַלדז אַרומגענומען און אים אַ קוש געגעבן.

— ביסט אוודאי זייער הונגעריק, מיין טייערער מאַן — האָט רחל געשיינט אינגאַנצן פֿאַר פֿרייד און זי האָט אים אַריינגעפֿירט אינם אָרעמען ביידל, וואָס האָט אָבער אין עקיבאס אויגן אויסגעזען ווי אַ קעניגלעכער פּאַלאַץ.

— ווי שיין עס איז ביי אונדז, רחל — האָט עקיבא מיט אַ געוואַל־טיקער פֿרייד אין זיינע אויגן אויסגערופֿן, און ער האָט מיט זיין מענע־רישער האַנט צאַרט אַ פֿיר געטאָן איבער איר סאַמעט־שוואַרצן צעכוואַ־ליעטן קאָפּ האָר און איבערן פּנים.

זיי האָבן ביידע די הענט געוואַשן און געזעצט זיך אויף דער ערד, אויף וועלכער עס איז געווען אויסגעשפּרייט אַ מאַטע פֿון אויסגעפֿלאָכטע־נעם שטרוי.

דאָס אייל־לעמפּל האָט אַ געדעמפּט ליכט געוואָרפן איבערן ציכטיק אויסגערוימטן שטיבל. אַרום אינדרויסן איז שטיל געווען, און זיי האָבן רואיק און מיט גרויס אַפּעטיט געגעסן זייער באַשיידן מאָלצייט, פאַר־טרונקען מיט רויטן ווײַן.

— עס איז אַלץ אַזוי באַטעמט און געשמאַק, רחל — האָט ער מער מיט זיין בליק ווי מיט זיין וואָרט אויסגעדריקט זיין דאַנק צו איר.

— ווי האָסטו דיך געפילט היינט דעם ערשטן טאָג אין בית־המדרש, מיין מאַן? — האָט אים רחל געפרעגט — ווי גייט ביי דיר דאָס לערנען? פאַלט עס אויס אויף דיר שווער?

— ניין, טייערע. איך בין גליקלעך, וואָס איך האָב אויסגעפאָלגט דיין עצה. ביסט דאָס קלוגסטע ווייב אויף דער ערד. כ׳האָב גרויס הנאה פון לערנען, כ׳בין היינט פיל זאַכן געוואָר געוואָרן. ר׳ נחום איז אַזאַ גוטער און האַרציקער מענטש, אַז עס איז אַ פאַרגעניגן מיט אים צו שמועסן. אויף מיינע נאַרישסטע קשיות האָט ער מיר געענטפערט און אַלץ אַזוי דייטלעך דערקלערט.

און ער האָט זיין רחלען דערציילט, וואָס ער איז פון זיין רבין היינט געוואָר געוואָרן וועגן די אותיות פון יידישן אלף־בית. ער האָט איר וואָרט אין וואָרט אַלץ איבער׳געגעבן.

רחל האָט מיט גרויס ליבשאַפט און באַוואונדערונג אויסגעהערט עקיבאס רייד. „ווי שיין ער דערציילט דאָס אַלץ איבער!...” האָט זי גע־טראַכט, קוקנדיק אים אין מויל אַריין און שלינגענדיק דעם קלאַנג פון זיין שפּראַך.

— זעסטו, מיין מאַן, אַז איך האָב נישט קיין טעות געהאַט אין דיר. איך גלויב איצט נאָך שטאַרקער אין דיינע כוחות. מיינע גוטע האָפנונגען וועגן דיר וועלן זיכער מקוים ווערן און וועסט אויפוואַקסן אַ גרויסער תלמיד־חכם.

— אָבער דו אַרבעטסט אַזוי שווער, רחל. עס טוט מיר ווי דאָס האַרץ פאַר דיר...

— זאָל דיך דאָס ניט אַרן, עקיבא — האָט אים רחל אַ גלעט געטאָן די האַנט — זאָל דיך דאָס ניט אַרן. אַ מענטש דאַרף אַרבעטן. דערפאַר אָבער קאָנסטו רואיק זיצן און לערנען תורה.

— איך וועל דיר צוהעלפן אין דער אַרבעט, רחל — האָט עקיבא ביי זיין ווייב זיך געבעטן.

— מען דאַרף נישט. דו דאַרפסט זיך בלויז אָפּגעבן מיטן לערנען — האָט אים רחל געענטפערט.

רחל האָט זיך נאָך אַביסל געפּאָרעט אין צווייטן צימער, וואו זי האָט צוגעגרייט זיין געלעגער אויף שטרוי אויסגעבעט, ווייל אויף צו קויפן בעטן האָט זי שוין נישט געהאַט גענוג געלט. עקיבא איז געבליבן זיצן אין ערשטן שטיבל, וואו ער האָט ביים ליכט פון אייל־לעמפּל איינגעחזרט זיך דאָס, וואָס ער האָט אַ גאַנצן טאָג געלערנט ביי זיין רבין.

אַזוי זיינען אַוועק טעג און נעכט. עקיבא האָט געמאַכט גרויס פאַר־שריט אין לערנען, אָבער וואָס אַמאָל איז זייער לעבן שווערער געוואָרן. דאָס ביסל געלט, וואָס רחל האָט באַקומען פאַר אירע צירונג און קליידער, וואָס זי האָט פאַרקויפט, האָט זיך שוין געהאַט אויסגעלאָזט און זיי האָבן געדאַרפט לעבן בלויז פון אירע קליינע פאַרדינסטן.

אָבער ווען עקיבא איז אַהיימגעקומען פון ר׳ נחומס בית־המדרש, האָבן זיי נישט גערעדט וועגן דעם שווערן לעבן, וואָס זיי מוזן איצטער פירן. זיי זיינען פאַרשלונגען געווען מיט זייער גליק. רחל האָט געטראַכט וועגן זייער צוקונפט. זי האָט אויסגעמאָלן פאַר עקיבאן זייער ווייטערדיק לעבן אין די שענסטע פאַרבן, און עקיבא האָט פאַרליבט געשמייכלט פון זיין יונגן ווייבס חלומות.

— גרויסער גאָט — האָט עקיבא אויסגערופן — ווען בלויז אַ העלפט פון דיינע האָפענונגען זאָלן מקוים ווערן!...

— זיי וועלן מקוים ווערן אינגאַנצן, מיין טייערער, אינגאַנצן... — האָט זי געשעפּטשעט אַ פאַרחלומטע, מיטן בליק אירן אין דער ווייטער ווייטקייט איינגעשטאָכן.

און אַזוי פלעגן זיי ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין רעדן און חלומען אויף דער וואַך.

די נויט זייערע איז אָבער אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער געוואָרן. די מאָלצייטן ביינאַכט, ווען עקיבא איז אַהיים געקומען אָן אויסגעמאַ־טערטער פון אַ גאַנצן טאָג לערנען, זיינען געוואָרן וואָס אַמאָל מאָגערער. אינדרויסן איז אויך טרויעריק געווען. די שטאַרקע האַרבסטיקע רעגנס האָבן געגאָסן אָן אויפהער. יעדן טאָג איז זיי דאָס וואַסער אין ביידל אַריינגערונען און נאָס געמאַכט דאָס שטרוי, אויף וועלכן זיי זיינען געשלאָפן.

רחלס אויגן זיינען געוואָרן אונטערגעשלאָגן און עקיבאס פּנים איז באַדעקט געוואָרן מיט בלאַסקייט.

עקיבא איז אַוועקגעגאַנגען צו זיין רבין, ר׳ נחום איש גמזו, און גע־בעטן ביי אים, ער זאָל אים באַפרייען פון לערנען אויף עטלעכע שעה אין טאָג, ווייל ער מוז אַרבעטן און פאַרדינען אויף פּרנסה.

— ביז איצט האָט מיין ווייב מיך געשפּייזט פון איר אַרבעט, אָבער היינט איז זי שוואַך — האָט ער געזאָגט — און איך מוז איר צוהעלפן

איינשאַפֿן אונדזוער חיונה. בייגאַכט וועל איך אָניאָגן אין לערנען דאָס, וואָס כ'וועל בייטאָג פֿאַרפֿעלן צו טאָן.

ר' נחום האָט אים אויסגעהערט און צו אים אַזוי געזאָגט:

— הער אויס, עקיבא. איך בין אַ רייכער מאַן, איך וואָלט געקאָנט אויסהאַלטן דיך צוזאַמען מיט דיין ווייב און כ'וועל עס אַפֿילו גאָרניט פֿילן.

— ניין, רבי. דאָס וואָלט איך ניט געוואָלט. איך בין גענוג שטאַרק און געזונט, אַז כ'זאָל מיר אַליין קאָנען פֿאַרדינען מיט מיין אַרבעט. איך וויל נישט קיין שטיצע, וואָרים דערמיט וועל איך צונעמען ביי אַן אַנדער אָרעמאַן די מעגלעכקייט דאָס דאַזיקע געלט צו באַקומען. עס זיינען פֿאַראַן אָרעמע, קראַנקע און שוואַכע מענטשן, וואָס קאָנען שוין מער נישט אַרבעטן.

— ביסט אַ טייערער מענטש און פֿאַרמאָגסט אַ גאָלדן האַרץ, עקיבא! — האָט ר' נחום איש גמזו מיט אַ גערירטער שטימע אויסגערופֿן — זאָל דיך גאָט בענטשן, און איך בין זיכער, אַז דו וועסט נאָך לעבן אין גרויס רחבות און אַנדערע מענטשן אַרויסהעלפֿן.

— רבי, דיין ברכה איז ביי מיר מער ווערט ווי טויזנט גאָלדענע רענדלעך! — האָט עקיבא געענטפֿערט.

צומאָרגנס איז עקיבא געגאַנגען אין אַ באַענטן וואַלד אַריין, אָנגע־קליבן בינטלעך האָלץ, געשלעפּט אויף זיינע פּלייצעס קיין גמזו און דאָרט זיי פֿאַרקויפֿט אויפֿן מאַרק. ער האָט פֿון דעם האָלץ געהאַט פֿאַרשידענע נוצן. אַ טייל האָט ער פֿאַרקויפֿט און פֿאַר דעם געלט האָבן זיי ביידע גע־לעבט, אַ טייל האָט ער אַליין געדאַרפֿט פֿאַרנוצן אויף צו וואַרעמען זייערע לייבער אין די קאַלטע רעגנדיקע טעג.

די דינע קינדלעך פֿלעגט ער באַנוצן אַלס ליכט. ער האָט אָנגעצונדן אַזאַ קינדל, געהאַלטן עס אין דער האַנט און געלערנט אין די נעכט תורה.

די שכנים זיינע פֿלעגן זיך באַקלאָגן אויף אים, אַז ער דערשטיקט זיי מיט דעם רויך, וואָס ציט זיך פֿון זיינע קינדלעך צו זיי אין די שטובן אַריין. זיי האָבן אים געעצהט דאָס גאַנצע האָלץ צו פֿאַרקויפֿן און בעסער פֿאַר דעם געלט קויפֿן אייל צום לייכטן, ווי ער האָט עס די ערשטע צייט געטאָן. האָט ער זיי געענטפֿערט, אַז אייל קאָסט צו טייער, און דער עיקר, ווען ער האַלט דאָס ברענענדיקע קינדל אין דער האַנט, איז ער זיכער, אַז ער וועט ניט איינשלאָפֿן. ווייל איינמאָל, ווען דער שלאָף איז געקומען אויף זיינע אויגן און דאָס קינדל אין זיין האַנט האָט זיך אויסגעברענט, האָט ער זיך אָפּגעבריט די פֿינגער, פֿון דעמאָלט אָן האָט ער זיך שוין געהיטן און ניט איינגעשלאָפֿן מער, נאָר כסדר געזעסן און געלערנט.

אין גמזו האָבן שוין די מענטשן אים געקענט. זיי האָבן אים אויפֿן מאַרק גערופֿן נישט אַנדערש ווי: דער קרחהער, ווייל ער האָט געוואוינט אין דעם דאָרף קרחה.

ווען ער איז אַהיימגעקומען פֿון מאַרק מיט אַ פֿאַררויטלט פּנים פֿון קעלט און אַן אויסגענעצטער פֿון די כּסדרדיקע רעגנס, האָט רחל טרערן פֿאַרגאָסן, פֿאַרוואָס איר געליבטער מאַן דאַרף אַזוי שווער אַרבעטן און ער קאָן נישט אָפּגעבן גענוג צייט צום לערנען.

— וועגן מיר זאָלסטו נישט זאָרגן — פֿלעגט ער מיט אַ באַרואיקנדיקן שמייכל צו איר זאָגן — איך בין דאָך צוגעוואוינט צו שווערער אַרבעט, פֿון מיין יוגנט אָן בין איך דאָך אַ פּאַסטוך געווען; אָבער דו, אָרעם קינד מיינס, ביסט נישט צוגעוואוינט צו אַזאַ נויט, איז אויף דיר גיכער אַ ביטערער רחמנות.

רחל האָט אינדערשטיל הינטער עקיבאס וויסן איינמאָל אַ בריוו דורך עמיצן געשיקט צו איר פֿאָטער, באַשריבן אים איר אָרעמקייט, דערציילט אויך, ווי עקיבא לערנט גאַנצע טעג און ר׳ נחום איש גמזו לויבט אים און לייגט גרויסע האָפֿנונגען אויף אים. זי האָט אים אויך געשריבן, אַז זי וועט אין קורצן האָבן אַ קינד...

אָבער זי האָט פֿון איר פֿאַרעקשנטן פֿאָטער אויף דעם דאָזיקן האַרצרייסנדיקן בריוו קיינמאָל קיין ענטפֿער נישט באַקומען. ער איז געבליבן האַרט, אָן רחמנות צו זיין ווידערשפּעניקטער טאָכטער.

רחל האָט פֿאַרביסן די ליפּן, אויסגעוויינט זיך אין דער שטיל און ווייטער אָנגעגאַנגען מיט איר אַרבעט.

פֿאַר עקיבאן האָט זי אָבער שטענדיק געהאַט אַ פֿריילעך פּנים, ווייל איידער ער איז אַהיימגעקומען, האָט זי די טרערן אויסגעווישט פֿון אירע אויגן און האָט אים שטענדיק אויפֿגענומען מיט גרויס פֿרייד.

עקיבא האָט אָבער דאָך דערקענט, אַז זי זאָרגט זיך פֿיל וועגן זייער אָרעמקייט. ער האָט עס דערקענט אין אַ פֿאַרטריקנטער טרער אויף איר באַק, אין אַ פֿאַרזאָרגט קנייטשל אויף איר יונגן שטערן און ער האָט זי שטענדיק געטרייסט, אַז זיי זיינען נאָך נישט די אָרעמסטע. „עס זיינען דאָ, רחל מיינע, נאָך פֿיל אָרעמערע פֿון אונדז״, פֿלעגט ער זי איינגעמען און באַרואיקן.

איינמאָל איז צו רחלען אין אָרעמען קאַלטן שטיבל אַריינגעקומען זייערס אַ שכן פֿון אַ דערלעבנדיקן הייזל און מיט טרערן אין די אויגן דערציילט, אַז ער האָט זיך אויסגעגליטשט אויף די בלאָטיקע וועגן און אַ פֿוס זיך אויסגעלענקט, קאָן ער נישט גיין אַרבעטן. זיין ווייב גייט צו

קינד און זיי האָבן אַפילו נישט קיין ביסל שטרוי אונטערצושפּרייטן אויף דער ערד, וואו די קימפּעטאָרין זאָל זיך קאָנען אַנידערלייגן.

רחל, וועלכע האָט זיך בקרוב אַליין שוין געריכט צו קומען אויף דער צייט, איז געריר ט געוואָרן פון דעם שכנס לאַגע און זי האָט זיך געטיילט מיט אים פון איר שטרוי און אים נאָך צוגעגעבן אַביסל זילבער־געלט דערפון, וואָס זי האָט זיך אָפּגעשפּאָרט פאַר יענער צייט.

דער אָרעמאַן איז אויף זיינע קני געפאַלן און נישט געוואוסט ווי אָפּ־צודאַנקען רחלען פאַר איר גוטסקייט און ער האָט איר אָנגעוואונטשן, אַז זי זאָל רייך ווערן און קאָנען געבן צדקה פיל מער ווי זי טוט עס איצט אין אָרעמקייט.

ווען עקיבא איז פאַרנאַכט אַהיימגעקומען, האָט רחל אים דערציילט, וואָס עס האָט פּאַסירט מיט איר שכן און וואָס זי האָט געטאָן.

האָט עקיבא זי אַרומגענומען און הייס געקושט.

— ביסט די הייליקסטע פרוי אויף דער וועלט, מיין טייער ווייב — האָט ער מיט פרייד אויסגערופן — איך בין, האָבנדיק דיך, רייכער פון די גרעסטע עשירים, אַפילו רייכער פון רוימישן קייסער, וואָרים ער פאַר־מאָגט נישט אין זיין שאַצקאַמער אַזאַ טייערן אוצר ווי גאָט האָט מיר גע־שאָנקען... זעסטו, רחל, אַז עס זיינען נאָך פאַראַן אָרעמערע מענטשן ווי מיר זיינען!... ווי איז זיין נאָמען, דעם שכנס? — האָט ער נאָך אַ ווייל־ע געפרעגט ביי זיין ווייב.

— דו קענסט אים נישט. ער הייסט אליהו.

— דאָס איז דאָך נישט קיין אַנדערער ווי אליהו הנביא! — האָט עקיבא מיט באַגייסטערונג אויסגערופן — ער באַווייזט זיך אָפט, ווי דו האָסט מיר דערציילט, צו מיין רבין ר׳ נחום איש גמזו, און היינט האָט ער אויך באַזוכט אונדזער אָרעמע וואוינונג. ער האָט געוואָלט אויספּרואוון דאָס האַרץ פון כלבא שבועס טאָכטער... זיי געבענטשט פאַר דיין גוטער טאַט, מיין ווייב! — האָט עקיבא מיט פרייד געזאָגט — ווען איך וועל אַמאָל רייך ווערן, וועל איך דיר צום אָנדענקען פון דער היינטיקער טאַט קויפן אַ גאָלדענעם דיאַדעם אויף דיין שטערן, אויף וועלכן עס וועט זיין אויסגעקריצט די שטאָט ירושלים.

— אוי, בעל־חלומות, פאַנטאַזיאָר!... — האָט רחל ליבליך צו אים אויסגערופן — איצט, טייערער, גיב אַ קוק אַריין צום שכן און זע וואָס דאָס ווייב זיינס מאַכט... זיי וואוינען דאָס פערטעביידל פון אונדז, אויף דער רעכטער זייט. וועסטו טרעפן?

— כ׳וועל הערן דעם קוויטש פון אַ ניי־געבוירן קינד, וועל איך האָבן דעם בעסטן סימן, און אויב זי האָט נאָך נישט געבוירן, וועל איך

דערקענען אַן קרעכץ פֿון דער פֿרוי אויף איר בראָכשטול — האָט עקיבא געענטפֿערט און איז פֿלינק אַרויס אינדרויסן, נישט פֿאַרגעסנדיק מיטצו־נעמען אַ טייל פֿון רחלס איבערגעבליבענע פּאָר פּרוטות, כּדי זיי אַוועק־צוגעבן זיינע אָרעמערע שכנים.

ווען עקיבא איז אַריינגעקומען צו זיין שכן אליהו, האָט אַ נײַ גע־בוירן ייִנגעלע אַנטקעגנגעשריגן מיט אַ רוגזהדיק געשריי, צו וואָס מען האָט אים אין אַזאַ אָרעמקייט אויף דער וועלט געבראַכט.

עקיבא האָט דעם שכן געזאָגט, אַז ער איז דער מאַן פֿון רחלען, האָט אים יענער געוואָלט אַרומכאַפּן קושן דערפֿאַר.

— נישט קיין ווייב האָסטו, נאָר אַ מלאך! — האָט דער אָרעמאַן אויסגערופֿן — זי האָט דריי נפֿשות דערהאַלטן ביים לעבן.

— זאָל דיר זיין מיט מזל און זאָלסט דיין זון מגדל זיין לתּורה, לחופּה און מעשׂים טובים! — האָט עקיבא דעם ייִד געוואונטשן און אים צוגע־געבן נאָך אַביסל געלט.

און ווען דער ייִד האָט אים אָנגעהויבן צו דאַנקען פֿאַר דער גוטסקייט, וואָס ער ווייזט אים אַרויס, האָט עקיבא געזאָגט:

— דאָס געלט איז נישט מיינס, מיין ווייב האָט אויף דעם שווער געאַרבעט און דער דאַנק קומט דעריבער איר.

ער איז צוריק אַריינגעקומען צו רחלען און אויסגערופֿן:

— מזל טוב! נאָך אַ ייִד איז אויף דער וועלט געקומען, וואָס וועט פֿאַרגרינגערן אונדזער קאַמף קעגן שונא...

עקיבא האָט אויך אין דעם דאָרף קרחה געפֿונען מיטגלידער פֿון דער געהיימער חברותא. דאָס האָט אים עזריה, ווען ער איז איינמאָל געווען ביי אים צוגאַסט, מיט זיי צונויפֿגעפֿירט. ער האָט אויך געפֿונען צווישן זיינע חברים, ר׳ נחום איש גמזוס תּלמידים, געהיימע מיטגלידער פֿון דער פֿאַרשווערונגס־פּאַרטיי. זיי זיינען זיך אָפֿט צוזאַמענגעקומען אין געהיימע פּלעצער, אַמאָל אויך ביי עקיבאן אין ביידל, וואו רחל האָט אַלעמען אויפֿ־גענומען מיט כּיבוד.

אויף די פֿאַרזאַמלונגען האָט מען זיך געהיצט און מתווכח געווען וועגן דעם אופֿן און וועגן דער צייט, ווען דער בונט זאָל אויסברעכן. טייל האָבן געהאַלטן, אַז מען איז נאָך צו שוואַך איצט אָנצוהויבן אַן אויפֿשטאַנד קעגן רוים. אַנדערע האָבן געטענהט פּונקט פֿאַרקערט, אַז דווקא איצט, ווען די רוימער ריכטן זיך גאָרנישט אויף אַ ווידערשטאַנד, איז גוט אָנ־צוהויבן די מרידה.

דער היציקסטער פֿון זיי, שוין אויפֿצוהויבן דעם בונט קעגן רוים, איז געווען עקיבא. איבער די עטלעכע חדשים, וואָס ער האָט געלערנט ביי

ר׳ נחום איש גמזו, האָט ער אָנגענומען פּיל ידיעות און ער האָט זיך אויך אַרויסגעוויזן פאַר אַן אויסגעצייכנטן רעדנער, וועלכער האָט פאַר־כישופט ממש די צוהערער מיט זיינע רייד.

רחל פלעגט זיך אויך אַריינמישן פון צייט צו צייט און זי האָט מיט אירע קלאָרע רייד אָפּגעקילט אַביסל די צעהיצטע געמיטער. אויף איר זייט איז אויך שטענדיק געווען עקיבאס בעסטער חבר, אַ תלמיד פון ר׳ נחום איש גמזו, ישמעאל. ער איז געווען פּיל יינגער פון עקיבאן, אָבער דער בעסטער תלמיד, און ר׳ נחום האָט פאַרויסגעזאָגט וועגן אים, אַז ער וועט אַמאָל פאַרשיינען די וועלט מיט זיין פּיל וויסן און קענטעניש.

וועגן ישמעאלן האָט עקיבא איינמאָל דערציילט רחלען, ווי אַזוי עס איז געקומען דערצו, אַז ער זאָל ווערן אַ געלערנטער, און אפשר מיט דער צייט אויסוואַקסן אַ גרויסער תנא.

ער האָט אָפּגעשטאַמט פון אַן אַריסטאָקראַטישער כהנישער משפחה, און ווען דאָס בית־המקדש איז חרוב געוואָרן, איז ער אַלט געווען אַרום צען יאָר. ער איז געווען אַ בילד־שיינקייט און דעריבער זיך יעדן געוואָרפן אין די אויגן. זיינע עלטערן זיינען בעתן חורבן דערהרגעט געוואָרן און ישמעאלן האָבן די רוימער געפאַנגען און אָפּגעשיקט קיין רוים. דאָרט האָט מען אים אַריינגעוואָרפן אין אַ תפיסה און ער וואָלט אפשר דאָרטן געווען אומגעקומען.

אָבער אָט האָט פּאַסירט, אַז דער תנא ר׳ יהושע בן חנניה, איינער פון די גרעסטע געלערנטע אין יענעם דור, איז געקומען צום קייסער משתדל זיין זיך פאַר אַ געוויסער שטאָט, וואָס האָט זיך פאַרזינדיקט קעגן רוים און דער פּראָקוראַטאָר האָט די שטאָט באַשטראָפט מיט אַ סך געלט קנס.

אין רוים האָט מען ר׳ יהושען דערציילט, אַז עס געפינט זיך דאָרט אין תפיסה זייער אַ שיין יינגל מיט וואונדערבאַרע שוואַרצע אויגן און פּרעכטיק געלאָקטע האָר, און די רוימער זיינען גרייט אים צו פאַר־קויפן פאַר אויסגעלאַסענע צוועקן.

איז ר׳ יהושע בן חנניה צוגעקומען צו דער תפיסה און געוואָלט זיך אויסשמועסן מיטן יינגל, געוואָר ווערן פונוואַנען ער שטאַמט, ווער עס זיינען זיינע עלטערן. ווען ר׳ יהושע האָט דערזען דאָס אויסערגעוויינ־לעך שיינע קינד, האָט ער אויסגערופן מיט טרויער אַ פסוק, וואָס דער נביא ישעיה האָט געזאָגט: „ווער האָט איבערגעגעבן צו אויסרויבונג יעקב און ישראל צו גזלנים״... האָט אים דאָס שיינע יינגל געענטפערט מיט דער צווייטער העלפט פון זעלבן פסוק, וואָס ישעיה הנביא האָט געזאָגט: „דאָס איז גאָט, קעגן וועלכן מיר האָבן געזינדיקט און אין זיינע וועגן זיינען מיר נישט געגאַנגען און צו זיין תורה האָט מען זיך נישט צוגעהאָרכט...״

ווען ר׳ יהושע האָט דאָס דערהערט, האָט ער אויסגערופֿן: „איך בין זיכער, אַז פֿון דעם דאָזיקן ייִנגל וועט אויסוואַקסן אַ גרויסער תּלמיד־חכם צווישן ייִדן און איך שווער אַזוי לאַנג נישט צו רוען, ביז איך וועל אים פֿון דאַנען נישט אַרויסנעמען״.

ר׳ יהושע האָט געהאַט גרויס באַקאַנטשאַפֿט אין רוים, און נאָך פֿיל באַמיאונגען איז אים געלונגען אַרויסצורייסן דאָס ייִנגל פֿון די געצנדינער־רישע הענט. „און דאָס ייִנגל איז עס ישמעאל בן אלישע!״ האָט עקיבא פֿאַרענדיקט צו דערציילן רחלען די געשיכטע פֿון זיין חבר.

עקיבא איז נאָך עטלעכע חדשים לערנען אין בית־המדרש פֿון ר׳ נחום איש גמזו געוואָרן באַליבט צווישן זיינע חברים. אַלע האָבן באַוואונדערט זיין שאַרפֿן קאָפּ און זיין געוואוינהייט אַריינצוטייטשן אין יעדן אות, אין יעדן — ווי אים האָט זיך אויסגעוויזן — איבעריקן וואָרט אין דער תּורה. אַלץ האָט געמוזט זיין פֿאַר אים קלאָר און פֿאַרשטענדלעך.

און ווען ר׳ נחום האָט אַמאָל פֿאַר זיינע תּלמידים איבערגעחזרט דאָס וואָרט פֿון יוסי בן יועזר, וועלכער האָט געזאָגט: „און זאָלסט טרינקען מיט דורשט זייערע ווערטער״, האָט ער אויף עקיבאַן אָנגעוויזן אַלס ביישפּיל.

— זעט — פֿלעגט ער זאָגן צו זיינע איבעריקע תּלמידים — ווי דער דאָזיקער מענטש טרינקט ממש די ווערטער פֿון די חכמים, ווי ער שלינגט די תּורה ווי אַן אויסגעהונגערטער.

— ס׳איז נישט קיין וואונדער, — האָט זיך איין תּלמיד מיט שפּאָס אָנגערופֿן — אַז אַ מענטש האָט פֿערציק יאָר „געהונגערט״...

אַלע האָבן זיך צעלאַכט, אַפֿילו עקיבאַן אַליין איז געפֿעלן געוואָרן דער דאָזיקער שפּאָס. און עס איז טאַקע אמת געווען אויך. ער איז להוט געווען נאָך יעדן נייעם וואָרט און אַלץ האָט ער געוואָלט וויסן, אַלץ האָט ער געוואָלט אויסלערנען.

— אַ מענטש — האָט ער געטענהט — דאַרף אין אַלעם זיין באַהאַוונט. אַלץ, וואָס איז צוטריטלעך פֿאַרן מענטשלעכן געדאַנק, דאַרף אַ מענטש שטרעבן צו וויסן.

ער האָט חוץ לערנען תּורה אָנגעהויבן אויך שטודירן די חכמה פֿון מעדיצין, געלערנט חשבון, עוסק געווען אין אַסטראָנאָמיע און געגריבלט זיך אין פֿאַרשידענע וויסנשאַפֿטן, געלערנט שפּראַכן, כּדי פֿון פֿרעמדע ביכער צו קאָנען לייענען די חכמה פֿון אַנדערע פֿעלקער. ער האָט אַלץ אין זיך איינגעזאַפּט ווי אַ שוואָם. ער האָט ווירקלעך מקיים געווען דעם פּסוק: „והגית בו יומם ולילה״ — און זאָלסט לערנען פֿון אים ביי טאָג און ביינאַכט.

ער האָט שוין אויסגעזוכט פרייע צייט, אויב ער האָט נאָר געהאַט, און אַ מלאכה זיך געלערנט; ער האָט אָפּגעהיט דעם שפּרוך פון שמעיה: „אהב את המלאכה...״ זאָלסט ליב האָבן צו אַרבעטן.

רחל האָט איר מאַן פּשוט נישט דערקענט. ער איז אין די עטלעכע חדשים, וואָס ער האָט געלערנט ביי ר׳ נחום איש גמזו, אַזוי אויסגעוואַקסן, אַז זי האָט שוין ביי אים פיל זאַכן געפרעגט, און איר ליבע צו אים איז פילפאַכיק פאַרשטאַרקט געוואָרן און זי האָט געהאַט פאַר אים גרויס דרך־ארץ.

רחל איז גליקלעך געווען, וואָס זי האָט נישט געמאַכט קיין טעות אין זיינע פעאיקייטן, וואָס זי האָט אויפן ערשטן בליק דערקענט אין אים דעם שאַרפן קאָפּ און דעם טיפן שכל. זי האָט עס באַמערקט ביי זיך אין הויז בעת מאַן־און־ווייב שמועסן; זי האָט עס געהערט, ווען מען פלעגט זיך ביי איר אין הויז צונויפקומען אויף געהיימע פאַרזאַמלונגען. עקיבא איז געוואָרן דער פירשפּרעכער אומעטום. דערצו האָט אים אויך צוגע־האָלפן זיין אימפּאַזאַנטע פיגור, הויכער וואוקס און שיין באַבערדלט פּנים מיט די טיפע שוואַרצע אויגן.

מיט גרויס דרך־ארץ האָבן זיינע חברים אָנגעהויבן קוקן אויף אים; ער איז שוין ווייט נישט געווען עקיבא דער פאַסטוך, דער אומוויסנדיקער עם־הארץ. אָבער איין זאַך איז ביי אים יאָ פאַרבליבן פון יענער צייט: די ליבע צום פּשוטן מענטש. אומעטום און שטענדיק, ווען עס איז נאָר געווען אַ רייד וועגן דעם יידישן פויער, דעם עם־הארץ, איז ער געווען אויף זיין זייט. ער האָט איצט ווייטער נישט געקאָנט פאַרטראָגן די יעניקע תּלמידי־חכמים, וועלכע האָבן אויף דעם המון־עם געקוקט פון אויבן אַראָפּ.

— אין זיי, אין די פּראָסטע מענטשן, ליגט דער געזונטער קערן פון אונדזער פאָלק. זיי וועלן קיינמאָל נישט פאַרראַטן, אויף זיי קאָן מען זיך שטענדיק פאַרלאָזן. אויב מען וועט דאַרפן, וועלן זיי קעמפן ביזן לעצטן — האָט ער מיט היץ געטענהט אויף די פאַרזאַמלונגען.

ר׳ נחום איש גמזו האָט זיין תּלמיד עקיבא אויסערגעוויינלעך ליב געהאַט און ער האָט ביי זיך אין הארץ געהאַלטן פאַר אַ גרויסער זכיה, וואָס עקיבא איז געוואָרן זיין תּלמיד. ער האָט שטענדיק געהאַלטן וואַך זיין אויג אויף עקיבאַן. ער האָט געהאַט אַ פאַרגעפיל, אַז פון אָט דעם דאָזיקן אַמאָליקן פאַסטוך וועט אַרויסוואַקסן אַ גרויסער פירער ביי יידן.

די נויט ביי עקיבאַן אין שטוב איז אָבער געשטיגן וואָס אַמאָל מער. רחל האָט נישט קיין כּוח געהאַט מער צו אַרבעטן, וואָרים זי איז געווען אין די הויכע חדשים. עקיבא האָט אָנגעהויבן האַנדלען מיט שטרוי און

מיט גרויס פֿיין און שווערער אַרבעט האָט ער פֿאַרדינט קוים אויף וואַ־סער מיט ברויט.

אָבער דעם גוטן הומאָר האָט ער קיינמאָל נישט פֿאַרלוירן. אַ חוץ דעם וואָס ער איז אַזוי געווען פֿון כאַראַקטער, האָט ער אויך רחלען נישט געוואָלט פֿאַרשאַפֿן קיין עגמת־נפֿש. ער האָט נישט געוואָלט, זי זאָל אים זען אַפֿילו איין מאָמענט טרויעריק.

ווען עקיבא איז אַהיימגעקומען, צי פֿון בית־המדרש, צי פֿון מאַרק, וואו ער האָט זיינע בינטלעך שטרוי פֿאַרהאַנדלט, האָט ער שטענדיק געהאַט צו דערציילן גוטע נייעס צו זיין ווייב רחלען, און ער האָט עס אַזוי שיין דערציילט, אַז ער האָט פֿון איר פֿאַריאָגט די שוואַרצע וואָלקנס, וואָס האָבן זיך ביי איר איבערן טאָג אָנגעקליבן. ווען זי האָט אים דערזען, איז זי באַלד אַריינגעפֿאַלן אין דער בעסטער שטימונג און זיי האָבן זיך צו־זאַמען געפֿרייט ווי קליינע קינדער.

אינדערפֿרי, ווען זיי זיינען פֿון שלאָף אויפֿגעשטאַנען, פֿלעגט עקיבא אַרויסקלייבן פֿון אירע שיינע געקרייזלטע האָר די שטרויעלעך, וואָס האָבן זיך אין זיי אַריינגעפּלאָנטערט, שלאָפֿנדיק אויפֿן הוילן שטרוי. ער האָט עס געטאָן מיט אַזוי פֿיל ליבע און צערטלעכקייט, אַז אַ וואַרעמער שטראָם האָט איבער אַלע אירע גלידער דורכגעריזלט ביי דער באַרירונג פֿון זיין האַנט.

— פֿאַרברענגסט אומזיסט צייט, מיין געטרייער מאַן, אויסקלייבנדיק די שטרויעלעך פֿון מיינע האָר — פֿלעגט זי צו אים טענהן — פֿאַרלירסט דיינע שעהן אויף אַזאַ נישטיקער זאַך און דו ביסט זיך מבטל פֿון לערנען.

— זאָל דאָס דיך נישט אַרן, רחל — האָט ער איר שטענדיק אויף דעם געענטפֿערט — אַ ווייב דאַרף שטענדיק זיין שיין פֿאַר איר מאַן, און ווי אַזוי וועסטו אויסזען מיט די שטרויעלעך אין דיין פּרעכטיקן קאָפּ האָר.

אָבער רחל האָט שוין ביי זיך געהאַט אַן אַנדערן פּלאַן אָפּגעמאַכט. די אויגן האָבן ביי איר אויפֿגעלויכטן. אַנומלט האָט איר אַ שכנטע גע־זאָגט, אַז פֿאַר אַזעלכע שיינע האָר ווי זי פֿאַרמאָגט, צאָלט מען זייער פֿיל געלט. פֿאַרוואָס זאָל זי דערביבער ליידן דחקות, אַז זי קאָן פֿאַרקויפֿן אירע געקרייזלטע לאָקן און פֿאַר דעם געלט שפּייזן זיך מיט איר מאַן.

רחל האָט זיך נישט געקאָנט שיידן מיט דער קרוין פֿון איר קאָפּ. איצט אָבער איז איר ווי אַ בליץ דורכן מוח דורכגעלאָפֿן: זי וועט די האָר אָפּשניידן און פֿאַרקויפֿן, וועט זי פֿאַרגרינגערן דערמיט די פּרנסה און עקיבא וועט קאָנען זיין גאַנצע פֿרייע צייט ווידמענען צו לערנען תּורה.

איינמאָל, ווען עקיבא איז אַהיימגעקומען פֿון גמזו, האָט ער רחלען געטראָפֿן זיצן פֿאַרטרויערט, דער קאָפּ איז מיט אַ טיכל געווען אַרומגע־

נומען און אויפֿן טישל איז געשטאַנען אָנגעגרייט אַ בעסער מאָלצייט. ווען זי האָט דערציילט עקיבאַן, וואָס זי האָט געטאָן, איז ער טרויעריק געוואָרן און צום עסן זיך נישט צוגערירט.

ער האָט אַ פּאָר טעג דערפֿאַר נישט גערעדט צו איר. דאָס האַרץ האָט אים ווי געטאָן, פֿאַרוואָס זי איז זיך אַזוי מקריב פֿאַר אים, און ער האָט נישט געוואוסט מיט וואָס זי צו באַשטראָפֿן דערפֿאַר.

— אָבער פֿאַרוואָס זאָל איך זי באַשטראָפֿן, זי טוט דאָך דאָס אין דער בעסטער מיינונג... — האָט ער זיך באַרעכנט, ווען ער איז אויפֿן דריטן טאָג אַהיימגעגאַנגען פֿון בית־המדרש, און ער האָט באַשלאָסן זי איבערצו־בעטן. זי איז דאָך דאָס טייערסטע און געטרייעסטע ווייב אויף דער וועלט, האָט ער געטראַכט, און דערזעענדיק שוין פֿון ווייטנס זיין ביידל, האָט דאָס האַרץ זיינס אַזוי זיך געפֿרייט און אָנגעפֿילט געוואָרן מיט גליק, אַז ער איז גרייט געווען, ווען ער וועט אַריבערטרעטן די שוועל, צו פֿאַלן צו אירע פֿיס און בעטן, אַז זי זאָל אים מוחל זיין פֿאַר דעם צער, וואָס ער האָט איר פֿאַרשאַפֿן.

צוקומענדיק נאָענט אָבער צו זיין וואוינונג, האָט ער געזען ווי מענטשן פֿאַרען זיך דאָרטן, מען גייט אַריין און אַרויס, דער עיקר זיינען דאָס פֿרויען.

„אפֿשר"... — האָט ער מיט ציטערדיקער פֿרייד זיך געפֿרעגט.

און ווען ער האָט מיט האַרץ־קלאַפּעניש די שוועל פֿון זיין שטוב איבערגעטראָטן, האָט ער דערהערט דאָס געשריי פֿון אַ ניי־געבוירן קינד.

— מזל־טוב, שכן! — האָט אים די אַלטע הייבאַם אַנטקעגנגערופֿן — אַ זכר!

עקיבאַ איז צוגעגאַנגען צום אויסגעבעטן שטרוי־געלעגער, וואו רחל איז געלעגן אויף דער ערד אַ שיינענדיקע, לעבן איר איז געלעגן אַ קליין רויט נפֿשל און האָט גיריג געזויגן פֿון דער ברוסט.

— מזל־טוב, מיין ווייב! — האָט עקיבאַ מיט טרערן־בלישטשענדיקע אויגן אַרויסגעשעפּטשעט.

— זאָל זיין מיט גליק... — האָט רחל מיט געטריישאַפֿט אין אירע אויגן שטיל געענטפֿערט.

עקיבאַ האָט דעם זון אַ נאָמען געגעבן יהושע.

קאַפּיטל 5

אויף דער רייזע קיין רוים

●

ווי אַ בליץ איז די ידיעה איבערן גאַנצן לאַנד יהודה זיך פֿונאַנדער־געגאַנגען: דער קיסר אַספּסינוס פֿון רוים איז געשטאָרבן!

ביי די אונטערדריקטע יידן אין גאַנץ ארץ־ישראל זיינען נייע האָפֿנונגען געבוירן געוואָרן. יונגעלייט, וואָס האָבן געלעכצט נאָך נקמה אָן רוים, האָבן זיך „מזל־טוב" אָפּגעגעבן. עס האָט זיך גערעשט און געטומלט אין אַלע ווינקעלעך פֿון לאַנד, פֿון הייסן דרום אין יהודה, ביזן קילן צפֿון פֿון גליל האָט מען זיך אין געהיימע שטיבלעך פֿאַרזאַמלט און אָפּגעהאַלטן באַראַטונגען.

דער דעמאָלטדיקער מיליטערישער הויפּט פֿון רוימישן גאַרניזאָן אין ארץ־ישראל, וועלכע האָבן זיך אין יענער צייט אַלע פּאָר וואָכן געטוישט, איז געווען צעטומלט און נישט געוואוסט וואָס צו טאָן. ער האָט גאַנץ גוט דערפֿילט די אומרואיקע שטימונג אין לאַנד. אויב ביז אַהער האָט מען אין רוים געמיינט, אַז דער גייסט פֿון קאַמף ביי די יידן איז דערשטיקט און זיי טראַכטן נישט מער ווידערצושפּעניקן קעגן דער רוימישער אימפּעריע, האָט דער מיליטערישער הויפּט איצטער איינגעזען, אַז דאָרט האָט מען, וואָס שייך די „יודעער", אַ גרויסן טעות.

„די יידן וואַרטן בלויז אויף אַ גינסטיקער געלעגנהייט"... — האָט ער צו זיינע צענטוריאָנס געזאָגט בעת אַ באַל, וואָס ער האָט איינגעאָרדנט ביי זיך אין פּאַלאַץ אין קיסריה. ער האָט געוואַרט יעדן טאָג אויף אָנווייזונגען פֿון רוים, אָבער אין רוים האָט מען איצט נישט אין זינען געהאַט די פֿאַרוואָרפֿענע איינגענומענע קאָלאָניע יהודה. עס האָט זיך דאָרט געטומלט מיט דער קרוינונג פֿון נייעם קייסער טיטוס, דעם עלטסטן זון פֿון אַספּסינוסן, וועלכער האָט צעשטערט דאָס בית־המקדש און חרוב געמאַכט ירושלים.

— זאָלן זיינע ביינער פֿאַרפֿוילט ווערן! — האָט מען אין די שטעט און דערפֿער געשאָלטן דעם רוימישן נייעם קיסר — און די ערד זאָל אַספּסינוסן אַרויסוואַרפֿן...

פפוס, וועלכער האָט געזאָלט זיין רחלס חתן, איז ספּעציעל קיין רוים געפאָרן צו דער קרוינונג. ער האָט רעקאָמענדאַציעס מיטגעפירט צו בערעניקען, אַגריפּסעס שוועסטער, וועלכע האָט זיך צוגעשאַרט צו טיטוסן און געמיינט, אַז זי האָט אים שוין אין איר נעץ און זי וועט זיין די קייסערין פון רוים. אָבער דער פאַקט, וואָס טיטוס איז פּלוצלינג אַרויף אויפן רוימישן טראָן, האָט צונישט געמאַכט אַלע אירע פּלענער און זי האָט מער אויף אים קיין שום איינפלוס נישט געהאַט.

איז פּפוס געבליבן איינזאַם אין דער גרויסער שטאָט און נישט גע־האַט צו וועמען זיך צוצוטשעפּען. יאָזעפוס פלאַוויוס, צו וועמען ער האָט זיך געווענדט, האָט אים אפילו נישט געוואָלט אויפנעמען. יענער האָט שוין דעמאָלט געשפּילט אַ געוואַלטיקע ראָלע אין רוימישן קייסערלעכן הויף, בפרט נאָכדעם ווי זיין בעסטער פריינט טיטוס איז געוואָרן קייסער. ער האָט נאָר־וואָס געהאַט פאַרענדיקט זיין גרויס ווערק „די יידישע מלחמות", וואָס האָט געמאַכט אַ רושם אין די געלערנטע רוימישע קרייזן. זיין נאָמען האָט געקלונגען איבערן גאַנצן לאַנד און אפילו אויסער די גרעניצן פון לאַנד, און איינפלוסרייכע רוימישע סענאַטאָרן האָבן דעם ייד מקנא געווען און געפירט שטילערהייט קעגן אים אינטריגעס.

„אומעטום קריכן זיי, די יידן, און אַלץ פאַרכאַפּן זיי" — האָבן זיי צווישן זיך געמורמלט. אָבער אין די אויגן האָבן זיי זיך צו אים זיס גע־הנפּעט און אים אָנגערופן „מייסטער".

זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז פלאַוויוס האָט אויף אַ „פּראָווינצער" יונגערמאַן עפּעס דאָרט פון ירושלים, וועלכער האָט זיך אויסגעלערנט אַביסל רוימיש רעדן, נישט געוואָלט אַפילו קוקן.

אין די יידישע הייזער ווידער, האָט מען נישט גערן געהאַט דעם דאָזיקן פּפוס, וואָרים ער האָט דאָך זיין צונג נישט איינגעהאַלטן און אומעטום איז ער אַרויסגעקומען מיט זיינע אַסימילאַטאָרישע געדאַנקען און אידעען.

ווען מען האָט אים אין רוים אין אַזאַ יידיש הויז געפרעגט וועגן דעם מצב אין יהודה און אין גליל, האָט ער מיט ביטול אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, ווי איינער זאָגט: „פון וועמען עס איז דאָ פאַראַן זיך צו פרעגן. זיי זיינען דאָרט טויט ווי אַלע טויטע"...

די רוימישע יידן האָבן אָבער געהאַט גאָר אַנדערע גרוסן. זיי האָבן גע־וואוסט וועגן די געהיימע אָרגאַניזאַציעס אין דעם אַלטן היימלאַנד און זיי האָבן זיך געטרייסט מיט גוטע האָפנונגען.

און דעריבער האָבן זיי פּפּוסן, דעם רוימער פון יידישן גלויבן, פיינט געהאַט בתכלית השנאה און מען האָט מיט אים נישט געוואָלט האָבן קיין צופיל מחזקות.

— אַ מנוולדיקער נפש... — האָט מען זיך איינער דעם אַנדערן איבערגעגעבן.

פּפּוס איז שוין סיי־ווי געווען אַ דערשלאָגענער, נאָכדעם ווי ס'איז צו אים דערגאַנגען די ידיעה, אַז „זיין" רחל האָט אים פאַרראַטן. נישט נאָר האָט זי אים, דעם רייכן פּפּוס בן יהודה, דעם שטאָלצן און געלערנטן ירושלמי, פאַרטריבן פון זיך, נאָר זי האָט אים גאָר אויסגעטוישט אויף עפּעס אַן אומוויסנדיקן פאַסטוך, אַ גראָביאַן, אַ גאָרנישט...

יאָ, ער האָט אים געזען איינמאָל אין פעלד מיט די שאָף ביים כנרת. ער האָט אַפילו געפּרואווט מיט אים דעמאָלט פאַרפירן אַ שמועס. ווייל אויפן אויסזען האָט ער געמאַכט אַ גוטן איינדרוק, אָט דער דאָזיקער פאַסטוך. אָבער ער ווייסט דאָך גאָרנישט, אַ ביטערער עם־הארץ, אַן אומוויסנדיקער...

— צי איז זי פון זינען אַראָפּ, אָט דאָס קלוגע און פּרעכטיקע מיידל!... — האָט ער מיט ביטערניש געטראַכט — וואָס האָט זי אין אים דערזען: דאָס שיינע באָבערדלטע פּנים?... און פאַר אים האָט זי דאָס מקריב געווען דעם פאָטערס פאַרמעגן! ווי ער האָט געהערט, לעבט זי אין גרויס אָרעמקייט און דחקות.

ער האָט אַפילו דורך עמיצן אַ בריוו צו איר געשיקט, אין וועלכן ער האָט איר פאַרגעלייגט, אַז ער איז שטענדיק גרייט איר מוחל צו זיין די באַליידיקונג און זיין רייכער פּאַלאַץ אין ירושלים איז שטענדיק אָפן פאַר איר, אויב זי זאָל נאָר באַשליסן מיט אים חתונה צו האָבן. גטן זיך מיט דעם פאַסטוך־יונג וועט ער שוין זען, אַז זי זאָל קאָנען גרינג דורכפירן. ער האָט געגנוג געלט און פאַר געלט קאָן מען אַלץ מאַכן...

רחל האָט אים אויף דעם נאַרישן, אָנגעבלאָזענעם און חוצפּהדיקן בריוו קיינמאָל נישט געענטפערט. זי האָט אים אַפילו עקיבאַן קיינמאָל נישט געוויזן, נאָר צעריסן אויף פּיץ־פּיצלעך און פונאַנדערגעשאָטן אויפן ווינט.

פּפּוס האָט זיך געפילט געקרענקט דערפון. זיין שטאָלץ, זיין זעלבסט־ליבע איז געווען באַליידיקט.

— אַזוי זיינען זיי די פרויען... — האָט ער פילאָזאָפיש אין האַרצן זיך פאַרענטפערט — ביי זיי קאָן מען זיך ריכטן אויף די אויסטערלישסטע משוגעתן.

„כּלבא שבועס טאָכטער, וועלכע איז אים צוגעזאָגט געוואָרן נאָך אין זיין פֿריסטער יוגנט — נעמט זי און טוישט אים אויס אויף כ׳וויס וועמען... נו, עס איז אַ שאַנדע אַפֿילו צו טראַכטן וועגן דעם!...״

אַט די געשיכטע מיט רחלען און דער דורכפֿאַל מיט יאָזעפֿוסן האָבן ביי אים אַרויסגערופֿן בייזע געפֿילן און ער האָט זיך פֿאַרשוואוירן צו נעמען נקמה. אין וועמען נקמה צו נעמען, האָט ער אַליין נישט געוואוסט. ער האָט געפֿילט אַ האַס צו דער גאַנצער וועלט. אָבער גאָר שטאַרק האָט ער איצט פֿיינט געהאַט עקיבאַן.

„אמת, אין אים נקמה צו נעמען איז אַפֿילו אונטער מיין כּבוד. סוף כּל סוף איז ער דאָך אַ פּאַסטוך, און אַן אומגעבילדעטער פּויער״... — האָט פּפּוס פֿאַרביסן געמורמלט צו זיך, ווען ער איז איינזאַם געלעגן אויף זיין געלעגער אין אַ גאַסטהויז אין רוים.

ער איז אַראָפּגעשפּרונגען פֿון זיין בעט. ס׳איז געווען שפּעט ביינאַכט. אָבער אויף די גאַסן האָבן געברענט פֿלאַקערן לכּבוד דעם גרויסן יום־טוב, צוליב דער קרוינונג פֿון טיטוסן. מענטשן זיינען אין גרויסע המונים אויף די גאַסן געווען און פֿאַרפֿלייצט יעדער ווינקל, אָנגעטאָן אין די פֿאַרביקסטע קליידער פֿון די פֿאַרשידנסטע פֿעלקער און שבטים. אָבער פּפּוס האָט איינזאַם צווישן דעם דאָזיקן גרויסן המון געבלאָנדזשעט איבער די גאַסן, אַ פֿאַרביסענער אויף זיך און אויף דער גאַנצער וועלט.

מיטאַמאָל האָט צו אים אין דער דאָזיקער ענגשאַפֿט עפּעס אַ רוימישע קורטיזאַנע אַ שמייכל געטאָן.

ער האָט זיך גערן מיט איר אָפּגעשטעלט, פֿונאַנדערגעשמועסט זיך מיט איר און ער איז פֿון דעם שמועס געוואָר געוואָרן, אַז זי איז אַ גריכין, שטאַמט־אָפּ פֿון אַריסטאָקראַטישע עלטערן, און דאָ אין רוים האָט זי פֿאַרקערט אין די העכסטע סענאַטאָרישע קרייזן, אַפֿילו מיט טיטוסן אַליין געהאַט אַמאָל צו טאָן... אָבער זיי זיינען איר נמאס געוואָרן. זי האָט ליב בעסער איינעם פֿון פֿאָלק...

פּפּוס האָט זיך געפֿילט אַביסל באַליידיקט, וואָס זי האַלט אים ווי „איינעם פֿון פֿאָלק״... אָבער ער איז איינגעגאַנגען מיט איר זיך אַביסל דורכצושפּאַצירן.

„אַלע די יידן, די יידישע פֿרויען פֿאַרכאַפּן אַלצדינג, אַפֿילו די הערצער פֿון די רוימער...״ — האָט זי פֿאַרגעסן און זיך אַרויסגעכאַפּט מיטן ריינעם אמת, פֿאַרוואָס זי פֿאַרקערט מער נישט אין די הויכע קרייזן... און זי האָט גיפֿטיק אירע דינע ליפּן פֿאַרביסן.

פּפּוס האָט זי צו זיך אין גאַסטהויז מיטגענומען, כּדי אויף אַ ווייל צו פֿאַרזיסן זיינע ביטערנישן און ער איז מיט זיך צופֿרידן געווען: ער וועט

פֿאַרברענגען מיט אַ גריכין, מיט אַ טאָכטער פֿון קינסטלער־פֿאָלק, פֿון אַריסטאָטל און סאָקראַטעס... און דאָס האָט אים, דעם אויסגעגליטשטן ייד, געשמייכלט.

טיטוסעס ממשלה איבער דער רוימישער אימפּעריע האָט זיך אָבער אָנגעהויבן מיט אַ גאַנצער רייע אומגליקן, און יידן האָבן אין דעם געזען גאָטס פֿינגער: „דאָס שטראָפֿט אים גאָט דערפֿאַר, ווייל ער האָט חרוב געמאַכט די הייליקע שטאָט ירושלים און פֿאַרברענט דאָס בית־המקדש".

נישט צו וויסן פֿון וואַנען און פֿון וואָס, האָט פּלוצלינג אַ גרויסע שׂרפֿה אַרומגעכאַפּט די שטאָט רוים און דאָרט פֿאַראורזאַכט אַ גרויסן חורבן. טויזנטער הייזער זיינען פֿאַרברענט געוואָרן און פֿיל מענטשן זיינען אומגעקומען אין די פֿייערן. און ווען דער טרויער האָט נאָך געהערשט אין רוים נאָך דעם דאָזיקן מוראדיקן אומגליק, איז אויסגעבראָכן אַ שרעקלעכע מגפֿה אין דער שטאָט, בעת וועלכער עס זיינען אויסגעשטאָרבן יעדן טאָג טויזנטער מענטשן. פֿון אַלע הייזער אין רוים האָבן זיך געטראָגן שוידערלעכע יללות און געיאָמערייען. אין טייל משפּחות איז קיין איין לעבעדיקער נפֿש נישט איבערגעבליבן.

„גאָטס צאָרן האָט זיך אויף זיי אויסגעגאָסן!" — האָבן יידן צווישן זיך שטיל גערעדט. עס איז געווען פּונקט ווי ביי פּרעהן, דעם מלך פֿון מצרים: עס איז נישט געווען דאָס הויז, וואו מען זאָל נישט האָבן דאָרט געפֿונען קיין טויטן...

אָבער די דאָזיקע צוויי אומגליקן האָבן אויסגעזען ווי אַ קינדער־שפּיל צו דעם, וואָס עס האָט נאָך אין זעלבן יאָר נאָכגעפֿאָלגט. דאָס איז געווען דער שרעקלעכער אויסברוך פֿון וואולקאַנישן וועזוף־באַרג, וועלכער האָט זיך צעשפּילט ווי נאָך קיינמאָל נישט ביז יענער צייט. עס זיינען חרוב געוואָרן די בליענדיקסטע שטעט פֿון דעם רוימישן לאַנד, פּאָמפּעי און הערקולאַנום זיינען אינגאַנצן פֿאַרגאָסן געוואָרן מיט דער פֿייערדיקער לאַווע, וואָס דער וועזוף האָט פֿון זיך אַרויסגעשפּיגן. אַלץ איז פֿאַרברענט און אָפּגעווישט געוואָרן פֿון פּנים פֿון דער ערד, צוזאַמען מיט אַלע איינוואוינער און אַלע לעבעדיקע באַשעפֿענישן, וואָס האָבן זיך דאָרט געפֿונען.

„די שטראָף פֿון סדום ועמורה איז געקומען אויף רוים פֿאַר אירע גרויסע זינד קעגן יידישן פֿאָלק" — האָט מען אומעטום גערעדט און אַפֿילו געצנדינער האָבן אָנגעהויבן מורא קריגן פֿאַרן יידישן גאָט, אויף וועלכן זיי האָבן געזאָגט, אַז ער איז אַ גאָט פֿון נקמה. מען האָט זיך אויך דערציילט אומעטום מעשׂיות וועגן טיטוסן אַליין, אַז ערליידט אויף אַ שרעקלעכער קרענק, עס בויערט אים אין מוח אַ מוראדיקע וויטיק, וואָס

הערט נישט אויף בייטאָג און נישט ביינאַכט. פאַרשידענע דאָקטוירים האָט מען צו אים געבראַכט און זיי האָבן קיינס נישט געקאָנט אים העלפֿן.

ער האָט פּשוט געבעטן אויף זיך דעם טויט, אָבער דער טויט איז אַזוי גיך נישט געקומען. טיטוס אַליין האָט שוין אָנגעהויבן גלויבן, אַז דאָס שטראָפֿט אים אַזוי דער יידישער גאָט. און ער האָט זיך אין האַרץ פֿאַרענטפֿערט, אַז ער האָט גאַרנישט אין זינען געהאַט צו פֿאַרברענען דאָס בית־המקדש אָדער חרוב מאַכן ירושלים. דאָס זיינען די פֿאַרעקשנטע יידן אַליין שולדיק געווען. אַלע פֿעלקער האָבן זיך אונטערגעגעבן צו רוים, בלויז די „יודעער" האָבן פֿאַרביסן געקעמפֿט, און רוים האָט צוליב איר פּרעסטיזש נישט געטאָרט דערצו דערלאָזן, אַז זיי זאָלן זיך נישט אונ־טערגעבן. וואָרים אויב זיין פֿאָטער, אספּסינוס, וואָלט דעמאָלט געווען אָפּגעטראָטן פֿון די טויערן פֿון ירושלים, וואָלט עס געווען אַ שלעכטער ביישפּיל פֿאַר די איבעריקע פֿעלקער. זיי וואָלטן זיכער געווען אויפֿגע־שטאַנען קעגן דער מעכטיקער רוימישער אימפּעריע און אַלע צוזאַמען וואָלטן זיי אפֿשר פֿאַריאָגט די רוימישע לעגיאָנען פֿון אַלע מזרחדיקע לענדער.

און אַ שיינע לעגענדע איז צווישן די יידן אין ארץ ישראל און אויך אין רוים און אין אַנדערע גלות־לענדער אַרומגעגאַנגען וועגן טיטוסן. מען האָט די דאָזיקע לעגענדע דערציילט בחדרי־חדרים, בעת מען האָט גע־פּראַוועט מאַלצייטן אָדער מען האָט זיך אין געהיים פֿאַרזאַמלט, כּדי אַרומ־צורעדן די יידישע לאַגע אונטער דער רוימישער הערשאַפֿט:

ווען טיטוס האָט חרוב געמאַכט דאָס יידישע לאַנד און ער איז מיט טריאומף צוריקגעפֿאָרן אָן דער שפּיץ פֿון זיינע זיגרייכע לעגיאָנען קיין רוים, איז ער אין יפֿו אויפֿגעזעסן אויף אַ קריגס־שיף און געלאָזט זיך מיטן ים־הגדול שווימען אַהיים.

ער איז געזעסן אויפֿן דעק פֿון דער שיף אַרומגערינגלט מיט זיינע קריגספֿירער, און זיין פֿאַרטראַכטער בליק איז געווען געווענדט אויפֿן בלויען אומענדלעכן ים, וואָס האָט זיך געשפּילט אין די גליענדיקע זון־שטראַלן. ער האָט געחלומט וועגן די גרויסע פֿייערלעכקייטן, וואָס דער־וואַרטן אים אין רוים. מען האָט אַ ספּעציעלן טריאומף־טויער פֿאַר אים געלאָזט אויפֿבויען, האָט מען אים איבערגעגעבן, דורך וועלכן ער וועט דורכרייטן אויף זיין אויסגעשלייערטן פֿערד אָן דער שפּיץ פֿון זיינע זיג־רייכע לעגיאָנען, און טויזנטער יידן אין קייטן געשמידט וועלן אויף ביידע זייטן שטיין מיט געבויגענע קעפּ און צוקוקן זיך צו זייער מפּלה.

מיטאַמאָל האָט אַ שוואַרצער פֿלעק, ווייט אויפֿן האָריזאָנט פֿון בלויען הימל זיך באַוויזן. דער שוואַרצער פֿלעק איז וואָס אַמאָל גרעסער און

גרעסער געוואָרן, ביז ער האָט זיך פֿאַרוואַנדלט אין אַ גרויסן וואַלקן. דער ים איז פּלוצלינג געוואָרן ברוגזדיק גרוי און ער האָט אָנגעהויבן קאָכן און זידן. עס האָט זיך פֿאַרנומען אויף אַ גרויסן שטורעם.

דער קאַפּיטאַן איז צוגעקומען צו טיטוסן און אים געבעטן, ער זאָל אַראָפּגיין צו זיך אין דער קאַיוטע, ווייל באַלד וועט אַ געפֿערלעכער שטורעם אויסברעכן. אָבער טיטוס האָט נישט געפֿאָלגט. ער איז געבליבן זיצן, וועלנדיק זיך צוקוקן, ווי עס זעט אויס אַ שטורעם אויפֿן ים.

עס איז טונקל געוואָרן אויף דער וועלט. די זון האָט זיך אונטער אַ טינט־שוואַרצן וואָלקן באַהאַלטן און די כוואַליעס האָבן אָנגעהויבן שוי־מען און שטורמען, אויפֿהויבנדיק די שיף אויף ריזיקע כוואַליעדיקע בערג און מיטאַמאָל זי געגעבן אַ וואָרף אַראָפּ אין דעם טיפֿסטן תהום. די שיף האָט אָנגעהויבן קנאַקן אונטער די קלעפּ פֿון די שטורעמדיקע כוואַליעס, דער מאַסטבוים איז מיט אַ קראַך אומגעפֿאַלן, מיטרייסנדיק מיט זיך די ווייסע זעגלען, און די שיף האָט זיך אַ בויג געגעבן אויף אַ זייט, נאָר אומצודרייען זיך און פֿאַרשלינגען צו ווערן אין די ברויזנדיקע וואַסערן.

טיטוסעס פּנים האָט אויסגעדריקט שרעק און גלייכצייטיק צעזאַרישע חוצפּה. ער האָט זיך אויפֿגעשטעלט אין זיין גאַנצער קריגספֿירערישער געשטאַלט און אויסגערופֿן:

„דו גאָט פֿון די יידן! איצט, ווען איך געפֿין מיך אויפֿן ים, גייסטו אין מיר נקמה נעמען! זעט אויס, אַז דיין כּוח איז נאָר אויפֿן וואַסער. פּונקט ווי דו האָסט אַמאָל פּרעהן מיט אַלע זיינע מצרים אין ים־סוף דערטרונקען, ווילסטו מיר איצט אויך דעם זעלבן סוף דערלאַנגען. פֿאַרוואָס קעמפֿסטו מיט מיר נישט אויף דער יבשה, דו יידישער גאָט? אָ, ווייל דו ווייסט, אַז אויף דער יבשה בין איך שטאַרקער פֿון דיר! אַ סימן, דו האָסט גאָר־נישט געקאָנט אויפֿטאָן צו שטערן מיר, ווען איך האָב חרוב געמאַכט ירושלים און דיין בית־המקדש פֿאַרברענט!...“

דער שטורעם האָט זיך ביסלעכוויז איינגעשטילט, די וואָלקנס האָבן זיך פֿונאַנדערגעשפּרייט, דאָ און דאָרט האָבן זיך שטיקער בלויער הימל באַוויזן. באַלד איז די זון פֿון אַ שווערן וואָלקן אַפֿערגעקראָכן און ווידער אָנגעהויבן צו שיינען. דער בלויער הימל איז ריין געוואָרן און די זון האָט ווידער געגאָסן מיט פֿייערדיקן גאָלד איבער דעם גלאַטן תּכלת־בלויען ים.

טיטוס האָט טריאומפֿירט. „יופּיטער האָט באַזיגט דעם יידישן גאָט!“ — האָט ער אויסגערופֿן — „ביי מיין לעבן, ווי איך וועל תּיכּף נאָך מיין אָנקומען קיין רוים אַ פּרעכטיקן טעמפּל פֿאַר אים לאָזן אויפֿבויען און באַפּוצן אים מיט די גאָלדענע כּלים פֿון יידישן בית־המקדש“.

ענדלעך איז די שיף נאָך עטלעכע טעג שווימען איבערן ים, אָנגעקומען צום האַפּן פון ברינדיזיום. מיט גרויס טריאומף איז טיטוס אַראָפּגעשטיגן פון דער שיף, פונוואַנען ער האָט געזאָלט אָן דער שפּיץ פון זיינע לעגיאָנערן מיט דער וויאַ־אַפּיאַ גיין קיין רוים.

אָבער דאָ איז מיט אים געשען אַ קלייניקייט: אַ פּיצל פליגעלע האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין זיינע נאָז־לעכער, און וויפיל ער האָט זיך נישט באַמיט דאָס פליגעלע אַרויסצובלאָזן, האָט נישט געהאָלפן. עס זיינען פאַרביי וואָכן און דאָס קליינע פליגעלע האָט אים אָנגעהויבן מאַטערן, עס איז וואָס אַמאָל העכער און העכער אַרויפגעקראָכן, ביז עס האָט דערגרייכט צו זיין מוח און האָט אָנגעהויבן דאָרט גראָבלען מיט די האָר־דינינקע פיסלעך.

דאָס האָט דעם מעכטיקן טיטוס גרויסע יסורים פאַרשאַפט. דאָס פליגעלע האָט געפּיקט און געפּיקט און אים ניט געגעבן קיין רו. איינמאָל איז ער פאַרבייגעגאַנגען אַ שמידעריי, וואו אַ שמיד איז געשטאַנען און געקלאַפּט מיט אַ האַמער. ווען דאָס פליגעלע האָט דערהערט די קלעפּ פון דעם האַמער, איז עס שטיל געבליבן.

ווען טיטוס האָט זיך צוליב דעם דערפילט אַ סך לייכטער, האָט ער געדונגען אַ מענטש, וואָס זאָל לעבן אים שטיין און כסדר קלאַפּן מיט אַ האַמער, ווען דאָס פליגעלע וועט אים נאָר אָנהויבן צו מאַטערן.

סוף־כל־סוף האָט זיך אָבער דאָס קליינע פליגעלע צוגעוואוינט צו די קלעפּ און עס האָט שוין ווייטער געפּיקט און געפּיקט, אַפילו ווען די האַמערס האָבן געקלאַפּט. דאָס פליגלדיקע באַשעפעניש איז אינעווייניק געוואַקסן און וואָס אַ יאָר מער האָט עס טיטוסן אַלץ שרעקלעכערע יסורים פאַרשאַפט.

צוויי יאָר האָט טיטוס בלויז געהערשט. אָבער די צוויי יאָר פון זיין הערשאַפט זיינען ביי טיטוסן געווען יאָרן פון גרעסטער פּיין. ווען ער איז ענדלעך צו פערציק יאָר געשטאָרבן און מען האָט אים נאָכן טויט געעפאַלמעסט, האָט מען אין זיין מוח געפונען אַ גרויסע פליג מיט אַ קופּערנעם שנאָבל און שטאָלענע פיסלעך. די פליג איז געווען אַזוי גרויס ווי אַ זילבערנע „סלע".

אָט אַזוי האָבן יידן זיך איינע די אַנדערע דערציילט און זיי האָבן פעסטגעשטעלט, אַז גאָט שענקט נישט קיין פאַרברעכנס, וואָס עס ווערן באַגאַנגען קעגן זיין אויסדערוויילט פאָלק. פאַר אַלץ ווערט באַצאָלט, אַלץ ווערט פאַרשריבן און באַצאָלט...

*

איבער צוויי יאָר זיינען אַדורך, זינט עקיבא האָט אָנגעהויבן לערנען ביי נחום איש גמזו. דאָס איז שוין ווייט נישט דער זעלבער עקיבא וואָס אַמאָל, ווען ער איז געווען דער פּאַסטוך־אויפזעער ביי כלבא שבוע. דער געוועזענער עם־הארץ האָט זיך איצטער שוין געציילט צו די אָנגעזעענסטע תּלמידים פון ר׳ נחומס בית־המדרש און מיט וועמען זיין רבי האָט שטאָלצירט און אַרויסגעשטעלט אַלס מוסטער.

נישט איינמאָל זיינען ר׳ נחומס תּלמידים זיך צוזאַמענגעקומען אין עקיבאס אָרעמען שטיבל און האָבן געשמועסט אין לערנען, און איינער דעם אַנדערן האָט זיך באַמיט איבערצושטייגן אין חריפות. עקיבא איז שטענדיק געווען דער ראש־המדברים, ער האָט אַלעמען איבערגעשטיגן; ער האָט געהאַט צו דרשנען אויף יעדן אות אין דער תּורה. אויף יעדן איבעריקן פּינטל אָדער קריינדל, מיט וועלכן די אותיות זיינען באַפּוצט געווען, האָט ער געהאַט עפּעס צו פרעגן און אַרויסדריגגען דערפון אַ געוויסן מיין.

זיינע חברים האָבן אים באַוואונדערט, און רחל פלעגט שטיין אין איר שלאָפצימער ביי דער טיר און איינהאָרכן זיך צו די רייד פון די חכמים. איר גאַנץ פּנים האָט געשיינט, זי איז גליקלעך געווען צו הערן, ווי איר מאַן עקיבא רעדט אַזוי טיף און קלוג.

און האָט עקיבא אָדער אַן אַנדער תּלמיד־חכם אַרויסגעזאָגט אַן אויסערגעוויינלעכן געדאַנק, וואָס האָט געהאַט אַ שייכות צו אַ געוויסער הלכה אָדער אַן אַנדער פראַגע פון יידישן לעבן, האָט ער באַלד געמוזט נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל איבערחזרן, ביז דער געדאַנק איז געבליבן איינגעקריצט ביי אַלעמען אין זכּרון.

צומאָרגנס איז דער דאָזיקער געדאַנק איבערגעזאָגט געוואָרן אין בית המדרש פאַר ר׳ נחום איש גמזו, און אַזוי האָט ער זיך פאַרשפּרייט פון מויל צו מויל ווייט איבערן לאַנד, אַדורכגייענדיק פריער יבנה. דאָרט איז דער געדאַנק אָנגענומען אָדער אָפּגעוואָרפן געוואָרן, געוואָרן אַ געזעץ אָדער נישט...

רחל האָט שוין געהאַט געבוירן נאָך צוויי קינדער צו עקיבאן, אַ זון און אַ טאָכטער, שמעון און שולמית.

אין זייער פּרנסה איז עטוואָס בעסער געוואָרן. אַ חוץ וואָס רחל האָט געאַרבעט ביי זיך אין שטוב, זי האָט געשפּונען וואָל אָדער געטאָן אַנדערע אַרבעטן, איז זי שטילערהייט אויך געשטיצט געוואָרן פון ר׳ נחום איש גמזו, וועלכער איז געווען אַ גרויסער עושר. ער האָט געוואָלט דערמיט דערמעגלעכן, אַז עקיבא זאָל רואיק קאָנען זיצן און לערנען.

רחל האָט שוין געזען די פּרוכטן פון איר באַמיאונג און זי איז געווען טאָפּלט גליקלעך, אי וואָס אַ דאַנק איר איז צוגעקומען אַ תּלמיד־חכם צווישן ישראל און אי וואָס אַט דער תּלמיד־חכם איז איר געטרייער ליבער מאַן.

עקיבא האָט זי ליב געהאַט מיט דעם אמת־ערלעכן הארץ זיינעם און ער האָט אָפּגעשאַצט, וואָס רחל האָט פאַר אים געטאָן און וואָס זי האָט פאַר אים מקריב געווען. זיי האָבן מיט ציטערניש געוואַרט אויף דעם טאָג, ווען זיי וועלן זיך דאַרפן שיידן אויף אַ געוויסער צייט. וואָרים זיי האָבן ביידע ביי זיך אין געדאַנק געהאַט באַשלאָסן, אַז ער, עקיבא, דאַרף אַוועק־פאָרן קיין יבנה צו לערנען אין דעם גרויסן בית המדרש פון ר׳ יהושע בן חנניה און ר׳ אליעזר בן הורקנוס.

זייער שיידונג איז אָבער געקומען פיל פריער ווי זיי האָבן דערוואַרט.

די ידיעה, אַז טיטוס איז געשטאָרבן, האָט פון אָנפאַנג אַרויסגערופן פיל האָפענונגען ביי יידן. עס איז געשטאָרבן דער רשעותדיקער קייסער, וועלכער טראָגט די גאַנצע שולד פאַרן חורבן פון יידישן לאַנד. מען האָט אויך דאָ געוואוסט וועגן די גרויסע יסורים, וואָס טיטוס האָט פאַר זיין טויט געליטן און מען האָט עס אָנגענומען ווי אַ גערעכטע שטראָף פון גאָט. אין די שולן און אין די געהיימע שטיבלעך האָט מען זייער פיל גערעדט וועגן דעם דאָזיקן צופאַל.

— אויב גאָט נעמט נקמה פאַר דעם אומרעכט, וואָס איז באַגאַנגען גע־וואָרן קעגן זיין פאָלק ישראל, וועט ער אויך צוריק לאָזן אויפבויען דאָס בית המקדש; צוריק אויפשטעלן ירושלים די הייליקע שטאָט און אויפ־ריכטן דאָס יידישע לאַנד — האָט איינער פון צווישן די פאַרזאַמלטע מיט פיל האָפענונג אויסגערופן.

— הלוואי, הלוואי! — האָבן די איבעריקע געענטפערט מיט אויפ־געהויבענע אויגן צום הימל.

— יעדער פון אונדז איז גרייט מקריב צו זיין זיך פאַר גאָטס נאָמען און פאַר דער באַפרייאונג פון אונדזער פאָלק! — האָט צוגעגעבן אַ צווייטער, אַן עלטערער ייד, אַן אַלטער מיטגליד פון דער קנאים־פאַרטיי, וואָס געדענקט נאָך דעם בלוטיקן קאַמף מיטן שונא און זיין גאַנץ וועזן דורשט נאָך נקמה.

— מיר וועלן זיי דאָ אויסשעכטן ביז איינעם, קיין איין לעבעדיקער רוימער טאָר נישט צוריקפאָרן אין זיין היימלאַנד. זאָלן זיי וויסן אויף דור־דורות ווי אַזוי צו קומען באַפאַלן פרעמדע אומשולדיקע לענדער! — האָט אַ דריטער ייד זיך געהיצט.

טאָג־איין, טאָג־אויס זיינען פֿאָרגעקומען אַזעלכע פֿאַרזאַמלונגען, מען האָט זיך גרופּירט אין אָפּטיילונגען, געהיימע סימנים אויסגעאַרבעט, אַז מען זאָל וויסן ווי אַזוי אויף אַ ווירקזאַמען אופֿן אָנצופֿירן מיטן אויפֿשטאַנד.

פֿאַרשטייט זיך, אַז עקיבא איז נישט געשטאַנען אַן אַ זייט. ער איז, אדרבה, געווען די נשמה פֿון דעם געהיימען מרידה־אויפֿברויז. די אויגן זיינע האָבן געפֿלאַמט, ער האָט מיט זיינע פֿייערדיקע רעדעס אָנגעצונדן די הערצער ביי פֿיל הונדערטער יונגעלייט, וואָס זיינען גרייט געווען כאָטש שוין די מינוט זיך צו וואַרפֿן אין קאַמף אַריין.

עקיבאס חבר, ישמעאל, איז אָבער געווען דער יעניקער, וואָס האָט געגאָסן כסדר קאַלט וואַסער אויף די אָנגעגליטע היץ־קעפּ. ער האָט נאָך פֿון זיין קינדהייט אין דער רוימישער געפֿאַנגענשאַפֿט גוט געדענקט די רוצחישע נאַטור פֿון זיינע באַצווינגער. ער האָט געוואָרנט און געבעטן זיך, אַז מען זאָל נישט פֿאַרבלענדט ווערן פֿון דעם דערהאָבענעם געפֿיל זיך צו באַפֿרייען פֿון רוימישן יאָך.

— מיין בלוט וואָלט איך שוין געגעבן אויפֿן אָרט פֿאַר דער דאָזיקער גרויסער זאַך! — האָט ער אויסגערופֿן — ווען כ'וואָלט איין רגע גע־גלויבט, אַז מיר קאָנען זיגן. לײדער אָבער זיינען מיר נאָך צו שוואַך אַנט־קעגנצושטעלן זיך דעם פֿאַרפֿאַנצערטן שונא. ער וועט אונדז די רעשט ביז איינעם אויסראָטן. כל־זמן מיר לעבן האָבן מיר האָפֿענונג, מיר דאַרפֿן וואַרטן אויף אַ גינסטיקער געלעגנהייט, נישט איינשטעלן די עקזיסטענץ פֿון גאַנצן פֿאָלק. זיי וועלן אונדז אַלעמען אומברחמנותדיק פֿאַרניכטן.

די פֿאַרזאַמלטע האָבן טרויעריק אַראָפּגעלאָזט די קעפּ און אין זייער אייגענער מאַכטלאָזיקייט געשוויגן. בלויז איין עקיבא איז געווען פֿאַר־עקשנט און ער האָט געשריגן:

— ווי לאַנג זאָלן מיר וואַרטן, אויף וואָס פֿאַר אַ געלעגנהייט זאָלן מיר האָפֿן? ביז רוים וועט נאָך שטאַרקער ווערן?! ביז זי וועט אויף אונדז אַרויפֿצווינגען איר אומווירדיקע עבודה זרה, איר טמא געצנדינסט? יאָ, עס וועט קומען דערצו. די רוימער וועלן נישט דערלאָזן, אַז מיר, אַ קליין פֿאָלק אָבער אַן עקשנותדיק פֿאָלק, אַן עם קשה עורף, זאָל בלייבן צווישן די איבעריקע אונטעראָכטע מזרחדיקע פֿעלקער ווי אַן איביקער טליענ־דיקער פֿונק. רוים וועט זיך שטענדיק באַמיען דעם דאָזיקן פֿונק אויף תמיד צו פֿאַרלעשן...

— ער איז גערעכט, עקיבא! ער איז גערעכט! — האָבן זיך ווידער דערהערט האָפֿערדיקע און מיט נקמה־לוסט אָנגעזאַפּטע גליענדיקע קולות.

— וואָס הייסט עס: אַ גינסטיקע געלעגנהייט? ביי יעדער געלעגנהייט וועלן מיר מוזן בלוט פֿאַרגיסן. ניט היינט איז מאָרגן, איז אין אַ יאָר אַרום.

מיט אונדזער שווייגן גיבן מיר בלויז האָפּערדיקייט דעם שונא, און ביי אונדז ווערט אָפּגעטעמפּט דאָס געפּיל פון קאַמף. גאָר אַנדערש איז היינט, ווען אַ סך פון אונדז, וואָס האָבן אַליין איבערגעלעבט די גרויסע שאַנד, לעבן נאָך און לעכצן נאָך זייער בלוט! אַן אויג פאַר אַן אויג, אַ צאָן פאַר אַ צאָן... — האָט געשטורעמט עקיבא און ער האָט זיך אינגאַנצן געטרייסלט פון אויפרעגונג. דאָס גאַנצע פּנים זיינס איז געווען רויט פון צאָרן און די אויגן האָבן געבליצט מיט דער האָפענונג צו באַפרייען זיין פאָלק און לאַנד.

רחל, וועלכע האָט בייגעוואוינט די דאָזיקע פאַרזאַמלונג, איז צוגעלאָפן צו אים און אים געגלעט די האַנט.

— עקיבא, עקיבא געטרייער... — האָט זי מיט געבעט אין די אויגן צו אים געשעפּטשעט — שוין דיין געזונט. דו ביסט אונדז זייער נויטיק. דאָס יידישע פאָלק דאַרף דיך האָבן. שוין דיין געזונט, עקיבא...

עקיבא האָט זיך באַרואיקט. ער האָט זיך אַנידערגעזעצט אויף דעם אויסגעשפּרייטן טעפּיך אויף דער ערד לעבן דער וואַנט, וואָס איז אַרום און אַרום געווען פאַרפּולט מיט מענטשן, אַלטע, יונגע און אַפילו נאָך ייִנגלעך און מיידלעך. אַלעמענס פּנימער זיינען געווען אויפגערייצט און אָנגעצונדן מיט האַס און האָפענונג.

ישמעאל האָט זיך געפּילט אומבאַקוועם אין דער דאָזיקער אויפגערייצטער שטימונג און ער האָט שטיל, אָן אויפרעגונג, אָנגעהויבן רעדן:

— מיינט נישט, טייערע ברידער מיינע, אַז איך בין נישט מיט אייך אין איין דעה. ווער קאָן נאָך אַזוי פּילן האַס צו אַ שונא ווי איך, וואָס בין געפאַנגען געווען ביי אים. אין מיין לייב און אין מיין נשמה איז איינגעקריצט מיין שנאה צו זיי. די באַפרייאונג פון מיין פאָלק און מיין לאַנד איז מיר פּונקט אַזוי הייליק ווי אייך. איך וויל בלויז איין זאַך: ווען מיר וועלן אָנהויבן דעם אויפשטאַנד, זאָלן מיר זיכער זיין, אַז מיר וועלן אים אויך פאַרענדיקן, און אין איצטיקן מאָמענט בין איך דערין נישט זיכער... אין פּערסיע איז אומרואיק, אין בבל גרייט מען זיך, טאָ לאָמיר זיך אויך גרייטן! אָט דאָס מיין איך: גינסטיקע געלעגנהייט!

אַלע זיינען געבליבן שטיל.

ס'איז שוין געווען זייער שפּעט ביינאַכט, ווען אַלע פאַרזאַמלטע זיינען זיך פונאַנדערגעגאַנגען איינציקווייז, יעדער צו זיין היים, כדי נישט אַרויסצורופן קיין חשד ביי די געהיימע שפּיאָנען, וואָס די רוימישע רעגירונג האָט געהאַט אָנגעשטעלט אין יעדן שטעטל און דאָרף.

— אַזעלכע פאַרזאַמלונגען זיינען פּונקט ווי מלחמה — האָט עקיבא געזאָגט אויפן וועג אַהיים צו רחלען — מען דאַרף כסדר וועקן, נישט לאָזן

איינשלאָפֿן דאָס געפּיל פֿון קאַמף. אַזאַ פֿאַרזאַמלונג איז אַ געוואוינטע שלאַכט. דאָס וועט די אַלע מענטשן מאַכן טראַכטן אויף חדשים.

— שטרענגסט דיך אָבער צופּיל אָן, מיין טייערער — האָט רחל זיין האַנט צו זיך צוגעטוליעט.

— וואָס איז דען מיין לעבן אין אַנבליק פֿון לעבן פֿון מיין גאַנצן פֿאָלק? — האָט עקיבא איר געענטפֿערט — און בכלל וואָס פֿאַר אַ ווערט האָט דען דאָס לעבן פֿון אַ מענטש אין פֿאַרשקלאַפֿטקייט!...

רחל האָט גאָרנישט געענטפֿערט, נאָר אין שטילשווייגן זיך צוגעדריקט צו אים, ווי זי וואָלט מורא געהאַט אים נישט צו פֿאַרלירן. דאָס האַרץ האָט איר עפּעס ווי פֿאַרגעזאָגט, אַז זיי וועלן זיך דאַרפֿן באַלד שיידן אויף אַ לענגערער צייט.

עקיבא האָט זי צאַרט געגלעט איבערן קאָפּ. ער האָט זיך געפּרייט, וואָס ווידער האָט רחלס קאָפּ זיך געכוואַליעט מיט אירע סאַמעט־שוואַרצע געקרייזלטע האָר ווי אַמאָל. זי האָט זיך כמעט נישט געענדערט. זי האָט אַזוי שיין אויסגעזען אין זיינע אויגן ווי דעמאָלט, ווען ער האָט זי צום ערשטן מאָל באַגעגנט אין רמלה.

אָט אין די טעג איז אָנגעקומען די ידיעה פֿון רוים, אַז אויפֿן רוימישן טראָן איז אויפֿגעשטיגן טיטוסעס יינגערער ברודער דאָמיציאַן. ער איז שוין פֿון פֿריער באַקאַנט געווען מיט זיין פֿיינטלעכער באַציאונג צום יידישן פֿאָלק, און יידן האָבן געהאַט אָן אורזאַך צו שרעקן זיך פֿאַר זיין ממשלה איבער דער רוימישער אימפּעריע.

ווען די ידיעה איז אָנגעקומען קיין יהודה, זיינען זיך אַלע חכמים אין יבנה צוזאַמענגעקומען און מיטן ראש פֿון די סנהדרין רבן גמליאל אָן דער שפּיץ האָבן זיי אָפּגעהאַלטן אַ באַראַטונג, וואָס מען דאַרף טאָן אין אָנגעזיכט פֿון דער ניי־געשאַפֿענער לאַגע. עס איז באַשלאָסן געוואָרן צו שיקן אַ דעלעגאַציע פֿון אָנגעזעענע יידישע פֿירער צום קייסער קיין רוים מיט אַ שיינער מתנה אַלס אויסדרוק פֿון לאָיאַלקייט צו דער רוימישער אימפּעריע.

רבן גמליאל, הגם ער איז דעמאָלט געווען דער נשיא פֿון יהודה, איז געווען צו יונג, אַז מען זאָל אים קאָנען שיקן אין אַזאַ וויכטיקער שליחות. האָט מען דעריבער באַשלאָסן צו שיקן דעם אַלטן נחום איש גמזו, וועל־כער איז געווען דער עלטסטער צווישן די תּלמידי חכמים און אַ מענטש פֿון טיפֿן שכל און גרויס געלערנטקייט און איז באַרימט געווען מיט זיין רואיקן און געלאַסענעם כאַראַקטער.

נחום איש גמזו האָט דעם דאָזיקן כבוד זייער גערן אָנגענומען און ער האָט אָנגעהויבן מאַכן זיינע פֿאַרבאַרייטונגען פֿאַר דער רייזע קיין רוים.

ער האָט זיך געזעגנט מיט זיינע באַליבטע תּלמידים און אָנגעזאָגט זיי, אַז אין זיין אָפּוועזנהייט זאָל ישמעאל איבערנעמען די פֿירערשאַפֿט. ווען עס איז געקומען צום געזעגענען זיך מיט עקיבאָן, האָט דער לעצטער אַרויסגעוויזן גרויס עצבות. דאָס פּנים זיינס איז געווען אַן אויסדרוק פֿון שטומען צער.

— וואָס איז דער מער מיט דיר, עקיבא? — האָט ר' נחום איש גמזו אים געפֿרעגט — וואָס ביסטו אַזוי טרויעריק?

— איך טרויער, רבי, וואָס אַזאַ לאַנגע צייט וועל איך נישט קאָנען הערן פֿון דיין מויל קיין תּורה.

— איז אפֿשר וואָלסטו מיך באַגלייט אויף מיין רייזע, עקיבא? — האָט ר' נחום ליבלעך אים געפֿרעגט — עס וועט פֿאַר מיר אַליין אויך זיין אַ גרויס פֿאַרגעניגן מיט דיר צו רעדן און לערנען אויפֿן וועג. אַ חוץ דעם דאַרף אַזאַ מאַן ווי דו זען אַ ביסל די וועלט, צוקוקן זיך צו די פֿירונגען פֿון אַנדערע פֿעלקער, צום לעבן פֿון פֿאַרשידענע מענטשן, וועסט זיך באַקענען מיט דער גרויסער וועלט־שטאָט רוים. אדרבה, עקיבא, איך וועל זיין זייער צופֿרידן, ווען דו וועסט מיך באַגלייטן אין מיין וועג, וועסט פֿיל לערנען אויף דער דאָזיקער רייזע. עס פֿאָרן אויך מיט מיר מיינע צוויי תּלמידים, נקדימון און אבויה.

עקיבא איז אַ גליקלעכער פֿון זיין רבינס פֿאָרשלאָג געלאָפֿן אַהיים קיין קרחה אָנזאָגן זיין רחלען, אַז ער פֿאָרט אין אַ וויכטיקער שליחות מיט זיין רבין קיין רוים.

אַהיימקומענדיק אָבער, איז זיין פֿרייד אַ ביסל אָפּגעקילט געוואָרן, זי איז אויסגעמישט געוואָרן מיט טרויער. אַ גרויסע בענקשאַפֿט האָט אים באַצייטנס אָנגעכאַפּט צו זיין ווייב, צו זיינע דריי קינדערלעך.

רחל איז געווען שטאָלץ אויף איר מאַן, צו וואָס פֿאַר אַ שטופּע ער האָט שוין דערגרייכט אין איבער די צוויי יאָר לערנען, און זי האָט זיך מיט אים מיטגעפֿרייט, אָבער טיף אין האַרץ האָט אַ ביטערער אומעט זי אָנגעהויבן נאָגן. די אויגן אירע זיינען אָנגעפֿילט געוואָרן מיט טרערן און אַ געוואַלטיקע בענקשאַפֿט האָט זי שוין אַרומגענומען צו איר מאַן. זי האָט זיך אָבער געשטאַרקט, כּדי ניט אַרויסצואווייזן איר מאָמענטאַלע שוואַכקייט. עס האָט איבערגעוועלטיקט ביי איר דער קאָפּ איבערן האַרץ. זי האָט פֿאַרשטאַנען די גרויסע נוצן פֿאַר עקיבאָן פֿון אַזאַ רייזע. זי האָט אויך געוואָלט, אַז זיין לערנען מיט ר' נחום איש גמזו זאָל נישט איבער־געריסן ווערן; און זי האָט צוגעשטימט, אַז ער זאָל פֿאָרן.

זיי זיינען שוין אַ גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפֿן. רחל האָט געהאַט זייער פֿיל צו רעדן מיט איר מאַן, אָנזאָגן אים ווי ער זאָל זיך אויפֿפֿירן, וואָס

ער זאָל אַלץ זען. זי האָבן דורכגערעדט וועגן היימישע, שטוביקע זאַכן, וועגן די קינדער.

— זאָרג נישט, מיין גערטרייע — האָט זי עקיבא געטרייסט — עס וועט נאָך קומען אַ צייט, ווען דו וועסט דיר אָפּנעמען פֿאַר די אַלע שלעכטע טעג, וואָס דו מאַכסט איצט דורך.

— חלילה, מיין מאַן, רעד נישט אַזוי! — האָט רחל מיט געוואַלדיקער ליבע צו אים אויסגערופֿן — פֿאַרוואָס זאָגסטו „שלעכטע טעג". איך האָב מיט דיר קיין איין שלעכטן טאָג נישט געהאַט. אונדזערע טעג, זיינט מיר האָבן זיך ביידע אויף אייביק פֿאַראייניקט, זיינען איין גאָלדענע קייט פֿון גליק. קיין איין פּיצל וואָלקן איז איבער אונדזער בלויען הימל קיינמאָל נישט געווען. עס איז לויטער זון, לויטער זון, מיין טייערער. איך באָד מיך שטענדיק אין דיינע גאָלדענע שטראַלן און עס איז פֿאַר מיר אַ גרויסער כּבוד דיך צו האָבן פֿאַר אַ מאַן. דאָס יידישע פֿאָלק וועט מיט דיר שטאָל־צירן, ווי איך שטאָלציר שוין היינט מיט דיר!...

עקיבא האָט געשוויגן. זיין האַרץ איז געווען אָנגעפּילט מיט פֿרייד. ער איז גערירט געווען פֿון זיין ווייבס רייד און ער האָט קיין וואָרט נישט געקאָנט אַרויסרעדן פֿון צופֿיל גליק.

— שלאָף, שלאָף, רחל. עס בלייט שוין אין דרויסן און עס וואַרט אויף דיר אַ גאַנצער טאָג שווערע הויז־אַרבעט. זאָלסט אָן מיר שטענדיק גע־דענקען, רחל. איך וועל דיר שרייבן בריוו, איך וועל דיר וועגן אַלץ דער־ציילן. איך וועל אָן דיר אויך שטענדיק געדענקען און יעדע מינוט אין טאָג דיך אין זינען האָבן. דאָ, אין האַרץ, ביסטו מיר איינגעקריצט מיט פֿייער־דיקע אותיות. געדענקסט, רחל, האָסט מיר אַמאָל געזאָגט, אַז אין מיין נאָמען „עקיבא" זיינען פֿאַראַן די אותיות פֿון „יעקב". ווי שיין דו האָסט עס געזאָגט דעמאָלט, רחל. האָסט אָבער פֿאַרגעסן צוצוגעבן, אַז די איבע־ריקע „אלף" פֿון „עקיבא" באַווייזט אויף דער צאָל „איינס". איך בין איינער צו דיר און דו ביסט איינע צו מיר...

דער טאָג האָט זיך צומאָרגנס געשטעלט אַ הערלעכער. רחל איז די ערשטע אויפֿגעשטאַנען פֿון איר שטרוי־געלעגער אויף דער ערד. זי האָט אָפּגעקאָכט וואַרעמעס פֿאַר איר מאַן מיט די קינדער. עקיבא איז נאָך געווען פֿאַרזונקען אין זיסע חלומות. אַ גאַנצע נאַכט האָבן זיך אים גע־פּלאָנטערט אין קאָפּ שיפֿן, פֿרעמדע מענטשן. ער האָט אין חלום אויך געזען דעם קייסער און ער האָט געמאַכט אַ ברכה, וואָס מען דאַרף מאַכן איבער אים.

ער האָט זיך אויפֿגעכאַפּט אַ צעטרייסלטער פֿון די פֿיל חלומות. דער קאָפּ האָט אים אַזש ווי געטאָן דערפֿון און ווען ער האָט פֿון זיין שלאָף־

צימער געזען, ווי רחל פּאַרעט זיך אַזוי פֿלינק און גרייט אים אַלץ צו אין וועג אַריין צו דער רייזע, פּאַקט אים איין וועש און אַ מלבוש איבערצובייטן, האָט אים אַ גרויס רחמנות צו איר אַרומגענומען, וואָס זי דאַרף איצט בלייבן אַליין, און ווער ווייסט אויף ווי לאַנג...

— אַ מלאך איז זי... — האָט עקיבא מיט די ליפּן קוים געשעפּטשעט, און ער האָט די הענט און דאָס פּנים געוואַשן, געזאָגט קריאת־שמע של שחרית, די פֿרימאָרגן־תּפֿילה.

און ענדלעך איז געקומען די מינוט פֿון צעשיידונג. די קינדערלעך האָבן דעם פֿאָטער אַרומגערינגלט און געקושט אים. ער האָט זיי געגלעט איבער די געקרויזלטע שוואַרצע קעפּעלעך, געקושט זיי אין די ליכטיקע שוואַרצע אייגעלעך און געדריקט זיי צו זיין שטאַרקער ברוסט.

רחל האָט כּמעט נישט גערעדט, אָבער איר שווייגן איז געווען מער ווי גערעדט. אירע אויגן און איר האַרץ האָבן געוויינט פֿון גרויס בענקשאַפֿט. זי האָט זיך געטוליעט צו עקיבאן ווי אַן אָרעם פֿאַרלאָזט פֿייגעלע. ער האָט זיין באַבערדלט ברוין פּנים אויף איר קאָפּ אָנגעלענט און לאַנג איז ער אַזוי געשטאַנען אין שטילקייט פֿאַרזונקען.

— אַ פּנים ווי אַ פּרינץ... — האָט רחל געטראַכט, אָנקוקנדיק אים נאָכאַמאָל פֿאַרן פֿאַרלאָזן די שטוב.

זיי האָבן זיך ביידע געקושט, און די צעשיידונג איז געקומען.

— זאָל דיין אוועקגיין זיין אין שלום און דיין קומען זאָל זיין אין שלום... — האָט זי אים נאָכגעשעפּטשעט מיט די ליפּן און מיט די בליקן אים באַגלייט אַזוי לאַנג, ביז ער איז איר פֿון די אויגן פֿאַרשוואונדן געוואָרן. ערשט דעמאָלט איז זי אַריין צו זיך אין שלאָפֿצימער, זיך אַנידערגעוואָרפֿן אויף דעם אָרעמען שטרוי־געלעגער, לויז געמאַכט דעם אויסברוך פֿון אירע פֿאַרשטיקטע געפֿילן, און זי האָט זיך הויך צעוויינט... לאַנג איז זי אַזוי געלעגן אויף דער ערד אויף איר שטרוי־געלעגער און דאָס פּנים האָט זיך געבאָדן אין זידיקע טרערן. פֿון צייט צו צייט האָט אַ ספּאַזמאַטישער שלוכץ פֿון האַלדז זיך ביי איר אַרויסגעריסן. זי האָט ערשט דעמאָלט זיך באַרואיקט, ווען איר עלצט ייִנגעלע, יהושע, האָט זי אַ רוף געטאָן: אמא! מאַמע... — האָט זי זיך אויפֿגעשטעלט און אויסגעווישט די טרערן פֿון די אויגן.

דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן האָט עקיבא פֿאַרלאָזט די ארץ ישראל־דיקע ערד. דאָס האַרץ האָט אים געקלאַפּט, ווען ער האָט זיינע טריט אָפּגעריסן פֿון פֿעסטן באָדן און אויפֿגעשטיגן אויף דער שיף. דער איינדרוק איז געווען זייער אַ שטאַרקער. די ווייסע אויסגעשפּרייטע זעגלען זיינען געווען אויפֿגעבלאָזן אויפֿן ווינט און די שיף, נישט זייער קיין גרויסע,

האָט זיך געהוידעט אַראָפּ און אַרויף ביים ברעג, צו וועלכן זי איז געווען מיט גראָבע שטריק צוגעפּעסטיקט.

עקיבא האָט נאָך פריער אָפּגעטראָטן ביי זיין חבר עזריה אין רמלה. עזריה האָט אים מיט גרויס כּבוד אויפגענומען ביי זיך אין שטוב. אויך ער איז שוין מער קיין פּאַסטוך נישט געווען. ער האָט זיך געהאַט אָפּגע־שפּאָרט אַ פּאָר הונדערט זוזים און אַליין געקויפט זיך אַ שטיקל פעלד, עטלעכע שעפּסן און רינדער, וואָס ער האָט מיט שווערער מי באַארבעט. ער האָט שוין געהאַט חתונה געהאַט. ער האָט מיט זיין ווייב געוואוינט אין אַ קליין הייזל, וואָס זיי האָבן זיך אַליין פון ווייסע שטיינער, וואָס זיי האָבן פון די אָפּגערייניקטע פעלדער צונויפגעקליבן, אויפגעמויערט.

ביי עקיבאס אַריינקומען איז עזריה אינגאַנצן צעמישט געוואָרן. ער האָט אים פּשוט נישט געוואוסט וואו אַוועקצוזעצן. ער האָט זיך זייער געפרייט עקיבאן צו זען גאָר אַן אַנדערן מענטש. ער האָט געלאָזט שעכטן איינעם פון זיינע פעטסטע שאָף לכּבוד דעם גאַסט און צוגעגרייט פאַר זיין חבר אַ פיינעם מאָלצייט. זיי האָבן געגעסן און געטרונקען, דערמאָנענדיק זיך אין זייערע שמועסן וועגן אַמאָליקע צייטן, ווען עקיבא האָט נאָך גע־האַסט אַ תּלמיד־חכם...

עקיבא האָט געלאַכט און געזאָגט, אַז עפּעס איז פון דעם האַס ביי אים געבליבן איינגעוואָרצלט. ניין, ער האַסט זיי נישט, נאָר ער איז קעגן זייער באַנעמונג צום פּשוטן פאָלק, און גראַד צווישן פּשוטן פאָלק געפינען זיך די האַרציקסטע מענטשן.

— וואָס שייך צו מיין דאָזיקער מיינונג, וועל איך מיך קיינמאָל נישט ענדערן! — האָט עקיבא אויסגערופן — די חכמים שטויסן זיי אַריין אין די הענט פון אַנדערע. נישט אומזיסט האָט ישו פון נצרת געהאַט צווישן פּשוטן המון די גרעסטע צאָל נאָכפאָלגער. ער האָט צוזאַמענגעקליבן אַרום זיך די אַלע לײַט, וואָס די חכמים האָבן פאַרטריבן און דערווייטערט פון זיך. וויפיל יידן זיינען דעריבער פון אונדז אַוועק צו די דאָזיקע מינים, און מיט דער צייט וועלן זיי זיך חלילה אינגאַנצן אָפּרייסן פון פאָלק ישראל...

— כ׳וועל מיך נישט שפּאַרן מיט דיר, עקיבא — האָט עזריה אונטער־טעניק געזאָגט — וואָס זיינען די פּשוטע יידן שולדיק, וואָס זיי זיינען אומ־ווויסנדיק. מען לערנט זיי נישט, ווייסן זיי נישט.

עקיבא האָט עזריהן, פאַרן געזעגענען זיך מיט אים, געבעטן, ער זאָל אַכטונג געבן אויף זיין ווייב און קינדער און זען, אַז עס זאָל זיי גאָרנישט פעלן, זיי זאָלן נישט דאַרפן ליידן קיין דחקות — איך וועל דיר מיט דער צייט אַלץ אָפּצאָלן — האָט ער אים פאַרזיכערט.

עזריה האָט אים דאָס הייליק צוגעזאָגט. און עקיבא האָט אוועק־געאיילט צו דער שיף קיין יפו. דורך קרומע און שמוציקע געסלעך איז ער אָנגעקומען צום האַפן, וואו ער האָט זיין רבין ר׳ נחום מיט זיינע צוויי באַגלייטער נאָך נישט געהאַט געטראָפן.

אַ גרויסער באַגער האָט עקיבא געהאַט אַלץ צו וויסן, אַלץ צו זען און צו באַטראַכטן. ער האָט זיך שעהן אַרומגעדרייט אויפן ברעג פון שטורמישן ים ביים פּאָרט. ער האָט געוואוסט, פאַרוואָס דער ים איז דאָ אַזוי שטורמיש. דאָ האָט מען אַמאָל יונה הנביאן אַריינגעוואָרפן אין די כוואַליעס פון ים און אַ פיש האָט אים איינגעשלונגען. פון דעמאָלט־אָן קאָן זיך דער ים דאָ נישט באַרואיקן...

ער האָט זיך פאַרטראַכט איבער דער דאָזיקער אַלטער שטאָט יפו. אויף דעם זעלביקן פּלאַץ, וואו יונה הנביא איז אויפגעשטיגן, שטייגן איצט אויף אַנדערע יידן, מיט אַן אַנדער שליחות. יונה איז געפאָרן שטראָפן די מענטשן פון נגוה פאַר זייערע שלעכטע מעשים, און זיי פאָרן גאָר מיט אַ מתנה צום רשעותדיקן קייסער דאָמיציאַן פון רוים.

ענדלעך איז ר׳ נחום מיט זיינע צוויי באַגלייטער אָנגעקומען. זיי זיינען באַלד אַלע אויפגעשטיגן אויף דער שיף, וואָרים עס איז געווען פריטיק פאַרנאַכט און תיכף פאַלט צו דער שבת און מען וועט נישט טאָרן אויפ־שטייגן.

עקיבא האָט נישט גערוט. אומעטום איז ער אויפן דעק פון דער שיף אַרומגעגאַנגען, אַלץ האָט ער אָנגעטאַפּט און וועגן יעדער זאַך האָט ער געפרעגט ביי די מאַטראָזן, מיט וועלכע ער האָט גערעדט האַלב מיט די הענט און האַלב אויף שטום־לשון. די שיף איז געווען אַ גריכישע און די מאַטראָזן — גריכן.

די מאַטראָזן האָבן גערן אים אַלץ געזאָגט, ווייל עקיבא האָט אויף זיי געמאַכט זייער אַ גוטן איינדרוק. ער האָט לייכט געוואונען די ליבשאַפט פון מענטשן, הן מיט זיין רעדן און הן מיט זיין אויסזען. עקיבא האָט געהאַט אַן אָנגענעמע ווייכע שטימע, וואָס איז יעדנעם אַריינגעדרונגען טיף אין דער נשמה, און מ׳האָט באַנומען וואָס ער זאָגט, ווען מען האָט אַפילו ניט פאַרשטאַנען זיין לשון.

צוגלייך מיט זון־אונטערגאַנג האָט די שיף זיך אָפּגעגליטשט פון ברעג. אַ ווינטל האָט אַ צי־געטאָן און די ווייסע זעגלען האָבן זיך שטייף אָנגע־בלאָזן. די שיף האָט זיך געגליטשט איבערן בלוי־פאַרדויטלטן ים. פונדער־ווייטנס האָבן די פענצטער פון די הייזער ביים פאָרט אין יפו געפלאַקערט ווי אָנגעגליטע פלאַמען, אָבער ביסלעכווייז איז דאָס אַלץ פאַרשוואונדן גע־

וואָרן, די פֿלאַקערן האָבן זיך אויסגעלאָשן און די שיף האָט זיך מיטאַמאָל געפֿונען צווישן הימל און וואַסער.

ס'האָט אָנגעהויבן טונקל ווערן. ר' נחום מיט זיינע באַגלייטער האָבן זיך אין אַ ווינקל געשטעלט מקבל שבת זיין. אויף דער שיף האָבן זיי באַגעגנט נאָך יידן, וואָס זיינען פֿון בבל און פֿון פּערסיע געפֿאָרן קיין רוים אָדער מצרים. זיי האָבן אויף דער שיף געפֿירט פֿאַרשידענע סחורות: געווירצן, שמעקעדיקע בומאיילן, גאָלד און טייערע שטיינער.

די יידן האָבן זיך דערנעענטערט צו די חכמים און מיט נייגעריקייט אויסגעהערט דעם גרוס פֿון ארץ ישראל. זיי האָבן מיטגעדאַווענט, און דערנאָך צוזאַמען געגעסן די שבתדיקע סעודה, געטרונקען וויין, וואָס זיי האָבן מיט זיך מיטגעפֿירט. נאָך דעם מאָלצייט האָט ר' נחום פֿאַרטייטשט אַ פּרשה פֿון דער תורה, וואָס אַלע האָבן מיט גרויס באַגייסטערונג אויסגעהערט.

ער האָט זיי דערציילט וועגן ים, וואָס עקיבאן האָט — אין זיין גרויסן דורשט נאָך וויסן — ספּעציעל אינטערעסירט.

— אַלץ וואָס עקזיסטירט אויף דער יבשה, האָט ר' נחום געזאָגט, געפֿינט זיך אַזאַ ענלעכס אויפֿן אָפּגרונט פֿון ים. עס זיינען פֿאַראַן ים־הינט, ים־לייבן, ים־בערן און ים־פֿערד; עס וואַקסן אויפֿן אָפּגרונט פֿון ים די פֿאַרשידנסטע גראָזן וואָס אויף דער יבשה, פֿאַרשידענעביימלעך געפֿינען זיך אין די טיפֿענישן פֿון ים.

— ס'איז טאַקע אמת — האָט עקיבא אויסגערופֿן — עס שטייט טאַקע אין תהילים געשריבן: „ווי פֿיל זיינען דיינע ווערק, אַ גאָט! האָסט דאָס אַלץ מיט חכמה געמאַכט. די גאַנצע ערד איז פֿול מיט דיין באַשאַף. דער ים איז גרויס און ברייט, דאָרט איז אַ ווידמענונג אָן אַ צאָל, חיות גרויסע און קליינע...”

***

אַ פֿינצטערניש האָט זיך אויסגעשפּרייט איבער דער אומענדלעכער וועלט. דער הימל איז געוועזן פֿאַרוואָלקנט און שוואַרץ ווי טינט. עס האָט אויסגעזען ווי פֿאַרן וועלט־באַשאַף, מ'האָט גאָרנישט געקאָנט אונטערשיידן, הימל און וואַסער זיינען געוועזן אויסגעמישט. מ'האָט בלויז געהערט דאָס ברומען פֿון די כוואַליעס, ווי דאָס ברומען פֿון אַ סטאַדע לייבן. די שיף האָט זיך אָנגעפֿאַנגען מער טרייסלען ווי געוויינלעך.

— עס וועט באַלד אויסברעכן אַ שטורעם — האָט דער קאַפּיטאַן פֿון דער שיף געגעבן צו וויסן אַלע רייזנדע און געהייסן אַראָפּגיין יעדן אין זיין קאַיוטע.

אַלע האָבן געפֿאָלגט, בלויז איין עקיבא איז געבליבן אויפֿן דעק.

אַפֿילו אַ שטורעם אויפֿן ים איז אים אינטערעסאַנט געווען צו באַאָבאַכטן.

דער שטורעם האָט זיך געשטאַרקט פֿון מינוט צו מינוט. די שיף האָט זיך אויפֿגעהויבן, ווי זי וואָלט געוואָלט דערגרייכן די וואָלקנס, דערנאָך האָט זי זיך מיטאַמאָל געגעבן אַ לאָז אַראָפּ אין דעם טיפֿסטן אָפּגרונט.

ביי די רייזנדע האָבן זיך די קעפּ פֿאַרדרייט און זיי האָבן זיך געפֿילט ווי שיכּור. זיי האָבן זיך אַלע אויסגעצויגן אויף זייערע געלעגערס און ביי די ווענט זיך אָנגעהאַלטן. איטלעכער האָט געבעטן צו זיין גאָט, אַז ער זאָל די שיף נישט איבערענטפֿערן אין די טיפֿענישן פֿון די שטורמישע וואַסערן. אויף די פֿאַרשידנסטע שפּראַכן האָבן מענטשן געשעפּטשעט תּפֿילות.

די מאַטראָזן אויפֿן דעק זיינען געלאָפֿן הין און צוריק צעטראָגענע, דערשראָקענע. זיי האָבן פֿאַרשידענע שווערע משׂאות געלייגט אויף די זייטן פֿון דער שיף, כּדי זי זאָל האַלטן דעם גלייכגעוויכט. זיי האָבן יעדעס מאָל געריכטעט די זעגלען אין אַן אַנדערער זייט אַריין. אָבער די שיף האָט זיך געוואָרפֿן ווי אַ שפּענדל אויף די שטורמישע כוואַליעס, וואָס אין דעם גרויסן חושך האָט מען בלויז געזען די ווייסע שוימיקע גריוועס ווי ביי מעכטיקע לייבן.

עקיבא איז צווישן די מאַטראָזן געווען. ער האָט זיי געהאָלפֿן מיט אַלץ וואָס ער האָט נאָר געקאָנט, נישט קוקנדיק, וואָס עס איז געווען שבת. „עס איז פּיקוח נפֿש״... — האָט ער זיך אַליין מתּיר געמאַכט.

אַזוי האָט אָפּגעדויערט אַ גאַנצע נאַכט. ווען עס האָט אָנגעהויבן טאָגן, און די לופֿט איז געוואָרן עטוואָס דורכזיכטיקער, האָט מען ערשט געזען, וואָס עס טוט זיך. דער ים איז ווי וואַנזיניק געוואָרן. די כוואַליעס זיינען מחנותווייז געשפּרונגען איינע איבער די אַנדערע און אַלע האָבן זיך גע־ריסן צו דער שיף ווי אויף אַ געוועט, ווער עס וועט זיין די ערשטע זי צו פֿאַרשלעפּן אין תּהום אַריין.

דער קאַפּיטאַן איז געווען בלאַס, די ליפּן האָבן ביי אים געציטערט און נישט געקאָנט פֿון פֿאַרצווייפֿלונג קיין וואָרט אַרויסרעדן.

— מיר וועלן אונטערגיין... מיר וועלן אונטערגיין... — האָט ער זיך געבראָכן די הענט.

די רודערער זיינען שוין מיד געוואָרן צו רודערן און האָבן די הענט אין פֿאַרצווייפֿלונג אַראָפּגעלאָזן. די מאַטראָזן האָבן זיך אויפֿן דעק אויס־געצויגן און ווילנלאָזע געוואַרט אויפֿן טויט, וואָס וועט באַלד, אין דער פֿאָרם פֿון אַ מעכטיקער כוואַליע, אָנקומען און זיי פֿאַרשלינגען.

אויף דער שיף האָט זיך אויך געפֿונען אַ הויכער רוימישער באַאַמטער מיט זיין ווייב. זיי זיינען צוריקגעפֿאָרן פֿון אַ באַזוך איבער די איינגענו־

מענע לענדער אין מזרח, און איצט פירט דער באַאַמטער צוריק זיין באַריכט צום קייסער דאָמיציאַן.

ווען דער רוימער — אַן ענערגישער אויפן אויסזען, אָבער מיט אַ ווייכן מענטשלעכן בליק אין די אויגן — האָט דערהערט די פאַרצווייפלטע ווערטער פון דעם קאַפּיטאַן, איז ער אַזוי צעבראָכן געוואָרן, אַז ער האָט זיך געוואַלט אַראָפּוואַרפן פון דער שיף אין די צעברויזטע כוואַליעס אַריין.

אָבער דאָ איז אונטערגעשפרונגען צו אים עקיבא און אים אָנגעהויבן טרייסטן:

— פאַרצווייפל ניט, ברודער! — האָט ער אויסגעשריגן, אָבער זיין קול איז פאַרטרונקען געוואָרן אין דעם געוואָי פון דעם שרעקלעכן הוראַגאַן. דער רוימער האָט אים פאַרוואונדערט אָנגעקוקט. ער האָט ניט געקאָנט באַנעמען עקיבאס רואיקייט. ער, דער העלדישער רוימער, וואָס האָט לענדערייען איינגענומען, איז צעמישט און ווייסט ניט אויף וועלכער וועלט ער איז, און דאָ זעט ער פאַר זיך אַ פרעמדן — קיין רוימער איז ער זיכער ניט — ער איז אַזוי רואיק, ניט פאַרצווייפלט, און ער האָט זיך פאַרשעמט.

—ווער ביסטו דען, מענטש? — האָט דער רוימער מיט שטוינונג ביי אים געפרעגט — אַרט דיך דען גאָרנישט, וואָס מיר וועלן באַלד אַלע פאַרזונקען ווערן אין די כוואַליעס פון ים? פון וואַנען איז ביי דיר אַזאַ זיכערקייט און רואיקייט? ווער ביסטו דען, מענטש?...

— איך בין אַ ייד! — האָט עקיבא מיט שטאָלץ געענטפערט — איך בין אַ זון פון אַ פאָלק, וואָס גלויבט אין דעם איין־איינציקן גאָט, דעם אַלמעכטיקן, דעם באַשעפער פון דער וועלט. ער, וואָס האָט דעם שטורעם אויפגעפּעפּענטעט און געהייסן שטורעמען, וועט אים אויך קאָנען איינצוימען און באַפעלן איינצושטילן זיך!... זייט זיכער, מיינע ברידער — האָט ער זיך געווענדט צו אַלע מאַטראָזן, וואָס האָבן אין אים דערזען אַ דערלייזער און אים אַרומגערינגלט, ווי זוכנדיק ביי אים שוץ און טרייסט — די שיף וועט ניט אונטערגיין. אונטן פאָרט אַ גרויסער יידישער רבי, אַ געטלעכער מאַן. ער פאָרט אין אַ הייליקער שליחות פאַר זיין געפּייניקט פאָלק. ער האָט מיך אויסגעלערנט ניט צו פאַרצווייפלען אין די ערגסטע מינוטן פון לעבן. „גם זו לטובה", אויך דאָס איז צום גוטן, זאָגט ער שטענדיק אין די פאַרצווייפלטע מאָמענטן. ער וועט נישט דערטרינקען ווערן, און אין זיין זכות וועט איר אויך געראַטעוועט ווערן פון אומקום.

און עקיבא האָט מיט דער האַנט אָנגעוויזן אויף מזרח, וואו אַ העלע ליכט אין אַ שמאָל פאַסיקל האָט זיך אַרויסגעשיילט פון די פינצטערע וואָלקנס, און ער האָט פאַרזיכערט, אַז אינגיכן וועט זיך דער ים באַרואיקן.

— אָבער דערווייל לאָזט מיך תּפילה טאָן צו אונדזער אַלמעכטיקן גאָט, צום באַשעפער פֿון דער וועלט, אַז ער זאָל איינשטילן דעם שטורעם און דער ים זאָל זיך באַרואיקן. תּפילה טאָן שאַדט קיינמאָל ניט...

עקיבא האָט זיין פּנים געווענדט צו ירושלים, און איינהילנדיק זיך אין טלית, האָט ער ביידע הענט אויפגעהויבן הויך צום הימל און אויס־געשריגן:

— רבונו של עולם, באַשעפער פֿון די הימלען, ערד און ים, איינציקער גאָט, וואָס דו האָסט די יידן אַרויסגעצויגן פֿון מצרים, דערבאַרעמדיקער פֿאָטער, האָב רחמנות אויף אונדז!

אַלע, וואָס האָבן זיך געפֿונען אויף דער שיף, האָבן זיך פֿאַרייניקט צו עקיבאס געבעט, און איטלעכער אויף זיין לשון האָט נאָכגעזאָגט די ווערטער, וואָס עקיבא האָט געזאָגט אויף אַראַמיש.

דאָס העלע, שמאָלע פּאַסיקל ליכט אויף מזרח־זייט איז ברייטער גע־וואָרן, מען האָט שוין אַרויסגעזען פֿון דערווייטנס אַן אויפגעריסן שטיק בלויען הימל; די זון האָט פֿון דאָרט אַ בליץ געטאָן מיט אַ גאָלדענעם שטראַלן־פֿעכער און אָפּגעגאָסן די וועלט מיט אַ ליבלעכער וואַרעמקייט; די כוואַליעס זיינען נאָך גרוי־בייז געווען, זיי האָבן נאָך געשוימט מיט כּעס, אָבער שוין פֿיל רואיקער. וואו ניט וואו האָט אַ שטיק ים זיך אַרויסגעבלויט, און ביסלעכווייז האָט זיך די גלאַטיקע בלויקייט פֿונאַנדערגעשפּרייט אַלץ ברייטער און ברייטער, און אַלץ האָט זיך איינגעשטילט.

אַ גרויסע פֿרייד איז אויף אַלעמען געקומען. די מאַטראָזן האָבן זיך צוריקגענומען צו זייער אַרבעט, און די שיף האָט זיך ווידער רואיק גע־גליטשט איבערן גלאַטן, בלויען ים.

דער רוימישער הויכער באַאַמטער האָט זיך דערנעענטערט צו עקיבאן און אויסגערופֿן:

— זאָל זיין געלויבט דער יידישער גאָט, וואָס האָט אָנגענומען דיין געבעט. מיין נאָמען איז קלעמענס פֿלאַוויוס. איך בין אַ נאָענטער קרוב צום קייסער דאָמיציאַן, וואָס טראָגט אויך דעם נאָמען פֿלאַוויוס. אויב דו וועסט זיך געפֿינען אין רוים אין אַ גוטזאָגער פֿאַר דיר, בין איך שטענדיק גרייט דיר צו דינען.

און דער רוימער האָט זיך האַרציק געזעגנט מיט עקיבאן און נאָכאַמאָל פֿאַרזיכערט אים זיין פֿריינטשאַפֿט, און אים געבעטן, אַז ווען ער וועט זיין אין רוים, זאָל ער קומען זיין הויז באַזוכן.

עקיבא האָט עס אים צוגעזאָגט.

קאַפּיטל 6

אויף אַ פאָרשטעלונג אין אַמפיטעאַטער

●

ווען די שיף איז אָנגעקומען קיין ברינדיזיום און אַלע זיינען אַרויס־געשטיגן אויפן ברעג, האָבן אַלע מיטרייזנדע גרויס כּבֿוד אָפּגעגעבן צו עקיבאַן, צו נחום איש גמזו און זיינע אַנדערע צוויי באַגלייטער.

נחום איש גמזו איז ערשט איצט פון עקיבאַן געוואויר געוואָרן, וואָס אויפן דעק פון דער שיף איז אין יענעם שבתדיקן טאָג פאָרגעקומען, ווען דער שטורעם האָט אים צו זיין געלעגער צוגעשמידט. ער האָט אַרויפגע־לייגט זיינע הענט אויף עקיבאס קאָפּ און אים געבענטשט.

— ווייל דו האָסט געהייליגט גאָטס נאָמען צווישן געצנדינער, זאָלן דיינע רייד שטענדיק אַזוי געהערט ווערן אין הימל, ווי זיי זיינען דאַסמאָל געהערט געוואָרן — האָט ער געזאָגט — איך גלויב באמונה שלימה, אַז דו וועסט זיין אַ פירער ביי יידן.

און זיי האָבן זיך אויף קעמלען אַוועקגעלאָזן רייטן קיין רוים.

⁂

די שטאָט רוים האָט אויף עקיבאַן געמאַכט אַ געוואַלטיקן איינדרוק. די גרויסע פּלעצער, די פּרעכטיק־געבויטע הייזער, דער גרויסער אַמפי־טעאַטער, דער טיטוס־בויגן, אויף וועלכן עס זיינען אויסגעמאָלן די בילדער פון יידישע געפאַנגענע און כּלים פון בית־המקדש. ווען עקיבא האָט דאָס געזען, איז ער זייער טרויעריק געוואָרן, טרערן האָבן זיך ביי אים גע־שטעלט אין די אויגן פון פאַרדרוס, וואָס ער איז מאַכטלאָז און אַזוי שוואַך, כּדי נקמה צו נעמען פאַר דער דאָזיקער שאַנד.

— ווי אַזוי קאָנען יידן לעבן אין דער דאָזיקער שטאָט, ווען יעדן טאָג זעען זיי צו די דאָזיקע חרפּה? — האָט ער געפרעגט ביי דעם רוימישן ייד, וואָס האָט אים באַגלייט איבער די גאַסן פון רוים.

— מיר קומען טאַקע זייער ווייניק דאָ אַהער, ווייל דאָס האַרץ קאָן צעפּלאַצט ווערן, קוקנדיק דערויף. אָבער אַ חוץ דעם, לעבן מיר יידן דאָ רואיק און געניסן פון אַלע רעכט. מיר זיינען פריי אָפּצוהיטן אונדזערע

רעליגיעזע מנהגים, מיר האָבן אונדזערע שולן, און נישט איין רוימישער געצנדינער איז שוין פֿון אונדז אָנגעשטעקט געוואָרן מיט יידישקייט און שטילערהייט היט ער אָפּ שבת אַלס זיין רו־טאָג — האָט אים דער רוימישער ייד געענטפֿערט.

עקיבא האָט זיך געוואונדערט, וואָס צווישן רוימישן פֿאָלק, וואָס האָט אומגעבראַכט די יידישע אומאָפּהענגיקייט, קאָנען זיך געפֿינען אַזעלכע, וואָס זאָלן סימפּאַטיזירן מיט דער יידישער אמונה.

— ווען נישט די שווערקייט, וואָס גוים האָבן מיט דעם ענין מילה, וואָלטן פֿיל פֿון זיי איבערגעגאַנגען צום יידנטום. מיין מיינונג איז — האָט דער רוימישער ייד פֿאָרגעזעצט — אַז דער עלטערער דור פֿון רוימער, וואָס וויל איבערגיין צום יידנטום, זאָל מען דערלויבן צו בלייבן אומגעמלט, בלויז זייערע קליינע קינדער זאָל מען מל זיין...

— מיר מאַכן נישט קיין פּשרות... — האָט עקיבא קורץ און שאַרף געענטפֿערט.

— אין רוים — האָט דער ייד, זעענדיק עקיבאס אויפֿרעגונג פֿון זיין אַרויסגעזאָגטער מיינונג, ווייטער געצויגן זיין פֿריערדיקן שמועס — אין רוים געפֿינען זיך מענטשן פֿון פֿאַרשידענע פֿעלקער און פֿון פֿאַרשידענע אמונות. אָבער זיי, די רוימער, קאָנען אונטערשיידן, ווער פֿון צווישן די פֿרעמדע גלויבנס איז זויבערער און ריינער אין זיינע זיטן.

— מיר האָבן עס אין ארץ ישראל גאָרנישט געוואוסט — האָט עקיבא מיט באַוואונדערונג אויסגעהערט די געשיכטעס, וואָס דער ייד פֿון רוים האָט אים דערציילט.

— די גרעסטע צאָל אָנהענגער פֿון יידישן גלויבן געפֿינען זיך גראָד צווישן די העכערע קלאַסן פֿון דער רוימישער אַריסטאָקראַטיע, איבערהויפּט זיינען די פֿרויען גענייגט צו פֿרעמדע רעליגיעס. פֿאַרשטייט זיך, אַז נישט נאָר די יידישע אמונה האָט אָנהענגער, עס האָבן אויך נאָכפֿאָלגער די עגיפּטישע געטער, הויפּטזעכלעך דער גאָט „איזיס", וואָס זיין קולט איז פֿאַרבונדן מיט אויסגעלאַסענע אָרגיעס, און איבער אַ געוויסער אויפֿרודערונג מצד אַ רוימישער אַדל־פֿרוי, האָט די ריינע יידישע אמונה געפֿונען מער אָנהענגער און זיי האָבן יידן אונטערשטיצט אין זייערע שווערע צייטן.

— וואָס פֿאַר אַן אויפֿרודערונג?... — איז עקיבא נייגעריק געווען צו וויסן.

און דער ייד האָט אים דערציילט די פֿאָלגנדיקע געשיכטע:

„אין אַ שיינער רוימישער מאַטראָנע מיטן נאָמען פּוילינע, אַ פֿאַרערערין פֿון „איזיס"־קולט, האָט זיך פֿאַרליבט אַ געוויסער יונגערמאַן מיטן

נאָמען דעציאוס מונדוס. אָבער די שיינע רוימערין האָט זיין ליבע אָפּגע־שטויסן. איז דער דאָזיקער יונגערמאַן, וועלכער איז געווען זייער רייך, אַוועק אין דעם „איזיס"־טעמפּל און דאָרט אונטערגעקויפט זיינע גייסט־לעכע, און זיי האָבן געשיקט זאָגן פּוילינען, אַז גאָט אנוביס אַליין לאָדט זי איין צו זיך, ווייל ער וויל פאַרברענגען מיט איר אַ נאַכט לויטן „איזיס"־ריטואַל.

„פּוילינע איז געווען שטאָלץ אויף דעם גרויסן כבוד, וואָס איר פאַר־ערטער גאָט טיילט איר צו און מיט דער איינשטימיקייט פון איר מאַן איז זי אַוועק אין טעמפּל און האָט דאָרט פאַרבראַכט מיט ׳גאָט׳ אַ גאַנצע נאַכט.

„ס׳האָט זיך אָבער אינגיכן אַרויסגעוויזן, אַז אין דער טונקלקייט פון דער נאַכט האָבן די עגיפּטישע גייסטלעכע אויסגעביטן דעם גאָט אנוביס אויף דעם פאַרליבטן יונגנמאַן דעציאוס מונדוס, וועלכער האָט אויף אַן אָפּנאַרערישן אופן דערגרייכט זיין ליבעס־ציל... נישט גענוג דאָס, האָט ער זיך נאָך דערנאָך באַרימט פאַר פריינט מיט זיין ליבעס־זיג...

„אַ גרויסע אויפרודערונג איז צוליב דעם אויסגעבראָכן, און די רוימישע אַריסטאָקראַטישע פרויען האָבן זיך נאָך דער שענדלעכער מעשה אָפּגעקערט פון ׳איזיס׳־קולט".

— און דאָס איז מעגלעך ביי פאַרשטענדיקע מענטשן?... — האָט עקיבא זיך נישט געקאָנט אָפּוואונדערן — און אָט אַזאַ פאָלק האָט געקאָנט באַזיגן די יידישע אויסדערוויילטע אומה, די ריינסטע צווישן אַלע פעל־קער!...

— דו האָסט נאָך נישט געזען עפּעס ערגערס, אויף וואָס מענטשן זיינען פעאיק — האָט אים דער רוימישער ייד געענטפערט.

— דהיינו?... — האָט עקיבא מיט אַ נאַאיוון טאָן אין זיין שטימע געפרעגט.

— ווען דו זעסט, ווי מענטשן, באַשאַפענע אין גאָטס פאָרם פונקט ווי מיר, קוויקן זיך און אַפּלאָדירן מיט משוגענער פרייד, בעת לעבעדיקע מענטשן, מענער, פרויען און קינדער — פיצלעך קינדער — ווערן צעריסן פון הונגעריקע חיות. דער ריח פון בלוט צעגייט זיך איבערן גאַנצן אַמפי־טעאַטער און די געיאָמערן פון די אומגליקלעכע קרבנות לעכערן די אויערן און פאַרקלעמען ביים האַרץ, אַז אַ שוידער נעמט דיך אַרום, וועסטו ערשט דעמאָלט אַלס ייד שטוינען...

— איז דאָס מעגלעך? — האָט עקיבא אַ פאַרציטערטער אויסגע־שריגן.

— קאָנסט עס אָנקוקן מיט דיינע אויגן! — האָט דער רוימישער ייד אים געענטפערט.

מיט עקל בלוי אין געדאַנק, אַז אַזעלכעס קאָן צווישן מענטשן פֿאַר־קומען, האָט עקיבא פֿונדעסטוועגן איינגעשטימט דאָס צו גיין אַנקוקן.

⁂

שוין די צווייטע וואָך, ווי די יידישע שלוחים פֿון לאַנד יהודה, מיט נחום איש גמזו אַן דער שפּיץ, זיינען אָנגעקומען קיין רוים און זיי זיינען נאָך אַלץ נישט אויפֿגענומען געוואָרן דורכן קייסער דאָמיציאַן. די יידישע שלוחים זיינען נישט געוועזן די איינציקע. פֿון אַ סך אונטערטעניקע פֿעלקער זיינען אָנגעקומען שלוחים מיט גרויסע מתּנות, כּדי דערמיט אויסצודריקן זייער אונטערטעניקייט צו דער רוימישער אימפּעריע. די רייע אָנצוקומען אין קייסערלעכן פּאַלאַץ איז פֿאַר די יידישע שלוחים געווען באַשטימט ערשט אין אַ וואָך אַרום.

— גם זו לטובה... — האָט נחום איש גמזו מיט ערנסט אויסגע־רופֿן — דער עיקר, עס זאָל נאָר אַלץ אַדורכגיין בשלום, ווייל, ווי כ׳בין שוין דאָ געוואָר געוואָרן, אין דאָמיציאַן דער גרעסטער שונא פֿון יידן, ער שטייגט נאָך איבער נירון־קייסער.

איבער די צוויי וואָכן האָט ר׳ נחום איש גמזו געדרשנט יעדן שבת אין דער רוימער שול, וואוהין הונדערטער און טויזנטער יידן זיינען גע־קומען אים הערן און האָבן געשלונגען זיינע רייד ווי דורשטיקע. ער האָט זיי דערציילט וועגן די פּיין און באַליידיקונגען, וואָס די יידן אין ארץ־ישראל שטייען אויס פֿון די רוימישע מיליטערישע פֿאַרטרעטער. ער האָט גערופֿן צו די פּירער פֿון רוימישן יידנטום, אַז זיי זאָלן דורך די געצנדינע־רישע פֿריינט זייערע משתּדל זיין זיך ביים קייסער דאָמיציאַן, אַז די לאַגע זאָל ווערן אַ ביסל דערטרעגלעכער.

— אַ גרויסער שונא ישראל — האָבן די יידן אין שול געמורמלט און אומגעקוקט זיך אויף אַלע זייטן, צי קיינער הערט זיי נישט אונטער.

— עס וואָלט גוט געווען, ווען אַ רוימישער שר זאָל בייוואוינען, ווען די יידישע שלוחים וועלן איבערגעבן די מתּנות צום קייסער און דער שר, פֿאַרשטייט זיך, דאַרף זיין איינער פֿון אונדזערע פֿריינט — האָט זיך אָנגע־רופֿן אַן עלטערער רוימישער ייד, וואָס מ׳האָט שוין גאָרנישט דערקענט אויף אים קיין יידישע צורה.

— ווען מען קאָן פּועלן ביי קלעמענס פֿלאַוויוס, אַז ער זאָל מיטגיין צום קייסער, וואָלט געווען זייער אַ גלייכע זאַך — האָט אַ יונגערמאַן, רוימיש געקליידט, זיך אַריינגעמישט — מען זאָגט אויף אים, אַז ער איז גאָרנישט גלייך אויף די אַנדערע רוימער.

— קלעמענס פלאוויוס? — האט עקיבא א דערפרייטער אויסגע־רופן צו זיין רבין נחום איש גמזו — דאס איז דאך דער זעלבער, וועלכער איז געפארן מיט אונדז אויף דער שיף!

און עס איז געבליבן בהסכם פון אלע, אז מען דארף זיך פריער זען מיט אט דעם יידישן פריינט.

— גם זו לטובה... — האט נחום איש גמזו מיט פרייד אויסגערופן, און דאס צעקנייטשטע אלטע פנים זיינס מיטן ווייסן בערדל ארומגעראמט, האט זיך ווארעם צעשמייכלט, די אויגן האבן ביי אים געלויכטן.

דער רייכסטער ייד פון די אנוועזנדיקע אין שול האט די ארץ־ישראל־דיקע געסט איינגעלאדן צו זיך צו דער שבתדיקער סעודה. ביי אים אין פאלאץ לעבן טייך טיבער, וואו אלע יידן האבן געוואוינט, איז שוין געווען צוגעגרייט א רייך מאלצייט. אויף די טישלעך, וואס איז פאר יעדן גאסט באזונדער געשטאנען, זיינען שוין געווען אנגעגרייט קרוגן מיט אלטן וויין פון די קעלערן ארויסגענומען און אויך אנדערע שארפע משקאות, וואס זיינען געטרונקען געווארן נאך די געפרעגלטע פיש אויף גוטן בוימאייל, נאך דעם פעטן שעפסן־פלייש.

עס זיינען דא פארזאמלט געווען א סך געסט, וועלכע זיינען געקומען אנקוקן מיט נייגעריקייט די ירושלימער יידן.

ר׳ נחום האט אויף אלעמען געמאכט אן אומגעהייערן איינדרוק, סיי מיט זיין חכמה און סיי מיט זיינע קענטענישן אויף אלע געביטן. ער האט מיט די יידן גערעדט וועגן פילאזאפיע, וועגן אסטראנאמיע און וועגן פאר־שידענע וועלט־זאכן, און אין אלץ האט ער ארויסגעוויזן גרויסע בקיאות. ער האט זיי דערציילט וועגן דעם לעבן אין ארץ ישראל, וועגן די האפע־נונגען, וואס יידן ווארעמען אין זייערע הערצער.

טרערן פון פרייד זיינען ביי די רוימישע יידן געשטאנען אין די אויגן. זיי האבן זיך איבערגענומען מיט ר׳ נחומס האפענונגספולע רייד.

— וועט מען נאך, מיינט איר, ווידער מקריב זיין קרבנות אין בית המקדש, ווידער וועט מען עולה רגל זיין קיין ירושלים דריי מאל אין יאר אויף די דריי ימים טובים, און דער כהן גדול וועט ווידער טאן זיין הייליקע עבודה?... — האט אויסגערופן דער באלעבאס פון הויז, אן עלטערער מאן מיט אן עכט רוימישן אויסזען, אן א בארד און מיט א זיידענער טוניקע אנגעטאן — איך בין בארייט צו לאזן זיך שלאגן 39 מלקות פאר מיינע באגאנגענע זינד, אבי עס זאל ווידער זיין ווי עס איז אמאל געווען!...

— פארוואס זאל מען דיר געבן מלקות, מיין זון? — האט ר׳ נחום מיט זיין גוט פנים פארוואונדערט געפרעגט — ביסט זייער א גוטער ייד, האסט א גוט יידיש הארץ, און אונדזער חבר אלעזר בן ערך האט געזאגט

און ר׳ יוחנן בן זכאי האָט עס באַשטעטיקט, אַז — לב טוב, אַ גוט האַרץ, איז איינע פון די גרעסטע מעלות ביי אַ מענטש.

— בענטש מיך, רבי! — האָט דער באַלעבאָס פון שטוב אַ געריידטער אויסגערופן.

— זאָלסט קיינמאָל נישט פאַרגעסן אין דיין יידישקייט, און עס וועט דיר גוט זיין אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט! — האָט ר׳ נחום פרום אויסגערופן.

— כ׳דאַנק דיר, רבי, כ׳דאַנק דיר... — האָט דער באַלעבאָס מיט געריידטער פרייד געמורמלט, און די אויגן האָבן ביי אים אָנגעהויבן גלאַנצן און פייכט ווערן פון אַן אַרויסגעקומענער פריידיקער טרער.

די פרויען, וועלכע האָבן אין אַ צווייטער שטוב זייער מאָלצייט געגעסן, זיינען איצט אַריינגעקומען, אַלע אין ווייסן אָנגעטאָן, די שוואַרצע האָר גלאַט צוגעקעמט האָבן געבלישטשעט איבער די לענגלעכע אַליווי־ברוינע פנימער, פול מיט יידישן חן. אויף די העלדזער האָבן ביי זיי געלויכטן די טייערסטע איידלשטיינער, עס האָבן געפלאַקערט רויטע רובינען און בלויע שמאַראַגדן, וואָס האָבן פון זיך אַרויסגעגעבן רעגנבויגנדיקע שטילע פלעמלעך.

— די שענסטע פרויען זיינען ביי יידן! — האָט עקיבא אַ טראַכט געטאָן, און ער האָט זיך דערמאָנט אין זיין רחלען. עס האָט אים אַ דריק געטאָן ביים האַרצן און אַ טיפע בענקשאַפט האָט אים אָנגעכאַפט.

קוקנדיק אויף די פרעכטיקע שלאַנקע פרויען, וואָס האָבן גראַציעז און בויגעוודיק פרוכטן צו די טישלעך דערלאַנגט און צובויגנדיק זיך צו יעדן איינעם, איינלאַדנדיק פריינטלעך צום עסן, האָט אַ וואונדערבאַרער געשמאַק פון זיי געוויינט, צוליב די טייערע בוימאיילן און פערפיומען, וואָס זיי האָבן באַנוצט.

— און אָט זיי, אַזעלכע מלכותדיקע יידישע טעכטער, האָט מען אויף די שקלאַפן־מערק פאַרקויפט, אין די בתי־זונות געשיקט... — איז עקיבא טרויעריק געוואָרן — פאַרוואָס, גאָט, פאַרוואָס?...

אָבער לאַנג טרויעריק זיין האָט מען אים נישט געלאָזן. די פרויען האָבן אָנגעהויבן זינגען לידער און טאַנצן זייערע מזרחדיקע טענץ, און דער גאַנצער עולם רוימישע יידן האָט צוגעפּאַטשט מיט די הענט.

— קול באשה ערווה... — האָט ר׳ נחום שטיל געזאָגט צו זיינע תלמידים — עס איז אַ שאַנד צו הערן די שטימע פון אַ פרוי...

— הכל כמנהג המדינה, אַזוי איז מסתמא דאָ דער מנהג... — האָט עקיבא, דער שטענדיקער מקיל, געענטפערט.

עקיבא איז פֿון דער טבע נישט געווען קיין שווערער מענטש, ער האָט דאָס לעבן אַלץ געוואָלט פֿאַרגרינגערן און ניט אָנטאָן אויף דעם מענטש קיין שווערע צוימען.

אַ גאַנצן טאָג האָט די סעודה אָפּגעדויערט. מען האָט געגעסן און געטרונקען און געפֿרייט זיך, וואָס יידן זיינען אומעטום יידן, אַפֿילו אין אַזאַ אָרט פֿון שאַנד און זנות בלייבן יידן — יידן... ר׳ נחומס האַרץ איז צעגאַנגען פֿאַר תענוג.

ווען אַלע זיינען געווען בגילופֿינדיק, האָט ער נישט פֿאַרגעסן, אַז ווען אַזוי פֿיל מענטשן זיצן ביים טיש דאַרף זיין צווישן זיי דער גייסט פֿון דער תורה, און ער האָט אָנגעהויבן פֿאַרטייטשן די סדרה פֿון דער וואָך. עס איז גראָד געגאַנגען דעמאָלט די סדרה בלק. ער האָט גערעדט וועגן דעם, ווי דער פֿאַלשער נביא בלעם האָט געוואָלט שעלטן די יידן און ער האָט זיי גאָר געבענטשט...

— די שנאה צו אונדז פֿון די רוימער וועט מיט דער צייט פֿאַרוואַנדלט ווערן אין פֿריינטשאַפֿט, בלעם קאָן אונדז נישט פֿאַרשעלטן... — האָט ער מיט זיין געוויינלעכן אויסטייטשן אַלץ צום גוטן, אויסגעפֿירט.

צו עקיבאַן איז צוגעקומען זיין באַקאַנטער רוימישער ייד, וואָס האָט אים אומעטום באַגלייט. ער האָט אים געהאָט צוגעזאָגט צו פֿירן אין אַמפֿי־טעאַטער צוצוזען אַ גלאַדיאַטאָרן־קאַמף. זיי האָבן איצט אָפּגערעדט צו טרעפֿן זיך מאָרגן נאָכמיטאָג אין דעם גאַסטהויז, וואו ער, עקיבא, האָט געוואוינט.

ביי עקיבאַן האָבן געקעמפֿט צוויי געפֿילן: דער עקל צו אַזעלכע באַר־באַרישע מעשים און די געוואַלטיקע נייגעריקייט אַלץ צו זען און אַלץ צו וויסן. די נייגעריקייט האָט ביי אים גובר געווען.

צומאָרגנס איז עקיבא מיט זיין באַקאַנטן רוימישן ייד געגאַנגען אין אַמפֿיטעאַטער. אויף דעם טאָג איז אַ חוץ דעם גלאַדיאַטאָרן־קאַמף געהאַט באַשטימט געוואָרן אויך דאָס אויספֿירן דעם טויט־אורטייל איבער אַ גרופּע יידן־קריסטן, די אָנהענגער פֿון ישו הנוצרי. זיי האָבן געדאַרפֿט צעריסן ווערן לעבעדיקערהייט פֿון אויסגעהונגערטע לייבן.

עקיבאַן איז דאָס האַרץ אָנטפֿאַלן ביים געדאַנק, אַז ער וועט אַזעלכעס דאַרפֿן צוקוקן. דער באַקאַנטער זיינער, דער רוימישער ייד, האָט אים באַ־רואיקט:

— דאָס זיינען דאָך מינים, אַפּיקורסים, וואָס לויטן יידישן דין, קומט זיי מיתה.

— אָבער פֿאַרשטיי דאָך — האָט אים עקיבא דערווידערט — אַז ווען די סנהדרין האָבן איינמאָל אין זיבעציק יאָר עמיצן פֿאַרמשפּט צום טויט,

האָט מען זיי גערופֿן „קטלנית״, הענקער... און דאָ ווערן טאָג־טעגלעך אַזויפֿיל מענטשן קאַלטבלוטיק געהרגעט.

— זיי זיינען דאָך גוים... — האָט דער רוימישער ייד געהאַט אַ קורצן ענטפֿער דערויף — עשו איז דאָך געבוירן געוואָרן צו הרגענען...

אַט אַזוי האָבן זיי איינגעטענהט, ביז זיי זיינען אָנגעקומען צום אַמפֿי־טעאַטער, וואו טויזנטער מענטשן, מענער, פֿרויען און קינדער, האָבן זיך געשטופּט מיט גרויס סכנת־נפֿשות, און די גוואַלדן, דעם געזשום פֿון די גערעדערייען האָט מען נאָך געהערט פֿון ווי ווייט.

עס איז געווען אַ הייסער זומער־טאָג, דער הימל איז געווען בלענדנ־דיק בלוי, אָן אַ פּיצעלע צייכן פֿון אַ וואָלקן. די זון האָט ווי אַן אָנגעגליטע גאָלדענע שיסל געשאָטן מיט פֿייער איבער דער וועלט און געבראָטן די מענטשלעכע לייבער, אַרויסצאַפּנדיק פֿון זיי דעם לעצטן טראָפּן שווייס.

אָבער דאָ ביים אַמפֿיטעאַטער האָט זיך געטאָן חושך. דער אינטערעס צו זען, ווי מענטשן ווערן צעריסן דורך לייבן און לעמפּערטן אָדער איין מענטש דעם צווייטן דערשטעכט אָן שום באַוועג מיטן אויג, איז געווען זייער גרויס. איטלעכער האָט געוואָלט זיין דער ערשטער אַריינצוקריגן זיך אין דער ריזיקער געביידע, כּדי צו באַקומען אַ בעסערן פּלאַץ, ער זאָל פֿון נעענטער קאָנען באַאָבאַכטן דעם פֿלייץ פֿון בלוט, וואָס וועט אַ שפּריץ טאָן, ווען דער זיגערישער גלאַדיאַטאָר וועט אין דעם באַזיגטנס האַרץ אַריינשטעכן דאָס קורצע שאַרפֿע מעסער. אַ חוץ דעם וועט ער קאָנען זען דעם גוססדיקן צאַפּל פֿון דעם קרבן און דער ריח פֿון בלוט, פֿון פֿריש מענטשלעך בלוט, וועט קאָנען דערגרייכן צו זיינע נאָזלעכער...

עקיבא האָט זיך קוים אַדורכגעשלאָגן דורך דער דאָזיקער טויזנטער קעפּיקער מאַסע. ער וואָלט זיך קיינמאָל נישט געקאָנט דורכשטופּן, ווען נישט זיין באַגלייטער, וועלכער האָט מיט זיינע שפּיציקע עלנבויגנס גע־שטויסן אויף רעכטס און לינקס, נישט שוינענדיק קיין אַלטע מענטשן, קיין פֿרויען און קינדער. דאָס דאָזיקע געפּיל איז ביי עקיבאן נישט געווען, און דער ייד האָט עס באַכגעטאָן. עס האָט דאָרט געהערשט דאָס געזעץ פֿון שטאַרקערן.

ווען זיי זיינען אַריינגעקומען אינעווייניק, האָט זיך ביי עקיבאן דער קאָפּ פֿאַרדרייט. אַזוי פֿיל מענטשן מיטאַמאָל האָט ער נאָך קיינמאָל נישט געזען, און וואָס פֿאַר אַ שלל מיט פֿאַרבן, פֿון צונטער־רויט, ביז שטילן העל־בלוי, געל און גרין, ווייס און גאָלד. עס האָט פֿאַרבלענדט דאָס אויג מיט קאָלירן.

אונטן זיינען געזעסן די רייכע פּאַטריציער, סענאַטאָרן, אָנגעטאָן אין ווייסע זיידענע טאָגעס. העכער זיינען שוין געזעסן ווינציקער אָנגעזעענע

בירגער און קלענערע מיוחסים, אַזוי ביז גאָר הויך אַרויף, וואו דאָס פּשוטע פּעבל אין געלע טוניקעס פֿון געמיינעם שטאָף האָט געפּילדערט און גע־ליאַרעמט ביז פֿאַרטויבט צו ווערן.

— דאָס קומט אַזוי פֿאַר יעדן טאָג? — האָט עקיבא געפֿרעגט ביי זיין באַגלייטער.

— ניין, בלויז אין ספּעציעלע יום־טובדיקע טעג, ווען דער צעזאַר וויל פֿאַרוויילן זיין פֿאָלק — האָט עקיבאס באַגלייטער געזאָגט — היינט באַערט מען דאָס פֿאַרענדיקן פֿון אַ טעמפּל פֿאַר זייער גאָט „יופּיטער", וואָס דער צעזאַר האָט געלאָזט אויפֿבויען לכבוד זיין באַטרעטן דעם רוי־מישן טראָן.

פּלוצלינג האָט זיך אָנגעהויבן אַ געטופּעריי און אַ געטומל, אַ געשריי אויף די העכסטע קולות, אַז מ'האָט געקאָנט אַראָפּ פֿון זינען.

— וואָס איז געשען? — האָט עקיבא אַ דערשראָקענער געפֿרעגט.

— דער המון האָט נישט קיין געדולד, ער לעכצט שוין נאָכן צוגעזאָגטן בלוט און נאָך די גסיסה־קרעכצן פֿון די באַזיגטע. אָבער מען וועט פֿריער סיי־ווי נישט אָנהויבן, ביז וואַנען דער נייער צעזאַר דאָמיציאַן וועט זיך נישט באַווייזן אין זיין גאָלדענער לאָזשע צוזאַמען מיט זיין צעזאַרין.

מיטאַמאָל האָבן זיך געהערט אויסרופֿן:

— דער צעזאַר!

מיט געמאָסטענע טריט האָט דאָמיציאַן זיך באַוועגט פֿאָרויס צו זיין באַגאָלדעטער לאָזשע, וואָס איז באַפּוצט געווען מיט אַ גרויסן רוימישן אויסגעהאַמערטן גאָלדענעם אָדלער. פֿון זיין רעכטער האַנט איז געגאַנגען די צעזאַרין, אַ בילד־שיינע מאַטראָנע. זי איז געגאַנגען שטאָלץ און זיכער מיט זיך. זיי זיינען ביידע געווען אַרומגערינגלט מיט אַ גרויסער סוויטע פֿון הויפֿלייט, מיליטערישע הויפּטן, סענאַטאָרן און סתם בכבודיקע לייט, ווי פּאָעטן, ריכטער און אָנגעזעענע בירגער.

דער המון האָט געשריגן מיט באַנומענע קולות לכּבוד דעם צעזאַר, וועלכער איז געשטאַנען און אָפּגענומען דעם כּבוד, וואָס איז אים צוגע־טיילט געוואָרן. עס איז ערשט דעמאָלט שטיל געוואָרן, ווען ער האָט זיך אַנידערגעזעצט.

עקיבא האָט קיין אויג נישט אַראָפּגענומען פֿון קייסער דאָמיציאַן. ער האָט געוואָלט גענוי אויסשטודירן דאָס פּנים פֿון דעם, צו וועמען זיי זיינען געקומען בעטן באַרעמהאַרציקייט פֿאַרן פֿאָלק ישראל.

ניין, ער האָט קיין גוטע שטריכן ביי אים אין פּנים נישט געפֿונען. נישט ער איז דער מענטש פֿון רחמנות. ווי פֿון מירמלשטיין אויסגעהאַקט איז ער געזעסן און געקוקט אויף זיינע אונטערטאַנען.

— נישט פֿון אים האָבן מיר צו דערוואַרטן עפּעס גוטס — האָט עקיבא ביי זיך באַשלאָסן — די גאַנצע שלעכטסקייט פֿון אַ רוימישן געצנדינער איז געלעגן אויף זיין פּנים אויסגעגאָסן.

זיינע געדאַנקען זיינען איבערגעריסן געוואָרן פֿון דעם פּלוצלינגן הויכן טופּען מיט די פֿיס פֿון דעם אומגעדולדיקן המון. דאָס טופּען איז פֿאַר זיי נאָך ווייניק געווען, האָבן זיי נאָך אָנגעהויבן הויך צו שרייען און צו רעדן צווישן זיך. דערווייל האָט עפּעס איינער פֿון זיי געזאָגט אַ גראָבן וויץ, האָט זיך דערהערט אַ ווילד געלעכטער ביז צום פּלאַצן. איינער האָט דעם אַנדערן דעם דאָזיקן וויץ איבערגעגעבן, און דאָס פּלאַצנדיקע געלעכטער איז איבערגעגאַנגען פֿון איין עק אַמפּיטעאַטער ביזן צווייטן, פּונקט ווי אַ דונער וואָלט זיך איבער דער ריזיקער געביידע דורכגע־קייקלט.

ערשט ווען דער צעזאַר האָט מיט אַ טיכל געגעבן אַ צייכן, אַז די פֿאַרשטעלונג הייבט זיך אָן, האָט זיך פֿון טויזנטער ברוסטן ביים עולם אַרויסגעלאָזט אַ באַרואיקנדיקער "אַ־אַ־אַ!..."

אויף דער אַרענע איז אַרויסגעלאָזט געוואָרן אַ דאַר מענטשל, אַ נעבעכדיקס, נאַקעט אויסגעטאָן, מיט אויגן — גאָט די נשמה שולדיק. ער האָט געציטערט אויפֿן גאַנצן לייב און די בליקן אַרומגעפֿירט איבערן פֿול־געפּאַקטן אַמפּיטעאַטער. ער האָט געזוכט ביי די אַלע פֿאַרזאַמלטע מענטשן, וואָס זיינען ענלעך מיט זייער אויסזען צו אים, אַ פֿונק פֿון רחמנות. אַט האָט זיך זיין נעבעכדיקער בליק אָפּגעשטעלט פֿריער אויפֿן צעזאַר, דערנאָך אויף דער בילד־שיינער מאַטראָנע, דער צעזאַרין, וועלכע האָט מיט אירע פּרעכטיקע גרינע אויגן מיט נייגעריקייט באַטראַכט דאָס אָרעמע מענטשל.

זי איז געוואָרן אומרואיק, נישט חלילה צוליב דעם, וואָס אַט דאָס מענטשל האָט ביי איר אַרויסגערופֿן אַ פֿונק פֿון רחמנות, וואָס אַט וועט ער אין אַ סעקונדע אַרום פֿאַרצוקט ווערן דורכן לייב, וואָס מען וועט אַרויסלאָזן פֿון אַן אַנדער טיר. זי איז אומרואיק געווען פֿאַר אומגעדולד. אירע צאַרטע אויערן, וואָס זיינען כּמעט דורכזיכטיק געווען אין דעם אָפּשיין פֿון דער זון, וואָס האָט זיך דורך שפּאַרעס אַריינגעריסן פֿון דרויסן, האָבן שוין געלעכצט נאָך דעם זיסן קרעכץ פֿון אַ גוססדיקן מענטש. זי האָט ממש שוין געהערט דאָס כראָמקען פֿון די מענטשלעכע ביינער אין דעם לייבס מויל. האָט זי דעריבער קיין געדולד נישט געהאַט...

עקיבא האָט אָוועקגעדרייט דעם קאָפּ. ער האָט נישט געקאָנט אָנקוקן דאָס דאָזיקע בילד, ווי דער אומגליקלעכער שטייט אומבאַהאָלפֿן מיט זיינע זוכנדיקע בליקן צווישן מענטשן מיט קיזלשטיינער אָנשטאָט הערצער.

אָבער אַט האָט זיך דערהערט דער מאָוימדיקער ריטש פֿון דעם לייב, וואָס מ'האָט אַרויסגעלאָזט אויף דער אַרענע. עקיבא האָט צוריק אומגע־דרייט דעם קאָפּ. עס האָט זיך אים נאָך אַלץ נישט געגלויבט, אַז דאָס איז אויף דער וואָר. ער האָט נאָך כּסדר געדענקט, אַז אין דער לעצטער מינוט וועט מען רחמנות קריגן אויף דעם מענטשל, וועמענס איינציקע זינד איז באַשטאַנען דעריין, וואָס ער גלויבט, אַז דער געקרייציקטער ישו פֿון נצרת איז משיח, און מען וועט אים דאָס דאָזיקע „פֿאַרברעכן" מוחל זיין.

אָבער ניין, ביי די רוימער איז נישטאָ אַזעלכעס ווי מחילה. זיי זיינען בלויז אויף אַזוי פֿיל גרויסמוטיק, וואָס זיי האָבן דעם פֿאַרברעכער ניט געלאָזט שוצלאָז. זיי האָבן אים געגעבן אַ שפּיז אין דער האַנט אַריין, מיט וואָס זיך צו פֿאַרטיידיקן קעגן דעם אויסגעהונגערטן אַפֿריקאַנער לייב...

אַ בליץ פֿון אַ מאָמענט האָט בלויז געדויערט. דער לייב האָט מיט אַן אָפֿענעם פּיסק, פֿון וואַנען עס האָט אַ פֿלאַקער געטאָן אַ רויטע צונג, אַ שפּרונג געגעבן און געוואָרפֿן זיך אויף זיין קרבן. דאָס מענטשל האָט אָפֿילו נישט געפּרואווט זיך פֿאַרטיידיקן. ער איז שוין געלעגן צווישן די ציין פֿון דער גרויזאַמער חיה, וועלכע האָט געריסן שטיקער לעבעדיק פֿלייש. די ביינער פֿון דעם אומגליקלעכן האָבן געקנאַקט און דאָס בלוט האָט זיך געגאָסן איבערן לייבס האַריקער מאָרדע. דער אומגליקלעכער האָט כּמעט קיין געשריי נישט געטאָן. דער „אוי" איז געבליבן נישט פֿאַרענדיקט.

דער המון האָט משוגע אָנגעהויבן שרייען און פּאַטשן מיט די הענט. די געוואַלדן האָבן אָפּגעהילכט איבער דעם גאַנצן אַמפֿיטעאַטער פֿון איין עק ביזן צווייטן. זיי האָבן בלוטדורשטיק געפֿאָדערט: „נאָך! נאָך!"

עקיבא האָט די אויערן זיך פֿאַרשטאָפּט און פֿאַרמאַכט די אויגן. ער איז געווען נאָענט פֿון חלשות. דער באַגלייטער זיינער האָט אים אין מויל אַריינגעגאָסן עפּעס אַ שטאַרקע משקה, וואָס האָט אים געקרעפֿטיקט און דערמינטערט.

— נאָך! נאָך! — האָט דער ווילדער המון געליאַרעמט — אַ טויט די אָפּטריניקע פֿון אונדזערע געטער! אַ טויט די ווידערשפּעניקע פֿון הייליקן צעזאַר! נאָך! נאָך!...

דאָס בלוט ביי עקיבאן איז פֿאַרגליווערט געוואָרן פֿון שוידערלעכן עקל.

באַלד איז ווידער שטיל געוואָרן אין אַמפֿיטעאַטער. מיט איינגעהאַל־טענעם אָטעם האָט דער פֿיל טויזנט קעפּיקער עולם געוואַרט אויף די ווייטערדיקע קאַמפֿן, וואָס האָבן צוגעזאָגט צו זיין גאַר אינטערעסאַנט. עס האָבן געזאָלט קעמפֿן צוויי באַרימטע גלאַדיאַטאָרן, אַ רוימער מיט אַ

גאַלישן שקלאַף. די פּאַטריציער, וועלכע זיינען געזעסן אונטן אין די בכבודיקע לאָזשעס, האָבן זיך שוין אָנגעהויבן געוועטן אויף ריזיקע סומעס, ווער פון די צוויי קעמפער עס וועט זיגן.

נישט איינמאָל האָבן די דאָזיקע רוימישע אַריסטאָקראַטן זיך פאַרשפּילט ביזן לעצטן פאָדעם, איינשטעלנדיק יעדער אויף זיין באַליבטן גלאַדיאַטאָר. אויך דאָס מאָל זיינען פון האַנט צו האַנט איבערגעגאַנגען ספּעציעלע טאַוועלעך, אויף וועלכע יעדער האָט אויפגעשריבן דעם נאָמען פון זיין פאַוואָריט און די צאָל סעסטערציעס, וואָס ער שטעלט איין אויף אים. אַפילו דער צעזאַר אַליין האָט זיך געוועט. ער האָט איינגעשטעלט די ריזיקע סומע פון 2,000 סעסטערציעס אויף דעם רוימער טהעאָדאָרוס קעגן דעם גאַליער.

אַנדערע ווידער האָבן אויף דעם גאַלישן שקלאַף איינגעשטעלט גרויסע סומען, וואָרים ער איז באַוואוסט געווען פאַר אַ גוטן פעכטער. דאָמיציאַן האָט געטראָגן אַ באַזונדערן כעס אויף דעם דאָזיקן גאַליער, ווייל ער האָט אים געמאַכט שוין פאַרשפּילן ריזיקע סומען, איינשטעלנדיק אויף זיין קעגנער.

ער האָט דעריבער איצטער מיט די ליפּן געשעפּטשעט אַ תּפילה, אַז יופּיטער זאָל אים בייהילפיק זיין און דער גאַלישער שקלאַף זאָל פאַרשפּילן.

דער ריזיקער זאָל פון אַמפיטעאַטער האָט אָנגעהויבן צו זשומען ווי אין אַ בינשטאָק. כמעט אַלע האָבן זיך געוועט. מענטשן, וואָס האָבן קיין געלט נישט געהאַט, האָבן איינגעשטעלט זייער אייגענע פרייהייט. אין פאַל, ווען ער פאַרשפּילט, ווערט ער אַ קנעכט צום געווינער. דער עולם האָט געשוויצט אין דער געוואַלדיקער חמימה, וואָס עס האָט געהערשט אין זאַל. די אויגן האָבן געפלאַקערט און אייגער דעם אַנדערן איז גרייט געווען דורס צו זיין פאַר אַ סעסטערציע.

אַפילו פרויען האָבן איינגעשטעלט גרויסע סומען געלט. אַנדערע האָבן זייערע לייבער איינגעשטעלט און זיך געוועט, אַז טאָמער פאַרשפּילן זיי, וועלן זיי געהערן צו דעם מאַן, וואָס וועט געווינען. עס זיינען אויף דעם חשבון אַרומגעגאַנגען וויצן און געמיינע שפּאַסן. מ'האָט געלאַכט אויפן קול, און דאָס אַלץ אינאיינעם האָט פשוט געלעכערט די אויערן.

עקיבא האָט זיך געפילט ווי אויף אַן עולם התוהו. עס האָט אים שוין באַנג געטאָן, וואָס ער האָט זיך געלאָזט צורעדן און קומען אַהער. ער האָט נאָך כסדר געזען פאַר זיינע אויגן דאָס מאָגערע מענטשל מיטן אומשולדיקן בליק, וואָס גלויבט אין דעם מאַן פון נצרת, אַז ער איז משיח. ער האָט געזען, ווי ער ווערט צעריסן דורכן לייב, ווי מען צערייסט אַן

אַלטע שמאַטע אויף פּיץ־פּיצלעך, מער נישט דאָ איז גערונען טייכנווייז בלוט און אַ לעבעדיק נפש האָט דערביי אויסגעהויכט זיין נשמה...

ער האָט איצט, קומענדיק פּנים אל פּנים מיט די געצנדינער, זיי נאָך מער פֿיינט געקראָגן. „דאָס זיינען דאָך גאַרנישט בבחינת מענטשן!“.... — האָט ער איינגערוימט זיין באַגלייטער אין אויער אַריין.

מיטאַמאָל האָבן זיך דערהערט די פּאַרטייבנדיקע קולות פֿון טראָמפּייטן, וואָס האָבן אָנגעזאָגט, אַז די שפּיל ווערט פֿאַרגעזעצט. אַלע זיינען תּיכּף שטיל געוואָרן. איטלעכנס אויגן זיינען געווען אָנגעשטרענגט צו דער אַרענע, וואו עס האָבן זיך באַלד געעפֿנט צוויי קעגנאַיבערדיקע טירן, פֿון וואַנען עס האָבן אַרויסגעמאַרשירט איינער קעגן אַנדערן צוויי גלאַדיאַטאָרן, ביידע באַפּאַנצערט פֿון קאָפּ ביז די פֿיס און מיט בראָנזענע העלמען אויף די קעפּ. דער גאַליער האָט געהאַלטן אַן אויסגעצויגענע בלישטשענדיקע שווערד אין דער האַנט, דעם קאָפּ האָט ער געהאַלטן אָנגעבויגן, ווי וועלנדיק אויסמיידן דעם קעגנערס אַ קלאַפּ. דער צווייטער ווידער האָט געהאַלטן אַ דריי־ציינקן גאָפּל אין איין האַנט און אין דער צווייטער אַ געשטריקטע נעץ, אין וועלכער מען באַמיט זיך אַריינצוכאַפּן דעם קעגנער און אים פֿאַרפּלאָנטערן, ביז ער פֿאַלט פֿון די פֿיס און דאַן באַזיגט ער אים שוין.

ווי נאָר די צוויי קעמפֿער האָבן זיך באַוויזן אויף דער אַרענע, האָט זיך דערהערט אַ געפּאַטשעריי, וואָס איז ביסלעכווייז איבערגעגאַנגען אין אַ הילכיקן שטורעם. פֿון אויבן אויף די גאַלעריעס ביז אונטן, וואו די פּאַטריציער זיינען געזעסן, האָט מען געזען אין ים פֿון צעפֿלאַמטע פּנימער, פּאַטשנדיקע הענט און אויפֿגעריסענע מיילער פֿון שרייען. יעדער האָט אַפּלאָדירט זיין פֿאַוואָריט און אים אונטערגעגעבן מוט, מאַכנדיק דערביי מיאוסע אויסרופֿן צו דעם קעגנער, וועלנדיק אים צעטומלען און אַרויסברענגען פֿון גלייכגעוויכט.

אַ בלאָז פֿון אַ האָרן האָט ווידער איינגעשטילט דעם צעשטורעמטן ווילדן המון.

דער קאַמף האָט זיך אָנגעפֿאַנגען. מ׳האָט בלויז געהערט אין דעם ריזיקן אַמפֿיטעאַטער דאָס שווערע אָטעמען פֿון די צושויער, אויף וועלכע די הויט האָט געציטערט פֿאַר זייער איינגעשטעלט געלט, און דאָס אָפּקלינגען פֿון שווערד און אייזערנעם גאָפּל אין די בראָנזענע פּאַנצערס.

דאָ האָט איינער אָנגעגריפֿן און דאָ דער צווייטער, דאָ איז איינער אָפּגעשפּרונגען און אין אַ ווײַלע אַרום דער אַנדערער. מיטאַמאָל איז דער יעניקער, וואָס איז פֿאַר אַ ווייל אָפּגעשפּרונגען ווידער איבערגעגאַנגען אין אָנגריף. שווערד און גאָפּל האָבן זיך געקרייציקט און אַ טעמפּער קלאַנג

האָט מיט אַ ווידערקול אָפּגעהילכט אין גרויסן זאַל. דער רוימער טהעאָ־דאָרוס האָט אַ וואָרף־געטאָן זיין נעץ און עס האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז דער גאַלישער שקלאַף איז שוין אין אים פאַרפּלאָנטערט געוואָרן און צווישן עולם האָט זיך דערהערט אַן איינגעהאַלטענער:

— אַ!...

אָבער דער גאַליער האָט זיך פלינק אָנגעבויגן אַן אַ זייט און די נעץ איז געפאַלן אין דער ליידיקער לופט.

האָט זיך דעמאָלט פון צווייטן צד דערהערט דער זעלבער:

— אַ!...

— ווי פלינק זיי זיינען ביידע! — האָט אַ פעטער פּאַטריציער זיין שכן אויפן אויער איינגערוימט.

און פרישע געוועטן, נאָך אויף גרעסערע סומעס, סיי אויפן גאַליער, סיי אויפן רוימער, זיינען געמאַכט געוואָרן.

דער קאַמף צווישן די צוויי גלאַדיאַטאָרן האָט זיך נאָך מער פאַר־שטאַרקט, מיט דער גרעסטער עקשנות האָט איינער דעם צווייטן איצט גע־וואָלט בייקומען. מיטאַמאָל איז געשען אַ מאָדנער צופאַל: טהעאָדאָרוס, דער רוימישער פעכטער, האָט מיט אַ קונציקער באַוועגונג פון דער רעכטער האַנט אַ וואָרף געטאָן די נעץ אויף דעם גאַליער, וועלכער האָט אָבער אין זעלבן מאָמענט מיט דעם שפּיץ פון זיין שווערד געטראָפן טהעאָדאָרוסן אין דער זייט אַריין און אַ שטראָם בלוט האָט אַ פלייץ־געטאָן.

אַלע זיינען שוין איצט זיכער געוועזן אין זיג פון דעם גאַליער. זיינע אָנהענגער, וועלכע האָבן אויף אים ריזיקע סומען איינגעשטעלט, האָבן אָנגעהויבן צו ריטשען פאַר באַגייסטערונג און פרייד, וואָס זייער געווינס ליגט שוין ביי זיי אין קעשענע.

דער צעזאַר איז בלאַס געוואָרן פון גרימצאָרן, וואָס אַט דער שקלאַף, דער פּאַסקודנער גאַליער, מאַכט אים שוין צום ווי־פילטן מאָל פאַרשפּילן. דאָס געשריי איז געוואָרן אַזוי גרויס און אַזוי פאַרטויבנדיק, אַז די קעמפער זיינען אויף אַ ווײַלע צעטומלט געוואָרן. דער גאַליער האָט אין דעם מאָמענט, וואָס האָט מער נישט געדויערט ווי אַן אויגנבליק, שוין געהאַט אויפגעהויבן די שווערד, כּדי צו דערלאַנגען דעם לעצטן טויט־קלאַפּ. אָבער דאָ, אין דער דאָזיקער צעטומלעניש, איז געשען עפּעס אויסטערלישעס: טהעאָדאָרוס האָט פלינק אַ רוק אַריינגעטאָן זיין דריי־צייניקן אייזערנעם גאָפּל צווישן דעם גאַליערס פיס און אַ דריי געגעבן, אַזוי אַז יענער האָט זיך איבערגעקערט אויף דער ערד און געבליבן ליגן אויסגעצויגן אַ פאַר־פּלאָנטערטער אין דער נעץ, וואָס דער רוימער האָט מיט אַ סעקונדע פריער געהאַט פאַרוואָרפן אויף אים. וואָס מער דער גאַליער האָט זיך געוואָלט

אויספלאַנטערן פון די פּענטעס, אַלץ מער האָט ער זיך איינגעפּלאָנטערט. דערצו האָט ער נאָך באַקומען עטלעכע געזונטע שטויס מיטן גאָפּל איבערן קאָפּ און ער איז געבליבן ליגן מאַכטלאָז.

אַ שטורעם פון אַפּלאַדיסמענטן האָט אויפגעטרייסלט דעם גאַנצן אַמ־פיטעאַטער. דער צעזאַר אַליין האָט זיך אַזש אויפגעשטעלט פון זיין פּלאַץ און אַ צעפּלאַמטער פון גרויס גליק האָט ער אָנגעהויבן פּאַטשן מיט די הענט.

טהעאָדאָרוס האָט אַרויפגעשטעלט זיין מעכטיקן פוס אויפן באַזיגטן גאַליערס האַלדז, זיגעריש אַרומגעקוקט זיך איבערן ריזיקן זאַל און געוואַרט אויפן באַשלוס פון המון און נאָך מער פון צעזאַר, צי זאָל ער אים פאַר־ענדיקן אָדער לאָזן לעבן.

די מיינונגען זיינען געווען צעטיילט. אַ העלפט פון זאַל האָט גערעוועט:

— טויט!...

די צווייטע העלפט האָט געווילדעוועט:

—רחמנות! שענק אים דאָס לעבן!...

טהעאָדאָרוס האָט אָבער צום געשריי פון המון זיך נישט צוגעהערט. זיין בליק איז געווען איצט איינגעשטאָכן אין דער ריכטונג פון דער לאָזשע, וואו דער צעזאַר דאָמיציאַן איז געזעסן מיט זיין בילד־שיינער מאַטראָנע. ער האָט געוואַרט אויף זיין באַשלוס.

דאָמיציאַן איז געזעסן אָנגעבלאָזן. ער האָט זיך בשום אופן נישט געקאָנט באַהערשן פון זיין פריערדיקן כעס, וואָס זיינע 2,000 סעסטערציעס זיינען געווען אַזוי איינגעשטעלט. ער האָט דעריבער, נאָך אַ קורצן ישוב הדעת מיט זיך אַליין און מיט אַ בליק פון זיין קייסעריק, אויפגעהויבן זיין האַנט פון דער לאָזשע אַרויס און איין פינגער אַראָפּגעבויגן צו דער ערד.

דער גורל פון דעם גאַליער איז געווען געחתמעט. דאָס האָט באַ־דייט — טויט!

טהעאָדאָרוס האָט דאַן אַרויסגענומען אַ קורץ שאַרף מעסער, וואָס ער האָט געטראָגן אויף דער זייט אין זיין פּאַס, אַוועקגעבויגן דעם פּאַנצער פון זיין קעגנערס האַלדז און מיט דער גאַנצער קראַפט האָט ער אַ זעץ געטאָן מיטן מעסער, וואָס איז טיף אַריין אין האַלדז ביזן הענטל.

עס האָט אַ פּלייץ געטאָן אַ שטראָם מיט בלוט.

דער גאַליער האָט ווי אַ געקוילעטער אָקס אַ כאָרכל געטאָן, אַ בריקע געגעבן מיט די פיס אין זאַמד און באַלד איז ער געבליבן ליגן שטייף און אומבאַוועגלעך.

— פּעראַקטוס עסט (געענדיקט)! — האָט געדונערט דער גאַנצער זאַל.

עטלעכע דינער פֿון אַמפֿיטעאַטער זײַנען אַרויף אויף דער אַרענע, אַראָפּגעצויגן דעם דערשטאָכענעם מת, באַשאָטן מיט זאַמד דאָס פֿאַרגאָסענע בלוט און צוגעגרייט דעם פּלאַץ פֿאַר ווייטערדיקע קאַמפֿן, וואָס האָבן נאָך הײַנט געזאָלט פֿאַרקומען.

עקיבא האָט אַ פֿאַרוואָרף געטאָן מיטן קאָפּ און געחלשט.

מענטשן האָבן געבראַכט וואַסער, געמינטערט אים. זײַן באַגלייטער האָט אים אײַן מויל אַרײַנגעגאָסן עטלעכע טראָפּנס פֿון דער שטאַרקער משקה, וואָס ער האָט מיט זיך געהאַט, און עקיבא האָט געעפֿנט די אויגן.

— ווער איז עס? ווער איז עס? — האָבן עטלעכע צושויער געפֿרעגט — וואָס איז געשען?...

— עט, עפּעס אַ ווייכלײַביק יידל, אַ יודעער... — האָט איינער אַ פּעטער פּאַטריציער מיט פֿאַראַכטונג אויסגערופֿן.

— קום!... — האָט עקיבא צו זײַן באַגלייטער מיט די ליפּן קוים געשעפּטשעט — כ'וויל מער ניט זען... קום, לאָמיר גיין, כ'האָב שוין גענוג די רוימישע „קונסט".

און זיי האָבן פֿאַרלאָזן דאָס אַמפֿיטעאַטער.

עס איז שוין געווען אַ היפּש שטיק נאָכמיטאָג. די גליענדיקע זון האָט זיך שוין געהאַט אַראָפּגעקאָלערט צו מערב־צו און אָנגעצונדן דעם טײַך טיבער. אויף די גאַסן האָבן זיך שוין מער מענטשן באַוועגט ווי פֿריער, ווען זיי האָבן זיך געהאַט אויסבאַהאַלטן פֿאַר דער היץ אין די קילע שטובן זייערע.

עקיבא איז געגאַנגען אָנגעשפּאַרט אויף זײַן באַגלייטערס אַקסל. ער איז אינגאַנצן געווען צעבראָכן און ער האָט זיך געמאַכט ביטערע פֿאַרוואורפֿן, פֿאַרוואָס ער האָט זיך געלאָזט צורעדן און געגאַנגען אָנקוקן די גלאַדיאַטאָרן־קאַמפֿן.

— און דאָס הייסט ביי זיי פֿאַרווײַלונג?... — האָט ער געהאַט תּרעומות צו דעם רוימישן ייד — און דאָס זײַנען מענטשן, וואָס זײַנען ענלעך מיט זייער געשטאַלט צו מיר! זיי ווילן דאָס אָנוואַרפֿן דער וועלט זייער ממשלה!...

דער באַגלייטער זײַנער האָט אים גאָרנישט געענטפֿערט. ער האָט געהאַט די זעלביקע מיינונג, וואָס עקיבא, אָבער ביי אים איז שוין דאָס נישט געווען קיין נײַעס. ער האָט געהאַט פֿאַר זיך איין תּירוץ:

— זיי זײַנען דאָך גוים!...

— איצט איז מיר שוין קלאָר — האָט עקיבא מיט אויפֿגעלויכטענע אויגן אויסגערופֿן — פֿאַרוואָס די גוים האָבן נישט געוואָלט אָננעמען די תּורה. זיי האָבן מורא געהאַט פֿאַרן „לא תרצח"... עס האָט צו זיי גאָר־

נישט גערעדט צום הארץ דער „לא תנאף"... און אין זייערע הענט גיט דאָס אונדז איבער דער גערעכטער גאָט! דאָס איז די תורה און דאָס איז אונדזער באַלוינונג!?...

ער האָט אויפגעהויבן די אויגן צום הימל. די זון האָט ווי אַ רויטער פלאַם הינטער דער שטאָט צווישן די הייזער אַראָפּגענידערט און געבאָדן די לופט אין ימים בלוט. פון די גליענדיקע פענצטער אין דער פלאַמיקער שקיעה האָט געשלאָגן אַ בלוטיקע רויטקייט. אומעטום בלוט, בלוט, בלוט...

— פיר מיך אַהיים... — האָט זיך עקיבא געבעטן ביי זיין באַגלייטער — פיר מיך אַהיים, ווייל כ'בין נאָענט פון צוזאַמענברעכן...

ביז שפּעט אין דער נאַכט איז עקיבא געלעגן אויף זיין געלעגער און נישט געקאָנט איינשלאָפן. איז ער פון זיין געלעגער אַראָפּגעגאַנגען און זיך אַנידערגעזעצט לערנען. ער האָט געלייענט אין דער תורה, ער האָט געוואָלט געפינען דאָרט אַן אַנדייטונג, ער האָט געזוכט ביי די נביאים — פאַרוואָס דאַרף דאָס יידישע אויסדערוויילטע פאָלק איבערגעענטפערט ווערן אין די הענט פון די רוימישע אויסוואורפן.

ער איז, לייענענדיק אַזוי, איינגעשלאָפן מיטן קאָפּ אַנגעשפּאַרט אויף דער פאַרמעטענער מגילה און ער האָט גאָרנישט געהערט און נישט געפילט, ווי ר' נחום, זיין רבי, איז אַריינגעקומען.

נחום איש גמזו האָט אים אָנגערירט ביים אָרעם און לייכט אַ באַוועג געטאָן.

עקיבא האָט זיך אַ דערשראָקענער אויפגעכאַפּט.

— וואָסי, רבי? — האָט ער אין האַלבן אומבאַוואוסטזיין געפרעגט.

— מיר פאָרן דען שוין צוריק אַהיים אין אונדזער הייליקן לאַנד, צו אונדזערע הייליקע מענטשן?...

— וואָס רעדסטו, עקיבא? מיר זיינען דאָך אַהערגעקומען אין אַ געוויסער שליחות... מיר האָבן נאָך די דאָזיקע שליחות נישט דורכגעפירט.

— נישטאָ, רבי, ביי וועמען צו בעטן און אויף וועמען צו ווירקן — האָט עקיבא שוין אַן אויפגעוואַכטער געענטפערט — דאָס איז קיין מענטש נישט...

— ווער, עקיבא? — האָט ר' נחום נישט פאַרשטאַנען, וועגן וועמען ער רעדט.

— דער קייסער דאָמיציאַן — האָט עקיבא מיט רעזיגנאַציע געענטפערט — ווי איז צו אונדז, אין וועמענס הענט אַריין גאָט ברוך הוא האָט אונדז איבערגעגעבן!

— גם זו לטובה... — האָט ר' נחום גוטמוטיק געענטפערט — עס האָט נאָך געקאָנט זיין אַן ערגערער קייסער פון דאָמיציאַן. נירון־קייסער

איז געווען נאָך ווילדער פֿון אים. ער האָט אונטערגעצונדן די שטאָט רוים, כּדי צו קאָנען אָנשרייבן אַ גאַריש ליד, דערנאָך האָט ער טויזנטער אומשול־דיקע אויסגעהרגעט, אָנהעגעגנדיק זיי דעם בילבול, אַז זיי האָבן דאָס אונ־טערגעצונדן די שטאָט...

— און גאָט גיט זיי געוועלטיקייט איבער לענדער און פֿעלקער? — האָט טרויעריק עקיבא געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— אויף גאָט זאָלסטו נישט פֿרעגן קיין קשיות, עקיבא — האָט ר׳ נחום מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל אים באַרויִקט — גאָט האָט זיך מיט דיר נישט באַראָטן ביים באַשאַפֿן די וועלט און ער וועט זיך אויך ביי דיר נישט אָנפֿרעגן ביים צעשטערן זי...

עקיבא האָט בלויז אַ זיפֿץ געטאָן. אין זיין קאָפּ האָבן זיך איצט גע־ראַיעט פֿיל געדאַנקען. ער האָט געטראַכט, אַז ווען ער וועט בשלום צוריק אָנקומען אַהיים קיין ארץ ישראל, וועט ער פֿאַרשטאַרקן זיין טעטיקייט פֿון דער געהיימער חברותא. ער וועט זיך באַמיען וואָס מער מענטשן אַריינ־צוציען אין דער פֿאַרשווערונגס־פּאַרטיי און צוגרייטן די מפּלה פֿון דעם רשעותדיקן מלכות רוים.

ר׳ נחום האָט אים געוואונטשן אַ גוטע נאַכט. ער איז געקומען אים בלויז דערמאָנען, אַז מאָרגן איז דער טאָג, ווען זיי דאַרפֿן זיך פֿאַרשטעלן מיט דער מתנה פֿאַרן קייסער דאָמיציאַן.

— איך וועל ניט מיטגיין, רבי... — האָט עקיבא מיט אַן ענערגישן טאָן אויסגערופֿן — איך וועל ניט מיטגיין!...

— פֿאַרוואָס, עקיבא? — האָט ר׳ נחום אים פֿאַרוואונדערט אָנגעקוקט.

— ווייל עס קאָן נאָך געשען אַן אומגליק... איך, איך קאָן אים נאָך אַמאָל פּרוּוון זאָגן דעם אמת אין די אויגן... רבי, ווען דו זעסט אים אין דעם אַמפֿיטעאַטער... ווען דו זעסט, רבי, מיט וואָס פֿאַר אַ קאַלט־בלוטיקייט און נחת־רוח ער שיקט מענטשן צום טויט... ניין, רבי, איך וועל מיט אייך נישט מיטגיין. זאָל נקדימון, זאָל אבויה דיך באַגלייטן. לאָז מיך באַרויִקן, ווייל מיין קאָפּ איז מיר אינגאַנצן צעטומלט.

— דאָס איז דערפֿאַר וואָס ביסט באַגאַנגען אַ זינד. אַ ייד גייט נישט אין זייערע צירקן, אין זייערע טעאַטערן...

— כ׳וועל אַלע תּשובֿות אויף מיר נעמען, רבי. אָבער צווינג מיך נישט נאָכאַמאָל אָנצוקוקן דאָס דאָזיקע באַרבאַרישע פּנים פֿונם געצנדינער.

ר׳ נחום האָט אים באַרויִקט, געגלעט איבערן אַקסל און נאָכאַמאָל געוואונטשן אַ גוטע נאַכט.

עקיבא איז געבליבן אַליין. ער האָט דעם קאָפּ זיינעם אַריינגענומען צווישן ביידע הענט און פֿאַרמאַכט די אויגן.

ער האָט רחלען געזען אַ לעבעדיקע. ער האָט איר נאָכגעפּאָלגט וואו זי איז נאָר געגאַנגען, ווען זי האָט די קינדער צום שלאָפן געפירט, ווי זי אַליין האָט זיך אַ מידע אויף דער ערד אויפן שטרוי אויסגעצויגן. די אויגן אירע זיינען געווען פאַרטרערט. דאָס איז מסתמא פון בענקשאַפט צו אים. אַ גרויס רחמנות האָט אים צו איר אַרומגענומען.

— וואָס פאַר אַ ווערט, גאָט, האָבן אָט די אַלע טויזנטער געצנדינער־רישע פּרויען, וואָס כ'האָב היינט אין אַמפּיטעאַטער געזען, קעגן אָט דער איינער הייליקער יידישער טאָכטער! וואָס פאַר אַ הערצער און וואָס פאַר אַ נשמות פאַרמאָגן זיי, און וואָס פאַר אַ האַרץ און נשמה האָט אַ יידישע טאָכטער!...

ער האָט אַ רעזיגנירטער זיך אויסגעטאָן. די ליפּן האָבן געשעפּטשעט קריאת־שמע און, ליגנדיק זיך, איז ער באַלד איינגעשלאָפן מיט אַ האַרטן שלאָף.

צומאָרגנס איז ער אויפגעשטאַנען אַן אָפּגעפרישטער, ווידער פול מיט גלויבן אינם מענטשלעכן גייסט. ער האָט געלויבט גאָט און מיט די ליפּן געשעפּטשעט די תפילה, וואָס די חכמים אין יבנה האָבן מתקן געווען: „אין דיין האַנט גיב איך איבער מיין נשמה ווען איך שלאָף, און ווען איך וואַך אויף, וואַכט אויף אויך מיין נשמה צוזאַמען מיט מיין קערפּער; גאָט איז מיט מיר און כ'האָב דעריבער פאַר קיינעם קיין מורא נישט...״ און מיט גרויס פרייד האָט ער דערנאָך פאַרגעזעצט די ברכות: „זיי גע־בענטשט, גאָט אונדזער גאָט, האַר פון דער וועלט, וואָס האָסט מיך נישט באַשאַפן קיין גוי...״

ער איז צו זיין רבין אין צימער אַריינגעגאַנגען, דאָרט צוזאַמען מיט די אַנדערע צוויי תלמידים האָט ער אין לערנען פאַרבראַכט ביז נאָכמיטאָג, ווען די צייט איז אָנגעקומען צו שטעלן זיך פאַרן קייסער.

ערשט דעמאָלט איז עקיבא איינער אַליין, אָן זיין באַגלייטער, אַרויס אין גאַס אַריין און געבלאָנדזשעט איבער דער גרויסער שטאָט. ער האָט אַליין נישט געוואוסט, וואוהין זיינע פיס טראָגן אים.

ער האָט שוין געציילט די טעג, ווען ער וועט דאַרפן צוריקפאָרן אַהיים. ווען ער וועט אַהיימקומען, וועט ער זיבן טבילות אַ טאָג אין משך פון אַ וואָך צייט נעמען, ביז ער וועט זיך אָפּוואַשן פון דער טומאה, וואָס הערשט דאָ אין דער דאָזיקער געצנדינערישער וועלט־שטאָט.

פּלוצלינג, ווי ער איז אַזוי געגאַנגען פאַרטראַכט איבער די גאַסן, האָט ער דערפילט, ווי עמיצער לייגט אַרויף אַ האַנט אויף זיין אַקסל.

ער האָט זיך פאַרוואונדערט אומגעקוקט.

עס איז געווען קלעמענס פלאוויוס, דער רוימישער הויכער באַאַמטער, וואָס איז מיט אים צוזאַמען געפאָרן אויף דער שיף.

— אַ, עקיבא, בלאָנדזשעסט אַרום איבער דעם פּרעכטיקן רוים, איבער דער שטאָט, וואָס איז אַזוי באַרימט איבער דער גאַנצער וועלט. ווי געפעלט דיר מיין שטאָט רוים?

— ס'איז אמת, מיין האַר, רוים איז אַ פּרעכטיקע שטאָט. ביי אונדז אין ארץ־ישראל האָט זיך נאָר געקאָנט צו איר פאַרגלייכן די שטאָט ירושלים, וואָס דיינע רוימער האָבן זי חרוב געמאַכט, מסתמא פּטור צו ווערן פון אַ ריוואַלין... — האָט עקיבא מיט ביטערניש געענטפערט — אָבער די מענטשן אין איר זיינען פאַרזונקען איבערן קאָפּ אין די נידעריק־סטע תאוות פון דער וועלט... וואָס איז דען שיינקייט? אַ פאַראיבער־גייענדיקע זאַך, שיינקייט פאַרשווינדט, אַזוי ווי עס וועלן, למשל, פאַר־שווינדן די געצן, צו וועלכע עס דינען די איינוואוינער פון דעם דאָזיקן לאַנד...

— האַלט־איין, עקיבא, דיין צונג... — האָט קלעמענס פלאוויוס מיט אַ שמייכל געדראָט אים — איך בין לעצטנס געוואָרן באַשטימט פאַר דעם העכסטן ריכטער פון רוים און איך האָב אַ רעכט דיך צו באַשטראָפן פאַר גאָט־לעסטערונג, האָסט באַליידיקט אונדזערע געטער...

און ווען עקיבא האָט מיט פאַרוואונדערונג אים אָנגעקוקט, האָט קלע־מענס פלאוויוס פאַרגעזעצט:

— האָב נישט קיין מורא פונדעסטוועגן, דו האָסט אַ גרויסן באַשיצער איבער דיר, ווי כ'האָב מיך געקאָנט איבערצייגן אויף דער שיף... אָבער כ'בין אַחוץ דעם אין כעס אויף דיר, עקיבא.

— פאַרוואָס, מיין האַר?

— ווייל ביז היינט האָסטו נאָך נישט באַוויזן צו באַזוכן מיין הויז. איך וויל דאָך דיך פאָרשטעלן פאַר מיין ווייב דאָמיציליאַ, זי וויל דיך זייער שטאַרק קענען לערנען...

קאַפּיטל 7

ביי קלעמענס פלאַוויוסן אין הויז

●

דאָמיצילאַ איז געווען אַן אייניקל פון קייסער אספּסינוס און אַ טאָכ־טער פון טיטוסעס און דאָמיציאַנס אַ שוועסטער. אַזוי אַז ביידע זיינען זיי געווען גאָר נאָענטע קרובים פון רוימישן קייסער, און קלעמענס פלאַוויוס האָט געשפּילט גאָר אַ גרויסע ראָלע אין רוים.

שוין פון לאַנג האָט זיך ביי דעם רוימישן אַריסטאָקראַט אַריינ־געכאַפּט דער וואָרעם פון צווייפל אין זיין האַרץ און אים נישט צורו גע־לאָזט. קלעמענס איז געווען אַ געבילדעטער מענטש. ער איז באַקאַנט געווען אין די גריכישע שריפטן, ער האָט אויך אין דער גריכישער איבערזע־צונג געלייענט די יידישע תורה און די נביאים. ער האָט זייער פליסיק גערעדט אַראַמיש, די שפּראַך, מיט וועלכער יידן האָבן זיך דעמאָלט באַנוצט. ער האָט אין האַרץ פאַראַכטעט דעם געצנדינסט, וואָס איז סיי־ווי אין דער הויכער רוימישער געזעלשאַפט שטילערהייט אויסגעלאַכט געוואָרן.

דאָס גלויבן אין די געטער איז בלויז געוואָרן אויסגענוצט צו האַלטן דעם המון־עם אין די צוימען, זיי זאָלן ניט ווידערשפעניקן. מ׳האָט אָפט געמאַכט לכבוד די געטער פאַראַדן, כדי די מאַסן צו פאַרווייל̇ן. דאָס געצנ־דינסט איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ ווערקצייג פון דער מלוכה. פונקט ווי די רוימישע סאָלדאַטן און פרעטאָריאַנער זיינען געווען די שוץ פון דער רוימישער הערשאַפט, אַזוי האָט אויך די אמונה אין די געצן צוגע־האָלפן האַלטן די מאַסן געפּענטעט.

דערפון האָט זיך טאַקע אויך גענומען, וואָס פיל פון די געבילדעטע רוימער האָבן אַנגעהויבן אַרויסווייזן אַ נייגונג צו דער יידישער אמונה, צו דעם גלויבן פון אַן איינאיינציקן גאָט.

אין קלעמענס פלאַוויוסעס האַרץ האָט שוין לאַנג געטליעט אַ סימ־פּאַטיע צו יידן און צו דעם יידישן אַרט דענקען, אָבער גאָר אַ שטאַרקער שטויס צום יידישקייט איז געקומען, ווען ער האָט געזען אויף דער שיף,

וואָס פֿאַר אַ שטאַרקן גלויבן עקיבא אַלס ייד ווייזט אַרויס און וואָס פֿאַר אַ געוואַלטיקער אָפּטימיזם אין די יידישע מענטשן איז פֿאַראַן.

— זיי וועלן אונדז באַזיגן... — האָט ער נישט איינמאָל געזאָגט צו זיין ווייב דאָמיצילאַ — עס איז שוין פֿיל מאָל געשען אין דער געשיכטע, וואָס דער זיגער איז גייסטיק באַזיגט געוואָרן דורך דעם פֿיזיש־באַזיגטן.

— אָבער זיי זיינען דאָך גאָר אַ קליין פֿאָלק אָן שום כוחות. זייער מיליטערישע קראַפֿט איז צעבראָכן און רוים, אונדזער לאַנד, האָט דאָך אונטער די פֿליגל פֿון רוימישן אָדלער כמעט די גאַנצע וועלט שוין אַרונ־טערגענומען — האָט דאָמיצילאַ נישט פֿאַרשטאַנען דעם באַדייט פֿון איר מאַנס ווערטער — ווי אַזוי קאָן אַזאַ קליין פֿאָלק אונדז, די שטאַרקסטע אונטער דער זון, באַזיגן?

— גייסט איז שטאַרקער פֿון מאַטעריע. נישט מיט קיין קראַפֿט נאָר מיט דעם גייסט באַזיגט זייער גאָט...

— כ׳וואָלט פֿונדעסטוועגן זייער געוואָלט אָט דעם ייד, וועגן וועלכן דו דערציילסט מיר אַזעלכע נסים, זען ביי מיר אין שטוב, קלעמענס — האָט דאָמיצילאַ אים איינמאָל געזאָגט.

און אָט האָט קלעמענס פֿלאַוויוס עקיבאן צופֿעליק באַגעגנט אויף דער גאַס און ער האָט זיך זייער דערפֿרייט, וואָס ער וועט איצט קאָנען צוליב טאָן זיין ווייבס ווילן.

עקיבא האָט מסכים געווען צו באַזוכן זייער הויז און ער האָט זיך מיט אים אָפּגעשמועסט צו קומען היינטיקן אָוונט.

פֿאַר עקיבאן איז דאָס געווען אַ געוואַלטיקע געשעעניש. צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן וועט ער זיין אַזוי נאָענט פֿון אַ רוימער, ביי דעם זון פֿון דעם פֿאָלק, וואָס האָט זיין פֿאָלק באַצוואונגען, חרוב געמאַכט זיין לאַנד, פֿאַרברענט זיין בית המקדש און צעשטערט די שיינע שטאָט ירושלים.

ער איז זייער נייגעריק געווען צו באַקענען זיך נעענטער מיט אַ מיט־גליד פֿון דעם דאָזיקן שטאַרקן פֿאָלק. ער וויל געוואויר ווערן, וואָס איז זייער כוח און אין וואָס ליגט זייער שטאַרקייט. ער האָט ממש געפֿיבערט אַ גאַנצן טאָג פֿון דערוואַרטונג.

ר׳ נחום מיט זיינע צוויי באַגלייטער זיינען שוין געהאַט צוריקגעקומען פֿון זייער שליחות ביים קייסער דאָמיציאַן.

— ער האָט אונדז אויפֿגענומען, ווי ער נעמט אויף אַלע אַנדערע פֿעלקער — האָט ר׳ נחום דערציילט עקיבאן — ער האָט די מתנה צוגע־נומען, ווי זי וואָלט אים געקומען משׁשת ימי בראשית. עס איז ביי אים אַ פֿאַרשטענדלעכע זאַך, אַז דער באַזיגטער דאַרף דעם זיגער ברענגען

געשאנקען. אבער דו ביסט גערעכט געווען, עקיבא. דאס איז נישט קיין מענטש, און נישט פון אים וועט צו אונדז קומען די ישועה.

— צו וואס־זשע האט מען געדארפט די גאנצע נסיעה און די שלוחים ?

— האט עקיבא נאאיוו געפרעגט.

— ס'איז פונקט ווי א בייזן הונט צוצואווארפן א ביין. ער וועט אונדז אפשר געדענקען ווען, חלילה, א בייזער געדאנק וועט אים קומען אין קאפ אריין אונדז שלעכטס צו טאן... — האט ר' נחום געענטפערט מיט א קלוגן שמייכל — בעת מיר זיינען אויפגענומען געווארן דורכן קייסער, האבן אויך בייגעוואוינט עטלעכע אנגעזעענע רוימישע יידן מיט זייערע רוימישע פריינט, הויכגעשטעלטע סענאטארן און פאטריציער, צווישן זיי איז אויך געווען קלעמענס פלאוויוס. ער איז פון די אמתע חסידי אומות העולם. ער האט גערעדט גוטע רייד פאר אונדז צום קייסער און זיך איינגעשטעלט, מען זאל אונדז אין אונדזער לאנד נישט אזוי דריקן.

עקיבא ווידער האט זיין רבין דערציילט, ווי ער האט זיך אויף דער גאס באגעגנט מיט קלעמענס פלאוויוס און ער האט אים איינגעלאדן צו זיך אין פאלאץ.

— גיי, מיין זון — האט נחום איש גמזו אים געזאגט — אבער געדענק, וואס דער תלמיד־חכם אלעזר בן ערך זאגט: „ודע מה שתשיב לאפיקורוס" — זאלסט ויסן וואס מען דארף ענטפערן צו א נישט־גלויביקן...

עקיבא האט אין די עטלעכע וואכן, וואס ער האט זיך געפונען אין רוים, זייער פיל געלערנט די שפראך. ער האט געהאט א געוואלטיקן זכרון און א באנעמונגס קראפט. א ווארט, וואס ער האט איינמאל אויסגעלערנט, איז ביי אים פארבליבן איינגעקריצט אויף אייביק אין געדעכעניש.

— ר' נחום האט אים באוואונדערט.

— דו רעדסט דאך שוין באלד ווי א רוימער... — האט ער אים מיט א פאטערלעכן שמייכל געזאגט.

— הקול קול עשו, מיין שטים איז טאקע פון עשו... — האט עקיבא געשפאסט — אבער מיין הארץ איז פון יעקב.

— כ'האב צוטרויען צו דיר, עקיבא — האט ר' נחום אים מיט גרויס ליבע אנגעקוקט — גיי און זיי מצליח. מיר נויטיקן זיך אין פריינט, ווייל פון קייסער דאמיציאן האבן מיר קיין צופיל גוטס נישט צו דערווארטן.

דער אוונט איז שוין געהאט צוגעפאלן און עקיבא איז אוועק אויפן אנגעוויזענעם פלאץ, וואו קלעמענס פלאוויוס האט געוואוינט. עס איז געווען די רייכסטע געגנט אין רוים. דארט האבן אלע רוימישע אריסטאקראטן געהאט זייערע פאלאצן מיט די פרעכטיקסטע גערטנער ארומגערינגלט.

פֿאַרן טויער, וואו קלעמענס פֿלאַוויוס האָט געוואוינט, איז געהאָנגען אַ גרויסער לאָמטערן מיט בוימל און געלויכטן. עס איז שוין געווען טונקל, ווען עקיבא איז דאָרט צוגעקומען און אַ שקלאַף האָט אים אַריינגעפֿירט אין די אינעווייניקסטע צימערן פֿון פּאַלאַץ. קלעמענס פֿלאַוויוס איז אים אַנטקעגנגעגאַנגען מיט אויסגעשפּרייטע אָרעמס.

— זיי באַגריסט, מיין טייערער גאַסט! — האָט ער אויסגערופֿן מיט פֿרייד, אָננעמענדיק אים ביי דער האַנט און אַריינגעפֿירט אין דעם גרויסן זאַל, וואָס איז געווען צוגעגרייט פֿאַר געסט. פֿיל פֿון שטיין־אויסגעהאַקטע סטאַטועס זיינען דאָרט געשטאַנען און אַ רייך־געדעקטער נידעריקער טיש מיט כּלערליי פּרוכטן, וויינען און שיסלען איילבירטן האָט געוואָרט מען זאָל קומען און טועם זיין פֿון אים. פֿון דעם פּרעכטיקן טעפּיך אין אַ ווינקל האָט זיך אויפֿגעשטעלט די מאַטראָנע פֿון הויז, דאָס ווייב פֿון קלע־מענס פֿלאַוויוס, דאָמיצילאַ. ווי אַ ווייסע ליליע האָט איר יונג ליכטיק פּנים אויסגעזען, איר קערפּער — שלאַנק, פֿריש, שמעקעדיק, און איר קליין מויל, ווי אַן אויפֿגעפּלאַצטע רויז. זי איז אַנטקעגנגעגאַנגען דעם גאַסט מיט אַ פֿריינטלעכן שמייכל.

— דאָס איז אונדזער לאַנג־דערוואַרטעטער גאַסט, דאָמיצילאַ — האָט ער אויסגערופֿן — אים האָבן מיר דאָס צו פֿאַרדאַנקען, וואָס מיר זיינען לעבן געבליבן דעמאָלט אויף דער שיף. זיין תּפֿילה צום יידישן גאָט האָט געהאָלפֿן.

— זיי באַגריסט, מיין פֿריינט! — האָט דאָמיצילאַ געזאָגט — כ׳וואָרט שוין אויף דיר מיט אומגעדולד, כ׳וויל דיר אויסדריקן מיין האַרציקסטן דאַנק.

— נישט מיר, מיין האַרינטע, קומט דער דאַנק — האָט עקיבא באַשיידן און אַביסל אַ פֿאַרדויטלטער אויפֿן פּנים אויסגערופֿן — ווייל נישט צוליב מיר האָט גאָט מציל געווען די שיף פֿון אונטערגאַנג, נאָר צוליב מיין גרויסן רבין, וועלכער איז געפֿאָרן אין אַ וויכטיקער שליחות פֿאַרן יידישן פֿאָלק. דאָס איז נישט דער ערשטער נס, וואָס עס געשעט מיט מיין רבין. איך בין בלויז איינער פֿון זיינע וויכטיקסטע תּלמידים. איך לערן נישט לאַנג ביי אים די יידישע וויסנשאַפֿטן.

— אויב דו לערנסט נישט לאַנג — האָט קלעמענס פֿלאַוויוס אַ פֿאַר־וואונדערטער געזאָגט — האָסטו אָבער שוין זייער פֿיל דערגרייכט, מיין פֿריינט. דו רעדסט ווי אַ גרויסער געלערנטער. אַ חוץ דעם בין איך ממש איבערראַשט פֿון דיין רוימישן לשון, וואָס דו רעדסט. דו רעדסט דאָך ווי איינער, וואָס וואָלט שוין יאָרן־לאַנג אָפּגעלעבט אין רוים.

— איך דאַנק דיר, מיין האַר, פאַר דיינע גוטע רייד צו מיר — האָט עקיבא געענטפערט — איך בין גליקלעך צו הערן דיינע ליוב־ווערטער, וואָס זיינען ווי באַלזאַם פאַר מיינע אויערן. איך האָב ליב צו לערנען שפּראַכן און אַלערליי וויסנשאַפטן, כאָטש איך בין מיט די אָנשויאונגען פון די פרעמדע פעלקער נישט איינשטימיק, ווי, למשל, מיט אייער רעלי־גיעזער באַנעמונג...

— פאַרוואָס, מיין פריינט? — האָט קלעמענס פלאַוויוס געפרעגט.

— ווייל איך קאָן מיר נישט פאַרשטעלן דעם גלויבן אין געטער, וואָס מענטשלעכע הענט האָבן זיי אויסגעפאַרטיקט. אַזעלכע געטער האָט נאָך אונדזער פאָטער אברהם מיט איבער צוויי טויזנט יאָר צוריק פאַרוואָרפן און זיי אויף שטויב צעשטויסן אין זיין פאָטער תּרחס הויז.

— דאָס זיינען ביי אונדז סימבאָלן בלויז, מיין פריינט — האָט קלע־מענס פאַרשעמט פון עקיבאס אָפענעם אַרויסטרעטן קעגן דעם רוימישן געצנדינסט, געענטפערט בנעימות — סימבאָלן פאַר שיינקייט, פאַר שטאַר־קייט. קוק־אָן די סטאַטועז דאָ ביי מיר אין זאַל. אָט איז דאָס אָפּבילד פון אַפּאָלאָ, אָט איז יופּיטער, דער גריכישער צעאוס. פּרעכטיקע פיגורן, נישט וואָר? זייער שיינקייט אײדלט אויס דאָס מענטשלעכע אויג, דאָס מענטש־לעכע טראַכטן. ווער עס האָט נישט קיין זין פאַר שיינקייט...

— דער קאָן נישט באַנעמען די שיינקייט פון צוזען, ווי מענטשן ווערן צעריסן פון לייבן, ווי זיי דערשלאָגן זיך איינס דאָס אַנדערע צום טויט; און סיי דער צעזאַר, סיי די סענאַטאָרן, די בלום פון רוימישן פאָלק, סיי דער פּלעבס, די נידעריקסטע מאַסע ביי אייך, פרייען זיך ביז משוגעת...— האָט עקיבא מיט צעבליצטע אויגן איבערגעהאַקט קלעמענסן אין די רייד.

עקיבא האָט אינגאַנצן געפלאַמט. ער איז געווען אָנגעטאָן אין ווייסע זיידענע קליידער, דאָס ברוינע אָפּגעברענטע פּנים פון דער ארץ ישראל־דיקער זון, זיין שוואַרץ בערדל, וואָס איז אַזש ברוין געווען פון אָפּגע־ברענטקייט, איז איצט ווי איין שטיק פלאַקער אויפגעגאַנגען.

ער האָט זיך אויפגעשטעלט פון זיין פּלאַץ, וואו ער איז געזעסן אויף דעם ווייכן טעפּיך און ווי אַ נביא האָט ער אָנגעהויבן שטראָמען מיט פייער־דיקע רייד, וואָס האָבן געמאַכט אויפציטערן די הערצער ביי קלעמענסן און זיין ווייב דאָמיצילאַ.

— דו ביסט דער הויפּט־ריכטער פון רוים, האָסטו מיר היינט גע־זאָגט — האָט עקיבא אָנגעהויבן — וואָס איז אַ ריכטער און וואָס איז משפּט? אונדזערע חכמים לערנען אונדז: אַז ווער עס משפּט מיט גערעכ־טיקייט און לויטן געזעץ, דער ווערט אַ שותּף צום באַשעפער פון דער וועלט אין זיינע ווערק. ווען אַ ריכטער זעצט זיך משפּטן, דאַרף ער זען פאַר זיינע

אויגן דעם אָפּגרונט פֿון גיהנום, ווייל אַ שווערע שטראָף דערוואַרט אים, אויב ער וועט מיט אַ לייכט געמיט אַרויסטראָגן זיין פּסק־דין, און נאָך אַ גרע־סערע שטראָף וועט ער באַקומען, אויב ער וועט נושא־פּנים זיין אָדער נעמען שוחד־געלט.

— כ׳האָב דערוואַרט, מיין פּריינט, זאָלסט מיך באַגריסן צו מיין נייעם אַמט אַלס הויפּט־שופט פֿון רוים, צום סוף מאַכסטו מיר אַזוי שווער דאָס האַרץ, אַז נישט עס איז אַ כּבוד, נאָר גאָר אַ שווערע משא... — האָט קלעמענס מיט אַ שמייכל געזאָגט.

— ס׳איז אמת טאַקע, אַ שווערע משא האָט מען אויף דיר אַרויפֿגעלייגט, נישט קיין כּבוד. ווייל עס איז גאָרנישט קיין כּבוד צו זיין אַ ריכטער ביי געצנדינער. איך האָב נעכטן צוגעזען דעם משפּט פֿון רוימישער גערעכטיקייט אין אַמפּיטעאַטער און כ׳האָב געזען, ווי אַ הונגעריקער אַפֿריקאַנער לייב האָט צעריסן דעם קערפּער פֿון אַ דאָר אומשולדיק מענטשל בלויז נאָר דערפֿאַר, ווייל ער גלויבט עפּעס דאָרט אין זיינס אַ הייליקן, אין אַ מענטש, וועלכן ער באַטראַכט פֿאַר אַ משיח; מאָרגן וועט איר לאָזן צערייסן אַ מענטש, ווייל ער גלויבט אין דעם איינאיינציקן גאָט און ווייל ער לערנט תּורה. כ׳האָב אויך געזען אייערע פֿאַרוויילונגען... ווי איין מענטש דעם צווייטן שטעכט קאַלטבלוטיק אריין דאָס מעסער אין האַלדז, נאָר בלויז דערפֿאַר, ווייל דאָס פֿעבל לעכצט נאָך בלוט און דער „רעכטפֿאַרטיקער" קייסער וויל זיין פֿאָלק צוליב טאָן. אויך ער אַליין, אייער צעזאַר, לעכצט נאָך בלוט, אויך אייערע סענאַטאָרן, די פֿאָרשטייער פֿון געזעץ, לעכצן נאָך מענטשלעך בלוט... און דאָס איז אַ רעזולטאַט פֿון דעם געצנדינסט. איר האָט נישט גאָט אין האַרצן!

עקיבא האָט זיך פֿאַרהאַקט, ער האָט נישט געקאָנט מער רעדן פֿון אויפֿרעגונג. אין האַלדז האָט אים געשטיקט. דאַמיציליאַ האָט אים אונטערגערוקט אַ קריגל מיט קאַלט וואַסער, ער זאָל זיך דעם האַלדז דורכשווענקען... ער האָט אַ שלוק געטאָן און ווייטער, ווי קיינער וואָלט פֿאַר אים נישט געשטאַנען, האָט ער געשאָטן מיט ווערטער ווי מיט הייסע גליענדיקע פֿונקען.

— אָ, איר פֿאַרהערלעכט, זאָגט איר, דעם מענטש — האָט ער אָנגעוויזן מיט דער האַנט אויף די שטיינערנע סטאַטועס, אויף די געמעלדערייען — איר פֿאַרהערלעכט אָבער בלויז דעם שאָטן פֿון מענטש, זיין אָפּבילד, און דעם מענטש גופֿא טרעט איר מיט די פֿיס ווי אַ וואָרעם, איר הרגעט אים מיט אַלע מיתות משונות... דאָס איז דערפֿאַר, ווייל איר פֿאַרמאָגט נישט ווי מיר אונדזער הייליקע תּורה, וואָס לערנט דערהאַבענע זאַכן: „זאָלסט נישט מאָרדן"; „זאָלסט נישט מנאף זיין"; „זאָלסט נישט גלוסטן צו דיין חברס

ווייב״; „זאָלסט ערלעך האַלטן דיין פאָטער און מוטער״; „זאָלסט נישט פאַלש שווערן״. ווייסט איר דערפון? האָט איר דען אין אייער געצנדינערישער לערע אַזאַ פּרעכטיקן אויסדרוק, ווי: „זאָלסט ליב האָבן דיין חבר ווי דיך אַליין״? האָט איר אין אייערע געזעצן, אַז אַ קנעכט דינט אָפּ זעקס יאָר, דאַרף ער אויפן זיבעטן יאָר באַפרייט ווערן?... האָט איר דאָס אַלץ?...

— יאָ, אמת... — האָט דאָמיצילאַ אַרויסגעשטאַמלט — אייערע אָנ־שויאונגען זיינען אינגאַנצן אַנדערש פון אונדזערע...

עקיבא האָט נישט געלייגט קיין אַכט אויף אירע רייד. ער האָט זי אַפילו פאַר זיינע אויגן נישט געזען.

— אָט איז דער אונטערשיד פון דער אַרט דערציאונג, וואָס די תורה גיט אונדז און אייער געצנדינערישער דערציאונג! — האָט עקיבא אויס־געררופן מיט אַ געטלעכן פלאַם אין זיינע אויגן — ביי אונדז, אַז דאָס העכסטע געריכט, די סנהדרין, האָט איינמאָל אין זיבעציק יאָר פאַרמשפּט אַ מענטש צום טויט, האָט מען עס גערופן „קטלנית״, דאָס הייסט: הענקער אָדער מערדער! ביי אונדז יידן איז דאָ אַ געזעץ, אַז אַ בן סורר ומורה, אַ זון, וואָס ווידערשפּעניקט זיינע עלטערן און עסט־אויף אויף אַ מאָל אַ פונט פליש און טרינקט אויס אַ קוואַרט וויין, קומט אים טויט־שטראָף דורך פאַרשטייניקן. אָבער וויפיל באַגרעניצונגען האָבן אונדזערע יידישע חכמים געמאַכט אַרום דעם דאָזיקן געזעץ, וואָס האָבן פּשוט אוממעגלעך געמאַכט אַזאַ טויט־אורטייל דורכצופירן. עס איז אַ סברה, אַז מ׳האָט גאָר קיינמאָל אַ בן סורר ומורה צום טויט נישט פאַראורטיילט. אָט דאָס הייסט ליבע צו אַ מענטשלעך לעבן! וואָס זאָגט מיר דיין שטיינערן בילד? גאָרנישט! דער לעבעדיקער מענטש זאָגט אַ סך. ווייל דער מענטש איז באַשאַפן גע־וואָרן אין גאָטס געשטאַלט!

עקיבא האָט שוין מער נישט געקאָנט רעדן. ער איז געווען איין שטיק פלאַקער. ווי אַ געטלעכער מלאך האָט ער איצט אויסגעזען אין זיינע ווייסע זיידענע קליידער און מיט זיינע פייער־שפּרינצדיקע אויגן.

קלעמענס פלאַוויוס און זיין ווייב דאָמיצילאַ זיינען געזעסן ווי די שטומע און דאָס מויל נישט געוואָגט צו עפענען. זיי האָבן געפילט, ווי אַ באַרג וואָלט זיך אויף זיי אַרויפגעלייגט, אַזוי נידעריק צוגעקוועטשט האָבן זיי זיך געפילט אונטער עקיבאס ברויזנדיקע רייד. זיי זיינען געזעסן אויף זייער ווייכן טעפיך, די אויגן אַראָפּגעלאָזט צו דער ערד פאַר בושה, וואָס מען האָט זיי אויסגעטאָן און געוויזן אין זייער נאַקעטער שאַנד.

אַזוי אָפנהערציק און אמת האָט נאָך צו זיי קיינער נישט גערעדט. און אַזוי טיף אין האַרץ איז נאָך קיינעמס רייד זיי נישט אַריינגעדרונ־גען, ווי די רייד פון זייער יידישן גאַסט.

אויב ביי קלעמענסן האָט שוין פֿון לאַנג געטליעט אַ געוויסער געפֿיל צום יידישן גלויבן, איז ער איצטער אינגאַנצן צענומען געוואָרן, און ער איז געווען מיטגעריסן מיט זיין גאַנץ לייב און לעבן, מיט זיין גאַנצער נשמה.

ביי דאָמיציליאַן זיינען טרערן געשטאַנען אין די אויגן פֿון גערירטקייט, און זי האָט נאָך אַ לענגערן שטילשווייגן ענדלעך אַרויסגעשטאַמלט אַ פּאָר ווערטער:

— איך דאַנק דיר, טייערער גאַסט אונדזערער, פֿאַר די קלוגע רייד, וואָס דו האָסט אונדז געזאָגט. הלוואַי וואָלטן אונדזערע רוימישע מענער און פֿרויען דיך דאָ געווען געהערט. ווען אַזוינע רייד וואָלטן מער פֿאַרשפּרייט געוואָרן צווישן רוימישן פֿאָלק און צווישן אַנדערע פֿעלקער, וואָלטן זיי אָן שום צווייפֿל אַ גרויסע ווירקונג געהאַט.

— מיר דאַרפֿן אונדזער תורה נישט פֿאַרשפּרייטן צווישן די פֿעלקער, גאָט איז שוין איינמאָל מיט דער תורה אַרומגעגאַנגען און זי פֿאַרגעלייגט צו די אומות, אָבער אַלע האָבן זיך אָפּגעזאָגט זי אָנצונעמען. בלויז דאָס יידישע פֿאָלק האָט אויפֿן באַרג סיני געזאָגט: נעשה ונשמע, מיר וועלן טאָן און מיר וועלן געהאָרכן! איצט מוזט איר, פֿרעמדע פֿעלקער, צו אונדז קומען. אַז איר וועט קומען, וועלן מיר אייך אויפֿנעמען, אָבער נישט אַזוי לייכט ווי איך דאַכט זיך. עס איז אַ גרויסער חסד פֿון גאָט צו זיין אַ ייד... — האָט עקיבא געענטפֿערט.

— אָבער לעצטנס פֿאַרשפּרייטן דאָך יידישע מענטשן די לערע פֿון דער תורה, זיי דערציילן אונדז וועגן אַ משיח, וואָס איז געקומען דערלייזן די וועלט, און מיר, רוימער, האָבן אים דערפֿאַר געקרייציקט — האָט קלעמענס אין זיין אומוויסנהייט זיך אָנגערופֿן.

— דאָס זיינען נישט קיין יידישע מענטשן. דאָס איז ווי אָנטקעגנשטעלן קעגן אַלטן גוטן וויין אַ קרוג מיט יונגן זויערן וויין, וואָס מאַכט אייליק אין די ציין און פֿאַרמישט דעם קאָפּ... — האָט עקיבא אָפּגעענטפֿערט — משיח וועט קומען צו די יידן, ווען עס וועט זיין „באחרית הימים”, און ס׳וועלן מקוים ווערן אונדזער נביא ישעיהס רייד: אַלע שווערדן וועלן פֿאַרוואַנדלט ווערן אין אַקעראייזנס און אַ וואָלף מיט אַ שעפּעלע וועלן זיך פּיטערן צוזאַמען. כּל זמן לייבן צערייסן מענטשלעכע גופים לויטן ווילן פֿון אַנדערע מענטשן, איז נאָך משיח נישט געקומען...

אַ שקלאַף איז אַריינגעקומען אין זאַל, וואו זיי זיינען געזעסן און האָט זיך ביז דער ערד אַראָפּגעבויגן און געמאָלדן, אַז דער טיש אין דעם עסצימער איז געגרייט.

קלעמענס האָט זיך פֿאַר עקיבאַן פֿאַרשעמט פֿאַר דעם שקלאַפֿס נידע־ריקן בוקן זיך. עקיבא האָט עס באַמערקט און ער איז צופֿרידן געווען, וואָס זיינע רייד זיינען נישט געווען אויפֿן ווינט...

— מיר לאַדן דיך איין, אונדזער גאַסט, אונטערצולענען דיין האַרץ צוזאַמען מיט אונדז! — האָט דאָמיצילאַ פֿריינטלעך פֿאַרבעטן עקיבאַן מיטצוגיין צום טיש.

— כ'דאַנק אייך, מיינע טייערע פֿריינט — האָט עקיבא, פֿילנדיק זיך שוין מער דערנעענטערט צו זיי, געזאָגט — איך קאָן מיט אייך נישט מיטעסן. גאָט האָט אונדז געגעבן געזעצן, וואָס מיר מעגן יאָ און וואָס מיר טאָרן נישט עסן. איר, אַלס נישט־יידן, היט דאָך די דאָזיקע געזעצן נישט אָפּ. עס זיינען פֿאַראַן חיות, וואָס זייער פֿלייש איז פֿאַר אונדז פֿאַר־באָטן, זיי זיינען טמא, און איר רוימער עסט זיי יאָ. אַ חוץ דעם, ווערט די בהמה ביי יידן אויף אַ ספּעציעלן אופֿן געשאָכטן, כדי איר נישט צופֿיל וויטיק צו פֿאַרשאַפֿן.

— טאָ וואָס מעגסטו יאָ עסן ביי אונדז? — האָט דאָמיצילאַ טרויעריק געפֿרעגט.

— פֿרוכטן מעג איך ביי אייך עסן.

— אָ, מיר פֿאַרמאָגן אין אונדזער גאָרטן די טייערסטע פֿרוכטן אין דער וועלט — האָט דאָמיצילאַ געענטפֿערט — עס מיט אונדז און מיר וועלן דיר אויך מיטגעבן אַהיים פֿאַר דיר, דיין רבין און דיינע חברים.

— איך דאַנק דיר, מיין האַרין — האָט עקיבא געענטפֿערט און איז מיט זיי אַריבערגעגאַנגען אין עס־צימער.

נאָך דער רייכער סעודה, וואָס די פֿלאַוויוסעס האָבן געגעסן, זיינען זיי מיט עקיבאַן אַרויסגעגאַנגען אין גאָרטן. עס האָט אַזוי אָנגענעם גע־שמעקט. דער הימל איז געווען פֿאַרזייט מיט מיליאַרדן שטערנדלעך און אויף דער וועלט האָט אַזאַ שלווה געהערשט.

— עס איז אַזוי שיין און גוט אויף דער וועלט, טאָ צו וואָס די הריגות און שחיטות אויף אומשולדיקע מענטשן? — האָט עקיבא אין פֿאַרטראַכט־קייט אויסגערופֿן.

— קום צו אונדז אָפֿטער און לערן אונדז די יידישע תורה — האָט קלעמענס פֿלאַוויוס געזאָגט צו עקיבאַן.

אין דער דאָזיקער בקשה איז געלעגן דער ענטפֿער אויף עקיבאַס לעצטע רייד...

***

עס איז געקומען די צייט, ווען ר' נחום מיט זיינע תלמידים האָבן זיך אָנגעהויבן גרייטן צוריקצופֿאָרן אַהיים אין זייער לאַנד אַריין. איז

עקיבא אָוועקגעגאַנגען צו זיינע נייע פריינט, צו דער משפּחה קלעמענס פלאַוויוס, כּדי צו בעמען פון זיי אָפּשייד.

איבער די עטלעכע וואָכן, וואָס עקיבא האָט נאָך פאַרבראַכט אין רוים, איז ער געווען אַן אָפטער גאַסט ביי זיי אין הויז און יעדעס מאָל האָבן זיי געשמועסט וועגן דער גרויסקייט און דערהאַבנקייט פון דער יידישער אמונה, וועגן דער גרויסער קלוגשאַפט און מענטשלעכקייט, וואָס עס געפינט זיך אין דער תּורה, און ער האָט מיט זיי געלערנט די יידישע געזעצן.

— דו פאָרסט אַוועק פון אונדז — האָט דאָמיצילאַ מיט געריררטקייט געזאָגט צו עקיבאן, ווען ער איז זיך געקומען מיט זיי געזעגענען — ווער וועט מיט אונדז ווייטער לערנען די יידישע תּורה? וואָרים די זאַמען, וואָס דו האָסט אין אונדז פאַרפלאַנצט, האָבן אָנגעהויבן שפּראָצן. מיין מאַן און איך זיינען שוין פעסט איצט איבערצייגט, אַז בלויז דער גאָט פון ישראל איז דער איינציקער גאָט אויף דער וועלט און אויסער אים עקזיסטירט נים קיין אַנדערער.

— טאָ זייט געבענטשט, מיינע טייערע פריינט, וואָס איר האָט דערקענט דעם אמתדיקן גאָט. איר האָט דערגרייכט די העכסטע מדרגה, וואָס אַ מענטש קאָן נאָר דערגרייכן. אַ געצנדינער, וועלכער אַנערקענט די איינציקייט פון גאָט ברוך הוא, איז געגליכן צו אברהם אבינו, וואָרים אויך ער האָט געלעבט אין אַ וועלט פון געצנדינער, זיין פאָטער, זיינע ברידער און שוועסטער, זיין גאַנצע משפּחה אַרום אים האָבן געדינט די אָפּגעטער.

— ווי אַזוי איז אַבֿרהם געקומען צום געדאַנק, אַז ס'איז דאָ נאָר אַן איינאיינציקער גאָט? ווער האָט אים דערין איבערצייגט? — האָט קלעמענס געפרעגט ביי עקיבאן.

— דערויף איז פאַראַן אַ שיינע לעגענדע — האָט עקיבא געענטפערט:

„ווען עס איז דעם קייסער נמרוד דורך זיינע שטערנזעער אָנגעזאָגט געוואָרן, אַז עס דאַרף ביי זיין אונטערטאַן תּרח געבוירן ווערן אַ קינד, וואָס וועט צעשמעטערן דאָס געצנדינסט, האָט ער תּרחן באַפוילן, אַז דאָס קינד, אַ זכר, וואָס וועט ביי אים געבוירן ווערן, זאָל ער תּיכּף דערהרגענען.

„אָבער תּרח האָט זיין ניי־געבוירן קינד אברהם נישט דערהרגעט, נאָר אים באַהאַלטן אין אַ קעלער אין משך פון פיל יאָרן, און איבער דער גאַנצער צייט האָט דאָס קינד די ליכטיקע שיין נים אָנגעזען.

„און אַז אברהם איז אונטערגעוואַקסן און איז אַרויסגעקומען אויף דער ליכטיקער שיין, איז ער פאַרגאַפּט געוואָרן פון דער שיינקייט, וואָס ער האָט דערזען. ער האָט זיך נישט געקאָנט אָפּוואונדערן פון דעם אַלעם, וואָס האָט אים אַרומגערינגלט. ער האָט זיך געפרעגט וועגן דער אַנטשטיי־

אונג פון דער זון, די לבנה און שטערן; ער האָט זיך ביים פּאָטער געפרעגט ווער עס האָט באַשאַפן די ערד, די בערג און טאָלן, טייכן, ימים, ביימער און גראָזן, חיות, בהמות און דאָס מענטשלעכע וועזן.

„האָט אים זיין פּאָטער תרח געענטפערט, אַז די געטער האָבן דאָס אַלץ באַשאַפן. אברהם האָט אָבער נישט געקאָנט פאַרשטיין, ווי אַזוי האָבן די שטיינערנע געטער, וואָס דער פּאָטער אַליין אַרבעט זיי אויס מיט זיינע הענט, געקאָנט באַשאַפן אַזאַ פּרעכטיקע און אומפעלערהאַפטע וועלט. און ער האָט זיך געטראַכט: זיי האָבן אַ מויל און רעדן נישט; זיי האָבן אויערן און הערן נישט; זיי האָבן אויגן און זעען נישט; זיי האָבן אַ נאָז און שמעקן נישט; מיט די הענט קאָנען זיי נישט רירן; מיט זייערע פיס קאָנען זיי נישט גיין. ווי אַזוי איז דעריבער מעגלעך, אַז אַט אַזעלכע געטער זאָלן האָבן באַשאַפן אַזאַ שיינע וועלט?...

„ביז ער איז געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז עס עקזיסטירט אַזאַ מעכטיקע קראַפט, אַן אומזעבאַרער גאָט, וואָס האָט דאָס אַלץ באַשאַפן. דעמאָלט האָט אברהם גענומען אַ האַק, אַריינגעגאַנגען אין פּאָטערס שטוב און צעשמעטערט די שטיינערנע געטער אויף שטויב.

„ווען דער קייסער נמרוד איז דערפון געוואָר געוואָרן, האָט ער גענומען אברהמען און אים אַריינגעוואָרפן אין קאַלך־אויוון; אָבער גאָט, אין וועלכן אברהם האָט געגלויבט, האָט אים פון קאַלך־אויוון מציל געווען און ער איז אַרויס פון פייער אומבאַשעדיקט. דאַן האָט אים גאָט געהייסן, ער זאָל אַוועקוואַנדערן צום ירדן. דאָ האָט אברהם געקאָנט פריי דינען צו גאָט. ער האָט געהאַט יצחקן און יצחק האָט געהאַט יעקבן, פון וועמען דאָס יידישע פאָלק איז אַנטשטאַנען און עס האָט זיך באַזעצט אין דעם לאַנד, וואָס גאָט האָט נאָך צו אברהמען געהאַט צוגעזאָגט.”

ווען עקיבא האָט פאַרענדיקט דערציילן די לעגענדע, זיינען זיינע בייע צוויי פריינט געבליבן זיצן שטיל, די אויגן האָבן ביי זיי געפלאַקערט, און ענדלעך האָט קלעמענס פלאַוויוס זיך אָנגערופן:

— מיין טייערער ברודער עקיבא, אויך איך וועל נאָכגיין אין די וועגן פון אונדזער פּאָטער אברהם און איך זאָג־צו, אויף וויפיל עס וועט נאָר זיין אין מיינע מעגלעכקייטן, וועל איך העלפן דעם יידישן פאָלק צוריק־צוגעווינען זייער לאַנד. דאָמיציאַן האָט נישט קיין קינדער און נאָך זיין טויט וועל איך אָדער איינער פון מיינע זין איבערנעמען די פירונג פון דער רוימישער מלוכה; דעמאָלט, עקיבא, וועסטו שוין פון מיר הערן...

דאָמיצילאַ און קלעמענס האָבן עקיבאן מיטגעגעבן פיל מתנות פאַר זיין געליבט ווייב און קינדער און אויך פאַר אים אַליין, און זיי האָבן זיך האַרציק געזעגנט.

מיט אַ טאָג שפּעטער האָט נחום איש גמזו מיט זײַנע תּלמידים פֿאַר־לאָזן רוים אויפֿן וועג צוריק קיין ארץ ישראל.

עקיבא האָט אויפֿן וועג פֿון זייער צוריקרייזע איבערגעגעבן זײַן רבין וועגן אַלע זײַנע שמועסן מיט קלעמענס פֿלאַוויוס, און אַ גרויסע האָפֿענונג האָט זיך באַזעצט אין זייערע הערצער.

— האָסט אַ גרויסע זאַך באַוויזן, עקיבא! — האָט ר׳ נחום איש גמזו געזאָגט — דו האָסט דערמיט געטאָן די אַרבעט פֿון אברהם אבינו, וועלכער האָט מגייר געווען פֿיל מענטשן צום יידישן גלויבן. זײַ געבענטשט דערפֿאַר!

⁂

אַ גרויסע שמחה האָט געהערשט אין הויז פֿון רחלען אין דעם דאָרף קרחה, ווען עקיבא האָט אַריבערגעטראָגן די שוועל פֿון זײַן קליינעם ביידל. רחל איז אים אַנטקעגנגעלאָפֿן און אַרויפֿגעפֿאַלן אויפֿן האַלדז, געקושט אים און צוגעדריקט צו זיך, בעת זידיקע טרערן האָבן זיך געגאָסן פֿון אירע אויגן פֿון גרוואַלטיקער פֿרייד.

מער פֿון אַ האַלב יאָר איז עקיבא נישט געווען אינדערהיים. די קינ־דערלעך זײַנען געהאַט אויסגעוואַקסן און האָבן כּמעט נישט דערקענט זייער פֿאָטער.

עקיבא האָט אויסגעטיילט די מתּנות, וואָס דאָמיצילאַ האָט פֿאַר זיי מיטגעגעבן און פֿאַר רחלען שיינע קליידער. ווען זי האָט זיי אָנגעטאָן, האָט עקיבא נישט געקאָנט אונטערדריקן אין זיך זײַן גרויסע אַנטציקונג פֿאַר איר פּרעכטיקן אויסזען און ער האָט אויסגערופֿן:

— טייערע רחל מײַנע, דו זעסט שענער אויס אַפֿילו פֿון דער רייכסטער רוימישער מאַטראָנע!...

און דאָס גאַנצע פּנים זײַנס האָט געלויכטן פֿון דעם גרויסן פֿאַרגעניגן, וואָס זײַן ווײַב האָט אים איצטער פֿאַרשאַפֿן מיט איר אויסערלעכן אויס־זען. עקיבא האָט שטאַרק געהאַלטן דערפֿון, אַז אַ פֿרוי דאַרף זיך פּוצן פֿאַר איר מאַן. ער פֿלעגט שטענדיק אין זײַנע שמועסן וועגן אַזעלכע שטייגער ענינים זאָגן: „חן איז אַ מתּנה פֿון גאָט!“ ער פֿלעגט זיך אויך טיילמאָל האַלב אין שפּאַס און האַלב אין ערנסט אויסדריקן: „ווער עס קומט אין אַ שטאָט אַרײַן און שיינע מיידלעך קומען אים אַנטקעגן, מעג ער זיכער זײַן, אַז ער וועט מיט זײַן שליחות אָפּגליקן.“ אַזוי, האָט ער געזאָגט, האָט געטראָפֿן מיט אליעזרן, דעם קנעכט פֿון אברהם אבינו, ווען ער האָט באַגעגנט רבקהן, אַזוי איז געווען מיט אונדזער פֿאָטער יעקב, ווען ער האָט געטראָפֿן רחלען...

עקיבא האָט בכלל פֿיל אויפֿמערקזאַמקייט געשאָנקען דער שיינקייט פֿון פֿרויען. ער האָט באַוואונדערט שיינע האָר ביי אַ פֿרוי, גערעדט שטענ־דיק וועגן שיינע קליידער, וואָס האָבן אַ באַצויבערנדיקע קראַפֿט, אונטער־געשטראָכן די שייכות פֿון צירונג צום קערפּער. „צירונג זיינען נאָר שיין, ווען זיי זיינען אויף אַ שלאַנקן גוף," פֿלעגט ער זאָגן. און ער האָט זייער געלויבט די מענער, וואָס גיבן זייערע ווייבער צו עסן געזונטע שפּייזן, כּדי זיי זאָלן שיין אויסזען. ער האָט אויך געהאַלטן דערפֿון, אַז פֿרויען דאַרפֿן זיך שמירן מיט גוטע בוימאיילן, וואָס מאַכן איידל דאָס לייב. ער פֿלעגט אויך וואָרענען די פֿרויען, אַז זיי זאָלן נישט טאָן אַזעלכע זאַכן, וואָס מאַכט זיי מיאוס. „פֿרויען טאָרן נישט אַרבעטן ביי אַזעלכע מלאָכות, וואָס פֿאַרשענדן זייער שיינקייט", האָט ער אַמאָל געזאָגט צו רחלען, ווען ער האָט זי געוואָלט אָפּרעדן פֿון שווער אַרבעטן.

רחל פֿלעגט גליקלעך שמייכלען, ווען זי האָט געהערט איר מאַן אַזוי רעדן. זי האָט געפֿילט, אַז דאָס רעדט ער אונטערן איינפֿלוס פֿון זיין שטאַרקער ליבע צו איר. און זי האָט אים נאָך מער ליב געקראָגן און שטאַרק געשעצט.

די רייזע קיין רוים האָט אויף עקיבאן געווירקט צום גוטן. ער האָט פֿון זיין צוזאַמענקומען זיך מיט מענטשן זייער פֿיל געלערנט. רחל האָט באַוואונדערט, זיין גוט רעדן רוימיש און גריכיש. ווען זי האָט אין איר געדאַנק געפֿראַוועט אויף אַ מאָמענט פֿאַרגלייכן עקיבאן דעם פּאַסטוך מיט עקיבאן דעם תּלמיד־חכם, האָט זי ערשט געזען, וואָס פֿאַר אַ ווייטער מהלך עס שיידט אָפּ די דאָזיקע צוויי, פֿאַרשידענע מענטשן...

איצט איז פֿאַר איר געשטאַנען אַ פֿולשטענדיק פֿיל־וויסנדיקער מאַן, זיין לערנען טאָג און נאַכט האָט אים אויך דאָס פּנים מער אויסגעאיידלט און ער האָט אויסגעזען אַ וואונדערלעך שיינער מאַנסביל, וואָס נישט ביי איין רוימערין וואָלט דאָס האַרץ געקלאַפּט אויף זיין אָנבליק. רחל איז טאַקע שטאָלץ געווען מיט עקיבאן, זי פֿלעגט זיך טוליען צו אים און פֿילן זיך גליקלעך, ווען ער פֿלעגט מיט זיין האַנט צאַרט אַריבערפֿירן איבער אירע האָר, איבערן פּנים און האַלדז. זי האָט פֿאַרמאַכט די אויגן און לאַנגע מינוטן פֿילן אויף זיך דעם וואַרעמען הויך פֿון זיין אָטעם.

— עקיבא, מיין טייערער, מיין איינציק געטרייער מאַן... — פֿלעגן אירע ליפּן פֿאַרחלומט מורמלען.

קאַפּיטל 8

עקיבא אין יבנה

●

עקיבא איז אַ גאַנצע וואָך נישט געגאַנגען לערנען צו ר׳ נחום איש גמזו. ער האָט זיך אַליין גענומען אַ ביסל פרייע צייט אָפּצורוען נאָך אַזאַ שווערער רייזע און אויך האָט ער זיך געוואָלט געגוג אָפּפרייען מיט זיין ווייב און קינדער, וועלכע ער האָט אַזוי לאַנג נישט געהאַט געזען און זיי זיינען קעגנזייטיק געווען שטאַרק אויסגעבענקט איינע צו די אַנדערע.

אויך ר׳ נחום האָט זיך געדאַרפט אויסרוען פון וועג. ער האָט נאָך זיין שווערער שליחות, וואָס ער האָט בשלימות אויסגעפירט און נאָך די אַלע איבערלעבונגען נישט זייער גוט זיך געפילט. ער איז שוין סוף כל סוף געווען אַן אַלטער מאַן און אַזאַ שווערע אונטערנעמונג האָט אים זייער מיד געמאַכט. אָבער צו לאַנג מבטל זיין פון תורה לערנען וואָלט ר׳ נחום ביי זיין גאַנצער אַלטקייט נישט געווען דערלויבט, און אויך עקיבא האָט ביי זיך געהאַט באַשלאָסן, אַז צו ענדע פון דער וואָך וועט ער ווידער, ווי אין די פריערדיקע יאָרן, אָנהויבן גיין טאָג־טעגלעך קיין גמזו לערנען אין ר׳ נחומס בית המדרש און ביינאַכט אַהיימקומען צו זיין ווייב און קינדער.

די דאָזיקע וואָך איז דורכגעלאָפן ווי אַן אויגנבליק. איידער עקיבא און רחל האָבן זיך אומגעקוקט, איז שוין געווען שבת און דעם ערשטן טאָג פון דער וואָך מאַכט ער דעם אָנפאַנג צו לערנען.

דעם דאָזיקן שבת איז עקיבא אַ גאַנצן טאָג געזעסן מיט רחלען און איר דערציילט וועגן זיינע איבערלעבונגען אין רוים. ער האָט זיך דער־מאָנט אַן דעם שבת ביי דעם רייכן רוימישן ייד, ווי פריילעך דאָרט איז געווען. ער האָט איר איבערגעגעבן וועגן די דאָרטיקע מנהגים. ער האָט איר צום ווייטן מאָל איבערדערציילט, וואָס ער האָט געזען אין אַמפי־טעאַטער, וואָס ער האָט געשמועסט מיט קלעמענס פלאַוויוס און זיין ווייב דאָמיצילאַ.

רחל האָט אים געקוקט אין די אויגן און זי האָט זיך נישט געקאָנט אָפּוואונדערן פון די קלוגע רייד, וואָס איר מאַן האָט גערעדט צו די געצנ־דינער און ווי ער האָט זיי געקאָנט באַאיינפלוסן, אַז זיי זאָלן ליב קריגן די יידישע אמונה.

אַזוי האָט ער איר דערציילט און איבערדערציילט מיט אַלע פּרטים וועגן יעדער קלייניקייט, ביז דער שבתדיקער טאָג איז אָוועק. עס איז צוגעפאַלן אַ פאַרטרויערטער אָוונט. וואָלקנס האָבן זיך איבער די הימלען געזאַמלט און עס האָט געהאַלטן נאָענט פון אַ גרויסן פליי־ץ רעגן. וואָרים עס איז שוין געווען נאָך דעם יום־טוב סוכּות, ווען עס פאַנגען זיך אָן די שווערע רעגנס אין ארץ ישראל.

רחל האָט אָנגעצונדן דאָס אייל־לעמפל און ס'איז געווען אויס שבת.

מיטאַמאָל האָט זיך די טיר אין זייערביידל געעפנט, און עקיבאס חבר ישמעאל בן אלישע איז אַריינגעקומען אַ פאַרטרויערטער, די אויגן רויט און אַ וואָלקן איז איבער זיין פּנים געהאַנגען.

— וואָס איז דיר געשען, ישמעאל? — האָט עקיבא דערשראָקן גע־פרעגט און ער איז אויפגעשפּרונגען פון דער ערד, וואו ער איז ביז איצטער צוזאַמען מיט רחלען געזעסן.

— דער רבי איז זייער קראַנק! — האָט ישמעאל אַרויסגעשטאַמלט.

— דאָס גאַנצע לייב איז מיט אַ צרעת אים אויסגעשאָטן, די אויגן זיינען בלינד געוואָרן און ער קאָן מיט קיין אבר נישט רירן. ער ליידט שרעק־לעכע יסורים.

עקיבא איז זייער טרויעריק געוואָרן פון דער דאָזיקער שלעכטער ידיעה. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס זיינען שוין די לעצטע טעג פון זיין רבין, ר' נחום איש גמזו.

צומאָרגנס האָבן אַלע תּלמידים זיך פאַרזאַמלט צוקאָפּנס פון זייער רבין, וועלכער איז געלעגן אויף זיין בעט שוין נישט צום דערקענען. ער איז אינגאַנצן געווען פאַראַליזירט. ער האָט נישט געקאָנט רירן מיט די הענט און נישט מיט די פיס.

ווען עקיבא האָט אים דערזען אין דעם דאָזיקן שרעקלעכן צושטאַנד, האָט ער אָנגעהויבן צו וויינען און צו יאָמערן.

— רבי — האָט ער אויסגערופן — פאַרוואָס איז דיר אַזוינס געקו־מען, ביסט דאָך אַ גרויסער צדיק?

ר' נחום האָט, ווי זיין געוואוינהייט איז געווען, אַ שמייכל געטאָן:

— גם זו לטובה... ווייל וואָלט געווען צו מיר, ווען עס קומען נישט אויף מיר אַזעלכע פּרעניות. אַזוי וועל איך אפשר אָפּקומען פאַר מיינע זינד אויף דער וועלט.

— רבי — האָט דאָן ישמעאל געפרעגט — מיר ווייסן דאָך אַלע, אַז דו ביסט ריין פון יעדער זינד, האָסט קיינעם קיין שלעכטס נישט געטאָן, טאָ פאַר וועלכע עבירות דאַרפסטו דאָס אָפּקומען, רבי ?

ר׳ נחום האָט ווידער אָ שמייכל געטאָן און געזאָגט :

— מיינע טייערע תלמידים, קיינער פון אונדז איז נישט זיכער, אַז ער איז נישט באַגאַנגען קיין זינד קעגן גאָט אָדער — וואָס נאָך ערגער — קעגן מענטש. איך אָבער בין באַגאַנגען אַ גרויסע עבירה קעגן אַ מענטש...

און ער האָט זיי דערציילט פאָלגנדיקע געשעעניש, וואָס האָט מיט אים יאָרן צוריק פּאַסירט :

„איך בין אַמאָל געגאַנגען צוגאַסט צו מיין שווער, וועלכער האָט געוואוינט אין פּקועין. כ׳האָב אָנגעלאָדן דריי אייזלען מיט כל טוב, די בעסטע פרוכטן פון מיין גאָרטן, די בעסטע שפּייזן און געטראַנקען און אַנדערע טייערע זאַכן. דאָס אַלץ האָב איך פאַר אים געפירט אַ מתנה. אויפן וועג האָט מיך אָנגעטראָפן אַן אָרעמאַן, וועלכער האָט זיך אָוועקגעשטעלט פאַר מיינע אייזלען און זיי נישט געלאָזן גיין ווייטער און ער האָט געבעטן :

„רבי, איך בין הונגעריק, גיב מיר עפּעס צו עסן!" האָב איך אים געענטפערט, אַז ער זאָל אַ ביסל צוואַרטן, ביז כ׳וועל אַראָפּנעמען פון דעם אייזל אַ ביסל שפּייז און אים געבן. אָבער איידער איך האָב מיך אָ ריר געטאָן, איז דער ייד אַנידערגעפאַלן אויף דער ערד און געשטאָרבן. ער איז געבליבן אויסגעגאַנגען פון הונגער. בין איך דעמאָלט צוגעלאָפן צום טויטן קערפּער און אָנגעהויבן שרייען און וויינען, וואָרים איך האָב מיך געפילט שולדיק אין זיין טויט, איך האָב אים נישט געדאַרפט לאָזן וואַרטן אַזוי לאַנג...

„איך האָב דעמאָלט אין מיין גרויסן צער אויסגערופן : די אויגן מיינע, וואָס האָבן זיך נישט דערבאַרעמט אויף דיינע אויגן, זאָלן בלינד ווערן ; די הענט מיינע, וואָס האָבן נישט אַזוי גיך געגעבן דיר די שפּייז, זאָלן אָפּגענומען ווערן ; מיינע פיס, וואָס האָבן זיך נישט געאיילט צו גיין אַראָפּלאָדן פון אייזל, זאָלן געליימט ווערן ; און מיין קערפּער זאָל ווערן באַשאָטן מיט צרעת, דערפאַר וואָס כ׳האָב געלאָזט דיין גוף אויסגיין פון הונגער׳."

— ווי איז צו אונדז — האָט עקיבא אויסגעשריגן — וואָס מיר זעען דיך אין אַזאַ שרעקלעכער לאַגע.

— פאַרקערט, טייערע תלמידים מיינע, איך בין גליקלעך, וואָס דאָס אַלץ איז אויף מיר געקומען. איצט זע איך איין, אַז איך האָב טאַקע געזינדיקט...

די תּלמידים האָבן אים פֿאַרלאָזט, אָבער יעדן טאָג זיינען זיי געקומען אים מבקר־חולה זיין.

עס האָט אַזוי אָפּגעדויערט עטלעכע וואָכן און ר׳ נחום איש גמזו האָט געליטן שרעקלעכע יסורים. די תּלמידים האָבן קיין איין טאָג נישט פֿאַרפֿעלט צו אים צו קומען און זיי האָבן געלערנט פֿון אים תּורה.

איינמאָל — אַזוי דערציילט אונדז אַן אגדה — איז אַ גרויסער שניי אַנגעפֿאַלן און אָפּגעלייגט זיך שווער אויפֿן דאַך פֿון הייזל, וואו דער רבי האָט געוואוינט. דאָס הייזל איז שוין געווען אַלט און פֿאַרפֿוילט און עס האָט געהאַלטן יעדע מינוט ביים איינפֿאַלן.

האָבן די תּלמידים דעם רבין געוואָלט אַרויסנעמען פֿון דאָרטן און איבערטראָגן אים אין אַן אַנדער הייזל, האָט ר׳ נחום איש גמזו צו זיי געזאָגט:

„נעמט פֿריער אַרויס אַלע כּלים, דערנאָך וועט איר מיך אַרויס־נעמען, ווייל כּל זמן איך וועל דאָ ליגן, וועט דאָס הייזל נישט איינפֿאַלן.“

האָבן זיינע תּלמידים אַזוי געטאָן, און ווי נאָר זיי האָבן באַוויזן דאָס בעטל מיטן רבין אַרויסצוטראָגן, איז דאָס הייזל איינגעפֿאַלן מיט אַ קראַך.

אויף צומאָרגנס האָט ר׳ נחום איש גמזו אויסגעהויכט זיין הייליקע נשמה.

דער טויט פֿון ר׳ נחום איש גמזו האָט פֿאַראורזאַכט אַ גרויסן טרויער אין לאַנד. דאָס גאַנצע פֿאָלק אָן אויסנאַם האָט אים באַקלאָגט און וואָכן־לאַנג נאָכדערציילט זיינע גוטע מעשים און נאָכגעזאָגט אים שבחים. ר׳ נחום איש גמזו איז זייער באַליבט געווען סיי אין יהודה אין דרום און סיי אין גליל אין צפֿון פֿון לאַנד. זיין נאָמען איז וויט און ברייט געווען באַרימט, און וועגן זיין גוטסקייט און ליבשאַפֿט צום אָרעמען פֿאָלק זיינען אַ סך לעגענדעס אַרומגעגאַנגען.

— נאָר צו הלל הזקן קאָן מען אים פֿאַרגלייכן! — האָבן מענטשן צווישן זיך גערעדט — מען האָט דאָך אים קיינמאָל קיין בייזן ניט געזען. ער האָט שטענדיק געשמייכלט און צו אַלע מענטשן געווען ווי אַ באַרמ־האַרציקער פֿאָטער.

זיין באַליבט ווערטל „גם זו לטובה“ איז געוואָרן אַ פֿאָלקס־ווערטל, און איטלעכער מענטש, וואָס האָט זיך געוואָלט טרייסטן אויף אַן אומגליק, וואָס איז איבער אים געקומען, האָט ער געזאָגט: „גם זו לטובה... וואָרים, ווי וואָלט ר׳ נחום איש גמזו געזאָגט: עס וואָלט דאָך געקאָנט זיין נאָך ערגער!...

דאָס גאַנצע פאַרמעגן, וואָס נחום איש גמזו האָט געהאַט, האָט ער נאָך ביים לעבן איינגעטיילט צווישן דער נישט־פאַרמעגלעכער באַפעלקערונג פון זיין שטאָט, און פאַר זיך האָט ער בלויז איבערגעלאָזט דאָס אָרעמע הייזל, וואָס איז פאַר זיין טויט איינגעפאַלן.

אָבער דעם גרעסטן טרויער האָבן נאָך אים נאָכגעטראָגן זיינע אייגענע תלמידים, בלויז זיי האָבן געקאָנט צום בעסטן אָפּשאַצן, וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט פאַרלוירן מיטן טויט פון זייער באַליבטן רבין, ר׳ נחום איש גמזו. פון אַלעמען האָט עס אָבער צום שטאַרקסטן איבער־געלעבט עקיבא.

רחל האָט אים געטרייסט און אויסגערעדט, אַז עס איז נאָך אַלץ נישט פאַרלוירן, וואָרים סוף כל אדם למות, אַלע מענטשן וועלן דאָך אַמאָל שטאַרבן. „מיר וועלן אויך שטאַרבן״... — האָט זי מיט אַ שמייכל צוגעגעבן.

— אָבער וואָס וועט ווייטער זיין מיטן מיין לערנען? — האָט עקיבא טרויעריק געפרעגט — די תלמידים זיינען זיך צעפאָרן, פיל פון מיינע חברים זיינען שוין אַוועק קיין יבנה לערנען תורה ביי ר׳ אליעזר בן הורקנוס, ביי ר׳ יהושע בן חנניה.

— וועסטו אויך פאָרן, מיין מאַן — האָט רחל גאָר פשוט געזאָגט — איך וועל מיט אַלץ אָפּפערן, מיט מיין לעבן, מיט מיין פרייד, אַבי דו זאָלסט נישט מבטל זיין פון לערנען.

עקיבאַן איז אומעטיק געוואָרן ביים בלויזן געדאַנק, אַז ער וועט זיך דאַרפן שיידן מיט זיין ווייב און קינדער, ווער ווייסט אויף ווי לאַנג.

אָבער רחל האָט אים לאַנג נישט געלאָזט טראַכטן. זי איז ענערגיש און פול מיט מוט צוגעשטאַנען צו עקיבאַן, אַז ער זאָל זיך צוגרייטן פאַר דער רייזע, און ער זאָל נישט זאָרגן פאַר איר מיט די קינדער. זי וועט זיך שוין ווי עס איז אַן עצה געבן, אַבי איר מאַן זאָל לערנען און ווערן אַ גרויסער רבי צווישן יידן.

דאָס איז געווען איר איינציקע שטרעבונג און זי האָט אויך געגלויבט מיטן גאַנצן האַרצן, אַז ער וועט דעם דאָזיקן ציל דערגרייכן.

און כאָטש יבנה איז נישט געווען שטאַרק ווייט פון קרחה, יבנה איז געלעגן צו דרום פון יפו, נישט ווייט פון ים הגדול, איז עס דאָך געווען אַ גרויסער מהלך. עס האָט זיך אויך געפירט צווישן די תלמידים אין יבנה, אַז אויב עס האָט ווער באַשלאָסן צו ווידמענען זיך דער תורה, האָט ער אויף אַ געוויסער צייט געמוזט פאַרגעסן אַן דער היים, אַן ווייב און קינדער, נאָר זיין אַריינגעטאָן בלויז אין די גייסטיקע ענינים. אַנדערש האָט מען זיך נישט געקאָנט געבנוג אָפּגעבן צום לערנען.

רחל האָט גאַנץ גוט געוואוסט דערפֿון, און טראָץ איר גרויסער ליבע צום מאַן, האָט זי זיך אײנגאַנצן מקריב געווען און באַשטאַנען דערויף, אַז עקיבא זאָל פֿאַרלאָזן אויף אַ פּאָר יאָר די היים און זיך בלב ונפֿש אַרײַנוואַרפֿן אין לערנען. און זי האָט זיך אויסגעדריקט צו איר מאַן מיט די רייד פֿון ר׳ יוסי בן יועזר איש צרדה: „און זאָלסט זיך וואַלגערן אין שטויב פֿון זייערע פֿיס...״

און געקומען איז דער טאָג, ווען עקיבא מיט רחלען האָבן זיך צע־שיידט שוין צום צווייטן מאָל זינט זיי האָבן חתונה געהאַט. דאָס האַרץ האָט איר אי ווי געטאָן און אי געפֿרייט. די קינדערלעך האָבן געוויינט און עקיבאן האָט ביים האַרץ פֿאַרקלעמט. עס האָט אים בלויז געטרייסט דער איינער געדאַנק, אַז ער פֿאָרט איצט צום העכסטן קוואַל פֿון תּורה, וואו ער וועט זיך באַמיען צו שעפּן מיט פֿולע עמערס...

⁂

עקיבא האָט זיך נישט גוט געפֿילט די ערשטע צייט אין דער גרויסער שטאָט פֿון תּורה. דאָרט איז ער ערשט געוואָר געוואָרן, אַז ער קאָן נאָך גאָרנישט, אַז ער האָט נאָך גאָר קנאַפּע ידיעות אין די וועגן פֿון דער תּורה. אין אַנגעזיכט פֿון אַזעלכע ריזן ווי ר׳ אליעזר בן הורקנוס, ר׳ יהושע בן חנניה, ר׳ טרפֿון, ר׳ יהודה בן בבא, ר׳ אלעזר בן עזריה, האָט ער זיך געפֿילט ווי אַ קליינע מילב.

ער האָט זייער אָומעטיקע בריוו געשריבן דורך פֿאַרשידענע געלעגנ־הייטן צו רחלען. ער האָט זיין גאַנץ ביטערניש אַרײַנגעלייגט אין די דאָ־זיקע בריוו, און רחל — ווען זי האָט זיי דערהאַלטן, האָט זי זיך באַגאָסן מיט טרערן און אויסגעוויינט זיך די אויגן.

זי האָט אים אין אירע ענטפֿערס געטרייסט, אַז שווער זיינען די וועגן פֿון דער תּורה, אָבער ער דאַרף קאָנען אויסהאַלטן. אַלע אָנהויבן זיינען שווער, אָבער צום סוף וועט ער פֿאָרט דערגרייכן זיין ציל און דורכברעכן זיך אַ וועג, און דעמאָלט וועלן אַלע שוועריקייטן האָבן ווערט געווען די מי.

דער נשיא פֿון יידישן פֿאָלק און דער ראש פֿון סנהדרין איז דעמאָלט געווען רבן גמליאל. ער האָט נאָכן טויט פֿון ר׳ יוחנן בן זכאי איבערגע־נומען די פֿירונג פֿון בית המדרש אין יבנה. ער האָט אָפּגעשטאַמט פֿון גאָר גרויסן יחוס, געווען אַן אור־אייניקל פֿון הלל הזקן, און געצויגן זיין יחוס ביז דוד המלך. זיין פֿאָטער, ר׳ שמעון בן גמליאל, איז אומגע־קומען אין דעם אויפֿשטאַנד קעגן רוים, בעת אספסינוס האָט חרוב גע־מאַכט ירושלים און פֿאַרנומען דאָס יידישע לאַנד.

רבן גמליאל איז געווען אַ מענטש פֿון שטאַרקן כאַראַקטער און פֿעס־טער האַנט, און אויב עס האָט זיך ווער אים אַנטקעגנגעשטעלט, איז ער גרייט געווען יענעם צו צעטרעטן אויף שטויב און באַנוצן קעגן אים די האַרבסטע שטראָף, אַפֿילו ביז לייגן אים אין חרם אַריין. ער האָט אין אַזאַ פֿאַל ניט געלייגט קיין אַכט ווער די געגעבענע פּערזאָן איז, עס האָט געמעגט זיין דער גרעסטער תּלמיד־חכם, האָט ער אים שטרענג באַ־שטראָפֿט.

דאָס האָט עקיבאן דערשלאָגן. ער האָט אין זיין האַרץ נישט געקאָנט פֿאַרליידן אַזאַ פֿירונג פֿון שטאַרקער האַנט, און הגם עס האָט מיט אים פּערזענלעך נישט געהאַט צו טאָן, האָט עס אים דאָך פֿאַרשאַפֿט עגמת נפֿש.

עקיבא איז דעריבער געווען איינגעשלאָסן אין זיך, שטענדיק גע־שוויגן און מיט קיין וואָרט זיך ניט אָנגערופֿן, ווען די איבעריקע תּלמידי־חכמים האָבן גערעדט. אַ חוץ דעם האָט ער זיך געשעמט דאָס מויל צו עפֿענען אין דער אַנוועזנהייט פֿון די גרויסע און באַרימטע תּנאים. דער בליק פֿון רבן גמליאל האָט אים געשראָקן. דער נשיא האָט שטענדיק געוואָלט, אַז זיין וואָרט זאָל האָבן די אַנטשיידנדיקע קראַפֿט און אָן זיין הסכּמה האָט קיינער זיך נישט דערוועגט אָן אייגענע מיינונג אַרויס־צוזאָגן. ער האָט באַכגעפֿאַרשט שטילערהייט די אָנשויאונגען פֿון זיינע תּלמידים, טאָמער איז איינער נישט געווען פּונקט אַזוי אינערלעך ווי ער האָט זיך געוויזן אויסערלעך, ער האָט זיך מיט עפּעס געוואָלט פֿאַר־באָרגן — אַזאַ איינעם האָט ער פּשוט פֿון בית המדרש אַרויסגעטריבן.

אָבער פּונקט ווי רבן גמליאל איז געווען שטרענג אין דער פֿירונג פֿון זיין נשיאות, ריקזיכטלאָז בנוגע זיינע תּלמידים, אַזוי איז ער געווען אויסערגעוויינלעך גוט און איבערגעגעבן צו סתּם מענטשן.

רבן גמליאל איז געווען אַ גרויסער עושר און האָט פֿאַרמאָגט פֿיל פֿעלדער און וויינגערטנער, רינדער און שאָף און אַנדערע פֿאַרמעגנס. ער האָט פּשוט נישט געהאַט קיין צייט דערמיט זיך צו פֿאַרנעמען. פֿלעגט ער אָפּגעבן זיינע פֿעלדער צו פּאַכטער, וועלכע האָבן ביי אים אָפּגעדונגען אויף אַ געוויסער צייט די רעכט צו זייען און צו שניידן די תּבואה און דערפֿאַר האָבן זיי אים באַצאָלט. די דאָזיקע מענטשן האָבן אָבער אָפֿט קיין געלט נישט געהאַט אין פֿאַרויס צו באַצאָלן אים פֿאַר די געדונגענע פֿעלדער, האָט ער זיי דאָס געלט אויסגעבאָרגט ביז נאָכן שניט. און כּדי צו זיין אין אָרדענונג מיט זיין געוויסן, אַז ער האָט חלילה קיינעם נישט אָפּגענאַרט, האָט ער זיך געפֿירט אַזוי:

איז די תּבואה, וואָס ער האָט דעם פּאַכטער אויסגעבאָרגט ביים זייען געווען ביליק און ביים שניט איז זי געוואָרן טייערער, האָט ער אים

גערעכנט די פּרייזן פון זייען. איז געווען פּאַרקערט: די תבואה איז ביים זייען געווען טייער און ביים שניט איז זי ביליקער געוואָרן, האָט ער יענעם גערעכנט די פּרייז פון שניט. ער האָט זיך אָפּגעהיט אויף אַ שפּרענקעלע, אַז ער זאָל נישט פאַרדינען פון יענעמס פּראַצע אַן איבעריקע פּרוטה.

רבן גמליאל האָט זיין אַרבעט לטובת הכלל געטאָן מיט אַזאַ איבערגעגעבנקייט און אחריות־געפיל, ווי ער וואָלט געווען אַ קנעכט ביי זיין פאָלק, ווי ער פלעגט וועגן זיך אַליין זיך אַזוי אויסדריקן.

עס איז טאַקע צווישן די תלמידי־חכמים אין יבנה אַרומגעגאַנגען אַזאַ מעשהלע וועגן דעם נשיא, רבן גמליאל:

„דער נשיא רבן גמליאל איז איינמאָל געפאָרן אויף אַ שיף צוזאַמען מיט ר׳ יהושע בן חנניה, וועלכער האָט צוליב פּרנסה־וועגן דאָרט געאַרבעט. רבן גמליאל האָט געפירט מיט זיך בלויז אַ פּאָר אָפּגעבאַקענע ברויטן; ר׳ יהושע אָבער האָט אויסער ברויט געהאַט מיט זיך אויך זעמל־מעל, אַזוי אַז בשעת ס׳וועט נישט זיין צו עסן זאָל ער קאָנען פאַר זיך אָפּבאַקן פריש ברויט. האָט זיך געמאַכט אַ צופאַל און די שיף האָט פאַרבלאָנדזשעט אויף איר וועג און איז לענגער געגאַנגען פון דער אָנגעצייכנטער צייט. ביי רבן גמליאל האָט זיך אויסגעלאָזט דאָס ברויט און ער האָט זיך גענומען באַנוצן מיט ר׳ יהושעס זעמל־מעל, און דערביי פרעגט ער ביי זיין חבר:

„זאָג מיר נאָר, יהושע, פונוואַנען האָסטו געוואוסט, אַז עס וועט אונדז אויסקומען לענגער צו פאַרבלייבן אין וועג, וואָס דו האָסט דיך באַוואָרנט מיט זעמל־מעל?"

„איך האָב עס געוואוסט דערפון — האָט ר׳ יהושע געענטפערט — וואָס עס איז פאַראַן אַ געוויסער שטערן, וואָס באַווייזט זיך איינמאָל אין 70 יאָר און ער פאַרפירט פון וועג אַראָפּ אַלע שיפן, דעריבער האָב איך זיך באַוואָרנט אויף אַזאַ מין פאַל.

האָט זיך רבן גמליאל פאַרוואונדערט און געפרעגט:

„אַזאַ מאָן ווי דו, מיט אַזוי פיל קענטעניש, זאָל דאַרפן זיך אַרומשלעפן אויף שיפן און ציען דערפון פּרנסה?"

„אויף מיר איז דיר גאָר אַ חידוש? — האָט ר׳ יהושע אויסגערופן — דאַרפסט זיך מער חידושן אויף דיינע צוויי געלערנטע תלמידים, וואָס דו האָסט אויף דער יבשה, אויף ר׳ יוחנן בן גודגדא און ר׳ אליעזר בן חסמא, וועלכע זיינען אַזעלכע גרויסע בעלי־חשבונות, אַז זיי קאָנען אויסרעכענען וויפיל טראָפנס וואַסער עס איז פאַראַן אין ים, און דאָך האָבן זיי נישט קיין שטיקל ברויט צו עסן און קיין מלבוש אויפן לייב אָנצוטאָן".

האָט רבן גמליאל זיך גענומען צום האַרץ און ער האָט באַשלאָסן, אַז ווען ער וועט בשלום צוריקקומען אַהיים קיין יבנה, וועט ער די דאָזיקע צוויי געלערנטע תּלמידים זיינע געבן שטעלעס ביי זיך אין דער קהילה.

און אַזוי איז טאַקע געשען. ווען רבן גמליאל איז צוריקגעקומען אַהיים, האָט ער תּיכף געשיקט רופן נאָך זיי ביידן און געלאָזט זיי וויסן, אַז ער גיט זיי שטעלעס, וואו זיי וועלן שוין נישט דאַרפן הונגערן.

ביידע תּלמידים האָבן זיך אָבער אָפּגעזאָגט פון דעם דאָזיקן כּבוד און נישט געוואָלט קומען צו אים. שיקט זיי רבן גמליאל רופן אַ צווייט מאָל און באַשטייט דערויף, אַז זיי מוזן קומען צו אים אַהיים. ערשט דעמאָלט זיינען זיי געקומען. זאָגט רבן גמליאל צו זיי:

„וואָס מיינט איר, מאַכט גיב איך אייך? איך גיב אייך קנעכטשאַפט, ווי עס האָבן צו רחבעמען, דעם זון פון שלמה המלך, געזאָגט זיינע הויפּ־לייט, ווען ער האָט איבערגענומען די מלוכה: „היינט זאָלסטו ווערן אַ קנעכט ביי דיין פאָלק!...”

עקיבאן זיינען געפעלן געוואָרן אָט די אַלע מעשיות, וואָס מ׳האָט וועגן רבן גמליאלן דערציילט און ער האָט אים דערפאַר ליב געקראָגן. ער האָט הנאה געהאַט צו קוקן אויף אים, אויף זיין הדרת־פּנים. רבן גמליאל איז געווען אַ הויכער ברייט־פּלייציקער מאַן מיט אַ שיינער גרויסער ברוינער באָרד, און די אויגן זיינע האָבן געשיינט ווי צוויי זונען און קלוג אַרויסגעלויכטן פון זיין צעשמייכלטן גבירישן פּנים.

אָבער ער האָט נישט געוואָגט זיך צו אים צו דערנעענטערן. ווי עקיבא איז אין גמזו געווען אַנגעזען און ער האָט שוין מיט זיין רבין ר׳ נחום דורכגעמאַכט אַזאַ וויכטיקע שליחות קיין רוים, איז ער דאָ געווען נידעריקער פון גראָז. בפרט, אַז איינער פון זיינע רביים, ר׳ אליעזר בן הורקנוס, וועלכער איז געווען רבן גמליאלס אַ שוואָגער, האָט אויף אים געוואָרפן פון דער ערשטער מינוט אָן אַן אומחן. ער פלעגט אים אָפט מבזה זיין פאַר די איבעריקע תּלמידים. עקיבא האָט זיך דאָס זייער שטאַרק גענומען צום האַרצן און עס ממש איבערגעקרענקט.

איין טרייסט האָט ער געהאַט, וואָס זיין צווייטער גרויסער רבי, ר׳ יהושע בן חנניה, האָט אים יאָ מקרב געווען. ער האָט באַמערקט אין עקיבאן די גרויסע התמדה צום לערנען, זיין אויפמערקזאַמקייט צו אַלץ, וואָס ער האָט געהערט זאָגן אין בית המדרש. און נישט איינמאָל פלעגט ער מאַכן פאַרוואורפן זיין חבר, ר׳ אליעזרן, פאַרוואָס ער איז אַזוי האַרט מיט עקיבאן, דעם נייעם תּלמיד, ווי אַלע האָבן אים אַ לאַנגע צייט גערופן.

— אַ פּרא אדם!... — האָט ר׳ אליעזר דערויף געענטפערט און מיט ביטול אַ מאַך געטאָן מיט זיין האַנט.

— האסט אַ גרויסן טעות, מיין חבר! — האָט ר׳ יהושע געזאָגט צו ר׳ אליעזרן — אַט דער שטילשווייגנדיקער תּלמיד ווייזט זיך מיר אויס אויפֿצואוואַקסן אַמאָל אַ גרויסער תּלמיד־חכם. קוק דיך נאָר צו, ווי אויפֿמערקזאַם און מיט וואָס פֿאַר אַן עקשנות ער הערט זיך איין צו אַלצדינג, ווי ער שפּיצט אויף זיינע אויערן, ווען ער הערט אַ קלוגן געדאַנק אַרויסזאָגן. ער זעט בלויז אויס צו זיין אַ ביסל אַ שעמעוודיקער.

— ולא הבישן למד, אַ שעמעוודיקער וועט נישט קאָנען לערנען, זאָגט אונדזער אַלטער הלל — האָט דערויף ר׳ אליעזר געענטפֿערט.

— דאָס איז צוליב ענוות... — האָט ר׳ יהושע ביי זיינס זיך געהאַלטן.

און ר׳ יהושע פֿלעגט וועגן זיין תּלמיד עקיבא זאָגן פֿאָלגענדן געדאַנק: „ער איז געגליכן צו אַ דאָרפֿסגייער, וואָס טראָגט אַ גרויסן זאַק אויף די פּלייצעס און קויפֿט איין אַלצדינג, וואָס עס קומט אים נאָר אונטער דער האַנט, אַ ביסעלע ווייץ, אַ ביסעלע גערשטן, אַ פּאָר ליטרות פֿלאַקס, און אַזוי ווייטער. און דאָס אַלץ, וואָס ער קויפֿט איין, לייגט ער אין דעם זעלבן זאַק אַריין. ערשט ווען ער קומט אַהיים, נעמט ער פֿון זיך אַראָפּ די שווערע משא פֿון אַקסל און לייגט פֿונאַנדער זיינע איינגעקויפֿטע סחורות אין אַ סדר, דעם ווייץ באַזונדער, דעם גערשטן באַזונדער און דעם פֿלאַקס באַזונדער. עקיבא האָט אַ געוואַלדיקן זכרון — האָט ר׳ יהושע אויסגעפֿירט זיין נמשל — ער פֿאַרנעמט אין זיין מוח אַלצדינג, וואָס ער הערט אַ גאַנצן טאָג אין בית המדרש; ווען ער קומט אַהיים, באַמיט ער זיך די אַלע זאַכן, וואָס ער האָט זיך אָנגעזאַפּט מיט זיי, צו ברענגען אין אַ סדר: הלכה באַזונדער, דרש באַזונדער און אגדה באַזונדער...״

עקיבא האָט אינסטינקטיוו דערפֿילט די גוטפֿריינטשאַפֿט פֿון זיין רבין ר׳ יהושע און ער האָט זיך צו אים גייסטיק צוגעטוליעט, און אַ דאַנק דעם איז ער געוואָרן הייטערער און ווינציקער שעמעוודיק. ער האָט שוין אָפֿטער געפֿרעגט פֿאַרשידענע קשיות, ווי אַמאָל ביי ר׳ נחום איש גמזו, און ער האָט מיט יעדן טאָג, מיט יעדער וואָך און חודש מער וויסן אין זיך איינגעזאַפּט און ער האָט אָנגעהויבן פֿאַרנעמען דעם פּלאַץ, וואָס איז אים מיט רעכט געקומען.

ער איז נאָך עטלעכע יאָר אַפֿזיין אין יבנה געוואָרן דאָס, וואָס ער איז אייגנטלעך געווען פֿון דער נאַטור: אַ פֿריילעכער, געמישט מיט לייכטער שטיפֿעריי, ער האָט ליב געהאַט אַ שפּאַס צו מאַכן, אַ גליך ווערטל צו זאָגן, וואָס איז דערנאָך אַרומגעגאַנגען פֿון מויל צו מויל אין זיין נאָמען. אַלע חברים זיינע האָבן אים ליב באַקומען, אַפֿילו די יעניקע,

וועלכע האָבן מיט אים אין ענינים פֿון לערנען אָדער באַשטימען אַ הלכה גישט מסכּים געווען. ווען מען האָט אָבער באַדאַרפֿט, איז ער געווען אָן אַ שיעור ערגסט. ער האָט זיך געמאַכט פֿאַר אַ געוואוינהייט נאָכצוקוקן די פּירוגגען פֿון זיינע רביים אָדער גרעסערע תּלמידי־חכמים פֿון אים און לערנען ביי זיי. איבערהויפּט האָט ער נאָכגעפֿאָלגט זיין רבין ר׳ יהושע בן חנניה, וועמען ער האָט זייער ליב געהאַט. אַלע גוטע מידות, וואָס ער האָט געזען אין יבנה, האָט ער זיך באַמיט פֿון זיי אָפּצולערנען. זיין שטרעבונג איז געווען צו דערגרייכן די העכסטע פֿולקאָמענהייט, וואָס אַ תּלמיד־חכם דאַרף זיך דערמיט רומען.

איינמאָל האָט ער באַגעגנט דעם באַרימטן תּנא ר׳ נחוניא בן הקנה, וועלכער איז געווען אַ גרויסער געלערנטער. ר׳ נחוניא איז געווען שוין אַן אַלטער מאַן, ער איז נאָך געווען אַ חבר פֿון ר׳ יוחנן בן זכאי. עקיבא האָט זיך דאַן געווענדט צו אים מיט דער פֿראַגע: „רבי, וואָס האָסטו אַזוינס געטאָן, וואָס האָסט דערגרייכט צו אַזאַ טיפֿער עלטער?״ דעם רבינס קנעכט, וואָס האָבן אים שטענדיק באַגלייט אויף זיינע שפּאַצירן, האָבן אין דער דאָזיקער פֿראַגע עקיבאס געזען אַ באַליידיקונג פֿאַר זייער רבין, און זיי האָבן געוואָלט כאַפּן דעם חוצפּהניק און באַשטראָפֿן אים פֿאַר זיין עזותקייט.

עקיבא האָט מורא געקראַגן, איז ער פֿאַר זיי אַנטלאָפֿן און זיך אַרויפֿגעדראַפּעט אויפֿן שפּיץ פֿון אַ בוים. פֿון דאָרטן אַראָפּ האָט ער ווידער געפֿרעגט דעם אַלטן ר׳ נחוניאן: „רבי, אין דער סדרה במדבר שטייט וועגן דעם ענין קרבנות: „את הכבש אחד תעשו בבוקר״ — דעם איינעם שעפּס זאָלסטו מאַכן אינדערפֿרי... אויב עס שטייט שוין געשריבן „הכבש״, מיינט מען דאָך שוין „איין שעפּס״, צו וואָס־זשע דאַרף נאָך שטיין דאָס וואָרט „אחד״ (איינס)?...״

— לאָזט אים צורו! — האָט ר׳ נחוניא דערויף אויסגערופֿן צו זיינע קנעכט — ער איז אַ געלערנטער מאַן, און ווען ער האָט מיך געפֿרעגט, פֿון וואָס איך האָב דערגרייכט צו אַזאַ טיפֿער עלטער, איז עס נישט געווען סתם צוליב נייגעריקייט אָדער צו שפּאַסן פֿון מיר, נאָר ער וויל לערנען דערפֿון.

— איך וועל דיר ענטפֿערן אויף דיינע ביידע שאלות: „איינס״ באַדייטעט, אַז שטענדיק דאַרף מען אויסקלייבן דאָס איינציקע בעסטע שעפּסל פֿון דער סטאַדע פֿאַר אַ קרבן. וואָס שייך ווידער, ווי אַזוי איך האָב דערגרייכט צו אַזאַ עלטער? איז אָט אויף וואָס פֿאַר אַן אופֿן: איך האָב קיינמאָל נישט געוואָלט אָננעמען פֿון קיינעם קיין מתּנות, כ׳האָב געפֿאָלגט די וואָרנונג פֿון דער תּורה: ״וועך עס האָט פֿיינט מתּנות, דער וועט לעבן״. נאָך

מער, איך האָב קיינמאָל נישט אָפּגעצאָלט מיט שלעכט פאַר שלעכטס, און אויב איך האָב מיין נאָענטן מוחל געווען די עוולות, וואָס ער איז קעגן מיר באַגאַנגען, האָט דער דערבאַרעמדיקער גאָט אויך מיר מוחל געווען מיינע זינד. אַ חוץ דעם האָב איך באַנוצט מיין עשירות, וואָס גאָט האָט מיר געשאָנקען, גוטס צו טאָן מענטשן. איך האָב אויסגעבאָרגט צו אָרעמעלייט דאָס געלט, אין וועלכן זיי האָבן זיך גענויטיקט.

— כ׳דאַנק דיר, רבי! — האָט עקיבא געזאָגט — פאַר דיינע אָנווייזונגען, כ׳וועל מיר באַמיען נאָכצוגיין אין דיינע וועגן.

די דאָזיקע געשיכטע איז באַלד באַקאַנט געוואָרן אין גאַנץ יבנה און אַלע זיינע חברים האָבן אים זייער שטאַרק געליבט דערפאַר.

⁂

יאָרן זיינען אַוועק, עקיבא איז שוין געווען איינער פון די אָנגעזעענסטע תלמידים אין יבנה. אָבער ר׳ אליעזר בן הורקנוס האָט נאָך אַלץ זיין הסכמה אים נישט געגעבן, כּסדר געקוקט אויף אים פון אויבן אַראָפּ און איז געווען שטרענג מיט אים אין זיינע באַציאונגען. מעגלעך, אַז די סיבה דערפון איז געווען, וואָס איינמאָל, באַזוכנדיק זיין פאָטער הורקנוס אין טבריה, האָט ר׳ אליעזר באַמערקט דעם פּאַסטוך פון כּלבא שבוע. ער האָט דעמאָלט פאַרבייגייענדיק פאַרפירט מיט אים אַ שמועס און האָט זיך איבערצייגט אין זיין עם הארצות. דער דאָזיקער איינדרוק איז אים פאַרבליבן איינגעקריצט אין זכרון און ער האָט זיך נישט געקאָנט צוגלויבן, אַז פון אַט דעם מענטש זאָל אַמאָל נאָך אַרויסוואַקסן אַ וויכטיקע פערזענלעכקייט.

דאָך האָט עקיבא אַרויסגעוויזן צו זיין רבין דעם גרעסטן דרך ארץ, וואָס איז געווען געמישט מיט ליבע און פאַרערונג. דעם קלוגן עקיבאן איז איינגעפאַלן, אַז זיין רבינס ווידערווילן צו אים שטאַמט פון יענע פּאַסטוך־צייטן זיינע, און ער האָט באַשלאָסן אים איבערצוצייגן, אַז יענער עקיבא איז היינט גאָר אַן אַנדער מענטש.

נאָך עטלעכע יאָר אָפּזיין אין יבנה, האָט עקיבא זיך אָנגענומען מיט מוט און אָנגעהויבן זיין רבין אליעזר צו פאַרוואַרפן מיט קשיות, אויף וועלכע עס איז אים אָפּטמאָל געווען שווער צו ענטפערן. איינמאָל, ווען עס איז פאָרגעקומען אַ וויכטיקער וויכּוח צווישן ר׳ יהושע און ר׳ אליעזרן וועגן אַן ערנסטער רעליגיעזער פראַגע און איינער דעם אַנדערן האָט נישט געקאָנט בשום אופן איבערצייגן אין זיין גערעכטיקייט, האָט זיך פּלוצלינג עקיבא, צו אַלעמענס איבערראַשונג, אויפגעשטעלט און אַרויסגעזאָגט זיין מיינונג, וואָס ער האָט באַגרינדעט אויף אַ פּסוק פון דער תורה. עקיבא

האָט דעם סכסוך צווישן די צוויי גרויסע תּנאים אַנטשידן און עס איז געבליבן ווי עקיבא האָט געזאָגט.

דער דאָזיקער פֿאַקט האָט געמאַכט אַ געוואַלטיקן רושם אויף אַלע תּלמידים און ר׳ יהושע בן חנניה האָט זיך דעמאָלט אָפּגערופֿן צו זיין חבר ר׳ אליעזר:

— נאָ, זע, אָט איז דאָס פֿאָלק, וועלכעס דו האָסט שטענדיק פֿאַר־מיאוסט, איצט גיי קעמף מיט אים!...

ר׳ אליעזר האָט פֿון יענעם מאָמענט אָן אינגאַנצן געביטן זיין מיינונג וועגן עקיבאן און ער האָט אים אָנגעהויבן מקרב זיין. איצט האָט גאָר, פֿאַרקערט, יענע באַגעגעניש מיט עקיבאן דעם פּאַסטוך אין טבריה גע־ווירקט אויף אים צום גוטן און ער האָט זיך נישט געקאָנט אָפּוואונדערן, ווי אַ מענטש מיט אַ שטאַרקן ווילן קאָן זיך אַזוי ענדערן.

וועגן דעם אַלעם, וואָס עס איז מיט עקיבאן געשען אין יבנה, האָט ער געשריבן צו זיין ווייב רחל, און דאָס האָט דעם געטרייען ווייב פֿיל פֿאַרגעניגן און נחת פֿאַרשאַפֿט. זי האָט פֿאַרביסן מיט די ליפּן אין וויטיק, וואָס זי האָט שוין אַזוי לאַנג איר מאַן נישט געזען, יאָרן זיינען שוין אַדורך און זייער איינציקע פֿאַראייניקונג זיינען בלויז מאָגערע בריוולעך פֿון ציט צו צייט... זי האָט אָבער דאָס אַלץ פֿאַר ליב גענומען, וואָרים זי האָט שוין געזען איר געטרייען מאַן ביים ציל.

אַ חוץ וואָס עקיבא האָט איר פֿון צייט צו צייט געשריבן, זיינען אויך דערגאַנגען צו איר ידיעות דורך מענטשן, וואָס זיינען געפֿאָרן און געקומען קיין און פֿון יבנה. מען האָט איר געבראַכט די פֿריידיקסטע גרוסן פֿון איר מאַן.

— ר׳ עקיבא איז היינט איינער פֿון די אָנגעזעענסטע תּלמידי חכמים אין יבנה — האָט איר איינמאָל אַ דורכפֿאָרנדיקער סוחר געבראַכט אַ גרוס און דערביי איר אָפּגעגעבן אַ בריוול פֿון איר מאַן. ער האָט איר דערציילט פֿאָלגנדיקן דערפֿרייענדיקן פֿאַקט:

„עס האָט זיך אַמאָל געמאַכט, אַז עקיבא האָט זיך פֿאַרשפּעטיקט צו קומען אין בית המדרש און דערווייל האָט מען פֿאַרמאַכט די טירן. ווען ער איז צוגעקומען, האָט ער מער נישט געקאָנט אַריינגיין אינעווייניק. דאָס האָט דערזען איינער פֿון זיינע חברים, האָט ער זיך אָנגערופֿן צו די איבעריקע תּלמידים: „זעט, די תּורה איז אינדרויסן!” דערמיט האָט ער געמיינט צו זאָגן, אַז עקיבא, וועלכער איז אָנגעשטאָפּט מיט וויסן פֿון דער תּורה, געפֿינט זיך מחוץ דעם בית המדרש. האָט ר׳ אליעזר באַלד פֿאַראָרדנט און מען האָט געעפֿנט די טיר פֿאַר אים און ער איז אַריינגע־גאַנגען און זיך געזעצט אויף זיין פּלאַץ”.

רחל האָט אָזש געוויינט פאַר פרייד צוליב די דאָזיקע ווערטער. איר לאַנג דערוואַרטער חלום איז מקוים געוואָרן. איר ציל איז דערגרייכט. עס איז שוין נישט מער „עקיבא", מען רופט אים שוין „ר' עקיבא"... אַזוי רופן אים אַלע מענטשן און דאָס האַרץ וואַקסט איר פון שמחה. אָבער זי האָט דאָך אים שוין אַזוי לאַנג ניט געזען. „ווי די צייט לויפט שנעל!"... — האָט זי געטראַכט. עס איז שוין אַזוי ביסלעכווייז געהאַט פאַרבייגעגאַנגען קנאַפע צוועלף יאָר זינט זיי האָבן זיך געשיידט. זי האָט זייער שטאַרק געבענקט נאָך אים. אָפטמאָל האָט זי זיך אים פאָרגע־שטעלט אַ לעבעדיקן, מיט זיין הויכער גלייכער געשטאַלט און דאָס ברוינע אָפּגעברענטע פּנים מיט דער שוואַרצער געדיכטער באָרד אַרומגעראַמט... „אַ פּרינץ!... — געדענקט זי, ווי זי האָט אויף אים געזאָגט, ווען זי האָט אים דאָס ערשטע מאָל באַגעגנט.

די קינדער זיינען שוין געהאַט אונטערגעוואַקסן. דער עלטערער, יהושע, גייט יעדן טאָג קיין גמזו לערנען אין דעם זעלבן בית המדרש, וואו זיין פאָטער האָט אָנגעהויבן זיינע ערשטע טריט צו שטעלן. אָבער ר' נחום איש גמזו איז שוין דאָרט נישט געווען.

„דאָס עלטסטע ייִנגל גראַט פולשטענדיק אין טאַטן!"... — האָט זי צו אירע שכנים און שכנטעס מיט גרויס נחת געזאָגט, און זי האָט אויך וועגן דעם צו איר מאַן געשריבן.

עקיבא איז געווען גליקלעך פון דער דאָזיקער ידיעה, וואָס מיט אים הויבט זיך אָן אין זיין משפחה די גאָלדענע קייט פון תלמידי־חכמים.

איצט האָט זיך די באַציאונג צו עקיבאן אין יבנה פולשטענדיק געביטן. מיט גרויס דרך־ארץ האָבן זיך אַלע באַצויגן צו אים, און ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַ וויכטיקער פראַגע אין אַ געוויסער הלכה און עס איז געווען אַ צווייפל, ווי אַזוי צו באַשטימען, האָט מען געוואָרט אויף עקיבאן, אַז ער זאָל די שטרייט־פראַגע אַנטשיידן.

עקיבאס פּנים איז אויסגעלייטערט געוואָרן. ער האָט באַקומען דעם אויסזען פון אַ תלמיד־חכם. אין דער געדיכטער שוואַרצער באָרד האָבן זיך אָנגעהויבן דורכמישן גרויע האָר, די שוואַרצע אויגן זיינען געוואָרן מער פאַרטראַכט און האָבן ערגעץ ווייט, ווייט פאַרקוקט זיך...

סיי רבן גמליאל דער נשיא, סיי ר' אליעזר און ר' יהושע האָבן עקיבאן געהאַלטן בכבודיק, אָבער ער האָט זיך דערמיט נישט איבערגענומען. ער איז ניט געווען דערפון שטאָלץ. פרעמד איז אים געווען דאָס געפיל פון גאווה און ער איז געווען אַ מעורב עם הבריות, אַן אָנגענעמער מענטש. מיט אַלעמען געלעבט אין דער בעסטער פריינטשאַפט, פון גרעסטן ביזן קלענסטן האָט ער נוהג כבוד געווען, און עקיבא איז געוואָרן גאָר

שטאַרק באַליבט אין יבנה, סיי צווישן זיינע חברים און סיי צווישן סתם מענטשן.

בלויז אויף רבן גמליאל האָט עקיבא אין האַרץ געטראָגן אַ שטיקל פאַרדראָס. ער האָט נישט געקאָנט פאַרליידן זיין צו האַרטע באַציאונג צו די איבעריקע חברים פון דעם בית־המדרש אין יבנה. זיינע פאַראָר־דענונגען און באַפעלן האָבן זיך כמעט געגרענעצט מיט דעספּאָטישקייט, און דאָס האָט דעם פאָלקס־מענטש עקיבאן וויי־געטאָן און ער האָט נישט געקאָנט תופס־זיין, ווי אַזוי מען קאָן אַזוי האַנדלען קעגן אייגענע חברים. דאָס איז געווען קעגן זיין גייסט.

און גראָד האָט אין יענער צייט פּאַסירט זייער אַ פאַרדריסלעכער פאַל מצד רבן גמליאלן, דעם נשיא, קעגן עקיבאס באַליבטן רבין, ר׳ יהושע בן חנניה, וועלכער איז בטבע געווען זייער אַ געלאַסענער מענטש און אַ גוטהאַרציקער, מיט אַ שטענדיקן שמייכל אויף זיין פּנים. ווי געלאַסן און פאַרגעבלעך ר׳ יהושע בן חנניה איז געווען, איז ער אָבער געווען איינער פון רבן גמליאלס שטאַרקסטע קעגנער. ער האָט עס, אמת, קיין מאָל אָפן נישט אַרויסגעוויזן, וואָרים ער איז געווען אַ גרויסער אָרעמאַן, און רבן גמליאל אַ גרויסער עושר, האָט ער נישט געוואָגט אים אַנטקעגנ־צורעדן. די פּאַסירונג איז געווען אַזעלכע:

צו יענער צייט איז נאָך נישט געווען קיין פעסט־געשטעלטער קאַלענ־דאַר און מ׳האָט געמוזט יעדן חודש אַרויסשיקן ספּעציעלע שלוחים, זיי זאָלן באַכוקן, צי די נייע לבנה האָט זיך שוין באַוויזן. אָן אַזעלכע עדות האָט מען נישט געטאָרט באַשטימען דעם טאָג פון ראש־חודש. דאָס איז געווען פאַרבונדן מיט אַ שיינער צערעמאָניע. מען האָט אַוועקגעשטעלט מענטשן אויף די בערג מיט אָנגעצונדענע פאַקלען, מיט וועלכע זיי האָבן געגעבן צייכנס צו די אַנדערע אויף ווייטערע בערג אַוועקגעשטעלטע מענטשן און יענע מיט זייערע אָנגעצונדענע פאַקלען האָבן דאָס זעלבע געטאָן, ביז איבער גאַנץ ארץ־ישראל האָט זיך ווי אַ פייערדיקע ליניע פון שטורקאַצן געצויגן. עס איז געווען זייער אַן איינדרוקספולער מאָ־מענט. דעמאָלט האָבן אַלע געוואוסט, אַז עס איז ראש־חודש.

האָט זיך געמאַכט איינמאָל, עס זיינען געקומען עדות צו רבן גמליאלן און געזאָגט, אַז זיי האָבן געזען די נייע לבנה און רבן גמליאל האָט, לויט זייער עדות־זאָגן, באַשטימט דעם טאָג ווען עס איז ראש־חודש. ר׳ יהושע, וועלכער איז אָבער געווען אַ גרויסער בעל־חשבון און אַסטראָנאָם, האָט אויסגערעכנט, אַז ס׳איז נישט מעגלעך, אַז אַ נייע לבנה זאָל זיך שוין האָבן באַוויזן, און ער האָט זיך אָנגענומען מיט מוט און דערקלערט דעם נשיא, אַז ער טאָר די עדות נישט גלויבן, ווייל דאָס זיינען פאַלשע

עדות. ר׳ יהושע האָט אויך געהאַט אויף זיין זייט עטלעכע אָנגעזעענע תּלמידי־חכמים, וואָס האָבן אויך געהאַלטן, אַז די עדות זיינען פאַלשע און מ׳טאָר זיי נישט גלויבן.

רבן גמליאל האָט אָבער שוין געהאַט געזאָגט זיין וואָרט און עס איז אים נישט אָנגעשטאַנען זיך צוריקצוציען. דאָס פּנים זיינס איז געוואָרן רויט, די ברוינע גרויסע באָרד האָט אַזש געציטערט פון אויפרעגונג. וואָס מען וואָגט אים, דעם נשיא, צו מאַכן אַ באַמערקונג. האָט ער מיט כּעס אויס־געדופן צו ר׳ יהושען: „דיין חשבון איז אַ טעותדיקער, איך גלויב בעסער די עדות, וועלכע האָבן געזען די נייע לבנה און אַלס פאַקט, אַז איך בין גערעכט, בין איך אויף דיר גוזר, אַז דו זאָלסט קומען אין דעם טאָג, וואָס לויט דיין חשבון פאַלט אויס יום־כּפּור, צו מיר אַהיים מיטן שטעקן און בייטל מיט געלט!״

ר׳ יהושע האָט געהאַט דערפון גרויס עגמת נפש. ער איז ביי זיך זיכער געווען, אַז די גערעכטיקייט איז אויף זיין זייט. נאָר ווייל ער איז אַן אָרעמאַן, וויל אים דער רייכער נשיא ווייזן זיין תּקיפות. ער איז פּשוט צוליב דעם פאַל קראַנק געוואָרן פאַר האַרצווייטיק.

עקיבא איז אים געקומען מבקר־חולה זיין, און טרעפנדיק זיין רבין אַ פאַרזאָרגטן, פרעגט ער אים:

— רבי, וואָס ביסטו אַזוי פאַרזאָרגט?

— עקיבא! — ענטפערט אים רבי יהושע — ס׳וואָלט מיר ליבער געווען צו ליגן קראַנק אין בעט אַ גאַנץ יאָר, איידער דורכצופירן די דאָזיקע גזירה!...

און וועלנדיק טרייסטן זיין רבין, ענטפערט עקיבא:

— איך האָב אַ בפירושן באַווייז פון דער תּורה, לויט וועלכן עס קומט אויס, אַז דו מוזט, רבי, פאָלגן רבן גמליאלן.

— וואָס פאַר אַ באַווייז? — פרעגט פאַרוואונדערט רבי יהושע.

— עס שטייט געשריבן אין דער תּורה: „דאָס זיינען די צייטן פון גאָט, וואָס איר זאָלט זיי באַשטימען! איר באַשטימט זיי — צי יאָ אין דער צייט צי נישט אין דער צייט — מוזט איר אָננעמען נאָר די דאָזיקע ימים־טובים!...

ווען רבי יהושע איז געזונט געוואָרן, איז ער אויך געגאַנגען צו ר׳ דוסא בן הרכינס, אַ באַקאַנטן תּלמיד חכם, און אים דערציילט די געשיכטע מיט רבן גמליאלן:

האָט אים ר׳ דוסא געזאָגט:

אויב מיר וועלן נעמען נאָכקלערן, צי רבן גמליאל איז גערעכט אָדער נישט, דאַרפן מיר אויך נאָכקלערן נאָך אַלע געזעץ־געבער, וואָס

זיינען געווען ביי יידן, פֿון משה רבנוס צייטן אָן ביז היינט. ער איז אונדזער נשיא און זיין וואָרט איז געזעץ.

האָט רבי יהושע זיך אונטערגעגעבן דער מיינונג פֿון זיינע חברים, גענומען דעם שטעקן און זיין בייטל מיט געלט אין דער האַנט און געלאָזט זיך גיין מיט טרערן אין די אויגן און מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ צו רבן גמליאלן אין הויז אַריין אין דעם טאָג, וואָס לויט זיין חשבון האָט געדאַרפֿט זיין יום־כּיפּור.

ווען רבן גמליאל האָט אים דערזען, איז ער אויפֿגעשטאַנען פֿון זיין שטול און אַנטקעגנגעגאַנגען רבי יהושען, אַרומגענומען אים און אַ קוש געטאָן אין קאָפּ אַריין.

— בואך בשלום, דיין קומען זאָל זיין מיט פֿרידן — האָט ער באַגריסט יהושען, שטאַרק גערירט פֿון זיין עניוות — קום אַריין, רבי מיינער און תּלמיד מיינער... רבי אין וויסנשאַפֿט און תּלמיד — פֿאַר דיין פֿאָלגן מיך. אַז וואויל איז צו דעם דור, ווען די גרעסערע פֿאָלגן די קלענערע...

די דאָזיקע געשעעניש האָט אַרויסגערופֿן אַ גרויס גערעדעריי און אַ געקאַך צווישן די חכמים אין יבנה. עס זיינען געווען פֿיל אַזעלכע, וואָס האָבן געהאַט פּאַראיבל אויף גמליאלן, וואָס ער האָט ר׳ יהושען געצוואונגען צו טאָן אַ זאַך קעגן זיין געוויסן; אַנדערע ווידער האָבן רבן גמליאלן פֿאַרטיידיקט: ער איז דער נשיא און ער קאָן באַפֿעלן. כאָטש רבן גמליאל האָט אַזוי האַרציק אויפֿגענומען ביי זיך אין הויז זיין חבר רבי יהושע און אים צוגעגעבן, אַז ער איז גרעסער פֿון אים אין קענטעניש, האָט עס אָבער דעם רוב פֿון ר׳ יהושעס חברים שטאַרק פֿאַרדראָסן און זיי האָבן דאָס דעם נשיא נישט געקאָנט אַזוי לייכט שענקען. אויך עקיבא איז געווען צווישן די יעניקע, וואָס האָבן זיך אַנגענומען דעם כּבֿוד פֿון זיין רבין, ר׳ יהושען. עס זיינען געווען אַפֿילו שטימען, אַז רבן גמליאל דאַרף אויפֿגעבן זיין אַמט אַלס נשיא, ווייל ער האָט באַליידיקט איינעם פֿון די גרעסטע תּנאים.

מ׳האָט זיך אַזוי לאַנג נישט איינגעשטילט, ביז ס׳האָט ווידער פּאַסירט אַ צוזאַמענשטויס צווישן רבן גמליאל און רבי יהושע בן חנניה:

עס איז אַמאָל געקומען אַ תּלמיד פֿאַר ר׳ יהושע מיט אַ פֿראַגע וועגן ענין דאַווענען.

— רבי — האָט ער געפֿרעגט — צי איז דאַווענען מעריב אַ מוז־זאַך אָדער אַ זאַך פֿון אייגענעם ווילן?

— ס׳איז ווי איינעם געפֿעלט! — האָט ר׳ יהושע געענטפֿערט.

איז דער זעלבער תּלמיד אַריבערגעגאַנגען צו רבן גמליאלן און געשטעלט אים די זעלבע פֿראַגע. האָט רבן גמליאל אים געענטפֿערט:

— עס איז אַ מוז־זאַך. מען מוז דאַווענען מעריב.
—זאָגט צו אים דער תּלמיד:
— היתּכן, מיין רבי ר׳ יהושע האָט דאָך מיר געזאָגט, אַז עס איז נישט קיין מוז־זאַך, עס איז ווי איינעם געפעלט!
האָט רבן גמליאל דאַרויף אויסגערופן צו אים:
— קום שפּעטער אין בית המדרש, ווען אַלע וועלן זיין פאַרזאַמלט און פרעג אים די זעלבע קשיא.
און אַזוי האָט ער געטאָן. ווען אַלע תּלמידי חכמים זיינען זיך צוזאַמענגעקומען, עס איז טאַקע געווען דעמאָלט די צייט פון דאַווענען מעריב, האָט דער תּלמיד איבערגעחזרט זיין פריערדיקע פראַגע:
— ענטפערט מיר דערויף, תּלמידי חכמים, צי איז די תּפילה פון מעריב אַ מוז־זאַך אָדער ס׳קאָן יעדער טון ווי אים געפעלט?
רבן גמליאל האָט געענטפערט, אַז דאַווענען מעריב איז אַ חיוב, און באַלד ווענדט ער זיך צו אַלע איבעריקע חכמים מיט פאָלגנדיקער פראַגע:
— צי איז ווער דאָ פון אייך, וואָס האָט אַן אַנדער מיינונג?
— ניין! — האָט רבי יהושע געענטפערט.
— מ׳האָט דאָך אָבער מיר געזאָגט אין דיין נאָמען, אַז דיין מיינונג איז, אַז מעריב דאַווענען איז ווי איינעם געפעלט!... — האָט רבן גמליאל מיט צאָרן אויסגערופן און גיט־צו מיט אַ שטרענגען באַפעל:
— שטעל דיך אויף און דער תּלמיד וועט קעגן דיר עדות־זאָגן!
האָט זיך ר׳ יהושע אויפגעשטעלט.
רבן גמליאל האָט אים געלאָזן אַ לאַנגע צייט שטיין אויף די פיס און געמאַכט זיך, ווי ער וואָלט אָן אים פאַרגעסן.
איז געוואָרן אַ טומל אין בית־המדרש. עס האָבן זיך געהערט געשרייען:
— עס איז אַ חוצפה אַזוי צו פייניקן אַ תּלמיד חכם! אומדערהערט!...
— אַראָפּזעצן אים פון דער נשיאות!
— זאָל ער איבערבעטן רבי יהושען!
אַלע האָבן גערעדט צוזאַמען און הויך געשריגן. רבן גמליאל האָט זיך אַ ביסל פאַרלוירן. ער האָט דערפילט, אַז ער האָט איבערגעכאַפּט די מאָס. האָט ער געשוויגן און געביסן פאַר אויפרעגונג דעם שפּיץ פון זיין ברוינער באָרד.
דער כּעס איז געווען ביי אַלע אַזוי גרויס, אַז דאָס מאָל האָט מען רבן גמליאלן מער נישט געוואָלט מוחל זיין. עס האָבן זיך איצט צוזאַמענ־

גענומען אַלע טענות און אַלע פֿון פֿריער באַליידיקטע האָבן נישט געוואָלט אָפּטרעטן און געהאַלטן אין שרייען:

— אַראָפּ פֿון דער נשיאות!

און ענדלעך איז עס געשען: רבן גמליאל האָט געמוזט רעזיגנירן פֿון זיין אַמט אַלס נשיא און פֿירער פֿון בית־המדרש אין יבנה און אַלס ראש פֿון סנהדרין.

האָט מען אָנגעהויבן פֿאַרלייגן נעמען פֿון גרויסע תּלמידי חכמים, וואָס זאָלן זיין ראוי צו פֿאַרנעמען דעם דאָזיקן הויכן אַמט. אַזאַ איינער האָט, אַ חוץ צו זיין אַ גרויסער געלערנטער, אויך געמוזט אָפּשטאַמען פֿון גרויסן יחוס זינט דור־דורות.

מ׳האָט פֿאָרגעלייגט ר׳ יהושען, כּדי אים איבערצובעטן פֿאַר זיין באַליידיקונג. אָבער ר׳ יהושע האָט זיך אָפּגעזאָגט פֿון דאָזיקן כּבוד, וואָרים איבער אים איז דאָך דער גאַנצער סכסוך אַרויסגעקומען און ער האָט דערפֿון נישט געוואָלט געניסן.

צווישן אַנדערע נעמען איז אויך פֿון עמעצנס מויל געפֿאַלן דער נאָמען פֿון עקיבאַן. הגם ער האָט נאָך אָפֿיציעל נישט געהאַט דעם טיטול „רבי", איז ער אָבער באַליבט געווען ביי אַלעמען, און אַחוץ דעם האָט ער געהאַט אַ הדרת־פּנים, ווי אָפּגעמאָסטן פֿאַר אַ נשיא... אָבער שטי־לערהייט איז אַנטשטאַנען אַ שושקעריי און אַן אַמפּעריי. וואָרים קיינער האָט נישט געוואוסט דעם אָפּשטאַם פֿון עקיבאַן, בלויז איינצלנע האָבן געוואוסט, אַז ער שטאַמט פֿון אַ גר און אַז זיין זיידע איז נאָך געווען אַ געצנדינער, אַ כּנעני.

עקיבא האָט דערפֿילט וואָס דאָ קומט פֿאָר און ער אַליין האָט זיך אָפּגעזאָגט פֿון דאָזיקן כּבוד, הגם אין האַרץ האָט אים זייער וויי געטאָן, וואָס מען דערמאָנט זיין אָפּשטאַם.

— איך בין דאָך נישט קיין רבי... — האָט ער באַשיידן אויסגערופֿן, כּדי צופֿרידן צו שטעלן די קעגנער.

אָבער דער פֿאַקט, וואָס מ׳האָט זיין נאָמען אָנגערופֿן אַלס נשיא, האָט אים צוגעגעבן צווישן די תּלמידים און בפֿרט צווישן זיינע אָנהענגער גרויס חשיבות.

ענדלעך איז געבליבן בהסכם פֿון אַלע, אַז פֿאַר נשיא ווערט אויסגע־קליבן דער נאָך גאָר יונגער תּלמיד חכם רבי אלעזר בן עזריה, וועלכער האָט זיך שוין געצייכנט דעמאָלט צווישן די גרויסע געלערנטע און אַ חוץ דעם האָט ער אָפּגעשטאַמט פֿון עזרא הסופֿר. ווען מ׳האָט רבי אלעזר בן עזריהן געפֿרעגט, צי ער נעמט אָן דעם אַמט פֿון נשיא, האָט ער געענט־פֿערט, אַז ער מוז זיך פֿריער אַן עצה האַלטן מיטן וויב.

ווען ער האָט זיין ווייב דערציילט, אַז מען האָט אים אויסגעקליבן פאַר אַ נשיא, דעם העכסטן אַמט ביי יידן, האָט זי צו אים געזאָגט:

— וואָס וועסטו טאָן, אַז מען וועט דיך אויך אַראָפּזעצן?...

האָט ר' אליעזר געענטפערט מיט אַ שמייכל:

— דערויף זאָגט דאָך טאָקע די וועלט אַ ווערטל: „איין טאָג זיך באַנוצן מיטן טייערן כוס, מאָרגן מעג ער ווערן צעבראָכן!...״

מ'האָט דעמאָלט צווישן זיך דערציילט אַ לעגענדע, אַז דאָס ווייב פון ר' אלעזר בן עזריה האָט אים געזאָלט זאָגן: „ווי אַזוי קאָנסטו אָנגע־מען אַזאַ הויכן אַמט, אַז ביסט דאָך נאָך גאָר אַ יונגערמאַן, האָסט דאָך אַפילו נישט קיין איין גרויע האָר אין דיין באָרד, ווי פאַר אַ נשיא פּאַסט...״ איז געשען אַ נס און איבער נאַכט איז דאָס פּנים זיינס אַרומ־געראָמט געוואָרן מיט אַכצן פּאַסמעס ווייסע האָר...

ווען ר' אלעזר בן עזריה איז געוואָרן נשיא, האָט זיך באַלד דער־פילט גאָר אַן אַנדערע לופט אין בית־המדרש, עס איז אַריינגעטראָטן אַ פרייערע שטימונג. רבן גמליאל האָט געהאַט איינגעפירט, אַז עס זאָלן שטיין וועכטער ביי די טירן פון בית־המדרש און אַריינלאָזן בלויז די יעניקע תלמידים, וואָס זיינען באַקאַנט אַלס ערלעכע, אַזוי מיטן האַרץ ווי מיטן מויל... טאָמער האָט מען געהאַט אויף עמעצן דעם מינדסטן חשד, אַז ער איז נישט אַזוי ווי עס געהער צו זיין, האָבן אים די וועכטער נישט אַריינגעלאָזן, פאַרטריבן אים פון דער טיר פון בית־המדרש. רבי אלעזר בן עזריה האָט די דאָזיקע שווערע פאַראָרדענונג אָפּגעשאַפט.

„מען קאָן קיינעם נישט אַריינדרינגען אין האַרצן — האָט ער גע־זאָגט — ווער עס באַגערט נאָר צו לערנען דער קאָן קומען און לער־נען!...״

זיינען אין זיין צייט טאָקע געקומען מער תלמידים ווי אַן אַנדערש מאָל. מען האָט געמוזט צושטעלן הייזער אין יבנה, אַז עס זאָל זיין פּלאַץ פאַר די אַלע נייע תלמידים, וואָס זיינען אָנגעקומען אין דער שטאָט. עס איז געקומען אַן אויפלעבונג אויף די גאַסט־הייזער, וועלכע האָבן געצויגן חיונה פון די פיל פרעמדע תלמידי חכמים. דאָס קול פון תורה האָט זיך העכער און שטאַרקער געטראָגן פון בית־המדרש.

רבן גמליאל איז ביי זיך געוואָרן זייער שטאַרק אַראָפּגעפאַלן.

„ווער ווייסט — האָט ער זיך געטראַכט אין האַרץ — אפשר האָב איך טאָקע אָפּגעהאַלטן יידן פון לערנען תורה...״ ער האָט געהאַט דערפון גרויס עגמת נפש. דאָס געזונט זיינס איז אונטערגעבראָכן געוואָרן, ער האָט זיך זייער שטאַרק דאָס גענומען צום האַרצן, אַזוי אַז ביי אַ סך פון די תלמידי חכמים האָט אַרומגענומען אויף אים אַ גרויס רחמנות.

ער פלעגט יעדן טאָג קומען אין בית המדרש און אָוועקזעצן זיך צווישן די איבעריקע תּלמידים און לערנען צוזאַמען מיט אַלע, נישט אַרויסווייזנדיק דערביי קיין שום כּעס אָדער ברוגז, פאַרוואָס מ'האָט אים אַראָפּגעזעצט פון דעם דאָזיקן הויכן אַמט.

ביי די חכמים האָט זיך איצטער געענדערט די מיינונג וועגן רבן גמליאלן. זיי האָבן איינגעזען איצט, אַז ער איז פאַרט אַן אידעלער מאַן, ס'איז נישט אונטערצושאַצן זיין גרויסן אָפּשטאַם. ער קומט דאָך אַרויס פון דער אַריסטאָקראַטישסטער יידישער משפחה, און זיי האָבן חרטה געהאַט אויף דעם איבערגעאיילטן צו שטרענגן שריט, וואָס זיי האָבן אין צושטאַנד פון כּעס אָנגענומען קעגן אים. און אין בית המדרש האָט זיך אָנגעהויבן אַ גערייד, אַז מען דאַרף רבן גמליאלן צוריקגעבן זיין אַמט. זיין שטראָף איז ער שוין גענוג אָפּגעקומען.

רבן גמליאל אַליין פלעגט זיך טיילמאָל אויף גאַנצע שעהן אָפּזונדערן פון מענטשן און פאַרטראַכטן זיך איבער זיינע אַמאָליקע מעשים. ער האָט איינגעזען, אַז ער האָט זייער אָפט צו שטרענג געהאַנדלט קעגן זיינע אייגענע חברים, און אַז מען טאָר מיט מענטשן אַזוי האַרט נישט פאַרטרעטן. ער האָט ביי זיך אין האַרצן מודה געווען, אַז ער האָט רבי יהושען, דעם גרויסן תּלמיד חכם פון יבנה און גרויסן געלערנטן, דעם רבין, וועלכן טויזנטער תּלמידים פאָלגן נאָך, שטאַרק באַליידיקט. ער האָט באַשלאָסן צו גיין צו אים אַהיים און אים איבערבעטן.

ווען ער איז אַריינגעקומען צו רבי יהושען אין שטוב, האָט ער באַמערקט, אַז די ווענט פון זיין וואוינונג זיינען שוואַרץ פאַררויכערט, רופט ער זיך אָפּ צו אים:

— לויט דיינע פאַררויכערטע ווענט דערקען איך, אַז דו ביסט אַ שמיד.

ענטפערט אים רבי יהושע:

— וויי איז צו דעם דור, וואָס דו ביסט געווען זיין פירער און וויי איז דער שיף, וואָס דו ביסט געווען זיין רודערער!... צי ווייסטו דען כאָטש אַ טראָפּן דערפון, וואָס דיינע חברים, די תּלמידי חכמים, שטייען אויס, פון וואַנען זיי לעבן און פון וואָס זיי דערנערן זיך?...

האָט רבן גמליאל זיך שטאַרק פאַרשעמט און צו אים געזאָגט:

— זיי מיר מוחל, רבי יהושע, איך בין אַ סך שולדיק קעגן דיר.

האָט רבי יהושע אים גאָרנישט געענטפערט.

— אויב נישט צוליב מיר, זיי מיר מוחל צוליבן כּבוד פון מיין פאָטער... — האָט רבן גמליאל זיך ביי אים געבעטן, און אַ טרער האָט אויפגעפינקלט ביי אים אין אויג.

האָט רבי יהושע, וועלכער איז געווען פון דער נאַטור אַ ווייכער מענטש, נישט געקאָנט מער צוזען זיין צער און ער האָט זיך געלאָזט איבערבעטן.

איז באַלד אַ שליח געקומען צו לויפן אין בית המדרש און אָנגעזאָגט די בשורה, אַז ר׳ יהושע האָט זיך איבערגעבעטן מיט רבן גמליאלן.

אין בית־המדרש האָט זיך אָנגעהויבן טומלען און עס האָבן זיך גע־הערט פאַרשידענע מיינונגען צווישן די חכמים, צי זאָל מען רבן גמליאלן ווידער צוריקגעבן זיין אַמט אָדער נישט.

עקיבא האָט זיך אָנגערופן צו די חכמים פון בית המדרש.

— פאַרשליסט גיך די טירן, רבן גמליאלס קנעכט קאָנען זיך אַמאָל אַריינרייסן אַהער און באַליידיקן די תלמידי חכמים!...

דאָס איז געווען אַן אָנדייטונג צו רבן גמליאלס אַמאָליקער תקיפות...

ערשט ווען רבי יהושע אַליין איז אָנגעקומען אין בית המדרש און אַרויסגעזאָגט זיין מיינונג, אַז רבן גמליאל דאַרף צוריק ווערן דער נשיא, האָט עקיבא צו אים זיך אָפּגערופן:

— רבי, האָסט זיך געלאָזט איבערבעטן? מיר האָבן דאָך אים אַראָפּ־געזעצט פאַר דיין כבוד וועגן...

רבי יהושע האָט אַ שמייכל געטאָן און געגעבן אַ באַוועג מיט דער האַנט, ווי איינער זאָגט: „שוין גענוג אָפּגעקומען פאַר זיינע זינד!״...

איצט האָט זיך געהאַנדלט וועגן דעם, ווי אַזוי קאָן מען אָן אַ שום פאַרוואָס באַזייטיקן ר׳ אלעזר בן עזריה, וועלכער האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ העכסט ערלעכן מענטש און פאַסיקן נשיא. עס וועט דאָך איצט זיין פאַר אים אַ באַליידיקונג, אויב מען וועט אים אַראָפּזעצן.

ענדלעך איז געקומען צו אַ פשרה: רבן גמליאל איז ווידער געוואָרן דער נשיא און רבי אלעזר בן עזריה איז געבליבן דעם אב־בית דין, דער הויפּט פון דעם סנהדרין. רבן גמליאל פלעגט דרשענען אין בית המדרש צוויי שבתים און רבי אלעזר בן עזריה דעם דריטן שבת, און עס איז ווידער געוואָרן שלום על ישראל. דאָס בית המדרש אין יבנה האָט זיך געפירט אויף אַ מער פרייען אופן, אַזוי ווי ר׳ אלעזר בן עזריה האָט איינגעפירט.

רבן גמליאל איז פיל ווייכער געוואָרן און מער נישט געהאַנדלט אַזוי שטרענג קעגן זיינע חברים. ער האָט זיך אָנגעהויבן אינטערעסירן אויך מיט דער פרנסה פון זיינע תלמידים. ער האָט געזאָרגט, אַז זיי זאָלן בעסער לעבן און גיין אָנגעטאָן ווי עס פאַסט פאַר תלמידי־חכמים.

ר׳ יהושע איז נאָך דעם דאָזיקן אומאָנגענעמען אינצידענט געוואָרן נאָך מער באַליבט און אָנגעזען צווישן די תּלמידי־חכמים און רבן גמליאל האָט אין אים נוהג־כּבוד געווען.

בכלל האָט רבן גמליאל אינגאַנצן זיך געענדערט נאָכדעם, ווי די איבעריקע תּלמידי חכמים האָבן באַוויזן זייער כּוח, און די מורא פאַר אים איז ביי אַלעמען פאַרשוואונדן געוואָרן, הגם דער דרך־ארץ צו אים איז געבליבן ווי פריער. רבן גמליאל איז פאַרט געווען איינער פון די געלערנטסטע לייט, געהאַט אַ גרויסע ידיעה אין חשבון, אין אַסטראָ־נאָמיע און אַנדערע וויסנשאַפטן.

די גאווה ביי אים אַלס גרויסער עושר און נשיא איז פון אים אַוועק. ער האָט אַליין מיט זיין איינגעבוירענער ערלעכקייט אָנערקענט, אַז ער האָט ביז איצט נישט ריכטיק געהאַנדלט. ווי ווייט צוגעלאָזן ער איז גע־וואָרן צו זיינע חברים, באַווייזט פאָלגנדיקער פאַקט:

איינמאָל, אויף דער חתונה פון רבן גמליאלס זון, זיינען די דריי תּנאים, ר׳ אליעזר, ר׳ יהושע און ר׳ צדוק, געזעסן ביים טיש און רבן גמליאל איז געשטאַנען הינטער זיי און דערלאַנגט זיי וויין. ווייל ער אונ־טערטראָגן אַ כּוס מיט וויין ר׳ אליעזרן, נעמט אים רבי אליעזר ניט אָן; דערלאַנגט ער דעם כּוס צו רבי יהושען, האָט ער אים יאָ אָנגענומען:

זאָגט אים רבי אליעזר:

— וואָס הייסט עס, יהושע, מיר וועלן זיך אַזוי ברייט זיצן און רבן גמליאל, אונדזער נשיא, וועט שטיין און באַדינען אונדז, דערלאַנגען כּוסות מיט וויין?...

ענטפערט אים רבי יהושע:

— מיר האָבן שוין געהערט וועגן אַ גרעסערן פון אים, וועלכער האָט באַדינט זיינע געסט. אברהם אבינו איז זיכער געווען דער גרעסטער מענטש אין זיין דור, שטייט געשריבן וועגן אים אין דער תּורה, „אַז ער איז געשטאַנען איבער זיי — איבער די געסט, הייסט עס — צו באַ־דינען זיי". מיינסטו אפשר דערפאַר, ווייל דאָס זיינען געווען מלאכים? זאָג איך דיר, אַז ניין. זיי האָבן זיך פאַר אים אויסגעוויזן ווי ישמעאלים. מעג דאָך רבן גמליאל פאַר אַזוינע געסט ווי מיר זיינען אוודאי דערלאַנגען דעם וויין...

רופט זיך אָפּ ר׳ צדוק:

— וואָס עפּעס ברענגען משלים פון אַ מענטש, אַז מען קאָן עס אָפּלערנען פון גאָט ברוך הוא אַליין. גאָט אַליין מאַכט בלאָזן די ווינטן, טרייבט צונויף די וואָלקנס, גיט רעגן און מאַכט באַוואַקסן די ערד און

גרייט אַ טיש פאַר יעדן באַזונדער, מעג דאָך רבן גמליאל פאַר אונדז אוודאי דערלאַנגען דעם וויין...

אַלע געסט אַרום, בלויז גרויסע תּלמידי חכמים, האָבן זיך גוטמוטיק פונאַנדערגעלאַכט און רבן גמליאלן אַליין האָבן די אויגן געלויכטן פון נחת, וואָס די באַציאונגען פון זיינע פריינט צו אים און פון אים צו זיינע פריינט האָבן זיך געענדערט.

רבן גמליאל האָט אויך ליב געהאַט זיך צו שפּילן אין ווערטער, פון וועלכע עס האָט געבליצט מיט חכמה און שאַרפזין. ער האָט אַמאָל אויסגעגעבן זיין טאָכטער, איז איידער זי האָט פאַרלאָזט זיין הויז, כּדי אַריבערצוגיין אין הויז פון איר מאַן, האָט זי זיך צו אים אָנגערופן: „פאָטער, בענטש מיך!" ווינטשט איר רבן גמליאל אָן:

— גאָט זאָל געבן, אַז אַזוי ווי דו גייסט איצטער אַוועק, זאָלסטו שוין מער נישט צוריקקומען!

די טאָכטער האָט זיך געפילט זייער געטראָפן. דער פאָטער האָט זי דאָך אָנשטאָט צו בענטשן גאָר געשאָלטן! זי האָט אָבער נישט געוואָגט אים אָנטקעגנצורעדן און זי האָט די זאַך פאַרשוויגן, גוט זיך אויסוויינענדיק אין אַ ווינקל.

מיט אַ צייט שפּעטער האָט זי געבוירן אַ יינגל. ווען דער ברית איז געווען פאַרענדיקט און די געסט האָבן זיך שוין געהאַלטן ביים פונאַנדערגיין, האָט זי זיך ווידער אָנגערופן צום פאָטער, אַז ער זאָל איר געבן אַ ברכה.

ווינטשט איר רבן גמליאל:

— זאָל גאָט געבן, אַז קיין „אוי־וויי" זאָל קיינמאָל נישט אויפהערן פון דיין מויל אַרויסצוקומען!

דאָס מאָל האָט זי זיך מער נישט געקאָנט איינהאַלטן און האָט אויסגערופן מיט פּראָטעסט:

— פאָטער מיינער, צוויי שמחות זיינען ביי מיר לעצטנס פאָרגעקומען און כ'האָב ביי דיר ביידע מאָל געבעטן, אַז זאָלסט מיך בענטשן, און דו האָסט מיך געשאָלטן... פאַרוואָס קומט עס מיר, וואָס פאַר אַ זינד בין איך קעגן דיר באַגאַנגען?...

— חלילה!... — רופט אויס רבן גמליאל מיט אַ וואַרעמען פאָטערלעכן שמייכל — ווי פאַלט דיר איין, אַז איך זאָל דיך, מיין טייערע טאָכטער, שעלטן? ביידע מאָל האָב איך דיך געבענטשט, אַז דו וועסט לעבן מיט דיין מאַן בשלום, וועסטו דאָך ממילא צו מיר קיינמאָל נישט צוריק־

קומען; און אַז דיין קינד וועט זיין געזונט און שטאַרק, וועט פֿון דיין מויל קיינמאָל נישט אויפֿהערן אַרויסצוקומען קיין „אוי־ווי: „אוי־ווי, דאָס קינד האָט נאָך ניט געגעסן! אוי־ווי, דאָס קינד האָט נאָך נישט גע־טרונקען! אוי־ווי, דאָס קינד איז נאָך נישט געגאַנגען אין חדר!...״

האָט די טאָכטער אַרומגענומען איר פֿאָטער און אים געקושט אויף ביידע באַקן.

קאַפּיטל 9

רבי עקיבא

●

נאָך 12 יאָר אָפּזיין אין יבנה, האָט זיך עקיבא ענדלעך דערוואָרבן זיין געהעריקן פּלאַץ צווישן די תּלמידי־חכמים. ער איז געווען אָנגעזעצן אין בית המדרש צווישן די טויזנטער תּלמידים, וואָס האָבן דאָרט געלערנט. ער האָט געהאַט פיל אָנהענגער, וועלכע האָבן יעדעס וואָרט זיינס אויפגעכאַפּט און פונאַנדערגעטראָגן פון מויל צו מויל.

ר׳ יהושע האָט אים איצט נאָך מער ליב געקראָגן און כאָטש ער איז געווען עלטער פון אים אין יאָרן, האָט ער זיך מיט עקיבאן פאַרהאַלטן ווי מיט זיינס גלייכן. אָפט זיך צו אים געווענדט, ווען ער האָט געהאַט אַ שווערע זאַך צו אָנטשיידן. די תּלמידים האָבן עקיבאן אַזוי ווייט ליב געהאַט און אים פאַרערט, אַזוי שטאַרק געהאַלטן פון אים, אַז טאָמער האָט ער זיך פאַרשפּעטיקט אַמאָל צו קומען אין בית המדרש און מ׳האָט גראַד געהאַלטן און פעסטשטעלן אַ געוויס געזעץ, אַ הלכה, האָבן אַלע תּלמידים אין איין קול געזאָגט: „די הלכה איז אינדרויסן, מ׳דאַרף צו־וואַרטן אויף אים!״ האָט מען געדאַרפט אויסטייטשן אַ געוויס וואָרט אין דער תּורה און מ׳האָט זיך נישט געקאָנט אייניקן דערויף, האָבן זיי געזאָגט: „לאָמיר צוואַרטן, ווייל די תּורה איז אינדרויסן...״ איז, למשל, אָנגעגאַנגען אַ שמועס וועגן אַ געוויסן וויסנשאַפטלעכן ענין, ווי חשבון אָדער אַסטראָנאָמיע און עקיבא איז נאָך נישט געווען אין בית המדרש, פלעגן זיי זאָגן: „לאָמיר צוואַרטן, עקיבא איז נאָך נישטאָ!״

ווען עקיבא איז אַריינגעקומען, פלעגט ער זיך באַשיידן אַוועקזעצן צו די פיס פון רבי אליעזרן אָדער רבי יהושען, און ווען מען האָט זיך צו אים געווענדט מיט אַ שווערער פראַגע, האָט ער זי אַזוי לייכט און מיט אַזוי פיל חכמה פאַרענטפערט, אַז אַלע זיינען געבליבן זיצן פאַר־גאַפט.

אין יענע טעג איז דורך אַלע תּלמידי־חכמים בפה אחד באַשלאָסן געוואָרן, אַז עקיבא ווערט איבערגעפירט פון תּלמידים־שטאַנד צום טיטול רבי. מען האָט אים אָנגעהויבן רופן: „רבי עקיבא״.

⁂

אויך רבי אליעזר איז איצט געוואָרן איינער פֿון רבי עקיבאס בעסטע חברים, און ער האָט זיך באַמיט מיט אַלע זיינע קרעפֿטן צו פֿאַרווישן די שלעכטע דערינערונגען פֿון יענע צייטן, ווען ער האָט רבי עקיבאן שטרענג באַהאַנדלט און אָפֿטמאָל אַפֿילו פֿאַרשעמט אים אין בית־המדרש. אין דער אמתן אָבער איז דער לעבנס־גאַנג פֿון רבי אליעזרן געווען אין אַ סך הינזיכטן זייער ענלעך צו דעם לעבנס־גאַנג פֿון רבי עקיבאן, און דאָס האָט זיי טאַקע שטאַרק דערנענטערט. אין קילע פֿאַרנאַכטן, אין די אלול־טעג, פֿלעגט רבי אליעזר מיט רבי עקיבאן אָפֿטמאָל אַרויסגיין הינטער דער שטאָט זיך אָפּרוען נאָך אַ גאַנצן טאָג לערנען. פֿון הינטן פֿלעגן זיי באַגלייט ווערן פֿון אַ סך תּלמידים זייערע, וועלכע פֿלעגן אויפֿכאַפּן זייערע רייד און צווישן זיך דערנאָך איבערדערציילן. יעדעס וואָרט איז ביי זיי געווען הייליק און האָט זיך איינגעקריצט ביי זיי אין זכרון, כּדי צו קאָנען איבערגעבן די קומענדיקע דורות.

אין זייער שיינע רייד האָט רבי אליעזר איבערגעגעבן דעם גאַנג פֿון זיין לעבן פֿאַר רבי עקיבאן, וועלכער האָט געשלונגען זיינע רייד און געקוקט זיין עלטערן חבר און רבין אין מויל אַריין.

— איך קען דיין פֿאָטער... — האָט רבי עקיבא איינמאָל געזאָגט צו רבי אליעזרן אויף אַזאַ שפּאַציר — אים האָב איך צו פֿאַרדאַנקען דאָס אַלץ, וואָס מיט מיר איז פֿון יענעם טאָג אָן געשען, זינט איך האָב דיין פֿאָטער באַגעגנט.

— ווי אַזוי? — איז רבי אליעזר נייגעריק געוואָרן.

און עקיבא האָט אים דערציילט די גאַנצע געשיכטע, ווי אַזוי ער איז געווען אַ פּאַסטוך אין רמלה און זיין פֿאָטער הורקנוס איז געקומען זוכן אָן אויפֿזעער פֿאַר זיין שכן כּלבא שבוע, ווי ער האָט זיך דאָרט צונויפֿגעטראָפֿן מיט זיין איצטיקן ווייב רחל, און אַזוי ביז די לעצטע טעג איצטער אין יבנה...

— ווי וואונדערלעך זיינען דיינע וועגן, גאָט! — האָט רבי אליעזר אויסגערופֿן, אויסהערנדיק די אינטערעסאַנטע געשיכטע, וואָס רבי עקיבא האָט אים דערציילט — דורך וואָס פֿאַר אַ זיג־זאַגישע וועגן ער טוט פֿירן דעם מענטש, ס'איז פֿלאַי־פּלאַים!...

און ער האָט אויך איצט רבי עקיבאן דערציילט זיין לעבנס־געשיכטע:

ביז צוויי־און־צוואַנציק יאָר האָט ער נאָך אינגאַנצן נישט געהאַט געלערנט קיין תּורה. זיין פֿאָטער הורקנוס איז געווען אַ רייכער ייד, וואָס האָט פֿאַרמאָגט פֿעלדער און ווייַנגערטנער, שאָף און רינדער. פֿיל אַרבע־

טער זיינען ביי אים געווען באַשעפטיקט. אַ חוץ די אַרבעטער האָבן אויך אַלע זיך מיטגעאַרבעט און אויך ער, אליעזר, האָט געאַקערט אין פעלד, געזייט, געפלאַנצט ביימער.

אָבער ער, אליעזר, איז שטענדיק געווען פאַרטראַכט. ער האָט גע־חלומט וועגן אַנדערע וועלטן, די ערד־אַרבעט איז אים געווען דערווי־דער, אים האָט בעסער געצויגן צו לערנען און צו וויסן.

איינמאָל שטייען אַזוי די ברידער אין פעלד און אַקערן, שפּרינגט פּלוצים אויף אליעזר און וואַרפט זיין אַקער צו דער ערד, זעצט זיך אַוועק אַן אַ זייט און צעוויינט זיך.

גייט־צו צו אים דער פאָטער און פרעגט ביי אים:

— וואָס וויינסטו, אליעזר?

— כ'וויל לערנען תורה! — האָט אליעזר אים געענטפערט מיט טרערן אין די אויגן.

— וואָס, אַ מענטש פון צוויי און צוואַנציק יאָר פאַרגלוסט זיך פּלוצ־לינג צו לערנען תורה? שלאָג דיר בעסער דאָס אַרויס פון קאָפּ. האָב חתונה, וועסטו האָבן קינדער, וועסט זיי פירן אין בית המדרש און זיי וועלן שוין לערנען תורה.

אָבער פאַר אליעזרן איז דאָס קיין טרייסט נישט געווען.

איינמאָל קומט ער ווידער צום פאָטער און זאָגט:

— מאָרגן גיי איך מער נישט אַרבעטן אין פעלד. איך האָב באַ־שלאָסן זיך אַוועקצולאָזן קיין ירושלים דאָרט צו לערנען תורה אין רבי יוחנן בן זכאיס בית המדרש.

שרייט אויף אים אָן דער פאָטער פאַר זיינע אומזיניקע רייד און הייסט אים פרי אויפשטיין און אויפאַקערן אַ שטיק פעלד.

האָט אליעזר געפאָלגט דעם פאָטער, אויפגעהויבן זיך גאַנץ פרי, אָבער אַנשטאָט צו גיין אין פעלד אַריין אַרבעטן, האָט ער זיך צופוס אַוועקגעלאָזט קיין ירושלים. דאָס איז געווען אין אַ פרייטיק און ביז מוצאי שבת האָט ער אין זיין מויל גאָרנישט געהאַט. ווען דאָס האַרץ האָט אים אָנגעהויבן חלשן, האָט ער גענומען אַ שטיקל פייכטע ערד אין מויל אַריין און עס אויסגעזאָגט.

ווען ער איז ענדלעך נאָך עטלעכע טעג וואַנדערן און הונגערן אָנגע־קומען קיין ירושלים, איז ער אַוועקגעגאַנגען אין רבי יוחנן בן זכאיס בית המדרש, האָט זיך אַנידערגעזעצט אין אַ ווינקל אַ פאַרטרויערטער און פאַרצוקטער.

— ווער ביסטו, יונגערמאַן, און וואָס זיצסטו אַזוי פאַרזאָרגט? — האָט אים רבי יוחנן געפרעגט.

— איך וויל לערנען תורה — ענטפערט אים אליעזר.
— האסטו שוין אמאל געלערנט?
— ניין, נאך קיינמאל נישט.
נעמט רבי יוחנן מיט אים לערנען פריער קריאת־שמע, דאווענען, דערנאך לערנט ער מיט אים פארשידענע דינים. דאס וואס ער האט א גאנצע וואך געלערנט, האט ער שבת איבערגעחזרט און ס׳איז אלץ ביי אים געבליבן איינגעקריצט אין זכרון.
ער האט זייער שטארק געהונגערט. איינמאל האט אים רבי יוחנן באמערקט אין א ווינקל א פארחושכטן, אן אויסגעדארטן, דאס פנים פאר־הונגערט. פרעגט ער אים, צי ער האט שוין געגעסן.
ענטפערט אים אליעזר, אז ער האט געגעסן אין זיין אכסניה.
ר׳ יוחנן, זעענדיק אבער, ווי ער זעט אויס, האט ער נישט געגלויבט אין זיינע רייד און ער האט געשיקט איינעם פון זיינע תלמידים אויס־פארשן די זאך. איז ער געוואר געווארן, אז דארט דערציילט ער גאר, אז ער האט געגעסן ביי ר׳ יוחנן בן זכאי.
דענסמאל האט רבי יוחנן באשטעלט פאר אים קעסט און אליעזר איז ערשט דעמאלט געקומען צו זיך. ער איז פשוט געווען נאענט צו שטארבן פון הונגער.
עס זיינען אדורך עטלעכע יאר און אליעזר האט פלייסיק געלערנט, אזוי אז מען האט זיך שוין אנגעהויבן צוהערן צו זיינע רייד און רבי יוחנן האט אויף אים געזאגט, אז ער איז „ווי אן אויסגעקאלכטער גרוב, וואס פארלירט נישט קיין טראפן״... אלץ, וואס ער לערנט, גייט נישט ביי אים לאיבוד.
ווען הורקנוס האט געזען, אז זיין זון אליעזר קערט זיך נישט אום אהיים און בפרט, ווען זיינע איבעריקע קינדער זיינען צו אים צוגעשטאנען מיט תרעומות, אז זיי מוזן ארבעטן פאר אים און דעריבער פאדערן זיי פון פאטער, אז ער זאל אליעזרן אינגאנצן מעביר־נחלה זיין. „וואס הייסט — האבן זיי געטענהט — מיר וועלן שווער הארעווען און ער וועט האבן א גלייך חלק מיט אונדז!...״ — האט הורקנוס געפאלגט זיינע קינדער און איז אוועק קיין ירושלים מיט דער דעה פאר א בית־דין אויסצושליסן זיין זון אליעזרן פון דער ירושה.
ווען ער איז אנגעקומען קיין ירושלים, האט גראד דעמאלט רבי יוחנן בן זכאי געפראוועט א גרויס מאלצייט, צו וועלכן עס זיינען איינ־געלאדן געווארן די גרעסטע און רייכסטע לייט פון ירושלים, צווישן זיי זיינען געווען כלבא שבוע, בן ציצית הכסת, נקדימון בן גוריון, די דריי גרעסטע עשירים פון ירושלים, איידער דאס בית המקדש איז חרוב גע־

וואָרן. ווען רבי יוחנן איז געוואָר געוואָרן, אַז דער רייכער ערד־באַזיצער הורקנוס איז אין ירושלים, האָט ער געשיקט אים רופֿן און פֿאַרבעטן צו דער סעודה און געלאָזט פֿאַר אים מאַכן פּלאַץ צווישן די נכבדי־עיר. צו דעם רייכן מאָלצייט זיינען אויך געווען פֿאַרזאַמלט די גרעסטע תּלמידי־חכמים און זיינע באַליבטסטע תּלמידים.

נאָכדעם ווי מ׳האָט שוין געהאַט געגעסן און געטרונקען לרוב, רופֿט זיך אָפּ רבי יוחנן צו זיין באַליבטסטן תּלמיד אליעזר:

— זאָג עפּעס פֿאַרן עולם!

ענטפֿערט רבי אליעזר:

— רבי, וואָס קאָן איך זאָגן, קאָן דען אַ גרוב אַרויסגעבן מער וואַסער וויפֿיל מען גיסט אין אים אַריין? ווי קאָן איך זאָגן דברי תּורה מער ווי איך האָב פֿון דיר געלערנט?...

— ניין, מיין זון — האָט רבי יוחנן בן זכאי מיט אַ נחתדיקן שמייכל אויסגערופֿן — בישט קיין גרוב, אין וועלכן מען גיסט אַריין וואַסער, ביסטו; דו ביסט אַ קוואַל, אַ לעבעדיקער קוואַל, וואָס פֿליסט און שטראָמט מיט פֿריש וואַסער פֿון זיך אַליין. דו פֿאַרמאָגסט אייגענע געדאַנקען.

און רבי אליעזר האָט אָנגעהויבן זאָגן אַ דרשה. דאָס פּנים זיינס האָט אויפֿגעשיינט ווי די זון און די אויגן האָבן זיך אָנגעצונדן ווי צוויי גליענדיקע קוילן און פֿון מויל האָבן זיך געשאָטן געדאַנקען ווי פּערל. דער עולם איז געבליבן זיצן פֿאַרגאַפֿט און נישט געוואוסט, אויף וואָס פֿאַר אַ וועלט ער געפֿינט זיך, אַלע זיינען געווען מיטגעריסן פֿון זיינע שיינע רייד.

ווען רבי אליעזר האָט געענדיקט, איז ר׳ יוחנן צוגעגאַנגען צו אים און אים אַ קוש געטאָן אין קאָפּ, אויסרופֿנדיק: „וואויל איז דעם טאַטן, וואָס פֿון אים איז אַזאַ זון אַרויסגעקומען!"

— ווער איז דער דאָזיקער תּלמיד־חכם? — האָט הורקנוס געפֿרעגט ביי זיינס אַ שכן, לעבן וועלכן ער איז געזעסן, וואָרים ער האָט זיין זון נישט דערקענט.

— דאָס איז רבי אליעזר, אַ זון פֿון אַ רייכן ערד־באַזיצער לעבן טבריה, הורקנוס איז זיין נאָמען.

ווען דער אַלטער הורקנוס האָט דאָס דערהערט, האָט ער זיך ערשט איצט גוט איינגעקוקט אין אליעזרס פּנים און טאַקע דערקענט זיין זון, וואָס איז מיט עטלעכע יאָר צוריק פֿון אים אַנטלאָפֿן קיין ירושלים. איז ער אויפֿגעשפּרונגען פֿון זיין פּלאַץ אויף דער באַנק און האָט אויסגערופֿן:

— רבותי! געקומען בין איך אַהער מיט דער דעה מעביר־נחלה צו זיין מיין זון אליעזר, אַז ער זאָל נישט האָבן זיין חלק אין דער ירושה, בלויז זיינע ברידער האָבן געזאָלט אַלץ צונעמען. איצט, פּאַרקערט, גיב איך אים אַוועק אַלץ, וואָס איך פּאַרמאָג און די איבעריקע ברידער האָבן נישט קיין שום חלק אין מיין נחלה.

— ניין, פּאָטער — האָט רבי אליעזר דערויף געענטפערט — וואָלט איך געהאַט אַ פאַרלאַנג נאָך ערד, וואָלט איך געבעטן צו גאָט און ער וואָלט מיר געגעבן; וואָלט איך פאַרלאַנגט גאָלד און זילבער ביי גאָט, וואָלט איך געבעטן צו אים און ער וואָלט מיר געגעבן. „דאָס זילבער איז מיינס און דאָס גאָלד איז מיינס, זאָגט גאָט". מיין פאַרלאַנג איז אָבער בלויז תורה...

⁂

רבי עקיבא האָט אויסגעהערט די געשיכטע און ער איז געווען אַנט־ציקט פון איר און ער האָט אויסגערופן:

— כ'בין גליקלעך, און כ'האָב אַ באַזונדערע זכיה, רבי, ביי דיר צו האָבן געלערנט תורה!

ווען זיי זיינען צוריקגעקומען פון שפּאַציר אין שטאָט אַריין, האָבן די תלמידים, וואָס האָבן זיי באַגלייט, איבערגעגעבן צו די איבעריקע דאָס, וואָס זיי האָבן געהערט, און אַלע האָבן געגאַפט און באַוואונדערט דעם הייליקן גייסט פון זייערע ביידע רבים, מיט וואָס פאַר אַ געטלעכן כוח זיי האָבן דערגרייכט זייערע קענטעניש.

און שמועסנדיק צווישן זיך, האָבן די תלמידים זיך איבערגעגעבן אַ פּרעכטיקע לעגענדע, וואָס איז אַרומגעגאַנגען וועגן דעם פאַקט, וואָס מ'האָט מיט אַ שטיקל צייט צוריק רבי אליעזרן געלייגט אין חרם אַריין בעת אַ גרויסער מחלוקת. די לעגענדע באַווייזט נאָר, מיט וואָס פאַר אַן ערפורכט רבי אליעזרס נאָמען איז אַרומגערינגלט געוואָרן און ווי הויך מ'האָט פון אים געהאַלטן:

„איינמאָל איז אין בית המדרש אויסגעבראָכן אַ גרויסע מחלוקת צווישן רבי אליעזרן און די חכמים וועגן אַ דין אין ענינים פון ריינקייט און אומריינקייט. רבי אליעזר האָט אויף אַ געוויסן פאַל געזאָגט: ריין, און די חכמים האָבן געזאָגט: אומריין.

רבי אליעזר האָט געבראַכט אַן אַ שיעור ראיות, אַז ער איז גערעכט. די חכמים האָבן זיך אָבער נישט גערעכנט מיט אַט די אַלע ראיות און נישט געוואָלט זיך אונטערגעבן. איז רבי אליעזר שטאַרק אין כעס געוואָרן

און אַנווייזנדיק מיט דער האַנט דורכן פֿענצטער אויף אַ באָקסערבוים, וואָס איז געוואַקסן אינדרויסן, האָט ער אויסגעשריגן מיט היץ:

— אויב דער דין איז ווי איך זאָג, זאָל עס דער דאָזיקער באָקסער־בוים באַווייזן!

גיט זיך דער באָקסערבוים אַ רייס אַרויס מיטן וואָרצל פֿון דער ערד און פֿאַלט אַוועק אויף הונדערטער איילן ווייט.

האָבן די חכמים רואיק אויסגערופֿן:

— מיר נעמען נישט קיין ראיות פֿון אַ באָקסערבוים...

שרייט ווידער אויס רבי אליעזר:

— אויב דער דין איז ווי איך זאָג, זאָל עס דער קוואַל וואַסער באַווייזן! — האָט ער אַנגעוויזן אויף דעם טייך, וואָס איז געפֿלאָסן צום ים התיכון.

האָט דאָס וואַסער פֿון טייך אָנגעהויבן פּלוצלינג צו פֿליסן אויף צוריק.

זאָגן די חכמים:

—מיר נעמען נישט קיין ראיות פֿון אַ קוואַל וואַסער...

שרייט ווידער אויס רבי אליעזר:

— אויב דער דין איז ווי איך זאָג, זאָלן די ווענט פֿון בית המדרש באַווייזן!

האָבן די ווענט פֿון בית המדרש זיך באַלד איינגעבויגן און געהאַלטן ביי איינפֿאַלן.

שרייט אויס רבי יהושע:*

— ווען עס גייט אָן אַ מחלוקת צווישן תּלמידי חכמים וועגן אַ דין, ווי קומט איר זיך דאָ אַריינצומישן!?

זיינען די ווענט אַזוי געבליבן שטיין: נישט איינגעפֿאַלן צוליב רבי יהושעס כּבוד און נישט אויסגעגלייכט זיך צוריק צוליב רבי אליעזרס כּבוד.

און אַזוי שטייען די ווענט איינגעבויגן ביז איצט...

שרייט ווידער אויס רבי אליעזר:

— אויב דער דין איז ווי איך זאָג, זאָל מען פֿון הימל עס באַווייזן!

לאָזט זיך הערן אַ בת־קול, אַ געטלעכע שטימע:

— וואָס האָט איר צו רבי אליעזרן? אומעטום בלייבט דער דין ווי ער זאָגט.

שטעלט זיך אויף רבי יהושע און רופֿט־אויס:

— נישט אויפֿן הימל איז די תּורה! אין משגיחין בבת קול, מען הערט זיך נישט צו קיין געטלעכע שטימען! דו אַליין, גאָט, האָסט שוין

לאנג אָנגעשריבן אין דער תורה אויפֿן באַרג סיני: „אחרי רבים להטות", מען דאַרף זיך ריכטן נאָך דער מערהייט...

טרעפֿט איינמאָל ר׳ נתן אליהו הנביאן, פֿרעגט ער ביי אים:

— וואָס האָט דער אויבערשטער אין יענער שעה געטאָן?

ענטפֿערט אים אליהו:

— ער האָט געשמייכלט און דערביי געזאָגט: „מיינע קינדער האָבן מיך ביינגעקומען! ביינגעקומען האָבן מיך מיינע קינדער!..."

און די תלמידים האָבן ווייטער דערציילט:

„אין יענעם טאָג, ווען עס איז פֿאָרגעקומען יענע גרויסע מחלוקת, האָט מען אַלע זאַכן, וואָס רבי אליעזר האָט אויף זיי געפּסקנט, אַז זיי זיינען ריין, צונויפֿגעבראַכט פֿאַרן בית המדרש און פֿאַרברענט זיי אויפֿן פֿייער.

און ווען רבי אליעזר האָט זיך כּסדר געהאַלטן פֿאַרעקשנט ביי זיין מיינונג און נישט געוואָלט זיך אונטערגעבן, האָט מען אים, לויט דעם ווילן פֿון דעם נשיא רבן גמליאל, געלייגט אין חרם אַריין.

האָט מען געקלערט: ווער זאָל אים גיין אָנזאָגן די דאָזיקע שלעכטע בשורה.

האָט רבי עקיבא זיך אָנגערופֿן:

— איך וועל גיין, וואָרים אויב אַן אומפּאַסיקער מענטש וועט אים דאָס אָנזאָגן קאָן ער נאָך, חלילה, חרוב מאַכן די גאַנצע וועלט.

האָט מען געשיקט רבי עקיבאָן.

רבי עקיבא האָט זיך אָנגעטאָן אין שוואַרצן און איז געקומען צו רבי אליעזרן אין שטוב אַריין. אַריינקומענדיק אין דעם חדר, וואו רבי אליעזר איז געזעסן, האָט זיך רבי עקיבא אָפּגעשטעלט פֿיר איילן פֿונדערווייטנס.

— עקיבא, מה היום מיומים... וואָס איז דער הייַנטיקער טאָג אַנדערש פֿון אַלע טעג?... — האָט רבי אליעזר פֿאַרוואונדערט געפֿרעגט.

ענטפֿערט אים רבי עקיבא:

— עס דאַכט זיך מיר, אַז די חברים האָבן זיך פֿון דיר אָפּגעזונדערט...

ווען רבי אליעזר האָט דאָס דערהערט, האָט ער צעריסן די קליידער אויף זיך, אויסגעטאָן די שיך, זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד און טרערן האָבן זיך אים אָנגעהויבן גיסן שטראָמענווייז פֿון די אויגן און די וועלט איז צוליב דעם באַלד געפּלאָגט געוואָרן: אַ דריטל האָט זי געליטן אין איילבירטן, אַ דריטל אין ווייץ און אַ דריטל אין גערשטן. אַפֿילו דאָס

טייג, וואָס אַ פֿרוי האָט געהאַלטן אין קנעטן, איז נאָס און צעקראָכן געוואָרן אונטער די פֿינגער. גרויס איז געווען דער צאָרן אויף דער וועלט. יעדעס אָרט, וואוהין רבי אליעזרס בליק איז געפֿאַלן, איז פֿאַרברענט געוואָרן.

אין דעם זעלבן טאָג איז רבן גמליאל גראָד געפֿאָרן אויף אַ שיף פֿון יבנה קיין קיסריה, האָט זיך אויפֿגעהויבן אַ גרויסע כוואַליע און געוואָלט דערטרינקען די שיף. האָט רבן גמליאל געטראַכט: „דאַכט זיך מיר, אַז דאָס איז צוליב אליעזר בן הורקנוס...״

האָט ער זיך אויפֿגעשטעלט און זיך געווענדט צום הימל:

— רבונו של עולם, פֿאַר דיר איז דאָך באַוואוסט, אַז כ׳האָב עס נישט געטאָן צוליב מיין כבוד וועגן און נישט צוליבן כבוד פֿון מיין פֿאָטערס הויז, נאָר צוליב דיין כבוד וועגן, כּדי עס זאָל זיך נישט מערן קיין מחלוקת צווישן יידן.

און דער ים האָט זיך באַרואיקט.

פֿון דער נאַטור איז רבי אליעזר געווען אַ בייזער און פֿאַרעקשנטער מענטש, ווי כּמעט אַלע די, וואָס זיינען נאָכגעגאַנגען אין לערנען די שיטה פֿון בית־שמאי. ער האָט נישט געקאָנט פֿאַרליידן, ווען אַ תּלמיד זיינער האָט געוואָגט אַרויסצוזאָגן אַן אַנדער מיינונג, ווי ער אַליין האָט געהאָט.

די תּלמידים פֿלעגן טאַקע צווישן זיך דערציילן, אַז איינמאָל האָט אַ תּלמיד זיך דערלויבט און אַרויסגעזאָגט זיין מיינונג וועגן אַ געוויסן דין אין דער אַנוועזנהייט פֿון רבי אליעזרן. דער רבי איז שטאַרק אין כּעס געוואָרן. די אויגן האָבן זיך ביי אים אָנגעצונדן און ער האָט אויסגערופֿן צו זיין ווייב:

— עס וועט מיך וואונדערן, אויב דער דאָזיקער מענטש וועט דאָס היינטיקע יאָר איבערלעבן!

און עס איז טאַקע אַזוי געשען: דער דאָזיקער תּלמיד איז נאָך אין זעלבן יאָר געשטאָרבן...

אַ ציטערניש איז אַדורך צווישן די תּלמידים אויס מורא פֿאַר זייער רבין.

— דאָס איז אַ געטלעכער מאַן און זיין וואָרט צו גאָט איז אַ באַפֿעל! — האָט איינער פֿון די תּלמידים זיך אָנגערופֿן בעת אַזאַ שמועס וועגן זייער רבין.

— איך האָב מורא פֿאַר זיינס אַ וואָרט... — האָט אַ צווייטער תּלמיד געזאָגט — ווען כ׳דערזע זיין פּנים, איז גלייך ווי איך וואָלט געזען דאָס פּנים פֿון דער שכינה... ער איז בלויז דין...

— ער זאָגט דאָך אַליין אין זיינע מוסר־רייד, אַז מען דאַרף זיך היטן פאַר די חכמימס ווערטער, וואָס זיינען ווי גליענדיקע קוילן... — האָט אַ דריטער תּלמיד זיך אַריינגעמישט.

— וואָס פאַר אַ קלוגע ווערטער אונדזער רבי זאָגט, ווען מענטשן זאָלן דאָס אַלץ אָפּהיטן, וואָלט דאָס שלעכטס פאַרשוואונדן געוואָרן פון פּנים פון דער ערד — האָט דער ערשטער תּלמיד אַריינגעוואָרפן אַ געדאַנק — הערט נאָר די קלוגע רייד:

"עס זאָל דער כּבוד פון דיין חבר זיין אויף דיר אַזוי ליב, ווי דיין אייגענער כּבוד"; "זאָלסט נישט אַזוי לייכט אין כּעס ווערן"; "טו תּשובה אַ טאָג פאַר דיין טויט"; "זאָלסט זיך וואַרעמען אין דעם ליכט פון די חכמים"; "און זאָלסט זיין געוואָרנט קעגן זייערע גליענדיקע קוילן, כּדי דו זאָלסט זיך נישט אָפּבריען, וואָרום זייער ביס איז דער ביס פון אַ פוקס, זייער שטאָך איז דער שטאָך פון אַן עקדיש און זייער סיטשען איז דאָס סיטשען פון אַ ברענענדיקער שלאַנג און אַלע זייערע רייד זיינען ווי פייערדיקע קוילן"...

— אמת מענטשלעכע רייד... — האָבן אַלע צוגעגעבן און לאַנג, לאַנג זיך פאַרטראַכט איבער זיי.

— אָבער איך האָב גרויס עגמת־נפש איבער זיינע רייד, וואָס ער האָט געזאָלט זאָגן צו רבי עקיבאָן און צו נאָך אייניקע חכמים... — האָט זיך איינער פון עקיבאס תּלמידים נאָך אַ לענגערן שטילשווייגן אָנגערופן.

— וואָסי?... וואָסי?... — האָבן די איבעריקע נייגעריק געפרעגט.

— בעת רבי אליעזר איז איינמאָל קראַנק געוואָרן, און דאָס איז געווען, ווען ער איז געלעגן אין חרם, איז מיין רבי, רבי עקיבא, צוזאַמען מיט נאָך עטלעכע תּלמידי־חכמים געקומען אים מבקר־חולה זיין און זיי האָבן זיך אָוועקגעזעצט פיר איילן פונדערווייטנס פון אים, ווי עס איז דער דין. האָט רבי אליעזר זיי געפרעגט מיט כּעס:

— צוליב וואָס זייט איר געקומען?

האָבן זיי געענטפערט:

— מיר זיינען געקומען דיך מבקר־חולה זיין און לערנען עפּעס פון דיר.

האָט ער זיי ווידער געפרעגט:

— און פאַרוואָס זייט איר ביז איצט צו מיר נישט געקומען?

האָבן די חכמים געענטפערט:

— מיר האָבן נישט געהאַט קיין צייט...

— איז אויב איר האָט נישט געהאַט קיין צייט צו קומען צו מיר ביז היינט — האָט ער זיי געענטפערט — וועל איך גאָרנישט זיין פאַר־וואונדערט, אויב איר וועט אַלע שטאַרבן מיט אַ נישט־נאַטירלעכן טויט ?...

— האָט אים רבי עקיבא געפרעגט :

— און איך ?

האָט אים רבי אליעזר געענטפערט :

— דיין טויט וועט נאָך זיין אַן ערגערער פון זייערן...

— אַזוי, אַזוי... — האָבן די איבעריקע תלמידים מיט מורא אויס־גערופן, און איינער פון זיי האָט שטילערהייט צוגעברומט :

„און זייער ביס איז דער ביס פון אַ פוקס, און זייער שטאָך איז דער שטאָך פון אַן עקדיש..."

— זיין וואָרט איז ווי אַן אָנגעגליטע קויל, וואָס בריט... — האָט אַ צווייטער צוגעגעבן.

— און וואָס האָט אונדזער רבי עקיבא געענטפערט דערויף ? — האָט אַ דריטער תלמיד געפרעגט.

— ער האָט גאָרנישט געענטפערט, אָבער ער איז זייער טרויעריק געוואָרן...

⁂

גאָר אַן אַנדער מין מענטש איז געווען דער צווייטער גרויסער רבי פון עקיבאן, רבי יהושע בן חנניה.

רבי יהושע איז געווען נישט קיין שיינער, אָבער זייער אַ קלוגער. האָט מען דערציילט וועגן אים, אַז ווען ער איז אַמאָל געקומען קיין רוים, האָט אים דערזען דעם קייסערס טאָכטער, וועלכע האָט געוואוסט וועגן זיין גרויסער קלוגשאַפט.

רופט זי זיך אָפּ צו אים מיט שפּאָט :

— ווי קומט עס, וואָס אַזאַ שיינע חכמה שטייט אין אין אַזאַ מיאוסער כלי ?...

רבי יהושע האָט זיך פון איר פראַגע נישט באַליידיקט, נאָר ער האָט זי געפרעגט :

— טאָכטער מיינע, זאָג מיר נאָר, אין וואָס פאַר אַ כלי האַלט דיין פאָטער, דער קייסער, זיין בעסטן וויין ?

— וואָס הייסט אין וואָס ? — פרעגט פאַרוואונדערט די קייסערלעכע טאָכטער — אין ערדענע כלים, ווי דער שטייגער איז...

— ווי פאַסט עס — פֿרעגט ר׳ יהושע מיט אַ לייכטן שפּאַסיקן שמייכל אַרום זיינע ליפּן — פאַר אַ קייסער צו האַלטן זיין ווייַן אין די זעלבע כּלים וואָס אַנדערע פּראָסטע מענטשן?...

— נאָר וואו דען זאָל ער האַלטן זיין ווייַן? — פֿרעגט נאַאיוו דעם קייסערס טאָכטער.

— אַ קייסער דאַרף האַלטן זיין ווייַן אין גאָלדענע קרוגן אָדער כּאָטש אין זילבערנע כּלים!

גייט די טאָכטער אַהיים און גיט דאָס איבער איר פֿאָטער, אַז ער דאַרף דעם ווייַן איבערגיסן אין גאָלדענע כּלים, ווייל עס פּאַסט נישט פאַר אַ קייסער צו האַלטן דעם ווייַן אין ערדענע...

— נאַריש קינד, ווען איך זאָל מיין ווייַן אַריינגיסן אין גאָלדענע כּלים, וואָלט ער באַלד קאַליע געוואָרן; ווייַן, געוויינלעך, האַלט מען אין ערדענע כּלים...

ערשט דעמאָלט האָט די קייסערלעכע טאָכטער פֿאַרשטאַנען רבי יהושע׳ס קלוגן ענטפֿער, און זי האָט זיך געשעמט אַ לאַנגע צייט צו ווייזן פֿאַר דעם יידישן רבין.

פֿאַרשידענע מעשיות פֿלעגן זיך די תּלמידים אַנדערציילן וועגן זייער קלוגן רבין, רבי יהושע בן חנניה. און זיי האָבן עס דערציילט מיט אַזוי פֿיל ליבע און גלויבן, אַז וויפֿיל מען זאָל נישט האָבן אָט די אַלע מעשיות איבערדערציילט, האָט מען זיי אויסגעהערט מיט דעם זעלביקן אינטערעס.

— איך וועל אייך דערציילן אַ שיינע מעשה וועגן אונדזער רבין — האָט איין תּלמיד זיך אָנגערופֿן — איך בין געווען דערביי:

„איינמאָל האָבן די תּלמידי חכמים געדאַרפֿט האָבן אַ טובה פֿון אַ רוימישער הויכגעשטעלטער מאַטראָנע, צו וועלכער עס פֿלעגן אָפֿט קומען צו גאַסט גרויסע שׂררות. און היות מיין רבי האָט געקאָנט רעדן די רוימישע שפּראַך, האָט מען אים אויסגעקליבן אַלס דעם שליח, וואָס זאָל מיט דער דאָזיקער מאַטראָנע רעדן.

„איז רבי יהושע מיט עטלעכע זיינע תּלמידים, צווישן וועלכע אויך איך בין געווען, אָוועקגעפֿאָרן מיט אַ שיף קיין קיסריה, וואו עס האָט זיך געפֿונען אַ גרויסע רוימישע קאָלאָניע און דאָרט אין אַ רייכן פּאַלאַץ האָט אויך געוואוינט די שיינע רוימערין.

„ווען ר׳ יהושע, מיין רבי, איז צוגעקומען אין דער באַגלייטונג פֿון אונדז פֿיר איילן פֿון דעם פּאַלאַץ, האָט ער אַראָפּגענומען פֿון קאָפּ די תּפֿילין, מיט וועלכע ער האָט זיך קיינמאָל נישט געשיידט, און אַריינגייענדיק

צו דער מאַטראָנע אין הויז, האָט ער אונדז געלאָזט שטיין אינדרויסן און הינטער זיך פאַרמאַכט די טיר.

„ווען ער האָט זיך אָפּגעזוימט דאָרט אַ היפּשע ווײַלע, איז ער ענדלעך אַרויסגעקומען. ער איז באַלד אַוועק אין אַ מקווה און זיך טובל געווען אין וואַסער און דערנאָך האָט ער פאַרענדיקט מיט זײַנע תלמידים דאָס לערנען, וואָס ער האָט אינדערפרי געהאַט מיט זיי אָנגעהויבן.

„האָט ער אָבער אין זײַן גרויס ערלעכקייט געטראַכט, אַז די תלמידים קאָנען אים אַמאָל חושד זײַן אין עפּעס שלעכטס, האָט ער זיי געפרעגט:

— ווען איר האָט מיך געזען אַראָפּנעמען די תפילין פון קאָפּ, אײדער איך בין אַרײַנגעגאַנגען צו דער מאַטראָנע אין שטוב, וואָס האָט איר דע־מאָלט געטראַכט?...

האָבן מיר, אַלע זײַנע תלמידים, געענטפערט:

— מיר האָבן געדענקט, אַז דו ווילסט ניט אַרײַנברענגען קיין הייליקייטן אין אַ געצנדינעריש הויז.

— און וואָס האָט איר געטראַכט וועגן מיר, ווען איך האָב די טיר פאַר־מאַכט הינטער זיך און געבליבן אײנער אַליין מיט דער מאַטראָנע?

האָבן די תלמידים אים געענטפערט:

— מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז דו דאַרפסט רעדן מיט איר פאַרטרוילעך וועגן דעם, צוליב וואָס מ'האָט דיך געשיקט.

— און ווען כ'בין אַרויסגעקומען פון דעם הויז פון דער מאַטראָנע, בין איך געלאָפן, געדענקט איר, זיך טובל זײַן. וואָס האָט איר דעמאָלט גע־טראַכט וועגן מיר? — האָט רבי יהושע זיי ווײַטער געפרעגט.

— מיר האָבן געטראַכט, אַז דו טוסט דאָס דערפאַר, ווײַל האָסט מורא געהאַט, טאָמער האָט בײַם רעדן פון איר מויל אַ שפּריץ געטאָן אויף דיר, און זי האָט געקאָנט זײַן טמא... — האָבן די תלמידים געענטפערט.

דערויף האָט זיי רבי יהושע בן חנניה געענטפערט:

— שווער איך אײַך טאַקע, אַז עס איז פונקט אַזוי געווען, ווי איר האָט געטראַכט.

⁂

אַ קלוגן ענטפער צו קייסער נירון האָט רבי יהושע אײנמאָל געגעבן, וואָס דאָס האָט אים נאָך אויפגעהויבן אין קייסערס אויגן.

נירון־קייסער האָט ליב געהאַט זיך מתווכח צו זײַן מיט די יידישע חכמים און איבערהויפּט מיט רבי יהושע בן חנניה, וועלכן אַלע האָבן אָנערקענט פאַר אַ מענטש פון גרויס חכמה.

פרעגט אים אײנמאָל דער קייסער:

— עס שטייט אין אייער תורה, אַז דער גאָט אייערער איז אַ גערעכ־טער און ער באַצאָלט יעדן לויט זיינע פֿאַרדינסטן. טאָ פֿאַרוואָס עפּעס באַשאַפֿט ער אַזוי פֿיל טויבע, בלינדע און לאָמע, וועלכע ליידן אומשול־דיק, וואָרים זיי זיינען דאָך באַלד אויף דער וועלט געקומען קאַליקעס, איידער זיי האָבן נאָך באַוויזן צו זינדיקן ?...

האָט רבי יהושע דעם קייסער געענטפֿערט :

דער אייבערשטער ווייסט מסתמא, וואָס ער טוט און ווען ער באַשאַפֿט דעם מענטש מיט אַ פֿעלער אַלס שטראָף, איז דער מענטש אודאי אָנגע־גרייט געווען צו זיין אַ שלעכטער, וואָרים טאָמער וואָלט ער אים איצט נישט ביים געבוירן באַשטראָפֿט, ווער ווייסט וואָס פֿאַר אַ גרעסערע שטראָף דער מענטש וואָלט באַקומען שפּעטער, ווען ער וואָלט זיינע פֿאַרברעכנס באַגאַנגען.

האָט דער קייסער געזאָגט :

— ווי אַזוי קאָנסטו מיר באַווייזן, אַז דיינע רייד זיינען ריכטיק ?

האָט אים ר׳ יהושע געענטפֿערט :

— גיב מיר צוויי דיינע מענטשן אַלס עדות און טויזנט גאָלדענע רענדלעך אין קעשענע אַריין, וועל איך דיר אינגיכן באַווייזן, אַז איך בין גערעכט.

און ווען דער קייסער האָט ר׳ יהושען צוליב געטאָן, וואָס ער האָט פֿאַרלאַנגט, איז ר׳ יהושע געגאַנגען אין דער באַגלייטונג פֿון די צוויי עדות צו איינעם אַ געבוירענעם בלינדן און ער האָט צו אים אַזוי געזאָגט :

— דער קייסער האָט מיך פֿאַראורטיילט צום טויט און איך האָב ביי מיר טויזנט גאָלדענע רענדלעך, וויל איך זיי דיר געבן צו באַהאַלטן. וועט מען איבער מיר אויספֿירן דעם משפּט, בלייבט דאָס געלט דייך אייגנטום ; וועט מען מיר אָבער שענקען דאָס לעבן, וועסטו מיר דאָס געלט צוריק־געבן !...

ענטפֿערט דער בלינדער :

— גוט !

האָט ר׳ יהושע אוועקגעגעבן דעם בלינדן מאָן די טויזנט גאָלדענע רענדלעך, און מיט אַ צייט שפּעטער קומט ער צוריק צו אים מיט די זעלבע צוויי עדות און זאָגט צו אים :

— הער אויס, מיין פֿריינט, עס איז מיר געשען אַ גליק, דער קייסער האָט מיר געשאָנקען דאָס לעבן, פֿאַרלאַנג איך איצט, ווי מיר האָבן אָפּגע־שמועסט, זאָלסט מיר אָפּגעבן מיינע טויזנט גאָלדענע רענדלעך, וואָס איך האָב דיר אַנומלט געגעבן צו באַהאַלטן.

שטורעמט־אויף דער בלינדער מיט כּעס :

— וואָס פֿאַר אַ טויזנט גאָלדענע רענדלעך האָסטו מיר געגעבן? גיי אוועק פֿון מיר, האָסט מיר גאָרנישט געגעבן!

האָט ר׳ יהושע געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז ער איז זייער שטאַרק אין כּעס און ער האָט גענומען דעם בלינדן מאַן צו אַ משפּט פֿאַרן קייסער. אָבער אויך פֿאַרן קייסער האָט דער בלינדער געטענהט, אַז ער האָט קיינמאָל פֿון ר׳ יהושען קיין טויזנט גאָלדענע רענדלעך נישט גענומען.

און ווען ר׳ יהושע האָט אים אויפֿגעוויזן מיט די צוויי עדות, וועלכע דער בלינדער האָט, פֿאַרשטענדלעך, ביים נעמען דאָס געלט נישט געזען, האָט ער געשריגן, אַז די עדות זיינען פֿאַלשע.

האָט ר׳ יהושע צו אים זיך אָנגערופֿן:

— ווי איז צו דיר, דו בלינדער! וואָס פֿאַר אַ נוצן וועסטו דען האָבן פֿון דיין גניבה? אָט האָב איך געהערט, ווי דיין ווייב האָט געשמועסט מיט אַן אַנדערן מאַן און זי האָט אים געזאָגט, אַז ווי נאָר דער קייסער וועט דיך פֿאַרמשפּטן צום טויט פֿאַרן שווינדל, וועט זי פֿאַרנוצן די טויזנט גאָלדענע רענדלעך מיט איר געליבטן...

דער־הערנדיק אַזאַ מעשה, איז דער בלינדער געוואָרן אויפֿגעקאָכט, ער איז אַהיימגעלאָפֿן, געבראַכט די טויזנט גאָלדענע רענדלעך און זיי אָפּגעגעבן צו ר׳ יהושען.

דעמאָלט האָט ר׳ יהושע אויסגערופֿן צום קייסער:

— איצט קאָנסטו זען, ווי גערעכט אונדזער גאָט איז, וואָס ער האָט אַזאַ מענטש געמאַכט בלינד. וואָרים אויב ער איז בלינדערהייט אַזאַ פֿאַרברעכער, שטעל דיר ערשט פֿאָר וואָס פֿאַר אַ גרויסער פֿאַרברעכער ער וואָלט געווען, ווען ער איז זעעוודיק!...

ר׳ יהושעס חכמה איז באַקאַנט געווען איבער דער גאַנצער וועלט, און איז געווען באַרימט מיט זיינע קורצע ענטפֿערס אויפֿן אָרט, וואָס ער האָט געגעבן די געלערנטע גריכן, די חכמי אתונה, די געלערנטע פֿון דער שטאָט אַטען.

די חכמי אתונה האָבן זיך אַמאָל געטראָפֿן מיט רבי יהושען און וויסנדיק, אַז מ׳האַלט אים פֿאַר אַ גרויסן חכם, האָבן זיי געוואָלט מיט אים טרייבן אַביסל שפּאַס. וואָרים זיי האָבן געהאַלטן, אַז קיין קליגערע און געלערנטערע פֿון זיי איז גאָר אויף דער וועלט נישט פֿאַראַן, האָבן זיי געפֿרעגט ביי ר׳ יהושען:

— וואו איז דער מיטן פֿון דער וועלט?

האָט ר׳ יהושע, לאַנג נישט טראַכטנדיק, אָנגעטראָטן מיט זיין פֿוס אויפֿן פּלאַץ, וואו ער איז געשטאַנען און געענטפֿערט:

— דאָ איז דער מיטן פֿון דער וועלט!

האָבן די גריכישע געלערנטע מיט חוזק אים געפֿרעגט:

— פֿון וואַנען ביסטו עס אַזוי זיכער, אַז פּונקט דאָ איז דער מיטן פֿון דער וועלט?

האָט ער געענטפֿערט:

— נעמט שטריק און מעסט דאָס אויס, וועט איר זען!...

זײַנען די גריכן געבליבן שטיין פֿאַרשעמט. אָבער זיי האָבן נישט אויפֿגעגעבן און ווייטער פֿאַרגעזעצט. עס איז זיי שוין געגאַנגען אין דער אַמביציע דעם ייִדישן געלערנטן צו באַזיגן.

און זיי האָבן אים געפֿרעגט:

— מיר האָבן אַ ברונעם אין דער מדבר און מ׳דאַרף אים אַהערברענגען אין שטאָט אַרײַן, ווי אַזוי קאָן מען דאָס באַווייזן?

— צו דעם דאַרף מען האָבן — האָט געענטפֿערט ר׳ יהושע — אַ שטריק, געפֿלאָכטן פֿון קלײַען, ווײַל נאָר מיט אַזאַ שטריק וועט איר קאָנען אַהערשלעפּן דעם ברונעם...

— און ווי אַזוי נייט מען צונויף אַ צעבראָכענעם מילשטיין?... — האָבן די גריכישע געלערטע אים געוואָלט צעטומלען.

— מיט אַ פֿאָדעם פֿון זאַמד... — האָט ר׳ יהושע זיי געענטפֿערט, און זיי האָבן פֿאַרשעמטע אים אויפֿגעהערט צו שטעלן אַזעלכע נאַרישע פֿראַגן.

אָט אין אַזאַ אַטמאָספֿערע פֿון חכמה און וויסנשאַפֿט האָט רבי עקיבא זיך געפֿונען צום סוף פֿון זײַנע צוועלף יאָר אין יבנה. איצט, ווען ער האָט שוין באַקומען דעם טיטול „רבי״, האָט ער ביי זיך געפּועלט איבערצורײַסן אויף אַ שטיקל צייט דאָס לערנען און פֿאָרן צו זיך אַהיים אין דאָרף קרחה צו זען זיך מיט ווייב און קינדער.

ווען ער האָט אין געדאַנק ביי זיך שוין געהאַט אָפּגעמאַכט, אַז אַזוי וועט ער טאָן, האָט ער זיך מער קיין אָרט נישט געקאָנט געפֿינען.

— צוועלף יאָר!... — האָט ער שיער נישט אויסגעשריגן מיט גרויס ווייטיק. — און זי, מײַן טײַערע רחל, האָט עס אַזוי אויסגעהאַלטן און קיינמאָל אַפֿילו אין אירע בריוו נישט געגעבן אָנצוהערן, אַז ס׳איז שוין צייט צו קומען זען דאָס ווייב מיט זײַנע דריי קינדערלעך.

ער האָט זיך געפֿילט שולדיק און אַ גרויסע חרטה האָט אים געמאַטערט, פֿאַרוואָס ער האָט זײַן געטרייַ ווייב אַזוי לאַנג געלאָזט איינע אַליין.

פֿאַרענטפֿערט האָט ער זיך בלויז דערמיט, ווײַל ער האָט געוואוסט, אַז זי איז דערפֿון צופֿרידן, וואָס ער זיצט און לערנט. זי האָט דאָך אים דערצו צוגערעדט און באַאייַנפֿלוסט, זי האָט אים געוויזן דעם וועג. אָבער

ווי פריידיק און גליקלעך וועט זי איצט זיין, ווען זי וועט אים דערזען ארומגערינגלט מיט זיינע תלמידים.

יא, אזוי האט ער ביי-זיך באשלאסן, אז אליין וועט ער נישט פארן קיין קרחה. עס פאסט נישט פאר א רבין אליין צו פארן. א חוץ דעם וועלן אויך זיינע תלמידים נישט וועלן זיך מיט אים שיידן, זיי וועלן דאך נישט וועלן פארלירן קיין איין טאג נישט צו לערנען פון זיין מויל קיין תורה.

ער האט דעריבער צונויפגעקליבן זיינע בעסטע תלמידים, און כאטש זיין גאנץ וועזן האט זיך געריסן צו פארבלייבן נאך א געוויסע צייט אין יבנה, האט ער עס אבער ביי זיך נישט געקאנט מער פועלן, און ער האט זיך ארויסגעלאזט אויפן וועג קיין קרחה.

רבי עקיבא איז געווען דורכגענומען מיט אן א שיעור פרייד אויפן געדאנק, אז ענדלעך קומט ער איצט אהיים נאך אזוי פיל יארן צו זיין רחלען, צו דעם דאזיקן וואונדערבארן וייב, וואס אדאנק איר האט ער דאס אלץ דערווארבן. בלויז איר שטארקן ווילן און אפפערוויליקייט האט ער צו פארדאנקען, וואס ער האט דערגרייכט צו אזא הויכער מדרגה, אויף וועל־כער ער געפינט זיך אין איצטיקן מאמענט.

זי וועט אים זיכער נישט דערקענען. די בארד איז ביי אים גרוי גע־ווארן, ער איז איצט פיל דיקער און בכלל האט ער באקומען א מער בכבודיקן אויסזען. די אויגן ביי אים זיינען געווארן פארטרוימטער און גרויס חכמה שטראלט פון זיי ארויס.

עס האבן זיך געשטעלט שיינע טעג אין דרויסן. עס זיינען געווען די ערשטע טעג פון חודש שבט. א מילדע ווארעמקייט איז איבער דער וועלט געווען אויסגעגאסן. דער הימל איז געווען בלוי. די מאנדל-ביימער זיינען געווען באשאטן מיט ווייסן און מיט בלאס-ראזן געבליעכץ, אזוי ווי מיט שניי אין א זון-פארגאנג. אנגענעמע ריחות האבן פארשמעקט די לופט ארום.

רבי עקיבאס פנים האט געשיינט, ער האט געזען פאר זיינע אויגן די גרויסע פרייד, וואס ער וועט רחלען פארשאפן מיט זיין פלוצלינגען אנ־קומען. ער האט איר גארנישט פריער וועגן דעם מודיע געווען.

אבער וואס נעענטער צו קרחה, אלץ טרויעריקער איז רבי עקיבא געווארן. ער האט געוואוסט, אויף וואס פאר א גרויסן נסיון ער שטעלט זיך אויס. דאס הארץ האט אים געשראקן, אז ער וועט שוין מער קיין יבנה נישט קאנען צוריקפארן. דאס הויזגעזינט וועט אים צוהאלטן און ער וועט דארט מוזן פארבלייבן אין דעם ארט, וואו עס איז נישטא קיין תורה. בלויז א האלבע ארבעט וועט ער האבן אפגעטאן און ער וועט נישט האבן דערגרייכט דעם ציל, וואס ער האט זיך געהאט געשטעלט.

ער פֿאַרלאָזט איצט יבנה אין דער מיטן פֿון גאַר אַ גרויסער אַרבעט. ער האָט זיך גענומען לעצטנס, צוזאַמען מיט זײַנע חברים ר׳ טרפֿון, ר׳ יהושע בן חנניה און ר׳ ישמעאל בן אלישע, אײַנצואָרדענען מיט אַ סדר די אַלע הלכות און דינים מיט אַ געוויסן פּלאַן. זײַן אויפֿגאַבע, וואָס ער האָט זיך געשטעלט אין זײַן לעבן, איז געווען: נישט צו דערלאָזן, אַז דאָס אַלץ, וואָס די חכמים האָבן געלערנט, זאָל פֿאַר די שפּעטערדיקע דורות פֿאַרגעסן ווערן.

— און איצט קאָן, חלילה, דאָס אַלץ צעשטערט ווערן... — האָט ער געטראַכט און מער מיטן געדאַנק ווי מיטן וואָרט דאָס זײַנע תּלמידים אויך איבערגעגעבן.

אָט אין אַזעלכע אומעטיקע געדאַנקען פֿאַרזונקען האָט ער זיך פּלוצ־לינג דערזען אין דעם שטעטל גמזו. דער אָוונט איז צוגעפֿאַלן. די זון איז אַ בלוט־רויטע געהאַט אונטערגעגאַנגען און דער הימל און די בערג אַרום זײַנען נאָך געווען אײַנגעהילט אין בלאַסלעך־ראָזע פֿאַרבן.

מענטשן האָבן אים דערקענט.

— אָט איז ער דאָך דער קרחהער! — האָט איינער אויף אים אָנגעוויזן.

אָבער אַ צווייטער האָט אים אַ צי געטאָן ביים אַרבל און אײַנגעשטילט:

— שווייג! דאָס איז דאָך דער באַרימטער רבי עקיבא, אַ תּלמיד און חבר פֿון רבי אליעזר בן הורקנוס און ר׳ יהושע בן חנניה...

עס זײַנען מער מענטשן אַרויסגעקומען פֿון די הײַזער און זעענדיק, ווי דער אַמאָליקער קרחהער יונגערמאַן, וואָס האָט געהאַנדלט מיט שטרוי און האָלץ אויפֿן מאַרק פֿון גמזו און יעדן טאָג פֿונדעסטוועגן נישט פֿאַר־פֿעלט צו קומען לערנען ביי נחום איש גמזו, איז אויסגעוואַקסן — האָבן זיי אים גרויס כּבֿוד איצט אָפּגעגעבן און באַגלייט אים אַ שטיקל וועג אין דער ריכטונג פֿון קרחה און געבעטן זיך ביי אים צו זאָגן זיי אַ פּאָר ווערטער פֿון תּורה.

עס האָט זיך אָפּילו געפֿונען איינער אַן עזותדיקער יונגערמאַן, וואָס האָט רבי עקיבאן אַ פֿרעג געטאָן:

— ביסטו דאָס דער עקיבא, וואָס זײַן נאָמען איז באַקאַנט פֿון איין עק וועלט ביז דעם אַנדערן, אָבער פֿונדעסטוועגן — צו די פּאַסטוכער פֿון שאָף ביסטו נישט באַקאַנט!...

— אָפּילו צו די פּאַסטוכער פֿון שאָף!... — האָט עקיבא אָן פֿאַר־דראָס געענטפֿערט און קלוג אַ שמייכל געטאָן.

דער עזותדיקער יונגערמאַן האָט זיך פֿאַרשעמט און אונטערן געלעכ־טער פֿון די איבעריקע מענטשן האָט ער זיך שנעל אָפּגעטראָגן פֿון דאָרטן.

אָבער אָט זײַנען זיי שוין בײַ דער גרענעץ פֿון דאָרף קרחה. רבי עקיבא דערקענט שוין אַפֿילו פֿון דערווײַטנס זײַן ביידל, וואוהין ער פֿלעגט טאָג־טעגלעך קומען פֿון גמזו אַהיים. ער האָט אָבער נישט געוואָלט, אַז בעת זײַן פּערזענלעכער פֿרייד מיט ווײַב און קינדער זאָלן אָנווערן זײַן פֿרעמ־דע מענטשן. האָט ער זײַנע תּלמידים געבעטן איבערצובלײַבן דאָ אויף דער גרענעץ פֿון דאָרף און אַליין האָט ער זיך מיט שנעלע טריט דער־נעענטערט צום אָרעמען געצעלט, וואו זײַן ווײַב רחל און זײַנע קינדער ריכטן זיך נישט אַפֿילו אויף אים.

עס איז געווען אָנהויב אָוונט. מענטשן זײַנען נאָך אין די געסלעך גע־גאַנגען. מען האָט געהערט געשפּרעכן, וואָס שכנים האָבן צווישן זיך געפֿירט.

אַ יונגע לבנה האָט זילבערדיק אים באַלויכטן דעם וועג צו זײַן גע־צעלט, פֿון וואַנען ער האָט שוין בפֿירוש געזען אַן אייל־לעמפּל אַרויס־צאַנקען.

— זי שלאָפֿט נאָך נישט... — האָט ער מיט פֿרייד אין זײַן קלאַפּע־דיקן האַרץ געשעפּטשעט.

אַ גרויס רחמנות האָט אים אַרומגענומען צו איר און צו זײַנע קינ־דער און ער האָט צוגעאײַלט זײַנע טריט.

געמישטע געפֿילן האָבן אים באַהערשט. ער האָט זיך געפֿרייט, וואָס ענדלעך וועט ער באַלד זען זײַנע קינדער און זײַן געטריי ווײַב, ער וועט זיי אַלעמען אין זײַנע אָרעמס אַרײַננעמען, צו דער ברוסט צודריקן.

— צוועלף יאָר זיי נישט געזען! — האָט ער מיט די ליפּן געמורמלט.

אָבער באַלד האָט אַ צווייט געפֿיל אין זײַן האַרץ זיך באַזעצט און אים אָנגעהויבן מאַטערן: „איצט קאָנסטו זיך שוין אָפּגעזעגענען מיט יבנה, מיט אַלע תּלמידי־חכמים, מיט אַלע דײַנע חברים און דער עיקר — מיטן לערנען, מיטן פֿאַרזעצן און פֿאַרענדיקן דײַנע אָנגעצייכנטע פּלע־נער...״

ער האָט אויך אַ באַהאַלטענעם ציל בײַ זיך אין האַרץ געוואָרעמט, וואָס ער האָט נאָך אַפֿילו פֿאַר די ליפּן נישט געבראַכט. ער האָט געוואָלט אַן אייגן בית־המדרש האָבן, וואו ער וועט טויזנטער תּלמידים אויפֿציען אין זײַן גייסט.

פֿאַרשידענע פּלענער האָבן זיך בײַ אים אין קאָפּ געוועבט, וואָס זיי־נען נאָך בײַ אים אַליין נישט גאַנץ קלאָר געווען.

— מיר לעבן אין אומרואיקע צייטן — פֿלעגט ער טיילמאָל אויפֿן קול אַרויסזאָגן דאָס, וואָס ער האָט ביי זיך אין געדאַנק געטראַכט און פֿאַר זיינע תּלמידים נישט אַרויסגעגעבן — ווער ווייסט, וואָס עס קומט אויף אונדז. מיר זיינען אָפּהענגיק מיט אונדזערע מעשׂים פֿון דעם ווילן פֿון אוממענטשלעכע ברואים...

ער האָט אויפֿן זינען איצט געהאַט דעם באַרבאַרישן קייסער דאָמי־ציאַן און זיינע בלוט־דורשטיקע סענאַטאָרן.

— ווער ווייסט, וואָס פֿאַר אַ גזירות עס וועלן נאָך קעגן אונדז אַרויס־געגעבן ווערן... — און ער האָט אָנגעדייטעט, אַז ער דערוואַרט נישט קיין גוטס.

און דאָס אַלץ איז געווען אין צוזאַמענהאַנג מיט זיין פּלאַן מסדר צו זיין אַלע הלכות און דינים מיט אַ געוויסער אָרדנונג, וואָס זאָל זיך קאָנען אויפֿהאַלטן אויף דור־דורות.

אָט דיביידע געמישטע געפֿילן פֿון וועלן זען זיין הויזגעזינט און וועלן פֿאַרווירקלעכן זיינע געוואָגטע פּלענער אין יבנה, האָבן אים באַ־הערשט וואָס אַמאָל שטאַרקער, וואָס נעענטער ער איז צוגעקומען צו זיין היים.

— זי שלאָפֿט נאָך נישט... — האָט ער ווידער אַמאָל אַרויסגע־שעפּטשעט, ווען ער האָט דערזען דאָס אייל־לעמפּל דורכן פֿענצטער אַרויס־בלישטשען.

אָבער אָט הערט ער שטימען ביי זיך אין הויז. עמעצער איז דאָרטן דאָ. דאָס האַרץ הויבט אים אָן קלאַפּן: ער הערט אויך די שטימע פֿון רחלען. די זעלבע שטימע, וואָס מיט צוועלף יאָר צוריק; די זעלבע שטימע, וואָס האָט אים אַזוי פֿיל פֿרייד אַמאָל פֿאַרשאַפֿט, ווען ער איז נאָך אַ פּאַסטוך געווען ביי איר פֿאָטער; די זעלבע שטימע, וואָס האָט אים געהייסן גיין לערנען און אים צוגעזאָגט, אַז זי וועט מיט אים חתונה האָבן...

— מיין טייערע רחל... — האָט ער מיט די ליפּן געמורמלט.

אָבער אָט דערהערט ער די שטימע פֿון אַן עלטערער פֿרוי:

— איך פֿאַרשטיי דיך נישט, רחל. ווי לאַנג איז דער שיעור צו וואַרטן אויף אַ מאַן און אומזיסט ליידן אָרעמקייט. זעסט דאָך, דיין מאַן האָט אין דיר אינגאַנצן פֿאַרגעסן. ער האָט מער אין זינען דאָס לערנען ווי זיין אייגן ווייב און קינדער!...

— ער וועט צוריקקומען, ער וועט צוריקקומען... — האָט רחל זיך געוועהרט קעגן די רייד פֿון דער שכנטע — ער האָט מיך נישט פֿאַרגעסן. ער האָט ליב מיך, ער האָט ליב זיינע קינדער...

— פֿאַרגעס אָבער נישט, אַז ס'איז שוין צוועלף יאָר, ווי ער האָט דיך נישט געזען. ער טראַכט גאָרנישט וועגן דיר. איך זאָג דיר, רחל, אַז עס לוינט זיך נישט אומזיסט אַזוי לאַנג צו ליידן. מיין עצה איז, בעט דיך איבער מיט דיין פֿאָטער און רייס איבער מיט דיין מאַן. איך קאָן נישט צוזען דיין פּיין און די פּיין פֿון דיינע קינדערלעך — האָט די פֿרוי ווי אַ שטן צו איר געטענהט.

רחל איז אין כּעס געוואָרן אויף דער אַלטער שכנטע, פֿאַרוואָס זי רעדט אַזעלכע רייד אויף איר געליבטן מאַן.

— עס איז נישט אמת, אַז מיין מאַן האָט אין מיר פֿאַרגעסן, עס איז נישט אמת, אַז ער טראַכט גאָרנישט וועגן מיר — האָט זי מיט טרערן אין די אויגן אויסגערופֿן און דאָס געוויין האָט איר געשטיקט אין האַלדז — אויב מיין מאַן קומט נישט אַהיים צו מיר און מיינע קינדער, דאַרף ער נאָך דאָרט מסתּמא זיין. ער האָט גרויסע פּלענער צו פֿאַרווירקלעכן. מיין מאַן איז אַ גרויסער רבי, ער דאַרף ווערן דער פֿירער פֿון יידישן פֿאָלק. ניט נאָר אויף די פֿאַרגאַנגענע צוועלף יאָר טוט מיר נישט וויי מיין האַרץ, נאָר אַפֿילו ווען מיין מאַן וואָלט געדאַרפֿט זיין נאָך אַנדערע צוועלף יאָר, וואָלט איך עס אים מיטן גאַנצן האַרצן דערלויבט! דער גורל פֿון מיין פֿאָלק שטייט אין קאָן, און דער גורל פֿון מיין פֿאָלק גייט מיך מער אָן ווי מיין אייגענער גורל!...

רבי עקיבא איז אויפֿגעציטערט געוואָרן, דערהערנדיק די דאָזיקע דערהויבענע רייד פֿון אַן אשה. ער איז אויפֿגעציטערט געוואָרן פֿון באַ־גייסטערונג און ערפֿורכט פֿאַר דער דאָזיקער צויבערהאַפֿטער רחל.

— זי, מיין רחל, האָט מיר צום צווייטן מאָל דעם ריכטיקן וועג אָנ־געוויזן!... — האָט ער צו זיך אַליין גערעדט — אָט דאָס מיינט אַן אשת חיל... אשת חיל מי ימצא, ווער האָט נאָך געפֿונען אַזאַ איבער־געגעבענע פֿרוי?... איך האָב זי געפֿונען... — האָט ער די אויגן צום אויסגעשטערנטן הימל אויפֿגעהויבן.

ער איז געשטאַנען אַ ווייל, אַנגעזאַפּט זיין אויער מיטן זיסן קלאַנג פֿון אירע רייד. אָט האָט ער אויך דערהערט פֿון שלאָף דאָס געשריי פֿון זיינס אַ קינד. דאָס פֿאָטערלעכע האַרץ איז ביי אים שיער ניט צעריסן געוואָרן פֿאַר בענקשאַפֿט. אָבער ער האָט זיך געשטאַרקט. ער האָט זיך דערמאָנט אַן אַ קלוג וואָרט פֿון זיינעם אַ ייִנגערן חבר, פֿון זיין תּלמיד בן־זומא: „איזהו גבור, הכובש את יצרו — ווער הייסט אַ קרעפֿטיקער מאַן, ווער עס באַהערשט זיין ווילן”... ווער עס איבערוועלטיקט זיך, איז נאָך מער ווי ער וואָלט אַ שטאָט איינגענומען...

און ער האָט אויסגעדרייט זיך מיט זיין רוקן צו דעםביידל, פונוואַנען דאָס קול פון זיין ווייב איז צו אים נאָך דערגאַנגען, פאַרמאַכט די אויגן אַ ווײַלע, און מיטאַמאָל האָט ער אָנגעהויבן צו שפּרייזן פאַרויס, פאַר־אויס, ווי עס וואָלט אים עמעצער פון הינטן נאָכגעיאָגט, ביז ער איז צוגע־קומען צו זיינע וואַרטנדיקע תלמידים הינטער דעם דאָרף.

— קומט קיין יבנה!... — האָט ער מיט אויפגעפלאַמטע אויגן אויס־געשריגן — מיר האָבן נאָך פיל דאָרט אויפצוטאָן און פיל זאַכן וואַרטן אויף מיר צו דערגרייכן!

די תלמידים האָבן זייער רבין גאָרנישט איבערגעפרעגט. זיי האָבן זיך, וואָס אָן אמת, זייער שטאַרק געוואונדערט און נישט פאַרשטאַנען וואָס דאָ איז פּלוצלינג געשען, אָבער זיי האָבן נישט געוואָגט אים איבערצו־פרעגן. זיי זיינען צוזאַמען מיט זייער באַליבטן רבין צוריקגעגאַנגען קיין יבנה.

אויפן וועג האָבן זיי בלויז געהערט פון זיין מויל אַרויסברומען עט־לעכע אומפאַרשטענדלעכע ווערטער:

— איר וואָרט איז פאַר מיר אַ געבאָט...

קאַפּיטל 10

די באַגעגעניש

●

די ידיעה וועגן רבי עקיבאס פּלוצלינגען אומקערן זיך צוריק קיין יבנה האָט זיך איבערן גאַנצן לאַנד פאַרשפּרייט. פיל וואונדער האָבן דער־נאָך זיינע תּלמידים איבערגעגעבן, זיי האָבן געלויבט זיין שטאַרקן ווילן און רבי עקיבא איז אין זייערע אויגן נאָך מער אויסגעוואַקסן.

אויך צו רחלען איז די דאָזיקע נייעס דערגאַנגען: איר געטרייער גרויסער מאַן איז הינטער איר פּענצטער געשטאַנען, אָבער ער איז נישט אַריינגעקומען, ווייל ער האָט מורא געהאַט זיך אויסצושטעלן אויף אַ נסיון.

רחל האָט געוויינט מיט ביטערע טרערן. זי האָט אָבער נישט באַ־דויערט די טאַט פון איר גרויסן מאַן. זי האָט געגלויבט, אַז אויב ער האָט אַזוי געטאָן, האָט עס געמוזט אַזוי זיין. זי האָט אים געבענטשט דערפאַר, וואָס ער האָט אַזאַ שטאַרקן ווילן.

— יאָ — האָט זי דערנאָך צו איר שכנטע גערעדט — איך האָב דעם דאָזיקן שטאַרקן ווילן באַלד ביים אָנפאַנג פון אונדזער באַקענען זיך אין אים באַמערקט. דעריבער האָב איך אַזוי שטאַרק געגלויבט אין זיין קומענדיקער גרויסקייט. געלויבט ביסטו, גאָט, וואָס האָסט מיין מאַן גע־געבן דעם געדאַנק אַזוי צו טאָן... — האָט רחל זיך געשטאַרקט איבער אירע ווייבלעכע געפילן.

און ווידער האָט זי אָנגעהויבן געדולדיק וואַרטן, ביז איר מאַן וועט ענדלעך אַהיימקומען מיט דעם גרויסן כּבוד, וואָס ער וועט זיך האָבן פאַרדינט.

יאָרן זיינען געלאָפן. די קינדער זיינען גרויס געוואָרן. די צוויי זין, יהושע און שמעון, האָבן שוין געחלומט וועגן פאָרן קיין יבנה צום פאָטער לערנען. שולמית איז ווי אַ בלום אויפגעוואַקסן, אַ פּרעכטיקע יידישע טאָכטער. זי איז אינגאַנצן געווען ענלעך צו רחלען, ווען זי האָט זיך באַ־קענט מיט עקיבאן.

אָבער מיט שולמיתן איז געווען פֿאַרבונדן אַ שרעקלעכער סוד, וואָס רחל האָט איין זיך געטראָגן געהיים און אַפּילו פֿאַר איר מאַן קיינמאָל ניט געוואָלט אַנטפּלעקן, נישט וועלנדיק אים פֿאַרשאַפֿן קיין עגמת נפֿש און אים דערמיט שטערן פֿון לערנען.

און אָט וואָס עס האָט פּאַסירט:

ווען שולמית איז געבוירן געוואָרן, איז באַלד רבי עקיבא אַוועק קיין יבנה און רחל איז געבליבן איינע אַליין מיט די קינדער. איז איינמאָל פֿאַר איר געצעלט פֿאַרבייגעגאַנגען אַ שטערנזעער. ער האָט זיך אָפּגע־שטעלט פֿאַר איר הויז און געבעטן אַ שטיקל ברויט. רחל האָט אים גערן געגעבן צו עסן, און דערפֿאַר האָט ער איר אָנגעהויבן פֿאָרויסזאָגן די צוקונפֿט, פֿון וועלכער זי איז פּשוט נשתּומם געוואָרן.

דער שטערנזעער האָט איר נעמלעך געזאָגט, אַז זי וועט אין איר לעבן אַ סך נחת האָבן, דער מאַן וועט פֿאַרשיינען מיט זיין נאָמען די גאַנצע וועלט אויף דור־דורות, און אַז דער פֿאָטער אירער, כּלבא שבוע, וועט זיך מיט איר איבערבעטן און איר אָפּגעבן זיין גאַנץ פֿאַרמעגן און זיי וועלן זיין גאָר שטאַרק רייך. אָבער באַלד איז דאָס פּנים פֿון שטערנזעער פֿאַר־פֿינצטערט געוואָרן און אָפּגעהאַקט אינמיטן פֿאָרויסזאָגן רחלס צוקונפֿט.

— פֿאַרוואָס ביסטו שטיל געבליבן? — האָט רחל אַ דערשראָקענע דערזען זיין פֿאַרפֿינצטערט געוואָרן פּנים.

— איך זע נישט קיין גוטס... — האָט ער איר געענטפֿערט — אָבער אויב דו האָסט געקאָנט אויסהערן אַזוי פֿיל גוטס, מאָך דיר אויך האַרץ אויסצוהערן דאָס שלעכטע.

און ער האָט איר אָנגעזאָגט די שרעקלעכע בשורה, אַז — אין טאָג פֿון איר חתונה וועט שולמית, איר טאָכטער, געביסן ווערן פֿון אַ גיפֿ־טיקער שלאַנג און זי וועט שטאַרבן...

רחל האָט די גאַנצע צייט פֿון רבי עקיבאס אָפּוועזנהייט שרעקלעך געליטן דערפֿון. וואָס עלטער שולמית איז געוואָרן און וואָס שענער זי האָט זיך אַנטוויקלט, אַלץ טרויעריקער איז די מוטער געוואָרן. מיט פֿלאַטערנ־דיקער ציטערניש אין איר מוטערלעך האַרץ האָט זי אָפּגעוואַרט די צייט, ווען איר טאָכטער וועט דאַרפֿן חתונה האָבן.

רבי עקיבא האָט פֿון דער דאָזיקער געשעעניש גאָרנישט געוואוסט, אפֿשר וואָלט ער איר אויסגערעדט, וואָרים רבי עקיבא וואָלט דאָך אין דער דאָזיקער געצנדינערישער „נביאות" נישט געגלויבט.

⁂

דער נאָמען פֿון תּנא רבי עקיבא האָט געהאַלטן אין איין וואַקסן. ער איז געוואָרן באַרימט איבערן גאַנצן לאַנד און ווייט אַריבער די גרענעצן

פֿון לאַנד. ער איז שוין דעמאָלט געווען אַרומגערינגלט מיט טויזנטער תּלמידים, וועלכע האָבן מיט דורשט געשעפּט תּורה פֿון זיין מויל.

צווישן זיך האָבן זיינע תּלמידים געשמועסט וועגן זייער רבין, אַז ער איז דער צווייטער גרעסטער תּנא נאָך הלל הזקן. און אין דער אמתן איז טאַקע אַזוי געווען. פֿון זיינע פֿריסטע טעג אָן, זינט ער האָט אָנגעהויבן לערנען, האָט ער געהאַט די טבע נישט אָװעקצוגיין פֿון אַ געוויסן געדאַנק, ביז ער האָט אים באַגרינדעט אויף אַ פּסוק אין דער תּורה. ער האָט אַריינגעטייטשט אין יעדן וואָרט, אין יעדן אות, אַפֿילו אין יעדן קריינדעלע, מיט וועלכע די אותיות זיינען געווען באַפּוצט, גאַנצע בערג מיט הלכות.

זיין שטרעבונג איז געווען אויסצושמידן איין גאַנצקייט פֿון דער תּורה שבכּתב און דער תּורה שבעל פּה. ער איז מיט זיין כּסדרדיקן אַרויסדרשענען פֿון דער תּורה די אַלע הלכות און פֿאַרשידענע דינים דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ער האָט פֿאַרוואַנדלט די געשריבענע תּורה און די גערעדטע אין איין פֿולשטענדיקער גאַנצקייט.

— איך וועל מאַכן אַזוי — האָט רבי עקיבא איינמאָל געזאָגט צו זיין געליבטן חבר ר׳ טרפֿון — אַז די רייד פֿון אונדזערע רבּיס זאָלן אויפֿגעהיטן ווערן אויף אייביק.

רבי טרפֿון האָט זיין חבר רבי עקיבא אַזוי שטאַרק ליב געהאַט, אַז ער פֿלעגט צו אים אָפֿט זאָגן: „דורך דיינע פּרושים מאַכסטו ווידער לעבעדיק דאָס, וואָס מיר אַלע האָבן שוין באַלד געהאַט פֿאַרגעסן!...

אויך רבי יהושע בן חנניה, וועלכער איז פֿון ערשטן מאָמענט־אָן געווען רבי עקיבאס אָנהענגער און אַזוי באַוואונדערט זיינע שאַרפֿזיניקע אויסטייטשונגען, האָט אַמאָל פֿון גרויס באַגייסטערונג פֿאַר זיין געראָטענעם תּלמיד אויסגערופֿן:

— אַ, ווען מען וואָלט געקאָנט אַראָפּנעמען די ערד פֿון דיינע אויגן, אונדזער רבי יוחנן בן זכאי, דו האָסט דאָך אַמאָל געצווייפֿלט, צי זאָלסט איינפֿירן אַ געוויסע הלכה, מחמת האָסט נישט געפֿונען קיין יסוד פֿאַר איר אין דער תּורה, אָט איז געקומען עקיבא און ער האָט געפֿונען דעם יסוד!

יאָ, רבי עקיבא איז געווען שוין אין יענער צייט אויף דעם העכסטן שטאַפּל פֿון באַרימטקייט און עס איז אַרומגעגאַנגען וועגן אים צווישן זיינע תּלמידים אַ הערלעכע לעגענדע, וואָס האָט אָפּגעשפּיגלט זייער גרויסע מיינונג וועגן זייער רבין.

זיי האָבן אַזוי דערציילט:

„ווען משה רבנו איז אַרויפֿגעקומען אויפֿן הימל מקבל זיין די תּורה, האָט ער געזען, ווי גאָט ברוך הוא זיצט אויפֿן כּסא הכּבוד און מאַכט קריינדעלעך צו די אותיות פֿון דער תּורה. האָט משה רבנו געזאָגט צום רבונו של עולם:

— האַר פֿון דער וועלט! צו וואָס טויגן דיר די דאָזיקע קריינדעלעך? קאָן דען נישט די תּורה געגעבן ווערן אָן די דאָזיקע באַפּוצונגען?

האָט אים דער אויבערשטער דערויף געענטפֿערט:

— מיט אַ סך דורות שפּעטער וועט קומען אַ מאַן מיטן נאָמען עקיבא בן יוסף, וועלכער וועט דרשענען אויף יעדן שטריכעלע גאַנצע בערג מיט הלכות, מאַך איך דאָס פֿאַר זיינעטוועגן די דאָזיקע קריינדעלעך.

דערויף האָט משה רבנו געזאָגט:

— קאָנסטו מיר אים אפֿשר ווייזן! איך וואָלט אים זייער געוואָלט אָנקוקן.

„האָט דער אויבערשטער געהייסן משהן אַ קוק טאָן צווישן די בענק פֿון די תּלמידים אויף אַכט שורות ווייטער. האָט משה רבנו געזען, ווי אַ מענטש זיצט און לערנט מיט זיינע תּלמידים תּורה, ער האָט אָבער גאָר נישט פֿאַרשטאַנען, וואָס יענער זאָגט. אָבער דאָך האָט ער כּסדר געהערט, ווי יענער מענטש האָלט אין איין איבערחזרן די זעלבע פֿראַזע: „אָט דאָס האָב איך בקבלה אַלס הלכה למשה מסיני...״

האָט משה רבנו דעמאָלט זיך אָנגערופֿן צו גאָט ברוך הוא:

— רבונו של עולם! דו האָסט אַזאַ גרויסן מענטש און דו גייסט גאָר געבן די תּורה דורך מיר?...

האָט אים דער אויבערשטער דערויף געענטפֿערט:

— אַזוי איז מיין ווילן!״״

ווען איינער פֿון די תּלמידים האָט געענדיקט דערציילן די דאָזיקע צויבערנדיקע לעגענדע, האָבן אַלע אַ לאַנגע צייט שטילגעשוויגן און פֿאַרמאַכנדיק די אויגן, האָבן זיי זיך פֿאַרגעשטעלט דאָס בילד, וואָס איז ערשט נאָר־וואָס דערציילט געוואָרן, און זיי זיינען אַריינגעפֿאַלן אין אַזאַ התלהבות, אַז זיי האָבן אָנגעהויבן זינגען אויפֿן הויכן קול, גלייך די מלאכי השרת וואָלטן געזונגען פֿאַרן באַשאַפֿער פֿון דער וועלט.

רבי עקיבא האָט אין זיך איינגעזאַפּט די לערעס פֿון אַלע זיינע רבּיס, און מיט איין מידה איז ער זייער שטאַרק ענלעך געווען צו זיין ערשטן רבין, ר׳ נחום איש גמזו. רבי עקיבא האָט פֿון שטענדיק־אָן, אַפֿילו אין זיינע פּאַסטוך־יאָרן, געהאַט די געוואוינהייט צו זאָגן דאָס ווערטל: „אַלץ וואָס גאָט טוט, טוט ער צום גוטן...״

איינמאָל האָבן אים זיינע תּלמידים געפֿרעגט:

— רבי, דו זאָגסט יעדעס מאָל, ווען עס געשעט מיט דיר עפּעס שלעכטס: „אַלץ וואָס גאָט טוט, טוט ער צום גוטן". פון וואַנען האָסטו דיך דערין איבערצייגט?...

רבי עקיבא האָט גוטמוטיק אַ שמייכל געטאָן. זיינע שוואַרצע אויגן האָבן אויפגעפלאַמט און ער האָט זיי דערציילט דאָס פאָלגנדע מעשהלע:

"כ'בין אַמאָל געגאַנגען אין וועג איינער אַליין, און כ'האָב מיט מיר מיטגעהאַט אַן אייזל, אויף וועלכן איך האָב געפירט מיינע זאַכן, אַ האָן, וואָס זאָל מיך אויפוועקן יעדן פרימאָרגן צו קריאת שמע של שחרית, און אַ ליכט, אַז כ'זאָל קאָנען ביינאַכט לערנען תורה.

„ווען עס איז צוגעפאַלן די נאַכט, בין איך גראָד אָנגעקומען אין אַ שטעטל. איך בין געוועז זייער מיד, האָב איך מיר געזוכט אַ נאַכטלעגער ערגעץ אין אַ גאַסט־הויז.

„אָבער וואו איך בין אַריינגעקומען, האָט מען מיר קיין נאַכטלעגער נישט געוואָלט געבן. האָב איך מיר דערויס גאָרנישט געמאַכט און האָב צו מיר אַליין געזאָגט: „אַלץ וואָס גאָט טוט, טוט ער צום גוטן"... איך בין אַוועק אין ליידיקן פעלד אַריין הינטער דער שטאָט און דאָרט בין איך געבליבן נעכטיקן.

„כ'האָב אָנגעצונדן מיין ליכטל און געזעצט זיך לערנען אין דער תורה, איז געקומען אַ ווינט און האָט דאָס ליכטל אויסגעלאָשן און כ'בין געבליבן זיצן אין דער פינצטערניש. האָב איך קיין אַנדער ברירה נישט געהאַט און געלייגט־זיך שלאָפן.

„אינמיטן דער נאַכט איז געקומען אָנצולויפן אַ לייב און האָט מיר אויפגעפרעסן דאָס אייזל. איז דאָס נאָך ווייניק, איז שפּעטער געקומען אַ פוקס און דערשטיקט מיין האָן.

„איך בין, הייסט עס, געבליבן אָן גאָרנישט. האָב איך אויסגערופן צו מיר: מסתמא איז אַזוי רעכט, אַלץ וואָס גאָט טוט, טוט ער צום גוטן...

„אינדערפרי, ווען איך בין אויפגעשטאַנען פון שלאָף, האָב איך מיך דערוואוסט, אַז אויף דעם שטעטל זיינען ביינאַכט אָנגעפאַלן רויבער, זיי זיינען אַריין אין אַלע הייזער, די גאַנצע באַפעלקערונג גענומען אין געפאַנגענשאַפט, כדי זיי צו פאַרקויפן ערגעץ פאַר קנעכט. ערשט דעמאָלט האָב איך פאַרשטאַנען, וואָס גאָט האָט מיט מיר געטאָן פאַר אַ חסד: ווען דער ווינט לעשט נישט אויס דאָס ליכט און ווען דער לייב פרעסט מיר נישט אויף דאָס אייזל און דער פוקס דערשטיקט נישט דעם האָן, וואָלטן די אַלע מיך אָן שום ספק געוועזן אויסגעגעבן צו די רויבער, און דאָס זעלבע וואָלט מיט מיר געווען געשען, ווען די מענטשן אין שטעטל וואָלטן מיר געוועזן געגעבן אַ נאַכטלעגער!

„נו, בין איך נישט גערעכט, ווען איך זאָג: ׳אַלץ וואָס גאָט טוט, טוט ער צום גוטן׳?...“

די תּלמידים האָבן געגאַפֿט פֿון זייער רבינס מעשהלע און האָבן עס זיך גענומען אין זינען אַריין.

רבי עקיבא האָט, נאָכן אָפּזיין ווייטערדיקע עטלעכע יאָר אין יבנה, געהאַט שוין דערגרייכט צו דער העכסטער שטופֿע, וואָס ער האָט נאָר געקאָנט חלומען. ער איז געוואָרן אַ נאָענטער חבר פֿון נשיא רבן גמליאל, אין דעם ראָט פֿון די סנהדרין האָט מען צו זיינס אַ וואָרט זיך צוגעהערט מיט דער גרעסטער אויפֿמערקזאַמקייט. ער האָט געהאַט גאָר אַ גרויסן איינפֿלוס אויף טויזנטער תּלמידים אין יבנה. ער האָט אויך געהאַט, פֿאַר־שטייט זיך, קעגנער. צווישן זיי איז געווען זיין בעסטער חבר, ר׳ ישמעאל בן אלישע, וועלכער האָט אַנטשידן באַקעמפֿט ר׳ עקיבאס אַריינדרשענען אין יעדן אות פֿון דער תּורה פֿאַרשידענע געדאַנקען, ער איז געווען אַן אָנהענגער פֿון פּשוטן טייטש פֿון וואָרט.

רבי עקיבא האָט דעריבער ביי זיך געהאַט אָפּגעמאַכט אַ פּלאַן אַליין אויפֿצושטעלן אַ בית־המדרש אין בני־ברק, לעבן יבנה, וואו ער וועט זיך פֿאַרנעמען מיטן צונויפֿשטעלן די משנה, די אַלע לערעס, וואָס אַלע תּנאים פֿאַר אים און פֿון זיין אייגענעם דור האָבן געלערנט. דאָס איז געווען דער גרעסטער ציל, וואָס ער האָט זיך אין זיין לעבן געשטעלט.

איבער דער צייט האָט זיין ווייב רחל פֿאַרלאָזט דאָס דאָרף קרחה און האָט זיך איבערגעצויגן קיין ירושלים, וואו די צוויי זין זייערע, יהושע און שמעון, האָבן געקאָנט ווייטער פֿאָרזעצן זייער לערנען. זי האָט וועגן דעם געלאָזט וויסן רבי עקיבאן, וועלכער האָט זיך זייער געפֿרייט איבער דעם דאָזיקן גוטן איינפֿאַל פֿון זיין געטרייען ווייב.

— אין גוטע הענט שטייען זיי אייך, מיינע זין — פֿלעגט ער צו זיך אַליין זאָגן — פּונקט ווי זי האָט מיך געפֿירט אויף אַ גוטן וועג, אַזוי, האָף איך, וועט זי אויך אונדזערע זין פֿירן.

ער האָט אָבער ביי זיך אין האַרצן אויך מודה געווען, אַז עס איז שוין די העכסטע צייט, ער זאָל אַליין איבערנעמען די השגחה איבער זיינע קינדער. זיי זיינען שוין דערוואַקסן גענוג צו קאָנען לערנען תּורה פֿון אים און פֿון זיינע תּלמידים.

האָט רבי עקיבא דעריבער זיך אָנגעהויבן גרייטן צו פֿאַרלאָזן יבנה און ענדלעך נאָך אַזוי פֿיל יאָרן קומען אַהיים.

די ידיעה וועגן זיין באַלדיקן קומען קיין ירושלים האָט זיך מיט אַ בליץ־שנעלקייט פֿאַרשפּרייט איבערן גאַנצן לאַנד און ספּעציעל האָט מען

זיך אין ירושלים געגרייט אים אויפֿצונעמען מיטן גרעסטן כבוד, וואָס ער האָט זיך נאָר פֿאַרדינט.

אויך רחל האָט זיך געגרייט. איר האַרץ איז געווען איבערפֿולט מיט דער גרעסטער פֿרייד, וואָס אַ מענטש קאָן נאָר האָבן אין זיין לעבן. זי האָט ענדלעך דערגרייכט איר גרעסטן ציל, וואָס זי האָט נאָר געחלומט. אמת טאָקע מיט גרויסער אָפּפּערוויליקייט און מיט פֿיל פּיין און יסורים, אָבער איצט ווערט איר דאָס אַלץ אָפּגעצאָלט כּפֿל־כּפֿלים.

זי האָט געפּוצט און געשייערט איר וואוינונג, וואָס איז איצט געווען פֿיל גרעסער ווי אין קרחה. עזריה, עקיבאס אַלטער חבר, האָט איר פֿיל געהאָלפֿן דערין. ער איז ספּעציעל געקומען קיין ירושלים זיך צו טרעפֿן מיט זיין אַמאָליקן פֿריינט, בעת זיי זיינען נאָך ביידע געווען פּאַסטוכער אין רמלה.

עזריה האָט באַוואונדערט רחלען פֿאַר איר אויסהאַלטעוודיקייט. שוין איבער צוואַנציג יאָר זיינען אַדורך זינט יענער צייט, ווען זי האָט זיך באַ־געגנט מיט עקיבאן. עס איז שוין נישט געווען יענע שלאַנקע, פּרעכטיקע יידישע טאָכטער, וואָס אַלע האָבן איר שיינקייט באַוואונדערט. זי איז מיט צוואַנציק יאָר עלטער געווען. אָבער פֿון אירע אויגן און פֿון איר גאַנצן וועזן האָט אַרויסגעשיינט אַזאַ גרויסע פֿרייד און דערהויבנקייט, אַז זי איז ווי יינגער געוואָרן. דאָס גאַנצע גליק, וואָס האָט פֿאַר איר נישט עקזיסטירט איבער צוואַנציק יאָר, האָט זיך איצט אויף איר פֿאַרעלטערט פּנים באַזעצט און זיך אויסגעגאָסן איבער איר מיט טויזנטער חנען.

איר געטרייער גרויסער מאַן קומט ענדלעך אַהיים צו פֿאָרן. ער וועט שוין איצט זיין מיט איר און מיט די קינדער. זיין נאָמען איז באַרימט ווייט און ברייט איבער דער גאַנצער וועלט, וואו יידן געפֿינען זיך נאָר און אַפֿילו צווישן די גריכישע און רוימישע געלערטע האָט מען וועגן רבי עקיבאן געהערט.

ניין, זי האָט קיין טעות אין אים נישט געהאַט. אַזוי האָט זי זיך אים פֿאַרגעשטעלט וועט ער אויסוואַקסן.

די לעצטע טעג איז זי ווינציקער געדולדיק געווען ווי די אַלע עט־לעכע און צוואַנציק יאָר, וואָס זי האָט אים נישט געזען. יעדע שעה האָט זיך פֿאַר איר געצויגן ווי אַ יאָר. זי איז גאַנצע טעג געשטאַנען ביים פֿענצ־טער און אויסגעקוקט, טאָמער קומט ער שוין אָן. דאָס האַרץ האָט איר געקלאַפּט און די אויגן האָבן געפֿלאַמט.

ביז איינמאָל אַ נאָכמיטאָג. עס איז געווען אַ פּרעכטיקער ניסן־טאָג אינדרויסן. דער הימל האָט גאָלדיק־תּכלתדיק געלויכטן און די לופֿט איז געווען אָנגעזאַפּט מיט ריחות פֿון די אַרומיקע וויינגערטנער און מאַנדל־

סעדער. ווי עס האָט זיך דערהערט פּלוצלינג פֿון ווייטן אַ שאַל פֿון שופֿרות און טראָמפּייטן, אַ געזשום פֿון טויזנטער מענטשן, גלייך ווי דער ים וואָלט זיך אָפּגעריסן און אַרויס פֿון זיינע ברעגן.

רחל איז צוגעלאָפֿן צום פֿענצטער און האָט געזען, ווי מענטשן איילן זיך אַרויס אויפֿן וועג הינטער דער שטאָט, וואָס פֿירט פֿון יפֿו, און אין איר האַרץ האָט אָנגעהויבן זעצן ווי מיט האַמערס.

— צי איז טאַקע שוין געקומען מיין גליקלעכער מאָמענט? — האָט זי מיט די ליפּן פֿרום געשעפּטשעט.

און זי האָט געכאַפּט דאָס זיידענע טיכל, וואָס זי האָט נאָך פֿאַרמאָגט פֿון די אַלטע צייטן, אַרומגעהילט דערמיט איר קאָפּ און אויך אַרויסגעלאָפֿן אינדרויסן. ביים ערשטן דורכגייער האָט זי געפֿרעגט די סיבה פֿון אַלעמענס לויפֿן.

— אַ גרויסער רבי איז געקומען צו אונדז אין שטאָט אַריין. גאַנץ ירושלים איז אַרויס אים מקבל פּנים זיין! — האָט דער פֿרעמדער מאַן איר געענטפֿערט און איז באַלד פֿאַרשוואונדן געוואָרן.

רחל איז געווען אָרעם אָנגעטאָן, און נישט דרייסט האָט זי זיך געלאָזט לויפֿן מיטן שטראָם מענטשן, וואָס האָבן אומאויפֿהערלעך געצויגן אַרויס פֿון דער שטאָט. זי איז מיטגעצויגן געוואָרן ווי פֿון אַ ריזיקער כוואַליע אין ים.

ערשט הינטער דער שטאָט האָט זי פֿונדערווייטנס דערזען אַ מחנה מיט יונגעלייט, אין פֿאַרשידענע פֿאַרביקע קליידער אָנגעטאָן, מאַרשירן איבער דער גאַנצער ברייט פֿון וועג און אינדערמיט פֿון זיי רייט אויף אַן אייזל אַ בכבודיקער ברייטפּלייציקער מאַן מיט אַ גרויסער קיילעכדיקער גרויער באָרד אין אַ ווייסער זיידענער אַבאַיע אָנגעטאָן, דער קאָפּ זיינער איז אַרומגעהילט מיט אַ בלוי־זיידענעם טוך. זי האָט זיך דערנענטערט, קוים זיך דורכגעשלאָגן אַ וועג דורך דעם געדיכטן המון, צו דעם דאָזיקן מאַן, וועלכער האָט געדאַרפֿט זיין דער רבי, און זי האָט אים גלייך דערקענט.

— אַ מלך!... — האָט זי מיט די ליפּן געשעפּטשעט פֿול מיט ליבע און געטריישאַפֿט — אַ מלכותדיק אויסזען...

אין דעם מאָמענט איז פֿאַר אירע אויגן אויפֿגעשוואומען עקיבא דער פּאַסטוך, ווען זי האָט אים דאָס ערשטע מאָל דערזען הינטער רמלה אויפֿן פֿעלד מיט זיינע שעפּסן און איז פֿון ערשטן בליק צו אים צוגעצויגן געוואָרן.

איצט איז דאָס אַ מאַן פֿון אַ יאָר זעכציק, אָבער זיין פּנים איז נאָך געגונג פֿריש, ברוין ווי דעמאָלט, ווען ער האָט געפּיטערט זיינע שאָף,

בלויז וואָס די באָרד איז גרעסער אויסגעוואָקסן און מיט פּיל גרויע האָר דורכגעוועבט. די אויגן פֿלאַקערן פּונקט ווי אַמאָל, ווען ער איז מיט צוואַנציק יאָר יינגער געווען. די ווייסע געזונטע ציין שמייכלען צו איר אַנטקעגן, אָבער ער דערקענט זי זיכער נישט. דאָס שמייכלט ער אַזוי צום גאַנצן עולם, וועלכער באַגריסט אים אַזוי הייס און מיט גרויס ערפּורכט.

אָבער דאָ געשעט אַ מאָדנע זאַך פֿאַר די פּיל יונגע און אַלטע תּלמידים, וואָס רינגלען אַרום זייער רבין.

אַן אַלטע, אָרעם־געקליידטע פֿרוי רייסט זיך מיט אַלע כּוחות דורך דעם טויזנט־קעפּיקן עולם. אַט איז זי שוין אַזוי נאָענט, אַז זי קאָן באַלד מיט איר האַנט גרייכן צום עק פֿון רבינס קלייד, צו וועלכן זי שטרעקט זיך מיט אַלע כּוחות.

— לאָזט מיך! לאָזט מיך!... — מורמלט זי עקשנותדיק צו די אַרומיקע מענטשן.

אָבער דאָ פֿאַלן צו איר צו עטלעכע פֿון רבי עקיבאס תּלמידים, נעמען זי אָן פֿאַרן אָרעם און רייסן זי מיט געוואַלט אַוועק פֿון זייער רבין. דאָס אייזל, אויף וועלכן רבי עקיבא איז געזעסן, האָט זיך דערוויל איבערגעשראָקן פֿון דעם אַמפּערן זיך מיט דער עלטערער פֿרוי און זיך געשטעלט אויף די הינטערשטע פֿיס. די תּלמידים זיינען בייז געוואָרן אויף דער פֿרוי, פֿאַרוואָס זי שטערט זייער רבין.

אין דעם מאָמענט האָט רבי עקיבא דערקענט רחלען, זיין רחלען, זיין געטריי און איבערגעגעבן ווייב. ער שפּרינגט אַראָפּ פֿון דעם אייזל און אין זיין גאַנצער מאַיעסטעטישער הויך שטעלט ער זיך אויף און גיט אַ געשריי:

— לאָזט זי אָפּ!

און ער האָט אויסגעשפּרייט זיינע אָרעמס, אין וועלכע רחל איז אַריינגעפֿאַלן אין אָנמאַכט.

— רחל, מיין טייערע רחל, מיין געליבט ווייב, זע!... — האָט ער אַ וויין געטאָן מיט גרויס באַגייסטערונג איבערן טויזנטער־קעפּיקן עולם.

און מער האָט ער נישט געקאָנט אַרויסרעדן. טרערן פֿון פֿרייד און געריירטקייט האָבן אים געשטיקט אין האַלדז.

די טויזנטער תּלמידים און די צענדליקער טויזנטער, וואָס זיינען אים געקומען אַנטקעגן, זיינען געבליבן שטיין פֿאַרגאַפֿט פֿון דעם אויסערגעוויינלעכן בילד.

— דאָס איז דאָך רחל, מיין ווייב! — האָט ער ענדלעך מיט פֿאַרשטיקטער פֿרייד אויסגערופֿן און אויסשטרעקנדיק צו איר מיט זיין פֿינגער, האָט ער געזאָגט — ווען נישט זי, וואָלט איך דאָך נישט געווען

דערגרייכט דאָס אַלץ; ווען נישט זי, מיין טייערע און געטרייע רחל, וואָלט איך דאָך ביזן היינטיקן טאָג געווען פאַרבליבן אַ פּשוטער פּאַסטוך! איך און איר אַלע — האָט ער מיט זיין פינגער אַ ווייז געטאָן איבערן גאַנצן עולם תּלמידים — האָבן מיר איר צו פאַרדאַנקען דאָס, וואָס מיר זיינען!...

האָבן דעמאָלט די תּלמידים געמאַכט פּלאַץ פאַר דער אָרעמער פרוי און מיט גרויס דרך־ארץ געקוקט אויף איר.

און רבי עקיבא איז שוין צוזאַמען מיט רחלען געגאַנגען צופוס ביז זייער וואוינונג, וואו עס האָבן שוין געוואַרט די צוויי זין, וואָס זיינען נאָר־וואָס אַהיימגעקומען פון בית־המדרש, און די איינציקע פרעכטיקע טאָכ־טער שולמית.

רבי עקיבא האָט זי כּמעט ניט געקענט. בלויז ווען ער האָט זי דער־זען, האָט ער מיט גליקלעכער פרייד אויסגערופן:

— רחל, זע!...

און רחל האָט פאַרשטאַנען, וואָס עס איז געלעגן אין זיין אויסגעשריי. ער האָט אין זיין שיינער טאָכטער דערזען רחלען, ווי זי איז געווען מיט עטלעכע און צוואַנציק יאָר צוריק. זי איז געבליבן שטיין אַ ווילע צע־טומלט, ווי זי וואָלט געווען שולדיק, פאַרוואָס זי האָט איר אַמאָליקע שיינ־קייט און יונגקייט ביז היינט נישט אויפגעהאַלטן. אַ טרער האָט זיך באַ־וויזן אין אירע אויגן. אירע בעסטע און שענסטע יאָרן זיינען אַוועק אין איינזאַמקייט...

רבי עקיבא האָט מיט איין בליק פאַרשטאַנען אירע געדאַנקען. ער האָט זי אַרומגענומען און לאַנג, לאַנג צו זיך צוגעדריקט.

— מיין טייערע רחל, מיין געטריי ווייב... — האָט ער שטיל און מיט ליבע געשעפּטשעט — דיר בין איך דאָך דאָס אַלץ שולדיק, נאָר דיר, מיין מלאך המושיע!...

די טויזנטער תּלמידים, וואָס זיינען מיט רבי עקיבאן מיטגעקומען, האָבן זיך פונאַנדערגעשפּרייט איבער גאַנץ ירושלים צו זוכן נאַכטלעגערס און פּלעצער וואו צו עסן. פיל באַלעבאַטים האָבן אַריינגענומען צו זיך צו איינעם אָדער צו עטלעכע תּלמידים און געגעבן זיי צו עסן, צו טרינקען און אַ נאַכטלעגער.

עס איז געוואָרן לעבעדיק אין שטאָט.

עס האָט אויסגעזען ווי אין יענע צייטן, ווען דאָס בית־המקדש איז נאָך געשטאַנען און יידן זיינען געקומען אויף די ימים־טובים עולה־רגל זיין קיין ירושלים. פון אַלע טירן און פענצטער האָט מען געהערט לערנען. פרויען זיינען געקומען מיט די קליינע קינדערלעך אין די וויגן און זיך אַנידערגעשטעלט אויף דער זון הינטער די פענצטער, כּדי די פּיצלעך

עופהלעד זאָלן איינזאַפּן אין זיך מיט דער מאַמעס מילך דאָס קול פון דער תורה.

עס זיינען געשלאָסן געוואָרן שידוכים צווישן די אָנגעפאָרענע תלמידים און די שיינע ירושלימער מיידלעך. עס זיינען פאָרגעקומען פיל חתונות. יידן האָבן אויף אַ ווייל פאַרגעסן אָן זייערע פּיין און נגישות, וואָס די רוי־מישע באַאַמטע האָבן זיי אָנגעטאָן.

שבת איז רבי עקיבא געפירט געוואָרן אין שול אַריין מיט גרויס כבוד. די תלמידים האָבן זיך פאַרזאַמלט אַרום זיין הויז, וואו ער האָט גע־וואוינט און האָבן אים שעהן לאַנג אָפּגעוואַרט. ווען רחל האָט די גרויסע מחנה תלמידים דורכן פענצטער דערזען, האָבן זיך איר טרערן אין די אויגן געשטעלט פון פרייד און גליק. דאָס האַרץ האָט איר געציטערט פון צופיל גערירטקייט.

דאָס איז איר מאַן, אים גיט מען דאָס אָפּ אַזוי פיל כבוד. אַזוי פיל ירושלימער באַלעבאַטים זיינען געקומען צו אים אין שטוב אַריין צו געבן אים שלום.

רבי עקיבא, אין ווייסע זיידענע קליידער און אין אַ טלית פון תכלת איינגעהילט, האָט זיך באַוויזן אין דרויסן פאַר זיינע תלמידים, וועלכע האָבן מיט גרויס ליבע און יראת־הכבוד אים באַגריסט. ער האָט אויס־געזען אַזוי שיין און הדרת־פּנימדיק.

רחל איז לעבן אים געשטאַנען און אַלע הימלישע לייטזעליקייטן האָבן אויף איר גערוט. זי האָט זיך געשפּיגלט אין איר מאַן ווי אין אַ זון. זיינע שטראַלן זיינען אויף איר געפאַלן מיט שפע און די תלמידים זיינע האָבן אויך איר אָפּגעגעבן כבוד.

— דאָס איז די פרוי, וועלכער רבי עקיבא און מיר האָבן צו פאַר־דאַנקען דאָס אַלץ! — האָט אַ תלמיד נאָכגעזאָגט איצטער זיין רבינס נעכ־טיקע רייד.

— נעמט אייך אַראָפּ אַ ביישפּיל, יידישע טעכטער, פון רחל בת כלבא שבוע! — האָט אַ צווייטער אויסגערופן צו אַ גרופּע יונגע מיידלעך אין ווייסן אָנגעטאָן, וועלכע האָבן זיך פאַרזאַמלט אַרום רבי עקיבאס הויז און בגנבה געוואָרפן בליקן אויף די יונגע חנעוודיקע תלמידים פון יבנה.

— מיר געפעלט אָט יענער בחור, דער הויכער! — האָט אַ מיידל צו איר חברטע אין אויער געשעפטשעט — מיין פאָטער האָט אים צו אונדז אויף היינט צו דער שבתדיקער סעודה פאַרבעטן. זע נאָר, ווי די אויגן לייכטן ביי אים, ווי שלאַנק ער איז, פונקט ווי אַ צעדערבוים איז זיין וואוקס.

— און מיר געפֿעלט אַט דער, וועלכער שטייט לעבן דיין חתן... — האָט די חבֿרטע איר געענטפֿערט.

דאָס פֿריערדיקע מיידל איז רויט געוואָרן צוליב דעם, וואָס די חבֿרטע רופֿט אים שוין איר „חתן"...

אַט אַזוי זיינען די שמועסן אָנגעגאַנגען און איטלעכעס מיידל האָט זיך אַ בחור אויסגעקליבן און זי האָט שוין געקאָנט זיכער זיין, אַז איר פֿאָטער וועט אים אויף איר בקשה איינלאַדן צו זיך.

האָבן זיך טאַקע שמחות געמערט ביי יידן און אין פֿיל שטובן זיינען פֿאַרקנסונגען פֿאָרגעקומען און מען האָט תּנאים געשריבן.

דעם דאָזיקן שבת האָט רבי עקיבא געהאַלטן אַ דרשה אין שול. עס איז געווען שבת הגדול, דער לעצטער שבת פֿאַר פּסח. ער האָט גערעדט וועגן איבערגיין מעבֿדות לחירות, פֿון קנעכטשאַפֿט צו פֿרייהייט, און ער האָט פֿאַרשטעלטערהייט אויפֿגעמונטערט די יידן, אַז די צייט איז שוין נישט וויט, ווען יידן וועלן מיט זייערע אייגענע כּוחות זיך נעמען די פֿרייהייט.

ווען רבי עקיבא האָט גערעדט, האָט ער געפֿלאַמט אינגאַנצן פֿון התלהבֿות פֿאַר דער דאָזיקער זאַך. ער האָט אָנגעצונדן די הערצער פֿון זיינע צוהערער און ביי אַלעמען געוועקט זיסע האָפֿענונגען.

דעם שבת איז געווען יום־טובֿ ביי די ירושלימער יידן, אַ גרויסער יום־טובֿ פֿון פֿרייהייט.

רוימישע צענטוריאָנס, וואָס האָבן דאָ מיט זייערע גאַרניזאָנען גע־נעסטיקט אָדער צוגעפֿאָרענע פֿון קיסריה, האָבן צוגעקוקט זיך צו דער פֿרייד, וואָס יידן ווייזן פֿראַנק און פֿריי אַרויס. זיי האָבן געקריצט מיט די ציין, אָבער זיי האָבן נישט געוואַגט אַפֿילו דאָס מויל צו עפֿענען. זיי האָבן זיך געשראָקן פֿאַר רבי עקיבאַן. זיי האָבן געוואוסט וועגן זיינע פֿאַרבינ־דונגען מיטן קייסערלעכן הויף אין רוים, עס איז זיי באַקאַנט געווען זיין רייזע מיט אַ מתּנה צום קייסער דאָמיציאַן. זיי האָבן זיך אויך געשושקעט וועגן דער מאָדנער אינטימקייט צווישן אים און קלעמענס פֿלאַוויוס, דעם נאָענטן קרובֿ פֿון קייסער, און זיי האָבן מורא געהאַט אָנצוהויבן.

אַ חוץ דעם האָט זיין אימפּאָזאַנטע פֿיגור, זיין הדרת־פּנימדיק אויס־זען, זיין דרייסטער בליק געהאַלטן זיי פֿונדערווייטנס... פֿאַרקערט גאָר, אַ שליח פֿון ירושלימער רוימישן גאַרניזאָן איז געקומען באַגריסן רבי עקיבאַן צו זיין אָנקומען אין דער שטאָט ירושלים.

רבי עקיבא האָט אים פֿריינטלעך אָבער מיט יידישן שטאָלץ אויפֿגע־נומען און דעם אָפֿיציעלן שליח געדאַנקט פֿאַר זיין באַגריסונג.

זיינע צוויי זין האָבן זיך געטוליעט צום פֿאָטער, וועלכער האָט מיט זיי געשמועסט דברי־תּורה, און ער איז געווען צופֿרידן פֿעסטצושטעלן, אַז זיי האָבן שאַרפֿע קעפּ און פֿאַרנעמען זייער גוט דאָס, וואָס זיי לערנען.

שולמית איז פֿון איר פֿאָטער נישט אָפּגעטראָטן. זי האָט אים געגלעט און געהאַלדזט. רבי עקיבא האָט געשיינט פֿאַר נחת. עפּעס איז אים דורכן קאָפּ אין דעם מאָמענט דורכגעלאָפֿן, וואָס ער האָט שפּעטער, ווען ער איז געבליבן אַליין מיט רחלען, אַרויסגעזאָגט אויפֿן קול:

— איך האָב איינעם צווישן מיינע תּלמידים, וואָס וואַקסט אַ גרויסער געלערנטער, בן־עזאי איז זיין נאָמען. מען דאַרף אים פֿאַרבעטן צו אונדז. ער וועט זיין דער חתן פֿון אונדזער טאָכטער...

ביי דעם געדאַנק איז רחל טרויעריק געוואָרן. זי האָט זיך דערמאָנט אין דעם שטערנזעערס נביאות, אַז אין טאָג פֿון איר חתונה וועט איר איינציקע טאָכטער געביסן ווערן פֿון אַ גיפֿטיקער שלאַנג און זי וועט שטאַרבן...

— וואָס ביסטו אַזוי טרויעריק געוואָרן, מיין געטרייע? — האָט רבי עקיבא דערשראָקן געפֿרעגט און פֿול מיט ליבע אָנגעקוקט זיין רחלען.

רחל האָט זיך געוואַקלט, צי זאָל זי יאָ, צי זאָל זי נישט אים דערציילן וועגן דעם גרויסן אומגליק, וואָס עס שטייט פֿאַר זייער טאָכטער.

אָבער ווען רבי עקיבא איז צו איר צוגעשטאַנען, האָט זי אים דער־ציילט.

פֿאַרשטייט זיך, אַז ער האָט זיך דערפֿון אויסגעלאַכט און אויסגע־רעדט איר, הלמאַי זי גלויבט אין אַזעלכע נאַרישקייטן. ער האָט זי באַ־רואיקט, אַז זי זאָל זיך נישט שרעקן פֿאַר אָט דער דאָזיקער „נביאות", ווייל לויטן יידישן דין איז שטערנזעעריי געגליכן צו עבודה זרה און מען טאָר נישט גלויבן דעריין. עס וואונדערט אים אויף איר, אויף דער פֿרו־מער און גאָטספֿאַרכטיקער רחל, אַז זי זאָל גלויבן, וואָס אַ געצנדינערי־שער שטערנזעער האָט איר דאָרט מיט אַזוי פֿיל יאָרן צוריק פֿאַרויס־געזאָגט...

— מסתּמא האָסטו אים אַ צו קליין שטיקל ברויט געגעבן, האָט ער אויס רשעות דיך אָפּגעשראָקן! — האָט רבי עקיבא באַמיט זיך זי צו באַרואיקן און איבערצייגן זי — גויים זיינען רשעים קעגן יידן און זיי ווינטשן אונדז בלויז שלעכטס! — האָט ער מיט פֿאַרדראָס גערעדט.

רחל האָט זיך געלאָזט טרייסטן און זי האָט איר קאָפּ אָנגעלענט אויף איר מאַנס ברוסט און זיך באַרואיקט.

— גאָט זאָל אונדז נאָר געבן פֿיל נחת פֿון אונדזערע קינדער... — האָט זי פֿרום געשעפּטשעט.

— אמן, הלוואי!... — האָט רבי עקיבא געגלעט איר איבער די אַמאָל אַזוי שוואַרץ־סאַמעטענע האָר, וואָס זײַנען שוין איצטער היפּש דורכגעוועבט געווען מיט ווײַסע פֿעדים.

אָבער אין האַרצן בײַ רבי עקיבאן אַליין האָט זיך אויך אַרײַנגע־גנבעט אַ פֿונק פֿון אומרואיקייט.

— מען וועט בן־עזאין פֿאַרבעטן צו אונדז... — האָט ער, אויפֿ־שטעלנדיק זיך, דערמאָנט רחלען.

⁂

עס זײַנען אַוועק עטלעכע טעג. איינמאָל איז אין שול אַרײַנגעקומען אַ פֿרעמדער אַלטיטשקער מאַן און געפֿרעגט זיך אויפֿן רבין, רבי עקיבא, וועלכער איז ערשט ניט לאַנג געקומען פֿון יבנה. ער דאַרף אים זייער נויטיק זען.

ווען די תּלמידים, וועלכע זײַנען דאָרט געווען, האָבן אים געזאָגט, אַז באַלד וועט רבי עקיבא אַרײַנקומען דאַווענען די תּפֿילה פֿון מנחה, האָט זיך דער אַלטיטשקער ייִד אַוועקגעזעצט אין אַ ווינקל אויף דער ערד און צוגעוואַרט.

ווען רבי עקיבא איז אין דער באַגלייטונג פֿון פֿיל תּלמידים אַרײַנ־געקומען אין אַ ווײַל אַרום אין שול, האָבן זיך אַלע מענטשן אויפֿגע־שטעלט און אויך דער פֿרעמדער אַלטיטשקער, וואָס האָט זיך קוים אויף די פֿיס געהאַלטן, האָט זיך אויפֿגעהויבן פֿון זײַן פּלאַץ.

אין אָפּשײַן פֿון דער רויט־פֿלאַמענדיקער זון, וואָס האָט שוין גע־האַלטן אין אונטערגיין און איז געפֿאַלן אויף רבי עקיבאן דורך דער אָפּגע־לענטער טיר, האָט דער רבי אויסגעזען ווי אַ געטלעכער מלאך. ער איז אינגאַנצן אָפּגעגאָסן געווען מיט רויטער שקיעה.

דער אַלטער, ווען ער האָט אים דערזען, האָט אַזש אָנגעהויבן צו ציטערן פֿאַר אים און ער האָט מיט גרויס דרך־ארץ און יראת הכבוד זיך דערנעענטערט צום רבין.

רבי עקיבא האָט געוואָרפֿן אַ בליק און אים גלײַך דערקענט. דאָס איז געווען זײַן אַמאָליקער באַלעבאָס און איצטיקער שווער, דער רײַכער כלבא שבוע. כלבא שבוע האָט אים אָבער נישט דערקענט.

ער איז געקומען קיין ירושלים פֿון זײַן גרויסן באַזיץ לעבן טבריה, כּדי צו פֿרעגן אַן עצה בײַם רבין, וואָס ער זאָל טאָן מיט זײַן גרויס פֿאַר־מעגן.

כלבא שבוע איז שוין געווען זייער אַלט, בײַ 80 יאָר. ער האָט די גאַנצע צײַט, זינט זײַן איינציקע טאָכטער רחל האָט אים פֿאַרלאָזן, געלעבט

אַ טרויעריק לעבן, כאָטש ער איז געווען דער רייכסטער ייד אין גאַנץ יהודה און גליל.

ער איז געבליבן איינזאַם און דאָך האַרט ביי זיין עקשנות. עטלעכע מאָל האָט רחל אים געלאָזט וויסן, אַז זי וויל זיך איבערבעטן; זי האָט אים געשריבן, אַז זי האָט דריי קינדער, וועלכע לערנען תורה און אַז איר מאַן, עקיבא, לערנט אין יבנה און זי האָפט, אַז ער וועט אויסוואַקסן אַ גרויסער מאַן. כלבא שבוע האָט אָבער נישט געוואָלט הערן דערפון און אַפילו איר נישט געענטפערט אויף אירע אַנבאָטן זיך איבערצובעטן.

זיין האַרץ האָט געחלשט צו זען זי און צו זען זיינע איינּיקלעך, אָבער ער האָט זיך איבערוועלטיקט אין זיין האַרטער עקשנות און נישט נאָכגעגעבן. וועגן עקיבאס לערנען אין יבנה האָט ער בלויז מיט חוזק אַ שמייכל געטאָן, און ער פלעגט זיך אין האַרצן טראַכטן: „אָט דער עם הארץ לערנט אין יבנה?... ער קאָן דאָך צומאָל דעם „אלף־בית" נישט! ווי לערנט ער אין יבנה, ווי פאַרשטייט ער דאָרט אַ וואָרט, וואָס די גרויסע תּלמידי־חכמים זאָגן!...

איצט, ווען ער האָט געפילט, אַז זיינע טעג זיינען געציילטע, האָט ער באַשלאָסן זיין גאַנץ פאַרמעגן צו צעטיילן, אָבער ער האָט נישט געוואוסט ווי אַזוי און וועמען. און אַזוי ווי ער האָט געהערט, אַז אַ גרויסער רבי מיטן נאָמען רבי עקיבא איז געקומען קיין ירושלים, האָט ער באַשלאָסן אַהערצופאָרן און זיך מיט אים אַן עצה האַלטן.

רבי עקיבא האָט אים אָנגעקוקט און אין האַרצן באַדויערט, וואָס דער מענטש האָט אין זיינע לעצטע עטלעכע און צוואַנציק יאָר פון קיין פרייד נישט געוואוסט. ער האָט זיך אויך איצט דערמאָנט, מיט וואָס פאַר אַ גדלות ער האָט אים, דעם פאַסטוך־אויפזעער, אויפגענומען ביי זיך אין גאָרטן. אַ קרעפטיקער מאַן איז ער דעמאָלט געווען מיט אַ קיילעכדיקער שוואַרצער באָרד און אַ ברויך אָפּגעברענט פּנים און רויטע פליישיקע ליפּן. איצט שטייט פאַר אים אַן איינגעבויגענער שאָטן פון אַ מענטש מיט אַ שניי־ווייסער באָרד, מיט אויסגעלאָשענע אויגן, דאָס פּנים בלאַס און צעקנייטשט.

— רבי — האָט כלבא שבוע איבערגעהאַקט רבי עקיבאס געדאַנקען — איך בין געקומען דיך פרעגן אַן עצה, ווי אַזוי איך זאָל צעטיילן מיין גרויס פאַרמעגן, וואָס איך באַזיץ לעבן טבריה. כ'האָב פעלדער און ווייַנגערטנער, מאַנדל־סעדער, שאָף און רינדער. מיין נאָמען איז כלבא שבוע... — האָט ער מיט אַ געוויסן שטאָלץ אויסגערופן.

— צי האָסטו דען נישט קיין קינדער, וואָס דו ווילסט דיין גאַנץ פאַרמעגן פונאַנדערטיילן? — האָט אים רבי עקיבא געפרעגט.

— איך האָב אַמאָל געהאַט אַ טאָכטער — האָט דער אַלטער כלבא שבוע קוים אַרויסגעשטאַמלט און אַ פּלעמל פֿון שנאה האָט נאָך איצט אַ פֿלאַקער געטאָן אין זיינע אויסגעלאָשענע אויגן — אָבער זי האָט אין מיר ווידערשפּעניקט. זי האָט קעגן מיין ווילן חתונה געהאַט מיט אַן אָרעמען, אומוויסנדיקן פּאַסטוך און איך האָב זי דערפֿאַר מעביר־נחלה־געווען, רבי...

— צי בלויז נאָר דערפֿאַר, ווייל ער איז געווען אַן אָרעמער פּאַסטוך, האָסטו פֿאַרמיאוסט אין אים ? — האָט רבי עקיבא געפֿאָרשט.

— ניין, נישט בלויז דערפֿאַר. אפשר וואָלט איך דאָס פֿאַרקוקט... רבי, ער איז געווען אַ שרעקלעכער עם־הארץ, ער האָט נישט געקאָנט דאַווענען, אַפֿילו דעם „אלף־בית" האָט ער נישט געקאָנט. ווי האָב איך געזאָלט דערלויבן, אַז מיין טאָכטער, מיין איינציק געטריי און געראָטן קינד, זאָל מיט אַזאַ איינעם חתונה האָבן און געבוירן קינדער, וואָס זאָלן ענלעך זיין צו אים ? ווי וואָלט איך די דאָזיקע חרפּה געקאָנט איבער־טראָגן, רבי ?...

— הייסט עס, ווייל ער איז געווען אַן עם־הארץ, האָסטו אים נישט געוואָלט פֿאַר אַן איידעם. אָבער ווען ער וואָלט געווען אַן אָרעמער תּלמיד חכם, וואָלסטו נישט געווען זיך אָנטקעגנגעשטעלט ? — האָט רבי עקיבא ביי אים געפֿרעגט — אויב אַ שטייגער, ווען דו ווייסט, אַז ער קאָן ווערן אַ געלערנטער מאַן, וואָלסטו דיין טאָכטער נישט געווען מעביר נחלה געווען, איז עס אַזוי ?

— יאָ, רבי... — האָט כּלבא שבוע קוים גערעדט — אָבער... עס איז דאָך נישט מעגלעך געווען, ער האָט דאָך קיין „אלף"...

— וואָס הייסט ביי גאָט נישט מעגלעך ?... — האָט רבי עקיבא אַ געשריי געטאָן — ביי גאָט איז אַלץ מעגלעך ! אַלץ איז טאַקע פֿאָרויס־געזען, אָבער דעם מענטש איז געגעבן געוואָרן די בחירה, די אויסדערוויי־לונג פֿון גוטס און שלעכטס. די וועלט ווערט געאורטיילט שטענדיק פֿון דער גוטער זייט...

— אָבער, רבי...

— לאָמיר אָננעמען, אַז ער וואָלט זיך יאָ אויסגעלערנט, עס איז מעג־לעך אַזאַ זאַך... — האָט רבי עקיבא ווידער געענדערט דעם טאָן און ווייך גערעדט צום אַלטן כלבע שבוע, דערביי האָט זיך אַ גרויסע צאָל תּלמידים אָנגעהויבן זאַמלען אַרום זיי — אָט נעם פֿאַר אַ ביישפּיל דיין שכנס זון, רבי אליעזר בן הורקנוס, מיין גרויסער רבי. ער איז אויך געווען אַן עם־הארץ, געאַרבעט אויף דער ערד, געפּיטערט שאָף ביי זיין פֿאָטער און דאָך איז ער מיט זיין שטאַרקן ווילן געוואָרן אַ גרויסער תּנא...

— יאָ, רבי... — האָט דער אַלטיטשקער געשאָקלט מער מיטן קאָפּ ווי מיטן מויל אַרויסגעשטאַמלט.

— ווען ער וואָלט, למשל, געווען אַזאַ רבי ווי איך?... — האָט רבי עקיבא אים ווייטער געפרעגט.

— אָ, רבי... — האָט דער אַלטיטשקער אַ שמייכל געטאָן און מיט טרערן אין די אויגן אָפּגעזיפּצט — אָ, ווען מיין טאָכטער וואָלט זיך אַזעלכן אַלס אַ מאַן אויסגעקליבן!...

דאָ האָט ר׳ עקיבא מער נישט אויסגעהאַלטן און ער האָט זיך אָפּ־גערופן:

— פאָטער מיינער, מיין נאָמען איז עקיבא בן יוסף. איך בין דאָס אַמאָל געווען ביי דיר אַן אויפזעער איבער דיינע פאַסטוכער און איבער דיין פאַרמעגן, און דיין טאָכטער רחל איז מיין געטריי און טייער ווייב...

האָט כלבא שבוע אויסגעשטעלט אויף אים זיינע פאַרלאָשענע אויגן, געעפנט עטלעכע מאָל דאָס מויל עפּעס צו זאָגן, אָבער נישט געקאָנט. אַנשטאָט דעם האָט ער אויסגעבראָכן אין אַ ביטער געוויין.

רבי עקיבא האָט דעם אַלטן כלבא שבוע אַריינגענומען אין זיינע אָרעמס און באַמיט זיך אים צו באַרואיקן. ער האָט אים געגלעט איבערן אַקסל און גערעדט צו אים ווייכע רייד:

— פאָטער, פאַרגעס וואָס עס איז געווען. פריי דיך, וואָס עס האָט זיך אַזוי געענדיקט. כ׳וועל באַלד לאָזן רופן רחלען מיט די קינדער.

אָבער דער אַלטער ייד האָט זיך נישט געקאָנט באַרואיקן. די טרערן זיינען אים גערונען פון די אויגן טייכנווייז און ער האָט שטיל אין זיך אַריינגעהעשעט.

— זיי מיר מוחל, רבי! — האָט כלבא שבוע ענדלעך אַרויסגעברענגט פון זיין מיט טרערן פאַרשטיקטן האַלדז — זיי מיר מוחל, רבי!...

— איך האָב דיר גאָרנישט וואָס מוחל צו זיין, פאָטער. ביסט קעגן מיר גאָרנישט שולדיק. דו אַלס פאָטער האָסטו געהאַט אַ רעכט דיין טאָכ־טער צו געביטן וואָס פאַר אַ מאַן זי זאָל זיך נעמען. איך בין דיר מתּיר־נדר, וואָרים האָסט דאָך דיין נדר געטאָן בלויז דערפאַר, ווייל האָסט נישט געוואָלט דיין טאָכטער זאָל נעמען אַ מאַן אַן עם־הארץ, אָבער ווען דו ווייסט, אַז דיין איידעם וועט אַמאָל אַרויסוואַקסן אַ תּלמיד־חכם, וואָל־סטו דאָך דיין נדר נישט געטאָן. אמת, פאָטער? — האָט רבי עקיבא געזוכט אַלץ אים צו באַרואיקן.

— ניין, רבי, כ׳וואָלט דעמאָלט אַזאַ נדר נישט געטאָן, ווען איך ווייס, אַז דו וועסט ווערן אַזאַ גרויסער תּלמיד־חכם...

— איז דיין נדר דעריבער קיין נדר נישט! — האָט רבי עקיבא געפּסקנט.

— גאָט זאָל דיך בענטשן, רבי! — האָט כלבא שבוע מיט טרערן אין די אויגן געזאָגט — קומט אַלע שוין מיט מיר אין מיין הויז ביים כּנרת. אַ העלפט פון מיין פאַרמעגן גיב איך דיר תּיכּף ומיד איבער און די אַנדערע העלפט וועט ווערן דיינס אין אַ קורצער צייט אַרום...

רבי עקיבא האָט געשיקט נאָך רחלען מיט די קינדער. ווען זי איז אַריינגעקומען אין שול און האָט דערזען איר פאָטער, איז זי געפאַלן צו זיינע פיס און געקושט די זוים פון זיין קלייד. כּלבא שבוע האָט זי אויפגעהויבן פון דער ערד און זי לאַנג און הייס געקושט.

— מיין טאָכטער — האָט ער אויסגערופן — דו האָסט מיך באַזיגט. דו האָסט געהאַט אַ ווייטערן קוק פון מיר און איך האָב דיך דעמאָלט נישט געוואָלט הערכן. זיי מיר מוחל, טאָכטער, וואָס צוליב מיין האַרטנעקיקייט האָט איר אַלע אַזוי פיל פּיין און יסורים געליטן, אַזוי פיל נויט און הונגער זיינען דיינע קינדער אויסגעשטאַנען און אַלץ צוליב מיין נאַרישער עקשנות, מיין אומבויגזאַמער גאווה פון אַן עושר און געביטער...

— ניין, מיין פאָטער — האָט רחל געענטפערט — נישט קיין נויט און נישט קיין ליידן זיינען אויסגעפאַלן אויף מיר, נאָר דאָס העכסטע גליק, וואָס אַ יידישע טאָכטער קאָן זיין נאָר פאַרשטעלן. געדענקסט, פאָטער, אויף דעם מאַלצייט, וואָס דו האָסט איינגעאָרדנט פאַר פפוס בן יהודה, האָב איך דעמאָלט געזאָגט, אַז אויב דער יידישער טאָכטער איז נישט צוגעטיילט געוואָרן דאָס פאַרגעניגן אַליין צו לערנען תּורה, דאַרף זי זען, אַז דער מאַן אירער זאָל דאָס טאָן, און אירע קינדער דערציען אין גייסט פון דער תּורה. דאָס, מיין פאָטער, האָב איך מיט מיין גאַנץ וועזן, מיט מיין לייב און לעבן געשטרעבט און דערגרייכט... מיין מאַן איז היינט איינער פון די באַרימטסטע און געלערנטסטע מענער אין ישראל; מיינע קינדער גייען אין זיינע וועגן; עס האָט מיר גאָרנישט געפעלט. עס האָט מיר בלויז געפעלט דיין פאָטערלעכע ליבע. איך האָב קיינמאָל נישט אויפגעהערט דיך ליב צו האָבן. אָבער איצט, אַז דו האָסט זיך מיט אונדז איבערגעבעטן, איז צו מיין גליק גאָר קיין גרענעץ נישטאָ!...

— זאָל דיך גאָט בענטשן דערפאַר, מיין געטרייע טאָכטער. ביסט שטענדיק געווען אַ קלוגע, און איך ווייס נישט, וואָס מיט מיר איז דעמאָלט געשען, וואָס איך האָב מיך נישט צוגעהערט צו דיינע רייד. זיי מיר מוחל, מיין געטרייע טאָכטער. לאָמיך כאָטש אין מיינע לעצטע טעג אויפקלויבן דאָס ביסל נחת, וואָס כ'האָב דורך אַזוי פיל יאָרן נישט געהאַט, און אַלץ אַ דאַנק מיין נאַרישער עקשנות!

עס זיינען געקומען די קינדער. און ווען דער אַלטער כּלבא שבוע האָט זיי אָנגעקוקט און געהערט זייערע קלוגע רייד, האָט ער זיך פֿון גרויס פֿרייד ביטער צעוויינט און געפֿאַלן אויף די העלדזער פֿון זיינע געראָטענע אייניקלעך.

— קומט שוין מיט מיר אין מיין הויז! — האָט כּלבא שבוע מיט אַ צעשמייכלט פּנים אויסגערופֿן און אין זיינע אויגן האָבן נאָך טרערן געפֿינקלט. פּונקט ווי די זון שיינט־אויף נאָך אַ פֿלייץ־רעגן און די פֿעלדער זיינען נאָך פֿייכט פֿון די געפֿאַלענע טראָפּנס, אַזוי האָט דעם אַלטנס פּנים אויפֿגעשיינט — קום, מיין טאָכטער, אין יענעם פּאַלאַץ, פֿונוואַנען איך האָב דיך מיט אַזוי פֿיל יאָרן צוריק אוממענטשלעך פֿאַרטריבן!

— נו, הער אויף, פֿאָטער! — האָט רחלען געענטפֿערט זיין כּסדרדיק שמייסן זיך און פּייניקן זיין געוויסן — זאָל שוין דאָס אַלץ פֿאַרגעסן ווערן ביי דיר, ווי איך האָב דאָס ביי מיר פֿאַרגעסן!...

רבי עקיבא האָט צוזאַמענגענומען אַלע זיינע טויזנטער תּלמידים, וועלכע האָבן זיך אַלע ווי אין אַ טריאומפֿאַלן מאַרש געלאָזט גיין אין דער ריכטונג פֿון טבריה, אין כּלבא שבועס פּאַלאַץ לעבן טייך כּנרת.

אויפֿן וועג גייענדיק, זיינען רבי עקיבאן פֿאַר די אויגן אויפֿגעשוואומען בילדער פֿון עטלעכע און צוואַנציק יאָר צוריק, ווען ער איז מיט אַ חבֿרותא געגאַנגען פֿון רמלה קיין טבריה, לענגאויס דעם ירדן, איבערנעמען זיין נייע שטעלע, וואָס הורקנוס האָט פֿאַר אים געשאַפֿן. וויפֿיל וואַסערן זיינען שוין זינט דעמאָלט פֿון ירדן אָפּגעפֿלאָסן און וויפֿיל פּיין און ליידן האָט ער און זיין ווייב רחל זינט יענער צייט שוין איבערגעלעבט. איצט באַצאָלט אים גאָט פֿאַר דעם אַלעם.

רבי עקיבא איז איצט אַ רייכער מאַן. די אָרעמקייט אין מיטאָמאָל ווי רויך פֿאַרשוואונדן, ווי אַ בייזער חלום פֿאַרלאָפֿן. ער האָט זיך פֿאַרן אוועקגיין פֿון ירושלים אָן עפּעס דערמאָנט... ער האָט זיך געהיימנישפֿול אָנגעהויבן פֿאַרען, ערגעץ־וואו פֿאַרשווינדן אויף אַ פּאָר שעה, און דאָס פּנים האָט ביי אים כּסדר אַזוי סודותדיק געשמייכלט. ער האָט עפּעס געגרייט פֿאַר זיין ווייב אַן אומגעריכטע מתּנה, וואָס זאָל זיין אַ באַצאָלונג פֿאַר אירע ביז־איצטיקע ליידן, פֿאַר איר אויסדויער און עקשנותדיקן גלויבן. ער וועט איר די מתּנה דערלאַנגען אין טאָג פֿון זייער טאָכטערס חתונה...

יאָ, אַלץ איז ער איר שולדיק, דער הייליקער יידישער טאָכטער...

ער האָט זיך אויך דערמאָנט אויפֿן וועג גייענדיק אָן די געצנדינערישע טעכטער פֿון רוים, ווי זיי האָבן געברילט אין אַמפֿיטעאַטער נאָך מענטשלעך בלוט. „וואָס פֿאַר אַ געוואַלטיקן אונטערשיד, גאָט, האָסטו

געשאַפֿן צווישן די קינדער פֿון דיין פֿאָלק און זיי, די אומווירדיקע דינער צו אָפּגעטער — האָט ער אין האַרצן געגלויבט גאָט — אָבער פֿאַרוואָס שטראָפֿסטו אונדז שטענדיק אַזוי האַרט און זיי, די מענטשן־מערדער, די קינדער־מערדער, לאָזטו לעבן אויף דער וועלט און גיסט זיי נאָך געוועלטיקייט איבער אַזוי פֿיל אַנדערע פֿעלקער!...״

ער האָט זיך געבענטשט און ווי אַ געפּענטעטער לייב איז ער איצט בכוח געווען די שטאַרקסטע שטאָלענע קייטן צו צערייסן און באַפֿרייען זיך. „די צייט וועט קומען, די צייט גייט און זי איז שוין נאָענט...״ — האָט ער כמעט ווי אויפֿן קול אויסגערופֿן און איינער פֿון זיינע תּלמידים, וועלכע האָבן אים די גאַנצע צייט אַרומגערינגלט, האָט אים געפֿרעגט:

— רבי, וואָס מיינסטו דערמיט?

האָט רבי עקיבא אים געענטפֿערט:

— דאָס רשעותדיקע מלכות פֿון רוים וועט אונטערגיין. עס מוז אונ־טערגיין ווי אַלץ וואָס איז רשעות, וואָרים ס׳איז נישט מעגלעך, אַז שלעכטס זאָל עקזיסטירן אויף דער וועלט!...

האָבן די תּלמידים פֿאַרשטאַנען, וואָס זייער רבי האָט אויפֿן וועג געטראַכט און זיי זיינען גליקלעך געווען, וואָס זיי זיינען די ערשטע צו הערן די דאָזיקע גרויסע בשורה.

נאָענט פֿון רבי עקיבאן האָט זיך איצט געהאַלטן דער בעסטער תּלמיד זיינער, בן־עזאי. רחל האָט אים געהאַט פֿאַרבעטן צו זיך אויף פּסח, איידער זיי זיינען מיטן פֿאָטער אַריבערגעגאַנגען קיין טבריה. עס איז געווען דער שענסטער פּסח זינט יאָרן, וואָס זיי האָבן איצט אין ירושלים פֿאַרבראַכט. צווישן טויזנטער תּלמידים האָט רבי עקיבא דערציילט די געשיכטע פֿון יציאת מצרים און פּלוצלינג אינדערמיט, ווען אַלע האָבן שוין געגעסן די רייכע מאכלים און געטרונקען די אַרבע כּוסות, האָט רבי עקיבא אינגאַנצן אַ צעפֿלאַמטער און מיט שטיקנדיקע טרערן אין האַלדז, אויסגערופֿן:

„שפוך חמתך על הגוים אשר לא ידעוך... — גיס אויס דיין צאָרן אויף די פֿעלקער, וואָס ווילן דיך נישט קענען און אויף די קעניגרייכן, וואָס דערמאָנען נישט דיין נאָמען, ווייל זיי האָבן פֿאַרלענדט די קינדער פֿון יעקב און זיין וואוינונג האָבן זיי פֿאַרוויסט. גיס־אויס דיין כּעס אויף זיי און זאָל זיי דערגרייכן דיין גרימצאָרן, זאָלסט מיט האַס זיי פֿאַריאָגן און פֿאַרטיליקן פֿון אונטער גאָטס הימלען!...״

אַלע תּלמידים האָבן מיט גרויס התלהבות אָנגעהויבן זינגען הלל און אָפּגעגעבן אַ לויב צום אויבערשטן, וואָס וועט נעמען נקמה אין די

שונאים פון ישראל און פאר די פיין, וואס זיי טוען צו זיינע קינדער, וועט ער פון זיי אפנעמען כפל כפלים...

א גאנצע נאכט זיינען זיי וואך געווען. רבי עקיבא האט אויפן הויכן קול פאר אלעמען געלייענט דאס פרעכטיקע ליד פון שלמה המלך. ער האט זיך איצט דערמאנט אן די געטלעכע ליבשאפט-ווערטער, וואס ער האט אמאל פון שיר השירים צו זיין געליבטער רחל געזונגען, און ער האט זיי איצטער מיט גרויס התלהבות ווידער אמאל איבערגעחזרט.

די פנימער פון אלע זיינען געווען צעפלאמט פון גרויס פרייד צו־ליב דעם יום־טוב פון פרייהייט. אין דעם דאזיקן פריידיקן יום־טוב, ווען רבי עקיבא האט געשוואוירן נקמה אן די יידישע שונאים, איז שולמית זיין טאכטער, פארקנסט געווארן צו בן־עזאין, און זיי זיינען געווארן חתן־כלה.

די חתונה האבן די גליקלעכע פאטער און מוטער באשלאסן צו פראווען אין כלבא שבועס פאלאץ, וואוהין עס זיינען פארבעטן געווארן אלע גרויסע תלמידי־חכמים און אלע תלמידים פון רבי עקיבאן. רחל האט אפן און רבי עקיבא פארבארגן מיט שרעק אפגעווארט דעם טאג פון דער חתונה.

און אט איצט גייען זיי אלע אין דעם טריאוף־מארש קיין טבריה. דער וועג איז א פרעכטיק־שיינער צווישן די הרי אפרים און הרי גלבוע. פון דער צווייטער זייט ירדן אויף מזרח־זייט בלויען זיך אין וויטן נעפל די בערג פון חרן, וואוהין יעקב אבינו איז געגאנגען צו זיין מוטער רבקהס ברודער לבן געפינען רחלען.

רבי עקיבא דערמאנט זיך, ווען ער איז דא געגאנגען אויפן זעלבן וועג זוכן זיין רחלען... ער שעפטשעט מיט די ליפן דעם פסוק פון דער תורה: „ויצא יעקב מבאר שבע וילך חרנה — און יעקב איז ארויס־געגאנגען פון באר־שבע און איז געגאנגען קיין חרן..."

זיי גייען שוין דעם צווייטן טאג. כלבא שבוע רייט אויף אן אייזל, ארומגערינגלט פון זיינע אייניקלעך און רבי עקיבא׳ס תלמיד בן־עזאי, וועלכע היטן דעם אלטיטשקן יידן, ער זאל נישט אראפפאלן. עס איז פארנאכט. זיי זיינען שוין נישט וויט פון כלבא שבועס פאלאץ. דער כנרת בלויט זיך אהער ווי תכלת און אט מיניעט ער זיך אין רויטלעכע פארבן פון דעם צעפלאמטן זון־פארגאנג. דער בארג חרמון הויבט זיך מאיעסטעטיש אויף מיט זיין ווייסן אייביקן שניי אויפן שפיץ, וואס פלאקערט איצט אויף דער זון און דער שניי זעט אויס ווי ווייסער איבערגעברענטער אש נאך דער שרעקלעכער שרפה, וואס די זון האט אונטערגעצונדן.

פון ווייטנס גייען זיי אַנטקעגן די פּיל קנעכט און דינסטן פון כלבא שבוע מיט פּיקלעך אין די הענט און מיט שופרות און טראָמפּייטן און זיי נעמען פייערלעך אויף די געסט.

רבי עקיבא דערקענט צווישן די פּאַסטוכער אייניקע, וואָס זיינען אַמאָל געווען די עדות, ווען ער האָט אויפן פעלד מקדש געווען זיין ווייב רחל.

אָט זיינען זיי שוין אין דעם וואונדער־שיינעם גאָרטן און אָט איז דער ווייסער מירמלנער פּאַלאַץ. אַלץ ווי עס איז געווען מיט עטלעכע און צוואַנציק יאָר צוריק. די פּאַלמען־ביימער זיינען זיך נאָר ברייטער פונאַנ־דערגעוואַקסן, די ציפּריסן העכער און די פּאַסטוכער זיינען עלטער געוואָרן.

— שלום צו דיר, רבי און האַר! — רופן אויס די פּאַסטוכער צו רבי עקיבאן, ווען זיי האָבן דערקענט.

— שלום צו אייך, מיינע חברים און ברידער! — האָט עקיבא זיי געענטפערט און איינעם נאָכן אַנדערן אַרומגענומען און געהאַלדזט.

קאפּיטל 11

שלעכטע בשורות

●

אַ פייערלעכע חתונה איז פאָרגעקומען אין פּאַלאַץ פון כּלבא שבוע. טויזנטער געסט זיינען געווען פאַרזאַמלט. דער גרויסער גאָרטן ביזן כנרת אַראָפּ איז געווען אָנגעפּראָפּט מיט מענטשן. אין אַלע שטובן פון פּאַלאַץ האָט מען סערווירט שפּייזן און געטראַנקען. די לופט אַרום איז געווען אָנגעפילט מיט קולות און גערעדערייען. מען האָט זיך דערציילט וועגן די פאַרשידנסטע זאַכן אין דער וועלט.

תּלמידי חכמים האָבן גערעדט וועגן אַ נייעם דרש, וואָס רבי עקיבא האָט פון אַ פּסוק אין דער תּורה אַרויסגעדרונגען. ערד־באַזיצער האָבן גערעדט וועגן די גערעטעניש פון תּבואה און פרוכטן היי־יאָר. דער אַלטער הורקנוס האָט שוין נישט געלעבט, אָבער זיין נאָמען איז דאָ פיל מאָל דערמאָנט געוואָרן דורך רבי עקיבאן און כּלבא שבוען.

רבי אליעזר בן הורקנוס איז געווען קראַנק אין בעט און איז אויף דער חתונה נישט געקומען. די סעודה האָבן אָבער באַשיינט מיט זייער אָנוועזנהייט רבן גמליאל דער נשיא, רבי יהושע בן חנניה, רבי ישמעאל בן אלישע, רבי עקיבאס בעסטער חבר, און רבי טרפון, אַ פריילעכער און זייער רייכער תּלמיד חכם, די אויגן האָבן ביי אים שטענדיק געלאַכט און אַפילו זיין קיילעכדיקע ווייסע באָרד, האָט זיך געדאַכט, לאַכט מיט...

רבי עקיבא איז אַרום אַלע געסט אַרומגעגאַנגען און צוגעטריבן, אַז מען זאָל וואָס מער טרינקען.

— חמרא וחייא לפום רבנן — ווייַן און געזונט פאַר אונדזערע רבנים!...

בן־עזאי האָט געהאַלטן אַ דרשה, וואָס איז געווען פול מיט בליציקע געדאַנקען און שאַרפזין. אַ סך פון די תּלמידי־חכמים האָבן אים פאַר־גלייכט מיט זיינע קלוגע איינפאַלן צו זיין שווער רבי עקיבא.

אָט דערנעענטערט זיך דער אָוונט. אַ האַלבע זילבערנע לבנה פון חודש אייר שווימט אין דעם ריינעם טונקל־בלויען הימל איבער די הויכע פּאַלמען־ביימער און ציפּריסן, מען גרייט זיך צו דער חופּה.

רחל איז געווען בלאַס און דאָס האַרץ האָט איר געקלאַפּט. מיט יעדער מינוט וואָס עס האָט זיך דערנעענטערט די חופּה־צערעמאָניע, איז די שרעק ביי איר געשטיגן. נישט פיל מענטשן האָבן געוואוסט פון דעם שרעקלעכן סוד און די אייניקע נאָענטע פון דער משפּחה, וועלכע האָבן יאָ געוואוסט, האָבן מיט אַנגסט אָפּגעוואַרט, אַז עס זאָל שוין זיין אַריבער דער מאָמענט פון דער חופּה.

סיי דער חתן און סיי די כּלה האָבן נישט געהאַט די מינדסטע אַנונג פון דער גרויסער זאָרג, וואָס עס שפּילט זיך אָפּ אַרום זיי. זיי זיינען געווען פריילעך און זיך משמח געווען מיט זייער גרויס גליק.

דער עולם אין דרויסן און אין די שטובן האָט געטאַנצט און זיך פריילעך געמאַכט. בלויז אין רבי עקיבא איז געווען צעטראָגן, אָבער ער האָט יעדעס מאָל ווי פון אַ טיפן שלאָף אויפגעוואַכט און ווייטער געטריבן דעם עולם צו טרינקען וויין: „חמרא וחייא לפּום רבנן!...״

די כּלה איז איצט געזעסן אין אַן אָפּגעזונדערטן צימער און פיל דינסטן האָבן זיך אַרום איר געפּאָרעט ביים אָנטאָן די נייע חתונה־קליידער און ביים פאַרפלעכטן די צעפּ.

די געסט האָבן שפּאַצירט אין דעם לבנה־שיין איבערן גאָרטן צווישן די בוימער און האָבן שוין אָפּגעוואַרט דעם פייערלעכן מאָמענט, ווען דער חתן וועט מקדש זיין די כּלה.

בחורים און מיידלעך זיינען ווייטער צום כּנרת־צו פאַרגאַנגען. יעדער האָט שוין זיין באַשערטע אויסגעקליבן, און האָבן זיך שיינע אויסגע־זוכטע ליבשאַפט־ווערטער געזאָגט. מען האָט זיך געקושט און מתּנות געגעבן איינער דעם אַנדערן. פרישע חתונות האָבן זיך פאַר דער נאָענ־טער צוקונפט געגרייט און זאָל זיך דאָס יידישע פאָלק מערן.

מ׳האָט שוין דאָרט אין פּאַלאַץ די לעצטע פאַרבאַרייטונגען געמאַכט. די כּלה האָט נאָך צום לעצטן מאָל געכאַפּט אַ קוק אין דעם מעטאַלענעם שפּיגל, וואָס איז אין איר צימער געהאַנגען און אין דעם פייער פון די הונדערטער ליכט, וואָס האָבן געברענט אַרום איר, האָט זי זיך געזען אין איר גאַנצער פּראַכט. ווען זי האָט זיך צופּעליק פאַרראַכטן די האָר, האָט זי דערוויל פון איר לאַנגן שוואַרץ־סאַמעטענעם צאָפּ אַרויסגענומען אַ לאַנגע נאָדל און אויף אַ ווייל אַריינגעשטעקט אין אַ שפּאַלט פון דער וואַנט.

אין דעם מאָמענט האָט זי ווער אַ רוף געטאָן און זי האָט פון איילעניש פאַרגעסן די נאָדל אַרויסצונעמען און זי אַזוי איבערגעלאָזן.

די חופּה איז פאַרגעקומען אין גאָרטן ביים ברעג פון ים כּנרת. די הונדערטער ליכט און הבדלות האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט אין די שוואַרץ־

זילבערנדיקע וואַסערן און עס האָט זיך געדאַכט, אַז אַ העליש פֿייער פֿלאַ־קערט אַרויס פֿון דעם ים.

רבי עקיבא און רחל זיינען ציטערנדיקע געשטאַנען ביי דער חופּה. זיי האָבן מיט זייערע ליפּן שטיל תּפֿילה־געטאָן, אַז דער אויבערשטער זאָל זיך אויף זיי דערבאַרעמען און ס׳זאָל זייער איינציקער טאָכטער קיין שום שלעכטס נישט געשען.

ענדלעך איז די חופּה געווען פֿאַרביי. דער פֿאָטער און די מוטער האָבן שולמיתן צו זייערע הערצער צוגעדריקט און געקושט זי. רבי עקיבא האָט אָפּגעגעבן מזל־טוב זיין איידעם בן־עזאי, און די שמחה האָט זיך ערשט אויף דאָס ניי אָנגעהויבן.

אַ גאַנצע נאַכט האָט מען געגעסן און געטרונקען. ספּעציעלע מנגנים האָבן געשפּילט אויף זייערע פֿייפֿעלעך און געזונגען שיינע מעלאָדיעס. רבי טרפֿון האָט געטאַנצט אַ פֿריילעכס אַנטקעגן דער כּלה, ער איז שוין געווען געגנוג בגילופֿין. אויך די איבעריקע תּלמידי־חכמים האָבן זיך געפֿרייט און געטאַנצט מיט דער כּלה און מיטן חתן.

מען האָט געטאַנצט אין גאָרטן, אין די שטובן, אויף די ברייטע פֿעל־דער. דאָס געזאַנג האָט זיך ווייט אָפּגעטראָגן אין די בערג און צוריק־געקומען מיט ווידערקולות פֿאַרדרייפֿאַכט און פֿאַרפֿירפֿאַכט.

רבי עקיבא און רחל האָבן זיך ביסלעכווייז באַרואיקט. דער טאָג איז שוין באַלד אַדורך און קיין שום אומגליק איז נישט געשען. זיי האָבן זיך פֿון מידקייט נישט געקאָנט מער האַלטן אויף די פֿיס און זיי האָבן זיך געלייגט שלאָפֿן.

דערווייל האָט אָנגעהויבן גרויען אויף טאָג. דער כּנרת האָט אויפֿ־געטויכט פֿון אונטער זיין שוואַרצן נאַכט־שלייער אַפֿער און אָנגעהויבן זיך בלויען, דערנאָך רויטלען אין דער אויפֿגייענדיקער זון.

פּלוצלינג האָט זיך פֿון דער כּלהס צימער, וואו זי האָט זיך געפֿונען צוזאַמען מיט איר יונגן מאַן, דערהערט אַ יאָמערלעך געשריי:

— אַ שלאַנג!

פֿאָטער און מוטער זיינען נישט טויט, נישט לעבעדיק אַראָפּגע־שפּרונגען פֿון זייערע געלעגערס און געקומען צו לויפֿן. עס זיינען אויך פֿיל פֿון די געסט אָנגעקומען, כּדי געוואָר צו ווערן, וואָס דאָ איז געשען.

ערשט האָבן אַלע דערזען אַ שלאַנג ליגן אויף דער ערד און אַ לאַנגע נאָדל האָט געשטעקט אין איר קאָפּ. די שלאַנג איז געווען טויט.

רחל האָט אַרומגעכאַפּט איר טאָכטער קושן און האַלדזן און אַ העשנ־דיק געוויין האָט זיך פֿון איר האַלדז אַרויסגעריסן. קיינער האָט נישט פֿאַרשטאַנען וואָס דאָ איז פֿאָרגעקומען.

נאָכדעם ווי אַלע האָבן זיך באַרואיקט, האָט שולמית דערציילט די גאַנצע געשיכטע, וואָס מיט איר איז געשען: זי האָט נעכטן אויף אַ ווײַלע אַרײַנגעשטעקט אין אַ שפּאַלט פֿון דער וואַנט אַ נאָדל, וואָס זי האָט פֿון די האָר אַרויסגענומען. אין זעלבן מאָמענט האָט זי עמעץ אַ רוף־געטאָן און זי האָט פֿאַרגעסן צוריק אַרויסצונעמען די נאָדל. ערשט הײַנט אײַנ־דערפֿרי, ווען זי איז זיך געגאַנגען אָנטאָן, האָט זי די נאָדל געזוכט און זי דערזען שטעקן אין דער וואַנט. אָבער ווי דערשטוינט איז זי געוואָרן, ווען נאָך דער נאָדל, וואָס זי האָט פֿון דער וואַנט אַרויסגעצויגן, האָט זיך נאָכגעשלעפּט אַ טויטע שלאַנג.

— זעט אויס — האָט בן־עזאי געזאָגט, אַרײַנמישנדיק זיך אין דעם געשפּרעך — ווען זי האָט די נאָדל אַרײַנגעשטעקט, איז שוין די שלאַנג געלעגן אין דעם שפּאַלט פֿון דער וואַנט און זי האָט איר דורכגעלעכערט דעם מוח.

דעמאָלט ערשט האָט רחל, אַ באַרואיקטע, דערציילט די גאַנצע מעשה מיט דעם שטערנזעערס נבואה, און אַלע האָבן באַוואונדערט דעם גרויסן נס. אָבער בן־עזאי האָט זיך מיט אַ שמייכל אָנגערופֿן:

— מען טאָר נישט גלויבן אין דער פּלאַפּלערײַ פֿון שטערנזעער. ס׳איז בלויז אַ צופֿאַל. אין גערטנער זײַנען שכיח שלאַנגען און ס׳האָט זיך געקאָנט טרעפֿן אַזאַ זאַך אָן דעם שטערנזעערס „נביאות"...

רבי עקיבא האָט אים אַ גלעט געטאָן איבערן אַקסל. עס איז אים געפֿעלן געוואָרן, ווי זײַן אײדעם האָט די גאַנצע זאַך צונישט געמאַכט. אָבער אין האַרצן האָט רבי עקיבא געגלייבט דעם אויבערשטן פֿאַר דעם נס, וואָס איז מיט זײַן טאָכטער געשען.

— די שלאַנג איז אין איר צימער געווען — האָט ער דערנאָך געזאָגט — און זי האָט געקאָנט איר אַ ביס טאָן, אָבער על פּי נס האָט גראָד די טאָכטער מײַנע אַרײַנגעשטעקט די נאָדל אין דער וואַנט. אָבער געוויס האָט עס ניט קיין שייכות מיט דעם שטערנזעערס פֿאָרויסזאָגן... זיי זאָגן אַזוי פֿיל, די פֿאַלשע נביאים, ביז זיי טרעפֿן עפּעס... — האָט ער געשפּאָט.

— אָבער דאָך איז עס אַ גרויסער נס! — האָט רחל מיט בלישטשענ־דיקע טרערן אין די אויגן געזאָגט און צוגעטוליעט צו זיך די טאָכטער. — זאָג מיר, שולמית, וואָס פֿאַר אַ גרויסע מצווה האָסטו געטאָן, וואָס גאָט האָט דיך געראַטעוועט פֿון אַ זיכערן טויט?

— כ׳האָב גאָרנישט אַזעלכעס געטאָן — האָט די טאָכטער באַשיידן געענטפֿערט.

— דערמאָן דיך, טאָכטער־לעבן, ווייל אומזיסט איז מיט דיר אַזאַ גרויסער נס נישט געשען!...

— כ׳ווייס, אפשר איז עס די קליינקייט, וואָס איז נעכטן אין טאָג פון מיין חתונה געשען... נעכטן, ווען אַלע זיינען געווען פאַרפאַרעט מיטן צוגרייטן די סעודה פון מיין חתונה, איז אַריינגעקומען אַן אָרעמאַן און ער האָט אַזוי הונגעריק געקוקט אויף די אַלע גוטע מאכלים, וואָס זיינען געשטאַנען אָנגעגרייט פאַר די געסט, און קיינער האָט זיך אויף דעם הונגעריקן אָרעמאַן נישט אומגעקוקט.

— נו, טאָכטער־לעבן?... — האָט די מוטער קיין געדולד נישט געהאַט.

— האָב איך דעם אָרעמאַן אַריינפאַרבעטן אין צימער, אַנידערגע־שטעלט אויפן טיש פאַר אים פון אַלעם גוטן און ער האָט זיך אָנגעגעסן צו דער זעט. ווען ער איז אַרויסגעגאַנגען, האָט ער מיך געבענטשט און געזאָגט, אַז זינט איך וועל לעבן, זאָל איך זיין אָפּגעהיט פון שלעכטס!...
— האָט שולמית פאַרענדיקט איר דערציילן.

— אַט דאָס איז ביי דיר אַ „קליינקייט״!... — האָט רבי עקיבא, אויסהערנדיק זיין טאָכטערס דערציילן, זיך אָנגערופן — דאָס איז גאָר אַ גרויסע זאַך. האָסט געטאָן צדקה, געגעבן אַן אָרעמען מענטש צו עסן און אפשר דערמיט אים דערהאַלטן ביים לעבן, האָט דיך דעריבער גאָט אויך דערהאַלטן ביים לעבן!... שלמה המלך האָט געזאָגט: „לא יועיל הון ביום עברה וצדקה תציל ממות!״ — עס העלפט נישט קיין רייכטום אין טאָג פון אומגליק, אָבער צדקה ראַטעוועט פון טויט...

און רבי עקיבא האָט באַלד אויפן אָרט, פאַר זיינע פיל תלמידים, וואָס האָבן אים שטענדיק באַגלייט, געהאַלטן אַן איינדרוקספולע דרשה וועגן דעם גרויסן ווערט פון גוטס טאָן מענטשן. „איר קאָנט קיינמאָל נישט וויסן, ווען דאָס וועט אייך צוריק אָפּגעצאָלט ווערן!״... — האָט ער אויס־געפירט, פאַרענדיקנדיק ווידער מיט אַ פסוק פון שלמה המלך: שלח לחמך על פני המים כי ברוב הימים תמצאנו — לאָז אַוועק דיין ברויט אויפן וואַסער, וואָרים אין פיל טעג אַרום וועסטו עס געפינען...

אין דעם טאָג איז ערשט די סעודה געפּראַוועט געוואָרן נאָך מיט מער פרייד, און צו דער גליקלעכער רחל איז קיין גלייכן נישט געווען. אָבער נאָך זיסער איז די פרייד איר געוואָרן, ווען רבי עקיבא האָט אין דעם דאָזיקן גליקלעכן טאָג איר אַנטפּלעקט דעם סוד, וואָס ער האָט פון ירושלים אַן געהאַלטן.

רבי עקיבא האָט אַרויסגעצויגן פֿון אַ שיין קעסטעלע אַ גאָלדענעם דיאַדעם, אויף וועלכן עס איז געווען אויסגעקריצט די שטאָט ירושלים און עס איבערגעגעבן צו רחלען מיט די פֿאָלגנדיקע רייד:

— נאַ, דאָס האָסטו אַ מתנה פֿון מיר. דאָס איז די מתנה, וואָס איך האָב דיר צוגעזאָגט נאָך מיט עטלעכע און צוואַנציק יאָר צוריק אין די טעג פֿון אונדזער גרעסטער אָרעמקייט. געדענקסט, ווען דו האָסט פֿון דיינע לעצטע פּרוטות אָוועקגעגעבן דעם שכן דיינעם, ווען זיין פֿרוי האָט אַ ייִנגעלע געבוירן, האָב איך דיר צוגעזאָגט פֿאַר דער דאָזיקער גוטער טאָט ביי דער ערשטער מעגלעכקייט צו קויפֿן אַ דיאַדעם, און אָט האָב איך מיין צוזאָג איצט דערפֿילט!

רחל האָט אַ בליק געטאָן אויף אים מיט פֿיל ליבע און איבערגעגעבנ־קייט, און אין דעם בליק איז געווען אַרויסגעזאָגט איר גאַנצע דאַנקבאַר־קייט פֿאַר אַלץ, וואָס מיט זיי איז אין די אַלע יאָרן געשען און דערפֿאַר, וואָס ער האָט זי געהאַרכט און געפֿאָרן לערנען תורה. דאָס גאַנצע פּנים האָט איר געשיינט פֿון נחת און גליק.

מיט דער דאָזיקער מתנה האָט זי גרויס פֿאַרדרוס אַרויסגערופֿן ביי פֿיל אַנדערע ווייבער, וואָס זייערע מענער האָבן נישט אין זינען דאָס צו טאָן.

רבן גמליאלס ווייב האָט געהאַט גרויס קנאה אויף רחלען און זי האָט פֿאַרגעוואָרפֿן איר מאַן:

— זע, וואָס פֿאַר אַ צירונג רחל טראָגט אויף איר קאָפּ!...

האָט איר רבן גמליאל האַלב אין שפּאַס און האַלב אין ערנסט גע־ענטפֿערט:

— ווען דו וואָלסט געטאָן פֿאַר דיין מאַן, וואָס זי האָט געטאָן פֿאַר איר מאַן, וואָלט איך דיר אויך אַזעלכעס געקויפֿט!...

האָט רבן גמליאלס ווייב שוין שטיל געשוויגן, ווייל זי האָט ביי זיך אין האַרצן געוווּסט דעם אמת, אַז רחל האָט זייער פֿיל געטאָן פֿאַר איר מאַן, רבי עקיבאַ.

ווען עס זיינען אַדורך די זיבן טעג פֿון כּסדרדיקע רייכע מאָלצייטן פֿאַר די צונויפֿגעזאַמלטע געסט, האָט זיך דער טומל און דער רעש אין כּלבא שבועס פּאַלאַץ ביסלעכווייז איינגעשטילט. מענטשן זיינען זיך פֿונאַנ־דערגעפֿאָרן יעדער אין זיין היים. די שכנים פֿון אַרום דעם ים כּנרת האָבן זיך ווידער גענומען ווער צו פֿלאַנצן ביימער, ווער צו שניידן די ערשטע תּבֿואה, ווער צום אַקעראייזן. דאַמאָלס האָט רבי עקיבאַ באַשלאָסן, אַז עס איז געקומען די צייט צו פֿאַרלאָזן דעם שווערס גיטער און צוריקגיין מיט ווייב און קינדער קיין יבֿנה, צוזאַמען מיט זיינע פֿיל תּלמידים.

רבי עקיבא איז איצטער געווען א רייכער מאן. דאס אלץ, וואס האט אמאל באלאנגט צו כלבא שבוע, איז איצט איבערגעגאנגען אין זיין רשות און אלע הכנסות, וואס די פעלדער און ווייגערטנער האבן איצט אריינגעבראכט, האבן פון היינט מאל אן באלאנגט צו רבי עקיבאן. כלבא שבוע האט אים אלץ אוועקגעגעבן.

— איך האב גענוג אויף אויסצולעבן מיינע יארן רואיק און אין מנוחה — האט ער געזאגט צו זיין איידעם.

ער איז געבליבן וואוינען דא אין דעם רייכן פאלאץ ביים כנרת ביז די לעצטע טעג פון זיין לעבן.

שווער איז געווען דאס געזעגענען זיך מיט זיין איינציקער טאכטער רחל, מיט זיין איידעם רבי עקיבא און די אייניקלעך. אזוי לאנג איז דער אלטיטשקער כלבא שבוע געווען איינזאם און דורכגעמאכט א פארביטערט לעבן, האט ער געטראכט שוין זיינע לעצטע טעג צו פארבלייבן צוזאמען מיט זיינע קינדער. ער האט אבער פארשטאנען, אז אזא גרויסער תלמיד חכם, ווי ס'איז זיין איידעם רבי עקיבא, קאן נישט פארבלייבן אויף אן ארט, וואו עס איז נישטא קיין תורה.

דעם פלאן אויפצושטעלן א נייע ישיבה אין בני־ברק האט רבי עקיבא נישט געהאט אויפגעגעבן. אבער ער האט נאך די זאך געהאלטן פאר צו פרי און ער האט דעריבער צוריק זיך באזעצט אין יבנה, דאס מאל אבער שוין צוזאמען מיט זיין ווייב רחל און זיינע דריי קינדער און זיין איידעם בן־עזאי.

אין יבנה האט אים דערוואַרט אן איבערראשונג. ווי נאר ער איז געקומען אין דער שטאט פון תורה, איז ער געוואָר געווארן, אז דער נשיא רבן גמליאל, צוזאמען מיט די איבעריקע חכמים, האבן אים באשטימט אלס גבאי איבער דער צדקה פון גאנצן לאנד. דער פריערדיקער גבאי, ר' יהושע בן עלם, איז געשטארבן און ער האט אין זיין צוואה אנגעזאגט, אז רבי עקיבא זאל פארנעמען זיין פלאץ.

וועגן רבי יהושע בן עלם איז ארומגעגאנגען א וואונדערלעכע לעגענדע:

ער איז איינמאל געלעגן ביי זיך אין חדר פארזונקען אין געדאנקען, האט זיך אים געדאכט צו פארנעמען א שטימע: „ר' יהושע בן עלם, אז וואויל איז צו דיר, וואס עס איז דיר באשערט צו זיצן אין גן עדן צוזאמען מיט דעם קצב ננס".

ווען רבי יהושע האט זיך אויפגעכאפט פון זיין חלום, האט אים די דאזיקע שטימע נאך אלץ געקלונגען אין די אויערן און ער האט זיך זייער שטארק פארוואונדערט. ער, וואס איז איינער פון די באקאנטע תלמידי־

חכמים, אַ מענטש, וואָס האָט זיך זיין גאַנץ לעבן אָפּגעגעבן מיט צדקה און לערנען תורה, זאָל גאָר האָבן פאַר אַ שכן אין גן־עדן עפּעס דאָרט אַ פּשוטן קצב, און דערצו האָט אים נאָך די שטימע געזאָגט, אַז „וואויל איז צו אים"...

האָט רבי יהושע באַשלאָסן אויפצוזוכן דעם דאָזיקן קצב און מיט זיינע אויגן אַליין זען וואָס פאַר אַ מין מענטש איז עס דער דאָזיקער נגס, וואָס פאַר אים, יהושען, וועט עס גאָר זיין אַ זכיה צו זיצן מיט אים אין גן־עדן. ער האָט אָנגעהויבן וואַנדערן פון שטאָט צו שטאָט און אויסגעפרעגט זיך ביי מענטשן, ביז איינמאָל האָט ער ענדלעך אָנגעטראָפן אויף אַ מענטש, וועלכער האָט אים אַריינגעפירט צו נגסן אין שטוב.

דאָס איז געווען זייער אַ פּראָסטער מאַן. ער האָט קוים געקאָנט דעם „אלף־בית", אָבער דערפאַר איז ער געווען זייער אַ פרומער. דער דאָזי־קער נגס האָט געהאַט אַלטע עלטערן, האָט ער זיי אָפּגעהיט ווי אַן אויג אין קאָפּ. ער האָט זיי נישט געלאָזט אַרבעטן און געגעבן זיי פון אַלעם גוטן. טאָמער האָט דער אַלטער פאָטער, צי די אַלטע מוטער, עפּעס געדאַרפט האָבן, האָט ער אַלץ געלאָזט שטיין און געלאָפן טאָן פאַר זיי. עס איז נישט געווען קיין צו טייערע זאַך פאַר אים, וואָס ער זאָל נישט טאָן פאַר זיינע עלטערן.

ווען רבי יהושע בן עלם האָט דאָס דערהערט, האָט ער אַרומגענומען דעם קצב נגס און אים פאָטערלעך געקושט און באַגריסט אים פאַר זיין כיבוד אב ואם, וואָס ער היט אַזוי שטאַרק אָפּ און אויסגערופן: „וואויל איז טאַקע צו מיר, וואָס כ'וועל מיט דיר צוזאַמען זיצן אין גן־עדן..."

⁂

ווען מען האָט ר' עקיבאן פאַרגעלייגט צו ווערן דער גבאי איבער דער צדקה אויפן פאַרשטאָרבענעם יהושע בן עלמס אָרט, האָט ער עס נישט באַלד אָנגענומען.

— איך מוז מיך פריער אָנפרעגן ביי מיין ווייב — האָט ער געזאָגט — איך האָב איר מיט פיל, פיל יאָרן צוריק מבטיח געווען, אַז מיין גאַנץ לעבן וועל איך ווידמענען צו לערנען תורה, דעריבער מוז זי, מיין רחל, אָנטשיידן, צי איז דער אמת פון אַ ממונה איבער צדקה אַזוי גרויס ווי לערנען תורה...

פאַרשטייט זיך, אַז רחל האָט אים די דערלויבעניש געגעבן און רבי עקיבא, דער אַמאָליקער אָרעמער פאַסטוך, איז געוואָרן דער פאָטער און באַשיצער פון אַלע אָרעמעלייט און אומגליקלעכע איבערן גאַנצן לאַנד.

און גרויס איז דעמאָלט געווען די נויט צווישן דעם יידישן פאָלק. מען האָט געמוזט האָבן אַ געניטן מאַן און אַ מענטש פון שטאַרקן ווילן און אויטאָריטעט צו קאָנען אָנפירן מיט אַזאַ וויכטיקער אַרבעט.

רבי עקיבא איז צוליב אָט דעם צוועק אָפּט אַרומגעפאָרן אין די שכנותדיקע לענדער. ער האָט געזאַמלט געלטער צווישן די יידן אין בבל, צווישן די רייכע יידן אין מצרים און אין פּערסיע. ער האָט מיט זיין שיין און ערלעך רעדן צו די הערצער פון מענטשן געפאַנגען זייערע נשמות און ער האָט באַקומען די נויטיקע סומען, וואָס ער האָט געדאַרפט האָבן פאַר זיינע אָרעמעלייט.

איז ער צוליב זיין גוטסקייט און ענערגיע ביים זאַמלען געלט און יושרדיקן צעטיילן עס שטאַרק באַליבט געוואָרן צווישן אַלע שיכטן פון פאָלק. קיינער האָט אים ניט אָפּגעזאָגט, אויב ער האָט נאָר ביי עמעצן געפאָדערט.

אויף די פאַרשידנסטע אופנים האָט ער זיין געלט צוזאַמענגעקליבן, ביי וועמען מיט פּשוטער פאָדערונג, ביי וועמען מיט געבעט און ביי וועמען מיט אַ פיינעם שפּאַס. ער האָט געקענט דעם כאַראַקטער פון מענטשן און ער האָט געוואוסט ווי אַזוי מיט יעדן צו האַנדלען.

איז רבי עקיבא אַמאָל געקומען צו זיין גוטן חבר רבי טרפון, וועל־כער איז געווען זייער אַ רייכער מאַן און זיך פאַרנומען מיט הייזער בויען און קויפן פעלדער מיט ווייַנגערטנער, אָבער צו דעם אַלעם האָט ער נישט געהאַט קיין צו אָפענע האַנט — און צו אים אַזוי געזאָגט:

— רבי, איך האָב אַ געלעגנהייט פאַר דיר צו קויפן אַ גאַנץ שטעטל, ביסטו מסכים דערויף?

— גוט! — ענטפערט רבי טרפון און ער גיט איבער אין דער האַנט פון רבי עקיבאן די סומע פון פיר טויזנט גאָלדענע רענדלעך.

נעמט־צו רבי עקיבא די גרויסע סומע געלט און צעטיילט זי צווישן נויטבאַדערפטיקע תלמידי־חכמים. מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער באַגעגנט אים רבי טרפון.

— וואו איז דאָס שטעטל, רבי עקיבא, וואָס האָסט געזאָלט פאַר מיר איינקויפן? — פרעגט אים רבי טרפון.

נעמט אים אָן רבי עקיבא ביי דער האַנט און פירט אים אַריין אין אַ בית־המדרש פאַר קליינע קינדער, רופט צו איינעם פון די קליינע תלמידים און מישט אים אויף אַ מזמור אין תהילים און דאָס קינד הויבט־אָן לייענען. ווען ער איז געקומען צום פּסוק: „פזר נתן לאביונים צדקתו עומדת לעד" — מיט אַן אָפענער האַנט געגעבן פאַר אָרעמעלייט, פאַר־

בלייבט זיין וואוילטאַט אויף אייביקע צייטן — רופט זיך אָן ר׳ עקיבא צו ר׳ טרפונען:

— אָט דאָס איז די שטאָט, וואָס איך האָב פאַר דיר איינגעקויפט.

האָט רבי טרפון אַרומגעכאַפּט רבי עקיבאן און אים אַ קוש געטאָן אין קאָפּ אַריין, אויסרופנדיק דערביי מיט הארץ:

— רבי מיינער און פירער מיינער — רבי מיינער אין וויסנשאַפט און פירער מיינער אין מענטשלעכקייט...

און רבי טרפון האָט אים געגעבן נאָך אַ גרעסערע סומע געלט פונאַנדערצעטיילן צווישן אָרעמעלייט.

רבי עקיבא האָט דערנאָך דערציילט די דאָזיקע געשיכטע צווישן זיינע חברים, תלמידי־חכמים, האָבן אַלע האַרציק געלאַכט פון דעם קלוגן איינפאַל רבי עקיבאס.

— רבי טרפון איז זייער אַ פרומער מענטש, אָבער אַ ביסל צו קאַרג!

— האָט זיך אָנגערופן איינער פון די תלמידי־חכמים — אָבער מיט קלוגשאַפט קאָן מען אַפילו קאַרגע מאַכן צו געבן צדקה.

— מען קאָן זאָגן, אַז דאָס איז אַזאַ שוואַכקייט ביים מענטש! — האָט אַן אַנדערער פון די תלמידי־חכמים זיך אָנגערופן — אַחוץ אָבער אין געלט־זאַכן, איז רבי טרפון איינער פון די ערלעכסטע מענטשן, וואָס איך האָב ווען עס איז באַגעגנט.

— און זייער אַ גרויסער למדן! — האָט רבי עקיבא צוגעגעבן.

— וועגן זיין ערלעכקייט און נישט וועלן זיך באַנוצן מיטן כבוד פון דער תורה, דערציילט מען וועגן רבי טרפונען זייער אַ שיינע פאַסירונג, וואָס וואַרפט אַ שיין אויף רבי טרפונס עניוות און ערלעכקייט — רופט זיך אָפּ דער פריערדיקער תלמיד־חכם.

— דערצייל, דערצייל! — האָבן די איבעריקע תלמידי־חכמים, וועלכע זיינען שטענדיק להוט געווען נאָך אַ פיין מעשהלע וועגן די אייגענע חברים, געבעטן.

און דער תלמיד־חכם האָט איבערגעגעבן פאָלגנדע אינטערעסאַנטע געשיכטע:

„ווי איר ווייסט, האָט דאָך רבי טרפון אָן אַ שיעור ווייַנגערטנער און הייזער, אַזוי אַז נישט אומעטום קענען אים אַפילו זיינע אייגענע מענטשן אויפן פנים.

„מאַכט זיך אַמאָל, רבי טרפון איז אַרויסגעפאָרן צו איינע פון זיינע ווייַנגערטנער הינטער ירושלים און געוואָלט זען, ווי די אַרבעט גייט דאָרט צו. קומענדיק אין זיין גאָרטן אַריין, האָט דערוויַיל רבי טרפון גענומען פאַרזוכן עטלעכע פייגן, וואָס האָבן זיך געטריקנט אויף דער זון.

„איז געקומען אַנצולויפֿן דער אויפֿזעער פֿונם גאָרטן מיט אַ שטעקן אין דער האַנט און כאַפּנדיק טרפֿונען שטיין און עסן פֿייגן, האָט ער אָנגע־הויבן צו שרייען:

— אַהאַ, כ'האָב דיך ענדלעך געכאַפּט, דו גנב איינער! אַ גאַנץ יאָר לויער איך שוין אויף דעם חברה־מאַן, וואָס גנבעט מיר אַוועק די ווייַנ־טרויבן און האָב אים נישט געקאָנט כאַפּן, אָבער איצט וועסטו שוין פֿאַר אַלץ באַצאָלן!

„און ער האָט אים אָנגעהויבן צו שלאָגן מיטן שטעקן, דערנאָך אים אָנגעטאָן אַ זאַק אויפֿן קאָפּ און גענומען שלעפּן צום טייך, כּדי אים דאָרט אַריינצוּוואַרפֿן.

„דערזעענדיק, אַז זיין לעבן שטייט אין אַ סכּנה, האָט רבי טרפֿון אָנגעהויבן שרייען פֿון זאַק אַרויס:

„איך באַשווער דיך, גיי זאָג אָן ביי רבי טרפֿונען אין הויז, אַז מען זאָל פֿאַר אים אָנגרייטן תּכריכים!...

„ווי דער אויפֿזעער האָט דאָס דערהערט, האָט ער זיך גלייך אָנגע־שטויסן, ווער/וועמען ער טראָגט דאָ אין זאַק, גיט ער זיך אַ וואָרף אויף דער ערד, הויבט אָן רייסן זיך די האָר פֿון קאָפּ און וויינט און שרייט:

— רבי, זיי מיר מוחל... כ'האָב ניט געוואוסט, ווער דו ביסט, זיי מיר מוחל, רבי!...

— באַרואיק דיך! — האָט רבי טרפֿון צו אים אויסגערופֿן מיט זיין אייביק שמייכלענדיקן פּנים — מעגסט מיר גלויבן, אַז יעדן קלאַפּ מיטן שטעקן, וואָס דו האָסט מיר געגעבן, האָב איך דיר אים באַלד מוחל געווען.

„מען דערציילט נאָך — האָט דער תּלמיד־חכם פֿאַרענדיקט זיין מעשה — אַז רבי טרפֿון קאָן זיך נאָך ביזן היינטיקן טאָג נישט שענקען, וואָס ער האָט געמוזט, כּדי צו ראַטעווען זיין לעבן, אויסנוצן זיין נאָמען, וואָס איז ברייט און ווייט געווען באַקאַנט.

„ווי איז צו מיר — שרייט ער, ווען ער דערמאָנט זיך נאָר אין דער געשיכטע — וואָס צוליב מיין טובה וועגן האָב איך זיך באַנוצט מיט דער קרוין פֿון דער תּורה"...

— באמת, אַ גרויסער עניו! — האָט רבי עקיבא אויסגערופֿן.

***

דערווייל זיינען די טעג אין יבנה ווייטער אָנגעגאַנגען ווי פֿריער. גאַנצע טעג און אָפֿטמאָל אויך אין די נעכט איז רבי עקיבא געזעסן אין בית־המדרש און געלערנט מיט הונדערטער פֿון זיינע תּלמידים, און נישט בלויז געלערנט תּורה, נאָר אויך זייער אָפֿט האָט רבי עקיבא אויסגע־

נוצט זיין צייט אויף צו וועקן זיינע תּלמידים און אָנצינדן זייערע הערצער מיט די אידעאַלן פֿון פֿרייהייט.

די יידן אין לאַנד האָבן געבענקט נאָך די פֿריערדיקע צייטן, ווען דאָס פֿאָלק ישׂראל האָט געהאַט זיין אומאָפּהענגיקייט, הגם אונטערן פּראָטעקטאָראַט פֿון רוים, זיינען זיי אָבער פֿיל־וויניק געווען פֿריי אין זייערע טואונגען. דאָס בית־המקדש איז געשטאַנען און איז געווען דאָס אָרט, וואו דאָס פֿאָלק האָט זיך באַגעגנט אין די ימים־טובים, און דאָרטן אָפּגעשמועסט וועגן דער פֿירונג פֿון לאַנד.

מענטשן האָבן געטאָן זייער אַרבעט, סיי אין די וואַרשטאַטן אַלס בעלי־מלאכות, סיי אין די וויינגערטנער און אויף די פֿעלדער. אָבער איצט איז דאָס אַלץ צעשטערט געוואָרן. רוים שיקט זיינע גאַרניזאָנען קיין ארץ ישׂראל, און די לאַסט זיי אויסצוהאַלטן פֿאַלט אויף די פּלייצעס פֿון גאַנצן אָרעמען פֿאָלק. יעדעס מאָל ווערן די שטייערן געהעכערט און געהעכערט, ביז זיי האָבן אָנגעהויבן שוין צופֿיל דריקן אויף די פּויערים פֿון גליל, אויף די ווייגערטנער־אייגנטימער אין יהודה.

דאָס פֿאָלק האָט געקרעכצט אונטערן שווערן עול. דאָס גאַנצע געלט, וואָס מענטשן האָבן זיך אָפּגעשפּאָרט, האָבן די שטייער־אויפֿמאָנער מיט אומברחמנותדיקייט אויפֿגעמאָנט, אויב נישט מיט גוטן, איז מיט געשלעג און רציחה.

עס זיינען געקומען אָפּטמאָל צו בלוטיקע צוזאַמענשטויסן צווישן באַרויבטן פֿאָלק און זייגע באַרויבער, די רוימישע שטייערן־אויפֿמאָנער, וועלכע זיינען געקומען אין די יידישע דערפֿער באַגלייט מיט באַוואָפֿנטע רוימישע לעגיאָנערן. עס זיינען פֿון ביידע צדדים געפֿאַלן מענטשן און די פֿאַרביטערונג איז געוואַקסן.

און אָט אין איינעם פֿון אַזעלכע טעג איז רבי עקיבא געגאַנגען ווי געוויינלעך יעדן טאָג אין בית־המדרש אַריין. אָבער אין דעם טאָג האָט ער פּלוצים געפֿונען אַלע טירן פֿאַרמאַכט. ער האָט זיך זייער שטאַרק געוואונדערט, וואָס דאָ איז פּלוצלינג געשען. אָבער באַלד איז אים דאָס אויפֿגעקלערט געוואָרן. עס האָט זיך צו אים דערנעענטערט איינער פֿון די וועכטער, וואָס פֿלעגן היטן דאָס בית־המדרש און אים געזאָגט פֿאָלגנדעס:

— רבן גמליאל האָט דיך געלאָזט רופֿן צו זיך אין הויז אַריין!

רבי עקיבא איז תּיכּף אַהינגעגאַנגען און ביים נשׂיא אין הויז האָט ער שוין געטראָפֿן זיצן דאָרט רבי יהושע בן חנניה און רבי אלעזר בן עזריה און נאָך עפּעס אַ פֿרעמדן מאַן מיט נישט קיין יידישן אויסזען.

ווען ער האָט זיך צום פרעמדן מאַן גוט צוגעקוקט, האָט רבי עקיבא באַלד דערקענט אין אים דעם רוימישן רייכן ייד, ביי וועלכן זיי זיינען איינגעלאַדן געווען אויף שבת, ער, צוזאַמען מיט נחום איש גמזו און זיינע צוויי איבעריקע באַגלייטער, בעת זייער וויילן אין רוים.

רבי עקיבא האָט זיך זייער דערפרייט מיט אים און אויסגעפרעגט אויף פיל באַקאַנטע און אויך אויף קלעמענס פלאַוויוס מיט זיין ווייב דאָמיצילאַ.

— און דו אַליין, טייערער טעאָדאָר, ווי איז דיין געזונט און ווי איז דאָס געזונט פון דיין גאַנצער משפחה?

דער רוימישער גאַסט האָט אָבער אויף דער באַגריסונג פון רבי עקיבאן געענטפערט מיט אַ טרויעריקער שטימע:

„מיינע טייערע ברידער און גרויסע חכמים פון ישראל! עס איז ניטאָ קיין צייט צו פאַרברענגען, מיר מוזן שוין עפעס באַטראַכטן, וואָס עס איז פאַראַן צו טאָן. לאָמיך פאַר אייך קודם דערציילן אין קורצע ווערטער דעם ציל פון מיין קומען דאָ אהער צו אייך.

„מיינע רוימישע ברידער האָבן מיך געשיקט צו אייך מיט דער בקשה, אַז תיכף ומיד זאָלן קומען אייערע שליחים קיין רוים, ווייל אַ גרויסע געפאַר שוועבט איבער אונדזערע קעפּ".

די תלמידי־חכמים זיינען טרויעריק געוואָרן און האָבן אין שטיל־שווייגן אויסגעהערט די ווייטערדיקע רייד, וואָס טעאָדאָר האָט זיי צו דערציילן.

— דער קייסער דאָמיציאַן איז פשוט פון זינען אַראָפּ — האָט ער פאַר־געזעצט — ער איז פיל ערגער פון זיין ברודער טיטוס הרשע. ער האָט אין איין שיינעם פרימאָרגן דערקלערט זיך אין רוימישן סענאַט פאַר אַ גאָט. ער האָט פונאַנדערגעשפּרייט זיינע אָפּבילדער איבערן גאַנצן לאַנד און צווינגט זיינע בירגער, זיי זאָלן זיך בוקן צו אים.

— פאַרוואָס איז אים פּלוצים אַזאַ מחשבה געקומען אין קאָפּ אַריין?
— האָט רבן גמליאל אים איבערגעריסן אינמיטן רעדן.

— מעגלעך, אַז דאָס איז געקומען צוליב דעם פאַקט, וואָס פיל פון די רוימישע גרויסע לייט האָבן אָנגענומען די יידישע אמונה, צווישן זיי אויך דיינע און אונדזערע פריינט קלעמענס פלאַוויוס מיט זיין פרוי, דאָמיצילאַ — האָט דער רוימישער שליח זיך געווענדט צו רבי עקיבאן — און דאָמיציאַן האָט מורא געקראָגן, אַז די דאָזיקע זאַך זאָל זיך נישט צופיל פאַרשפּרייטן, האָט ער דעריבער אַרויסגעגעבן אַ געהיימע גזירה, אַז מען זאָל אַלע יידן אין דער רוימישער אימפּעריע אויסהרגענען, און

אַליין האָט ער זיך דערקלערט פֿאַר אַ גאָט און אַלע דאַרפֿן נאָר צו אים דינען.

ווען די חכמים האָבן דאָס דערהערט, האָבן זיי פֿאַר גרויס צער די קליידער אויף זיך צעריסן און האָבן זיך ביטער צעוויינט און אויך טעאַ־דאָר האָט מיטגעוויינט. אָבער באַלד האָט ער זיך באַהערשט, אויסגעווישט די אויגן און ווייטער דערציילט:

— זינט המן הרשע זיינען נאָך אויף אונדז יידן אַזעלכע צרות נישט געווען. מיר זיינען געלאָפֿן צו קלעמענס פֿלאַוויוס מיט אַ געבעט, אַז ער זאָל אויסווירקן ביים קייסער, ער זאָל אָפּשאַפֿן די דאָזיקע שרעקלעכע גזירה. קלעמענס פֿלאַוויוס האָט דאָמיציאַנען אויפֿגעוויזן, אַז ער וועט פֿיל שאָדן האָבן דערמיט, וואָס ער וועט אויסהרגענען אַלע יידן. די יידן צאָלן מער שטייערן פֿון אַלע איבעריקע פֿעלקער אין דער רוימישער אימ־פּעריע. זיי צאָלן יעדער איינער צו צוויי גאָלדענע דראַכמעס אַ יאָר, אין דער צייט, וואָס אַ נישט־ייד צאָלט בלויז אַ העלפֿט. אָבער דאָמיציאַן האָט זיך איינגעשפּאַרט אין זיין ווילדער משוגעת. ער דאַרף נישט, טענהט ער, קיין געלט. ער מוז אומברענגען דאָס יידישע פֿאָלק, כּדי עס זאָל מיט זיין „פֿאַרדאַרבענעם" גייסט אים נישט שטערן אויסצורופֿן זיך פֿאַר א גאָט...

רבי עקיבא איז אויפֿגעשפּרונגען אַנגעצונדן ווי אַ פֿייער, זיין גרויע באָרד האָט געציטערט פֿון אויפֿרעגונג און די אויגן האָבן געשאָסן ממש מיט פֿונקען.

— מיר יידן האָבן אַ פֿאַרדאַרבענעם גייסט, וואָגט ער צו זאָגן, דער משוגענער געצנדינער, דער קינדער־מערדער, דער באַרבאַר!...

רבן גמליאל האָט אַרויפֿגעלייגט זיין האַנט אויף רבי עקיבאס אַקסל און אים צוריק אַנידערגעזעצט.

— נאָר רואיק מוז מען איצט זיין, מיט כּעסן זיך וועסטו גאָר־נישט אויפֿטאָן — האָט ער געזאָגט — לאָמיר בעסער אויסהערן ביזן סוף דעם שליח און דעמאָלט וועלן מיר באַשליסן וואָס צו טאָן.

— אַוודאי טאָר מען זיך נישט אויפֿרעגן — האָט רבי אלעזר בן עזריה זיך אַריינגעמישט און מיט זיינע בליקן באַרואיקט זיין חבר, רבי עקיבאָן.

און דער שליח האָט פֿאָרגעזעצט:

— זעענדיק, אַז דאָמיציאַן איז אַזוי ווילד איינגעשפּאַרט אין זיין משוגעת, האָט קלעמענס פֿלאַוויוס, אַליין אויך מורא האָבנדיק פֿאַר זיין לעבן, מער נישט גערעדט מיט אים, נאָר אונדז געראָטן צו שיקן אַ שליח אין לאַנד פֿון יהודה צו אייך, גרויסע ליכטער פֿון ישראל. ער האָט גע־

ראַטן תּפילה צו טאָן און אַרויסרופֿן אַ תּענית אין גאַנצן לאַנד, און איר זאָלט עטלעכע פֿון אייערע חכמים שיקן קיין רוים צו באַראַטן זיך מיט אונדזערע יידן.

רבן גמליאל האָט זיך דער ערשטער אָפּגערופֿן:

— גוט, מיר וועלן טאָן, ווי אונדזער פֿריינט קלעמענס פֿלאַוויוס ראָט אונדז, מיר וועלן באַפֿעלן צו פֿאַסטן יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק, אין אַלע שולן וועלן מיר הייסן תּפילה־טאָן און איך פֿאָר תּיכּף אַרויס קיין רוים. ווער פֿון אייך וויל מיך באַגלייטן, מיינע חברים?

— זיכער פֿאָר איך מיט דיר! — האָט רבי יהושע בן חנניה אויס־גערופֿן.

— און איך אויך! — האָט רבי אליעזר בן עזריה צוגעגעבן.

— און דו, עקיבא? — האָט רבן גמליאל געפֿרעגט, זעענדיק, ווי ער שווייגט — פֿאַר וואָס רעדסטו גאָרניט?

— זיינען דען נישטאָ קיין וויכטיקערע מענטשן פֿון מיר, וואָס זאָלן פֿאָרן פֿאַר אַזאַ צוועק? — האָט רבי עקיבא געענטפֿערט — עס זיינען דאָ: רבי טרפֿון, ר׳ ישמעאל בן אלישע, ר׳ יהודה בן בבא...

— דיין ענוות, רבי עקיבא, איז טאַקע צו לויבן — האָט רבן גמליאל מיט אַ שמייכל געזאָגט — אָבער דער שליח האָט אויסדריקלעך געזאָגט, אַז קלעמענס פֿלאַוויוס פֿאַרלאַנגט, דו זאָלסט מיך באַגלייטן אויף מיין וועג קיין רוים! און אפֿשר ווילסטו דיך פֿריער באַראַטן מיט דיין ווייב?...

— ניין, ניין — האָט רבי עקיבא אויסגערופֿן און ער האָט פֿאַרשטאַנען דעם לייכטן שטאָך פֿון רבן גמליאלן — וועגן דעם דאַרף איך מיך נישט באַראַטן מיט מיין ווייב, ווייל וואו עס איז דאָ די תּורה, דאָרטן דאַרף איך זיין, מיין ווייב וועט זיין גליקלעך, ווען איך וועל מיט אייך אַלעמען מיטפֿאָרן!...

קאפיטל 12

דער משוגענער דאָמיציאַן

●

מיט אַ בליץ־שנעלקייט איז באַקאַנט געוואָרן איבערן גאַנצן לאַנד וועגן דער שוידערלעכער גזירה, וואָס דער רוימישער קייסער דאָמיציאַן האָט אַרויסגעגעבן. דאָס פֿאָלק איז געוואָר געוואָרן וועגן דעם ספּעציעלן שליח, וואָס די יידן פֿון רוים האָבן געשיקט צו די חכמים פֿון יבנה, און אַ שווערער טרויער האָט אַלעמען באַהערשט.

דער נשיא רבן גמליאל האָט באַפֿוילן תּפֿילה צו טאָן אין אַלע שולן און בתּי־מדרשים אין יהודה און גליל און צו פֿאַסטן יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק. אַליין האָט ער זיך צוזאַמען מיט די איבעריקע באַגלייטער זיינע אָנגעהויבן צוגרייטן צו דער רייזע קיין רוים. פֿאַרן פֿאַרלאָזן דאָס לאַנד זיינען זיי צוגעפֿאָרן קיין ירושלים און אויף די חורבות פֿון בית־המקדש האָבן זיי תּפֿילה געטאָן און אויסגעוויינט זייערע ביטערע הערצער.

„זע, ווי ציון איז פֿאַרוויסט געוואָרן! — האָט רבן גמליאל מיט פֿיל טרערן אין די אויגן אויסגעשריגן מיט אויפֿגעהויבענע הענט צום הימל — און דאָס הייליקע הויז דיינס איז פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ באַרג מיט אַש. גאָט דערבאַרעמדיקער, די גוים זיינען געקומען אין דיין הייליקן לאַנד אַריין, האָבן מטמא געווען דיין הייליקן טעמפּל, דיינע געליבטע קינדערס טויטע קערפּער האָבן זיי פֿאַר די ווילדע חיות געוואָרפֿן און איצט ווילן זיי אינגאַנצן אומברענגען דאָס יידישע פֿאָלק. מיט וואָס זיינען מיר אַזוי זינדיק, אַז אונדז איז אָנגעצייכנט געוואָרן אומצוקומען און מיט וואָס זיינען די גוים אַזוי גוט, אַז זיי דאַרפֿן דאָס זיין דיינע שלוחים!...“

אַלע האָבן שטילגעשוויגן, בעת רבן גמליאל האָט זיך מיט אַ בלוטנ־דיק האַרץ אויסגעטענהט מיט גאָט, און ווען ער האָט געענדיקט דאָס קלאָגן און מיטן פּנים געפֿאַלן צו דער ערד, האָבן זיינע באַגלייטער אויסגעבראָכן מיט אַ געוויין און נאָכאַמאָל צעריסן אויף זיך די קליידער פֿון גרויס טרויער.

און ווען זיי האָבן אַראָפּגענידערט פֿון דעם באַרג, וואו דאָס בית המקדש איז געשטאַנען, האָבן זיי פּלוצלינג דערזען, ווי אַ פֿוקס שפּרינגט אַרויס פֿון דעם אָרט, וואו פֿריער האָט זיך דאָרט געפֿונען דאָס קדשי־

הקדשים. עס האָט זיי אַלעמען ביי די הערצער פֿאַרקלעמט און אַ פֿלייץ טרערן האָט זיך אַ גאָס געטאָן פֿון זייערע אויגן. בלויז איין רבי עקיבא האָט געשוויגן און אַן אויסגעלייטערטער שמייכל האָט געשוועבט איבער זיין פּנים.

האָט אים רבי יהושע געפֿרעגט:

— עקיבא, פֿאַרוואָס שמייכלסטו אין דער צייט, וואָס מיר קלאָגן מיט ביטערע טרערן?

האָט רבי עקיבא אים צוריק געפֿרעגט:

— און פֿאַרוואָס וויינט איר?

האָבן די חכמים אים געענטפֿערט:

— פֿאַרוואָס זאָלן מיר נישט וויינען, ווען פֿון דעם פּלאַץ, וואָס דעם כהן גדול איז דערלויבט געווען בלויז איין מאָל אין יאָר אַריינצוגיין, לויפֿט אַרויס אַ פֿוקס. דאָס האַרץ קאָן דאָך צעפּלאַצט ווערן!...

— איז דעריבער טאַקע שמייכל איך — האָט רבי עקיבא געענטפֿערט — און איך וועל מיר נעמען צוויי באַגלויבטע עדות: מיכה פֿון מורשת און זכריה בן ברכיהו. מיכה האָט נביאות געזאָגט: „ציון וועט ווי אַ פֿעלד צעאַקערט ווערן און ירושלים וועט פֿאַרוואַנדלט ווערן אין אַ מדבר", און זכריה האָט מיט פֿיל הונדערטער יאָרן שפּעטער געזאָגט: „אַזוי האָט געזאָגט גאָט, כ'וועל מיך אומקערן קיין ציון און דעמאָלט וועט ירושלים אָנגערופֿן ווערן די שטאָט פֿון אמת און דער באַרג פֿון גאָט פֿון צבאות — דער הייליקער באַרג". אַזוי לאַנג ווי מיכהס נבואה איז נישט געהאָט מקוים געוואָרן, איז געווען אַ מורא, אַז אויך זכריהס נבואה וועט נישט מקוים ווערן. אָבער איצט, ווען די נבואה פֿון מיכה שטייט פֿאַר אונדזערע אויגן, ירושלים איז חרוב, וועט אויך די נבואה פֿון זכריה מקוים ווערן...

האָבן די חכמים געזאָגט צו רבי עקיבאן:

— האָסט געטרייסט אונדז, עקיבא.

פֿול מיט האָפֿענונג זיינען די תּלמידי חכמים נאָך די דאָזיקע טרייסטנ־דיקע רייד אויפֿגעזעסן אויף דער שיף, וואָס האָט זיי געפֿירט קיין ברינ־דיזיום.

⁂

שרעק און פּחד האָט זיך אין דער זעלבער צייט פֿונאַנדערגעשפּרייט איבער גאַנץ רוים. עס האָבן געציטערט פֿאַרן טויט די סענאַטאָרן און אַלע העכסטע אַדלייט פֿון דער רוימישער אימפּעריע. דאָמיציאַן האָט אין זיין משוגעת פֿון וועלן ווערן אַ גאָט, פֿאַרשטאַנען, אַז נאָר ביים פּשוטן

המון וועט ער דאָס קאָנען דורכפֿירן. האָט ער זיך דעריבער מער צוגע־נייגט צום פּראָסטן פֿאָלק, האָט איינגעאָרדנט פֿאַר זיי פֿאַרשידענע שפּילן און פֿאַרוויילונגען, וואָס מער גלאַדיאַטאָרן־קאַמפֿן זיי געוויזן און וואָס מער טויט־אורטיילן דורכגעפֿירט קעגן יידן און געפֿאַנגענע שקלאַפֿן, אַרויספֿירנדיק זיי צו קעמפֿן אויף דער אַרענע קעגן ווילדע חיות. דער־מיט האָט ער דעם המון פֿון דער גאַס אינגאַנצן געוואונען אויף זיין זייט.

קיין געלט צו די אַלע שפּילן און פֿאַרוויילונגען אויסצופֿירן האָט אים נישט געפֿעלט. ער האָט וואָס מער בילבולים אויסגעטראַכט אויף די רייכע און אַדללייט, דערנאָך זיי געהרגעט און צוגענומען ביי זיי די פֿאַרמעגנס, דאָס גאָלד און זילבער.

דערפֿאַר אָבער איז די גאַנצע שטאָט באַפּוצט געוועזן מיט אויסגעהאַקטע בראָנזענע בילדער פֿון קייסער דאָמיציאַן, צו וועלכע דאָס פֿאָלק האָט זיך גערן געבוקט.

דער קייסער האָט נאָר־וואָס געלאָזט פֿאַרענדיקן אַ ריזיקע סטאַטוע פֿון זיינס אַן אָפּבילד און אויסגעשטעלט זי אין פֿראָנט פֿון זיין פּאַלאַץ. ער האָט אויף דעם טאָג איינגעאָרדנט אַ גרויסע שמחה פֿאַר דעם שטאָ־טישן המון. אויף די גאַסן זיינען פּראָצעסיעס מיט גאָלדענע און בראָנ־זענע דאָמיציאַן־בילדער געגאַנגען, דער המון האָט געזונגען, געשאַלט מיט טרומפּייטן און געקלאַפּט אין פּויקן, געטאַנצט און געפֿרייט זיך מיט דעם נייעם גאָט, וואָס זיי האָבן באַקומען.

אָט אין אַזאַ טאָג זיינען די חכמים פֿון יבנה אָנגעקומען קיין רוים. ווען זיי האָבן אויף די גאַסן דערזען די דאָזיקע ווילדע פּראָצעסיעס און ווי דער המון ווילט זיך משוגע און טאַנצט פֿאַר די גאָלדענע און בראָנ־זענע בילדער פֿון דעם קייסער דאָמיציאַן, און ווען זיי האָבן געהערט דאָס ווילדע פּויקן און שאַלן אין די טרומפּייטן און די אויסגעשרייען לכבוד דעם משוגענעם הערשער, וואָס שעכט אויס זיינע בעסטע מענטשן און וועלכער האָט באַשלאָסן אומצוברענגען דאָס גאַנצע יידישע פֿאָלק, האָבן זיי זיך צעוויינט פֿון גרויס עגמת־נפֿש און ביטערן טרויער.

— אויב ער האָט נישט קיין רחמנות אויף זיינע אייגענע רוימער, ווי וועט ער רחמנות האָבן אויף אונדז?! — האָט רבן גמליאל געקלאָגט.

בלויז איין רבי עקיבא האָט נישט געוויינט און נישט געקלאָגט. אַ ליטערער שמייכל האָט אויף זיין פּנים געשוועבט.

האָבן אים די חכמים געפֿרעגט:

— פֿאַרוואָס שמייכלסטו, עקיבא?

האָט זיי עקיבא צוריקגעפֿרעגט:

— און פֿאַרוואָס וויינט איר?

האָבן די חכמים אים געענטפֿערט:

— פֿאַרוואָס זאָלן מיר נישט וויינען. זע, ווי די רשעים לעבן אין פֿרייד און אין נחת און אונדזער לאַנד איז פֿאַרוויסט, אונדזער בית־המקדש איז פֿאַרברענט, מיר ווערן געדרודפֿט און געפּלאָגט און איצט שטייט אונדז פֿאַר אינגאַנצן אומצוקומען...

— און דעריבער טאַקע שמייכל איך — האָט זיי רבי עקיבא געענטפֿערט — אויב די רשעים, וועלכע פֿאַרלייקענען דעם אמתן גאָט און טוען אַלדאָס בייז, איז אַזוי גוט, ווער דאַך אונדז, וועלכע דינען דעם אויבערשטן און היטן אָפּ זיינע געזעצן, אוודאי און אוודאי גוט זיין!...

האָבן די חכמים אים געענטפֿערט:

— האָסט געטרייסט אונדז, עקיבא...

אין דער צייט, וואָס דער פּשוטער המון אויף די גאַסן פֿון רוים האָט געיובלט, געפֿרעסן און געזויפֿן און מזנה־געווען אין נאָמען פֿון זייער נייעם גאָט, האָט אַ טויט־ציטערניש, אַ פּחד געשוועבט אין די הייזער פֿון די סענאַטאָרן, פֿון די אַדללייט און אַפֿילו אויף די נאָענטסטע קרובים פֿון קייסער, אויף זיינע ביז־איצטיקע פֿריינט. יעדן מאָמענט האָבן זיי אָפּגעוואַרט, אַז אָט עפֿנט זיך די טיר און באַוואָפֿנטע סאָלדאַטן קומען אַריין זיי נעמען צום קייסער, פֿון וואַנען זיי וועלן שוין מער קיין לעבעדיקע אין זייערע היימען נישט צוריקקומען.

ביי יעדן שאָרך פֿון אַ ווינטל האָבן זיי אויפֿגעצאַפּלט אין אַנגסטן און זייערע פּנימער זיינען בלאַס געוואָרן. זיי האָבן מורא געהאַט און געשעמט זיך מיט דער דאָזיקער מורא. זיי, די געלערנטע לייט, די פֿילאָזאָפֿן, דיכטער, רעטאָריקער, סענאַטאָרן, זאָלן דאַרפֿן מורא האָבן פֿאַר דעם משוגע געוואָרענעם רוימישן הערשער, נאָר בלויז דערפֿאַר, וואָס ער האָט אָפּגעקויפֿט דאָס פֿעבל מיט זיינע פֿאַרשווענדערישע הוליאַנקעס און בלוטיקע גלאַדיאַטאָרן־קאַמפֿן. זיי האָבן זיך געשעמט איינער פֿאַרן אַנדערן מיט זייער פּחדנות, מיט זייער נישט האָבן קיין מוט צו פֿאַרענדיקן דעם דאָזיקן גרויל. שוואַכע ברואים זיינען זיי געווען אין אַנגעזיכט פֿון דעם משוגענעם דאָמיציאַן און זיי האָבן שווייגנדיקערהייט צוגעקוקט זיך, ווי יעדן טאָג ווערט אָן אַנדערער סענאַטאָר אָדער אָן אַנדערער אַדלמאַן פֿאַרשוואונדן און יעדן טאָג האָט זיך יעדער איינער פֿון זיי געריכט, אַז היינט איז געקומען די רייע אויף אים...

אָט אין אַזאַ נישט זיכערן צושטאַנד האָבן אין אַ געוויסן טאָג אַלע סענאַטאָרן, הויכגעשטעלטע לייט, דיכטער און פֿילאָזאָפֿן באַקומען איינלאַדונגען צו קומען צום קייסער אויף אַ פֿייערלעכן מאָלצייט, וואָס ער האָט פֿאַר זיי ספּעציעל איינגעאָרדנט.

אָן אימה איז אויף אַלעמען אָנגעפֿאַלן, ווען זיי האָבן די איינלאָ־דונגען באַקומען, אָבער גיין האָבן זיי געמוזט. עס איז פֿאַר זיי שוין אַלץ איינס געווען: נישט גיין, האָט געהייסן זיכערער טויט און יאָ גיין, האָט אויך באַדייט אָן שום־צווייפֿל: טויט! האָבן זיי אויסגעקליבן דאָס צווייטע. אפֿשר וועט דאָך דעם משוגענעם הערשער איינפֿאַלן אַ גוטער געדאַנק און ער וועט זיי נישט טויטן.

זיי זיינען אַלע אָנגעזאָגט געוואָרן צו קומען אויף דעם מאָלצייט אָן דער באַגלייטונג פֿון זייערע קנעכט און זייערע ווייבער און קינדער. בלויז איינע אַליין האָבן זיי געדאַרפֿט דערשיינען צו דעם מאָלצייט. האָבן זיי זיך אינדערהיים אָפּגעזעגנט מיט די פֿאַמיליעס און אונטערן באַגלייט פֿון געוויין און געיאָמער זיינען די אַריסטאָקראַטן פֿון רוים געגאַנגען צום קייסערלעכן מאָלצייט ווי צו אַ לוויה...

אוןווירקלעך האָבן זיי דעם זאַל, וואוהין זיי זיינען פֿאַרבעטן גע־וואָרן, געטראָפֿן צוגעגרייט ווי צו אַ לוויה. די ווענט זיינען געווען איינ־געהילט אין שוואַרצן פֿון אויבן ביז אַראָפּ, דער סופֿיט איז געווען אָפּגע־מאָלט שוואַרץ, די פּאָדלאָגע אויסגעלייגט מיט שוואַרצע טעפּיכער, און אויך די נידעריקע שטולן, אויף וועלכע זיי האָבן זיך געדאַרפֿט זעצן, זיינען געווען איינגעהילט אין חושכדיקן שוואַרץ. די שטולן זיינען נאָך דערצו געווען אַזוי אויסגעאַרבעט, אַז זיי האָבן גיכער געהאַט דעם אָנבליק פֿון ארונות פֿאַר מתים, און אויף איטלעכן „ארון" איז געווען אויסגע־קריצט דער נאָמען פֿון איינגעלאַדענעם גאַסט.

ווען אַלע געסט האָבן מיט קלאַפּעדיקע הערצער און טרייסלענדיקע ציין פֿון שרעק און פּחד און מיט אַרויסשטאַרטשענדיקע אויגן זיך באַזעצט אין די טויטן־שטולן און אין שטילשווייגן זיך איבערגעקוקט, האָבן זיך פּלוצלינג אויפֿגעפּראַלט טירן פֿון אַלע זייטן און עס האָבן זיך געגעבן אַ שאָט אַריין מחנות נאַקעטע יונגעלייט, וועמענס לייבער זיינען געווען אָפּגעמאָלן אויף שוואַרץ און זיי האָבן אָנגעהויבן טאַנצן עפּעס אַזעלכע משונהדיקע טענץ, וואָס האָבן אַרויסגערופֿן גרויל און אימה ביי די געסט. די טאַנצנדיקע שוואַרצע יונגעלייט האָבן געמאַכט אַזעלכע גרימאַסן, אַז ס'האָט געמאַכט דעם איינדרוק גלייך טויטע סקעלעטן וואָלטן געטאַנצט.

ווען די טענץ האָבן זיך פֿאַרענדיקט און אַלע איינגעלאַדענע געסט האָט עס שוין געוואָרפֿן ווי אין קדחת, זיינען די דאָזיקע אימהדיקע יונגע־לייט פֿאַרשוואונדן געוואָרן, און אויף זייער פּלאַץ זיינען מיט רעש און גע־פּילדער, ווי אַ מחנה שדים, אַריינגעלאָפֿן אַנדערע, אויך אויף שוואַרץ אָפּגעמאָלן, מיט שוואַרצע טאַצן אין די הענט, און האָבן פֿאַר יעדן איינעם

אָוועקגעשטעלט די זעלבע מאכלים, וואָס מען גיט געוויינלעך צו עסן אין רוים ביי אַ טויטן־סעודה.

דאָ האָבן זיך די פאַרבעטענע געסט אויף אַן אמת דערשראָקן.

— דאָס איז געווּיס אונדזער לעצטע סעודה — האָט איין סענאַטאָר, אַ בלאַסער ווי דער טויט, איינגערוימט אַ צווייטן, וועלכער איז לעבן אים געזעסן — ער גיט דאָך אונדז שוין די טויטן־סעודה אָפּצועסן!

אָבער דאָ האָט זיך ווידער פּלוצים אַ טיר געעפנט און עס איז דער־שינען דער קייסער דאָמיציאַן אַליין. ער איז געווען אָנגעטאָן אין שוואַרצן, און געגאַנגען איז ער מיט לאַנגזאַמע, פייערלעכע טריט. אין די אויגן האָט ביי אים געגליט אַ פלעמל פון ריינער משוגעת. ער איז געווען ערנסט, קיין מוסקול אויף זיין פּנים האָט זיך ניט אַ ריר געטאָן. ער האָט זיך אַנידערגעזעצט אויף אַ לײדיקער שוואַרצער שטול, וואָס אַ שקלאַף האָט אין דער זעלבער רגע אַריינגעבראַכט און אַנידערגעשטעלט פאַר אים דאָס זעלבע מאכל, וואָס פאַר אַלע איינגעלאַדענע געסט.

אַ טויטע שטילקייט האָט געהערשט. די שטילקייט האָט אַזש געבויערט אין די אויערן. מען האָט בלויז געהערט דאָס זופּן פון דער פליסיקייט אין די שיסלען און פון צייט צו צייט אַ געקלאַנג פון מעסער — און ווידער איז שטיל געוואָרן.

מיטאַמאָל האָט זיך דער קייסער אויפגעשטעלט. אַלעמענס אויגן האָבן אין שרעק זיך צו אים אַ ווענד געטאָן. זיי זיינען אין טויטער נייגע־ריקייט געזעסן און אַפילו דעם אַטעם ניט אָפּגעכאַפּט. זיי האָבן איצט דערוואַרט צו הערן זייער טויט־אורטייל, און אפשר... אפשר וועט ער זיי נאָך היינטיקע נאַכט לאָזן פריי אַהיימגיין צו זייערע ווייבער און קינדער.

ער האָט געלאָזט אויף זיך לאַנג וואַרטן. אַ שפּאַרע ווילע איז ער אַזוי געשטאַנען און געפירט זיין וואַנזיניקן בליק פון איינעם אויפן אַנדערן. דאָ האָט ער פאַרמאַכט די אויגן, דאָ זיי פּלוצים געעפנט און אַ משוגעת־פייערל האָט פון זיי אַ בליץ געטאָן.

ענדלעך האָט ער אויפגעמאַכט דאָס מויל:

— געדענקט גוט מיינע רייד און קריצט זיי זיך איין אין זכרון. איך האָב אייך אַהער גערופן, כדי אייך צו זאָגן, אַז איך בין בכוח אייך אָוועקצושיקן אַהינצו, פון וואַנען מען קומט שוין מער ניט צוריק. דעם דאָזיקן כוח וועל איך באַווייזן צו דעם יעניקן, וואָס וועט וואַגן ניט צו גלויבן אין מיין געטלעכקייט. מיין קראַפט איז ווי די קראַפט פון יופּיטער, און מיט מיין בליץ קאָן איך צעשמעטערן יעדן איינעם, וועלכער זאָל זיך נאָר פּרואוון מיר אַנטקעגנשטעלן!

ווידער איז אַ שרעקלעך שטילשווייגן אַריינגעטראָטן. קיינער האָט ניט געוואָגט דאָס מויל צו עפֿענען. עס האָט זיך געדאַכט, אַז דער טויט שוועבט דאָ אַרום צווישן די געסט. דאַמיציאַן איז נאָך געשטאַנען עטלעכע רגעס און מיט זיין וואַנזיניקן בליק אַלעמען אַדורכגענומען, אַז דאָס בלוט איז ביי יעדן איינעם פֿאַרגליווערט געוואָרן פֿון שרעק. דערנאָך האָט ער זיך פּלוצים אויסגעדרייט און מיט פּאַמעלעכע טריט, מיט דער זעלבער פֿייערלעכקייט, וואָס ביי זיין אַריינקומען, האָט ער זיך געלאָזט צום אַרויס־גאַנג, אַפֿילו ניט ווינטשנדיק קיינעם קיין פֿרידן. ער האָט בלויז זיין פֿינ־גער פֿון חסד אויפֿגעהויבן אַלס צייכן, אַז זיי זיינען פֿריי, זיי קאָנען גיין אַהיים.

די הויכגעשטעלטע לייט זיינען נאָך אַ ווײַלע געבליבן זיצן ווי צוגענאָגלט צו זייערע ערטער. זיי האָבן זיך זייערע אייגענע אויערן ניט געגלייבט, אַז זיי זיינען פֿריי און קאָנען שוין גיין אַהיים, איטלעכער צו זיין ווייב און קינדער. אָבער זעענדיק, אַז דאַמיציאַן איז מער ניטאָ און די אַלע שוואַרצע דינער־מחבלים זיינען פֿאַרשוואונדן, האָבן זיי ענדלעך פֿאַרשטאַנען, אַז זיי מעגן זיך שוין אויפֿהויבן פֿון זייערע פּלעצער און אַהיימגיין.

איינער צום אַנדערן האָט קיין וואָרט ניט אויסגערעדט. זיי האָבן זיך געשעמט די אויגן אויף זיך אויפֿצוהויבן. עס האָבן זיך אַפֿילו אויך גע־פֿונען אַזוינע, וואָס האָבן אויסגעדריקט דאַנקבאַרקייט צום קייסער דאָ־מיציאַן, וואָס ער האָט מיט זיי חסד געטאָן און זיי נאָך געלאָזט די היינטיקע נאַכט לעבן.

— אַן אידעלער מענטש — האָט איינער פֿון די געסט אַ שעפּטשע געטאָן.

— טאָ וואָס זשע שטייסטו נאָך דאָ? שנעל גיי אים נאָך און גיב אים אַ קוש אין הינטן! — האָט מיט כּעס אויסגערופֿן אַ פֿרייכנדיקער סענאַ־טאָר, וואָס האָט שוין געהאַט צוריק געוואונען זיין גלייכגעוויכט און אַ רויטלעכע פֿאַרב איז אויף זיין פּנים צוריקגעקומען, און נאָכגעקרומט מיט בייסנדיקער איראָניע: אַן אידעלער מענטש...

יענער האָט זיך פֿאַרשעמט און איז באַלד פֿאַרשוואונדן געוואָרן.

— פֿאַרוואָס האָט זיך קיין איינער פֿון צווישן אונדז ניט געפֿונען, וואָס זאָל אים אַ מעסער אין דער זייט אַריינשטעקן, ווי אַמאָל ברוטוס צעזאַרן? — האָט קלעמענס פֿלאַוויוס צו זיינעם אַ פֿריינט אין אויער אַריינגעשעפּטשעט, ווען זיי האָבן זיך שוין געפֿונען אויף דער גאַס, און פֿונדעסטוועגן האָבן זיי זיך גוט אומגעקוקט אויף אַלע זייטן, צי עס הערט זיי ניט אונטער עמיצער.

— מיר זיינען אַלע פּחדנים, נבזהניקעס און מיר ווילן אַזעלכע שטאַרבן! מיר האָבן דאָך מורא פאַר אונדזער אייגענעם שאָטן — האָט דער פּריינט געענטפערט, אָפּגעזעגנט זיך שנעל מיט קלעמענס פלאַוויוס און איז פאַרשוואונדן.

אָבער דערמיט האָט עס זיך ניט פאַרענדיקט. דאָמיציאַן האָט יעדן טאָג אויסגעטראַכט אַנדערע משוגעתן, כדי זיינע הויפלייט און סענאַטאָרן צו דערגיין די יאָרן. ער האָט זיי געצוואונגען אָנטיילצונעמען אין די פייערונגען, וואָס ער האָט לכבוד זיך אַלס גאָט איינגעאָרדנט. זיי האָבן געמוזט מיטזינגען די אַלע לידער, וואָס מען האָט אַמאָל געזונגען פאַר די אָפּגעטער, און איצט זיינען זיי איבערגעשריבן געוואָרן דורך די הויף־דיכטער לכבוד דעם קייסער.

און ביי ווען דאָמיציאַן האָט באַמערקט בלויז אַ שאָטן פון אומ־צופרידנקייט, אָדער בלויז אַן אַנדייט פון שפּאָס, האָט ער אים תיכּף געלאָזט אַרעסטירן און הרגענען.

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ סדרה פון בלבולים און מסירות. איינער האָט מורא געהאַט פאַר דעם אַנדערן, פאָטער פאַר זון און זון פאַר פאָטער. אין פריינט צום צווייטן האָט ניט געהאַט קיין צוטרוי. מען איז ניט זיכער געווען אַרויסצורעדן אַ וואָרט, אַז מען זאָל באַלד ניט פאַרמסרט ווערן. אַפילו פאַר די פיר ווענט האָט מען זיך געהיט אַן אומגינסטיק וואָרט לגבי דעם קייסער אויסצורעדן. מען האָט מורא געהאַט אַפילו צו טראַכטן, ווייל טאָמער וועט דאָס טראַכטעניש זיך אָפּשפּיגלען אויפן פּנים און אַ מסור וועט עס צוטראָגן צו די אויערן פון קייסער דאָמיציאַן.

אין דעם טאָג, ווען די פיר גרויסע תנאים זיינען אָנגעקומען קיין רוים, האָט פּאַסירט גאָר אַ שרעקלעכע זאַך. דריי פון די חשובסטע רוימישע בירגער האָבן זיך אויף אַ געוויסן פּלאַץ צווישן בלויז גוטע פריינט אַרויס־געזאָגט מיט אַ וואָרט פון מיטגעפיל וועגן יידן. דאָס זיינען געווען דריי פון די באַרימטסטע רוימישע סענאַטאָרן. אין דעם זעלבן טאָג איז דאָס דאָזיקע „פאַרברעכן" אָפּגעטראָגן געוואָרן צו דאָמיציאַנען, און ווען די סענאַטאָרן זיינען, ווי געוויינלעך, געקומען אין סענאַט צו זייערע באַראַ־טונגען, צו באַשטימען געזעצן פאַרן לאַנד, האָט זיי דאָמיציאַן מיט זיין אייגענער האַנט מיט אַ שווערד די קעפּ אַראָפּגעהאַקט און זייער בלוט האָט באַשפּריצט די קליידער פון זייערע חברים, וועלכע זיינען געזעסן דערלעבן.

דאָמיציאַן איז אַריינגעפאַלן אין אַזאַ רציחה, אַז יעדן טאָג האָט ער פערזענלעך אָדער דורך זיינע איבערגעגעבענע דינער געהרגעט עמיצן פון די הויכגעשטעלטע לייט.

ווען רבן גמליאל מיט זיינע חברים האָבן דאָס דערהערט, איז אַ שרעק און אַ מורא אויף זיי אָנגעפאַלן.

צו וועמען זאָלן זיי זיך קערן און ווענדן? ס׳וועט דאָך יעדער איינער מורא האָבן מיט זיי אַ וואָרט אויסצורעדן, אַז פאַר בלויז אַרויסווייזן מיטגעפיל הרגעט ער, דער אכזר, עפנטלעך אין סענאַט זיינע אייגענע מקורבים. דאָס איז דאָך אומדערהערט. אַזעלכעס האָט דאָך אַפילו ביי נירון־קייסער נישט פּאַסירט!

ס׳איז דעריבער ביי אַלע באַשלאָסן געוואָרן, אַז קודם כל זאָלן זיי אַריינגיין צו קלעמענס פלאַוויוס, ער האָט דאָך צו זיי געשיקט דעם שליח.

רבי עקיבא, וועלכער איז געווען דער אינטימער פריינט פון קלעמענס פלאַוויוס, האָט זיי אַלעמען צו אים אין פּאַלאַץ אַריינגעפירט. דאָס איז פאַרגעקומען אונטערן צודעק פון דער פינצטערער נאַכט און בסוד, אַז קיינער זאָל דערפון נישט געוואָר ווערן.

דער שליח טעאָדאָר איז פריער געהאַט אַוועק אין געהיים צו קלעמענס פלאַוויוס און אים אָנגעזאָגט די בשורה, אַז די שליחים פון יהודה זיינען שוין אָנגעקומען. האָט פלאַוויוס אַוועקגעשיקט פריער זיינע אַלע שקלאַפן און דינסטן, כדי זיי זאָלן זיך נישט אַמאָל פאַר עמעצן אַרויסכאַפּן מיט אַן אומפאַרזיכטיק וואָרט.

און ערשט דעמאָלט זיינען אַלע פיר תנאים דורך טעאָדאָרן אַריינגעפירט געוואָרן צו קלעמענס פלאַוויוס אין פּאַלאַץ.

אין זייער הויז האָט שוין קלעמענס פלאַוויוס און זיין ווייב דאָמיצילאַ אָפּגעוואַרט די חשובע געסט, וועלכע זיי האָבן אויפגענומען מיט גרויס פריינטלעכקייט.

רבי עקיבא איז זיי געפאַלן אויף די העלדזער און געקושט. די פרייד ביים פאַר־פאָלק איז געווען עד אין לשער. ער האָט פאַר זיי פאָרגעשטעלט זיינע דריי איבעריקע פריינט, רבן גמליאל, רבי יהושע בן חנניה און רבי אלעזר בן עזריה.

קלעמענס פלאַוויוס האָט וועגן זיי געהערט. דער עיקר איז אים גוט באַקאַנט געווען די קלוגשאַפט פון רבי יהושע בן חנניה, וועמענס חכמות מ׳האָט אַפילו אין די רוימישע געצנדינערישע הייזער נאָכדערציילט.

— זייט געבענטשט מיינע פריינד און מיינע רבים! — האָט קלעמענס פלאַוויוס אויסגערופן — ס׳איז פאַר מיר דער העכסטער כבוד אייך אויפצונעמען ביי מיר אין הויז. און כאָטש מיין לעבן איז דערמיט איינגעשטעלט, פיל איך מיך גליקלעך אייך דאָ צו זען, כדי מיט עפּעס זיך פאַרדינען צו מאַכן אין מיין נייער יידישער אמונה, אין וועלכער איך און מיין ווייב זיינען אַריינגעטראָטן.

דאָמיצילאַ האָט אַריינגעבראַכט פֿון איר גאָרטן וויינטרויבן און פֿאַר־שידענע אַנדערע פֿרוכטן און זיי דערלאַנגט צו עסן.

— כ'האָב נאָך נישט די דרייסטקייט אייך איינצולאַדן צו אַ מאָלצייט, ווייל כ'בין נאָך נישט גענוג איינגעאיבט אין אַלע יידישע דינים — האָט זי מיט אַ זאַנפֿטן שמייכל זיך פֿאַרענטפֿערט פֿאַר די תּלמידי־חכמים.

די חכמים האָבן איר באַדאַנקט און אָנגעהויבן צו עסן די דערלאַנגטע פֿרוכטן, און רבי עקיבא האָט זיי דערווייל דערציילט וועגן אַלצדינג, וואָס עס איז מיט אים געשען זינט יענער צייט, ווען ער איז געווען אין רוים, ביזן היינטיקן טאָג. און ווען ער האָט זיי איבערגעגעבן וועגן טויט פֿון נחום איש גמזו, האָט קלעמענס פֿלאַוויוס מיט זיין ווייב דאָמיצילאַ טרויע־ריק די קעפּ אַראָפּגעלאָזט און טרערן האָבן זיך זיי אין די אויגן באַוויזן.

— אויך ביי אונדז פּערזענלעך איז אַ גרויס אומגליק געשען — האָט דאָמיצילאַ שיער נישט אַרויסוויינענדיק דערציילט — מיינע צוויי זין, אויף וועלכע איך האָב אַזוי פֿיל האָפֿענונג געלייגט, זיינען געשטאָרבן. דאָמיציאַן האָט זיי זייער ליב געהאַט און דער עלטסטער וואָלט זיכער גע־וואָרן דער קייסער פֿון רוים נאָך דאָמיציאַנס טויט...

— עס איז טאַקע אַן אומגליק — האָט קלעמענס אַ זיפֿץ געטאָן — אָבער עס איז גלייכער דער טויט איידער צו זיין דער קייסער פֿון אַזאַ אומווירדיקער מלוכה ווי ס'איז רוים. דאָמיציאַן, איידער ער איז געוואָרן קייסער, איז אויך געווען אַ גוטער מענטש און מיר האָבן פֿון אים פֿיל גוטס דערוואַרט. זעט איר דאָך, וואָס פֿון אים איז געוואָרן! ממש אַ משוגעת האָט אים באַהערשט, אין יעדן איינעם זעט ער אַ פֿאַררעטער, איבערהויפּט ציטערט ער פֿאַר די הויכגעשטעלטע לייט פֿון רוים, אַז זיי זאָלן נישט פֿעלשן אין אים. דעריבער האָט ער זיך לעצטנס צוגעצייגט מער צו די פּשוטע מאַסן, צום פּעבל. ער גיט זיי כּלערליי פֿאַרוויילונגען, פֿאַרשידענע שפּילן, און ווען עס פֿעלט אים אויס געלט דערויף, הרגעט ער די רייכע רוימישע בירגער אונטערן אויסרייד פֿון פֿאַרראַט און נעמט ביי זיי צו זייערע פֿאַרמעגנס פֿאַר דער מלוכה־קאַסע. קיינער פֿון אונדז איז היינט נישט זיכער מיט זיין לעבן...

— לאָמיר איצט אַ שמועס־טאָן מכּוח דעם ציל פֿון אונדזער קומען דאָ אַהער! — האָט רבן גמליאל אָנגעהויבן דער ערשטער — לאָמיר בעסער באַטראַכטן אַן עצה ווי אַזוי אָפּצוואווענדן דעם קייסערס צאָרן פֿון אונדז.

— ליידער איז קיין שום עצה דערויף נישטאָ! — האָט קלעמענס פֿלאַוויוס מיט אַ זיפֿץ אויסגערופֿן — ער האָט אויף אַ משוגענעם אופֿן פֿיינט יידן. ער ווערט פּשוט ווילד, ווען ער הערט וועגן זיי רעדן. ער האָט

זיי פֿיינט דערפֿאַר, ווייל זיי דינען נישט צו די געצן און דעריבער ווען זיי דאַך אים אַליין אויך נישט אָנערקענען פֿאַר אַ גאָט. אַחוץ דעם איז פֿאַראַן נאָך אַ סיבה, צוליב וועלכער ער האָט אַזוי שטאַרק פֿיינט יידן...

— וואָס פֿאַר אַ סיבה? — האָט רבי עקיבא נייגעריק געפֿרעגט.

— עס איז פֿאָרגעקומען אַ גאַנצע געשיכטע מיט דער קייסערין, וועלכע איז באַקאַנט אַלס זייער אַ פּרעכטיקע פֿרוי. די קייסערין האָט זיך געמלעך אַריינגעלאָזט אין ליבעס־פֿאַרהעלטעניש מיט איינעם אַ טענצער פֿון מצרים און ער האָט זי געזאָלט פֿאַרפֿירן. דער קייסער איז דערפֿון געוואָר געוואָרן און אַ ווילדער פֿון גרויס אייפֿערזוכט, האָט ער זיך איינ־מאָל ביינאַכט אַריינגעריסן אין דער קייסערינס שלאָפֿצימער, וואו ער האָט געטראָפֿן דעם פֿאַרפֿירער צו כאַפּן. יענער איז אָבער אין דער לעצטער מינוט אַנטרונען און ווי אין וואַסער פֿאַרשוואונדן געוואָרן...

— אָבער וואָס פֿאַר אַ שייכות האָט דאָס מיט זיין שנאה צו יידן? — האָט רבי עקיבא ווייטער געפֿרעגט.

— אָט דאָ ליגט טאַקע די סיבה — האָט קלעמענס פֿלאַוויוס אויס־געפֿירט — דער דאָזיקער פֿאַרפֿירער, דער טענצער פֿון מצרים, שמועסט מען אין די הויכע קרייזן פֿון רוים, איז געווען אַ ייד...

— זיינען יידן, הייסט עס, שולדיק... — האָט רבן גמליאל איראָניש צוגעגעבן.

— טאָ וואָס־זשע טוט מען דאַך, אַז מען זאָל דעם משוגענעמס גזירה אָפּהאַלטן באַצייטנס? — האָט רבי אלעזר בן עזריה געפֿרעגט מיט אַ טרויעריקער שטימע.

— עס איז בלויז פֿאַראַן איין עצה... — האָט קלעמענס פֿלאַוויוס שטיל אַרויסגעפֿליסטערט, פֿריער גוט זיך אומקוקנדיק אויף אַלע זייטן, צי ער ווערט נישט אונטערגעהערט.

— וואָס פֿאַר אַן עצה? — האָט רבי עקיבא געפֿרעגט.

— טויט!... מען דאַרף דעם קייסער אומברענגען, דעמאָלט וועט נעמען אַ סוף צו אונדזערע אַלעמענס צרות — האָט קלעמענס פֿלאַוויוס בלויז מיט אַ ליפּן־געשעפּטש דאָס דאָזיקע שרעקלעכע וואָרט אַרויס־געבראַכט.

די תּלמידי־חכמים זיינען געבליבן זיצן דערשטוינט. אויף אַזאַ שטיי־גער עצה האָבן זיי זיך נישט געריכט און זיי האָבן זייערע אויערן נישט צוגעגלויבט אַזעלכעס צו הערן. קוקנדיק אָבער אויף קלעמענסן און זע־ענדיק זיין ערנסט פּנים, האָבן זיי ערשט אָנגעהויבן קומען צו זיך און פֿאַרשטיין, וואָס זיי האָבן דאָ געהערט.

א לאַנגע צייט האָט געהערשט שטילשווייגן. קיינער האָט נישט גע־וואָגט דאָס מויל צו עפֿענען. ענדלעך האָט רבן גמליאל אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ, אָנגעקוקט אַ ווײַלע קלעמענס פֿלאַוויוסן, ווי וועלנדיק זיך איבער־צייגן, אַז עס זיצט ווירקלעך פֿאַר אים אַ מענטש און אַט דער מענטש האָט אַזאַ שרעקלעך וואָרט אַרויסגערעדט.

— טויט?... — האָט רבן גמליאל ווי צו זיך אַליין געשעפּטשעט — אָ, ווען גאָט באַשטראָפֿט אים מיט טויט, וואָלטן מיר דעם טאָג פֿאַר־וואַנדלט אין דעם גרעסטן יום־טוב. אָבער מיר זאָלן צולייגן אַ האַנט אים צו הרגענען, דאָס נישט. נישט דאָס איז אונדזער וועג... מיר וועלן נישט אָנטייל נעמען אין דערמאָרדן אַ מענטש, הגם ער האָט אַפֿילו נישט די ווערט אָנגערופֿן צו ווערן מיט דעם נאָמען...

— איצט איז אָבער די ריכטיקע געלעגנהייט אים צו הרגענען — האָט קלעמענס פֿלאַוויוס פֿאַרגעזעצט זײַן פּלאַן — די בעסטע מענטשן פֿון רוים זײַנען אויפֿגעבראַכט קעגן אים און זיי וואָלטן די דערמאָרדונג פֿון קייסער אויפֿגענומען מיט גרויס יובל.

— מיר קאָנען אַזאַ זאַך נישט אונטערנעמען! — האָט רבי אלעזר בן עזריה זיך אַרײַנגעמישט — מיר טאָרן נישט טאָן אַזאַ זאַך, וואָס זאָל אונדזערע שונאים געבן אָן אויסרייד אונדז נאָך מער צו רודפֿן און פּייניקן.

— אויב די ייִדן פֿון רוים זאָלן אויפֿהויבן אַ מרידה קעגן דאָמי־ציאַן וואָלטן זיי געהאַט די מיטהילף פֿון אַלע רוימישע בעסערע מענטשן — האָט קלעמענס פֿלאַוויוס ווייטער גערעדט — עס וואָלט געקומען אַ סוף צו אונדזערע אַלעמענס פּײַן. מיטן טויט פֿון דעם משוגענעם אכזר וואָלט גאָר די גאַנצע וועלט גענומען אָן אַנדערע ווענדונג...

רבי עקיבא איז די גאַנצע צייט געזעסן שטיל, אָבער די געדאַנקען זײַנען געלאָפֿן ווי בליצן דורך זײַן קאָפּ. ער איז איצט ווייט געווען מיט זײַנע געדאַנקען פֿון דעם דאָזיקן הויז, וואו אַלע חכמים זײַנען געווען פֿאַרזאַמלט צוזאַמען מיט זײַנע רוימישע פֿרײַנט. ער האָט זיך אין דעם מאָמענט געזען בראש פֿון גרויסע מחנות ייִדישע אויפֿשטענדלער. אָט רײַסט זיך עמיצער אַ דרייסטער מאַן אַרײַן אין פּאַלאַץ פֿון דאָמיציאַן און דערשטעכט אים צום טויט. דער אויפֿשטאַנד פֿאַרשפּרייט זיך איבער דער גאַנצער אימפּעריע. בלוט גיסט זיך איבערן לאַנד און איבער די פֿאַרנומענע לענדער דורך רוים. דער קאָפּ פֿון דער שלאַנג איז אָבער שוין אָפּגעהאַקט און דער נצחון בויגט זיך אויף דער זייט פֿון די גערעכטע. פֿאַר קייסער פֿון רוים ווערט אויסגערופֿן קלעמענס פֿלאַוויוס...

ווייטער האָט שוין זיין געדאַנק ניט געוואָלט און ניט געקאָנט מער טראַכטן. ער האָט געזען זיין פאָלק און זיין לאַנד געטראָטעוועט אויף אַלע אייביקייטן, און אַ גליקלעכער שמייכל האָט באַלויכטן זיין פּנים. און ווען רבן גמליאל האָט אים אַ ריר געטאָן ביים אַקסל, פרעגנדיק ביי אים זיין מיינונג, האָט זיך רבי עקיבא אויפגעכאַפּט פון זיין זיסן חלום און מיט גרויס פאַרוואונדערונג אַלעמען אָנגעקוקט.

— גאָט וועט אונדז ניט פאַרלאָזן! — האָט ער אויסגערופן מיט מונטערקייט.

— גאָט וועט אונדז ניט פאַרלאָזן... — האָט רבי יהושע בן חנניה נאָכגעשעפּטשעט.

קלעמענס פלאַוויוס איז דורכגענומען געוואָרן מיט דער האָפענונג פון די יידישע חכמים און ער האָט זיך אַביסל באַרואיקט.

— נו, אויב אַזוי, וועלן מיר עס איבערלאָזן אויף שפּעטער. דאָמי־ציאַנס גזירה גייט דאָך נאָך היינט ניט אויסגעפירט ווערן. מיר קאָנען נאָך צוזאַמענקומען... דאָך צוואָרטן. כ׳וועל זיך נאָך דורכרעדן מיט מיינע פריינט, די סע־נאַטאָרן.

— פאַרוואָס זאָלט איר ניט אָנהויבן דעם אויפשטאַנד און מיר וועלן אייך אונטערשטיצן? — האָט רבי עקיבא זיך אָנגערופן, געדענקענדיק נאָך זיין פריערדיקע פאַנטאַזיע — איר זייט דאָך די מערהייט און אייך געשעט די זעלבע עוולה וואָס אונדז. קאָן זיך ניט געפינען קיין איינציקער פון אייך, וואָס זאָל האָבן דעם מוט אים צו דערמאָרדן?

— מיר זיינען פּחדנים... — האָט קלעמענס אַ פאַרשעמטער גע־זאָגט — איינער האָט מורא פאַרן צווייטן. איר, יידן, זייט אומדערשראָ־קענע קעמפער. מיר געדענקען נאָך אַלע אייער עקשנותדיקן קאַמף קעגן דעם רוימישן קריגס־פירער און שפּעטערדיקן קייסער אספּסינוס. מיר געדענקען אַלע אייערע פריערדיקע אויפשטאַנדן, מיר האָבן אויך גע־לייענט דאָס גרויסע ווערק פון אייער יאָזעפוס פלאַוויוס „די יידישע מלחמות", וואו ער באַשרייבט די אומגעווייינלעכע דרייסטקייט און גע־וואַגטקייט פון דעם יידישן פאָלק. זאָל איינער פון צווישן אייך געבן דעם ערשטן סיגנאַל, וועלן אַלע ווי איין מאַן אַרויסטרעטן...

רבן גמליאל האָט אַ ביטערן שמייכל געטאָן.

— מיר, די גערודפטע, די אויסגעפייניקטע, דאַרפן דאָס זיין די וואָג־ווייזער פאַר די מעכטיקע רוימער, וועלכע האָבן כמעט שוין די גאַנצע וועלט באַהערשט, פעלקער אונטערייאָכט, די גערמאַנישע באַרבאַרן איינ־געצוימט און באַזיגט, און כדי פון אייער אייגענעם באַרבאַר פּטור צו ווערן, מוזן מיר יידן דאָס טאָן?...

קלעמענס פלאוויוס איז רויט געוואָרן און די ליפּן פאַרביסן. ער האָט גאָרנישט געענטפערט. ער האָט איינגעזען, אַז דער קלוגער יידישער געלערנטער האָט רעכט. אָבער אין זיין מוח האָבן פאַרשידענע פּלענער זיך אָנגעהויבן צו וועבן. פּלוצלינג האָט ער זיך אויפגעשטעלט פון זיין פּלאַץ און געזאָגט:

— יאָ, מיר וועלן שוין די זאַך זען צו פאַרענדיקן... וואו וואוינט איר אין רוים?

— מיר האָבן נאָך ניט קיין פּלאַץ וואו צו וואוינען — האָט רבי עקיבא געענטפערט — מיר זיינען גלייך געקומען צו דיר.

— מיין עצה איז, אַז איר טאָרט ניט וואוינען ביי קיין ייד, ווייל דעם קייסערס מרגלים וועלן אייך לייכט קאָנען אויסגעפינען. אויך ביי מיר איז געפערלעך, אַז איר זאָלט פאַרבלייבן. איך בין אונטער גרויסן פאַרדאַכט אין דעם אכזורס אויגן. איך וועל אייך מיט מיינס אַ שקלאַף אוועקשיקן צו מיין אַלטן פריינט, איינעם פון די חשובסטע רוימישע סענאַטאָרן און אויף אים איז נאָך דערווייל קיין שום חשד ניט געפאַלן מצד דעם קייסערס מענטשן, און אַחוץ דעם וואוינט ער ווייט הינטער דער שטאָט, וואו ווייניק לייט דרייען זיך אַרום. דאָס איז מאַרקוס קוציוס נערווא.

⁂

דער אַלטער סענאַטאָר האָט די יידישע חכמים אויפגענומען מיט דער גרעסטער פריינטלעכקייט. ער האָט זיי אָפּגעגעבן אַ באַזונדערע וואוינונג אין זיין רייכן פּאַלאַץ הינטער דער שטאָט. ער האָט ספּעציעלע מאכלים פאַר זיי באַשטעלט אין אַ יידיש הויז.

די חכמים האָבן זיך ביי אים געפילט פריי און אויסער יעדער סכנה. זיי האָבן געהאַט צייט צו לערנען און באַראַטן זיך מיט די חשובסטע פאַרשטייער פון די רוימישע יידן. זיי האָבן זיך אויך געזען מיט פיל רוימישע גרויסע לייט, סענאַטאָרן, פילאָזאָפן, וועלכע האָבן ספּעציעל מיט רבי עקיבאן ליב געהאַט צו פירן געשפּרעכן וועגן אמונה־זאַכן. קלעמענס פלאוויוס האָט זיי געהאַט דערציילט, ווי ער, רבי עקיבא, האָט אים נאָך אַלס יונגערמאַן איבערצייגט אין דער נישטיקייט און אומזין פון געצנדינעריי...

די רוימישע געלערנטע האָבן באַוואונדערט רבי עקיבאס שאַרפן קאָפּ, זיינע קלוגע געדאַנקען און איינפאַלן, וואָס ער האָט פאַר זיי אַרויסגעזאָגט. זיי האָבן אויך הנאה געהאַט פון די קלוגע געשפּרעכן, וואָס זיי האָבן געפירט מיט רבי יהושע בן חנניה, מיט רבן גמליאל און רבי אלעזר בן עזריה.

איינמאָל אינמיטן דער נאַכט איז געקומען אַ ספּעציעלער שליח פֿון קייסערלעכן הויף און אויפֿגעוועקט דעם אַלטן סענאַטאָר קוציוס נערוואַ פֿון שלאָף, און אים איבערגעגעבן אַ באַפֿעל פֿון דאָמיציאַן תּיכּף זיך צו שטעלן פֿאַר אים אין זייער אַ וויכטיקער אָנגעלעגנהייט.

דער אַלטער סענאַטאָר האָט זיך שטאַרק איבערגעשראָקן. עס איז ביי אים קיין שום ספק ניט געווען, אַז דאָס רופֿן אים אינמיטן דער נאַכט האָט אַ שייכות דערמיט, וואָס ביי אים געפֿינען זיך די פֿיר יידישע חכמים. ווי עס זעט אויס, האָבן מוסרים זיך דאָך דערוואוסט וועגן זיי און די זאַך שוין דערטראָגן צום קייסערס אויערן.

מיט אַ ציין־קלאַפּן און ציטערן אויפֿן גאַנצן לייב האָט זיך דער אַלטער קוציוס נערוואַ אָנגעטאָן, און אין דער באַגלייטונג פֿון דעם שליח האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט צום קייסערס פּאַלאַץ.

אויפֿן וועג האָט ער געפּרוּווט ביים שליח געוואָר ווערן צוליב וואָס פֿאַר אַ צוועק מען רופֿט אים, אָבער יענער האָט פּונקט אַזוי פֿיל געוואוסט וויפֿיל ער אַליין. ער האָט בלויז געהויבן מיט די פּלייצעס.

— ניט נאָר דיך האָט מען געשיקט רופֿן, נאָר אויך צו פֿיל אַנדערע סענאַטאָרן און הויכגעשטעלטע לייט זיינען אַרויסגעשיקט געוואָרן שלוחים — האָט דער שקלאַף געענטפֿערט.

ווען נערוואַ איז אָנגעקומען אין קייסערלעכן פּאַלאַץ, האָט ער שוין דאָרט געטראָפֿן וואַרטן קלעמענס פֿלאַוויוסן. איצט איז שוין אוודאי ביי אים קיין ספק ניט געווען, אַז דאָס איז צוליב די יידישע חכמים: פֿלאַוויוס האָט זיי צו אים געשיקט און ער האָט זיי אויפֿגענומען, האָט מען זיי ביידן אַהערגעבראַכט צו משפּטן...

— קלעמענס, מיין פֿריינט — האָט דער אַלטער נערוואַ, אינגאַנצן אַ ציטערנדיקער פֿון שרעק, געפֿרעגט — וואָס פֿאַר אַ שלעכטס האָב איך דיר געטאָן, וואָס האָסט דיך אַזוי נוקם געווען אָן מיר?...

— וועגן וואָס פֿאַר אַ נקמה רעדסטו, מיין אַלטער פֿריינט? — האָט קלעמענס פֿלאַוויוס אויסגעשטעלט אויף אים אַ פּאַרחידושטע אויגן.

— האָסט מיר געשיקט די יידישע געלערנטע, כ׳זאָל זיי ביי זיך האַלטן און איצט דערוואַרט מיך אַ האַרבע שטראָף פֿונם קייסער...

אָבער איידער נאָך קלעמענס פֿלאַוויוס האָט אים באַוויזן צו ענטפֿערן, איז אין גרויסן אויפֿנאַמס־זאַל פֿון פּאַלאַץ אַריינגעקומען נאָך אַ סענאַטאָר אין דער באַגלייטונג פֿון אַ שליח, באַלד דערנאָך אַ דריטער, אַ פֿערטער און אַ פֿינפֿטער.

קוציוס נערוואַ איז געבליבן שטיין מיט אַן אָפֿן מויל. ער האָט שוין איצט פֿאַרשטאַנען, אַז מ׳האָט זיי אַלעמען דאָ גערופֿן צוליב אַן אַנדער

זאך, וועד ווייסט, וואס פאר אן אומגליק עס איז געשען, אויב דער קייסער רופט זיינע סענאטארן און ראטגעבער אזש אינמיטן דער נאכט.

— וואס האט דא געקאנט פאסירן? — האט ער ענדלעך געוואגט צו פרעגן ביי די שפעטער אנגעקומענע סענאטארן — צי האבן די גער־מאנען ניט אמאל ווידער זיך צעבונטעוועט קעגן דער רוימישער אימפע־ריע, און אפשר גאר די בריטן?...

די געפרעגטע סענאטארן האבן אים ניט געוואוסט וואס צו ענטפערן. זיי אליין וואלטן איצט וויפיל געגעבן, מען זאל זיי קאנען זאגן די סיבה פון איצטיקן רופן.

— עס איז זיכער היינט אונדזער לעצטע נאכט! — האט איינער פון זיי מיט רעזיגנאציע אויסגערופן.

— און אפשר האט עטוואס פאסירט מיט „אים" אליין?... — האט נערוואז איינגעשטעלט און געפרעגט.

קיינער האט אים אויף דער דאזיקער פראגע קיין ענטפער ניט גע־געבן, אבער אויף אלעמענס פנימער האט זיך געצייכנט איינע און די זעלבע מינע:

— הלוואי...

אין פארלויף פון א האלבער שעה האט זיך דער גאנצער אויפנאמס־זאל אנגעפילט מיט סענאטארן, דיכטער און פילאזאפן, גרייז־גרויע ראט־געבער און סתם הויכגעשטעלטע לייט, און קיינער פון זיי האט ניט געהאט די מינדסטע אנונג נאך וואס און נאך ווען מ'האט נאך זיי געשיקט.

יעדן איינעם האט דער שליח אונטערגעשטראכן די רייד פון קייסער: זייער וויכטיק...

אלע זיינען זיי געזעסן שטיל און דערשראקן ווי אפגעשמיסענע יינגלעך. זייערע פנימער זיינען געווען ווייס ווי קאלך פאר פחד. קלעמענס פלאוויוס האט ארויסגעוויזן גרויס אומגעדולד. ער האט זיך געביסן די ליפן, געבראכן די פינגער און געדרייט זיך איבערן גרויסן אויפנאמס־זאל ארויף און אראפ.

— אפילו זיין אייגענעם קרוב שוינט ער ניט... האט איינער פון די סענאטארן אנגעוויזן אויף קלעמענס פלאוויוסן.

— ששש... — האט דעם סענאטארס א פריינט אים א צי געטאן פאר דער טאגע און אים אייגגערוימט אין אויער — דו פארגעסט הפנים וואו דו ביסט...

יענער איז געווארן רויט און בלאס און אומגעקוקט זיך, צי עס האט אים קיינער ניט אונטערגעהערט.

אבער מיטאמאל איז געווארן א געשושקעריי פון אויער צו אויער:

— ער גייט... ער גייט...

מ׳האָט געהערט פֿון ווי ווייט אַפּהילכן טריט. דאָס זיינען אָבער נישט געווען זיינע טריט. דאָס זיינען געווען טריט פֿון אַ גאַנצער גרופּע מענטשן.

— ער קומט מיט זיינע תּליונים... — האָט עמיץ אַ בלאָסער אויסגערופֿן און געקלאַפּט אַ צאָן אין אַ צאָן און געשוידערט אויפֿן גאַנצן לייב.

ענדלעך האָט זיך געעפֿנט אַ טיר און עטלעכע שקלאַפֿן האָבן אַריינגעבראַכט אין זאַל אַ ריזיקן פֿיש, וואָס זיי האָבן היינט אין טייך טיבער געפֿאַנגען.

די פֿאַרוואונדערונג איז געווען אַ גרויסע. קיינער האָט נישט געקאָנט טרעפֿן דעם באַדייט פֿון דער דאָזיקער זאַך. אַפֿילו די שקלאַפֿן, וואָס האָבן דעם פֿיש אַריינגעבראַכט, האָבן אויך ניט געוואוסט דעם צוועק דערפֿון. וואָס האָט אַ פֿיש צו טאָן מיט די חשובֿע אַלטע סענאַטאָרן?...

עס האָט נאָך אָפּגעדויערט אַזוי אַ היפּשע ווײַלע, בעת וועלכער עטלעכע סענאַטאָרן האָבן געקראָגן בויך־קרעמפּן און האָבן זיך פֿאַר ווייטיק געקאָרטשעט ווי די שלאַנגען.

מיטאָמאָל האָט זיך ווידער די טיר געעפֿנט און דער קייסער אַליין איז געבליבן שטיין אויף דער שוועל. אָן אַ שמייכל, מיט אַן ערנסט טעמפּ פּנים איז ער געשטאַנען. ער האָט דורכגענומען מיט זיינע ביסטרע אויגן די פֿאַרזאַמלטע חשובֿע סענאַטאָרן מיט די ווייסע אָפּגעדעקטע קעפּ אין זייערע ווייסע זיידענע טאָגעס, וועלכע זיינען געשטאַנען מיט איינגעבויגענע קעפּ און געוואַרט, וואָס דער קייסער האָט זיי צו זאָגן.

דער פֿיש האָט נאָך געלעבט, ער האָט אַ שמיץ געטאָן מיט זיין ריזיקן עק און אָפּגעשפּריצט מיט זיינע שיפּן די נאָענט־שטייענדיקע הויכווירדיקע לייט.

און דאָ האָט דער קייסער אָנגעהויבן רעדן:

— כ׳האָב אייך גערופֿן דאָ אַהער, מיינע חשובֿע סענאַטאָרן, ראַטגעבער, פֿילאָזאָפֿן און פּאָעטן, כּדי זיך מיט אייך אָן עצה צו האַלטן אין זייער אַ וויכטיקער פֿראַגע, וואָס כ׳האָב באַין אופֿן נישט געקאָנט אָפּלייגן אויף שפּעטער. אַ פֿישער האָט היינט אַרויסגעצויגן פֿון טיבער אָט דעם דאָזיקן ריזיקן פֿיש און אים מיר געבראַכט אַ מתּנה. איצטער ווייס איך ניט וואָס צו טאָן און איך פֿאַרלאַנג פֿון אייך אייער קלוגע עצה: צי זאָל איך דעם פֿיש צעשניידן אויף שטיקלעך און יעדעס שטיקל לייגן אין אַ באַזונדערער שיסל, אָדער זאָל איך לאָזן באַשטעלן אַ ספּעציעלע ריזיקע שיסל, אַז דער גאַנצער פֿיש זאָל קאָנען אין איר אַריין.

די סענאַטאָרן און גרייז־גרויע ראַטגעבער זיינען געבליבן זיצן ווי אָפּגעגאָסן מיט קאַלט וואַסער. זיי האָבן אין פֿלוג ניט פֿאַרשטאַנען וואָס

דאָ טוט זיך. זיי האָבן איבערגעפּירט זייערע בליקן פֿון פֿיש אויפֿן קייסער און פֿון קייסער צוריק אויפֿן פֿיש, ווי זיי וואָלטן זיך געפֿרעגט: „אַט צוליב דעם גאָר האָט אונדז דער משוגענער געץ געדופן אינמיטן דער נאַכט?...״ און מתחילת איז זיי לייכטער געוואָרן אויף די הערצער און די מורא פֿאַרן טויט איז אַוועק. אָבער דערפֿאַר האָט אַ שרעקלעכער כּעס זיי אַרומגעכאַפּט, אַז אַ שום איז ביי טייל פֿאַרזאַמלטע חשובע לייט אַרויסגעקומען אויף די ליפּן.

פֿון זיי, די סענאַטאָרן, וואָגט ער אַזוי חוזק צו מאַכן! זיי, די סענאַטאָרן פֿון רוים, וואָס אַ גאַנצע וועלט בוקט זיך צו זיי אויף זייער אַנבליק, זיינען אַט דאָ דורך דעם ווילדן מאַניאַק אויסגעשטעלט געוואָרן צו לייטיש געלעכטער, די שקלאַפֿן וועלן דאָך די געשיכטע מאָרגן איבער דער גאַנצער שטאָט צעטראָגן און די גאַנצע וועלט וועט דאָך וועגן דעם גע־וואָר ווערן...

דאָס האָבן אַלע אַן אויסנאַם געטראַכט, אָבער קיינער האָט ניט גע־וואָגט די ווערטער פֿאַרן מויל אַרויסצוברענגען. אַפֿילו זייערע פּנימער זיינען געבליבן ערנסט און פֿאַרטראַכט, גלייך זיי וואָלטן געזוכט אַן ענטפֿער אויף דער זייער „האַרבער״ שאלה: צי דאַרף מען דעם פֿיש צעשניידן אויף שטיקלעך אָדער דאַרף ער בלייבן גאַנץ...

— ווען עס וואָלט זיך געהאַנדלט וועגן אים אַליין... — האָט קלע־מענס פֿלאַוויוס צוגענייגט זיינע ליפּן צו קוציוס נערוואַס אויער און אים אַריינגעהויכט די רייד — וואָלט איך שוין געהאַט אַ פֿאַרטיקן ענטפֿער: צעשניידן אויף שטיקלעך!...

קוציוס נערוואַ האָט נישט געקאָנט איינהאַלטן מער זיין ערנסטקייט און דאָס פּנים זיינס האָט זיך אַ קרום געטאָן אין אַ שמייכל, אָבער אונטערן שטרענגן אָנגעכמורעטן בליק פֿון קייסער איז דער שמייכל גיכער ענלעך געוואָרן צו אַ ביטער געוויין.

די סענאַטאָרן האָבן זיך אָנגעהויבן צו באַטראַכטן וועגן דעם ענטפֿער. מ׳האָט זיך אָנגעהויבן אַמפּערן. דער האָט געזאָגט אַזוי און יענער האָט געזאָגט אַנדערש, ביז אַלע האָבן ענדלעך מסכּים געווען, אַז דער קייסער זאָל לאָזן באַשטעלן אַ גרויסע שיסל און אויף איר אַרויפֿלייגן דעם ריזיקן פֿיש...

דער קייסער האָט באַוויליקט אַ שמייכל צו טאָן. דאָס הייסט, ער איז געבליבן צופֿרידן פֿון דעם ענטפֿער, וואָס זיינע חכמים און יועצים האָבן אים געגעבן. ער האָט זיי באַדאַנקט און געהייסן אַהיימגיין.

דאָ האָט דער ווילדער אכזר איבערגעצויגן דאָס שטריקל. ווען די סענאַטאָרן זיינען אַרויסגעקומען אויף דער גאַס, האָט זיך אָנגעהויבן צווישן

זיי אַ געאַמפּעריי און אַ גערעדעריי, ווי דער קייסער האָט עס געוואָגט אַזוי אָפּצוחוזקן פון די חשובסטע רוימישע סענאַטאָרן.

— ס׳איז אַ חילול הכבוד!... — האָט איינער אַן אַלטער סענאַטאָר מיט אַ שניי־ווייסן קאָפּ האָר געשריגן — מען וועט געוואָר ווערן וועגן דעם אין אונדזערע פאַרנומענע לענדער, וועט דער גאַנצער דרך־ארץ פאַרשווינדן פאַר אונדז, די גאַנצע מורא פאַר רוים וועט אַוועק. ווי צו אונדזערע ווייסע קעפּ, צו וואָס מיר האָבן דערלעבט!...

— עס מוז צו דעם נעמען אַ סוף! — האָט קלעמענס פּלאַוויוס אַן מורא אויסגערופן — אַז נישט וועט עס זיין דער סוף פון אונדז אַלעמען, דער סוף אויך פון רוים.

דער אַלטער נערוואַ האָט גאָרנישט געקאָנט דאָס מויל עפענען. זיינע אויגן זיינען פול געווען מיט טרערן און אין האַלדז האָט געשטיקט געוויין.

אין דרויסן האָט אָנגעהויבן בלויען אויף טאָג. אַ קאַמף האָט זיך אָנגעהויבן צווישן שוואַרץ און ווייס, צווישן נאַכט און טאָג. אָבער דער טאָג האָט מיט פאַמעלעכע און זיכערע טריט געשפּרייזט פאַרויס. עס איז בלויער און בלויער געוואָרן, די בלויקייט איז וואָס אַמאָל העלער געוואָרן, און די שטאָט רוים האָט אויפגעטויכט פון דער פינצטערניש אַרויס. מיטאַמאָל האָט אַ בליץ־אויף געטאָן פון הינטערן מזרחדיקן האָריזאָנט אַ גרויס אָנגעגליט ראָד און דעם גאַנצן פאַס הימל אויף מזרח־זייט אָנגעצונדן מיט פלאַקער. די נאַכט איז ענדלעך פאַרטריבן געוואָרן אין איר רו אַריין און אַ נייער טאָג האָט איר פּלאַץ פאַרנומען.

— אַזוי דאַרף אויך זיין דער סוף פון דעם משוגענעם דאָמיציאַן! — האָט איינער, אַ דיכטער, אויסגערופן — נאַכט דאַרף באַזיגט ווערן דורך טאָג. טאָג זאָל ווערן!

— אָבער אַן אַ בלוטיקער שרפה וועט מען זיך נישט באַגיין... — האָט אים אַ פילאָזאָף געענטפערט.

— זאָל בלוטיקן, זאָל פלאַקערן אַ שרפה און די נאַכט מוז באַזיגט ווערן! — האָט דער דיכטער אויסגעשריגן.

און אַלע האָבן שטילשווייגנדיק מיט אים איינגעשטימט.

קאפיטל 13

דער טויט פון דאָמיציאַן

●

ווען קוציוס נערוואַ איז אַהיימגעקומען פֿון קייסערלעכן פּאַלאַץ, איז שוין געווען גרויסער טאָג. ער איז גלייך אַריינגעגאַנגען צו די פֿיר יידישע געלערנטע, זיינע געסט, און זיי מודיע געווען מיט אַ ציטערנדיקער שטימע, אַז זיי קאָנען באַין אופן ווייטער ביי אים נישט בלייבן וואוינען. ער האָט זיי דערציילט וועגן זיינע היינט ביינאַכטיקע איבערלעבונגען, וואָס אַזעלכעס וואָלט ער שוין מער נישט געוואָלט דורכמאַכן. מיט טרערן אין די אויגן האָט ער זיי געבעטן, אַז זיי זאָלן זיך תיכּף זוכן אַ נייעם פּלאַץ. זיין לעבן איז איינגעשטעלט, און ער וויל נאָך לעבן...

רבן גמליאל האָט זיך באַראָטן מיט זיינע דריי איבעריקע חברים און עס איז ביי זיי געבליבן בהסכּם, אַז זיי זאָלן זיך ווענדן צו זייער'ס אַן אַלטן פריינט, דעם רוימישן פילאָזאָף אַרטעמידאָרוס. ער ווייסט זיי געוויס אויפנעמען ביי זיך אין הויז און גלייכצייטיק וועלן זיי זיך מיט אים אַן עצה האַלטן ווי אַזוי צו ווירקן אויף דעם קייסער דאָמיציאַן, ער זאָל אָפּרופן זיין בלוטיקע גזירה.

ווען זיי זיינען צוגעקומען צו זיין הויז, וואָס האָט זיך געפונען ווייט הינטער דער שטאָט, האָט רבי יהושע בן חנניה, וועלכער איז געווען אַמנאָענטסטן מיט אים באַפריינדעט, אָנגעקלאַפּט אין זיין טיר.

עס איז געווען זייער אַ הייסער טאָג דעמאָלט, און דער רוימישער פילאָזאָף איז געזעסן ביי זיך אין הויז בלויז אין איין העמד, האָט ער געכאַפּט אינדערגיך און אַרויפגעוואָרפן אויף זיך אַ ווייסן קיטל און איז געלאָפן עפענען די טיר. דערזעענדיק פאַר זיך די יידישע חכמים, האָט ער זיך מיט זיי שטאַרק דערפרייט און ער האָט אויסגערופן:

— געבענטשט זאָלט איר זיין, יידישע חכמים מיט רבן גמליאל אין דער שפּיץ!

ער האָט זיי נעמלעך געקענט שוין זינט אַ לאַנגער צייט, ווען ער האָט געמאַכט זיין רייזע איבער די מזרחדיקע לענדער און אין לאַנד פון יהודה.

אַרטעמידאָרוס האָט זיי אַריינגעפֿירט צו זיך אין הויז און געזאָגט:

„געבענטשט זאָל זיין דער גאָט פֿון ישראל, וואָס ער האָט מיר אָנגעטאָן דעם גרויסן כּבֿוד און איך, יידישע געלערנטע, געבראַכט אונטערן דאַך פֿון מיין הויז. איך בין גליקלעך אייך דאָ צו זען און בין גרייט אייך צו דינען מיט אַלץ, וואָס איז נאָר אין מיין מאַכט"...

— אויב אַ רוימישער פֿילאָזאָף האָט נאָך מאַכט אין רוים... — האָט רבן גמליאל מיט שפּאַס זיך אָנגערופֿן.

— האָסט גוט געזאָגט, גרויסער נשיא! — האָט אַרטעמידאָרוס זיך הויך צעלאַכט — אין דער אמתן טאַקע האָבן מיר קיין שום מאַכט נישט ביי זיך אין לאַנד. איך וואוין דאָ אַזוי ווייט הינטער דער שטאָט אויך נישט צוליב מיין „צו גרויסער מאַכט"... דאָמיציאַן האָט אונדז, רוימישע געלערנטע, נאָך מיט יאָרן צוריק פֿאַרטריבן פֿון רוים. ער האָט מורא פֿאַר געלערנטע...

מיר זיינען אויך גליקלעך זיך מיט דיר צו זען, אונדזער אַלטער פֿריינט — האָט רבן גמליאל געזאָגט — אָבער מיר זיינען היינט צו דיר געקומען אין זייער אַ שווערער צייט, איבערהויפּט שווער פֿאַר אונדז יידן. מסתּמא איז דיר באַקאַנט דעם קייסערס דעקרעט אויסצוהרגענען אַלע יידן אין דער גאַנצער רוימישער אימפּעריע. ער האָט מורא פֿאַר אונדז יידן נאָך מער ווי פֿאַר די רוימישע פֿילאָזאָפֿן. מיר זיינען ווי אַ דאָרן אים אין די אויגן. כּל־זמן עס עקזיסטירט אויף דער וועלט אַזאַ זאַך ווי יידישע אמונה, קאָן ער מיט גרויס דערפֿאָלג זיך פֿאַר קיין גאָט נישט אויסרופֿן! מיר זיינען געקומען הערן פֿון דיר אַן עצה, ווי אַזוי ווערט מען ניצול פֿון דער דאָזיקער שרעקלעכער גזירה?...

אַרטעמידאָרוס האָט לאַנג שטילגעשוויגן... מ'האָט געזען, ווי זיין מוח אַרבעט. ער טראַכט און זוכט עפּעס אַן אויסוועג, ווי אַזוי די שרעקלעכע זאַך צו פֿאַרהיטן. ענדלעך האָט ער זיך אָפּגערופֿן:

— עס איז זייער אַ שווערע פֿראַגע. צו געבן אייך אַן עצה אין דעם דאָזיקן ענין איז פּונקט ווי געבן אַן עצה ווי אַזוי אויפֿצובויען אַ טורעם ביז אַרויף צום הימל. דאָמיציאַן איז פּשוט משוגע און דאָס געפֿיל פֿון רחמנות איז אים אַזוי פֿרעמד, פּונקט ווי עס איז פֿרעמד רחמנות דער גיפֿטיקער שלאַנג אין דער מדבר. אַפֿילו ווען איר זאָלט שוין קומען צו אים און פֿאַלן אויף די קני און בעטן און ער וועט אייך צוזאָגן אַלע גוטע זאַכן, איז עס פּונקט אַזוי ווערט ווי דער ווינט אין פֿעלד. ווי נאָר איר וועט אַוועקגיין פֿון זיינע אויגן, וועט ער שוין טראַכטן ווי אַזוי אייך אומצוברענגען...

— נאָר וואָס־זשע דען טוט מען? — האָט רבן גמליאל טרויעריק געפֿרעגט.

—ס'איז דאָ בלויז איין עצה, און איך זאָג עס אייך מיט דער פֿולסטער זיכערקייט: ער דאַרף אומקומען און ער וועט אומקומען פֿון עמיצנס האַנט, און דאָס גאָר אין גיכן. דעמאָלט וועט קומען רו און שלווה אויף אונדז אַלעמען און אויך אויף אייך.

— זיין טויט קאָן דאָך אָבער אַמאָל קומען צו שפּעט, ווען זיין גזירה וועט שוין זיין אויסגעפֿירט? — האָט רבי יהושע בן חנניה געזאָגט.

מיר מוזן איין זאַך האָבן פֿאַר זיך אין פּלאַן — האָט אַרטעמי־דאָרוס געענטפֿערט — מיר דאַרפֿן צואיילן דעם אויפֿשטאַנד קעגן אים מיט זיין גאַנצער בלוטיקער חברה, וואָס רינגלען אים אַרום. איך קאָן אייך צוליב דעם צוועק פֿאַרבינדן מיט איין וויכטיקן מאַן פֿון רוימישן סענאַט, וואָס קאָן און וועט אייך מוזן העלפֿן.

— ווער איז דער דאָזיקער מאַן? — האָט רבי עקיבא געפֿרעגט און אַ בליק געטאָן מיט די אויגן.

— דאָס איז מאַרקוס קוציוס נערוואַ, דער אַלטער גרייז־גרויער סע־נאַטאָר...

— אָבער ער איז דאָך אַ פּחדן, אַ שוואַכלינג. ער האָט דאָך מורא פֿאַר זיין אייגענעם שאָטן — האָט עקיבא מיט צאָרן אויסגערופֿן.

— וואַרט, איך האָב נאָך נישט געענדיקט — האָט אַרטעמידאָרוס געזאָגט — איך האָב אַ גרויסן סוד ביי מיר, וואָס ווען קוציוס נערוואַ זאָל פֿון אים געוואָר ווערן, וועט דאָס זיין די גרעסטע טרייב־קראַפֿט אים צו דערפֿירן צום אויפֿשטאַנד קעגן דעם טיראַן דאָמיציאַן.

די חכמים האָבן אים אָנגעקוקט מיט גרויס נייגעריקייט.

— וואָס איז דאָס פֿאַר אַ סוד? — האָט ר' אלעזר בן עזריה נישט איינגעהאַלטן זיך און געפֿרעגט.

— איך בין געוואָר געוואָרן פֿון אַ זיכערן קוואַל, אַז דער סענאַטאָר מאַרקוס קוציוס נערוואַ געפֿינט זיך שוין אויף דער טויטן־רשימה פֿון קייסער דאָמיציאַן. ווען דער אַלטער סענאַטאָר וועט דאָס געוואָר ווערן, וועט ער צואיילן דעם טיראַנס טויט. ער האָט, נעמלעך, פֿיל אָנהענגער הינטער זיך, אָט דער אַלטער קוציוס נערוואַ.

אַרטעמידאָרוס האָט דערווייל צוגעגרייט אַ וואוינונג ביי זיך אין הויז פֿאַר די חכמים פֿון יהודה, און צווישן זיי איז באַשלאָסן געוואָרן צו שיקן אַלס שליח בלויז ר' עקיבאן. וואָרים טאָמער וועט קוציוס נערוואַ דערזען אַלע פֿיר יידישע געלערנטע אָנקומען, קאָן ער נאָך אַמאָל חלשן פֿון שרעק...

רבי עקיבא האָט צוגעוואַרט, ביז עס איז טונקל געוואָרן אינדרויסן. עס איז געווען סוף חודש תּמוז, און די נאַכט איז צוגעפֿאַלן אַ פֿינצטערע. אַרטעמידאָרוס האָט מיט רבי עקיבאַן מיטגעשיקט זיינעם אַ שקלאַף, וואָס זאָל אים אין דער פֿינצטער ווייזן דעם וועג צום סענאַטאָר קוציוס נערוואַ און ער וועט אויך צוואַרטן אויף רבי עקיבאַן אַזוי לאַנג, ווי ער וועט זוימען ביי יענעם אין פּאַלאַץ.

אַ ציטערניש האָט דעם אַלטן סענאַטאָר קוציוס נערוואַ אַרומגעכאַפּט, ווען ער האָט געעפֿנט די טיר און דערזען איינעם פֿון די פֿיר יידישע געלערנטע.

— וואָס טוסטו דאָ ווידער ביי מיר אין הויז? צי ווילסטו מיך אומ־גליקלעך מאַכן? צי האָב איך ווינציק צרות איבערגעלעבט לעצטע נאַכט איבער אייך? אין נאָמען פֿון יופּיטער — גיי אַוועק! ברענג נישט קיין אומגליק אויף מיין גרייז־גרויען קאָפּ...

אויף אַלע זיינע שרעקעוודיקע רייד האָט רבי עקיבא גאָרנישט גע־ענטפֿערט. ער האָט אים געלאָזט אויסרעדן זיך. ערשט ווען דער אַלטער איז שטיל געבליבן, האָט ער צו אים אַזוי געזאָגט:

— מיין חשובער האַר, אַ גרויסן סוד האָב איך דיר איבערצוגעבן. נישט קיין אומגליק בין איך געקומען ברענגען אויף דיין גרייז־גרויען קאָפּ, נאָר גליק און אויסלייזונג. מיר זיינען לחלוטין נישט בייז אויף דיר, חשובער סענאַטאָר, וואָס דו האָסט אונדז פֿאַרטריבן פֿון דיין הויז. מיר פֿאַרשטייען דיך זייער גוט: האָסט מורא פֿאַרן צאָרן פֿון טיראַן. אָבער איצט בין איך דיך געקומען וואָרענען, אַז דער קייסער האָט דיך שוין סיי־ווי אַרויפֿגעשטעלט אויף דער טויטן־רשימה צוזאַמען מיט נאָך אַנדערע הויכגעשטעלטע רוימישע בירגער; און דאָס איז געשען, נאָך איידער מיר זיינען געקומען קיין רוים.

נערוואַ איז געבליבן שטיין אַ פֿאַרצאַפּלטער.

— פֿון וואַנען ווייסטו דאָס? ביסטו דען אַ נביא, וואָס דו קאָנסט אַריינדרינגען אין די געהיימנישן פֿון קייסער? — האָט ער מיט אַ געוויסן אומצוטרוי געפֿרעגט.

— ניין, איך בין נישט קיין נביא און נישט אַפֿילו דער זון פֿון קיין נביא — האָט רבי עקיבא אים רויִק געענטפֿערט — דעם דאָזיקן סוד האָט מיר איבערגעגעבן דער פֿילאָזאָף אַרטעמידאָרוס, און ער ווייסט עס דורך איינעם פֿון דעם קייסערס נאָענטע לייט, וועלכע רינגלען אים אַרום.

נערוואַ איז געוואָרן בלאַס ווי דער טויט. ער האָט אַ ווייל אָנגעקוקט רבי עקיבאַן מיט אַ בלאָנדשענדיקן בליק. דאַן האָט ער זיך אַ וואַקל געטאָן און אַנידערגעפֿאַלן אין חלשות. רבי עקיבא איז תּיכּף צוגעלאָפֿן

און אָנגעהויבן אים מינטערן. עס זיינען זיך צוזאַמענגעלאָפן אַלע זיינע קנעכט און הויז־מענטשן. מ׳האָט אים אַריינגעטראָגן אין זיין שלאָפצימער און אַנידערגעלייגט אויפן בעט. זיי האָבן אים געריבן מיט קאַלט וואַסער און געגעבן אין מויל שאַרפע טראָפנס, ביז ער האָט די אויגן זיינע געעפנט.

מיט עפּעס אַ מאָדנער פרעמדקייט האָט ער זיך אַרומגעקוקט אויף אַלע זייטן און אָנגעקוקט די מענטשן אַרום, ווי ער וואָלט זיי ניט דערקענט. אויפן ערשטן מאָמענט האָט ער לחלוטין נישט פאַרשטאַנען, פאַר־וואָס זיינען עפּעס אַלע פאַרזאַמלט אַרום אים. ערשט ווען זיין בליק איז געפאַלן אויפן יידישן געלערנטן, אויף רבי עקיבאן, איז אַלצדינג ווידער פאַר אים אויפגעשוואומען אין זכרון, און ער האָט מיט אַ באַוועג פון זיין האַנט געהייסן אַלעמען אַרויסגיין פון זיין שלאָפצימער. בלויז עקיבאַן האָט ער געבעטן צו פאַרבלייבן מיט אים.

קוציוס נערוואַ האָט זיך געשטאַרקט און זיך אויפגעזעצט אויף זיין געלעגער, וואו מען האָט אים געהאַט אַנידערגעלייגט, און מיט אַ שוואַכער שטימע האָט ער אויסגערופן צו רבי עקיבאַן:

— עס איז נישט ביי מיר איצט קיין ספק, אַז דו זאָגסט אמת. אָבער איך פאַרשטיי נישט בלויז איין זאַך: איך האָב דיך מיט דיינע חברים שווער באַליידיקט, כ׳האָב אייך פאַרטריבן פון מיין הויז אין מיין שאַנד־האַפטער פחדנות — טאָ וואָס האָט דיך געבראַכט צו מיר, אַז זאָלסט מיך וואָרענען פאַר מיין טויט?...

— איך בין אַ ייד, חשובער האַר — האָט רבי עקיבא געענטפערט — און דער קייסער איז אונדזער גרעסטער שונא, ער וויל אונדז אומברענגען. ער איז אויך דיין שונא און אויך דיך וויל ער טויטן. איז אויב ער איז דער שונא פון אונדז ביידן, זיינען מיר דעריבער נאַטירלעכע פריינט...

דער אַלטער גרייז־גרויער סענאַטאָר האָט אויסגעשטרעקט זיין ציטערדיקע האַנט און אָנגענומען די האַנט ביי רבי עקיבאַן און זי לאַנג און שטאַרק געדריקט.

— כ׳וועל עס דיר און בכלל אַלע יידן אייביק געדענקען. איר זייט אַ וואונדערבאַר פאָלק, אַן איידל פאָלק, און מיר זיינען די רשעים. פאַרגיב מיר, וואָס כ׳האָב אייך, דיך און דיינע חברים, אַזוי שטאַרק באַליידיקט... גלויב מיר, אַז איך בין נישט אַזוי שלעכט; בלויז מיין שוואַכקייט... מיין שרעק פאַרן טויט האָט מיך דערצו באַוואויגן...

— כ׳בין דיר מוחל, חשובער האַר — האָט רבי עקיבא געענטפערט — איך פאַרשטיי דיך גאַנץ גוט. איך בין דיר מוחל אין מיין נאָמען און אויך אין נאָמען פון מיינע איבעריקע חברים. מיר מוזן איצט מיט

געמיינזאמע כוחות צוטראכטן א פלאן, ווי אזוי זיך צו באשיצן קעגן דעם דאזיקן טיראן. ווער עס קומט דיך הרגענען, מעגסטו דיך פֿעדערן און אים פֿריער דערהרגענען... עס וועט נישט זיין קיין שום זינד, ווען מען דערמארדעט אזא אוממענטש!

— און דו רעכנסט, אז עס איז פֿאראן א מעגלעכקייט דעם פלאן צו טויטן אים דורכצופֿירן? — האט דער אלטער גרייז־גרויער מאן געפֿרעגט.

— יא! — האט ר׳ עקיבא געענטפֿערט — דו האסט דאך א סך פֿריינט, און די געפֿאר, וואס לויערט אויף דיר, וועט מארגן לויערן אויף זיי. דארפֿן מיר באצייטנס די דאזיקע געפֿאר פֿארהינדערן, און איידער ער זאל אייך אלעמען און אונדז אומשולדיק אומברענגען, דארף ער, דער שולדיקער אין אזויפֿיל מארדן, אליין געטויט ווערן.

— ווי איז צו מיר... — האט דער אלטער קוציוס נערווא מיט ביטערניש אויסגערופֿן — ווינציק טעג איז מיר נאך באשערט צו לעבן, וואלט איך שוין געוואלט אט די קורצע צייט דורכגיין רואיק און אין שלווה...

עס זיינען פֿארביי עטלעכע טעג, און דער קייסער דאמיציאן האט איינגעלאדן צו זיך א רייע סענאטארן, כדי צו באראטן זיך וועגן פֿאר־שידענע מלוכה־ענינים. צווישן זיי איז אויך געווען דער גרייז־גרויער סענאטאר קוציוס נערווא.

דאס מאל איז דער קייסער דאמיציאן געווען זייער גנעדיק צו זיינע ראטגעבער און סענאטארן. ער איז צוגעטראטן דורכצושמועסן זיך מיט זיינע געהיימע בעלי־יועצים וועגן פֿארשידענע ענינים. עס זיינען בא־האנדלט געווארן אזעלכע זאכן, ווי אויפֿבויען א ריזיקן טעמפל פֿאר דאמי־ציאנען, דעם נייעם גאט פֿארן רוימישן פֿאלק און זיין אימפעריע. אין דעם דאזיקן טעמפל האט דאמיציאן געזאלט אפֿיציעל אויסגערופֿן ווערן דורך זיינע ספעציעל־באשטימטע גייסטלעכע אלס דער גאט פֿון די רוימער.

די געהיימע יועצים זיינע האבן בלית ברירה צו אלץ צוגעשטימט.

דא זיינען נישט געווען אלע סענאטארן, בלויז געציילטע, די וועלכע האבן געהערט צום געהיימען ראט פֿון קייסער. די באשלוסן, וואס זיינען דא אנגענומען געווארן, האבן דערנאך געדארפֿט באשטעטיקט ווערן אפֿי־ציעל דורכן סענאט.

ענדלעך איז אויך געקומען די ריי צו באהאנדלען וועגן דער פֿאר־טיליקונג פֿון די יידן.

— מיין פֿאטער אספסינוס — האט ער מיט א וואונזיניק פלעמל אין די אויגן אנגעהויבן — האט חרוב געמאכט זייער לאנד, מיין ברודער

טיטוס האָט פֿאַרברענט זייער טעמפּל פֿון דעם נישט־געזעענעם יידישן גאָט, וועלכער האָט זיי גאַרנישט געהאָלפֿן — האָט ער זיך, ווי אַ משוגע־נער דערביי ווילד צעלאַכט — אָבער איך וועל נאָך ווייטער גיין. איך וועל זיי אומברענגען ביז איינעם. זיי גלויבן נישט אין אונדזערע געטער, זיי גלויבן אויך נישט אין מיר. מיך, דעם מעכטיקן רוימער, פֿאַרוואַרפֿן זיי און אין אַ נישט־עקזיסטירנדיקן גאָט גלויבן זיי, טאָ וואָס פֿאַר א מענטשן זיינען דאָס?... זאָל זייער גאָט קומען און זיי באַשירעמען פֿון מיינע הענט!...

— גנעדיקער קייסער... — האָט מיט אַ ציטערנדיקער שטימע, אָבער דרייסט, קלעמענס פֿלאַוויוס אויפֿגעשטעלט זיך און אָנגעהויבן עפּעס צו זאָגן — דערלויב מיר דאָ עטלעכע ווערטער...

— דו שוויג בעסער!... — האָט דאָמיציאַן זיך אָנגעצונדן מיט רציחה — מיינע אויסשפּירונגס־לייט האָבן מיר איבערגעגעבן, אַז דו היטסט אָפּ די יידישע געזעצן, אַז דו פֿאַראומווירדיקסט אונדזערע געטער און גלויבסט אויך אין דעם גאָט, וואָס האָט, לויט די יידנס אייגענער מיינונג, גאָר קיין קערפּער נישט... דו פֿאַרטיידיק זיי נישט, שוויג בעסער, ווייל עס קאָן דיך טרעפֿן דער זעלבער גורל, וואָס וועט אין קורצן טרעפֿן אַלע יידן!...

קלעמענס פֿלאַוויוס האָט זיך צוריק אַנידערגעזעצט, אומקוקנדיק זיך אויף אַלע זייטן, כּדי זיך איבערצוצייגן, צי האָט ער אויף וועמען דאָ זיך צו שטיצן. ער האָט אָבער מיט קיינעמס בליקן זיך נישט באַגעגנט. אַלע האָבן זיי געהאַלטן זייערע אויגן אַראָפּגעלאָזט און געשוויגן.

דאָמיציאַן האָט צוגעוואַרט אַ שפּאַרע ווײַלע, אומגעקוקט זיך איבער אַלע זיינע סענאַטאָרן, די געהיימע בעלי־יועצים און חשובע לייט און ווען ער האָט געזען, אַז אַלע שוויגן, אַ טויט־שטומעניש האָט אַלע אַרומ־גענומען, האָט ער ווידער אָנגעהויבן:

— מיר מוזן ראַטעווען די אמונה פֿון אונדזערע עלטערן, וועלכע איז אין געפֿאַר מצד די גאָטלאָזע יידן. נישט גענוג, וואָס זיי אַליין גלויבן נישט אין אונדזערע געטער, האָבן זיי נאָך לעצטנס אָנגעהויבן פֿאַר־שפּרייטן זייער צעשטערערישן, גאָטלאָזן גייסט צווישן אונדזערע בעסטע מענטשן. עס געפֿינען זיך צווישן אונדז שוואַכלינגען, וועלכע זיינען גע־פֿאַלן אַ קרבן פֿון די יידישע אינטריגעס.

זיין בליק איז געפֿאַלן אויף קלעמענס פֿלאַוויוסן, וועלכער איז געזעסן אַ דערשלאָגענער, וויסנדיק, אַז זיין לעצטע שעה איז געקומען.

— בכן — האָט דאָמיציאַן ווייטער געדונערט — דאַרף מען דאָס שלעכטס צווישן אונדז אויסראָטן. איך וועל פֿאַרענדיקן די גרויסע אַרבעט,

וואָס מיין געטלעכער פֿאָטער אספּסינוס און מיין געטלעכער ברודער טיטוס האָבן אָנגעפֿאַנגען. קיין שום יידישער מאַן, פֿרוי אָדער קינד טאָר נישט בלייבן לעבן אין דער גאַנצער רוימישער אימפּעריע. אַלע מוזן זיי אומגע־בראַכט ווערן ביזן לעצטן! זייט איר מסכּים צו מיינע רייד, חשובֿע ראַטגעבער?

— אַלמעכטיקער קייסער! — האָט קוציוס נערוואַ, אויפֿשטעלנדיק זיך, אָנגעהויבן — דיינע רייד זיינען אמת און ריכטיק, אָבער...

— מיין טייערער פֿריינט נערוואַ — האָט אים דאָמיציאַן איבערגע־שלאָגן אין די רייד — עס איז דיר איבערגעבליבן בלויז אַ קליינע צאָל טעג צו לעבן, ביסט אַן אַלטער מאַן, טאָ לעב זיי רואיק אויס און מיש דיך נישט אין די ענינים! שטעל דיך בעסער נישט איין פֿאַר די יידן. וואָרים ווער עס שטעלט זיך פֿאַר זיי איין, איז נישט בעסער פֿון זיי און דאַרף דעריבער האָבן דעם זעלבן סוף, וואָס ווערט זיי צוגעטיילט ווערן.

קוציוס נערוואַ האָט אַ דערשלאָגענער זיך צוריקגעזעצט אויף זיין פּלאַץ און אַלע סענאַטאָרן האָבן איינשטימיק מסכּים געווען צום קייסערס רייד און באַשטעטיקט די בלוטיקע גזירה קעגן דעם יידישן פֿאָלק.

ווען דער באַשלוס אומצוברענגען אַלע יידן איז דורך דעם געהיימען קייסערלעכן ראַט אָנגענומען געוואָרן, האָט זיך דאָמיציאַן ווידעראַמאָל אויפֿגעשטעלט און געזאָגט מיט אַ וואָרנענדיקן טאָן:

— געדענקט, אַז איר אַלע געהערט צו מיין געהיימען ראַט און ווער עס וועט ביז דער קומענדיקער זיצונג אין סענאַט, וואָס דאַרף ענדגילטיק דעם דאָזיקן דעקרעט באַשטעטיקן, אַרויסרעדן אַ וואָרט וועגן דעם, וואָס עס איז דאָ היינט באַשפּראָכן געוואָרן, וועט באַקומען טויט־שטראָף. האַלט ביי זיך דעם דאָזיקן סוד, זאָגט אים נישט אויס אַפֿילו פֿאַר אייערע ווייבער. דער קלאַפּ פֿאַר יידן דאַרף קומען אומגעריכט.

זאָגנדיק די דאָזיקע ווערטער, האָט ער נאָכאַמאָל אָפּגעמאָסטן מיט אַ פֿינצטערן בליק זיין קרובֿ קלעמענס פֿלאַוויוס. דאָס האָט ער געגעבן צו פֿאַרשטיין, אַז מיט דער דאָזיקער וואָרנונג איז ער הויפּטזעכלעך אויסן געווען אים.

⁂

נישט קוקנדיק אויף דעם שטרענגן אָנזאָג פֿון דאָמיציאַנען קיינעם וועגן דעם בלוטיקן באַשלוס נישט צו דערציילן, איז קלעמענס פֿלאַוויוס תּיכּף נאָך דער באַראַטונג אַוועק אינם הויז פֿון פֿילאָזאָף אַרטעמידאָרוס, וואו די יידישע חכמים האָבן געוואוינט און זיי וועגן דעם אַלעם איבער־געגעבן.

אַ שרעקלעכער יאוש האָט אַרומגעכאַפּט די פיר תנאים. זיי האָבן מער קיין שום האָפענונג נישט געזען, אַז זיי זאָלן קאָנען אָפּשטעלן דאָס אויספירן פון דער שרעקלעכער גזירה. זייער שליחות איז געווען אומזיסט. וואָס פאַר אַן ענטפער וועלן זיי ברענגען צו זייער אומגליקלעך פאָלק, וואָס וואַרט אין דער שרעקלעכער מורא פון אומקום...

קלעמענס פלאַוויוס האָט זיי געטרייסט און אויסגערעדט זיי די מורא.

— עס איז שוין געווען אַ המן, וועלכער האָט געוואָלט אַלע יידן אומברענגען און עס האָט זיך אויך דעמאָלט אויסגעוויזן, אַז קיין רעטונג איז נישטאָ. אָבער אויסגעלאָזט האָט זיך, אַז ער האָט גאָר געליטן די גרויסע מפּלה און יידן האָבן זיך געראַטעוועט — האָט קלעמענס גערעדט צו די פאַרוויטיקטע הערצער פון די חכמים.

רבי עקיבא האָט זיך אָפּגעזונדערט פון זיינע חברים און ער האָט זיך אינדרויסן הין און צוריק אַרומגעדרייט. דער קאָפּ זיינער איז געווען פאַרנומען מיט כלערליי פּלענער. ער האָט באַשלאָסן נאָכאַמאָל אַהינצוגיין צו קוציוס נערוואַ; זאָל ער צוזאַמענרופן אַ פאַרזאַמלונג פון זיינע בעסטע און פאַרטרויאונגספולע פריינט און צוזאַמען וועט מען אויסאַרבעטן אַ פּלאַן, ווי אַזוי שנעלער אומצוברענגען דאָמיציאַנען.

קלעמענס פלאַוויוס האָט זיך אומגעקערט אַהיים אַ דערשלאָגענער און אַ פאַרביטערטער. ער האָט אַפילו זיין אייגענעם וויב דאָמיצילאַן נישט דערציילט, וואָס פאַר אַ שרעקלעכן באַשלוס עס האָבן היינט די געהיימע ראַטגעבער ביים קייסער דאָמיציאַן אָנגענומען.

אַ פאַרטרויערטער האָט ער זיך אויף זיין געלעגער אַנידערגעלייגט און מיט אויפגעעפנטע אויגן האָט ער געטראַכט וועגן דער שרעקלעכער לאַגע, אין וועלכער עס געפינען זיך סיי די יידן, סיי די בעסטע מענטשן פון דער רוימישער אימפּעריע.

דאָמיצילאַ האָט אים עטלעכע מאָל איבערגעפרעגט, פאַרוואָס ער איז אַזוי טרויעריק היינט, אָבער ער האָט איר כסדר געגעבן אויסמיידנדיקע ענטפערס.

אין דעם זעלבן מאָמענט איז אַ שליח אַריינגעקומען און גערופן קלעמענס פלאַוויוסן צו אַ דרינגענדיקער פאַרזאַמלונג צום סענאַטאָר קוציוס נערוואַ. אין דעם געהיימנישפולן טאָן, אין וועלכן דער שליח האָט גערעדט, האָט קלעמענס פלאַוויוס פאַרשטאַנען, אַז עס מוז זיין זייער וויכטיק זיין אָנוועזנהייט דאָרט און ער האָט זיך תיכף געלאָזט אַהינגיין.

ביי קוציוס נערוואַ זיינען שוין געווען פאַרזאַמלט ביי אַ צענדליק הויכגעשטעלטע לייט און צווישן זיי אויך רבי עקיבא. קלעמענס פלאַוויוס האָט זיך מיט אים זייער דערפרייט און מיט פאַרשנדיקע בליקן אים אָנגע־

קוקט, ווי וועלנדיק ביי אים געוואָר ווערן דעם באַדייט פֿון דעם הייניקן צוזאַמענקונפֿט.

אָבער אַט שטעלט זיך אויף קוציוס נערוואַ און הויבט־אָן:

— מיינע טייערע פֿריינט! מיר לעבן אין אַ שרעקלעכער צייט. אַ משוגענער הערשער האָט צו זאָגן איבער די לעבנס פֿון מיליאָנען. צי מיר ווילן יאָ איינשטימען אויף זיינע אכזריותדיקע פֿאַראָרדנונגען אָדער ניט, וועט ער זיי אַלצאיינס אָפּטאָן. ער וועט אונדז, די ווידערשפּעניקע, אויס־הרגענען און זיינס וועט ער דורכפֿירן. מיר טאָרן מער נישט זיין גלייכ־גילטיק דערצו. ער קאָן, חלילה, די וועלט אומברענגען. עס איז אַ חרפּה פֿאַר אונדז וואָס מיר, די געלערנטע, די געזעצגעבער פֿון דער רוימישער אימפּעריע, לאָזן זיך טרעטן פֿון אַזאַ משוגענעם, וועלכער באַליידיקט אונדז טאָג־טעגלעך. אַ סוף מוז צו דעם נעמען!

— גערעכט! גערעכט! — האָבן די פֿאַרזאַמלטע הויכגעשטעלטע לייט אויסגערופֿן.

— אונדזער יידישער פֿריינט, דער גרויסער געלערנטער רבי עקיבא, איז צו מיר נעכטן געקומען און ער האָט מיך ממש אויפֿגערודערט מיט זיינע רייד. איר שטעלט אייך דען פֿאָר דעם גרויל? מיר זיינען בלויז אַ קליינע צאָל, וואָס זיינען איינגעשטעלט מיטן לעבן, אָבער דאָ וואַרט אַ גאַנץ פֿאָלק אויף דעם גרוילהאַפֿטסטן טויט, קאַלטבלוטיק אומצוקומען צוליב דעם ווילן פֿון איין משוגענעם נפֿש! עס וועט דאָך אויף אייביקע דורות בלייבן אויף אונדז אַ שאַנד־פֿלעק, אַז מיר, די שטאַרקע, די מעכ־טיקע, לאָזן זיך אַרומפֿירן פֿון איין משוגענעם מאַן...

— ריכטיק! — האָבן אַלע איינשטימיק אויסגערופֿן.

— רבי עקיבא און איך האָבן אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן, ווי אַזוי פֿון דער דאָזיקער צרה פּטור צו ווערן. איינער פֿון די נאָענטסטע איינגייער צום קייסער, וועלכער איז באַקאַנט אַלס פֿיזיש שטאַרקער מאַן, זאָל אַריינ־קומען צו אים מיט אַ בריוו, מכּלומרשט, אַז ער האָט עפּעס אַ מסירה אויף עמיצן, און ווען דאָמיציאַן וועט זיך אין דעם בריוו פֿאַרטיפֿן, זאָל יענער אים מיטן גאַנצן כּח אַריינזעצן אַ מעסער אין האַרצן. ער מוז זיין פֿיזיש שטאַרק דערפֿאַר, ווייל דאָמיציאַן איז זייער פֿעסט געבויט, ער איז אַ קרעפֿטיקער מאַן און דער קלאַפּ אים צו דערהרגענען מוז קומען פֿון אַזאַ ריז ווי ער איז אַליין.

— אָבער, ווען זאָל דאָס געשען? — האָט קלעמענס פֿלאַוויוס אויס־גערופֿן — עס איז דאָך אייך באַוואוסט, אַז בלויז פֿינף טעג נאָך שיידט אונדז אָפּ פֿון דעם שרעקלעכן מאָמענט, ווען די בלוטיקע גזירה דאַרף אויסגעפֿירט ווערן...

— וואָלט מען טאַקע געדאַרפֿט פֿריער זוכן אַ פּלאַן, ווי אַזוי די דאָזיקע דאַטע צו דערוויטערן — האָט קוציוס נערוואַ געזאָגט.

אַ לאַנג שטילשווייגן איז אַריינגעטראָטן אין זאַל. קיינער האָט זיך מיט אַ וואָרט נישט אָנגערופֿן.

פּלוצים האָט קלעמענס פֿלאַוויוס זיך אויפֿגעשטעלט. ער האָט אינ־גאַנצן געציטערט פֿון אויפֿרעגונג. זיינע אויגן האָבן געשאָסן מיט פֿונקען. מ'האָט געקאָנט באַמערקן אין אים, אַז ער האָט עפּעס אָנגענומען ביי זיך אַ דעצידירנדיקן באַשלוס.

— מיינע טייערע פֿריינט! — האָט ער מיט אַ ציטערדיקער שטימע אָנגעהויבן — אין פֿינף טעג אַרום דאַרף ערשט דעם קייסערס דעקרעט באַשטעטיקט ווערן דורכן סענאַט און דעם העכסטן געריכט, פֿון וועלכן איך בין דער הויפּט־ריכטער... דאַמאָלס גייט ערשט דער דעקרעט אַריין אין קראַפֿט. זאָל אָבער מיט דעם הויפּט־ריכטער געשען אַן אומגליק, מוז ער דאָך צוערשט אויסקלויבן אַ נייעם הויפּט־ריכטער. דאָס וועט געוויס פֿאַרנעמען גענוג צייט, און דערווייל וועט מען די הינריכטונג פֿון קייסער קאָנען דורכפֿירן...

— איך פֿאַרשטיי נישט אינגאַנצן דיינע רייד! — האָט קוציוס נערוואַ זיך אָנגערופֿן — וואָס הייסט, אַז מיט דעם הויפּט־ריכטער זאָל געשען אַן אומגליק?... און אַז ס'וועט נישט געשען?!...

— עס וועט יאָ געשען!... — האָט קלעמענס פֿלאַוויוס מיט היץ אויסגערופֿן — עס וועט יאָ געשען! איך בין באַרייט מיך מקריב צו זיין פֿאַר דער דאָזיקער זאַך!... מיין לעבן איז סיי־ווי אין דער גרעסטער געפֿאַר; אויב נישט היינט, איז מאָרגן; אויב נישט מאָרגן, איז מיט אַ טאָג שפּעטער — אָבער מיין קאָפּ וועט דער אכזר אָפּהאַקן, פּונקט ווי ער האָט אַנומלט אַראָפּגעהאַקט אין סענאַט די קעפּ פֿון אונדזערע דריי פֿריינט...

— טאָ וואָס ווילסטו טאָן?... — האָט רבי עקיבא אַ פֿאַרציטערטער געפֿרעגט, וואָרים ער האָט פֿאַרשטאַנען, צו־וואָס קלעמענס פֿלאַוויוס צילט.

— איך וועל גיין צום קייסער און זיך מודה זיין פֿאַר אים, אַז איך האָב מיך מגייר געווען. איך וועל אים דערביי זאָגן אין פּנים אַריין אַלצ־דינג, וואָס איך און איר אַלע טראַכטן וועגן אים. פֿאַר אַזאַ פֿאַרברעכן וועט ער דאָך מיך געוויס באַשטראָפֿן מיט טויט. ווען איך וועל זיין טויט, וועט מען דאָך מוזן קלויבן אַ נייעם הויפּט־ריכטער. דאָס וועט זיך פֿאַר־ציען, און אַזוי אַרום וועט איר לייכטער קאָנען אויספֿירן דעם פּלאַן צו טויטן דעם משוגענעם הערשער.

— דו טאָרסט דאָס נישט טאָן! — איז רבי עקיבא אויפֿגעשפּרונגען פֿון זיין פּלאַץ — אונדזער אמונה פֿאַרבאָט דאָס צו טאָן. דאָס הייסט אַ מאַבד עצמו לדעת, אַ זעלבסטמערדער, דאָס איז אַ גרויסע זינד!...

— איך וויל מיך ברענגען פֿאַר אַ קרבן פֿאַר מיליאָנען! דאָס איז נישט קיין זינד. אַנשטאָט דעם, וואָס עס דאַרפֿן געהרגעט ווערן מיליאָנען מענטשן, וועט בלויז געהרגעט ווערן איין מענטש. דאָס גרויסע יידישע פֿאָלק האָט ביי מיר פֿאַרדינט, אַז איך זאָל עס טאָן. דאָס יידישע פֿאָלק האָט מיר געגעבן אַ גלויבן. איבעריקנס, איז עס נישט קיין גרויסער קרבן פֿון מיין זייט. מיינע טעג זיינען סיי־ווי געציילטע, טאָ וואָס איז דער אונ־טערשיד אַ טאָג פֿריער צי אַ טאָג שפּעטער...

אַלע פֿאַרזאַמלטע האָבן פּראָטעסטירט און געבעטן זיך ביי קלעמענס פֿלאַוויוס נישט צו מאַכן אַזאַ שרעקלעכן שריט. אפֿשר וועט מען נאָך גע־פֿינען אַ בעסערן פּלאַן און אפֿשר וועט גאָר אונדז געלינגען דעם קייסער פֿריער נאָך אומצוברענגען!...

קלעמענס פֿלאַוויוס האָט געשוויגן. ער האָט נישט געענטפֿערט „ניין" און נישט „יאָ".

נאָך לאַנג, לאַנג זיינען פֿאַרגעקומען היציקע וויכּוחים, ביז זיי זיינען זיך פֿונאַנדערגעגאַנגען שפּעט אין דער נאַכט מיטן באַשלוס מאָרגן זיך ווידער צו פֿאַרזאַמלען ביי קוציוס נערוואַן אין הויז.

רבי עקיבא האָט ביי זיך געהאַט באַשלאָסן צו גיין צו דאָמיציליאַן און איר דערציילן וועגן קלעמענס פֿלאַוויוסעס שרעקלעכן באַשלוס, און זאָל זי זען צו ווירקן אויף אים, ער זאָל דעם דאָזיקן באַשלוס נישט אויספֿירן.

ער האָט אויסגעקליבן די צייט, ווען קלעמענס פֿלאַוויוס איז גע־ווייזלעך אין הויז נישטאָ, כּדי ער זאָל אים נישט שטערן אין זיין געשפּרעך, און ער איז אַוועק צו דאָמיציליאַן.

רעכענענדיק, אַז זיין דערציילן וועט מאַכן אויף דער פֿרוי אַ שרעק־לעכן איינדרוק, האָט ער דעריבער אָנגעהויבן פֿריער צו רעדן וועגן עפּעס אַנדערש. ער האָט איר דערציילט וועגן דעם פּלאַן צו הרגענען דאָמי־ציאַנען, און די שוועריקייטן, וואָס זיינען דערמיט פֿאַרבונדן.

— איך אַליין וואָלט מיך דאָס אונטערגענומען צו טאָן! — איז זי ווי אַ טיגערין אויפֿגעשפּרונגען מיט גליענדיקע אויגן — איך וואָלט אים בייגעקומען!...

— אָ, מיין פֿריינדין, דו ביסט צו שוואַך דערצו — האָט רבי עקיבא זי באַרואיקט — דערצו מוז מען האָבן אַ שטאַרק־געבויטן מאַנסביל. מען מוז דאָך אויך נעמען אין אַכט, אַז טאָמער געלינגט נישט מיטן ערשטן

שטאַך אים צו טויטן און ער וועט זיך אָנהויבן צו אַמפּערן, זאָל דער אויספירער פון מאָרד אויך זיין אימשטאַנד אים בייצוקומען מיט דער בלויזער קראַפט...

— ביסט גערעכט, רבי... — האָט דאַמיצילאַ טרויעריק צוגעגעבן — אָבער ווען געשעט שוין דער דאָזיקער גערעכטער אַקט?

— עס איז נישט אַזוי לייכט — האָט רבי עקיבא געזאָגט — ערשטנס, מוז מען געפינען דעם פּאַסיקן מאַן דערצו און צווייטנס, מוז דער דאָזיקער מאַן זיין בּאַרייט דאָס אויסצופירן.

— קלעמענס האָט דאָך אָבער מיר אָנומלט געזאָגט, אַז די צייט איז שוין זייער קורץ. דער טיראַן קאָן נאָך אַמאָל פריער זיין שרעקלעכן פּלאַן אויספירן, איידער מען וועט אים טויטן.

— מיר זוכן טאַקע פלענער, ווי אַזוי דעם טערמין פון אויספירן דעם משוגענעמס דעקרעט צו פאַרלענגערן...

— ווי אַזוי וועט איר דאָס באַווייזן? — האָט דאַמיצילאַ נייגעריק געפרעגט.

און דאָ האָט רבי עקיבא אויף אַ פּאַרזיכטיקן אופן איבערגעגעבן דעם פאַרשלאָג, וואָס איר מאַן האָט געמאַכט.

אַנשטאָט אָבער אויפצושפרינגען מיט געוויין און אַ יללה און אַנשטאָט אַריינצופאַלן אין גרויס שרעק, האָט דאַמיצילאַ רואיק אויסגערופן:

— כ'האָב עס געגלויבט אויף מיין מאַן... ער איז פעאיק דערצו. ווען ער וואָלט מיך געפרעגט, וואָלט איך אַליין אים צוגערעדט צו דער דאָזיקער אָפּפערווויליקער טאַט. וואָס איז דען אונדזער לעבן שוין ווערט. מיינע צוויי זין, אונדזער פרייד און האָפענונג, זיינען מער נישטאָ. יעדן טאָג קוקן מיר דעם טויט אין די אויגן אַריין. איז איידער צו שטאַרבן מיט אַ מיאוסן און שענדלעכן טויט, איז גלייכער אומצוקומען אויף אַ העלדישן אופן!...

רבי עקיבא איז געבליבן אָן לשון: „ניין, זייער געדאַנקענגאַנג איז גאָר אַן אַנדערער פון אונדזערן, זיי זיינען נאָך געבליבן געצנדינער אין דער טאַט".

— דאָס לעבן פון אַ מענטש איז הייליק! — האָט רבי עקיבא נאָך אַ לענגערער ווײלע צו איר אויסגערופן — אונדזער אמונה פאַרבאָט צוצונעמען דאָס לעבן, וואָס גאָט האָט דיר געשאָנקען. מיר זיינען נישט די באַלעבאַטים איבער אונדזערע לעבנס...

— ער וועט דאָך אָבער מיט זיין קרבן ראַטעווען די לעבנס פון אַזוי פיל מענטשן! — האָט דאַמיצילאַ מיט באַגייסטערונג אויסגערופן — ער וועט דאָך מיט זיין טויט הייליקן גאָטס נאָמען, גאָטס געליבט פאָלק

וועט נישט אומקומען. וויפיל לעבנס זיינען ווערט מקריב צו זיין פאר אזא היילעקער זאך!...

רבי עקיבא האט איר מער גארנישט געענטפערט. ער האט זיך צוגע־בויגן און איר א קוש געטאן אין קאפ.

— דיין ווילן איז א גוטער, זאלסט געבענטשט זיין דערפאר! — האט ער איר געזאגט, פארלאזנדיק איר הויז.

⁂

אין דער צייט, וואס רבי עקיבא האט געשמועסט מיט דאמיצילאן, איז קלעמענס פלאוויוס אוועק צו דאמיציאנען און זיך געשטעלט פאר אים.

— וואס פאר א וויכטיקע ענינים האבן דיך געבראכט אזוי שפעט צו מיר? — האט דאמיציאן אים געפרעגט מיט א רואיק קול.

דער קייסער איז אין דעם מאמענט געווען אין א געמיטלעכער שטי־מונג. דאס משוגעת האט געהאט אויף א ווײלע אפגעטראטן פון אים. אויף דער וואנט האט זיך געשפילט א רויטער שטראל פון דער אונטערגייענ־דיקער זון, און אט האט דער זעלבער שטראל א בלענד געטאן דאמי־ציאנען אין די אויגן, אז ער האט זיי געמוזט אויף א ווײלע צומאכן.

— אט איצט וואלט געווען דער בעסטער מאמענט אים א מעסער אין הארצן ארייינצושטעכן!... — איז קלעמענסן ווי א בליץ דורכן מוח אדורכגעפלויגן. ער האט ביי זיך קיין שום זאך נישט געהאט, מיט וואס אים צו טויטן. ווען ער וואלט כאטש אזוי שטארק געווען ווי דאמיציאן, וואלט ער אים אין דער סעקונדע געקאנט צו דער ערד ווארפן און מיט די בלויזע הענט דערשטיקן צום טויט.

אבער אט האט זיך דאמיציאן אפגעבויגן אן א זייט און דער שטראל האט זיך ווידער צעשפילט און געפלאקערט ווי א פלעמל אויף דער וואנט.

דאמיציאן האט א ווייל באטראכט זיין קרוב קלעמענס פלאוויוס און געווארט, וואס ער האט אים צו זאגן.

— מעכטיקער קייסער — האט ענדלעך קלעמענס פלאוויוס אנגע־הויבן — עס האט מיך געבראכט צו דיר זייער א וויכטיקער ענין... איך בין געקומען ראטעווען רוים, איך בין געקומען ראטעווען דיך...

— מיך?... — האט דאמיציאן מיט שפאט אויף זיינע דינע ליפן אויסגערופן — מיך ביסטו געקומען ראטעווען? איך בין צו מעכטיק, אז איך זאל מיך נויטיקן אין עמיצנס הילף. בלויז אין מיין האנט ליגט די מעגלעכקייט צו ראטעווען אנדערע און נישט ביי קיינעם מער! דו מאכסט חוזק פון מיר, קלעמענס!

— נישט קיין חוזק מאַכן ליגט מיר איצט אין זינען, מעכטיקער קייסער. איך בין אין איצטיקן מאָמענט זייער ערנסט. רוים איז אין געפֿאַר!...

— רעד קלאָרער! — האָט דאָמיציאַן שוין מיט כּעס אַ דונער געטאָן.

— צערייס דיין גזירה, וואָס דו האָסט אַרויסגעגעבן קעגן יידן, ווייל דערמיט, וואָס וועסט אויספֿירן די פֿאַרטיליקונג פֿון יידישן פֿאָלק, וועסטו ברענגען שאַנד אויף אונדזער לאַנד אויף דור־דורות!...

— שווייג! רעד נישט מער! — האָט דאָמיציאַן אויסגערופֿן — אָדער איך הייס דיך תּיכּף דערהרגענען.

— איך האָב פֿאַרן טויט נישט קיין מורא — האָט קלעמענס פֿלאַוויוס געענטפֿערט — אָבער איך פֿאַרזיכער דיר פֿייערלעך, אַז דיר וועט קיינ־מאָל נישט געלינגען די יידן אומצוברענגען. דו קאָנסט זיי פּייניקן, קאָנסט אַ טייל פֿון זיי לאָזן טויטן, אָבער דאָס יידישע פֿאָלק וועט דיך איבערלעבן. דער אַלמעכטיקער גאָט, דער באַשעפֿער פֿון הימל און ערד, היט זיי און באַשיצט זיי. דער אייבערשטער וואַכט איבער זיין פֿאָלק, פּונקט ווי אַ פּאַסטוך איבער זיינע שאָף. דו וועסט זיי נישט אומברענגען, זיי וועלן דיך פֿריער פֿאַרטיליקן און אַ חרפּה וועט פֿאַלן אויף דיין קאָפּ לעולם ועד.

דאָמיציאַן האָט זיך צעלאַכט ווי אַ משוגענער, און אַ וואַנזיניק פֿלעמל האָט זיך אין זיינע בלויע אויגן אָנגעצונדן.

— זיי, די שוואַכע יידעלעך, וועלן מיך אומברענגען? אָט דאָס צע־טראָטענע און אָנמעכטיקע פֿאָלק וועט מיר קאָנען שלעכטס טאָן? מיר, דעם הערשער פֿון דער גאַנצער וועלט?!...

— אומברענגען מיינט נישט נאָר קערפּערלעך — האָט קלעמענס פֿלאַוויוס אים געענטפֿערט — די יידן וועלן דיך מיט זייער גייסט פֿאַר־טיליקן פֿון דער ערד. זייער גאָט, אין וועלכן זיי האַלטן זיך געטריי און היטן אָפּ זיינע געזעצן, וועט דיך באַשטראָפֿן, אויב דו וועסט מיט זיין געליבט פֿאָלק זיך פֿאַרטשעפּען. וועסט האָבן דעם סוף פֿון פּרעה מלך מצרים; וועסט ענדיקן, ווי עס האָט געענדיקט המן בן המדתא, דער הויפּט פֿון אַלע פּערסישע האַרן. איך וואָרן דיך, דאָמיציאַן פֿלאַוויוס, דו טראָגסט דעם זעלבן נאָמען וואָס איך, ביסט מיינער אַ קרוב, דערפֿאַר וואָרן איך דיך...

— לויט ווי דו רעדסט, זע איך, גלויבסטו אין זייער אומזעבאַרן גאָט, אין דעם יידישן גאָט, וואָס האָט נישט קיין קערפּער און אַפֿילו נישט קיין געשטאַלט פֿון אַ קערפּער, און אין אונדזערע מעכטיקע געטער פֿאַר־

לייקנסטו, אין מיר גלויבסטו נישט — איז ווי צו דיר, קלעמענס! אויב דיין בלוט וועט פאַרגאָסן ווערן, וועסטו אַליין טראָגן די שולד דערפאַר...

— יאָ, איך גלויב אין דעם גאָט פון ישראל, וואָס האָט די יידן אויסגעלייזט פון די הענט פון מצרים און ער וועט זיי אויך אויסלייזן פון דיינע הענט.

דאָמיציאַן האָט זיך אויף אַ ווײַלע פאַרטראַכט. די ווערטער פון זיין קרוב קלעמענס פלאַוויוס זיינען דערגאַנגען ערגעץ־וואו אין זיין מוח. ער איז בלאַס געוואָרן, דערנאָך ווידער געוואָרן רויט. די משוגענע אויגן האָבן אויפסניי אָנגעהויבן בליצן ביי אים און ער האָט אויסגערופן מיט אַ געמאַכטער ווייכקייט:

— קלעמענס, מיין קרוב, בלוט פון מיין בלוט און פלייש פון מיין פלייש. איך האָב גרויס צער פון דיר, פאַרשאַפסט מיר פיל עגמת נפש. איך וויל נישט פאַרגיסן דיין בלוט, ווי פון איינעם אַ פשוטן פאַרברעכער. צי צוריק דיינע ווערטער, וואָס האָסט נאַר־וואָס געזאָגט און איך וועל זיי פאַרגעסן. זאָג מיר, אַז האָסט בלויז געמאַכט אַ שפּאַס אַזעלכן. עס איז דאָך פאָרט נישט מעגלעך, אַז דו, אַן איידעלער רוימער, אַן אָפּשטאַמיקער פון דער קייסערלעכער משפּחה, זאָל אָנהויבן גלויבן אין אַ גאָט, וואָס מ׳זעט נישט און מען קאָן אַפילו נישט אָנטאַפּן...

— גייסט קאָן מען נישט אָנטאַפּן — האָט קלעמענס אים גלייך געענטפערט — גייסט קאָן מען פילן און פאַרשטיין. ווער עס קאָן נישט פילן און פאַרשטיין, דער האָט קיין האַרץ נישט און קיין מוח נישט!...

— באַליידיקסט מיך, קלעמענס — האָט דאָמיציאַן אויסגערופן מיט צאָרן — ביסט חייב מיתה! איך וואָרן דיך נאָכאַמאָל, צי צוריק דיינע פריערדיקע רייד, זאָג, אַז דו האָסט חרטה, קלעמענס...

— זאָג דו בעסער מיר צו, אַז וועסט צוריקציען דיין אוממענטשלעכן באַשלוס צו פאַרטיליקן די יידן!

— ניין, דאָס קיינמאָל נישט! — האָט דאָמיציאַן מיט עקשנות און טראָציקייט געזאָגט — די יידן מוזן אומקומען. אַ רוימער ציט קיינמאָל נישט צוריק זיין אַרויסגעזאָגטן פּסק־דין!

— אויב אַזוי, בין איך גרייט גלייך מיט זיי געהרגעט צו ווערן און איך וועל דערביי הייליקן גאָטס נאָמען.

אַ טויט שטילשווייגן איז אַריינגעטראָטן. קיינער האָט קיין וואָרט אַ לענגערע ווײַלע נישט אַרויסגערעדט. עס איז געווען אַזוי שטיל, אַז מען האָט געהערט דאָס קלאַפּן פון זייערע ביידנס הערצער.

אין שטוב איז געווען טונקל. קיינער האָט נישט געוואַגט אָן דעם קייסערס באַפעל אַריינצוקומען און אָנצינדן ליכט.

זיינען זיי בײדע געזעסן אײנגעהילט אין די פינצטערע שאָטנס פון דער צוגעפאַלענער נאַכט און זייערע בײדנס אויגן האָבן געבליצט פון דער פינצטער מיט נישט־גוט אָנזאָגנדיקע פייערלעך.

— איצט וואָלט געוועזן די בעסטע געלעגנהייט אים צו דערהרגענען...

— האָט קלעמענס פלאַוויוס געטראַכט — אָ, ווען איך פיל מיך אַ ביסל מער בכּוח, וואָלט איך מײנע הענט אַרום זײן האַלדז אַרומגעוויקלט און ער וואָלט די טרפהנע נשמה אויסגעהויכט אונטער דעם דריק פון מײנע פינגער.

דאָמיציאַן האָט אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט.

עס איז אַרײַנגעקומען אַ שקלאַף.

— ליכט! — האָט ער געגעבן אַ באַפעל.

קלעמענס איז געזעסן פאַרטראַכט און האָט די אויגן נישט געקאָנט עפענען אין דעם בלענדעניש פון דעם אָנגעצונדענעם ליכט. ערשט נאָך אַ שפּאָרער ווײַלע האָט זיך דאָמיציאַן אָנגערופן.

— איז דאָס דײַן לעצט וואָרט, קלעמענס?

— כ'בין אויך אַ רוימער!... — האָט קלעמענס געענטפערט — און איך צי נישט צוריק מײנע ווערטער.

— דו ביסט פון זינען אַראָפּ, קלעמענס — האָט דאָמיציאַן ווידער געענדערט זײן טאָן און גערעדט צו זײן קרוב ווײכע רייד — איך גיב דיר צייט עטלעכע טעג צו באַקלערן און חרטה האָבן אויף דײַן משוגענעם שריט. איך וועל דיך מאַכן פאַר מײַן שני־למלך. דו וועסט זײַן נאָך מיר דער צווייטער גרעסטער מאָן אין דער רוימישער אימפּעריע. וואָס טויג דיר דער יידישער גאָט, ווען דו קאָנסט אַלײן זײַן אַ גאָט און דער המון וועט זיך צו דיר בוקן, קרבנות צו דיר ברענגען. באַזין דיך, קלעמענס!...

— ניין! — האָט קלעמענס פלאַוויוס געענטפערט — איך וועל אין דעם גאָט פון ישראל נישט פאַרלייקענען. הויך וועל איך אומעטום אויסשרײַען, אַז איך האָב אָנגענומען די יידישע אמונה. איך וועל פאַר דער גאַנצער וועלט הייליקן גאָטס נאָמען און זאָלן די דורות נאָך מיר וויסן, ווי גרויס עס איז דער כּוח פון אמת, וואָס איך האָב איצטער דערקענט.

— צי איז דאָמיצילאַ אין דער זעלבער דעה וואָס דו? — האָט דאָמי־ציאַן געפרעגט.

— יאָ! — האָט מיט דער פולסטער אויפריכטיקייט קלעמענס גע־ענטפערט — זי האָט מיך אַרויסגעצויגן פון מײַן נאַרישן גלויבן, אַ דאַנק איר ענערגיע האָב איך דערקענט די אמתע געטלעכקייט.

דאָמיציאַן איז געוואָרן בלייך. ער האָט פאַר גרויס כּעס דאָס מויל נישט געקאָנט עפענען. די אויגן זײַנען ביי אים געוואָרן ברייט אויפגע־

פּראַלט, ער האָט נישט געקאָנט פאַרשטיין דעם כּוח, וואָס האָט זיך גענומען צו זיין קרוב, וועלכער שטייט אין אָנבליק פון טויט. ער האָט איגגאַנצן געציטערט פון גרימצאָרן, וואָס ער וואָגט אַזוי חוצפּהדיק צו רעדן אין זיין אָנוועזנהייט, אין דער אָנוועזנהייט פון רוימישן קייסער.

— דו מוזט שטאַרבן!... — האָט דאָמיציאַן ענדלעך אַרויסגע־סיטשעט צווישן זיינע ציין.

— איך וויס... — האָט קלעמענס רואיק געענטפערט — איך בין דערויף גרייט געווען.

— איך בין געצוואונגען צו מאַכן קעגן דיר אַ באַשולדיקונג אין סענאַט און דו וועסט פאַרמשפּט ווערן צום טויט, צו אַ שענדלעכן טויט.

— צעזאַר!... — האָט קלעמענס אויסגערופן — זיי וויסן, אַז איך האָב פאַרן טויט ניט קיין מורא. איך האָב שוין לאַנג שלום געמאַכט מיט דעם דאָזיקן געדאַנק. אַ סימן האָסטו, אַז איך האָב פאַרן טויט ניט קיין מורא — אָט האָסטו מיין רינג, וואָס דאָמיצילאַ האָט מיר מיט אַ צייט צוריק געגעבן, זינט האָסט מיך אָנגעהויבן צו דראָען מיט טויט. אין דעם רינג געפינט זיך אַ שפּאַרע דאָזע מיט גיפט. אָט קאָן איך נעמען און פאַר דיר אין די אויגן אים אויסטרינקען און פאַלן טויט, דאַן וועל איך ניט דאַרפן עפנטלעך היגגעריכטעט צו ווערן. אָט אַזוי איז ביי אונדז ביידע געווען אָפּגעמאַכט צו טאָן. אָבער איצט האָב איך געענדערט מיין מיי־נונג. באַדיר אָוועק מיין רינג. איך וויל בעסער היגגעריכטעט ווערן פאַר דער גאַנצער עפנטלעכקייט. זאָלן אַלע וויסן פאַרוואָס איך שטאַרב און זאָל מען נעמען פון מיר אַ ביישפּיל, ווי אַזוי מען דאַרף שטאַרבן פאַרן אמת!

— דו ביסט ניט ביים קלאָרן זינען, קלעמענס! — האָט דאָמיציאַן זיך ווידער ביי אים געבעטן — איך בעט דיך נאָכאַמאָל: באַזין דיך. מיר זיינען דאָ אַליין. קיינער האָט אונדז ניט אונטערגעהערט און איך וועל מיך באַמיען צו פאַרגעסן דערין. צי צוריק דיינע רייד און דו וועסט טיילן מיט מיר די הערשאַפט איבער דער רוימישער אימפּעריע.

— עס איז פּונקט פאַרקערט, קייסער. דו ביסט נישט ביים קלאָרן זינען. האָסט דיר אַריינגענומען אַ משוגעת אין קאָפּ צו ווערן אַ גאָט און ביסט אפילו קיין מענטש אויך נישט... איך וועל מיך עפנטלעך אין סענאַט דערקלערן פאַר אַ ייד, אויך אויפן עקזעקוציע־פּלאַץ וועל איך פאַר אַלעמען עפנטלעך אויסשרייען, אַז איך גלויב אין דעם אומזעבאַרן גאָט פון ישראל, דעם באַשעפער פון דער וועלט.

דאָמיציאַן האָט מער גאָרנישט גערעדט. ער האָט געעפנט די טיר, אַריינגערופן זיין לייב־וואַך און רואיק אויסגערופן:

— נעמט דעם דאַזיקן מאַן און פֿירט אים אָפּ אין תּפֿיסה אונטער אַ שטרענגער וואַך. ער שטייט אונטער אַ שווערער באַשולדיקונג, וואָס דער־פֿאַר קומט טויט!

☘

דעם טאָג, וואָס דאַמיציאַן האָט געמאַכט זיין באַשולדיקונג קעגן קלעמענס פֿלאַוויוס, איז געווען אַ טרויער אין גאַנץ רוים. די סענאַטאָרן האָבן איינשטימיק זייער פֿריינט פֿאַראורטיילט צום טויט, וואָרים קלעמענס האָט נישט געלייקנט זיין שולד. אדרבה, ער האָט גערעדט צו אַלע סענאַ־טאָרן אָפֿנהאַרציק. ער האָט אויסגעלאַכט דעם געצנדינסט און נאָך מער האָט ער חוזק געמאַכט דערפֿון, וואָס דאַמיציאַן האָט זיך אויסגערופֿן פֿאַר אַ גאָט. „דאָס איז נאָך גאָרנישט — האָט קלעמענס אויסגעשריגן מיט בייסיקער איראָניע — ער וועט נאָך זיין אייזל אויסרופֿן פֿאַר אַ גאָט און איר וועט אייך מוזן בוקן צו אים, ווייל דער משוגענער וועט אַזוי וועלן...

— הרגעט אים! — האָט דאַמיציאַן, פֿאַרקייכנדיק זיך פֿאַר כּעס און רויט ווערנדיק ווי מיט בלוט אָפּגעגאָסן, אויסגעשריגן — הרגעט אים וואָס שנעלער און זאָלן מיינע אויערן ניט הערן אַזעלכע רייד!...

אַלע הויכגעשטעלטע לייט, סענאַטאָרן, פֿילאָזאָפֿן און דיכטער האָט אַ פּחד אַרומגענומען.

— אויב ער שוינט ניט זיין נאָענטסטן קרוב, וועלכער וואָלט נאָך זיין טויט פֿאַרנומען דעם רוימישן טראָן, טאָ ווי וועט ער אונדז שוינען — האָט קוציוס נערוואַ, אַרויסגייענדיק פֿון טענאַט, געזאָגט צו זיינס אַ פֿריינט.

— ווי דרייסט און איבערצייגנדיק קלעמענס האָט גערעדט! — האָט אַרטעמידאָרוס זיך אָנגערופֿן — איך בויג מיין קאָפּ פֿאַר אים!

— און דאָך האָבן אַלע איינשטימיק אים צום טויט פֿאַרמשפּט! — האָט איינער אַ דיכטער זיך אָנגערופֿן.

— זיי האָבן דען געמשפּט? דאָס האָט דאַמיציאַנס משוגעת געמשפּט!
— האָט אַרטימעדאָרוס געענטפֿערט — ווען זיי טוען ניט זיין ווילן, פֿירט ער אַריין אַ צענטוריע סאָלדאַטן און הייסט זיי אַלעמען אויסקוילען ביז איינעם!

דעם זעלבן טאָג איז קלעמענס פֿלאַוויוס עפּנטלעך הינגעריכטעט געוואָרן, ווערנדיק אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון דער העכסטער געביידע אין רוים. דער טרויער איז געווען זייער גרויס, אָבער דער אורטייל אויף דאַמי־ציאַנען איז מיט דעם דאַזיקן שרעקלעכן אַקט געחתמעט געוואָרן.

⁂

ווען די פיר יידישע חכמים זיינען געוואר געוואָרן וועגן קלעמענסעס טויט, האָבן זיי אויף זיך די קליידער צעריסן, אויף דער ערד אַנידערגעזעצט און צעקלאָגט זיך מיט אַ ביטער געוויין.

אַ לאַנגע ווײַלע זיינען זיי געזעסן אין טרויעריקן שטילשוויגן. דערנאָך האָט זיך רבי עקיבא אָנגערופן:

— מיינע טייערע חברים, איצט איז ניט די צייט צו טרויערן. מען טאָר ניט בלייבן זיצן אומעטיק. גרויסע געשעענישן וועלן פון דעם דאָזיקן אומגערעכטן אַקט אַרויסוואַקסן. מען דאַרף שוין אַהינגיין צו דאָמיצילאַן אין דער וואוינונג און עפּעס געוואר ווערן.

— ניין, מען טאָר איצט דעם שריט ניט מאַכן — האָט רבי יהושע בן חנניה געזאָגט — אין דעם מאָמענט צו באַזוכן דאָס הויז פון קלעמענס פלאַוויוס איז אַ גרויסע סכנה. עס איז אָן שום ספק באַוואַכט מיט אַ סך שפּיאָנען פון קייסער, און ווער עס וועט נאָר אַריינגיין צו דאָמיצילאַן אין הויז, וועט ווערן פאַרדעכטיקט.

— עס מאַכט ניט אויס! — האָט רבן גמליאל אויסגערופן — מיר מוזן אַהינגיין זי טרייסטן. דאָס איז אונדזער מענטשלעכער חוב. קלעמענס פלאַוויוס האָט מקדש השם געווען, ער איז אַ גרויסער צדיק.

ווען די חכמים זיינען געקומען צו דאָמיצילאַן אין הויז אַריין, האָבן זיי זי געטראָפן זיצן רואיק און מיט שטאַרקן מוט. די חכמים האָבן זי באַוואונדערט פאַר איר שטאַרקייט. זי האָט אויסגעדריקט איר גרייטקייט נאָכצופאָלגן אין די טריט פון איר מאַן. זי פאַראַכטעט אַזאַ שענדלעך לעבן, וואָס עס פירן איצט די גרויסע לייט אין רוים. איידער אַזאַ לעבן, איז שוין גלייכער דער טויט.

אינמיטן שמועס זייערן איז אַריינגעלאָפן איינער פון אירע קנעכט און אַ בלאַסער ווי דער טויט, האָט ער אויסגערופן צו די יידישע חכמים:

— דערבאַרעמט אייך, אַנטלויפט וואָס שנעלער, עס קומען אָן שלוחים פון קייסער דאָ אַהער!... קומט, וועל איך אייך ווייזן אַן אַנדערן אַרויסגאַנג פון פּאַלאַץ.

זיי האָבן זיך שנעל אָפּגעזעגנט מיט דאָמיצילאַן און פאַרלאָזט דאָס הויז. ווי נאָר די חכמים האָבן באַוויזן אַרויסצוגיין, זיינען די קייסערלעכע שלוחים אַריינגעקומען צו דאָמיצילאַן און צו איר געזאָגט:

— אייגנטלעך קומט דיר טויט-שטראָף, פּונקט ווי דיין מאַן. אָבער דער קייסער האָט זיך אויף דיר דערבאַרעמט און ער פאַרגיט דיר דיינע זינד, אָבער דאָ בלייבן קאָנסטו נישט. דער המון וועט דיך אויף שטיקער צעררייסן,

וואָרים דו לייקנסט אין דעם געטלעכן דאָמיציאַן!... דו מוזט אַלזאָ מיט אונדז מיטגיין.

דאָמיצילאַ האָט אַ ביטערן שמייכל געטאָן, רואיק זיך אויפגעשטעלט, גענומען עטלעכע נויטיקע זאַכן און מיטגעגאַנגען מיט די שלוחים פון קייסער. זי איז מיט אַ טאָג שפּעטער פאַרשיקט געוואָרן אויפן גאַנצן לעבן צו וואוינען אויף אַן אינדזל אין מיטללענדישן ים.

⁂

די שרעק ביי די סענאַטאָרן איז געוואָרן נאָך גרעסער, ווען דער קייסער האָט מיט אַ טאָג שפּעטער אויך געלאָזט אָפּהאַקן דעם קאָפּ ביי איינעם פון די גרעסטע פּאַטריציער אין רוים. די זינד איז באַשטאַנען אין אַ קליינינקייט: באשר בכן מען האָט אויסגעפונען, אַז ער האָט אַמאָל געקעמפט אין אַמפיטעאַטער מיט ווילדע חיות און ער האָט דערמיט פאַר־שוועכט דעם כבוד פון אַדלשטאַנד. דאָס איז בלויז געווען אַן אויסרייד. מוסרים האָבן נעמלעך צוגעטראָגן דעם קייסער, אַז ער האָט נאָך דער הינריכטונג פון קלעמענס פלאַוויוס גערעדט זייער ביטערע רייד וועגן אים.

זינט דעם דאָזיקן טראַגישן פאַל איז ניט דורכגעגאַנגען קיין איין טאָג, וואָס מען זאָל עמיצן פון די הויכגעשטעלטע לייט ניט הרגענען. קיינער האָט ניט געוואוסט וועמענס מאָרגן עס איז. יעדן טאָג, וואָס מען איז געבליבן לעבן, איז געווען אַ געשענקטער.

דאָס האָט געצוואונגען די סענאַטאָרן זיך צו פאַרזאַמלען ביי קוציוס נערוואַ אין הויז און דאָרט איז נאָך אַ לאַנגער באַראַטונג באַשטימט גע־וואָרן צו דערהרגענען דעם קייסער. מען האָט אויסגעקליבן צוויי פעסט־געבויטע מענער צווישן דער אַריסטאָקראַטיע פון רוים, וועלכע וועלן אין פאַל, ווען עס זאָל ניט געלינגען צו דערשטעכן אים צום טויט מיט איינמאָל, אים דערשטיקן מיט די בלויזע פינגער.

עס איז באַשטימט געוואָרן, אַז ביים נעכסטן מאָל, ווען ער וועט קומען אין סענאַט אַריין, זאָלן די צוויי באַשטימטע מענטשן זיך זעצן ביים קייסער פון ביידע זייטן, און ווען ער וועט האַלטן אינמיטן רעדן זאָלן זיי אים מיט־אַמאָל באַפאַלן מיט זייערע שטילעטן און אים דערהרגענען.

מ׳האָט אָבער פריער געדאַרפט אויסקלייבן אַ נייעם קייסער, כדי דאָס לאַנד זאָל אויף קיין איין מאָמענט ניט בלייבן אָן אַ הערשער. אַלע זיינען געווען איינים, אַז קוציוס נערוואַ זאָל איבערנעמען דעם רוימישן טראָן.

דער אַלטער סענאַטאָר האָט זיך אויפגעשטעלט און געזאָגט:

— אמת, איך בין שוין אַן אַלטער מאַן און פיל טעג צום לעבן איז מיר שוין נישט איבערגעבליבן, אָבער דער ווילן פון פאָלק איז דער ווילן פון גאָט, נעם איך דעריבער אויף מיר דעם דאָזיקן שווערן עול און וועל ווידמען מיינע לעצטע טעג צו דינען מיט יושר אונדזער לאַנד.

מיט עטלעכע טעג שפּעטער, דאָס איז געווען אין טאָג, ווען דער דעקרעט אויסצוהרגענען אַלע יידן האָט געדאַרפט באַשטעטיקט ווערן דורכן סענאַט, האָט דער קייסער צוזאַמענגערופן אַלע סענאַטאָרן, ראַט־געבער און וויכטיקע לייט פון רוים און ער האָט פאַר זיי פאָרגעלייגט דעם דעקרעט אונטערצושרייבן.

אין דעם מאָמענט האָבן זיך די צוויי פּאַטריציער, וועלכע זיינען געזעסן פון ביידע זייטן פון קייסער, ווי אויף אַ באַפעל, געגעבן אַ שטעל־אויף.

דאָמיציאַן האָט זיך אומגעדרייט אויף רעכטס, כדי צו זען וואָס עס איז געשען. אין דער זעלבער רגע האָט אים דער פון דער לינקער זייט מיט דער גאַנצער קראַפט געגעבן אַ זעץ־אַריין דאָס מעסער אין האַרץ.

אַ שטראָם בלוט האָט אַ שפּריץ געטאָן און פאַרגאָסן עטלעכע סענאַ־טאָרן אַרום.

דאָמיציאַן האָט נאָך באַוויזן אַ געשריי צו טאָן, אָבער אין דעם זעלבן מאָמענט האָט אים דער צווייטער פון דער רעכטער זייט אַ שטאָך געטאָן זיין מעסער אין דער ברוסט, און דאָמיציאַן האָט זיך אויסגעצויגן ווי אַ פגר אויף דער ערד און דאָס בלוט האָט געשטראָמט טייכנווייז.

עס איז אַנטשטאַנען אַ גרויסער טומל אין סענאַט. ביי אַ צענדליק סאָלדאַטן האָבן אַריינמאַרשירט אין זאַל, וואו דער מאָרד איז פאָרגעקומען. אָבער די צוויי פּאַטריציער האָבן זיך שוין געהאַט אויסגעמישט מיט די איבעריקע מענטשן אין זאַל, איבערלאָזנדיק זייערע מעסערס אין דאָמי־ציאַנס בלוטנדיקן קערפּער.

אָבער דאָ זיינען עטלעכע פון די סענאַטאָרן און זייערע אָנהענגער, וואָס האָבן זיך אַריינגעריסן פון דער גאַס, וואו די ידיעה וועגן דער דערמאָרדונג פון קייסער האָט זיך שוין געהאַט בליץ־שנעל פונאַנדער־געשפּרייט, אויפגעשפּרונגען פון זייערע ערטער, זיך געוואָרפן אויף דעם צענדליק סאָלדאַטן און זיי אַלע ביז איינעם געטויט.

דעם זעלבן טאָג איז דער גרייז־גרויער סענאַטאָר מאַרקוס קוציוס נערוואַ אויסגערופן געוואָרן אין סענאַט אַלס דער קייסער פון רוים.

דאָס איז געווען אין טאָג פון יום־כפּור. אַלע יידן זיינען געווען פאַר־זאַמלט אין די שולן און תּפילה געטאָן, אַז עס זאָל אָפּגעשאַפט ווערן די שלעכטע גזירה. פיל טרערן זיינען אין דעם טאָג פאַרגאָסן געוואָרן. רבן

גמליאל האָט גראָד געהאַלטן אַ פייערלעכע דרשה, וואו ער האָט גערופן ניט צו פאַרצווייפלען און האָבן אמונה — ווי מ'איז פון גאַס געקומען אַריינ־צולויפן אין שול אָנזאָגן די בשורה, אַז דער רשעותדיקער קייסער דאָמי־ציאַן איז טויט.

רבן גמליאל האָט מיט אויפגעהויבענע הענט אויסגעשריגן דריי מאָל: „ד' הוא אלהים!" און דאָס גאַנצע פאָלק האָט נאָכגעשריגן און מען האָט געבלאָזן שופר.

אַן אומבאַשרייבלעכע פרייד איז אויסגעבראָכן צווישן אַלע יידן אין שול, וועלכע זיינען באַלד אַרויסגעלאָפן אין די גאַסן און אויסגעמישט זיך מיטן יובלדיקן המון.

פויקן און טראָמפּייטן האָבן פאַרטויבט די אויערן. גרופּעס רוימישע יונגעלייט און יידן זיינען אַרומגעלאָפן איבער אַלע ווינקעלעך פון רוים און אַראָפּגעריסן די דאָמיציאַן־סטאַטועס און זיי געטראָטן מיט די פיס.

דער געהרגעטער דאָמיציאַן איז אין זיין אייגן בלוט געלעגן אין סענאַט עטלעכע טעג, ביז אַ שלעכטער ריח האָט זיך שוין אָנגעהויבן פילן פון זיין צעפוילטן קערפּער.

דעמאָלט זיינען אַריינגעקומען עטלעכע דינער פון סענאַט און האָבן אַריינגעלייגט דעם טויטן קערפּער אין אַ קאַסטן, אַרויסגעפירט הינטער דער שטאָט און עפנטלעך אים פאַרברענט.

שפּעטער, אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט, זיינען עטלעכע אָנ־הענגער דאָמיציאַנס געקומען און ביי דעם ליכט פון אַ פאַקל אויפגע־קליבן דאָס ביסל אַש און עס באַגראָבן אויפן קייסערלעכן בית־הקברות.

נאָך עטלעכע טעג האָט זיך אַלץ באַרואיקט, און דאָס לעבן אין שטאָט האָט אָנגענומען דעם געוויינלעכן כאַראַקטער.

דער נייער קייסער מאַרקוס קוציוס נערוואַ האָט צוזאַמענגערופן דעם סענאַט און עפנטלעך אָפּגעשאַפט די שענדלעכע גזירה, וואָס דאָמיציאַן האָט אַרויסגעגעבן קעגן די יידן.

ער האָט צו זיך אין פּאַלאַץ אַרויסגערופן די פיר יידישע חכמים פון ארץ ישראל. ער האָט זיי אויפגענומען מיט גרויס כבוד און פרייד און עפנטלעך זיי איבערגעבעטן פאַר דער באַליידיקונג, וואָס ער האָט זיי פאַרשאַפט אין יענע שרעקלעכע טעג, ווען ער האָט זיי געהייסן פאַרלאָזן זיין הויז.

איבערהויפּט האָט ער אַרויסגעוויזן גרויס פריינטלעכקייט צו רבי עקיבאַן.

— דו האָסט מיין לעבן געראַטעוועט, רבי — האָט ער מיט טרערן אין די אויגן צו אים געזאָגט — דיין צוגעבן מיר מוט האָט דאָס באַוויזן.

איך וועל דאָס געדענקען אַזוי לאַנג ווי איך וועל לעבן און וועל דיר און דיין פֿאָלק אָפּדינען אין פֿרייד.

נערוואַ האָט אויך באַלד אַרויסגעגעבן אַ באַפֿעל צוריקצוברענגען דאָמיציליאַן, דאָס ווייב פֿון הינגעריכטעטן קלעמענס פֿלאַוויוס, קיין רוים. מ׳האָט געהאַט צוגעגרייט גרויסע כבודים פֿאַר איר. אויך רבי עקיבא האָט זיך געגרייט פֿאַר דעם טאָג, ווען זיין לאַנג־יאָריקע פֿריינדין דאָמיציליאַ וועט צוריקקומען. זי האָט געהאַט פֿאַר אים אַמאָל אויסגעדריקט דעם פֿאַרלאַנג, אַז זי וואָלט געוואָלט זיך באַזעצן אין לאַנד פֿון יהודה.

אָבער ווי גרויס איז געווען דער פֿאַרדרוס, ווען מ׳איז געקומען אויפֿן אינדזל, זיינען דעם קייסער נערוואַס שלוחים געוואָר געוואָרן די טרויע־ריקע נייעס, אַז דאָמיציליאַ האָט זיך גענומען דאָס לעבן. זי האָט ניט געקאָנט אויסהאַלטן די גרויסע בענקשאַפֿט נאָך איר מאַן.

אין רוים איז געווען אַ גרויסער טרויער, ווען די דאָזיקע ידיעה האָט אַהין דערגרייכט, און נאָך גרעסער איז געווען דער טרויער ביי די יידישע חכמים, וועלכע האָבן זיך שוין געגרייט צוריקצופֿאָרן אין לאַנד פֿון יהודה.

דער קייסער האָט איינגעאָרדנט צום געזעגענען זיך פֿון די פֿיר חכמים אַ גרויס מאָלצייט, וואו אַלע גרעסטע יידישע חשובים זיינען איינ־געלאַדן געוואָרן. ספּעציעלע מאכלים זיינען פֿאַר די יידן געשטעלט גע־וואָרן. ער האָט זיך האַרציק געזעגנט מיט אַלעמען, און ספּעציעל מיט ר׳ עקיבאַן, וועמען ער האָט אין דער לעצטער מינוט איבערגעגעבן אַ קליין קעסטעלע פֿון האָלץ.

— זאָל דיך דער גאָט פֿון ישראל באַגליקן! — האָט ער אים אָנגע־וואונטשן, און די חכמים זיינען אַוועקגעפֿאָרן אין דער ריכטונג פֿון ברינ־דיזיאום, וואו זיי זיינען אַרויפֿגעשטיגן אויף דער שיף אויפֿן וועג קיין יפו.

די בענקשאַפֿט פֿון רבי עקיבאַן אַהיים איז געווען זייער גרויס. שוין צו לאַנג איז ער געווען אָפּגעריסן פֿון זיין היים, פֿון זיין רחלען און פֿון די קינדער און פֿון לערנען.

אויפֿן וועג האָט ער געעפֿנט דאָס קעסטעלע, וואָס דער קייסער נערוואַ האָט אים געגעבן, און עס האָט אים אַ בלענד געטאָן אין די אויגן. עס זיינען דאָרט געווען די טייערסטע שטיינער, גאָלד, פּערל און בריליאַנטן, און אַ קליינער טאָוול פֿון זילבער, אויף וועלכן עס זיינען געווען אויס־געקריצט די ווערטער:

„צו מיין רבין, דעם גרעסטן חכם ביי יידן“.

קאפיטל 14

פריצייטיקע פרייד...

●

גאנץ רוים, אלע אונטעריאכטע לענדער פון רוים, דערונטער אויך דאס לאנד פון יהודה, האבן פרייער אפגעאטעמט. דער נייער קייסער מארקוס קוציוס נערווא האט מיט יושר און ערלעכקייט געהערשט. ער האט אפגעשאפט אלע אכזריותדיקע געזעצן, וואס דאמיציאן האט געהאט איינגעפירט. ער האט אויך אפגעשאפט די ווילדע פארוויילונגען, בעת אומשולדיקע מענטשן זיינען אומגעקומען אין אמפיטעאטער. בלויז גע־לערנטע גלאדיאטארן האבן צווישן זיך געמעגט קעמפן. פארן פאלק האט ער געשאפן אויך אנדערע מיני פארוויילונגען, פארשידענע ספארטן, טע־אטער־פארשטעלונגען.

עס האט זיך אויסגעוויזן פאר אלעמען, אז א נייע גליקלעכע צייט קומט־אן אויף די אונטערדריקטע פעלקער אונטערן פראטעקטאראט פון דער רוימישער מלוכה.

אט די דאזיקע גוטע בשורה האבן די פיר תנאים אהיים געבראכט פון רוים צו זייערע ברידער אין לאנד פון יהודה.

די פרייד אין לאנד איז געווען אויסערגעוויינלעך. טויזנטער תלמידים פון די דאזיקע פיר תנאים האבן זיי אפגעווארט אין יפו ביי דער שיף. און פון יפו ביז יבנה איז געווען איין גרויסער טריאומף־צוג. מיט געזאנג און פרייד, מיט פויקן און טאנצן זיינען די שלוחים פון רוים אנגעקומען קיין יבנה, וואו אנדערע צענדליקער טויזנטער מענער, פרויען און קינ־דער האבן מיט יובל זיי אויפגענומען. צווישן זיי איז אויך געווען רחל, דאס ווייב פון רבי עקיבאן.

רבי עקיבא האט זי דערזען צווישן די טויזנטער פארזאמלטע מענטשן און ער האט מיט אויסגעשפרייטע ארעמס צו איר זיך דערנעענטערט מיט גיכע טריט, אריינגענומען זי אין זיינע ארעמס און זי געקושט און גע־האלדזט.

— זיי געבענטשט, מיין טייערער מאַן, וואָס דו האָסט געבראַכט גוטע בשורות צו יידן — האָט זי אויסגערופן, און איר גאַנץ פּנים האָט געלויכטן פון גליק.

ווען רבי עקיבא איז געקומען צו זיך אין שטוב, איז ער פון רחלען געוואָר געוואָרן עטלעכע ניט־אָנגענעמע ביינען, וואָס דאָס האָט אים טרויעריק געמאַכט. זי האָט אים, נעמלעך, דערציילט, אַז איר פאָטער, כלבא שבוע, איז געשטאָרבן, און אַז זייער טאָכטער, שולמית, איז דורך איר מאַן פאַרלאָזט געוואָרן. ער האָט געטענהט, אַז ער קאָן זיך ניט געבן אָפּגעבן מיט דעם לערנען, ווען ער האָט אויף זיין קאָפּ אַן עול פון הויז. און כאָטש ער האָט זיין ווייב שטאַרק ליב געהאַט, האָט ער דאָך באַשלאָסן מיט איר זיך פונאַנדערצוגיין.

רבי עקיבא האָט רחלען געטרייסט:

— מען טאָר איצט ניט טרויערן, ווען דעם גאַנצן יידישן פאָלק האָט געטראָפן אַזאַ גליק. עס איז אויסגעלייזט געוואָרן פון אַ זיכערן טויט, וואָס האָט אַזוי אומהיימלעך געלויערט אויף אַלעמען.

— מיר האָבן דאָ כסדר תּפילה געטאָן אין גאַנצן לאַנד! — האָט רחל אים דערציילט — מיר האָבן געוואוסט וועגן דער דאָזיקער סכּנה, וואָס לויערט אויף אונדז, אָבער איך בין איינגעגלויבט געווען, אַז איר דאָרט וועט אַלץ גוט־מאַכן...

— עס איז גוט אַזוי, אַז מען ווערט ניט אָן דעם גלויבן. אַ מענטש, כּל זמן ער לעבט, דאַרף ער האָפן. מען טאָר ניט צווייפלען. איך האָב אַ סך גוטע האָפענונגען פאַר דער צוקונפט פון יידישן פאָלק — האָט רבי עקיבא, פול מיט פרייד און גלויבן, צו רחלען אויסגערופן.

מיט די זעלבע רייד פון האָפענונג און גלויבן האָט ער אויך אָנגעשטעקט די טויזנטער תּלמידים זיינע, ווען ער האָט צו זיי גערעדט און איבערגעגעבן וועגן דער אויסגעפירטער שליחות אין רוים. ער האָט וועגן דעם אויך גערעדט אויף די פאַרזאַמלונגען פון דער געהיימער חברותא, וואָס האָבן פיבערדיק געהאַט זיך געגרייט צו דערקלערן זיך אומאָפּהענגיק פון רוים און מאַכן אַן אויפשטאַנד קעגן דאָמיציאַנען.

עס זיינען שוין געהאַט געמאַכט געוואָרן פּלענער פון צוריק אויפבויען דאָס בית־המקדש, צוריק אויפשטעלן ירושלים אין איר גאַנצער פּראַכט. די יונגע בחורים, וועלכע האָבן געהערט צו דער געהיימער חברותא, האָבן זיך געהאַט באַוואָפנט און געוואַרט בלויז אויף אַ גינסטיקן מאָמענט.

איצט אָבער, ווען רבי עקיבא האָט געבראַכט די בשורה פון אַן ענדערונג צום גוטן אין דער ממשלה פון רוים, האָט מען געדאַרפט זיין מער פאָרזיכטיק מיט אָנהויבן אין דעם מאָמענט אַן אויפשטאַנד קעגן די

דוימער. עס איז געווען די געפֿאַר צו ציען אויף זיך דעם אומזיסטן כּעס פֿון אַזאַ יושרדיקן און ערלעכן מאַן, ווי עס איז געווען דער נייער קייסער מאַרקוס קוציוס נערוואַ.

דאָס איז געווען איצט די שווערסטע אויפֿגאַבע פֿון רבי עקיבאַן. אַלע האָבן אים אַפֿילו געקענט פֿאַר דעם אויפֿריכטיקסטן מענטש און פֿאַר דעם פֿייערדיקסטן אָנהענגער פֿון יידישער אומאָפּהענגיקייט און מען האָט זיך צוגעהערט צו זיינע רייד, ווען ער האָט דאַסמאָל גערופֿן צו באַזינונג און באַרעכנטקייט.

— קוציוס נערוואַ איז פֿון די חסידי אומות העולם — האָט ער געזאָגט אויף איינער פֿון די ענלעכע פֿאַרזאַמלונגען — און מיר דאַרפֿן מיט אַלע כּוחות אָפּהיטן זיין פֿריינטשאַפֿט. מיר ווען אַלץ איינאָרדענען אויף אַ פֿרידלעכן אופֿן.

עס האָבן זיך אַפֿילו געפֿונען אין אָנפֿאַנג עטלעכע קעגנער, וועלכע האָבן געהאַלטן, אַז נאָכדעם ווי רוים האָט איבערגעלעבט ביי זיך אין לאַנד אַזאַ אויפֿטרייסלונג, איז איצט אַ גינסטיקער מאָמענט זיך אָפּצוּרייסן פֿון אונטער דעם רוימישן פּראָטעקטאָראַט. עס איז אַפֿילו פֿון עמעצן געפֿאַלן אַ שאַרף וואָרט קעגן רבי עקיבאַן, וואָס ער איז אַזוי ווייך געוואָרן אין באַצוג צו רוים.

דער רוב פֿון די פֿאַרזאַמלטע איז אָבער אַרויסגעטראָטן אין דער פֿאַרטיידיקונג פֿון זייער רבין און עס איז באַשלאָסן געוואָרן נאָכצופֿאָלגן זיין ראָט.

די לאַגע אין לאַנד איז געוואָרן אַ מער זיכערע. דער פֿריערדיקער רוימישער מיליטערישער פֿאַרטרעטער איז צוריקגערופֿן געוואָרן פֿון זיין אַמט און נערוואַ האָט געשיקט קיין יהודה אַ מער־ליבעראַלן פֿאַרטרעטער, וואָס וועט האַנדלען אין גייסט פֿון נייעם רוים קעגנאיבער דעם יידישן פֿאָלק.

דאָס לערנען אין יבנה, וואָס איז געווען אַביסל אָפּגעשוואַכט אין דער אָפּוועזנהייט פֿון די פֿיר גרעסטע חכמים, האָט ווידער אָנגעהויבן בליען. עס זיינען צוגעקומען נאָך מער תּלמידים, פֿון וועלכע די אָנגעזעענסטע זיינען געווען: בן עזאי, דער איידעם פֿון רבי עקיבא, בן זומא און אלישע בן אבויה.

בן עזאי איז אַזוי פֿאַרטיפֿט געווען אין זיין לערנען, אַז ער האָט צוליב דעם פֿאַרלאָזט זיין ווייב, וועלכע ער האָט שטאַרק ליב געהאַט. בן זומא איז באַרימט געווען מיט זיינע קלוגע ווערטלעך, וואָס האָבן געדאַרפֿט זיין מאַראַלישע אָנווייזונגען אין מענטשלעכן לעבן:

„ווער הייסט אַ קלוגער, דער וואָס לערנט פֿון יעדן מענטש".

„ווער הייסט אַ גבור, דער וואָס קאָן באַהערשן זיינע ליידנשאַפֿטן".

„ווער הייסט אַ רייכער, דער וואָס באַנוגנט זיך דערמיט, וואָס ער האָט".

„ווער הייסט אַ בכבודיקער מענטש, דער וואָס האַלט אויך אַנדערע בכבוד".

אָט די דאָזיקע ווערטלעך פֿון בן זומאן זיינען אַרומגעגאַנגען צווישן אַלע תּלמידי חכמים און זיי זיינען געוואָרן באַקאַנט אַפֿילו צווישן די פּשוטע מאַסן.

רבי עקיבא האָט פֿון זיינע דריי תּלמידים זייער שטאַרק געהאַלטן און האָט אָפֿט זיך אַריינגעלאָזט אין וויכּוחים מיט זיי. אלישע בן אַבויהן האָט ער באַטראַכט פֿאַר דעם שאַרפֿסטן קאָפּ און ער האָט זיך געזאָרגט וועגן אים, אַז ער זאָל אַמאָל פֿון צופֿיל אַריינטראַכטן ניט אַראָפּגיין פֿון גלייכן וועג.

זיי האָבן געפֿירט וויכּוחים אויף דער דעמאָלט אייביק באַאומרו־איקנדיקער טעמע: פֿאַרוואָס איז די יידן, וועלכע דינען צום אייביקן גאָט, אַזוי שלעכט, און די גוים, וועלכע זיינען געצנדינער, איז אַזוי גוט? פֿאַרוואָס ווערן די יידן געפּייניקט מער פֿון אַנדערע פֿעלקער? „איז דאָס די תּורה און דאָס איז דער שכר?" — האָבן צווייפֿלער געפֿרעגט.

וועגן רבי עקיבאן און זיינע דריי באַליבטע תּלמידים ווערט דערציילט אַ לעגענדע, וואָס איז דורכגעוועבט מיט מיסטיציזם. עס ווערט וועגן זיי געזאָגט, אַז אַלע פֿיר זיינען זיי אַריין אין אַ פּרדס, וואָס דאָס האָט געזאָלט הייסן „דער גאָרטן פֿון וויסנשאַפֿט", און מיט זייערע גריבלענישן און נאָכפֿאָרשונגען האָבן זיי געוואָלט דערגיין דעם אינהאַלט פֿון מענטשלעכן לעבן און די סודות פֿון דער געטלעכקייט. לויט דער מיסטישער אויפֿפֿאַסונג ווערט איבערגעגעבן, אַז דורך פֿאַרשידענע הייליקע שמות, וואָס זיי האָבן באַנוצט, זיינען זיי אַרויף אין הימל און האָבן מיט זייערע אויגן געזען גאָט און האָבן באַנומען די גאַנצע פֿירונג פֿון דער וועלט. דער סוף זייערער איז געווען: בן עזאי איז יונג געשטאָרבן, בן זומא איז אַראָפּ פֿון זינען, און אלישע בן אַבויה איז אַוועק פֿון יידישקייט. ער האָט אויפֿגעהערט צו גלויבן אין גאָט. ער האָט געטענהט, אַז גאָט העלפֿט ניט די יידן אין זייערע פּיין און יסורים, ווייל ער קאָן נישט העלפֿן. „וואָס טויג אונדז די תּורה און וואָס קאָן זי אונדז העלפֿן, און צו וואָס דאַרף מען זיך צוליב איר פּייניקן?" — האָט ער געזאָגט און ער איז געוואָרן אַן אָפֿענער קעגנער פֿון דער יידישער אמונה. די חכמים האָבן געהאַט גרויסע יסורים דערפֿון, וואָס אַזאַ גרויסער תּלמיד־חכם און שאַרפֿער קאָפּ האָט זיך אָפּגעקערט פֿון יידישן וועג און זיי האָבן מער זיין נאָמען ניט דערמאָנט.

אנשטאָט זיין אמתן נאָמען אלישע בן אבויה, האָט מען אים אנגעהויבן רופן „אחר" — אַן אַנדערער.

אַ כאַראַקטעריסטישע לעגענדע ווערט דערציילט, פון וואַנען עס שטאַמט זיין נאָמען „אחר".

„ווען אלישע בן אבויה האָט זיך אָפּגעקערט פון דער יידישער אמונה און איז אַוועק אויף שלעכטע וועגן, האָט ער גענומען געניסן פון עולם הזה און האָט געטאָן אַלע מיני עבירות. האָט ער באַגעגנט אַמאָל אַ זונה אויף דער גאַס, האָט ער פון איר פאַרלאַנגט, אַז זי זאָל זיך אים איבער־געבן. האָט די זונה פּלוצלינג צו אים אַ זאָג געטאָן: „ביסטו נישט אַמאָל דער באַרימטער אלישע בן אבויה, וועמענס נאָמען עס איז באַקאַנט איבער דער גאַנצער וועלט?"

„האָט אלישע בן אבויה זיך פאַרשעמט און געפּרוּווט אָפּלייקענען, און כּדי צו באַווייזן, אַז ער איז נישט דער באַרימטער תּלמיד־חכם, האָט ער גענומען און אויסגעריסן פאַר איר אין די אויגן אַ רעטעך פון דער ערד, און אין דעם טאָג איז גראָד געווען שבת. אַ תּלמיד־חכם וואָלט דאָס ניט געטאָן... ווען די זונה האָט דאָס געזען, האָט זי שוין אָנגעהויבן צווייפלען, צי איז דאָס דער זעלבער און זי האָט געזאָגט: „איצט זע איך, אַז כ'האָב געהאַט אַ טעות, ביסט טאַקע אַן אַנדערער (אחר). פון דעמאָלט אָן איז דער דאָזיקער נאָמען געבליבן ביי אים..."

פון די אַלע „פיר, וואָס זיינען אַריינגעגאַנגען אין פּרדס", איז בלויז איין רבי עקיבא אַרויס אַ נישט־באַשעדיקטער, ער איז געבליבן גאַנץ אין זיין גלויבן. ער האָט געטענהט, אַז יידן קומען־אָפּ פאַר די זינד פון דער וועלט, דורך דער פּיין און יסורים ווערן זיי געלייטערט, און עס וועט קומען אַ צייט, ווען זיי וועלן ווידער פאַרנעמען זייער בכבודיק אָרט צווישן די פעלקער.

ס'ווערט אויך דערציילט, אַז אלישע בן אבויה איז אָפּגעטראָטן פון יידישקייט צוליב גרויסער קנאה צו רבי עקיבאן. עס האָט אים וויי־געטאָן, וואָס רבי עקיבא, וועלכער איז אַמאָל געווען אַ פּראָסטער מענטש, אַן עם־הארץ און דערצו נאָך פון נישט זייער קיין יחוסדיקן אָפּשטאַם, פאַר־נעמט אַזאַ גרויס אָרט צווישן די תּלמידי־חכמים. עס איז באַקאַנט אַ ווערטל, וואָס אלישע בן אבויה האָט געזאָגט, און מען זעט באַשיינפּערלעך, אַז עס איז געווען געווענדט קעגן רבי עקיבאן: „ווער עס לערנט אין דער יוגנט, איז דאָס גלייך ווי איינער שרייבט מיט טינט אויף ניי פּאַפּיר; ווער עס הויבט אָבער אָן צו לערנען אויף דער עלטער, איז געגליכן צו איינעם, וואָס שרייבט אויף אָפּגעמעקט פּאַפּיר". און נאָך אַן ענלעכן געדאַנק האָט ער אויסגעדריקט: „ווער עס לערנט אין זיין יוגנט, ווערן די ווערטער

פון דער תורה איינגעזאַפּט אין זיין בלוט און זיי קומען אַרויס קלאָר פון זיין מויל; ווער עס הויבט אָבער אָן צו לערנען אויף דער עלטער, ווערן די ווערטער פון דער תורה נישט איינגעזאַפּט אין זיין בלוט און זיי קומען נישט אַרויס קלאָר פון זיין מויל"...

מיט אָט די דאָזיקע שאַרפזיניקע ווערטלעך האָט ער כסדר געצילט צו טרעפן רבי עקיבאן און אים ווײ־טאָן, וואָרים ער האָט דאָך אָנגעהויבן לערנען ערשט אויף דער עלטער.

רבי עקיבא האָט אָבער נישט געלייגט קיין אַכט אויף זיינע רייד און ווען זיינע תלמידים האָבן אים צוגעטראָגן, וואָס אלישע בן אבויה זאָגט וועגן אים, האָט ער אַ שמייכל געטאָן און אויסגערופן:

— ס'איז קנאת־סופרים... און קנאת־סופרים, ווי באַוואוסט, מערט חכמה צווישן יידן...

⁂

רבי עקיבא האָט לאַנג נישט געקאָנט איינזיצן אויף אַן אָרט. ער האָט געהאַט גרויסע אויפגאַבן דורכצופירן. אַ חוץ, וואָס ער האָט נאָך אַלץ אָנגעהאַלטן דעם אַמט פון צדקה־פאַרזאָרגער איבערן גאַנצן לאַנד און ער האָט געמוזט אַרומפאָרן איבער לענדער, וואו יידן האָבן געלעבט און דאָרט די נויטיקע סומעס געלט צונויפגעקליבן, האָט ער געהאַט נאָך אַן אויפגאַבע: צו דרשענען פאַר די דאָרטיקע יידן און זיי מיט אַלע כוחות אויפהאַלטן ביים יידישן דת, אַז זיי זאָלן זיך חלילה נישט אויסמישן מיט די שכנותדיקע געצנדינערישע פעלקער.

ער האָט אויך געוואוסט די שטימונג אין לאַנד לגבי רוים און אויך די שטימונג פון די יידן אין אַלע לענדער, וואָס זיינען געווען אונטערטעניק צו דער רוימישער מלוכה. זיי האָבן אַלע געגליט איינגאַנצן מיט דעם געדאַנק פון מרידה. דאָס וואָס אויף דעם רוימישן טראָן זיצט איצט גראָד אַן ערלעכער רוימער, האָט פאַר זיי גאָרנישט אויסגעמאַכט. זיי האָבן נאָך געדענקט די שרעקן, וואָס זיי האָבן דורכגעלעבט אין דער צייט פון דאָמיציאַנס בייזוויליקער ממשלה.

— מיר קאָנען זיך נישט פאַרלאָזן אויף דער גוטסקייט אָדער ערלעכקייט פון אַ יחיד, ווי דאָס איז דער פאַל איצט מיט מאַרקוס קוציוס נערוואַ — האָבן די געהיימע יידישע פאַרשווערער געטענהט — היינט איז ער טאַקע ביי דער מאַכט, אָבער מאָרגן קאָן קומען נאָך אַ גרעסערער רשע פון דאָמיציאַנען. מיר מוזן איינמאָל פאַר אַלעמאָל פון זיך אַראָפוואַרפן דעם יאָך פון רוים...

רבי עקיבא האָט אין האַרצן געטראַכט אפשר דאָס זעלבע וואָס זיי און איז מיט זיי געווען איינשטימיק. „זיי זיינען דאָך גערעכט" — האָט ער, אויסהערנדיק זייערע טענות, צו זיך געמורמלט.

אָבער דאָך האָט ער געהאַלטן, אַז ניט איצט איז די צייט אַרויסצוטרעטן מיט אַ מרידה. אַזוי לאַנג ווי קוציוס נערוואַ וועט הערשן, וועט יידן קיין שלעכטס נישט געשען און ער האָט נאָך געהאַט ביי זיך וויטגייענדיקע פּלענער. ער האָט ביי זיך אין דער פאַנטאַזיע געזען דאָס צוריק־אויפגעבויטע ירושלים און דאָס אויפגעריכטע בית־המקדש און טאָקע מיט דער הילף פון זיין פריינט, דעם איצטיקן רוימישן קייסער.

דעריבער האָט ער זיין גאַנצע קראַפט אָנגעווענדט איינצוהאַלטן די היציקע יונגעלייט. ער האָט זיי דאַקעגן געהייסן זיך גרייטן אויף יעדן פאַל און באַוואָפנען זיך. וואָרים מען קאָן נישט וויסן, וואָס דער מאָרגנדיקער טאָג וועט ברענגען. קוציוס נערוואַ איז אַלט און זיינע טעג זיינען געציילטע. רבי עקיבא האָט געהאַלטן זיין וואַכעדיק אויג אויף דעם אַלעם, אָבער ביי נערוואַס לעבן האָט ער ניט געוואָלט דערלאָזן צו קיין אויפשטאַנד.

דער עיקר אָבער האָט ער געשאָנקען אויפמערקזאַמקייט דער גאַנצקייט פון יידישן פאָלק. אויב דאָס פאָלק וועט זיין אין איין דעה און מיט איין גלויבן, וועט זיין לייכטער איבערצוהאַלטן די שלעכטע צייט און אַרויסטרעטן אין דעם גינסטיקן מאָמענט. עס האָבן אים שטאַרק וויי געטאָן די גרוסן, וואָס ער האָט אָפּגענומען פון די יידן אין מצרים, אַראַביע, ארם־נהרים און אין אַנדערע שכנותדיקע לענדער. ער האָט געהערט, אַז זיי נעמען ביסלעכוויז איבער די גריכישע מנהגים, האָבן חתונה צווישן זיך, טריט ביי טריט הויבן זיי אָן איבערנעמען זייערע ימים טובים און וועלן נאָך מיט דער צייט אויך איבערנעמען זייער גלויבן אין די געצן.

דאָס האָט רבי עקיבא געוואָלט אַנטקעגנווירקן מיטן כוח פון זיין רעדן און איבערצייגונגס־קראַפט.

אָט די אַלע סיבות האָבן אים געטריבן פון ארץ־ישראל צו פאָרן אין די אַלע לענדער, און ער האָט געהאָפט, אַז עס וועט אים געלינגען. און מיטנעמענדיק די גוטע ברכות פון זיינע חברים, די תלמידי־חכמים, די וואונטשן פון זיין געטרייער רחלען, האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט אין וועג אַריין אויף פיל, פיל חדשים.

ער איז צום ערשטן אַרויסגעפאָרן קיין ארם־נהרים, דערנאָך קיין אַראַביע. ער האָט אַזש אָנגעשלאָגן אין דעם לאַנד פון די גאַליער און אין קאַרטאַגע. אין די אַלע לענדער האָבן געוואוינט יידן.

אומעטום, וואו ער איז געקומען, האָט מען אים אויפגענומען מיט גרויס כבוד. קעניגן און פירשטן פון די פאַרשידענע מלוכות און מלוכה־לעך, וואָס זיינען געווען אונטערטעניק אונטער רוים, זיינען געקומען ביי אים פרעגן עצות. זיי האָבן געוואוסט וועגן זיין גוט־פריינטשאַפט מיט דעם איצטיקן קייסער מאַרקוס קוציוס נערווא. זיי האָבן אויך געוואוסט וועגן זיינע פאַרהעלטענישן מיט אַ סך פון די רוימישע הויכגעשטעלטע לייט, און זיי האָבן זיך באַצויגן צו זיינע רייד מיט דעם גרעסטן דרך־ארץ און יראת הכבוד.

די יידן אין די דאָזיקע לענדער האָבן זיך געפילט שטאָלץ מיט זייער גרויסן פירער און רבין פון לאַנד יהודה. זיי האָבן זיך געהאַט מיט וואָס צו באַווייזן אַנטקעגן די אַנפירער פון די דאָרטיקע פעלקער, די געצנ־דינער. מאָראַליש האָט רבי עקיבא זייער פיל אויפגעטאָן פאַר די דאָרטיקע יידן און געשטאַרקט זיי אין דער יידישער אמונה.

אין די שבתים פלעגט ער האַלטן דרשות פאַר זיי, געמוסרט און געררעדט ווייכע רייד, און די יידן פון די דאָזיקע לענדער, מענער און פרויען, האָבן געוויינט און פאַרגאָסן ביטערע טרערן, הערנדיק אים רעדן. וואָרים די רייד פון רבי עקיבאן זיינען זיי אַריין טיף אין די הערצער.

די גרעסטע אויפנאַמע האָט ער געהאַט אין דעם גרויסן לאַנד מצרים, וואו עס האָט געלעבט די גרעסטע צאָל יידן, מחוץ פון ארץ ישראל. מען האָט אים אויפגענומען מיט גרויס כבוד. אין אַלעקסאַנדריע, די הויפט־שטאָט פון מצרים, האָבן געלעבט פיל יידן פון ארץ ישראל, זיי האָבן דאָרט געהאַט אַן אייגענע קאָלאָניע און זיי האָבן זייער רבין פון צווישן זיך גאַרנישט געוואָלט אַרויסלאָזן.

רבי עקיבאן איז מער אָבער געגאַנגען דערין צו זען זיך מיט די דאָרטיקע אַלט־איינגעזעסענע יידן, וועלכע האָבן שוין געוואוינט אין אַלעקסאַנדריע זינט דעם חורבן פון ערשטן בית המקדש. זיי האָבן אַפילו געהאַט אויסגעבויט פאַר זיך אַן אַנדערן טעמפּל, וואו זיי האָבן געבראַכט קרבנות אויפן זעלבן אופן ווי אין ירושלים. כאָטש דאָס איז געווען קעגן געזעץ פון דער תורה, האָט דאָס אָבער באַוויזן דעם גרויסן כוח, וואָס יידן זיינען דאָרט באַזעסן.

כמעט אַלע יידן פון מצרים האָבן געוואוינט אין אַלעקסאַנדריע. די שטאָט האָט זיך גערופן אויפן נאָמען פון איר גרינדער, דעם קייסער פון מאַקעדאָניע, אַלעקסאַנדער מוקדון.

עס זיינען דאָרט געווען גרויסע יידישע עשירים און געלערנטע. באַ־רימט איז אין דער צייט פון חורבן ירושלים געווען פילאָן האַלכסנדרוני, אַ גרויסער יידישער פילאָזאָף, וועלכער האָט געהאַט אַ גרויסע ווירקונג

אויף די יידן אין מצרים און אין די שכנותדיקע לענדער. ער האָט זיינע ווערק געשריבן אויף גריכיש.

אַלעקסאַנדריע האָט פאַרמאָגט אַ גרויסע און פּרעכטיקע שול, וואָס האָט געשמט מיט איר שיינקייט און ריזיקייט אין גאַנצן לאַנד און האָט געקאָנט אַריינגעמען אין זיך איבער צען טויזנט מאַן.

די שול איז געווען אַזוי גרויס, אַז נישט פון אַלע ווינקלען האָט מען געקאָנט הערן דעם חזן, האָט דער שמש דעריבער שטענדיק, ווען דער חזן האָט געענדיקט אַ ברכה, אויפגעהויבן אַ ספּעציעל פענדל, אַז דער עולם זאָל וויסן צו זאָגן אמן.

אין פראַנט, וואו דער חזן האָט פאַרגעזעצט די תפילות, זיינען גע־שטאַנען אויסגעשטעלט זיבעציק גאָלדענע שטולן פאַר די אָנגעזעענע לייט פון שטאָט און די מתפללים זיינען געווען איינגעטיילט אין דער שול לויט זייערע פאַכן, שמידן באַזונדער, מויערער באַזונדער און גאָלדשמידן באַזונדער, אַזוי אַלע פאַכן. און ווען אַ פרעמדער איז געקומען קיין אַלעק־סאַנדריע אין שול אַריין, האָט ער לייכט געקאָנט אויסגעפינען מענטשן פון זיין פאַך.

ווען רבי עקיבא איז אָנגעקומען קיין אַלעקסאַנדריע, איז ער צום ערשטן געהאַט געגאַנגען צום עלטסטן פון דער אַלט־איינגעזעסענער יידישער עדה, דעם רייכן ייד טהעאָגאָנאָס, וועלכער איז געווען דער גרעס־טער עושר פון שטאָט און ער איז געווען מער גריך ווי ייד.

אַ שקלאַף איז אַרויסגעקומען צו רבי עקיבאן און אים אָנגעזאָגט, אַז איצט ליגט זיין באַלעבאָס אין שלאָפצימער און רוט, לייענענדיק אַ גריכיש בוך, ער וועט אים מסתמא באַלד אויפנעמען.

רבי עקיבא האָט זיך דערווייל אומגעקוקט אין דעם אויפנאַמס־צימער. ער האָט געזוכט אַ סימן פון יידישקייט און ער האָט נישט געפונען. ער האָט געזען בילדער און סקולפּטורן פון נאַקעטע מענער און פרויען, אויס־געהאַקט פון מירמלשטיין, שענק מיט פיל פּאַפּירוסן, אַלץ אין דער גרי־כישער און רוימישער שפּראַך. אויף די טירן זיינען קיין מזוזות נישט געווען. עס האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ פולשטענדיק גריכיש הויז.

מיטאַמאָל האָט זיך די טיר פון שלאָפצימער געעפנט און עס איז אַרויס־געקומען אַ מאַן פון אַ יאָר פופציק, מיט אַ קויל־שוואַרצער באָרד און שוואַר־צע גליענדיקע אויגן, וואָס האָבן אַרויסגעקוקט פון אַ פעטלעך־לעגבלעכדיק פּנים מיט אַ לאַנגער גריכישער נאָז. ער איז געווען אָנגעטאָן אין אַ רויטן זיידענעם כאַלאַט. ער האָט אויף אַ ריין־גריכישער שפּראַך באַגריסט רבי עקיבאן:

— זיי געבענטשט אין מיין הויז, גרויסער געלערטער פֿון ישראל, וואָס דיין נאָמען איז באַוואוסט פֿון איין עק וועלט ביזן צווייטן.

ער האָט אים אַריינגעפֿירט צו זיך אין גרויסן גאַסט־זאַל און געבעטן אים זיצן אויף אַ ווייך־געבעטער נידעריקער שטול, וואָס אַ קנעכט האָט ספּעציעל אַריינגעבראַכט פֿאַר רבי עקיבאַן און דאַן האָט ער באַפֿוילן דעם קנעכט אַריינצוברענגען עסן און טרינקען.

אָבער רבי עקיבא האָט זיך אָפּגעזאָגט צו פֿאַרזוכן פֿון זיינע מאכלים, וואָרים ער האָט גאַנץ גוט פֿאַרשטאַנען, אַז זיי זיינען נישט צוגעגרייט געוואָרן לויט די יידישע דינים פֿון כשרות. ער האָט בלויז פֿאַרזוכט פֿון די פֿרוכטן און משקאות.

און ער האָט אים באַלד איבערגעגעבן דעם ציל, צוליב וועלכן ער איז געקומען צו אים.

— די יידישע חכמים פֿון יהודה האָבן מיך געשיקט אין די שכנות־דיקע לענדער, כדי צו וואָרענען די יידן, אַז זיי זאָלן פֿריציייטיק נישט אויפֿהויבן קיין אויפֿשטאַנד קעגן רוים. אָבער קומענדיק דאָ אַהער קיין אַלעקסאַנדריע און צוקוקנדיק זיך אין די גאַסן און אין די שטובן, וואו איך האָב שוין באַוויזן אַריינצובליקן, האָב איך באַשלאָסן אייך אויך צו וואָרענען וועגן נאָך אַ וויכטיקן ענין, און נעמלעך: איר זאָלט נישט גיין אין די וועגן פֿון די געצנדינער, וואָס רינגלען אייך אַרום. מיין איינדרוק איז, אַז די זינד פֿון די אַלעקסאַנדריער יידן זיינען נאָך פֿיל ערגער פֿון די זינד פֿון די יידן אין ירושלים פֿאַרן חורבן פֿון בית־המקדש.

דערביי האָט ער זיך אַרומגעקוקט איבערן גרויסן זאַל, וואוהין טהעאָגאָנאָס האָט אים אַריינגעפֿירט. ער האָט געזען די ביוסטן פֿון די גריכישע פֿילאָזאָפֿן, אָט שטייט די פֿיגור פֿון פֿילאָזאָף פּלאַטאָ און ער האָט געטראַכט אים צו דערמאָנען אין דעם געבאָט פֿון דער תורה „לא תעשה לך פסל"...

— זאָלסט דיר נישט מאַכן קיין אויסגעהאַקט בילד — אָבער ער האָט בלויז מיט דער האַנט איבער די בילדער אַ פֿיר געטאָן און געזאָגט:

— מען זעט נישט ביי דיר אין שטוב קיין סימן פֿון יידישקייט.

דער באַלעבאָס האָט זיך זייער שטאַרק באַליידיקט פֿון רבי עקיבאס באַמערקונג. ער איז רויט געוואָרן, פּונקט ווי דער רויטער זיידענער כאַלאַט, וואָס ער האָט אויף זיך געטראָגן. די ליפּן האָבן אים אַזש געציטערט פֿאַר כעס. אָבער ער האָט קיין וואָרט נישט געוואַגט צו ענטפֿערן. די אימפּאָזאַנטע פּערזענלעכקייט פֿון רבי עקיבאַן האָט אים געצוואונגען צו שווייגן. רבי עקיבא האָט אויף דעם גריכישן ייד געקוקט מיט זיינע טרויעריקע שוואַרצע אויגן און די ווייסע געדיכטע באָרד האָט זיך געטרייסלט פֿאַר צאָרן און אין זיין גאַנצער הויך, ווי ער האָט זיך אויפֿגעשטעלט און אין

זיין ווייס־זיידענעם כאַלאַט, וואָס ער האָט געטראָגן, האָט ער אויסגעזען, ווי אַ געטליך געשטאַלט און אַ פּחד אַנגעיאָגט אויף דעם פּאַרגויאישטן רייכן אַלעקסאַנדריער ייד.

טהעאָגאָנאָס האָט אים צוגעזאָגט, אַז ער וועט אויף דעם קומענדיקן שבת צונויפזאַמלען אין דער גרויסער שול אַלע יידן פון אַלעקסאַנדריע, כדי זיי זאָלן הערן די דרשה פון דעם ארץ־ישראלדיקן רבין.

רבי עקיבא האָט זיך מיט אים קאַלטליך געזעגנט און האָט פאַרלאָזן זיין הויז. ער איז אַוועק צו זיך אין דער אכסניה, אין דעם קוואַרטאַל, וואו עס האָבן געוואוינט די ארץ־ישראלדיקע יידן.

אויף דער גאַס איז געוועזן טומלדיק און רוישיק. עס איז גראָד געווען אַ געצנדינערישער יום־טוב. מענער, פרויען און קינדער האָבן אויף דער גאַס אַזוי ווילד געשפּרונגען אַרום אַ געץ, וואָס מ׳האָט געטראָגן אויף די הענט, געשרייען, שאַלן פון טראָמפּייטן און קלאַפּן פון פּויקן האָבן די אויערן פאַרטויבט.

אַ צווייטע גרופּע האָט געפירט אַ שעפּס, וואָס איז געווען אַנגעגרייט פאַר אַ קרבן צו דעם זעלבן געץ, וואָס האָט מיט הילצערנע אויגן געקוקט בלינד אין דער וועלט אַריין.

אַן עקל האָט רבי עקיבאן אַרומגענומען, צוקוקנדיק זיך צו דעם דאָזיקן בילד און ער האָט מיט די ליפּן געשעפּטשעט: „געבענטשט זיי גאָט, אונדזער גאָט, וואָס האָסט מיך נישט באַשאַפן קיין גוי״...

שבת איז די גרויסע און פּרעכטיקע שול אין אַלעקסאַנדריע געווען איבערפולט פון איין ברעג ביזן צווייטן. טויזנטער און טויזנטער יידן האָבן געשטראָמט אין דער שול אַריין און אַנדערע טויזנטער און טויזנטער זיינען געבליבן שטיין אינדרויסן און האָבן דאָרט נישט געקאָנט מער אַריין. די טירן פון דער שול זיינען געווען אין דער גאַנצער ברייט אויפגעפּראַלט, אַזוי אַז דאָס קול פון דעם גרויסן רבין זאָל אויך דערגיין צו די אינדרויסן־שטייענדיקע יידן.

אַלע האָבן געגאַרט צו הערן אַ וואָרט פון דעם גרויסן תּלמיד־חכם, וואָס איז ספּעציעל צו זיי געקומען פון ארץ־ישראל, און אַלע האָבן זיך געשטופּט וואָס נעענטער צו רבי עקיבאן, כדי גוט צו הערן, וואָס ער וועט זאָגן. אָבער זיי האָבן נישט געדאַרפט זיך זאָרגן דערפאַר. מיט אַ לויטערער און דונערנדיקער שטימע האָט רבי עקיבא אָנגעהויבן זיין דרשה, אַז מ׳האָט אים געקאָנט הערן ווייט אַרום אין דרויסן.

ער האָט גערעדט צו זיי מוסר־רייד, געשטראָפט, פאַרוואָס זיי האָבן פאַרלאָזט די וועגן פון גאָט און אַז ער זעט נישט אויף זייערע פּנימער דעם טרויער צוליב דעם חורבן פון בית־המקדש.

— אין רוים זיינען אַזוי פֿיל הויכגעשטעלטע לייט איבערגעגאַנגען צום יידישן גלויבן, איינשטעלנדיק זייער לעבן אַפֿילו. איר האָט מסתמא געהערט וועגן דעם צדיק קלעמענס פֿלאַוויוס, אַ נאָענטער קרוב פֿון קייסער דאָמיציאַן, וועלכער איז אומגעקומען אויף קידוש השם פֿאַר אונדזער אמונה — האָט רבי עקיבא געדונערט מיט זיין לייבן־שטימע — און איר, ברידער יידן, בלוט פֿון אונדזער בלוט און פֿלייש פֿון אונדזער פֿלייש, פֿאַרמיאוסט אין די געזעצן פֿון דער תורה און גייט נאָך אין די אומווירדיקע וועגן פֿון די געצנדינער!

טרערן האָבן זיך געגאָסן פֿון די אויגן ביי די צוהערער און פֿון צייט צו־צייט האָט אַ פֿרויען־שלוכץ אַ הילך־אָפּ־געטאָן איבער דער ריזיקער שול און באַלד האָבן אים באַגלייט אַ כאָר פֿון שלוכצן פֿון אַנדערע פֿרויען, וועלכע האָבן שטיל געשעפּטשעט מיט זייערע ציטערנדיקע ליפּן:

— גאָט, דערבאַרעם דיך אויף אונדז און פֿאַרגיב אונדזערע זינד!...

ער האָט זיי דערציילט וועגן דעם לעבן פֿון די יידן אין ארץ־ישראל, ער האָט זיי איבערגעגעבן וועגן דעם גרויל אין ירושלים, ווי די חורבות פֿון בית־המקדש וויינען צו גאָט, פֿאַרוואָס ער האָט זיי געלאָזט פֿאַרברענען. פֿוקסן שפּרינגען איצט אַרום אויף די פּלעצער, וואו קיין פּשוטער בשר־ודם האָט ניִשט געקאָנט אַריינקומען, וואו דער כהן־גדול האָט נאָר געקאָנט אַריינגיין בלויז איין מאָל אין יאָר, אין יום־כּפּור. ער האָט זיי איבערגעגעבן וועגן דער גרויסער אָרעמקייט, וואָס עס הערשט אין לאַנד פֿון די אבות, וואו אַ גאַנצע משפּחה דעקט זיך צו מיט איין צעריסענער קאָלדרע, וואו איין מלבוש טוען אָן עטלעכע מענטשן.

רבי עקיבא האָט גערעדט מיט אַזאַ היץ, אַז ער איז געבליבן שטיין ווי דער צעפּלאָמטער דאָרן, ביי וועלכן גאָט האָט זיך באַוויזן צו משה רבנו. עס האָט זיך געדאַכט, ווי פֿייער וואָלט געשפּריצט פֿון זיין מויל, ווי ער אַליין וואָלט געוועזן אַ פֿייערדיקער זייל.

— איר וועט אייך אויסמישן מיט די גויים און מיט דער צייט וועט איר אינגאַנצן, חלילה, פֿאַרגעסן ווערן צווישן אונדז און איר וועט אָפּגעריסן ווערן פֿון דעם הייליקן שטאַם פֿון אברהם, יצחק און יעקב...

ער האָט מיט די אויגן זיך געווענדט צו דער מזרח־וואַנט, וואו די זיבעציק גאָלדענע שטולן זיינען געשטאַנען און אויף וועלכע עס זיינען איצט געזעסן די חשובסטע לייט און די רייכסטע יידן פֿון אַלעקסאַנדריע און מיט טרערן־שטיקנדיקע רייד האָט ער זיך צו זיי געווענדט:

— איך בין געוועזן אין דעם הויז פֿון דעם עלטסטן פֿון אייער עדה אין אַלעקסאַנדריע. און וואָס האָב איך דאָרט געזען?! קיין פּיצל סימן ניִשט פֿון יידישקייט. אויסגעהאַקטע בילדער פֿון געצנדינער און פֿון אָפּ־

געטער האָב איך דאָרט געזען, וואָס דאָס איז פֿאַרבאָטן פֿון דער תורה. איר האָט אייך אָפּגעקערט פֿון גייסט פֿון אונדזערע אבות, איר לערנט נישט די געבאָטן פֿון דער יידישער אמונה, איר האָט אייך אַריינגעטאָן אין די הנאות פֿון עולם הזה. איר גייט אין די וועגן פֿון די גויים, איר שפּילט אויף פֿערד, איר קעמפֿט אין די צירקן, אין די אַמפֿיטעאַטערס, און וועגן דעם, אַז דאָס לאַנד פֿון יהודה איז חרוב געוואָרן, זאָרגט איר גאָרנישט; וועגן דעם, אַז דאָס בית־המדרש איז פֿאַרברענט געוואָרן טרויערן נישט אייערע הערצער. אָפּגעפֿרעמדט זייט איר פֿון אונדז געוואָרן, אָפּגעפֿרעמדט און דערווייטערט, גלייך איר וואָלט אייך מיט אונדז אינגאַנצן נישט אָנגעקערט, אַ פֿרעמד פֿאָלק זייט איר אונדז!...

ווען רבי עקיבא האָט געענדיקט האָט דער פֿאַרזאַמלטער עולם אָנגעהויבן צו רופֿן מיט געבעט אין זייער'ע שטימען:

— רבי, בלייב דאָ מיט אונדז און לערן מיט אונדז די תורה, לערן אונדז דעם ריכטיקן וועג, אין וועלכן מיר זאָלן גיין. מיר זיינען דאָ שעפּעלעך אָן אַ פּאַסטוך.

אַ גאַר פֿאַרקערטן איינדרוק האָט רבי עקיבא געמאַכט מיט זיינע רייד אויף די חשובע און רייכע לייט פֿון דער שטאָט. אויף די אָנפֿירער פֿון דער אַלעקסאַנדריער עדה.

זיי זיינען געווען צופֿיל אויסגעמישט מיט זייערע געצנדינערישע שכנים, צופֿיל אַריינגעטאָן אין די תענוגים פֿון עולם הזה. צו שטאַרק זיינען זיי שוין איינגעוואָרצלט געווען אין דעם גריכישן לעבן און אין בלוט זייערן איז שוין קיין אין יידישער שטריך נישט געווען. זיי זיינען געווען רייך, אָנגעשטאָפּט מיט גאָלד און זיי האָבן געוואָלט הנאה האָבן פֿון זייער גאָלד. זייערע שיינע טעכטער האָבן זיך מתחתן געווען מיט די גריכישע אַריסטאָקראַטן, וועלכע האָבן גערן געוואָלט האָבן דאָס יידישע געלט און די שענסטע פֿרויען. אין זייער'ע הייזער זיינען געקומען די גריכישע פֿילאָזאָפֿן, געלערנטע און דיכטער, וועלכע האָבן מיט זיי גערעדט וועגן פֿערד־געיעגן, וועגן געוואונענע קאַמפֿן אין די צירקן. צו זיי האָבן רבי עקיבאס רייד נישט דערגרייכט. פֿאַרשטאָפּט זיינען געבליבן זייערע הערצער צו דעם חורבן, וואָס האָט דעם יידישן פֿאָלק געטראָפֿן. יאָ, זיי זיינען באַרייט געווען אַ ביסל געלט צו געבן פֿאַר זייערע געוועזענע יידישע ברידער אין ארץ־ישראל, וואָס געהערן זיך מיט זיי בלויז אָן דערמיט וואָס מכלומרשט דינען זיי צו איין גאָט...

— דיין לערע איז צוגעפּאַסט פֿאַר די יידן אין לאַנד פֿון יהודה! — האָט אים דערנאָך איינער פֿון די רייכע לייט, וואָס האָט אויסגעזען אינגאַנצן ווי אַ גריך, געזאָגט — מיר דאָ זיינען גאַר אַן אַנדער פֿאָלק, מיר

זיינען קודם־כּל גריכן. זייער לערע לערנען מיר, אין זייערע שולן גייען מיר, זייערע טעאַטערן זעען מיר. מיר גלויבן טאַקע אין דעם איינציקן גאָט, אָבער אַחוץ דעם געהערן מיר זיך מיט אייך גאָרנישט אָן... מיר האָבן ליב זייער פֿילאָזאָפֿיע, זייער דיכטונג, מיר זיינען אינגאַנצן אַנדערש פֿון אייך!

שפּעטער איז צוגעקומען צו רבי עקיבאן טהעאַגאַנאַס, דער פֿירער פֿון דער אַלעקסאַנדריער יידישער עדה, און אים אויך געזאָגט:

— רבי, מיר ערן דיך און מיר זיינען שטאָלץ אויף דיר, אויך די גריכישע געלערטע האַלטן פֿון דיר און פֿון דיינע חברים, די איבעריקע תּלמידי־חכמים, אָבער דיין תורה האָט נישט קיין פּלאַץ אין אַלעקסאַנדריע און אומזיסט זיינען דיינע רייד צו אונדז. מיין עצה איז, אַז זאָלסט תּיכּף פֿאַרלאָזן אונדזער שטאָט און פֿאָרן צוריק קיין יהודה. אויב דו וועסט דאָס נישט טאָן מיט גוטן, וועלן מיר געצוואונגען זיין מיט געוואַלד דיך פֿון דאַנען הייסן אַרויספֿאָרן!

רבי עקיבא האָט אים אָנגעקוקט מיט אַ ביטולדיקן בליק.

— דו רעדסט אַזוי זיכער מיט זיך אונטערן איינדרוק פֿון דיין גאָלד, גלייך וואָלסט שוין פֿאַרהיטן געווען פֿון אַלעם שלעכטן. נאַראָנים וואָס איז זייט! ביי דער מינדסטער געלעגנהייט וועלן אייך אייערע גריכישע שכנים די ערשטע הרגענען, ווייל ביי אייך וועלן זיי קאָנען צונעמען אַ סך גאָלד און טייערע שטיינער. בלויז איר מאַכט אָן אונטערשיד צווישן אייך און אונדז, איר — טענהט איר אַלע — זייט נישט מער קיין טייל פֿון אונדזער פֿאָלק. די גוים האָבן גאָר אַן אַנדער מיינונג וועגן דעם. זיי האָבן אייך קיינמאָל נישט אויפֿגעהערט צו האַלטן פֿאַר יידן. וויפֿיל גריכיש איר זאָלט נישט זיין, זייט איר אַלץ יידן! זייער צאָרן און חשק צו אייער גאָלד מאַכט זיי אַזוי טראַכטן...

דער רייכער טהעאַגאַנאַס האָט זיך גראָב אויסגעדרייט פֿון רבי עקיבאן און אים געלאָזט שטיין אָן אַן ענטפֿער און מיט גדלותדיקע טריט איז ער פֿון אים אַוועק.

רבי עקיבא האָט אים נאָכגעקוקט מיט אַ פֿאַראַכטנדיקן שמייכל.

⁂

דער קייסער קוציוס נערוואַ האָט קיין קינדער ניט געהאַט און פֿילנ־דיק, אַז זיינע טעג זיינען געציילטע, האָט ער גענומען זיך פֿאַר אַ זון דעם קריגספֿירער זיינעם טראַיאַן, און ער האָט געטיילט מיט אים זיין הערשאַפֿט.

טראַיאַן איז געווען פֿון שפּאַנישער אָפּשטאַמונג. זיין פֿאָטער איז גע־

ווען אַ רוימישער קריגס־פירער, אונטער אספסינוס־קייסער, און ער האָט אין יענער צייט איינגענומען מיט שטורעם דעם האַפן פון יפו. ער האָט אָבער געליטן זייער שווערע פאַרלוסטן. די יידן האָבן זיך דעמאָלט זייער עקשנותדיק געשלאָגן. זיין זון, מאַרקוס אַליפיוס טראַיאַן, איז דעמאָלט אַלט געווען זעכצן יאָר און ביי אים איז פאַרבליבן אויף שטענדיק אַ שנאה צו די יידן.

אַט דער דאָזיקער מאַרקוס אַליפיוס טראַיאַן, וועלכער איז שוין איצט אַלט געווען אַן ערך פינף און פערציק יאָר, האָט תיכף נאָך נערוואַס טויט איבערגענומען די ממשלה איבער דער רוימישער אימפּעריע.

טראַיאַן, געדענקענדיק גוט, וואָס פאַר אַ סוף עס האָט געהאַט דאָמיציאַן צוליב זיינע אכזרותדיקע טאַטן, האָט באַלד ביים אויפשטייגן אויפן טראָן צוגעזאָגט די סענאַטאָרן, אַז ער וועט מיט זיי האַנדלען מענטש־לעך און אַז טאָמער וועט זיך ווער פון די סענאַטאָרן פאַרשולדיקן מיט עפּעס, וועט ער געמשפּט ווערן דורך אַ געריכט פון זיינע אייגענע חברים סענאַטאָרן.

זיינען טאַקע די רוימער צופרידן געווען פון זיין ממשלה און ער האָט ביי זיי געקראָגן דעם צונאָמען „אָפּטימוס״ — דער בעסטער. מען דער־ציילט אויך וועגן אים, אַז ווען ער איז אויפגעשטיגן אויפן טראָן, האָט ער איבערגעגעבן דעם העכסטן ריכטער אַ שווערד און צו אים געזאָגט:

— באַנוץ דיך מיט דער דאָזיקער שווערד פאַר מיר, ווען מיינע טאַטן זאָלן זיין גוטע און קעגן מיר, ווען מיינע טאַטן וועלן זיין שלעכטע.

בלויז קעגן יידן האָט ער געהאַט אַ ביטער געפיל. ער האָט אָבער אין אָנפאַנג זיין שלעכטס נישט אַרויסגעוויזן, נעמענדיק אין אַכט די גוטע באַנעמונג פון זיין פאַרגענגער, קוציוס נערוואַ, צו דעם יידישן פאָלק.

אַ גרויסער טרויער האָט געהערשט אין לאַנד פון יהודה נאָכן טויט פון קייסער נערוואַ. אַ סך האָפענונגען, וואָס יידן האָבן געוואָרעמט אין זייערע הערצער, זיינען אָפּגעמעקט געוואָרן. גאָר דערשלאָגן איז געווען רבי עקיבא, ווען די דאָזיקע טרויעריקע ידיעה האָט געטראָפן, ווען ער איז געווען אונטערוועגנס. ער האָט זיך דעמאָלט געפונען אין בבל. וואו ער האָט פיל געלט געזאַמלט פאַר זיינע אָרעמע לייט אין ארץ־ישראל און געהאַט אויך פיל געשפּרעכן מיט די דאָרטיקע מיטגלידער פון דער געהיימער פאַרשווערונגס־חברותא.

ער האָט דעם נייעם קייסער טראַיאַן נישט צופיל געקענט. ער פלעגט אים גאַנץ אָפט באַגעגענען אין דער באַגלייטונג פון קוציוס נערוואַ, און פון זיין בליק האָט ער שוין דעמאָלט קיין גוטס נישט אַרויסגעלייענט.

אויך זיין ווייב פלוטינאַ איז נישט געווען קיין גרויסער פריינט פון ייִדן, און זי פלעגט אָפט אַריינטענהן אין איר מאַן און אים אָנגערעדט צו זיין שטרענג און האַרט מיט די ייִדן.

מען דערציילט וועגן איר פאָלגנדיקע געשיכטע: זי האָט געהאַט צוויי קינדער, אַ זון מיט אַ טאָכטער, און ביידע זיינען זיי יונגערהייט געשטאָרבן. דער זון איז געבוירן געוואָרן אין תשעה־באָב. איז בעת דאָס גאַנצע לאַנד האָט זיך געפרייט און געפייערט דעם געבורט פון דעם קייסערס זון, האָבן אין דעם טאָג די ייִדן געטרויערט נאָכן חורבן פון בית־המקדש. די טאָכ־טער איז געשטאָרבן אין חנוכּה. איז אין דער צייט, ווען דאָס גאַנצע לאַנד האָט געטרויערט, האָבן ייִדן אָנגעצונדן ליכטלעך אין אַלע זייערע הייזער און געפייערט דעם אַמאָליקן גרויסן זיג פון די חשמונאָים איבער די גריכן.

ווען די ביידע פאַלן זיינען באַקאַנט געוואָרן דער קייסערין פלוטינאַ, האָט זי געזאָגט צו איר מאַן:

— זעסט, וואָס פאַר אַ שונאים די ייִדן זיינען אונדז: ווען אונדזער זון איז געבוירן געוואָרן און דאָס גאַנצע לאַנד האָט זיך געפרייט, האָבן זיי, די ייִדן, גאָר געטרויערט. און ווען אונדזער טאָכטער איז געשטאָרבן און דאָס גאַנצע לאַנד האָט געטרויערט, האָבן זיי זיך גאָר געפרייט און ליכט אָנגעצונדן אין זייערע הייזער.

⁂

רבי עקיבא האָט זיך גענומען גרייטן אין וועג אַריין צוריקצופאָרן אַהיים פון זיין לאַנגער רייזע. ער איז געווען אין טאָפּלטן צופרידן פון זיין שליחות. ער האָט געהאַט דערגרייכט צוויי וויכטיקע צילן: ער האָט מיט זיך געפירט אַ גרויסע סומע געלט, וואָס ער האָט אין די אַלע לענדער צוזאַמענגעקליבן פאַר די אָרעמע לייט פון ארץ־ישׂראל, און ער האָט אויך געהאַט דערגרייכט אַ פאַרשטענדיקונג מיט די פאַרשווערונגס־פאַרטייען אין אַלע לענדער אונטער דער רוימישער ממשלה, אַז זיי וועלן פריער קיין אויפשטאַנד נישט אויפהויבן ביז ער וועט דערויף מסכּים זיין.

„זיי וועלן אַרויסטרעטן ערשט דעמאָלט, ווען איך וועל אַ וואונק געבן מיטן אויג!" — האָט ער פאַר זיינעם אַ פריינט זיך פאַרטרויט, איידער ער איז אין אַלעקסאַנדריע אַרויף אויף אַ שיף.

אַלעקסאַנדריע איז געווען איינער פון די גרעסטע האַפנס אויפן מיטל־לענדישן ים. דורך דעם דאָזיקן האַנדלס־פּאָרט האָט מען טראַנספּאָרטירט גאָלד און טייערע שטיינער פון אינדיע; תּבואה און פרוכטן האָט מען מיטן טייך נילוס געבראַכט קיין אַלעקסאַנדריע, און דאָרט האָט מען אויסגע־

לאָדן די סחורות אויף גרויסע זעגל־שיפן און געפירט קיין רוים און אין אנדערע לענדער ביים מיטללענדישן ים.

נאָך לאַנגע וואַרטענישן האָט רבי עקיבא געפונען אַ שיף, וואָס איז געגאַנגען קיין יפו. זי איז געווען געלאָדן מיט פּאַפּירוסן.

אין אַ פּרעכטיקן פאַרנאַכט האָט די שיף זיך אָוועקגעגליטשט פון אַלעקסאַנדריער האַפן. די זון האָט זיך אַ רויטע, ווי אַ פייער־פלאַם גע־טובלט אין די בלויע וואַסערן און אַ שרפה אַנגעצונדן אויף מיילן־ווייט אַוועק, באַפאַרבנדיק רויט און וויאָלעט דעם ים. פון דערווייטנס האָבן די הייזער פון דער שטאָט געוואונקען אַהער מיט גאָלדענע פלעמעלעך, וואָס האָבן פון די שויבן אָפּגעבליאַסקעט.

רבי עקיבא איז געשטאַנען אויפן דעק פון דער שיף און זיך צוגע־קוקט צו דעם פּראַכטפולן בילד, ווי די שטאָט ווערט פון מינוט צו מינוט אַלץ מער דערווייטערט און ווערט איינגעהילט אין אַ ווייס־רויטלעכן נעפּל. די זון איז שוין פאַרגאַנגען, אָבער אויפן מערבדיקן האָריזאָנט פאַרבט זיך נאָך דער הימל אין כלערליי קאָלירן, פון ליכטיקן פּערל־קאָליר, ביז דער גרויער טונקלקייט, ברוין און בלוי האָבן זיך געמיניעט און אָפּגעשפּיגלט אין די פאַרנאַכטיקע זיך קנייטשנדיקע וואַסערן פון ים.

ווען דער לעצטער שפּיץ פון אַ טורעם אין אַלעקסאַנדריע איז פאַר־שוואונדן געוואָרן, האָט רבי עקיבא אָנגעהויבן שעפּטשען די תּפילה פון מנחה און ער האָט מיט טרויער זיך פאַרטראַכט: „יונה הנביא איז גע־גאַנגען קיין נינוה, אין אַ שטאָט פון געצנדינער, געשטראָפט זיי פאַרוואָס זיי גייען אין שלעכטע וועגן און זיי האָבן זיך צוגעהערט צו זיינע רייד און תשובה געטאָן, אָבער מיינע ברידער אין אַלעקסאַנדריע האָבן זיך צו מיינע רייד נישט צוגעהערט און האָבן מיט כעס מיך פאַרטריבן פון זיך"...

ער האָט אַ סך נאָכגעקלערט וועגן דעם גורל פון דעם פאָלק פון ישראל, וואָס שטענדיק וואַנדערן זיי איבער פרעמדע לענדער און אומע־טום לאָזן זיי איבער זייערע זאָמען און מישן זיך אויס מיט די פעלקער, וועלכע נעמען סוף־כל־סוף עפּעס איבער פון זיי.

„איז עס דען אונדזער שליחות, צו אַנדערע צו ברענגען אונדזער גייסט און אַליין פאַרטרונקען ווערן צווישן די פרעמדע פעלקער?..." האָט ער אין זיך געוויייטיקט.

עס זיינען געווען שיינע טעג. די זון האָט אַזוי לויטער אַראָפּגעשיינט פון די בלויע הימלען און געוואַרעמט מחיהדיק דאָס לייב. אַ ווינטל האָט מילד אַ ווייע געטאָן און אָנגעבלאָזן די ווייסע זעגלען, וואָס האָבן גע־טריבן די שיף אַלץ פאָרויס און פאָרויס.

אין איין פרימארגן האבן זיך פלוצים פונדערווייטנס שוין דערזען די גאלדענע זאמדן פון ברעג פון יהודה. ווי א גאלדענער בליץ האבן זיי מיטאמאל א לויכט־אויף געטאן פאר די אויגן. רבי עקיבאס הארץ האט אנגעהויבן קלאפן ביים געדאנק, אז ער וועט באלד זיין ביי זיך אינדערהיים, ביי ווייב און קינדער, צוריק לערנען מיט זיינע תלמידים און חברים. א ליכטיקע פרייד האט אים ארומגענומען און אלע זיינע גלידער האבן געזונגען א לויב צום אייבערשטן פאר דעם חסד, וואס ער האט געטאן מיט אים ביז איצט.

מיטאמאל האט ער דערזען, ווי א קליין וואלקנדל שטייגט אויף ווייט אויפן האריזאנט איבערן הימל, איז ער צוגעגאנגען צום קאפיטאן פון דער שיף און אים אויפמערקזאם געמאכט דערויף און געזאגט:

— זעסט דארט אט דאס קליינע וואלקנדל? א גרויסער שטורעם וועט באלד אויסברעכן. הארך מיך און פארקירעווע די שיף צום נאענטסטן ברעג און לאמיר אויסשטייגן. עס איז א סכנה ווייטער צו פארן.

דער קאפיטאן האט זיך אויסגעלאכט פון אים און מיט חוזק אויס־גערופן:

— וואס ווייסט א ייד וועגן אזעלכע זאכן. האסט נישט וואס מורא צו האבן. עס וועט קיין שטורעם נישט זיין. אמת, איך וואלט געקאנט צושווימען צו א נאענטן ברעג, אבער דערמיט וועל איך אנלייגן א סך וועג און פארלירן אומזיסט צייט. סיי־ווי האבן מיר מער נישט ווי צוועלף שעה רייזע ביז יפו.

— מילא, טו ווי דו פארשטייסט — האט רבי עקיבא געענטפערט — דו ביסט דא דער באלעבאס. אבער געדענק, אז דו זאלסט נישט צו שפעט חרטה האבן!

עס האט לאנג נישט גענומען. איידער מ׳האט זיך אומגעקוקט, נישט צו וויסן פון ווען און פון וואנען, איז דער גאנצער הימל באדעקט גע־ווארן מיט שווארצע וואלקנס. א גרויסער שטורעם האט זיך אויפגעהויבן, וואס האט די שיף געווארפן ווי א שפענדל איבער די שוימיקע, בייזע כוואליעס פון ים. די זעגלען זיינען צעריסן געווארן. די מאסטביימער זיינען געווארן צעבראכן און יעדע רגע האט געדראט, אז די שיף זאל זיך איבערקערן און פארשלונגען ווערן צווישן די כוואליעס.

די מאטראזן האבן אראפגעווארפן פון דער שיף די גאנצע משא, וואס זיי האבן געפירט. עס איז נאך ערגער געווארן. ווארים די שיף איז גע־ווארן לייכטער, האט זי דער שטורעם אפגעווארפן ווייטער אין ים אריין, אזוי אז וועגן דער קאפיטאן האט שוין געוואלט צושווימען צום ברעג, איז דער ברעג פארשוואונדן געווארן און ער האט שוין צוליב דעם שווארצן נעפל מער גארנישט געזען...

ביז ענדלעך נאָך עטלעכע שעה אַרבעט איז די מאַטראָזן געלונגען מיט זייערע רודערן פאַרט זיך צו דערשלאָגן צו אַ ברעג פון עפּעס אַ ווילדן און אומבאַקאַנטן האַפן.

אָבער דאָ האָט זיך מיטאַמאָל דערהערט אַ שרעקלעכער קראַך. די שיף האָט זיך אָנגעשלאָגן אין אַ פעלזן אונטערן וואַסער און זי איז כּהרף־עין אונטערגעגאַנגען צוזאַמען מיט אַלע מאַטראָזן, קאַפּיטאַן און רייזנדע.

⁂

אינדערהיים האָט מען געוואַרט אויף רבי עקיבאן מיט דער גרעסטער אומגעדולד. ער האָט נעמלעך געהאַט געשריבן אַ בריוו צו זיין רחלען, אַז ער פאָרט שוין אַרויס פון אַלעקסאַנדריע. עס איז דעמאָלט, אין דער רוימישער אימפּעריע, געהאַט איינגעפירט געוואָרן אַ פּאָסט, און רחל האָט דעם בריוו פּינקטלעך דערהאַלטן.

אָבער פיל טעג זיינען אַדורך און רבי עקיבא איז נישט אַהיימגעקומען. האָבן אַלע זיך אָנגעהויבן זאָרגן צוליב אים, און דאַן איז אָנגעקומען די ידיעה, אַז די שיף, מיט וועלכער ער איז אַרויסגעפאָרן פון אַלעקסאַנדריע, איז ערגעץ־וואו אין די פאַרוואָרפענע וואַסערן פון מיטללענדישן ים אונטערגעגאַנגען, אָנשלאָגנדיק זיך אין אַ פעלזן.

אַ גרויסער טרויער איז געווען אין יבנה און אין גאַנץ יהודה. פון רחלען זיינען באַלד אַלע חכמים געוואָר געוואָרן וועגן דעם גרויסן אומגליק, וואָס איז געשען.

האָבן זיך אַלע זיינע חברים, די חכמים מיט רבן גמליאל אָן דער שפּיץ, פאַרזאַמלט אין בית־המדרש און אים באַוויינט.

רבי יהושע בן חנניה האָט אין זיין הספד געקלאָגט און אַלעמען איבערגעגעבן, וואָס פאַר אַ גרויסן מאַן דאָס יידישע פאָלק האָט אָנגעוואוירן. ער האָט דערציילט וועגן זיינע גרויסע אויפטוען מיטן צוזאַמענקלייבן אין אָרדענונג אַלץ, וואָס די חכמים האָבן יאָרנלאַנג געלערנט. אַ דאַנק רבי עקיבאן וועט דאָס לערנען פון די אַלע גרויסע תנאים פאַרבלייבן לעולם ועד פאַר דעם יידישן פאָלק.

אויך רחל און די קינדער האָבן אים באַוויינט מיט ביטערע טרערן. „נישט באַשערט געווען מיר דעם בעכער פון גליק אויסצוטרינקען ביזן סוף" — האָט זי געקלאָגט, און זי איז אַוועקגעגאַנגען אין בית המדרש טרויערן צוזאַמען מיט אַלע זיינע חברים, די גרויסע חכמים, אויפן אומקום פון איר טייערן מאַן.

מיטאַמאָל עפנט זיך די טיר פון בית המדרש און אַ הויכער, ברייט־פּלייציקער עלטערער מאַן קומט אַריין. דאָס פּנים זיינס איז געווען בלאַס־

לעך, אָבער זיין ווייסע בכּבודיקע באָרד האָט אים באַלד אויסגעגעבן. דאָס איז געווען רבי עקיבא.

רבן גמליאל איז אויפֿגעשפּרונגען פֿון זיין אָרט וואַנזיניק פֿון פֿרייד, מיט שנעלע טריט איז ער צוגעלאָפֿן צו זיין טייערן חבר און מיט אָפֿענע אָרעמס אים אַרומגענומען:

— עקיבא, מיין חבר, ברודער מיינער, געליבטער פֿון גאָט און געליבטער פֿון מענטשן, ווי אַזוי האָסטו זיך געראַטעוועט פֿון טויט?...

רחל איז אַנידערגעפֿאַלן אויף דער ערד און געחלשט. אַלע האָבן זיך געלאָזט צו איר און זי אָנגעהויבן צו מינטערן און ראַטעווען. און ווען זי האָט געעפֿנט די אויגן, האָט זי אויסגערופֿן מיט אַ שוואַך קול:

— טייערע מיינער, שוואַרצאַפּל פֿון מיין אויג! וואָס פֿאַר אַ פֿרייד, וואָס פֿאַר אַ פֿרייד!...

אַלע תּלמידים און חברים און פֿריינט האָבן זיך אַרומגעכאַפּט מיט אים און געקושט און געהאַלדזט אים. זיי האָבן אויף די הענט אים געכאַפּט און אויפֿהויבנדיק אויף זייערע אַקסלען, האָבן זיי אים אַזוי אַהיימגעטראָגן צו זיך אין שטוב אַריין, און רחלען האָבן אַנדערע תּלמידים פֿון רבי עקיבאן ביי דער האַנט צוריקגעפֿירט אַהיים.

עס האָט נישט געגומען קיין סוף צו דער גרויסער שמחה. מענטשן האָבן ממש געטאַנצט אין די גאַסן. וואָרים רבי עקיבא איז זייער שטאַרק געווען באַליבט ביי אַלעמען.

רבן גמליאל און נאָך אַנדערע תּלמידי־חכמים זיינען מיטגעקומען מיט רבי עקיבאן אין הויז אַריין און זיי זיינען פֿון אים שעהן־לאַנג נישט אָפּגעטראָטן.

— דערציייל אונדז, עקיבא — האָט רבן גמליאל איינגעשטילט פֿריער דעם יובלדיקן עולם — דערציייל אונדז ווי אַזוי ביסטו געראַטעוועט געוואָרן פֿון דער אונטערגעגאַנגענער שיף?

האָט רבי עקיבא מיט אַ ליכטיקן שמייכל אויפֿן פּנים פֿריער אַלעמען דערציילט וועגן זיינע אַלע רייזעס, וועגן זיינע אויפֿטוען און איבערלעבונגען אין יעדן לאַנד באַזונדער. ער האָט אָבער מיט טרויער, וואָס האָט פּלוצים באַדעקט זיין פּנים, איבערגעגעבן, אַז דאָס גאַנצע געלט, וואָס ער האָט מיט זיך געפֿירט אין אַ קעסטל און איז באַשטימט געווען פֿאַר די אָרעמעלייט פֿון ארץ־ישראל, איז אונטערגעגאַנגען צוזאַמען מיט דער שיף, און ער איז געבליבן ערום וחוסר כּל.

— אָבער ווי אַזוי ביסטו געראַטעוועט געוואָרן? — האָט רבן גמליאל מיט ליבע אין זיין קול אים געפֿרעגט — געלט וועט מען קאָנען אַנדערש שאַפֿן, אַבי דו לעבסט און ביסט געזונט...

און רבי עקיבא האָט דערציילט:

— ווען די שיף האָט זיך אָנגעקלאַפּט אָן דעם פֿעלזן און איז מאָמענ־טאַל אונטערגעגאַנגען, האָב איך מיך אָנגעכאַפּט אין אַן אָפּגעבראָכן ברעט פֿון דער שיף. די כוואַליעס האָבן דאָס ברעט געוואָרפֿן און ביי יעדער כוואַליע, וואָס איז אָנגעקומען אַנטקעגן, האָב איך דעם קאָפּ אָנגעבויגן — האָט ער מיט פֿריילעכן שפּאַס באַמערקט — און די כוואַליע האָט איבער מיר אַריבערגעשפּאַצירט... און אַזוי לאַנג בין איך אויף דעם ברעט געשוואומען, ביז איך האָב מיטאַמאָל אָנגעקלאַפּט אָן אַ ברעג און עס האָט מיך אַרויסגעוואָרפֿן אויפֿן זאַמד. איך בין געבליבן ליגן אין אָנמאַכט. ווען איך האָב מיך אויפֿגעכאַפּט, בין איך געווען אין אַ פֿרעמדער שטוב צווישן אומבאַקאַנטע מענטשן. זיי האָבן מיר געגעבן צו טרינקען און פֿרוכטן צו עסן, זיי האָבן מיר געגעבן אָנצוטאָן אָט דאָס, וואָס איר זעט אויף מיר, באַזאָרגט מיך מיט אַ ביסל געלט, אַז איך זאָל קאָנען אַהיימ־פֿאָרן. אויפֿן וועג בין איך געוואָר געוואָרן, אַז אינדערהיים האַלט מען מיך שוין פֿאַר טויט, האָב איך מיך דעריבער צוגעאײַלט און אַהיימגעקו־מען צו מיין ווייב און קינדער, צו מיינע חברים און תּלמידים, כּדי איר זאָלט מיך אומזיסט נישט באַוויינען.

די פֿרייד איז געווען אומגעהויער גרויס, און אַ גרויסע סעודה איז איינגעאָרדנט געוואָרן צוליב דער רעטונג פֿון רבי עקיבאן, וועלכער האָט דעם קומענדיקן שבת געבענטשט גומל אין שול.

⁂

לאַנג האָט דער קייסער טראַיאַן נישט געלאָזט וואַרטן אויף זיך. ער האָט ענדלעך אַרויסגעוויזן זיינע חיהשע נעגל. דער ערשטער שריט זיינער איז געווען, וואָס ער האָט צוריקגערופֿן דעם לאַיאַלן מיליטערישן פֿאָר־טרעטער פֿון רוים, וועלכן קוציוס נערוואַ האָט געהאַט געשיקט אין לאַנד פֿון יהודה און אויף זיין אָרט באַשטימט דעם קריגס־פֿירער לוציוס קוויע־טוס, וועלכער איז באַקאַנט געווען אַלס גרויסער אַכזר. די דאָזיקע שריט האָט טראַיאַן אָנגענומען, כּדי פֿאַר זיך צו פֿאַרזיכערן רו אין דעם געפֿער־לעכן לאַנד פֿון די יודעער. וואָרים ער האָט זיך געגרייט אויף אַ געוואַל־טיקער און ריזיקאַלישער אונטערנעמונג, אויף אַ מאַרש קעגן דאַציע.*

טראַיאַן האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט גרויסע אַמביציעס. ער האָט גע־שטרעבט צו ווערן דער צווייטער אַלעקסאַנדער מוקדון, וועלכער האָט

---

* היינטיקע רומעניע.

אין זיין צייט דעראָבערט כמעט די גאַנצע וועלט, און דאָס, וואָס עס איז דאָמיציאַנען נישט געראָטן, איז געלונגען דעם קייסער טראַיאַן.

פֿאַר די יידן האָט ער זייער מורא געהאַט. ער האָט נאָך גוט געדענקט פֿון זיינע ייִנגלשע יאָרן דעם עקשנותדיקן ווידערשטאַנד, וואָס זיי האָבן געגעבן דעם קייסער אספּסינוס און צו זיין זון טיטוס. האָט ער דעריבער, בשעת ער האָט באַשלאָסן אָנצופֿאַנגען אַ געפֿערלעכן קאַמף, וויַיט פֿון זיין לאַנד, געוואָלט זיין זיכער מיט רו אין זיינע דעראָבערטע קאָלאָניעס אין מזרח, בפֿרט, אַז זיינע רויבערישע אַפּעטיטן זיינען געגאַנגען גאָר וויַיט. ער האָט געטראַכט, אַז ווען ער וועט באַזיגן די דאַציער, וועט ער זיך אַ לאָז־טאָן קעגן די פּערסער און בבלער. אין די דאַזיקע לענדער האָבן געוואוינט גרויסע מאַסן יידן און ער האָט כסדר געהאַט אַנגסט, אַז די יידן אין בבל, אין פּערסיע, צי אין מצרים גרייטן עפּעס צו פֿאַר אים אין געהיים אַן אומאַנגענעמען סורפּריז.

פֿון זיינע געהיימע שפּיאָנען, וואָס טראַיאַן האָט געהאַלטן אין די לענ־דער, האָט ער געוואוסט, מיט וואָס פֿאַר אַ שנאה די יידן טראָגן זיך אַרום קעגן אים, און ער האָט געהאַט ביי זיך באַשלאָסן, אַז ביי דער ערשטער געלעגנהייט וועט ער מיט איין קלאַפּ זיי פֿאַרטיליקן ביז איינעם.

„איך וועל פֿאַרענדיקן דאָס, וואָס דאָמיציאַנען איז נישט געלונגען"...
— האָט ער איינמאָל פֿאַר זיין וויַיב פּלוטינאַ זיך באַרימט, ווען זי האָט אים געהאַלטן אין איין אָנרייצן קעגן די יידן.

ווען רבי עקיבא האָט דערפֿילט די נייע ווענדונג אין רוים, איז ער אַריינגעפֿאַלן אין אַ שרעקלעכן כעס, און אין דעם זעלבן טאָג, ווען לוציוס קוויעטוס האָט איבערגענומען זיין ממשלה אין קיסריה, האָט ער צוזאַמענ־גערופֿן אַ געהיימע פֿאַרזאַמלונג פֿון אַלע מיטגלידער פֿון דער פֿאַרשווע־רונגס־פּאַרטיי.

פֿייער האָט זיך געשאָטן פֿון זיין מויל און ער האָט מיט זיינע גליענדיקע ווערטער אָנגעצונדן די הערצער פֿון די יידישע יוגנטלעכקייט, וועלכע זיינען צו יעדן מאָמענט גרייט געווען מקריב צו זיין זייערע לעבנס און די לעבנס פֿון זייערע נאָענטע. ער האָט זיי איצט גערופֿן צו העלדישן ווידערשטאַנד, ווי נאָר עס וועט זיך דערפֿילן דער דרוק אויף דער יידישער באַפֿעלקע־רונג מצד דעם נייעם רוימישן פּראָקוראַטאָר.

רבי עקיבא האָט אויך געשיקט ספּעציעלע שלוחים קיין בבל, מצרים, פּערסיע, קאַרטאַגע און אויפֿן אינדזל ציפּערן. די שלוחים האָבן מיט זיך מיטגעפֿירט זיינע געהיימע באַפֿעלן, אָנזאָגנדיק די ידיעה, וואָס ער האָט באַקומען פֿון זיינע פֿאַרטרויאונגס־מענטשן אין רוים, אַז דער קייסער

טראַיאַן גרייט זיך צו אַ גרויסן דעראָבערונגס־מאַרש איבער די דאַזיקע לענדער, ווי נאָר ער וועט פאַרטיק ווערן מיט זיין דעראָבערונג פון דאַציע.

רבי עקיבאס רוף קיין בבל און אין די איבעריקע לענדער האָט גע־האַט די געהעריקע ווירקונג. און אין אַ שיינעם פרימאָרגן האָט טראַיאַן באַקומען די ידיעה פון זיינע פאַרטרעטער אין די דאָזיקע ערטער, אַז די יידן האָבן אויפגעהויבן אַן אויפשטאַנד קעגן רוים.

טראַיאַן איז אַריינגעפאַלן אין גרויס גרימצאָרן. ער האָט דערזען אין די דאָזיקע גלייכצייטיקע אויפשטאַנדן אומעטום, אַז דאָס איז אַ צונויפ־געשמידטע זאַך, און אַז דאָס וועט זיין אַ גרויסע שטערונג אין זיינע רויבע־רישע פלענער צו פאַרכאַפּן די לענדער אין מזרח.

האָט טראַיאַן אַרויסגעגעבן אַ געהיימען באַפעל צו זיינע קריגס־פירער, אַז זיי זאָלן אָן שום רחמנות דעם אויפשטאַנד אונטערדריקן און זיי זאָלן זיך באַמיען אומעטום קיין איין יידיש נפש נישט איבערצולאָזן ביים לעבן.

אָבער אַ גרויסע מפלה האָט אַריינגעכאַפּט פון די יידן דער קריגס־פירער לופוס אויפן אינדזל ציפערן. די יידישע פאַרשווערער האָבן אַ נאַכט פריער, איידער זיי האָבן אויפגעהויבן די מרידה, אָפּגעהאַלטן אַ געהיימע זיצונג צוזאַמען מיט דעם שליח פון רבי עקיבאַן.

אויף דער דאָזיקער פאַרזאַמלונג איז אויסגעאַרבעט געוואָרן אַ גע־נויער פּלאַן, ווי אַזוי פאַרזיכטיק אַרומצורינגלען דעם רוימישן גאַרניזאָן און אים פאַרניכטן.

— מען דאַרף זיך אויך צונויפרעדן מיט דער היגער גריכישער באַ־פעלקערונג! — האָט דער שליח אַרויסגעזאָגט זיין מיינונג — איך האָב פאַר זיי קלאָרע באַווייזן, ווי טראַיאַן גרייט זיך זיי צו באַפאַלן און אונטער־יאָכן, פונקט ווי ער טוט דאָס מיט גרויס דערפאָלג אין דאַציע, אויס־שעכטנדיק דאָרט די אומשולדיקע דאַצישע באַפעלקערונג. ער איז שוין מיט דעם דאָזיקן אומגליקלעכן לאַנד באַלד פאַרטיק.

— ער איז גערעכט! ער איז גערעכט! — האָבן זיך געהערט קולות פון אַלע ווינקלען אין דער שטוב, וואו די פאַרזאַמלונג איז פאַרגעקומען.

— איך בין קעגן דעם — האָט אַן אַלטער קעמפער פון דער צייט פון אספסינוסעס קאַמפּאַניע אין לאַנד פון יהודה אויסגערופן.

— פאַרוואָס, שמעון? — האָט אים דער שליח פון רבי עקיבאַן געפרעגט.

— ווייל איך קען זיי בעסער פון דיר. דאָס זיינען פאַלשע און שלויע חברה־לייט, זיי וועלן פאַרראַטן ביי דער ערשטער געלעגנהייט. זיי זיינען אונדז פונקט אַזעלכע שונאים ווי די רוימער. צי געדענקט איר נישט די

בלוטיקע שחיטות, וואָס זיי האָבן מיט עטלעכע צענדליק יאָר צוריק אויף אונדז איינגעאָרדנט, פילנדיק, אַז מיר זיינען שוואַך!

— זיי זיינען אָבער היינט אויך די שונאים פון רוים און ווער עס איז אַ שונא פון רוים, איז אונדזערס אַ פריינט! — האָט רבי עקיבאס שליח אויסגעפירט.

עס איז געבליבן בהסכם כולם, אַז מען זאָל רופן אַ פאָרשטייער פון די גריכן און מיט אים אונטערהאַנדלען, אָבער מען זאָל גוט היטן זיינע טריט...

ווען מיט אַ האַלבע שעה שפּעטער איז דער גריך דערשינען אין דער באַגלייטונג פון אַ יידישן יונגנמאַן אויף דער געהיימער פאַרזאַמלונג, האָט מען אים אויפגענומען מיט פרייד־אויסגעשרייען, און רבי עקיבאס שליח האָט אים איבערגעגעבן די רייד פון זיין רבין, וועלכער איז דאָ גוט באַקאַנט געוועזן פון זיינע פייערדיקע רייזעס און דרשות, וואָס ער האָט געהאַלטן.

— איר האָט סיי־ווי גאָרנישט וואָס אָנצואווערן! — האָט דער שליח פאַרענדיקט זיין שמועס מיט דעם גריך — היינט איז עס דאַציע, מאָרגן וועט עס זיין מצרים און שפּעטער — פּערסיע, בבל און מיר דאָ אַלע. אויב מיר וועלן דעם קאַמף פאַרשפּילן, וועלן מיר כאַטש אומקומען ווי גבורים אויפן שלאַכט־פעלד און נישט אין קייטן־געשמידטע ערגעץ־וואו אויף אַ שקלאַפן־שיף, פאַרפייניקטע און באַליידיקטע אין אונדזער מענטש־לעכן שטאָלץ, און די שפּעטערדיקע דורות וועלן זיך נישט שעמען מיט אונדז און אונדזערע נעמען וועלן דערמאָנט ווערן מיט ליבע און געזאַנג!...

די פּנימער פון די פאַרזאַמלטע זיינען געוועזן צעפלאַמט, פון די אויגן האָט געשפּריצט מיט שנאה צום באַרבאַרישן שונא.

— אומקומען ווי העלדן אָדער זיגן! — איז אַרומגעגאַנגען צווישן אַלעמען די לאָזונג.

— אומקומען ווי העלדן אָדער זיגן! — האָבן אַלע פאַרזאַמלטע אונ־טערגעכאַפּט אין כאָר.

עס איז צוזאַמען מיט דעם גריכישן פאָרשטייער אויפסניי אויסגעאַר־בעט געוואָרן דער פּלאַן פון אָנפאַל אויפן רוימישן גאָרניזאָן: וואו זיינע לייט דאַרפן זיך געפינען, און וואו די יידן.

ביים פאַרלאָזן די געהיימע שטוב, וואו די פאַרזאַמלונג איז פאָרגע־קומען, האָט דער אַלטער שמעון געגעבן אַ וואונק צו איינעם, אַ יונגנמאַן, וועלכער איז באַקאַנט געוועזן מיט זיין אומדערשראָקנקייט און העלדיש־קייט, אַז ער זאָל דעם גריך פונדעסטוועגן נאָכגיין.

און ווען דער גריך איז פֿאַרשוואונדן פֿון דער טיר, האָט זיך באַלד נאָך אים נאָכגעשליכט דער יונגערמאַן, וועלכן שמעון, דער אַלטער יידי־שער קעמפֿער, האָט נאָכגעשיקט.

— מען דאַרף זיין מיט זיי פֿאָרזיכטיק... — האָט ער מיט עקשנות־דיקן בליק אויסגערופֿן.

זיי זיינען אַלע געבליבן זיצן אויף זייערע ערטער און געוואַרט, אַז דער יונגערמאַן זאָל זיך אומקערן מיט אַ באַריכט וועגן דעם גריך.

— איך גלויב נישט, אַז דער גריך זאָל פֿאַרראַטן — האָט רבי עקיבאס שליח געזאָגט — עס איז פֿאַר זיי, פּונקט ווי פֿאַר אונדז, היינט די איינ־ציקע געלעגנהייט צו נעמען נקמה אָן די רוימער, היינט אָדער קיינמאָל נישט!...

אַ שפּאַרע צייט האָט געדויערט, ביז דער יונגערמאַן איז צוריקגע־קומען. אַלע זיינען שוין געוואָרן אומגעדולדיק.

אָבער מיטאַמאָל האָט זיך די טיר געעפֿנט מיט אַ פּראַל־אויף, און דער יונגערמאַן איז געבליבן שטיין אויף דער שוועל אַ בלאַסער און מיט אַ פֿאַרבלוטיקט מעסער אין דער האַנט.

— וואָס איז געשען, עזריה? — האָבן אַלע דערשראָקענע פֿון זייערע פּלעצער זיך אויפֿגעכאַפּט.

און דער יונגער עזריה האָט דערציילט אַ שרעקלעכע געשיכטע:

— ווען איך בין אַרויס פֿון שטוב און פֿון דערווייטנס זיך נאָכגע־שליכט דעם גריך, האָט ער אין אָנפֿאַנג עפּעס פֿאַרדעכטיקט. ער האָט זיך פֿאָרזיכטיק אומגעקוקט אויף אַלע זייטן. אָבער ווען ער האָט קיינעם ניט געזען הינטער זיך, וואָרים איך האָב מיך פֿאַרשטעקט הינטער אַ געדיכטן פֿייגנבוים, האָט ער זיך שוין אַ רואיקער געלאָזט ווייטער גיין. עס איז געווען אַ גליק, וואָס עס איז היינט אַ פֿינצטערע נאַכט. איך האָב מיך כסדר געהאַלטן פֿון אים אויף אַ הונדערט טריט דערווייטערט. ער איז גלייך געגאַנגען צום פּאַלאַץ פֿון רוימישן פּראָקוראַטאָר לופּוס.

— נו, און וואָס איז ווייטער געשען? — האָבן אַלע מיט אומגעדולד און שפּאַנונג געפֿרעגט.

— איך האָב פֿונדעסטוועגן נאָך ניט געוואַגט אויף אים אָנצופֿאַלן און אים דערשטעכן ווי אַ קרעציקן הונט. איך האָב געטראַכט, אַז אַ מענטש דערהרגענען איז ניט אַזאַ לייכטע זאַך. מען מוז זיין אינגאַנצן זיכער, אַז ער איז אַ פֿאַררעטער...

— גוט האָסטו געטאָן, עזריה. אַזוי האַלט איך פֿון דיר — האָט דער אַלטער שמעון אויסגערופֿן — קיין מערדער זיינען מיר נישט.

— איך האָב מיך צו אים דערנענטערט אויף אַ פּאָר צענדליק טריט — האָט עזריה פאַרגעזעצט זיין דערציילן — און האָב באַכגעמאַכט די שטי־מע פון זיין ברודער, וועלכן איך קען זייער גוט, ווייל פון קינדווייז אָן האָבן מיר געוואוינט אין שכנות און זיך צוזאַמען געשפּילט:

— אלקימוס, וואָס טוסטו דאָ אַזוי שפּעט ביים פּאַלאַץ פון פּראָקו־ראַטאָר? — האָב איך געפרעגט.

— שווייג און גיי שוין אַהיים! — האָט ער צו מיר אויסגערופן — איך גיי פאַרדינען אַן אוצר מיט גאָלד!... די יידן...

— אָבער ער האָט ניט באַוויזן אויסצורעדן אַ ווייטערדיק וואָרט, איך האָב מיך אויף אים אַ וואָרף געטאָן מיטן מעסער אין דער האַנט און אויסגערופן צו אים:

„דו בידערטרעכטיקער פאַררעטער, ניט נאָר אונדז יידן גייסטו דאָך דאָ פאַרראַטן, נאָר אויך דיינע אייגענע גריכישע ברידער! דו מנוול איינער...״

ער איז געבליבן שטיין אַ פאַרציטערטער און האָט נישט געוואוסט וואָס צו ענטפערן. אַזוי אומגעריכט איז עס פאַר אים געקומען. איך האָב אים אַריינגעשטאָכן דאָס מעסער אין האַלדז און ער איז באַלד אַנידער־געפאַלן אַ טויטער אויפן אָרט, און אַט בין איך אַהערגעקומען צו אייך איבערגעבן וועגן מיין אויסגעפירטער שליחות.

דער אַלטער שמעון איז אויפגעשטאַנען און צוגעגאַנגען צו אים, אים אַרומגענומען און אַ קוש געטאָן אויפן שטערן און געזאָגט:

— אויב מיר האָבן אַ סך אַזעלכע יונגעלייט ווי דו, וועלן מיר אונ־דזער קאַמף ניט פאַרשפּילן!

רבי עקיבאס שליח איז געבליבן זיצן אַביסל פאַרשעמט, וואָס ער האָט זיך פריער אַזוי איינגעשטעלט פאַר די גריכן, און ער האָט אַ שטאַמ־לענדיקער זיך אָנגערופן:

— איך האָב מיר ניט געקאָנט פאַרשטעלן אַזאַ רשעות און געלט־גייציקייט ביי אַ מענטש!

— דאָס זיינען ניט קיין מענטשן, געצנדינער זיינען ניט קיין מענטשן. זיי האָבן ניט קיין שום התחייבות ניט צו גאָט און ניט צו לייט... — האָט שמעון געענטפערט — מיר קענען זיי שוין דאָ צו גוט. אַלע דאַרפן זיי אומקומען צוגלייך מיט די רוימער!

און דאָ איז געחתמעט געוואָרן זייער גורל, צוזאַמען מיט דעם גורל פון דעם רוימישן גאַרניזאָן. דער רעזולטאַט פון דער דאָזיקער בייַנאַכ־טיקער פאַרזאַמלונג איז געווען אַ שרעקלעכע מפּלה, וואָס דער רוימישער קריגספירער לופוס האָט אַריינגעכאַפּט צומאַרגנס.

אומגעריכט איז דער אויפשטאַנד פאַר אים געקומען.

דאָס איז געווען גראַד מיט אַ טאָג שפּעטער, ווען ער האָט אָפּגעשיקט זיין חודשלעכן באַריכט קיין רוים, אַז אַלץ איז אין דער בעסטער אָרדע־נונג. עס איז רואיק. פאַרקערט, ער גאַר גרייט זיך, לויט דעם געהיימען באַפעל, וואָס ער האָט אַנומלט דערהאַלטן פון קייסער טראַיאַן, צו פראַ־וואַצירן די יידן. ער וועט זיי אַרויסרופן אויף אַ קאַמף דערמיט, וואָס ער וועט צונויפקלייבן די בכבודיקסטע יידן פון זיין שטאָט און ער וועט זיי הייסן אַריינציילן יעדן איינעם צו הונדערט שטעקנס. די חוצפהדיקע יידע־לעך וועלן דאָך מסתמא אַזאַ זאַך ניט פאַרשווייגן און וועלן אויפהויבן אַ געשריי, און אפשר גאַר אַן אויפשטאַנד, וועט ער דאַן מיט זיין גאַנצער קראַפט אַ קלאַפּ טאָן און וועט קיין איין לעבעדיק נפש ניט איבערלאָזן...

אָבער אין דער זעלבער צייט, ווען טראַיאַן האָט דעם דאָזיקן באַריכט דערהאַלטן און פאַר גרויס פרייד זיך די הענט געריבן און געטראַכט, אַז ער דאַרף פאַר אַזאַ שטיקל אַרבעט זיין קריגספירער לופוס דערהויבן צו אַ העכערן ראַנג, איז שוין פון לופוסעס גאַרניזאָן קיין שריד ופליט ניט געהאַט פאַרבליבן. דאָס האָט ער זיך מיט עטלעכע טעג שפּעטער דערוואוסט פון זיינע געהיימע מענטשן אויפן אינדזל ציפערן.

אַ טאָג נאָך דעם ווי לופוס האָט זיין באַריכט אָפּגעשיקט קיין רוים צום קייסער טראַיאַן, האָבן זיך מיטאַמאָל אַרום זיין פאַלאַץ, וואָס איז געווען באַוואַכט פון אַ צענטוריע רוימישע לעגיאָנערן, דערהערט עפּעס מאָדנע הויכע אויסגעשרייען.

ווען איינער פון די לעגיאָנערן איז אַרויס פון הויף אַ קוק טאָן וואָס דאָרט קומט פאָר אויף יענער זייט פון הויף, האָט אים עמעצער פון דרויסן מיט איין פאָך פון אַ שווערד דעם קאָפּ אָפּגעהאַקט.

דאָס איז געווען ווי אַ סיגנאַל צום אַלגעמיינעם שטורעם. דאָס בלוט פון דעם רוימישן לעגיאָנער איז געווען ווי אַ רויטע טוך פאַר אַ צעיור־שעטן אָקס. מיט געוואַלטיקע געשרייען, מיט קריגס־אויסרופן האָט זיך אַ מחנה פון יידישע אויפשטענדלער אַריינגעריסן אין דעם גרויסן הויף, וואו דער פאַלאַץ איז געשטאַנען אַרומגערינגלט מיט הויכע פאַלמען און ציפריסן. זיי האָבן אויסגעהרגעט דעם קליינעם גאַרניזאָן פון פאַלאַץ און אַריינגעריסן זיך צום קריגספירער אין שלאָפצימער.

מיט אויפגעריסענע אויגן פון שטוינונג האָט לופוס אָנגעקוקט די יידישע פאַרשווערער. ער איז נאָך ניט געווען אָנגעטאָן, ערשט נאָר־וואָס געהאָט אַרויסגעקראָכן פון בעט.

— וואָס פֿאַרלאַנגט איר? — האָט ער מיט אַ ציטערנדיקער שטימע געפֿרעגט דעם עלטסטן פֿון די אויפֿשטענדלער, וואָס האָבן זיך צו אים אַריינגעריסן.

— מיר פֿאַרלאַנגען דיין קאָפּ! — האָט דער עלטסטער מיט פֿלאַמיקע אויגן פֿון האַס אים געענטפֿערט.

— וואָס פֿאַר אַ שלעכטס האָב איך אייך געטאָן ביז איצט? — האָט ער מיט אַ בעטנדיקער שטימע זיי געפֿרעגט — מיר האָבן דאָך ביז איצט געלעבט רואיק און אין פֿרידן. וואָס האָט אייך באַוואויגן אויפֿצוהויבן איצט דעם אויפֿשטאַנד.

דער יידישער עלטסטער האָט זיך צעלאַכט מיט אַ שפּאָטישן געלעכטער:

— דו בלוטיקער רוימער, דו רעדסט וועגן פֿרידן! און וואָס איז מכּוח דעם געהיימען באַפֿעל, וואָס דו האָסט פֿון דיין באַרבאַרישן קייסער טראַיאַן דערהאַלטן אונדז אויסצומאָרדן ביז איינעם?!...

לופּוס איז בלאַס געוואָרן. ער האָט שוין איינגעזען, אַז די שפּיל איז פֿאַרן טייוול. ער וועט שוין קיין גאַנצער פֿון זייערע הענט דאָ ניט אַרויס, אָבער אין זיינע לעצטע מינוטן האָט ער נאָך געפּרואווט זיך צו ראַטעווען און געזאָגט:

— דאָס איז אַ ליגן! איך האָב קיין שום געהיימען באַפֿעל פֿון מיין קייסער ניט באַקומען. דאָס האָבן די פֿאַלשע גריכן אייך דערצו אָנגערעדט.

— עס איז ניט קיין ליגן. מיר האָבן פֿון אונדזערע פֿאַרטרויאונגס־מענטשן אין רוים דערהאַלטן אַ ידיעה, אַז ווי נאָר דער פֿאַרשאָלטענער טראַיאַן וועט זיך אָפּפֿאַרטיקן אין דאַציע, וועט ער מיט זיין גאַנצער קראַפֿט אַ קלאַפּ טאָן אויף מצרים, בבל, פּערסיע און ציפּערן. מיר ווייסן אויך, אַז ער האָט דיר און אויך אַנדערע קריגספֿירער אין די איבעריקע לענדער באַפֿוילן אונדז אַלעמען אויסצוראָטן אומברחמנותדיק ביזן לעצטן. מיר יידן האָבן אַזאַ געבאָט: „ווער עס קומט דיך הרגענען, פֿעדער דיך און הרגע דו יענעם פֿריער!”...

ביי די רייד האָט ער אַרויסגעצויגן זיין שווערד און זי אויפֿגעהויבן איבערן קאָפּ פֿון לופּוסן.

דער רוימישער קריגספֿירער איז געפֿאַלן אויף די קני און אָנגעהויבן בעטן מיט טרערן אין די אויגן און מיט די בעסטע צוזאָגן:

— איך האָב אַ ווייב מיט קליינע קינדער, דערבאַרעמט אייך אויף מיר און אויף זיי. איך וועל דאָס אייך אייביק געדענקען און אָפּהיטן פֿון אַלעם שלעכטן...

— מיר וועלן זיך אויף דיר מיט דיין ווייב און קינדער אַזוי דער־באַרעמען ווי דיינע רוימער האָבן זיך דערבאַרעמט אויף אונדזערע ווייבער און קינדער, ווען זיי האָבן חרוב געמאַכט אונדזער לאַנד. מענער, ווייבער און קינדער האָט איר אָן שום רחמנות געשאָכטן; אונדזערע שענסטע בחורים האָט איר געהרגעט אָדער בלינד געמאַכט און פאַרשיקט צו שקלאַפן אויף שיפן אַלס רודערער. ביי אונדז בעטסטו רחמנות? צו דיין „גאָט" יופּיטער בעט בעסער, ער זאָל דיך וואָס גיכער אַריינגעמען אין גן־עדן...

ביי די רייד האָט ער מיט דער שווערד אַ קלאַפּ געטאָן אים איבערן קאָפּ און אויף צווייען צעשפּאָלטן. אַ שטראָם בלוט האָט אַ שפּריץ געטאָן און ער האָט זיך אויסגעצויגן אויף דער ערד.

אין פּאַלאַץ האָבן דערווייל די יידישע אויפשטענדלער געמאָרדעט די רוימישע סאָלדאַטן, נישט שוינענדיק קיינעם, צוזאַמען מיט זייערע ווייבער און קינדער, אַלע זיינען זיי געפאַלן פון דער נקמה־שווערד.

אין די הערצער פון די יידישע יונגעלייט האָט זיך צעפלאַקערט דער האַס און דאָס געפיל פון נקמה. זיי האָבן זיך אָפּגערעכנט מיט די רוימער צוזאַמען מיט די פאַררעטערישע גריכן פאַר זייערע אַמאָליקע שחיטות, וואָס זיי פלעגן פון צייט צו צייט איינאָרדענען קעגן יידן.

אונטער דער אָנפירונג פון אַ געוויסן אַרטעמיאָן האָבן די יידן פאַר־וויסט די שטאָט סאַלאַמיס אויף דעם ציפּערן־אינדזל און דאָרט אויסגע־הרגעט אַלעמען ביז איינעם.

אין די גאַסן האָט מען פּשוט געבראָדזשעט אין בלוט. די געשרייען פון די יידישע אָנפאַלער און פון די רוימישע און גריכישע באַפאַלענע האָבן די אויערן פאַרטויבט, זיי זיינען אַלע געבליבן אָפּהענגיק פון דעם פּלוצ־לינגן אַרויסטריט פון די יידן.

אַזעלכע ענלעכע געשעענישן זיינען פאָרגעקומען אין מצרים, אין קירענע און אין בבל. אומעטום האָבן די יידן אין די ערשטע טעג פון זייער פּלוצלינגן בלוטיקן אויפשטאַנד געזיגט און פאַרטיליקט דעם שונא אומברחמנותדיק. דער האַס פון הונדערטער יאָרן האָט זיך אין זייערע הערצער צעפלאַקערט אין אַ העליש פייער.

קאַפּיטל 15

דער נייער קייסער אַדריִנוס

ווען די ידיעה וועגן די אויפשטאַנדן אין די מזרחדיקע לענדער איז אָנגעקומען קיין רוים, איז דאָרט אויסגעבראָכן אַן אמתע מהומה, און אַ צעמישעניש איז געקומען אויף די קעפּ פון די רוימישע קריגספירער. דער קייסער טראַיאַן איז אַריינגעפאַלן אין אַ שרעקלעכן כעס, וואָס די יידן, אַזאַ קליין און נישטיק פאָלק, אין פאַרגלייך מיט די אַנדערע פעלקער, וואָס ער האָט באַזיגט און אונטערטעניק געמאַכט, האָט געוואַגט מורד צו זיין אין די מעכטיקע רוימער, וועלכע האָבן ערשט נאָר־וואָס געהאַט פאַרענדיקט זייער דעראָבערונגס־קאַמפּאַניע אין דאַציע מיט דעם גרעסטן דערפאָלג. נאָך מער האָט ער געצאָרנט ממש מיט שוים אויף די ליפּן אויף דעם, וואָס איז געשען מיט זיין קריגספירער לופוס אויפן אינדזל ציפערן און מיט דעם דאָרטיקן גאַרניזאָן.

ער האָט געגעבן אַ באַפעל צו איינעם פון זיינע בעסטע קריגס־פירער, מאַרציאוס טורבאָ, ער זאָל מיט אַ גרויסער אַרמיי לאַנדן אויפן דעם ציפערן אינדזל. דער דאָזיקער קריגס־פירער האָט אָנגענומען אַ טאַקטיק נישט אַרויסצוטרעטן מיט איינמאָל קעגן די יידישע אויפשטענ־דער. ער האָט מורא געהאַט דאָס צו טאָן, כדי ער זאָל אַמאָל נישט האָבן דעם זעלביקן סוף פון זיין פאַרגענגער לופוס.

דער קריגס־פירער טורבאָ האָט זיין קריג אָנגעהויבן מיט אָנפאַלן אויף קליינע גרופּעס באַזונדער. אַזאַ שטייגער פירונג פון מלחמה האָט טאַקע געדויערט צו לאַנג, אָבער דערפאַר האָט ער ביסלעכוויז פאַרניכ־טעט כמעט אַלע אויפשטענדיקע יידן. ער האָט אַרויסגעוויזן גרויס אכזריות, ער האָט נישט געשוינט קיין פרויען און קיין קינדער. מיט דער שרעק־לעכסטער גרויזאַמקייט האָט ער אויסגעפירט דעם באַפעל פון קייסער טראַיאַן.

ווען ער איז פאַרטיק געוואָרן מיטן אינדזל ציפערן, האָט ער זיך געלאָזט קיין מצרים, און דאָרט האָט זיך דער בלוטיקער חורבן איבער־געחזרט נאָך מיט מער גרויזאַמקייט.

אין מצרים זיינען געווען מער יידן. האָט דאָרט דער קאַמף געדויערט לענגער און איז געווען פיל בלוטיקער. אַ חוץ זיינע אייגענע רוימישע אַרמייען, וואָס מ׳האָט געהאַלטן אין איין צושיקן אויף שיפן, האָט ער אויך געהאַט צוהילף אין שעכטן יידן די אָרטיקע געצנדינערישע באַפעלקערונג. זיי האָבן געריבבט און געמאָרדעט זייערע געוועזענע יידישע גוטע שכנים, וועלכע זיי האָבן איצט געמאַכט זיך נישט דערקענען.

די פּרעכטיקע גרויסע שול אין אַלעקסאַנדריע האָבן זיי פאַרברענט און אויסגערויבט דאָס גאָלד און זילבער, וואָס האָט זיך דאָרט געפונען.

צו דעם גרויסן עושר און עלטסטן פון דער יידישער קהילה אין אַלעקסאַנדריע טהעאָגאָנאָס און צו אַנדערע פון זיינס גלייכן האָבן זיך אַריינגעריסן די זעלבע גריכן, וואָס האָבן ביי זיי יאָרן־לאַנג פאַרבראַכט ביי פריילעכע און זאַטע מאָלצייטן און אין געשפּרעכן וועגן גריכישער דיכטונג און פילאָזאָפיע, און זיי געהרגעט, ציניש זיך אויסלאַכנדיק פון זייערע געבעטן און פאַררופענישן אויף דער אַמאָליקער גוט־פריינטשאַפט.

— ס׳איז אונדזער גאָלד און זילבער, אונדזערע טייערע איידלשטיינער! — האָבן זיי רוצחיש און מיט שיכּורע קולות געריטשעט — מיט אייער כיטרעקייט האָט איר עס ביי אונדז אויסגענאַרט און איצט נעמען מיר עס אָפּ ביי אייך מיט כּוח...

די וועלט איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ בלוטיקן קאָשמאַר; ווי וואַסער איז יידיש בלוט געראָנען אין די גאַסן און אָפּגעפלאָסן אין ים אַריין און עס געמאַכט רויט. ערטערווייז האָבן זיך די יידן העלדיש אַנטקעגנגעשטעלט, אָבער צו גרויס זיינען געווען די פיינטלעכע כּוחות.

דאָס זעלבע איז געשען אין בבל, דאָס זעלבע אין קירענע, אין קאַרטאַגע. דער קריגספירער לוציוס קוויעטוס, וועלכער איז געזעסן אין קיסריה אַלס דער פּראָקוראַטאָר פון יהודה, איז אויפן באַפעל פון קייסער טראַיאַן אַוועק קיין בבל מיט אַ גרויסער אַרמיי, וואָס ער האָט דורכן מיטללענדישן ים געקראָגן צוגעשיקט אַלס פאַרשטאַרקונג, און האָט אונטערדריקט מיט פייער און שווערד דעם בלוטיקן אויפשטאַנד. ווען ער איז נאָך פיל חדשים פירן די מלחמה אין בבל און אין די שכנותדיקע קלענערע לענדער צוריקגעקומען קיין יהודה, האָט ער באַקומען די ידיעה, אַז דער קייסער טראַיאַן האָט אים באַשטימט אַלס יורש פון רוימישן טראָן נאָך זיין טויט.

לוציוס קוויעטוס איז געווען שטאָלץ פאַר דעם דאָזיקן גרויסן כּבוד און אַלס דאַנק פאַר דער הויכער אויסצייכענונג, האָט ער באַוויזן נאָך גרעסערע אכזריות, וואָרים דאָס איז דאָך געווען דער ווילן פון זיין קייסער.

ווען ער האָט פֿאַרענדיקט זיין בלוטיקע קאַמפּאַניע אין בבל, האָט ער אין זיין פּאַלאַץ אין קיסריה אָנגעהויבן פּראָווען פֿאַרשווענדערישע הור־ליאַנקעס, וואָס האָבן זיך געצויגן וואָכן־לאַנג.

ביז איצט איז אין יהודה נאָך פֿאַרהעלטנישמעסיק געווען רואיק. וואו נישט וואו האָבן מיטגלידער פֿון דער פֿאַרשווערונגס־פּאַרטיי געמאַכט אָנפֿאַלן אויף קליינע רוימישע גאַרניזאָנען ערגעץ־וואו אין אַ פֿאַרוואָרפֿן דאָרף אין צפֿון פֿון גליל און אויסגעהרגעט דעם צענדליק סאָלדאַטן, וואָס האָט זיך דאָרטן געפֿונען. מערסטנטיילס איז דאָס געשען דערפֿאַר, ווייל אַ צענטוריאָן אָדער אַ פּשוטן סאָלדאַט האָט זיך פֿאַרגלוסט זיך פֿאַר־טשעפּען מיט אַ שיינער יידישער טאָכטער אָדער חוצפּהדיק זיך אויפֿגע־פֿירט קעגן אַ יידישן גלילער באַלעבאָס, וועלכער האָט זיך נישט געלאָזן פֿון די רוימער.

גרעסערע מרידות זיינען אויסגעבראָכן, ווען קוויעטוס האָט אָנגע־פֿאַנגען — צוליב זיין שטענדיק זיך נויטיקן אין געלט פֿאַר זיינע הוליאַנ־קעס מיט די רוימישע געסט, וואָס זיינען געקומען פֿון די אַרומיקע לענדער קיין קיסריה — אַרויפֿצולייגן גרעסערע שטייערן אויף דער יידישער באַפֿעל־קערונג אין יהודה און אין גליל. ער האָט דאָס געטאָן אויף דעם אכזריות־דיקסטן אופֿן. ער האָט גאַנץ גוט געוואוסט, אַז די יידן זיינען פֿאַראָרעמט געוואָרן און האָבן נישט געווען גענוג אויף צו צאָלן אַפֿילו זייערע שטייערן פֿאַר דער רוימישער מלוכה. אָבער וואָס האָט ער זיך געקאָנט העלפֿן, אַז ער האָט אויך פֿאַר זיך געדאַרפֿט האָבן געלט.

ער האָט געגעבן אַ באַפֿעל צו זיינע שטייערן־אויפֿמאָנער, אַז זיי זאָלן פֿאַרטאָפּלען דעם שטייער אויף די יידן, און אויב עס וועט זיך אַ געוויס דאָרף אָדער שטעטל אַנטקעגנשטעלן, זאָל ער עס אונטערצינדן פֿון אַלע זייטן און קיינעם פֿון דאָרט נישט אַרויסלאָזן. דאַקעגן די עלט־סטע פֿון שטעטל זאָל ער ברענגען צו אים אין פּאַלאַץ און דאָרט וועט ער זיי עפּנטלעך לאָזן קרייציקן.

— ווען מיר וועלן אַזוי טאָן צו איין דאָרף, צו אַ צווייטן, וועלן שוין די יידן אויסליידיקן זייערע אוצרות און ברענגען צו מיר... — האָט ער ציניש געריידט צו זיינע אונטערגעאָרדנטע.

זיינע שטייערן־אויפֿמאָנער, וועלכע זיינען געווען באַגלייט מיט מחנות סאָלדאַטן, האָבן דעם באַפֿעל פֿון דעם קריגספֿירער אויסגעפֿירט מיט דער גרעסטער פּינקטלעכקייט. זיי זיינען באַפֿאַלן אַ דאָרף און געפֿאָדערט דעם טאָפּלטן שטייער, וואָס זיי האָבן ביז איצט געצאָלט. ווען די יידן האָבן געענטפֿערט, אַז זיי זיינען נישט אימשטאַנד דאָס אויסצופֿירן, האָבן זיך די סאָלדאַטן אַ לאָז געטאָן איבערן דאָרף און עס אונטערגעצונדן פֿון

אַלע זייטן. ווען עמעץ פֿון די יידן האָט זיך געוואָלט ראַטעווען פֿון דער שרפֿה, איז ער דערשטאָכן געוואָרן דורך די ספּעציעלע וואַכן, וואָס דער שטייער־אויפֿמאָנער האָט פֿונאַנדערגעשטעלט ביי די אַרויסגאַנגען פֿון דאָרף. עס האָט זיך אויפֿגעהויבן אַ געוואָלט איבערן גאַנצן לאַנד, און דאָס האָט איבערגעפֿילט דאָס מעסטל פֿון געדולד. עס איז אויסגעבראָכן אַ מרידה. בראש פֿון אויפֿשטאַנד האָבן זיך געשטעלט די צוויי ברידער יוליאַנוס און פּפּוס, מיטגלידער פֿון דער פֿאַרשווערונגס־פּאַרטיי אין יהודה און אייניקלעך פֿון דעם אַמאָל באַקאַנטן האַלב רוימער, האַלב ייד פּפּוס בן יהודה. זיי האָבן לחלוטין אָפּגעווייכט פֿון דעם קרומען וועג, אין וועלכן עס איז געגאַנגען זייער זיידע. ער איז סוף־כּל־סוף אומגעקומען פֿון אַ רוימער אין אַ קריג איבער עפּעס אַ נישט־אָרנטלעכער פֿרוי, אין וועלכער זיי האָבן זיך ביידע געליבט...

די צוויי ברידער יוליאַנוס און פּפּוס זיינען געווען נאָך גאָר יונג, אָבער מוט האָבן זיי פֿאַרמאָגט פֿאַר הונדערטער, און זיי האָבן אויפֿגעהויבן דעם אויפֿשטאַנד אין דער געגנט פֿון יבנה.

ביסלעכוויז האָט זיך דער אויפֿשטאַנד צעפֿלאַקערט און זיך צע־וואַקסן אין אַ בלוטיקער מלחמה, וואָס האָט ווי אַ שרפֿה בליץ־שנעל זיך פֿאַרשפּרייט און פֿאַרכאַפּט דאָס גאַנצע לאַנד פֿון יהודה.

קוויעטוס האָט געמוזט איבעררייסן זיינע פֿייערלעכע מאָלצייטן, זיינע געסט האָט ער צוריק אַהיימגעשיקט און אַליין האָט ער זיך געשטעלט אָן דער שפּיץ פֿון דער אַרמיי צו באַקעמפֿן דעם אויפֿשטאַנד ביי זיך אין יהודה.

רבי עקיבא האָט אין יענער צייט געהאַט פֿאַרלאָזן יבנה און האָט געשאַפֿן זיין אייגן בית־המדרש אין בני־ברק לעבן לוד און יפֿו. ער האָט אויסגעקליבן דאָס דאָזיקע קליינע שטעטל, כּדי צו זיין וואָס ווייטער פֿון די אויגן פֿון די רוימישע באַאַמטע. דאָרט, אין בני־ברק, איז געוואָרן דער צענטער, וואוהין עס האָבן זיך אָפּט פֿאַרזאַמלט די אָנפֿירער פֿון דער פֿאַרשווערונגס־פּאַרטיי, און פֿון דאָרט האָט זיך אויף אַ געהיימען אופֿן געטראָגן דער רוף צום ווידערשטאַנד.

עס איז געווען דער טאָג פֿון ערב־פּסח. יידן האָבן זיך געגרייט צו פֿייערן דעם גרויסן יום־טוב, דעם סימבאָל פֿון פֿרייהייט. אויף דער דאָ־זיקער נאַכט האָט רבי עקיבא צוזאַמענגערופֿן קיין בני־ברק אַ פֿאַרזאַמ־לונג פֿון זיינע חברים, וועלכע ער האָט אַריבערגעצויגן אויף זיין זייט און זיי איבערצייגט, אַז מען דאַרף דער רוימישער אימפּעריע שטעלן דעם שאַרפֿסטן ווידערשטאַנד. דאָס זיינען געווען: רבי אליעזר, רבי יהושע, רבי אלעזר בן עזריה און רבי טרפֿון. די אַלע פֿינף מיט רבי עקיבאן אין

דער שפּיץ האָבן באַטראַכט די לאַגע, אין וועלכער דאָס לאַנד יהודה איז אַריינגעוואָרפן געוואָרן צוליב דעם אכזריותדיקן שפּיל פון קוויעטוס, און זיי האָבן געזוכט אַ מיטל צו מאַכן אַ סוף צו די אומאויפהערלעכע צרות, וואָס ער האַלט זיי אין איין פאַרשאַפן.

אינדרויסן פאַר דער טיר פון דעם שטיבל, וואו די פאַרזאַמלונג איז פאַרגעקומען, האָבן זיך אַרומגעדרייט עטלעכע וועכטער, וואָס האָבן געדאַרפט אַכטונג געבן, צי עס קומען נישט אָן קיין פאַרדעכטיקע פּערזאָנען. דער דאָזיקער אָוונט, די ערשטע נאַכט פון פּסח, איז פריער געפּראַוועט געוואָרן לויט אַלע אָנגענומענע מנהגים. רבי עקיבא האָט פאַרגעלייענט פאַר אַלעמען די געשיכטע פון יציאת מצרים, דערנאָך האָבן זיי געזונגען הלל, לויב־געזאַנגען צו גאָט, וואָס האָט די יידן אַמאָל אויסגעלייזט פון מלך פּרעהס הענט און דורך משהן זיי אַרויסגענומען פון מצרים. פאַרוואָס זאָל גאָט ווידעראַמאָל נישט באַווייזן דעם זעלבן נס...

זיי האָבן געלייענט דאָס ליד פון שיר השירים, כּדי צו פאַרענדיקן די פייערלעכע דערציילונג פון יציאת מצרים מיט שיינע געזאַנגען, וואָס עס האָט געזונגען דער יידישער גרויסער מלך שלמה. ווען אַלץ איז שוין געווען פאַרענדיקט, זיינען זיי ערשט צוגעטראָטן צו דער באַראַטונג און אויסאַרבעטונג פון פּלענער, ווי אַזוי צו באַקעמפן דעם אכזר לוציוס קוויעטוס.

לאַנגע שעהן האָט די באַראַטונג אָפּגעדויערט. עס איז געווען אַ שטילע און וואַרעמע ניסן־נאַכט. די לבנה האָט אַ גרויסע און רויט־צעפלאַמטע שוין געהאַט אַראָפּגענידערט צום האָריזאָנט און אין פּורפּור־ליכט איינגעהילט די פעלדער און די בערג אַרום. דער הימל איז געווען פאַרזייט מיט חמרים פאַנאַנדערגעבליצטע שטערנדלעך, וואָס האָבן אַלץ מער אויפגעטויכט, וואָס נידעריקער די לבנה איז אַראָפּגעזונקען.

אויף דער גאַס איז קיין שום לעבעדיק נפש ניט געווען, אַ חוץ די וועכטער, וועלכע האָבן אַכטונג געגעבן, אַז עס זאָל קיינער נישט אָנקומען מצד די רוימישע באַאַמטע, וועלכע האָבן לעצטנס געהאַלטן אַ וואַך אויג אויף די יידישע שטעטלעך און דערפער. זיי האָבן געפילט, אַז עס גרייט זיך קעגן זיי אַ גרויסער שטורעם.

רבי עקיבא האָט הייס און עקשנותדיק פאַרטיידיקט זיין מיינונג, אַז שוין מוז דער אויפשטאַנד אין יהודה אָנגעהויבן ווערן, אַפילו מען זאָל זיכער זיין, אַז מען וועט דורכפאַלן.

— מען מוז כּסדר האַקן ווי מיט אַ האַמער אין דער שטיינערנער וואַנט אַריין, ביז אַ לאָך וועט אויסגעהאַקט ווערן... — האָט ער בדרך משל געזאָגט — מען וועט אַזוי לאַנג נישט צורו לאָזן דאָס רוימישע

מלכות, ביז עס וועט זיי נמאס ווערן צו האָבן כסדר צו טאָן מיט דעם קשה־עורפדיקן פאָלק און זיי וועלן עס פאַרלאָזן!

דער גרויסער תנא איז זייער פאַרעלטערט געוואָרן, ער איז שוין געווען איבער זיבעציק יאָר, אָבער דאָך האָט ער אָנגעהאַלטן זיין שטאַרקן מוט ווי אין דער יוגנט און ער איז געווען פול מיט קריגערישן גייסט.

ער האָט געהאַט גרויס עגמת נפש די לעצטע צייט. עס איז אים קראַנק געוואָרן זיין ייִנגערער זון שמעון און פאַר גרויס צרות איז אויך זיין געטריי ווייב רחל אָוועקגעפאַלן פון די כוחות און זי איז כסדר געלעגן אין בעט. אָבער פון די אַלע צרות האָט ער זיך דאָך געהאַלטן שטאַרק און נישט נאָכגעגעבן זיינע ליידן.

אַלע האָבן אים באַוואונדערט, ווי שטאַרק און אומגעבראָכן עס איז נאָך זיין ווילן. רבי טרפון האָט מיט ליבע זיך צוגעהערט צו אַלע זיינע לאָגישע און קלוגע רייד. רבי יהושע בן חנניה האָט געקוקט אויף אים אַלץ נאָך מיט דעם בליק ווי אויף דעם יונגן עקיבא, ווען ער איז אָנגעקומען לערנען קיין יבנה. דאָס איז געווען אַ קוק פון ליבע און פריינטשאַפט, פאַרערונג און צוטרוי.

ווען די וויכטיקע באַראַטונג האָט זיך פאַרצויגן צו לאַנג און קיין סוף האָט מען נישט געזען, וואָרים אינדרויסן האָט שוין אָנגעהויבן בלויען אויף טאָג, זיינען אַריינגעקומען די וועכטער, וועלכע האָבן מורא געקראָגן, אַז דאָס צו לאַנגע באַראַטן זיך קאָן אַרויסרופן פאַרדאַכט ביי מענטשן און האָבן אויסגערופן: רבותינו, הגיע זמן של שחרית — עס איז שוין צייט צו זאָגן די פרימאָרגן־תפילה...

דאָס איז געווען אַן אָפּגערעדטער צייכן, אַז זיי דאַרפן זיך שוין פונאַנדערגיין.

די רעזולטאַטן פון דער דאָזיקער באַראַטונג אין דער ערשטער פּסח־נאַכט האָבן נישט געלאָזט אויף זיך לאַנג וואַרטן. די מרידה האָט זיך פאַרשטאַרקט איבערן גאַנצן לאַנד, און בעת אין איין טייל פון לאַנד האָבן זיך די ייִדן געשטאַרקט איבערן שונא, איז אין אַן אַנדערן טייל פון לאַנד די רוימער געלונגען דעם אויפשטאַנד אונטערצודריקן. אַזוי האָט זיך ייִדיש בלוט געגאָסן ווי וואַסער אומעטום; שטעט און דערפער זיינען פאַרברענט געוואָרן, מענער, פרויען און קינדער זיינען אויף אַן אומברחמנותדיקן אופן געוואָרן אומגעבראַכט.

די בלוטיקע קאַמפן האָבן שוין אויך דערגרייכט די שטאָט יבנה, וואו ביז איצט איז געווען שטיל און בלויז די שטים פון תורה האָט זיך געלאָזט הערן. די תלמידים פון דעם גרויסן בית המדרש האָבן געמוזט אָוועקלייגן די תורה און גענומען זיך צו דער שווערד. אַן עקשנותדיקע

שלאַכט האָט זיך פאַרוויקלט אין יבנה, בעת וועלכער די שטאָט איז אינ־גאַנצן פאַרברענט געוואָרן. רבן גמליאל איז גענומען געוואָרן אין געפאַנ־גענשאַפט און ער וואָלט זיכער געקרייציקט געוואָרן גלייך מיט אַלע אַנדע־רע געפאַנגענע, אויף דער באַשולדיקונג, אַז ער — אַלס נשיא און דער ראש פון סנהדרין — איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די בלוטיקע געשעענישן אין יבנה.

עס איז געווען אַ גליק, וואָס אין דער אַרמיי פון לוציוס קוויעטוס האָט זיך געפונען אַ רוימישער קריגספירער, וועלכן ער האָט געקענט נאָך פון רוים, בעת ער איז געווען אין שליחות צום קייסער דאָמיציאַן. אָט דער דאָזיקער רוימער האָט געראַטעוועט רבן גמליאלן דעם קאָפּ.

דער נשיא האָט אָבער די דאָזיקע זאַך זיך אַזוי צום האַרץ גענומען, אַז ער איז אַריינגעפאַלן אין אַ געפערלעכער קראַנקהייט און איז גאַר אין קורצן געשטאָרבן.

אַ גרויסער טרויער איז געווען אין לאַנד נאָך זיין טויט. גאַנץ יהודה און גליל האָבן באַוויינט זייער נשיא. דער טרויער איז נאָך גרעסער גע־וואָרן דערמיט וואָס צווישן די תּלמידים פון יבנה איז אויסגעבראָכן אַ מגפה און זיי זיינען מאַסנוויז אומגעקומען. דאָס איז געווען די צייט צווישן פסח און ל״ג בעומר. די דאָזיקע 33 טעג פון ספירה זיינען דערקלערט געוואָרן אַלס טעג פון גרויסן טרויער.

דאָס בית המדרש פון יבנה איז נאָכן חרוב ווערן בעת דעם אויפ־שטאַנד, איבערגעטראַגן געוואָרן קיין אושה, אין גליל, און דאָרט איז דאָס לערנען פאַרגעזעצט געוואָרן אונטער דעם נייעם נשיא, רבי יהושע בן חנניה.

די צוויי ברידער יוליאַנוס און פפוס האָבן אין יבנה באַוויזן העלדישע מעשים. זיי האָבן אויסגעהרגעט טויזנטער רוימישע לעגיאָנערן. אָבער די מחנות אויפשטענדיקע יידן, מיט וועלכע זיי האָבן אָנגעפירט, זיינען נישט געווען גענוג אויסגעלערנט אין דער פירונג פון מלחמה. וואָרים די גרעסטע טייל פון זיי זיינען דאָך געווען תּלמידים פון יבנה און זיי האָבן בעסער געקאָנט זיך באַגיין מיט די שווערע שטעלן אין דער תּורה ווי מיט אַ שווערד אָדער אַ שפּיז. איז די מלחמה צווישן זיי און די רוימער פון פאָרויס געווען אַ פאַרשפּילטע.

יוליאַנוס און פפוס זיינען גענומען געוואָרן אין געפאַנגנשאַפט און קוויעטוס, דער קריגספירער פון די רוימער, האָט זיי געהייסן ברענגען צו זיך אין זיין פּאַלאַץ קיין קיסריה.

זיי זיינען ביידע געווען געשמידט אין קייטן. כאָטש זיי זיינען נאָך גאָר יונג געווען, האָט אָבער פון זייערע פנימער געשפּראָצט מיט עקשנות און העלדישקייט.

קוויעטוס האָט זיי פריער אָפּגעמאָסטן מיט זיין חיהשן בליק, דער־נאָך האָט ער זיי געפרעגט:

— ווי אַזוי האָט איר, אַזעלכע יונגע לייט, געוואָגט אַרויסצוטרעטן קעגן דער אומבאַזיגבאַרער רוימישער אַרמיי? ווי אַזוי האָט איר געהאַט די יידישע חוצפה אַנטקעגנצושטעלן זיך דעם קייסער פון דער רוימישער אימפּעריע?

יוליאַנוס און פּפוס האָבן אים אָנגעקוקט מיט פאַרחידושטע אויגן און גאָרנישט געענטפערט. זיי האָבן זיך בלויז געוואונדערט, וואָס ער שטעלט זיי אַזאַ נאַרישע פראַגע. וואָס דען האָבן זיי געזאָלט טאָן, לאָזן זיך פון אים פייניקן?...

— פאַרוואָס־זשע שווייגט איר!? — האָט ער, רויט ווערנדיק פאַר כעס, אַ טופע געטאָן מיטן פוס אויף זיי — ווי וואָגט איר צו שווייגן, ווען אַ רוימער פרעגט אייך עפּעס?

— ווייל מיר האָבן שוין מער נישט געקאָנט אַריבערטראָגן דעם שווערן יאָך, וואָס דו האָסט אויף אונדז אין נאָמען פון דיין קייסער אַרויפ־געלייגט — האָט פּפוס געענטפערט מיט שטאָלץ — האָסט אונטערגעצונדן אונדזערע שטעט און דערפער, האָסט געהרגעט אונדזערע זקנים, פרויען און קינדער און אַלץ כדי אָנצושטאָפּן דיין אייגענע קעשענע! האָסט גע־צוואונגען אונדז צו בוקן זיך צו אָפּגעטער און געצן, אין וועלכע מיר גלויבן נישט; מיר דינען בלויז צו דעם איינציקן גאָט, דעם באַשעפער פון הימל און ערד!...

קוויעטוס האָט זיי אַ ווייל אָנגעקוקט מיט שפּאָט אין זיין בליק און געזאָגט:

— אויב אייער גאָט איז אַזוי שטאַרק און מעכטיק, ווי איר דער־ציילט וועגן אים, פאַרוואָס־זשע העלפט ער אייך נישט, פאַרוואָס באַפרייט ער אייך נישט פון מיין האַנט?

— מיר האָבן געזינדיקט צו אונדזער גאָט — האָט יוליאַנוס גע־ענטפערט — און מיר האָבן דעריבער פאַרדינט דעם טויט. ווען דו קומסט נישט צונעמען אונדזערע לעבנס, וואָלט גאָט שוין געפונען אַנדערע וועגן און מיטלען ווי אַזוי אונדז צו טויטן.

— משוגענע יידן! — האָט קוויעטוס צו זיי אויסגערופן — אַפילו אין אָנבליק פון טויט מאַכט איר חוזק פון מיר און שפּאָט פון אַ רוימישן פאַטריציער. טאָ זייט וויסן, אַז איצטער וועט איר שטאַרבן, אָבער נישט

בלויז איר אַליין, נאָר דאָס גאַנצע פֿאָלק אייערס וועט אומגעבראַכט ווערן מיט אייך צוזאַמען. איך וועל קיין איין לעבעדיק נפֿש צווישן אייך נישט איבערלאָזן און ווען איך וועל ווערן קייסער פֿון רוים, וועל איך אויס־ראָטן יעדער געדעכעניש פֿון יידישן פֿאָלק פֿון דער ערד!...

— „קאָנסט טראַכטן עצות קעגן אונדז און זיי וועלן צעשטערט ווערן" — האָט יוליאַנוס זיך באַנוצט מיט אַ פּסוק — „קאָנסט רעדן רייד און זיי וועלן נישט פֿאַרווירקלעכט ווערן, וואָרים מיט אונדז איז גאָט!"

— נעמט זיי אַרויס און הרגעט זיי! האָט קוויעטוס, פֿאַרקייכנדיק זיך פֿון צאָרן און מיט שוים אויף די ליפּן, אויסגערופֿן צו זיינע דינער.

עטלעכע סאָלדאַטן זיינען צוגעפֿאַלן צו די צוויי ברידער און זיי מיט כּוח אַרויסגעשלעפּט פֿון דעם צימער, וואו קוויעטוס האָט זיי אויסגע־פֿרעגט און זיי אַריינגעוואָרפֿן אין תּפֿיסה. זיי האָבן געוואַרט רואיק אויף זייער ביטערן גורל אומצוקומען די זעלבע נאַכט אויף די קרייצן אָדער אויפֿגעפֿרעסן צו ווערן פֿון ווילדע חיות אויף דער אַרענע פֿון צירק, וואָס האָט זיך געפֿונען אין קיסריה.

אָבער טעג זיינען אַדורך, און יוליאַנוס מיט פּפּוסן האָבן נאָך אַלץ געלעבט; קיינער האָט זיי צום טויט נישט אַרויסגעפֿירט און קיינער האָט זיי נישט באַאומרואיקט.

אַ גרויס וואונדער איז דאָס געווען פֿאַר זיי, וואָרים זיי האָבן שוין געהאַט שלום געמאַכט מיט דעם געדאַנק, אַז דאָס זיינען זייערע לעצטע שעהן פֿון לעבן.

ערשט אויפֿן פֿינפֿטן טאָג איז אַריינגעקומען אַ וועכטער צו זיי אין תּפֿיסה און זיי געזאָגט:

— איר זייט פֿריי און איר קאָנט גיין וואוהין איר ווילט!

ביידע ברידער האָבן דעם וועכטער אָנגעקוקט מיט חשד. זיי זיינען זיכער געווען, אַז ער מאַכט חוזק פֿון זיי, אַז דאָס שפּילט ער מיט זיי אַזאַ בלוטיקן שפּאַס פֿאַר זייער הריגה און זיי האָבן זיך דעריבער פֿון אָרט נישט גערירט.

— פֿאַרוואָס גייט איר נישט? אויף וואָס וואַרט איר? — האָט דער וועכטער געפֿרעגט — צי איז אייך די תּפֿיסה אַזוי ליב געוואָרן, וואָס איר ווילט אייך נישט שיידן מיט איר?

און ווען זיי האָבן מיט פֿאַרזיכטיקייט אים ענדלעך געפֿרעגט וועגן דער ענדערונג פֿון זייער אורטייל און נישט געקאָנט זיך אָפּוואונדערן פֿון קוויעטוסעס גרויסמוטיקייט, האָט זיי דער וועכטער מיט אַ שמייכל איבערגעגעבן:

— קוויעטוס איז שוין אַפּגעפאָרן קיין רוים !... דער קייסער טראַיאַן איז געשטאָרבן פּלוצלינג און...

— און קוויעטוס איז געוואָרן קייסער ? — האָט יוליאַנוס מיט אומרו געפרעגט.

— לאָזט מיך אויסרעדן... — האָט דער וועכטער אַלץ געשמייכלט

— ניט געטראָפן. קייסער איז געוואָרן פּובליוס אַעליוס אַדרינוס, און קוויעטוס איז געפאָרן קיין רוים אַ געשמידטער אין קייטן. ער ווערט באַשולדיקט, אַז ער האָט מיט גוואַלט געוואָלט פאַרכאַפּן די מאַכט נאָך טראַיאַנס טויט.

— איז טראַיאַן טאַקע געשטאָרבן !... — האָט פּפוס נישט געקאָנט זיך אָפּוואונדערן וועגן דעם נס, וואָס מיט אים און זיין ברודער איז געשען.

— מ׳ווייס נישט אויף זיכער : צי געשטאָרבן, צי דערמאָרדעט. מען שמועסט, אַז זיין אייגן ווייב פּלוטינאַ האָט אים פאַרגיפטעט, וואָרים זי האָט געפירט אַ געהיימע ליבע מיט פּובליוס אַדרינוס...

פּפוס מיט יוליאַנען זיינען באַפרייט געוואָרן און זיינען דורכן פאָלק אויפגענומען געוואָרן ווי צוויי גרויסע העלדן.

ערשט אויף דער פריי זיינען זיי געוואַר געוואָרן די גאַנצע געשיכטע, ווי אַזוי אדרינוס איז געוואָרן קייסער אַנשטאָט קוויעטוס, וואָס טראַיאַן האָט אים נאָך ביי זיין לעבן באַשטימט אַלס זיין יורש עצר.

פּלוטינאַ האָט געפירט אַ געהיימע ליבע מיט אַדרינוסן און זיי האָבן באַשלאָסן פּטור צו ווערן פון טראַיאַנען. צוליב דעם צוועק האָט אים דאָס אייגענע ווייב אַריינגעטאָן גיפט אין זיין עסן און ער איז תיכף געשטאָרבן. ווען ער איז שוין געווען טויט, האָט זי דעם טויטן קערפּער פון איר מאַן שטילערהייט געלאָזט באַגראָבן און קיינעם דערפון נישט געזאָגט. זי האָט אָבער אַרויסגעלאָזט אַ שם, אַז דער קייסער איז שווער קראַנק געוואָרן און ער שרייבט איבער זיין צוואה. וואָרים זי האָט זיך געוואָלט פאַרזיכערן, אַז אדריונוס זאָל אויף אַ לעגאַלן אופן איבערנעמען דעם רוימישן טראָן.

האָט זי גענומען אירס אַ געטרייען קנעכט און אַריינגעלייגט אים אין טראַיאַנס בעט און דאָס בעט פאַרשטעלט מיט אַ פאָרהאַנג. דערנאָך האָט זי אַריינגערופן עטלעכע הויכגעשטעלטע לייט פון קייסערס מקורבים, אַז זיי זאָלן זיין עדות דערפון, וואָס דער קייסער האָט צו זאָגן אין זיינע לעצטע רייד.

פאַרשטענדלעך, אַז זיי האָבן דעם קייסער נישט געקאָנט זען און עס איז זיי אויך נישט איינגעפאַלן, אַז דאָרט ליגט גאָר אַ פרעמדער. מיט־

אַמאָל האָט זיך דערהערט פֿון הינטער דער אָראָפּגעלאָזטער פֿאָרהאַנג אַ שוואַך קול פֿון דעם מכּלומרשט קראַנקן קייסער. דאָס האָט גערעדט, פֿאַר־שטייט זיך, דער קנעכט, וועלכן פּלוטינאַ האָט אַריינגעלייגט אין בעט. דער „קייסער" האָט דאַמאָלס אַרויסגעזאָגט זיין לעצטע בקשה, אַז אַדריינוס זאָל אויף זיין פּלאַץ באַשטימט ווערן פֿאַר קייסער אַנשטאָט קוויעטוס.

די קייסערין האָט פֿאַרצייכנט זיינע רייד אויף אַ טאָוול און די עדות האָבן זיך אונטערגעשריבן, זייענדיק זיכער, אַז זיי האָבן געהערט די שטימע פֿון טראַיאַן.

אַדריינוס איז געווען אין אַנטיאָכיע, ווען ער האָט באַקומען די ידיעה, אַז ער איז באַשטימט געוואָרן אַלס דער קייסער פֿון רוים אויפֿן אָרט פֿון פֿאַרשטאָרבענעם טראַיאַן.

די רוימישע לעגיאָנען, וואָס האָבן זיך געפֿונען אין אַנטיאָכיע, האָבן מיט גרויס פֿרייד באַגריסט דעם נייעם קייסער, וועלכער האָט צווישן אַלע סאָלדאָטן אויסגעטיילט מתּנות. ער האָט געהעכערט די ראַנגען פֿון זיינע קריגספֿירער און גלייכצייטיק באַפֿוילן דעם סענאַט תּיכּף צו לאָזן אַרעס־טירן קוויעטוסן אויף דער באַשולדיקונג, אַז ער וויל מיט גוואַלט פֿאַר־כאַפּן דעם רוימישן טראָן, טראָץ דער „באַפֿירושער" צוואה פֿון טראַיאַן...

קוויעטוס איז געבראַכט געוואָרן קיין רוים אַ געשמידטער אין קייטן, און דער סענאַט, וואָס האָט געוואָלט געפֿינען חן אין די אויגן פֿון דעם נייעם קייסער, האָט קוויעטוסן פֿאַרמשפּט צום טויט און מ'האָט אים אַראָפּגעשניטן דעם קאָפּ מיט אַ שווערד.

אַזוי אַרום זיינען די יידן פּטור געוואָרן אויף איינמאָל פֿון צוויי אויסגעשפּראָכענע שונאים, פֿון קייסער טראַיאַן און פֿון זיין בלוטדורשטיקן פּראָקוראַטאָר לוציוס קוויעטוס.

דעם דאָזיקן טאָג — דאָס איז געווען צוועלף טאָג אין חודש אָדר — האָבן די יידן לכּבֿוד דעם דאָזיקן נס איינגעאָרדנט אַ יום־טובֿ, וואָס האָט געהייסן „יום־טראַיאַנוס" — דער טראַיאַן־טאָג...

אין די ערשטע צייטן, ווען אַדריינוס קייסער האָט איבערגענומען דעם רוימישן טראָן, איז געקומען אַ דערלייזונג צו די יידן. כאָטש אין די מערסטע יידישע משפּחות האָט מען געטרויערט נאָך די אומגעקומענע אין די בלוטיקע אויפֿשטאַנדן, האָט מען דאָך באַמיט זיך צו פֿאַרגעסן אין די שרעקלעכע טעג און מ'האָט זיך געווידמעט צוריק אויפֿצובויען דאָס יידישע לעבן.

יבֿנה האָט מער ניט עקזיסטירט. אין חורבות איז די דאָזיקע שטאָט פֿון תּורה געלעגן און אויף איר פּלאַץ האָט זיך איצט דאָס קול פֿון דער

תורה געלאָזט הערן אין אושה, וואוהין אַלע תּלמידי חכמים האָבן זיך פאַרזאַמלט.

אדרינוס קייסער איז געווען אַ געבילדעטער מענטש. ער האָט פיל יאָרן פאַרבראַכט אין גריכנלאַנד, וואו ער האָט געלערנט ביי די דעמאָלט גרעסטע גריכישע געלערטע. ער האָט שטאַרק אויך געהאַלטן פון די יידישע חכמים, פון זיי אַלע האָט ער געערט און מכבד געווען רבי יהושע בן חנניה און רבי עקיבא. ער פלעגט זיי אָפט איינלאַדן צו זיך קיין רוים, זיי זאָלן זיין זיינע געסט און ער פלעגט מיט זיי שמועסן און פרעגן ביי זיי פאַרשידענע קשיות.

דער נייער קייסער האָט געהאַט אין די ערשטע יאָרן פון זיין הער־שאַפט אַ שוואַכקייט צו דער יידישער אמונה און בכלל צו יידן. ער האָט זיך אַרומגעטראַגן אַפילו מיטן געדאַנק צוריק אויפצובויען דאָס בית המקדש און אויפריכטן די שטאָט ירושלים.

מען האָט זיך נאָכדערציילט פאַרשידענע שמועסן, וואָס ער האָט גע־פירט מיט רבי יהושע בן חנניה.

איינמאָל רופט זיך אָפּ דער קייסער אדרינוס צו רבי יהושען:

— איך בין גרעסער פון דיין רבין משה, וואָרים ער איז טויט און איך לעב...

האָט אים רבי יהושע דערויף געענטפערט:

— אויב דו ביסט גרעסער פון מיין רבי משה, לאָמיר זען, גיב דו אַרויס אַ גזירה, אַז מענטשן זאָלן דריי טעג נאָכאַנאַנד נישט אָנצינדן קיין פייער אין זייערע הייזער!

האָט דער קייסער זיך אָנגערופן:

— אוודאי קאָן איך דאָס באַווייזן.

און ער האָט תּיכּף אַרויסגעגעבן אַ גזירה, מען זאָל אין ערגעץ אין משך פון דריי טעג נישט אָנצינדן קיין פייער.

דעם זעלבן אָוונט, ווען די גזירה איז אַרויסגעגעבן געוואָרן, האָט רבי יהושע אַרויסגענומען דעם קייסער אדרינוס אויף אַ שפּאַציר איבער די גאַסן פון רוים. פלוצלינג דערזעען זיי אַ רויך אַרויסגיין פון אַ קוימען. האָט רבי יהושע צו אים זיך אָנגערופן:

— נאָ, זע, אַפילו ווען דו לעבסט נאָך, פאָלגט מען שוין נישט אויס דיינע באַפעלן, און אונדזער משה רבנו האָט מיט אַזוי פיל הונדערטער יאָרן צוריק אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, מיר זאָלן נישט אָנצינדן קיין פייער אום שבת, וועט ביז היינטיקן טאָג קיין שום ייד נישט וואָגן אָנטקעגנ־צושטעלן זיך דעם דאָזיקן פאַרבאָט...

אדרינוס האָט זיך פאַרשעמט און גאָרנישט געענטפערט.

אָן אַנדערש מאָל האָט ווידער אַדריַנוס געפרעגט ביי רבי יהושען:

— פאַרוואָס ווערט עפּעס אין די ערשטע פינף געבאָטן פון די עשרת הדברות יאָ דערמאָנט גאָטס נאָמען און אין די איבעריקע פינף געבאָטן ווערט שוין זיין נאָמען נישט דערמאָנט?

האָט רבי יהושע דערויף געענטפערט מיט אַ פראַגע:

— וואָס איז די מעשה, וואָס אומעטום, וואו מ׳גיט נאָר אַ ווענד מיטן אויג, שטייט אויסגעשטעלט דיין בילד, נאָר אין יענע ערטער, וואו דער מענטש דאַרף זיך אויסריינִיקן, דאָרט איז דיין בילד נישטאָ?

האָט אים דער קייסער געענטפערט דערויף:

— ווייל עס פּאַסט נישט, אַז אויף אַזאַ אומריין אָרט זאָל זיך געפינען מיין בילד.

האָט רבי יהושע זיך צעשמייכלט און געזאָגט:

— אויב דיר, אַ בשר ודם, פּאַסט נישט, טאָ ווי פּאַסט עס פאַר גאָט, אַז זיין נאָמען זאָל דערמאָנט ווערן אין די לעצטע פינף געבאָטן, וואו עס רעדט זיך וועגן נואפן, רצחנען, גנבענען, פאַלש עדות־זאָגן, גלוסטן צו יענעמס ווייב, וואָס דאָס זיינען די אומריינִיקייטן ביי מענטשן?...

אַדריַנוסן איז געפעלן געוואָרן דער ענטפער און ער האָט רבי יהושען זייער געלויבט פאַר זיין קלוגער תשובה. ער האָט זיך געפילט באַזיגט און פריינטלעך געדריקט זיין האַנט.

דאָס האָט אָבער נישט אָפּגעהאַלטן דעם קייסער, אַז ער זאָל ווידער און ווידער נישט פרעגן קיין קשיות.

איינמאָל האָט דער קייסער אַדריַנוס באַגעגנט רבי יהושען און פאַר־פירט מיט אים אַ וויכּוח וועגן גאָט, גיט אים אַדריַנוס אַ זאָג:

— איך וואָלט אָנגעהויבן גלויבן אין דיין גאָט, ווען דו זאָלסט מיר אים ווייזן, איך וויל בעסער מיט אים באַקאַנט ווערן...

האָט רבי יהושע איינגעשטימט דערויף און געזאָגט:

— גוט, דאָס איז אַ גאַנץ לייכטע זאַך דורכצופירן. אויב דו ווילסט זען מיין גאָט מיט דיינע אייגענע אויגן, קאָן איך דיר אים ווייזן.

האָט רבי יהושע גענומען דעם קייסער — עס איז דעמאָלט געווען אַ הייסער תמוז־טאָג — און אים אַרויסגעפירט אויפן אָפענעם פעלד און געזאָגט צו אים:

— גיב איצט אַ קוק אויף דער זון!

ענטפערט אים דער קייסער, אַז ער קאָן דאָס ניט טאָן, ווייל די זון בלענדט אים שטאַרק אין די אויגן.

— איצט שטעל דיר פאָר — האָט רבי יהושע מיט אַ פריינטלעכן שמייכל צו אים אויסגערופן — אויב דו קאָנסט נישט קוקן אין די אויגן

פון דעם קלענסטן דינער פון גאָט, ווי אַזוי נעמסטו דיך אונטער צו קוקן גאָט אַליין אין די אויגן אַריין?!...

אָט די אַלע מעשיות האָבן זיך אַרומגעטראָגן צווישן פאָלק און זיי האָבן געזען אין דעם נייעם קייסער אַ דערלייזונג פאַר זייערע צרות און פּיין, וואָס זיי האָבן ביז איצט געליטן.

נייע האָפענונגען האָבן זיך ביי יידן אויפגעוועקט. עס איז אַרומגעגאַנגען אַ קלאַנג, אַז אדרינוס האָט באַשלאָסן אויף אַן אמת צוריק אויפצובויען דאָס בית־המקדש און די יידן געבן אַ געוויסע זעלבסטשטענדיקע מלוכה.

די אַלע קלאַנגען זיינען אין אַ געוויסער מאָס געווען אמת. אדרינוס האָט איבערגענומען פון טראַיאַנען אַ שווערע ירושה. ער האָט געהאַט אויפגעהעצט קעגן רוים דעם גאַנצן מזרח, וואו נישט ווייניק בלוט האָט זיך געגאָסן סיי פון די דאָרטיקע יידן און סיי פון דער געצנדינערישער באַפעלקערונג, און דאָס האָבן זיי דאָרט אַזוי שנעל נישט געקאָנט פאַרגעסן.

מען האָט געדאַרפט זיין זייער קלוג און אויסגערעכנט די אַלע בייזע בלוטן צו צוימען און צו פאַרגלעטן. אָט דאָס איז געווען איינע פון די סיבות, צוליב וואָס אדרינוס האָט אַרויסגעוויזן אַזאַ גוטהאַרציקייט און פריינטשאַפט צו די יידן, מיט וועלכע ער האָט זיך געמוזט רעכענען אַלס אַ כוח. ער האָט געטראַכט, אַז מיט גוטן וועט ער מער אויפטאָן ווי מיט בייזן, ווי מיט שטענדיקן בלוט פאַרגיסן.

דאָס איז אויך געווען איינע פון די סיבות, פאַרוואָס ער האָט אַזוי ברוטאַל באַזייטיקט קוויעטוסן אַלס רוימישן פאַרשטייער אין יהודה.

אַ חוץ דעם האָט אדרינוס געהאַט אַ ליידנשאַפט צו בויען נייע שטעט, האָט ער דעריבער זיך איצט גענומען ווידמענען אויפצובויען דאָס לאַנד פון יהודה. אָבער שטיל ביי זיך אין האַרצן האָט ער געהאַט גאָר אַנדערע געדאַנקען. ער וועט טאַקע אויפבויען יהודה, אָבער נישט פאַר די יידן, נאָר פאַר דער רוימישער אימפּעריע.

צווישן די יידן האָט ער אָבער צייטווייליק געפונען אַנהענגער, זיי האָבן געגלויבט אין זיינע שיינע רייד. פיל האָבן אים פאַרגליכן צו כורש מלך פּרס, וועלכער האָט די פאַרטריבענע יידן אין בבל דערלויבט צוריק אומצוקערן זיך קיין ירושלים, אויפבויען דאָס בית־המקדש און צוריק אויפשטעלן אַ יידישע מלוכה.

אָט די דאָזיקע לייכט־גלויביקע יידן זיינען זיכער געווען, אַז זייער חלום פון אַן אומאָפּהענגיק ארץ־ישראל וועט באַלד פאַרווירקלעכט ווערן.

בלויז איין רבי עקיבא האָט געהאַלטן אַ וואָך אויג. ער, וועלכער איז געוועזן נאָענט פון אדרינוסן, אָפט מיט אים שמועסן געהאַט, האָט געקאָנט אַרויספילן דעם ריכטיקן אמת, אַז אדרינוס האָט גאָר די יידן נישט אין זינען, ער האָט בלויז אין זינען די אינטערעסן פון דער רוימישער אימפעריע.

רבי עקיבאן האָט אָבער אין די טעג, ווען ער האָט געדאַרפט ווידמענען זיין גאַנצע קראַפט און ענערגיע אויסצושמידן אַ פעסטע אייניקייט צווישן אַלע פאַרשווערונגס־גרופן אין לאַנד, ווי אויך מחוץ דעם לאַנד פון יהודה, געטראָפן אַ שווער אומגליק. רחל, רבי עקיבאס געטריי ווייב, וועלכע איז שוין זינט אַ לענגערער צייט שווער קראַנק געווען, האָט אויסגעהויכט איר הייליקע נשמה.

פאַרן טויט האָט זי צוגערופן איר מאַן און, נעמענדיק זיין האַנט אין אירער, האָט זי אים געדאַנקט פאַר זיין אַרויסגעוויזענער ליבע צו איר, פאַר זיין פאָלגן איר עצה און גיין לערנען. אַזוי ווי אַ ליכט פאַרן אויס־צאַנקען גיט נאָך אַ שפּריץ אַרויף איר לעצט פלעמל, אַזוי האָבן רחלס אויגן פאַר דעם לעצטן מאָמענט נאָך אויפגעלויכטן און דאָס גאַנצע לעבן איז איר אַ שוועב פאַרביי געטאָן דורכן מוח. זי האָט אין דער לעצטער רגע דערזען דעם גליקלעכן טאָג, ווען זי האָט עקיבאן צום ערשטן מאָל באַמערקט אויפן פעלד הינטער רמלה. דאָס פנים האָט זיך איר לייטזעליק צעשמייכלט, אַזוי אַז רבי עקיבאן מיט די קינדער האָט זיך אויסגעוויזן, אַז עס איז איר געוואָרן בעסער, אָבער מיט אַ רגע שפּעטער האָט זי אָנגעהויבן גוססן און זי האָט אויסגעהויכט איר הייליקע נשמה.

מיט הייסע טרערן האָט זי רבי עקיבא באַקלאָגט, באַקלאָגט האָבן זי ביטער אירע קינדער און דאָס גאַנצע יידישע פאָלק האָט געוויינט נאָך איר טויט. וואָרים רחל איז געווען באַליבט איבערן גאַנצן לאַנד און זי איז געווען אַ ביישפּיל פאַר אַנדערע פרויען.

עס האָבן זי מספּיד געווען די גרעסטע חכמים פון יהודה און גליל, וועלכע האָבן געליבט אירע גרויסע מעשים און דעם גרויסן חלק, וואָס זי האָט אין רבי עקיבאס אויסגעקליבענעם וועג. רבי עקיבא אַליין האָט גערעדט וועגן איר אויפן קבר און געזאָגט פאָלגנדע לויב־ווערטער וועגן איר:

„אין שטאַרקייט און פּראַכט איז זי אָנגעקליידט געווען און צעשמייכלט איז געווען איר פנים ביזן לעצטן טאָג. ווען זי האָט געעפנט איר מויל, האָט עס געשפּרודלט מיט חכמה און לייטזעליקע רייד זיינען שטענדיק געווען אויף איר צונג. זי האָט געוואַכט געטריי איבער איר הויז און דאָס ברויט פון פוילקייט נישט געגעסן. זיינען דערפאַר אויפגעשטאַנען אירע

זין און זי געלױבט, איר מאַן האָט זי דערפֿאַר געריטמט. פֿיל יידישע טעכ־טער זיינען באַקאַנט מיט איר גוטסקייט, אָבער זי איז אַלעמען איבער־געשטיגן. פֿאַלש איז דער חן און נישטיק איז די שיינקייט; די פֿרוי, וואָס האָט מורא פֿאַר גאָט, ווערט בלויז געלױבט. שענקט איר די פֿרוכטן פֿון אירע הענט און לויבט זי אומעטום פֿאַר אירע גוטע טאָטן!...״

לאַנג האָט זיך רבי עקיבא נישט געקאַנט באַרואיקן און טרייסטן. ער איז געבליבן פֿאַריתומט, נישט פֿילנדיק מער די געטרייע האַנט פֿון זיין ווייב. אָבער רבי עקיבאן איז באַשערט געווען אויסצוטרינקען דעם ביטערן כּוס ביזן סוף, און גאַר אינגיכן איז אויך זיין קראַנקער זון רבי שמעון געשטאָרבן.

רבי שמעון בן רבי עקיבא איז געווען באַרימט איבערן גאַנצן לאַנד פֿאַר דער שאַרפֿקייט פֿון זיין געדאַנק, איידעלן גייסט און גרויסער גע־לערנטקייט. שוין פֿון אַ לענגערער צייט איז ער קראַנק געווען און געלעגן אין בעט, אָבער דאָך האָט ער נישט אויפֿגעהערט צו לערנען ביז זיין לעצטן אָטעמצוג.

ווען ער איז געשטאָרבן, זיינען אַן אַ צאָל מענטשן געקומען טרייסטן רבי עקיבאן.

מ׳האָט זיך דערנאָך דערציילט איינער דעם אַנדערן, ווי אַזוי רבי עקיבא, וועלכער האָט אויף קיין איין מינוט זיך נישט געוואָלט שיידן מיט זיינע תּלמידים אין בית המדרש און נישט געוואָלט זיך אָפּרייסן פֿון לערנען, האָט זיך פֿעסט געהאַלטן בעת זיין זונס שווערער קראַנקהייט.

ער פֿלעגט בלויז צייט־צו־צייט שיקן שלוחים, כּדי געוואָר צו ווערן, ווי עס האַלט מיטן חולה.

קומט דער ערשטער שליח מיט אַ ידיעה, אַז עס האַלט גאַר שלעכט.

— לאָמיר ווייטער לערנען! — רופֿט אויס רבי עקיבא צו זיינע תּלמידים.

קומט צו לויפֿן אַ צווייטער שליח און זאָגט־אָן די שלעכטע בשורה:

— עס איז ערגער געוואָרן...

רבי עקיבא איז ווייטער געזעסן און געלערנט מיט זיינע תּלמידים.

איז געקומען אַ דריטער שליח און זאָגט:

— רבי, אייער זון רבי שמעון גוססט!

— לערנט ווייטער! — האָט רבי עקיבא אויסגערופֿן.

אינדעם קומט־אָן אַ פֿערטער שליח מיט דער ביטערער בשורה:

— רבי, אייער זון האָט אויסגעהויכט זיין הייליקע נשמה!

ערשט דעמאָלט איז רבי עקיבא אויפֿגעשטאַנען, אויסגעטאָן די תּפֿילין, צעריסן אויף זיך די קליידער און געזאָגט:

—ביז אַהער איז נאָך געלעגן אויף אונדז דער חוב צו לערנען, איצט זיינען מיר מחויב אָפּצוגעבן כבוד המת.

האָט זיך צונויפגעקליבן אַ גרויסער עולם אויף דער לוויה פון רבי עקיבאס זון און מ׳האָט אים געמאַכט אַ גרויסן הספד. פאַר דעם עולמס צעגיין זיך, האָט זיך רבי עקיבא אַרויפגעשטעלט אויף אַ הויכער באַנק און אויסגערופן:

— יידן־ברידער, הערט מיך אויס. אפילו מיין זון וואָלט געווען גע־שטאָרבן אַ חתן, וואָלט איך געווען געטרייסט געווען דורך דעם כבוד, וואָס איר האָט אים אָנגעטאָן. איר האָט עס געטאָן נישט דערפאַר, וואָס איך בין אַ וואוילגעלערנטער — דאָ געפינען זיך פיל מער געלערנטערע פון מיר; נישט ווייל איך בין רייך, האָט איר דאָס געטאָן, וואָרים עס זיינען דאָ פיל רייכערע פון מיר. מילא די דרום־לייט קענען רבי עקיבאן, אָבער די גליל־לייט פון וואַנען קענען אים? זאָל זיין, אַז די מענער קענען אים, אָבער ווייבער און קינדער פון וואַנען קענען רבי עקיבאן? אויב אָבער איר זייט גלאַט געקומען צוליב עקיבאן, וויפיל אַזעלכע עקיבאס האָט איר דאָס אין מאַרק?... איך ווייס אָבער, אַז דאָס וואָס איר האָט זיך געגעבן די מי און איר זייט אַלע אַהערגעקומען, איז עס נאָר צוליב דער מצווה און צוליב דעם כבוד פון דער תורה: „גאָטס תורה איז ביי אים אין האַרצן" — און טאַקע דערפאַר איז אייער פאַרדינסט נאָך טאָפּל גרעסער. יאָ, איך בין געטרייסט, גייט אַהיים אין פרידן!

אַ גרויסער ווייטיק איז ביי רבי עקיבאן געבליבן אין האַרצן נאָך די דאָזיקע צוויי גרויסע פאַרלוסטן. ער האָט זיך אינגאַנצן געענדערט, פיל עלטער געוואָרן. די האָר פון קאָפּ זיינען ביי אים אויסגעקראָכן און מ׳האָט אים אונטער די אויגן אָנגעהויבן רופן דער „קורח", דער פליך... דער צווייטער זון זיינער, רבי יהושע, וועלכער איז געווען אַ גרויסער תלמיד חכם, האָט מען צוליב דעם טעם גערופן מיט דעם צונאָמען: רבי יהושע בן קרחה, און ביי מענטשן האָט עס געדינט ווי אַ פיינער וואָרטשפּיל: רבי עקיבא האָט נעמלעך אַמאָל געוואוינט אין דעם דאָרף „קרחה", האָט מען דעריבער נישט געוואוסט, צוליב וואָס מען רופט אַזוי זיין זון, צי צוליב דעם דאָרף מיט דעם זעלבן נאָמען, צי צוליב דעם, וואָס דער גרויסער טאַטע זיינער האָט באַקומען אַ פליך...

רבי עקיבא האָט, כדי זיך צו טרייסטן אין זיינע גרויסע עגמת נפש, זיך אַריינגעוואָרפן מיט נאָך מער אימפּעט אין די ענינים פון צדקה. ער האָט ווידער געזאַמלט פיל געלט, אַרומגעפאָרן איבער שטעט און לענדער. אָבער זינט די בלוטיקע אויפשטאַנדן זיינען פאָרגעקומען און אַזוי פיל

יידן זיינען אומגעבראַכט געוואָרן, האָט ער נישט געקאָנט מער צונויפֿקלייבן אַזויפֿיל געלט, אין וויפֿיל ער האָט זיך גענויטיקט.

דערציילט מען אַ שיינע לעגענדע, ווי אַזוי רבי עקיבאַן איז געלונגען צו באַקומען אַ גאַר גרויסע סומע געלט פֿאַר זיינע אָרעמע לייט.

רבי עקיבא, נויטיקנדיק זיך אין געלט, האָט ער זיך געווענדט צו אַ רייכער רוימישער מאַטראָנע, וועלכע ער האָט נאָך געקענט פֿון רוים און האָט איצט געוואוינט אין קיסריה, אַז זי זאָל אים אויסבאָרגן אַ גרויסע סומע געלט, וואָס ער נעמט זיך אונטער איר אָפּצוצאָלן ביז אַ געוויסער דאַטע.

רופֿט זיך צו אים אָפּ די מאַטראָנע:

— ווער וועט מיר גאַראַנטירן, אַז דו וועסט מיר אָפּצאָלן דעם חוב אין דער צייט?

ענטפֿערט איר רבי עקיבא:

— וועמען דו ווילסט, וועל איך דיר צושטעלן, ער זאָל דיר גאַראַנ־טירן.

זאָגט צו אים די מאַטראָנע, וועלכע איז געווען אַביסל אָנגעשטעקט מיט יידישקייט:

— זאָל זיין גאָט און דער ים!...

איר רייכער פּאַלאַץ איז נעמלעך געשטאַנען לעבן ברעג פֿון ים.

ענטפֿערט איר רבי עקיבא:

— איך באַשטיי אויף די דאָזיקע צוויי גאַראַנטירער.

דאָס געשעפֿט איז געוואָרן געשלאָסן און זי האָט אים געגעבן הונ־דערט טויזנט גאָלדענע רענדלעך.

רבי עקיבא האָט גענומען דאָס געלט, וואָס ער האָט געבאָרגט ביי דער מאַטראָנע, אויסגעטיילט צווישן די אָרעמע לייט און זיי דערמיט ממש געראַטעוועט פֿון הונגער; אַ טייל געלט האָט ער אויסגעליען צו ווייניק־פֿאַרמעגלעכע און זיי האָבן מיט די הלוואות פֿאַרגרעסערט זייערע געררט־נער אָדער האָבן געהאַנדלט מיט פֿאַרשידענע סחורות. די דאָזיקע הלוואות זיינען אומגעקערט געוואָרן צו רבי עקיבאַן מיט עטלעכע חדשים שפּעטער. ער האָט אויך גענומען ביי רייכע יידן געלט אויף צדקה־צוועקן. מיט עטלעכע טעג פֿאַר דער דאַטע האָט רבי עקיבא שוין געהאַט דאָס געלט ביי זיך גרייט, כּדי עס צו דער צייט אָפּצוגעבן דער רוימישער מאַטראָנע.

פּלוצים איז אָבער רבי עקיבא קראַנק געוואָרן, ער האָט באַקומען אַ שווערן פֿיבער און ער האָט זיך געלייגט אין בעט אַריין, פֿאַרלירנדיק דאָס באַוואוסטזיין.

ווען עס איז געקומען דער טאָג פֿון צאָלן דעם חוב, האָט די רוימישע מאַטראָנע געוואַרט ביי זיך אין פּאַלאַץ אויף רבי עקיבאָן, ער זאָל אָפּ־ברענגען דאָס געליענע געלט.

עס איז געוואָרן מיטאָג און דער יידישער געלערנטער איז נאָך נישטאָ. די זון האָלט שוין ביים אונטערגיין — און מען זעט נישט רבי עקיבאָן. זי וואַרט, אפשר וועט ער צושיקן אַ שליח מיט דעם געלט. אָבער עס קומט אויך נישט קיין שליח.

איז די מאַטראָנע אַרויסגעגאַנגען פֿון איר שטוב און זיך דערנעענ־טערט צום ברעג פֿון ים, וואו זי האָט געוואוינט.

— גרויסער גאָט פֿון ישראל — האָט זי דאָן אויסגערופֿן — איך האָב געגלויבט, ווען איך האָב דיך אויסגעקליבן זאָלסט ערב־זיין פֿאַרן אויס־געליענעם געלט צו רבי עקיבאָן, אַז דו וועסט מיר דאָס געלט אָפּגעבן. צי זאָל איך האָבן פֿאַלש געגלויבט? גיב אַ באַפֿעל צום ים, ער זאָל מיר דעם חוב תּיכּף אומקערן!

אין דעם אויגנבליק, ווי נאָר זי האָט אַרויסגערעדט די דאָזיקע ווער־טער, האָט זי אויפֿגעהויבן איר בליק אויפֿן צעצונדענעם ים פֿון זון־אונ־טערגאַנג און זי האָט דערזען, ווי אַ שיין קעסטעלע, אַרומגעשמידט פֿון אויסנווייניק מיט גאָלד, איז צוגעשוואומען צום ברעג און געבליבן ליגן ביי אירע פֿיס.

די מאַטראָנע האָט זיך אַראָפּגעבויגן און געוואָלט אויפֿהויבן דאָס קעסטעלע, אָבער זי האָט עס נישט געקאָנט אַ ריר טאָן פֿון אָרט, אַזוי שווער איז דאָס קעסטעלע געווען.

איז זי צוריק אַהיימגעגאַנגען, גענומען צוויי שקלאַפֿן מיט זיך און זיי האָבן דאָס קעסטעלע אַלע דריי קוים מיט גרויסער מי אַהיימגעשלעפּט און געבראַכט אין איר פּאַלאַץ.

זיי האָבן לאַנג געאַרבעט ביי דעם קעסטעלע, איידער זיי האָבן עס געקאָנט עפֿענען. ווען זיי האָבן ענדלעך דאָס קעסטעלע געעפֿנט, האָבן אַ בלישטש געטאָן פֿאַר אירע אויגן פֿיל טייערע איידלשטיינער, גאָלד און בריליאַנטן, וואָס זיינען ווערט געווען אַ סך מער ווי די הונדערט טויזנט גאָלדענע רענדלעך, וואָס זי האָט אויסגעבאָרגט צו רבי עקיבאָן.

— האָסט מיר געוויזן, גאָט, אַ גרויס וואונדער! — האָט די רוימישע מאַטראָנע אויסגערופֿן מיט אַנטציקונג — זאָל געבענטשט זיין דער נאָמען פֿון גאָט פֿון ישראל.

ווען רבי עקיבא איז געזונט געוואָרן, איז ער גלייך אַוועקגעגאַנגען צו דער מאַטראָנע און איר אָפּגעבראַכט דאָס אויסגעבאָרגטע געלט. בעטנ־

דיק, אַז זי זאָל אים מוחל זיין פֿאַר דער גרויסער פֿאַרשפּעטיקונג, וואָרים ער איז געפֿערלעך קראַנק געווען.

רופֿט זיך אָפּ די מאַטראָנע צו רבי עקיבאן:

— קאָנסט דיר האַלטן דאָס געלט, ווייל איך האָב מיין חוב אָפּגע־נומען כפל־כפלים. ווען כ׳האָב געזען, אַז דו קומסט נישט, און נישט וויסנ־דיק, אַז דו ביסט קראַנק, האָב איך מיך געווענדט צו גאָט און צום ים, וועלכע האָבן פֿאַר דיר ערב־געווען אָפּצוגעבן די הלוואה, און דער ים האָט מיר אויסגעצאָלט פֿיל מער וויפֿיל דו ביסט מיר שולדיק געווען. איצט נעם ביי מיר צוריק דאָס איבעריקע גאָלד און די טייערע שטיינער, וועלכע געהערן צו דיר. מער פֿון דעם חוב, וואָס ביסט מיר געקומען, וויל איך נישט געניסן — און זי האָט אים דערלאַנגט דאָס קעסטעלע מיט די רעשט געלט.

אַזוי אַרום האָט רבי עקיבא אַריינגעקראָגן אין זיין רשות מיט איינמאָל אַ ריזיקע סומע געלט, גאָלד, זילבער און טייערע איידלשטיינער. דאָס אַלץ האָט ער אָדער איינגעטיילט צווישן די אָרעמעלייט, אָדער אָפּגעלייגט אָן אַ זייט פֿאַר דער באַוואָפֿענונג פֿון די יונגעלייט פֿון דער פֿאַרשווערונגס־פּאַרטיי אין גאַנץ יהודה און גליל.

רבי עקיבא האָט נעמלעך פֿאַרויסגעזען, אַז פֿון דעם כיטרען אַדריינוס, כאָטש ער ווייזט אַרויס סימפּאַטיעס צו יידן און איז מכבד די יידישע תּלמידי־חכמים, איז קיין גוטס נישט צו דערוואַרטן.

⁂

מיטאַמאָל האָט זיך איבער גאַנץ יהודה און גליל פֿונאַנדערגעטראָגן דער קלאַנג, אַז אדריינוס קייסער הויבט־אָן צו בויען דאָס בית־המקדש. באַלד אינגיכן איז דער דאָזיקער קלאַנג פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין ווירק־לעכקייט. מ׳האָט אָנגעהויבן צופֿירן פֿאַרשידענע בוי־מאַטעריאַלן. עס האָבן אָנגעהויבן קומען אַרבעטער פֿון אַלע ווינקלען פֿון לאַנד. אויך פֿון רוים האָט אַדריינוס אַראָפּגעשיקט ספּעציאַליסטן בעלי־מלאכות, און די בוי־אַרבעט פֿון בית־המקדש האָט זיך אָנגעפֿאַנגען.

אַ געוואַלדיקע פֿרייד האָט אויפֿגעשטורעמט צווישן די יידן אין לאַנד און מחוץ דעם לאַנד. עס זיינען געווען פֿיל תּנאים, וועלכע האָבן געהאַלטן, אַז עס קומען אָן גוטע צייטן פֿאַר יידן, דאָס יידישע פֿאָלק וועט צוריק אויפֿגעריכט ווערן, ירושלים וועט ווערן אויפֿגעבויט, דאָס בית־המקדש באַנייט. אַ פֿריי לעבן וועט זיך אָנהויבן אַ דאַנק דעם לייטזעליקן קייסער אַדריינוס, וועגן וועלכן מ׳האָט שוין געשמועסט אין די הייזער, אַז ער

גייט אָנגעמען דאָס יידישע גלויבן, וואָרים ער חברט זיך מיט יידישע חכמים און לערנט ביי זיי די געזעצן פֿון דער תורה.

— אַ צווייטער כורש איז אויפֿגעשטאַנען!... — האָט מען גערעדט וועגן דעם קייסער אַדריינוס — ער וועט אויפֿבויען דאָס לאַנד פֿון יהודה און עס וועלן באַנייט ווערן אונדזערע טעג ווי אַמאָל!

פֿאַרשידענע לעגענדעס און מעשיות האָט מען זיך שטילערהייט, אין בין־השמשותן, דערציילט אין די בתי־מדרשים. עס זיינען געווען אַפֿילו אַזעלכע, וואָס האָבן זיך בסוד איבערגעגעבן פֿון אויער צו אויער, אַז אַדריינוס־קייסער האָט זיך איבערגעבעטן מיט זיין שוועסטערן־זון אונקלוס, און אַז ער גייט זיך טאַקע מגייר זיין. אַ סימן, ער האָט באַפֿוילן אויפֿצוריכטן גאָטס הייליקע הויז.

אַנדערע ווידער האָבן אויסגעדריקט זייער מיינונג אויף אַ פֿאַרקערטן אופֿן — אַז אַדריינוס־קייסער איז אַ פֿאַלשער מענטש און אַ מלך רשע; אַלץ וואָס ער טוט, טוט ער בלויז פֿאַר זיך. ער האָט נאָר איינס אין זינען: צו פֿאַרגרעסערן די רוימישע מלוכה. מיט זיין באַפֿעל אויפֿצובויען צוריק דאָס חרובע בית־המקדש, איז ער בלויז אויסן צו פֿאַרבלענדן די אויגן פֿון די לייכטגלויביקע.

אָט מיט אַזעלכע שמועסן זיינען דעמאָלט פֿאַרנומען געווען די תלמידי־חכמים אין די בתי־מדרשים. עס האָבן זיך בולט אונטערשיידט צוויי פֿאַרשידענע צדדים — אַנהענגער פֿון רוים און קעגנער. די ערשטע האָבן אַלע זיינע רייד אָנגענומען פֿאַר אַ גוטע מטבע און די אַנדערע האָבן די אַלע גוטע צוזאָגן פֿון רוימישן קייסער געהאַלטן פֿאַר פֿאַלש און כיטרע.

די לעצטע זיינען געווען פֿון רבי עקיבאס שניט. רבי עקיבא, ווען ער האָט שוין אַפֿילו געזען מיט זיינע אייגענע אויגן דאָס אַלץ, וואָס אַדריינוס האָט אויפֿגעטאָן אין לאַנד פֿון יהודה און אַז ער האָט זיך ערנסט גענומען צום בויען דאָס בית־המקדש, האָט ער זיין מיינונג וועגן אים נישט געענדערט.

און רבי עקיבא איז געווען גערעכט... מיטאַמאָל האָט אַדריינוס קייסער אַרויסגעגעבן אַ באַפֿעל אָפּצושטעלן די אַרבעט. ער האָט פֿאַרגעלייגט פֿאַר די יידישע פֿירער, אַז ער וויל טאַקע אויפֿבויען דאָס בית־המקדש פֿאַר יידן, אָבער אויף אַ צווייטן פּלאַץ, נישט דאָרטן, וואו ער איז געשטאַנען.

עס האָבן נישט געהאָלפֿן די אַלע טענות פֿון די יידישע חכמים, אַז דאָס דאָזיקע אָרט איז פֿאַר יידן הייליק און זיי וועלן פֿאַר קיין שום פֿאַרמעגן אין דער וועלט נישט איינגיין אָנצונעמען אַן אַנדערן פּלאַץ ווי נאָר דעם הר־הבית — האָט מען ביי אדריינוסן דאָס נישט געקאָנט פּועלן.

שפעטער איז מען געוואָר געוואָרן די סיבה פֿון זיין פּלוצימדיקער ענדערונג.

די שומרונים, וועלכע זיינען געווען שונאים פֿון די יידן און האָבן פֿון בית המקדש אין ירושלים קיינמאָל נישט געהאַלטן, ביי זיי איז גאָר פֿאַרהייליקט געווען דער באַרג גריזים, אויף וועלכן זיי האָבן אויפֿגעבויט זייער אייגן בית המקדש, האָבן צוגעטראָגן אַ מסירה צום קייסער אַדרינוס, אַז די יידן גרייטן זיך צו אַן אויפֿשטאַנד און אַז זיי ווילן זיך אָפּרייסן פֿון רוים. עס טויג בכלל נישט, האָבן זיי געזאָגט אין זייער מסירה, פֿאַר דער רוימישער אימפּעריע, אַז די יידן זאָלן גייסטיק געשטאַרקט ווערן. זיי האָבן איבערצייגט דעם קייסער אַדרינוס, אַז מיט דעם צוריקאויפֿבויען פֿון ירושלים און דאָס בית־המקדש, וועט דערמיט געשטאַרקט ווערן פֿאַ־ליטיש דאָס יידישע פֿאָלק.

אַדרינוס האָט זיך דערשראָקן פֿאַר די דאָזיקע דראָאונגען מצד די שומרונים, וועלכע זיינען אויסן געווען בלויז זייער אייגענע טובה, וואָרים זיי האָבן שטאַרק מורא געהאַט פֿאַר דער יידישער אומאָפּהענגיקייט — און ער האָט, פּונקט אַזוי פּלוצלינג ווי ער האָט באַפֿוילן אויפֿצובויען דאָס בית המקדש, אויך אַזוי פּלוצלינג באַפֿוילן דאָס בויען אָפּצושטעלן.

דאָס האָט אַרויסגערופֿן אַ גרויסע אַנטוישונג צווישן די יידן אין יהודה און גליל און עס האָט אָנגעהויבן ברויזן אין לאַנד מיט רעוואָלט. איבערהויפּט האָט זיך די יוגנט אין גליל באַוואָפֿנט, און אונטערן איינ־פֿלוס פֿון רבי עקיבאַן, וועלכער האָט אין געהיים באַזוכט די פֿאַרשווע־רונגס־גרופּן און אָנגעצונדן זייערע הערצער מיט פֿייער פֿון אויפֿשטאַנד, האָבן זיי ממש געפֿיבערט מיט האַס צו די רוימער.

דאָס אָפּנאַרן פֿון קייסער אַדרינוס, זיינע פֿאַלשע צוזאָגן צוריק אויפֿ־צובויען ירושלים האָט אָנגעפֿילט די הערצער פֿון דער יידישער יוגנט מיט ביטערקייט און שנאה צו אַלץ, וואָס איז נאָר געווען רוימיש. אין טייל ערטער פֿון גליל האָבן די יידישע פֿויערים אַפֿילו זיך אָפּגעזאָגט צו צאָלן די געוויינלעכע שטייערן און עס איז אָפֿט געקומען צו בלוטיקע געשלעגן צווישן די שטייערן־אויפֿמאָנער און דער אָרטיקער פֿויערישער באַפֿעלקערונג.

יעדן טאָג האָט מען זיך געקאָנט ריכטן, אַז דער שטורעם זאָל אויס־ברעכן. אָבער דאָ האָט זיך אַריינגעמישט דער פֿרידלעך־געשטימטער רבי יהושע בן חנניה, וועלכער איז דאַן געווען דער נשיא אויפֿן אָרט פֿון רבן גמליאל, און ער האָט צונויפֿגערופֿן פֿאַרזאַמלונגען און גערעדט צו דעם אויפֿגעברויזטן המון רייד פֿון שלום. ער האָט זיי באַרואיקט, נאָכגעזאָגט פֿאַר זיי דאָס ווערטל פֿון רבי חנינא סגן הכהנים: „זאָלסט בעטן פֿאַרן

פֿרידן פֿון מלכות, וואָרים ווען ניט די מורא פֿאַר מלכות, וואָלט איינער דעם אַנדערן לעבעדיקערהייט איינגעשלונגען!..."

און איינמאָל, ווען ער האָט זיך דערוואוסט, אַז אין בית־רמון, אין עמק יזרעאל, האָט זיך אויפֿגעזאַמלט אַ גרויסע באַוואָפֿנטע מחנה יידן, וואָס גרייט זיך איבערצופֿאַלן די רוימער, איז ער אַוועק אַהינצו און גע־נומען אויפֿווייזן די מורדים די גאַנצע זינלאָזיקייט פֿון זייער פּלאַן. און כדי צו באַאיינפֿלוסן דעם המון, האָט ער זיי דערציילט אַזאַ משל: „דער מעכטיקער לייב האָט אַמאָל, פֿאַרצוקנדיק זיין רויב, אַנגעהויבן זיך ווערגן מיט אַ ביין. ער האָט דאַן גערופֿן אַלע חיות און פֿייגל און צוגעזאָגט גוט צו באַלוינען דעם יעניקן פֿון זיי, וועמען עס וועט אַרויסציען ביי אים דעם ביין פֿון האַלדז.

„ווען דער שטאָרך האָט דאָס דערהערט, איז ער תּיכּף געקומען צו פֿליען צום זיך ווערגנדיקן לייב, אַריינגעשטעקט זיין לאַנגן שנאָבל אים אין האַלדז אַריין און אַרויסגעצויגן דעם ביין. ווען דער שטאָרך האָט דערנאָך, לויטן צוזאָג פֿון לייב, געפֿאָדערט זיין באַלוינונג פֿאַר דער טרחה, האָט דער לייב מיט חוזק פֿון אים זיך אויסגעלאַכט און געזאָגט: „זיי גליקלעך, וואָס האָסט געהאַלטן דיין קאָפּ אין מיין מויל און ביסט אַרויס אַ גאַנצער!...

„אויך מיר — האָט רבי יהושע בן חנניה צוגעגעבן — דאַרפֿן צו־פֿרידן זיין, וואָס אַריינפֿאַלנדיק אין די הענט פֿון דער דאָזיקער רוימישער חיה, זיינען מיר ביז איצט נאָך געבליבן גאַנץ..."

אַדריאַנוס האָט ווייטער אָנגעפֿירט מיט זיין אָפּנאַרערישער פּאָליטיק. נאָך אַ שטיקל צייט פֿון אָפּשטעלן די אַרבעט ביי דער בויאונג פֿון בית־המקדש, האָט ער ווידער געלאָזט פֿאַרזעצן די אַרבעט. ירושלים איז אין אַ שנעלן טעמפּאָ אָפּגעבויט געוואָרן. עס זיינען איבער נאַכט אויסגעוואַקסן גאַסן און פּרעכטיקע גערטנער. אָבער געבויט האָט ער דאָס אַלץ אויפֿן געצנ־דינערישן שטייגער. ער האָט געלאָזט אויפֿשטעלן פֿיל טעמפּלען פֿאַר די רוימישע געטער, צירקן און טעאַטערן, און וואָס אַמאָל מער האָט ער אָנגעהויבן באַזעצן די יידישע הייליקע שטאָט מיט פֿרעמדע פֿעלקער, איבערהויפּט מיט אויסגעדינטע רוימישע סאָלדאַטן, אַזוי אַז ירושלים האָט ביסלעכווייז אָנגעהויבן פֿאַרלירן איר יידישן כאַראַקטער.

אדריאנוס האָט געהאַט זיין באַזונדערן מיין דערביי. ער האָט די שטאָט ירושלים, וואָס האָט זיך געפֿונען אויף אַ באַרג, געוואָלט פֿאַרוואַנדלען אין אַ מעכטיקער רוימישער פֿעסטונג און זיין גרעסטער חלום איז געווען: אויפֿן פּלאַץ וואו דאָס בית־המקדש איז געשטאַנען, אויפֿצושטעלן אַ ריזיקן טעמפּל פֿאַרן אָפּגאָט „יופּיטער". ער האָט עס אָבער נאָך ניט געוואָגט עפֿנטלעך צו טאָן.

⁂

אַ מאָראַלישן קלאַפּ האָט דער קייסער אדרינוס דעמאָלט געקראָגן פֿון זיין אייגענעם שוועסטערן־זון עקילס, אָדער ווי מ'האָט אים אויך אָראַמיש גערופֿן אונקלוס, וועלכער האָט אָנגענומען דאָס יידישע גלויבן.

מערקווירדיק איז, וואָס דווקא אין אַ צייט, ווען דאָס יידישע פֿאָלק איז געווען אונטערדריקט און זיין זעלבסטשטענדיקייט איז געווען פֿאַרלוירן, דאָס לאַנד פֿאַרוויסט און דער שונא האָט געטאָן וואָס ער האָט געוואָלט; אין אַ צייט, ווען אַלע געצנדינער פֿון די אַרומיקע פֿעלקער האָבן מיט שפּאָט געטענהט, אַז דער גאָט, צו וועלכן די יידן דינען, האָט זיי אַוועקגעוואָרפֿן — גראָד דעמאָלט זיינען צו דער יידישער אמונה צוגעקומען מענטשן פֿון העכסטן שטאַנד צווישן די רוימער, זיי האָבן זיך אָפּגעזאָגט פֿון זייער צופֿרידענעם און אָנגענעמען לעבן און האָבן זיך אָנגעשלאָסן אָן דעם אומגליקלעכן גורל פֿון יידישן פֿאָלק.

עס זיינען דעמאָלט אַרומגעגאַנגען פֿאַרשידענע לעגענדעס וועגן דעם דאָזיקן עקילס־אונקלוס. מען האָט געשמועסט, אַז ער האָט זיך מגייר געווען צוליב אַ יידיש מיידל, אין וועלכער ער האָט זיך פֿאַרליבט. אַנדערע האָבן אָבער אָפּגעוואָרפֿן די דאָזיקע מיינונג. דאָס האָט מען בלויז צווישן פּשוטן המון אַזוי אויסגעטראַכט, ווייל עס האָט זיך קיינעם נישט געלייגט אויפֿן שכל, אַז אַזאַ גרויסער רוימישער שר זאָל אָננעמען דאָס יידישע גלויבן צוליבן גלויבן גופֿא.

דאַקעגן האָט מען צווישן די תלמידים אין אושה זיך דערציילט די פֿאָלגנדיקע געשיכטע:

אונקלוס, וועלכער איז באַקאַנט געווען מיט די יידישע חכמים און אָפֿט מיט זיי איינגעטענהט וועגן דער יידישער אמונה און וועגן די אמונות פֿון אַנדערע פֿעלקער, האָט ביסלעכווייז אָנגעהויבן דערנענטערן זיך צו יידן. ער האָט אָנגעהויבן לערנען די יידישע תורה און אירע געזעצן.

איינמאָל, ווען אונקלוס איז אַרומגעגאַנגען זייער פֿאַרטראַכט איבער די גאַסן פֿון רוים, האָט ער אָנגעטראָפֿן אויף זיין פֿעטער, דעם קייסער אדרינוס.

— וואָס ביסטו אַזוי פֿאַרטראַכט, עקילס? — פֿרעגט אים דער קייסער.

אונקלוס האָט זיך אין דער ערשטער רגע דערשראָקן, און איבעראַשט פֿון זיין פֿעטערס פּלוצלינגן צוקומען, איז אים דאָס לשון אָפּגענומען געוואָרן.

ערשט ווען ער האָט זיך אַביסל באַרואיקט און דער קייסער אדרינוס האָט אים נאָכאַמאָל איבערגעפרעגט די זעלבע פראַגע, האָט ער אַ שטאַמ־לענדיקער געענטפערט:

— עס איז מיר אומעטיק, כ'פאַרנעם זיך מיט גאָרנישט. כ'וואָלט געוואָלט עפּעס טאָן!

— גוט! איך וועל דיר געבן די העכסטע שטעלע ביי מיר אין דער רעגירונג — האָט אים דער קייסער געענטפערט.

— ניין, עס געפעלן מיר נישט קיין שטעלעס. כ'האָב פיינט צו האָבן צו טאָן מיט מלוכה־ענינים...

— וואָס דען געפעלט דיר יאָ? — האָט אדרינוס־קייסער געפרעגט זיין שוועסטערן־זון.

— כ'וואָלט געוואָלט אָנהויבן מיט עפּעס צו האַנדלען — האָט פיל־דייטיק געענטפערט אונקלוס.

— צו וואָס טויג דיר צו האַנדלען, ווילסט פאַרדינען געלט? איך קאָן דיר געבן אַזויפיל געלט וויפיל דו ווילסט נאָר אַליין, איך בין גענוג רייך.

— ניין, פעטער — האָט אים אונקלוס געזאָגט — עס גייט מיר נישט אין געלט; עס גייט מיר דערין, וואָס אַלס סוחר וועט מיר אויסקומען אַרומצופאָרן אין פיל לענדער, כ'וועל זען מענטשן, כ'וועל זיך באַקענען מיטן פאַרשידנאַרטיקן לעבן אויף דער וועלט.

— אַט דאָס געפעלט מיר אַפילו גאַנץ פיין, עקילס. טו ווי דו האָסט געזאָגט, און זאָל דיר יופּיטער העלפן אין אַלץ וואָס דו וועסט אונטער־נעמען!... אונקלוס האָט ביי די ווערטער פון זיין פעטער אַ לייכטן שמייכל געטאָן און געזאָגט:

— אויב דיר געפעלט מיין פּלאַן פון אָנהויבן האַנדלען, וואָלט איך דיך איצטער געוואָלט פרעגן אַן עצה, פעטער. דו ביסט אַ קלוגער און אַ גרויסער געלערנטער, קאָנסטו מיר גוט ראָטן מיט וואָס איך זאָל האַנדלען, וואָס פאַר אַ סחורות זאָל איך איינקויפן?

האָט אים אַדריינוס, אַ צופרידענער פון זיין שוועסטערן־זונס לויב, גע־ענטפערט:

— ווען וועסט זען, אַז אַ געוויסע סחורה איז שטאַרק געפאַלן אין פּרייז, זאָלסטו זי קויפן, וואָרים שפּעטער וועט זיך די זעלבע סחורה געוויס הויבן און דו וועסט דערביי פיל געווינען...

— איך דאַנק דיר, פעטער! — האָט אונקלוס זיך פאַרנייגט פאַרן קייסער אדרינוס און זיך פריינטלעך מיט אים פאַראַפּשיידט.

באַלד נאָך דעם דאָזיקן שמועס, איז אונקלוס אַוועקגעפאָרן אין לאַנד פון יהודה.

דאָס ערשטע איז ער אַריינגעגאַנגען צו רבי אליעזר בן הורקנוס און ער האָט צו אים אַזוי געזאָגט:

— ווי מיינט איר, לוינט פאַר אַ מענטש זיך מגייר צו זיין, ווען דאָס גאַנצע גליק פון אַ גר באַשטייט בלויז דערין, וואָס דער אויבערשטער האָט אים ליב און ער גיט אים ברויט צו עסן און אַ קלייד אָנצוטאָן און מער גאָרנישט?

איז רבי אליעזר אין כעס געוואָרן אויף דעם פרעמדן מאַן און אים געענטפערט:

— איז דאָס ווייניק, ווען דער גר קריגט דאָס זעלבע, וואָס יעקב אבינו האָט געבעטן, אַז גאָט זאָל אים געבן. און דאָ קומט דער רבונו של עולם און דערלאַנגט עס דעם גר אַלס אַן אומזיסטע מתנה און אויף אַ לייכטן אופן, איז דאָס ווייניק?

די דאָזיקע תשובה האָט אונקלוסן נישט באַפרידיקט, איז ער אַוועקגעגאַנגען צו רבי יהושע בן חנניה מיט דער זעלביקער שאלה.

האָט אים רבי יהושע בן חנניה איינגענומען מיט גוטע רייד און צו אים געזאָגט:

— דאָס ברויט, וואָס דער אויבערשטער גיט צו דעם גר, מיינט נישט געוויינלעך ברויט, נאָר עס מיינט תורה, און ווען מען זאָגט, אַז דער אויבערשטער גיט דעם גר אַ קלייד אָנצוטאָן, מיינט דאָס נישט אַ געוויינלעך מלבוש, נאָר עס מיינט דעם טלית פון אַ חכם. און אויב נאָר דער גר איז זוכה צו תורה, איז ער אויך זוכה צום טלית פון אַ חכם און ער קאָן שוין חתונה מאַכן זיין טאָכטער צו אַ כהן און אירע קינדער קאָנען זיין כהנים גדולים!

איז שוין אונקלוס געבליבן אין אושה און געלערנט תורה ביי רבי יהושע בן חנניה און ביי רבי עקיבאן, וועלכע האָבן אים מקרב געווען און געהאַלטן אים מיט גרויס כבוד.

רבי עקיבאס תלמידים האָבן דעמאָלט וועגן אונקלוסן געזאָגט, אַז ווען נִיט רבי יהושע מיט זיין ווייכן ענטפער, וואָלט ער זיכער געווען צוריקגעגאַנגען צו די געצנדינער.

אונקלוס איז אין אַ קורצער צייט געוואָרן איינער פון די אָנגעזעענסטע תלמידים אין בית המדרש פון אושה. ער האָט זיך מגייר געווען און געקראָגן דעם נאָמען: אונקלוס בר קלונימוס.

ער האָט גאַנצע טעג און נעכט פאַרבראַכט אין לערנען. גאָר אין אַ קורצער צייט איז ער באַרימט געוואָרן אַלס איינער פון די גרעסטע געלערנטע ביי יידן, און ער האָט זיך גענומען איבערזעצן די תורה אויף גריכיש, אויף וועלכן רבי עקיבא האָט אים געגעבן זיין פולסטע הסכמה

און דערביי געדרשנט אויף אים דעם פסק: „יפת אלהים ליפת — האָסט אַריינגעבראַכט די שיינקייט פון שם אין די געצעלטן פון יפת (גריכנלאַנד).

שפּעטער האָט אויך אונקלוס איבערגעזעצט די גאַנצע תורה אויף אַראַמיש, וואָס איז באַקאַנט געוואָרן אונטערן נאָמען: „תרגום אונקלוס". די דאָזיקע איבערזעצונג פון דער תורה אויף אַראַמיש האָט דעמאָלט געהאַט אַ געוואַלדיקן דערפאָלג צווישן יידן, וואָס זייער שפּראַך איז געווען אַראַמיש. עס זיינען געמלעך געווען פיל פויערים אין גליל, וואָס האָבן קיין לשון קודש נישט פאַרשטאַנען און האָבן קיינמאָל נישט געוואוסט וואָס זיי זאָגן, ווען זיי האָבן געלייענט אין דער תורה. אַ דאַנק דער איבער־זעצונג פון אונקלוס, האָט איטלעכער איינציקער געקאָנט פאַרשטיין, וואָס ער לייענט און פיל יידן האָבן זיך ערשט דעמאָלט באַקענט מיט די געזעצן פון דער תורה.

אונקלוס איז זייער פרום געווען, און כאָטש דאָס בית המקדש האָט דעמאָלט נישט עקזיסטירט, האָט ער פונדעסטוועגן אָפּגעהיט אַלע דינים פון ריינלעכקייט, גלייך ווי פרומע יידן פלעגן זיך נוהג זיין, ווי לאַנג דאָס בית המקדש איז געשטאַנען.

ווען אונקלוס האָט נאָכן טויט פון זיין פאָטער דעם רוימער גע־ירשנט אַ גרויס פאַרמעגן, האָט ער נישט געוואָלט האָבן קיין הנאה פון די גאָלדענע און זילבערנע געטשקעס, וואָס האָבן זיך אין דער ירושה געפונען, האָט ער גענומען דאָס אַלץ און אַריינגעוואָרפן אין ים המלח.

איז אונקלוס טאַקע זייער באַליבט געוואָרן צווישן יידישן פאָלק. עס איז געוואָרן אַ מנהג ביי יידן, אַז מען זאָל לערנען די תורה אויף לשון קודש און זי באַלד אַליין איבערזעצן אויף אַראַמיש.

ווי ווייט אונקלוס איז געוואָרן באַרימט צווישן יידישן פאָלק, באַווייזן די לעגענדעס, וואָס זיינען אַרום אים אויסגעוועבט געוואָרן. דאָס פאָלק האָט זיך וועגן אים אַנדערצעיילט די פאַרשידנסטע מעשיות, וואָס מ'האָט זיך איינע די אַנדערע איבערגעגעבן אין די שטילע פאַרנאַכטן אויף די שוועלן פון די הייזער.

מ'האָט דערציילט אַזאַ לעגענדע: „ווען אונקלוס האָט באַשלאָסן זיך מגייר צו זיין, האָט ער דורך כשוף אַרויסגעבראַכט פון קבר טיטוסן און ער האָט אים געפרעגט, וועלכעס פאָלק עס איז דאָס חשובסטע אויף דער וועלט.

האָט אים טיטוס געענטפערט: „דאָס יידישע פאָלק!..."

האָט אים אונקלוס ווייטער געפרעגט:

— וואָס וואָלסטו געזאָגט דערצו, ווען איך זאָל זיך באַהעפטן צו די יידן?

האָט אים טיטוס דערויף געזאָגט:

— זייערע ווערטער זיינען צו דערהויבן און עס איז אויך נישט מעגלעך מען זאָל זיי קאָנען האַלטן. און אויב דו ווילסט גרויס ווערן, איז ניט פֿאַראַן קיין בעסער מיטל, ווי אונטערצודריקן די יידן!...

ווען אונקלוס האָט נאָך אַ לענגערער צייט אָפּזיין אין יהודה זיך אומגעקערט קיין רוים און איז אַריינגעגאַנגען זען זיין פֿעטער, דעם קייסער אדרינוס, האָט יענער זיך מיט אים זייער שטאַרק דערפֿרייט, אַרומגעכאַפּט זיין שוועסטערן־זון און צוגעדריקט צו זיך, וואָרים ער האָט אים זייער ליב געהאַט.

— וואָס זעסטו אַזוי שלעכט אויס, עקילס, דיין פּנים איז אַזוי פֿאַר־ענדערט געוואָרן, אַז קוים איך האָב דיך דערקענט. צי האָסטו געליטן אַ שאָדן אין דיין האַנדל, אָדער אפשר האָט דיר ווער שלעכטס געטאָן און דו האָסט דערפֿון עגמת־נפש?...

האָט אים אונקלוס געענטפֿערט:

— נישט דאָס און נישט דאָס!...

האָט אדרינוס מיט ליבשאַפֿט צו אים אויסגערופֿן:

— עקילס, טייערער, ביסט דאָך מיינס אַ נאָענטער קרוב און עס טוט מיר וויי פֿאַר דיר, פֿאַרוואָס דו זעסט אַזוי שלעכט אויס, זאָג מיר די סיבה דערפֿון!

— איך האָב זייער פֿיל געלערנט, כ׳האָב אויך געלערנט די יידישע תורה און זי איז מיר אַזוי געפֿעלן געוואָרן, אַז איך האָב אָנגענומען די יידישע אמונה. זי איז די קליגסטע און די בעסטע פֿון אַלע אמונות אין דער וועלט!

איז אדרינוס אַריינגעפֿאַלן אין אַ שרעקלעכן כעס און ער האָט אויס־גערופֿן:

— פֿאַרוואָס האָסטו דאָס געטאָן? פֿאַרוואָס האָסטו דיך פֿריער נישט באַראַטן מיט מיר איידער האָסט זיך באַשלאָסן אויף אַזאַ זאַך? פֿאַרוואָס האָסטו דיך נישט אָנגעפֿרעגט ביי מיר?!...

האָט אים אונקלוס גאַנץ רואיק געענטפֿערט:

— איך האָב דיך יאָ געפֿרעגט און דו אַליין האָסט מיר געראָטן אַזוי צו טאָן.

אדרינוס האָט אַזש אויפֿגעצאַפּלט פֿון צאָרן און אַ געשריי געטאָן:

— לערנט די יידישע תורה ליגנט זאָגן?!...

— איך זאָג נישט קיין ליגנט... — האָט אונקלוס אים געענטפֿערט. — איידער איך בין אַוועקגעפֿאָרן פֿון רוים אין די פֿרעמדע לענדער אַריין, האָב איך מיך מיט דיר באַראָטן, וואָס פֿאַר אַ סחורה איך זאָל איינ־

קויפֿן. האָסט מיר דערויף דעמאָלט געענטפֿערט, אַז איך זאָל קויפֿן יענע סחורה, וואָס איז שטאַרק געפֿאַלן, וואָרים זי וועט זיך זיכער צוריק אויפֿ־הויבן און איך וועל דערביי זייער פֿיל פֿאַרדינען... טאָ זאָג מיר, פּעטער, וואָס איז היינט נאָך אַזוי געפֿאַלן ווי די יידישע אומה! איך בין אָבער זיכער, אַז די יידן וועלן נאָך צוריק דערהויבן ווערן!...

ביי דעם דאָזיקן שמועס צווישן אדרינוס און אונקלוס איז אויך אָנ־וועזנדיק געווען אַ הויכגעשטעלטע פּערזאָן פֿון דער רוימישער מלוכה און אויסהערנדיק דעם קלוגן ענטפֿער, וואָס אונקלוס האָט דעם קייסער גע־געבן, האָט ער גענומען זייער שטאַרק לויבן אונקלוסן, איז דער קייסער אַריינגעפֿאַלן צוליב דעם אין אַזאַ גרימצאָרן, אַז ער האָט דעם דאָזיקן מאַן געגעבן אַ פּאַטש. די הויכגעשטעלטע פּערזאָן האָט זיך אַזוי איבער־גענומען מיט דער דאָזיקער פּאַסירונג, אַז ער האָט פֿאַר חרפּה זיך אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון אַ דאַך און איז געהרגעט געוואָרן.

ווען אדרינוס האָט זיך אַ ביסל באַרואיקט, איז ער צוגעשטאַנען מיט גוטן צו אונקלוסן, ער זאָל אים דערקלערן די סיבה, וואָס עס האָט אים באַוואויגן זיך מגייר צו זיין.

האָט אים אונקלוס געענטפֿערט:

— איך האָב מיך געוואָלט באַקענען מיט דער יידישער תּורה.

האָט אדרינוס אים געפֿרעגט:

— כּדי צו באַקענען זיך מיט דער יידישער תּורה האָסטו געמוזט ווערן אַ ייד, האָסט עס דאָך געקאָנט אַזוי גוט טאָן און נישט אָננעמען דאָס יידישע גלויבן!

האָט אים דערויף אונקלוס געזאָגט:

— ווער עס איז נישט קיין ייד, דער קאָן קיינמאָל די יידישע תּורה נישט באַגרייפֿן...

דערמיט האָט זיך דער שמועס פֿאַרענדיקט.

אדרינוסן איז די גאַנצע זאַך נישט געפֿעלן געוואָרן. ער האָט מורא געהאַט, אַז אונקלוס מיט זיין גרויס געלערנטקייט וועט געוויס נאָכציען הינטער זיך פֿיל נאָכפֿאָלגער. און ער האָט געזוכט אַ וועג ווי אים אומצו־ברענגען.

ווען מ׳האָט אונקלוסן וועגן דעם געוואָרנט, איז ער אין אַ געוויסן טאָג פֿאַרשוואונדן געוואָרן. ער איז צוריקגעפֿאָרן קיין ארץ ישראל, באַ־זעצט זיך אין אושה און געוואָרן איינער פֿון רבי עקיבאס געציילטע תּלמידים.

אין דער דאָזיקער צייט איז וועגן אונקלוסן אַרומגעגאַנגען פֿאָלגנדיקע לעגענדע:

ווען דער קייסער אַדרינוס איז ענדלעך געוואָר געוואָרן, וואָו זיין שוועסטערן־זון געפינט זיך, האָט ער באַפוילן צו זיין פאַרטרעטער אין יהודה, טורנוס רופוס, ווען ער האָט באַשטימט אויפן פלאַץ פון לוציוס קוויעטוס, אַז ער זאָל פאַנגען עקילסן (אַזוי האָט מען אים גערופן אויפן רוימישן לשון) און אים מיט געוואַלט צוריקברענגען קיין רוים.

האָט טורנוס רופוס (אויף רוימיש: טינעאוס רופוס) געשיקט אַ צענד־ליק סאָלדאַטן קיין אושא, זיי זאָלן אונקלוסן ברענגען צו אים קיין קיסריה. ווען די רוימישע סאָלדאַטן האָבן אים געפונען און געוואָלט נעמען גע־פאַנגען, האָט ער אין זיי אַריינגערעדט פאַרשידענע פסוקים פון דער תורה און זיי האָבן זיך אויך מגייר געווען און זיינען שוין פאַרבליבן מיט אים אין אושה.

האָט טורנוס רופוס געשיקט אַנדערע סאָלדאַטן אונקלוסן צו ברענ־גען. ער האָט זיי דערביי אָנגעזאָגט, אַז זיי זאָלן זיך נישט אַריינלאָזן מיט אים אין קיין שום שמועסן.

זיינען די סאָלדאַטן אוועק צו אונקלוסן אין אושה, און ווען זיי האָבן אים שוין געהאַט אין זייערע הענט און זיי האָבן גענומען מיט אים אוועקגיין קיין קיסריה, האָט ער צו זיי אַ זאָג געטאָן:

— לאָמיך אייך זאָגן בלויז איין וואָרט: ביי מענטשן איז איינגעפירט אַ מנהג, אַז ווען גרויסע לייט גייען, טראָגט תמיד דער דינער דאָס ליכט פאָרויס, אַז זיין האַר זאָל זען וואו צו גייך. אָבער מיין גאָט, וואָס איז דער גרעסטער, פונדעסטוועגן טראָגט ער דאָס ליכט פאַר זיין פאָלק, כדי די מענטשן זאָלן זען, וואו זיי האָבן צו גיין...

ווען די סאָלדאַטן האָבן דאָס דערהערט, האָבן זיי זיך אויך מגייר געווען.

האָט טורנוס רופוס געשיקט צום דריטן מאָל סאָלדאַטן און זיי אָנגע־זאָגט זיי זאָלן גאָרנישט רעדן און זיי זאָלן זיך אויך נישט צוהערן צו דעם, וואָס אונקלוס רעדט.

ווען די סאָלדאַטן האָבן גענומען געפאַנגען אונקלוסן און אים גענומען אַרויספירן פון זיין הויז, האָט ער ביים אַרויסגיין פון זיין שטוב צוגע־רירט זיך מיט זיין האַנט צו דער מזוזה און אויסגערופן:

— זעט דעם חילוק צווישן אַ קעניג אַ בשר ודם און דעם גאָט פון ישראל! ביי מענטשן זיצט דער קעניג אינעווייניק אין הויז און פאַר דער טיר וואַכן זיינע שומרים, און דאָ זיצן די מענטשן אין הויז און דער קעניג וואַכט איבער זיי פאַר דער טיר... הנה לא ינום ולא יישן שומר

ישראל, גאָט, דער וועכטער פֿון די יידן, שלאָפֿט נישט און דרעמלט נישט...

ווי די סאָלדאַטן האָבן דאָס דערהערט, האָבן זיי זיך אויך מגייר געווען. און פֿון דעמאָלט־אָן האָט שוין טורנוס רופֿוס מער קיין סאָלדאַטן נישט געשיקט צו ברענגען אונקלוסן.

טורנוס רופֿוס האָט וועגן דעם אַלעם אַרויסגעשיקט אַ באַריכט קיין רוים און דער קייסער אדרינוס איז נאָך מער אַריינגעפֿאַלן אין כּעס.

קאַפּיטל 16

טורנוס רופוס

●

אדרינוס קייסער האָט איצט אויף אַן אמת אָנגעהויבן מורא קריגן, אַז די יידישע אמונה זאָל זיך נישט פאַרשפּרייטן צווישן די פעלקער פון רוים. וואָרים נישט בלויז זיין שוועסטערן־זון אונקלוס האָט דעם דאָזיקן שריט געמאַכט. עס האָבן נאָכגעטאָן זיין ביישפּיל פיל אַנדערע רוימישע גרויסע לייט.

ער אַליין אָבער האָט זיך אַריינגעלאָזט אין די פאַרדאָרבנסטע פאַרגעניגנס, וואָס ער האָט געוואוסט, אַז לויט דער יידישער אמונה איז דאָס שטרענג פאַרבאָטן. ער האָט אַריינגענומען צו זיך אין פּאַלאַץ אַ שיין יינגל מיטן נאָמען אַנטיניאוס און געפּראַוועט מיט אים די שענדלעכסטע זינד. ער איז אַזוי פאַרליבט געווען אין דעם דאָזיקן שיינעם יינגל, אַז ער האָט אויך ערנסט געטראַכט צו מאַכן אים פאַר זיין נאָכפאָלגער אויפן רוימישן טראָן.

ער האָט געוואוסט, אַז די יידישע חכמים קוקן מיט עקל אויף אַזאַ מין פירונג. אויך אונקלוס האָט אים איינמאָל אַריינגעשריבן אַ בריוו מיט די ערגסטע זלזולים, אַז ער פאַרשעמט די גאַנצע רוימישע אימפּעריע מיט אַזעלכע מעשים.

אָט צוליב אָט די אַלע שענדלעכע טאַטן איז אַדרינוס אַריינגעפאַלן אין נאָך אַ גרעסערן כעס קעגן די יידן און זייער מאָדנער תורה, וואו אַזעלכע הערלעכע פאַרגעניגנס זיינען גאָר פאַרבאָטן...

ער האָט דעריבער אָנגעהויבן טראַכטן פאַרשידענע אופנים ווי אַזוי מער צו פייניקן און צו באַליידיקן די יידן און זייער אמונה. ער האָט אויך דערמיט געוואָלט ווייזן די רוימער, אַז די גאַנצע מאַכט ליגט ביי אים אין די הענט, אַז ער איז שטאַרקער פון דעם יידישן גאָט. אָט טוט ער די יידן אָן די גרעסטע צרות און באַליידיקונגען און ער קאָן זיי פון זיינע הענט נישט ראַטעווען.

ער האָט געשיקט אַ ספּעציעלן באַפעל צו זיין פאַרטרעטער אין יהודה, צו טורנוס רופוס, אַז ער זאָל זען וואָס שנעלער צו פאַרענדיקן דאָס

בויען פון דעם טעמפל פאר דעם אפגאט „יופיטער". ווען דער טעמפל איז פארטיק געווארן, האט טורנוס רופוס, אין נאמען פון זיין קייסער, איינגעאָרדנט אַ גרויס מאלצייט פאר די אנגעזעענע רוימישע הארן, וואס האבן געהערשט אין די שכנותדיקע לענדער אלס די פארטרעטער פון רוימישן קייסער.

קיין יידן האט מען אין דער שטאט ירושלים נישט צוגעלאזן. רוימישע סאלדאטן זיינען געשטאנען ביי די טויערן, וואס פירן קיין ירושלים און ווען זיי האבן דערזען אַ ייד זיך דערנעענטערן צו דער הייליקער שטאט, האבן זיי אים געהרגעט.

פונדערווייטנס האבן זיך אויף מיילן ווייט געזען די אנגעצונדענע פלאמען־פייער לכבוד דעם דאזיקן יום־טוב. עס זיינען געשאכטן גע־ווארן הונדערטער שאף, וואס זיינען צוגעריבט געווארן אין די ארומיקע יידישע דערפער, און מ'האט זיי מקריב געווען צו יופיטער. דערביי האבן זיי געפרעסן און געזויפן, וויין האט זיך געגאסן ווי וואסער. ווילדע שאנד־שפילן זיינען דארט צוגעגאנגען. זיי האבן עפנטלעך מזנה געווען איינער מיטן אנדערנס ווייבער און די שטאט ירושלים, וואס האט שטענדיק געהערט די הייליקע תפילה פון כהן גדול, האט איצט פארנומען די אומווירדיקסטע רייד און געשרייען פון תענוג און זינד...

בעת דעם דאזיקן יום־טוב האט טורנוס רופוס, לויט אַ באפעל, וואס ער האט געקראגן צוגעשיקט פון רוים פון אדרינוסן אליין, געענדערט דעם נאמען פון דער שטאט ירושלים אויף „עליא קאפיטאלינא". דער נאמען „ירושלים", וואס איז אזויפיל הונדערטער יארן געווען פארהייליקט ביי די יידן, איז אפגעמעקט געווארן דורך דעם מערדערישן שונא.

די יידן האבן אנגעפילט די בתי־מדרשים אין גאנצן לאנד, זיי האבן געוויינט און געקלאגט אויף דעם דריטן חורבן, אויף דעם מטמא־זיין די הייליקע שטאט. מען האט געפאסט און תפילה געטאן. פיל יידן האבן זיך אליין דאס לעבן גענומען פאר גרויס ווייטיק און הארץ־קלעמעניש.

אין אט דער דאזיקער צייט האט זיך פונאנדערגעטראגן די שרעק־לעכע ידיעה איבערן לאנד, אז דער נשיא רבי יהושע בן חנניה איז גע־שטארבן. דאס הארץ זיינס האט מער נישט געקאנט אויסהאלטן און איבער־טראגן די שווערע באליידיקונג, וואס דער קייסער אדרינוס האט דעם יידישן פאלק פאראורזאכט, אט דער אדריגוס, אויף וועלכן ער האט אזוי־פיל האפענונגען געלייגט; און ער האט פארן טויט געזאגט מיט ווייטיק צו זיין חבר און תלמיד רבי עקיבא: „אל תבטחו בנדיבים בבן אדם שאין לו תשועה"... — פארלאז דיך נישט אויף די הארן און דעם מענטש,

וואָס איז נישט בכּוח צו העלפֿן — און ער האָט אויסגעהויכט זיין היי־ליקע נשמה. דאָס האַרץ האָט אים געפּלאַצט פֿאַר גרויס אַנטוישונג.

רבי עקיבא האָט געטרויערט נאָך זיין גרויסן רבין און אין האַרץ האָט ער זיך געזאָגט, אַז ער וועט נעמען נקמה אין דעם מענטש, וואָס האָט זיין רבין פֿאַרפֿירט מיט פֿאַלשע הבטחות.

אין אַ קורצער צייט שפּעטער איז אויך געשטאָרבן רבי אלעזר בן עזריה און רבי אליעזר בן הורקנוס. רבי עקיבא איז געבליבן פֿאַריתומט. ער איז געווען איצט דער איינציקער תּלמיד־חכם מיט גרויס אויטאָריטעט אין זיין צייט.

דאָס יידישע פֿאָלק איז געבליבן אָן אַ נשיא און מ׳האָט געדאַרפֿט אויסקלייבן אַ נייעם. רבי עקיבא איז געווען דער איינציקער, וואָס איז ראוי געווען צו פֿאַרנעמען דעם פּלאַץ פֿון רבי יהושע בן חנניה. ער איז אָבער קיין נשיא נישט געוואָרן. ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פֿון דעם דאָזיקן בכבודיקן טיטול. ער האָט נאָך גוט געדענקט די שטילע אַמפּערייען איבער זיין פּערזאָן מיט יאָרן צוריק, ווען מ׳האָט געהאָט אַראָפּגעזעצט רבן גמליאל פֿון זיין נשיא־אַמט. די חכמים זיינען דעמאָלט געווען קעגן אים, ווייל ער שטאַמט נישט אָפּ פֿון קיין חשובער יידישער משפּחה, דער זיידע זיינער איז דאָך געווען אַ כּנעני.

אַלס נשיא איז דעריבער אויסגעקליבן געוואָרן רבן שמעון בן גמליאל, דער זון פֿון אַמאָליקן נשיא. דער פֿאַקטישער נשיא און מנהיג ביי יידן איז אָבער געווען רבי עקיבא. ער איינער בלויז האָט באַזעסן די אויטאָריטעט ביי דעם גאַנצן פֿאָלק, וואָס האָט צו אים אַרויסגעוויזן אומ־געהייערע ליבע און גרויס אַכטונג.

אַ שרעקלעכע צייט איז דעמאָלט אָנגעקומען אויף יידן. טורנוס רופוס, דער רוימישער פּראָקוראַטאָר אין יהודה, האָט מיט דער גאַנצער אכזריות אָנגעהויבן אונטערדריקן אַלץ, וואָס האָט נאָר געשמעקט מיט יידישקייט. ער האָט געצוואונגען די יידן צו בוקן זיך צו די רוימישע געצן און צו דעם אָפּבילד פֿון קייסער אדרינוס, וואָס איז געהאָנגען אין אַלע עפֿנט־לעכע ערטער. ווער פֿון די יידן עס האָט נישט געפֿאָלגט אָט דעם דאָזיקן באַפֿעל פֿון דעם טיראַנישן רוימישן פֿאַרטרעטער, דער איז געטויט גע־וואָרן אויפֿן אָרט.

מיט יעדן טאָג האָבן זיך די גזירות פֿאַרערגערט. וואָס אַמאָל האָט ער אַנדערע פֿאַרבאָטן אַרויסגעגעבן. ער האָט פֿאַרווערט צו לערנען די יידישע תּורה. דאָס האָט ער געטאָן פֿאַר גרויס רציחה, וואָס אים איז ניט געלונגען צו פֿאַנגען אונקלוסן און יענער האָט אַלע זיינע שלוחים איבער־גערעדט אָנצונעמען די יידישע אמונה.

מיט אַ צייט שפּעטער האָט ער אַרויסגעגעבן אַ גזירה, אַז יידן טאָרן נישט מל־זיין זייערע קינדער, אַז יידן טאָרן נישט אָפּהיטן דעם רו־טאָג שבת. קורץ, ער האָט מיט אַלע מיטלען געוואָלט דאָס יידישע פֿאָלק צווינגען אָנצונעמען דעם געצנדינסט.

דאָס לעבן איז געוואָרן ענג פֿאַר די יידן. זיי האָבן זיך געמוזט מיט אַלע זאַכן, וואָס זיינען זיי געווען טייער און הייליק, אויסבאַהאַלטן אין די קעלערן, אויף די פֿעלדער און אין אַנדערע געהיימע מקומות.

גאָר אַ גרויסן קלאַפּ האָט טורנוס רופֿוס דערלאַנגט דעם יידישן פֿאָלק, ווען ער האָט דערמאָרדעט איינעם פֿון די גרעסטע יידישע תּלמידי־חכמים, רבי ישמעאל בן אלישע, רבי עקיבאס בעסטן חבר, כאָפּנדיק אים לערנען תּורה מיט אַ צאָל פֿון זיינע תּלמידים.

רבי עקיבא און זיין חבר רב יהודה בן בבא האָבן שוין דעמאָלט אויך אָנגעפֿירט זייערע ישיבות אין באַהעלטענישן, מ׳האָט געלערנט אין די קעלערן, אין די פֿעלדער און אין אַנדערע געהיימע ערטער. ווען עס איז צו אים דערגאַנגען די ידיעה, אַז זיין בעסטער חבר רבי ישמעאל בן אלישע איז געטויט געוואָרן, האָט ער צעריסן אויף זיך די קליידער און צעוויינט זיך מיט אַ גרויס געיאָמער.

— טייערע ברידער מיינע — האָט ער דעם זעלבן טאָג אויף אַ געהיימער פֿאַרזאַמלונג היינטער דער שטאָט אושה אויסגערופֿן — טייערע ברידער, וויינט ניט אויף דעם דערמאָרדעטן תּנא, וויינט בעסער אויף די צרות, וואָס דאַרפֿן נאָך קומען אויף אונדז. אַ שרעקלעכע צייט לעבן מיר איצטער איבער און גליקלעך איז מיין חבר רבי ישמעאל, וואָס ער האָט די דאָזיקע צייט ניט דערלעבט.

צום אָנדענקען פֿון רבי ישמעאלס ליכטיקער נשמה האָט רבי עקיבא באַפֿוילן מען זאָל נאָכזאָגן אַלע זיינע קלוגע רייד, כּדי זיי זאָלן זיך איינקריצן אין זכּרון פֿון אַלעמען און זיי זאָלן בלייבן אויף דור־דורות.

„ווען דו זעסט אַמאָל אַ תּלמיד־חכם טאָן אַן עבֿירה ביינאַכט, זאָלסטו ניט נאָכקלערן וועגן דעם אין קומענדיקן טאָג, ווייל טאָמער האָט ער תּשובֿה געטאָן״...

„האָט איינער דעם ווילן צו ווערן אומריין, לאָזט מען אים; וויל איינער ווערן ריין, העלפֿט מען אים!״... — האָט רבי ישמעאל געלערנט זיינע תּלמידים. דעם לעצטן געדאַנק האָט ער געגעבן צו דערקלערן דורך אַ פֿיינעם משל: אַ שטייגער ווען עמיץ האַנדלט מיט נאַפֿט און מיט שמעקעדיקן בוימאייל — איז אויב מען קומט צו אים קויפֿן נאַפֿט, זאָגט ער צום קויפֿער: „זיי אַזוי גוט און גיס דיר אַליין אָן!״ קומט מען צו אים קויפֿן שמעקעדיקן בוימאייל, זאָגט ער צום קויפֿער: „וואַרט, וועלן מיר

דאָס צוזאַמען אָנגיסן, כּדי מיר זאָלן זיך ביידע אָנשמעקן מיט דעם גוטן ריח...״

ווען רבי ישמעאל בן אלישעס טויט האָבן זיך פאַרשפּרייט אין יענער צייט די שענסטע לעגענדעס, וואָס ביי רבי עקיבאַן אין בית המדרש האָבן זיי די תּלמידים מיט דער גרעסטער הייליקייט און יראת־הכּבוד איבערדערציילט:

„ווען די רוימישע רעגירונג, די מרשעת, האָט אַרויסגעלאָזט אַ גזירה אומצוברענגען פון דער וועלט די גרעסטע יידישע תּנאים, האָבן די חברים געזאָגט צו רבי ישמעאלן: „הויב דיך אויף אין הימל אַריין און דערגיי דאָרטן, צי איז די דאָזיקע גזירה פון גאָט אַליין!״ האָט רבי ישמעאל גענומען און זיך געריייניקט, איינגעהילט זיך אין טלית און תּפילין און אַרויסגערעדט דעם שם המפורש. באַלד האָט אים אַ ווינט אַ טראָג געטאָן אַרויף צו די הימלען און אים אַרויפגעבראַכט פאַרן אַריינגאַנג צום כּסא הכּבוד.

„באַגעגנט אים דער מלאך גבריאל און פרעגט אים: „דו ביסט עס דער רבי ישמעאל, וואָס דער באַשעפער דיינער רימט זיך יעדן טאָג מיט אים, אַז ער האָט אויף דער ערד אַ קנעכט, וואָס זיין געזיכט איז דאָס אָפּבילד פון דער געטלעכקייט?״...

„— איך בין עס — ענטפערט רבי ישמעאל.

„— צוליב וואָס ביסטו דאָ אַרויפגעקומען?

„— איך בין דאָ אַרויפגעקומען, כּדי געוואויר צו ווערן, צי די גזירה אויסצוהרגענען די גרעסטע תּנאים, איז פון גאָט אַליין אַרויסגעגעבן געוואָרן.

„— יאָ, ישמעאל, מיין זון — ענטפערט אים דער מלאך גבריאל — איך האָב עס אַליין אונטערגעהערט הינטערן הימל־פאָרהאַנג: צען יידישע תּנאים וועלן איבערגעגעבן ווערן צום טויט דורך דעם רשעותדיקן מלכות...

„— פאַרוואָס קומט עס אונדז אַזוי? — פרעגט רבי ישמעאל.

„— פאַר מכירת־יוסף! — ענטפערט דער מלאך גבריאל — אַלע טאָג שטעלט זיך אַוועק דער מקטרג פאַרן כּסא־הכּבוד און טענהט: „רבונו של עולם, איז דען אַפילו איין אות אין דער תּורה דיינער אָנגעשריבן געוואָרן אומזיסט? עס שטייט דאָרט געשריבן, ׳אַז אויב איינער גנבעט אַ נפש און פאַרקויפט אים, זאָל ער געטויט ווערן׳, און אָט האָבן די צען שבטים פאַרקויפט יוספן און ביז היינט האָסטו דיך ניט אָפּגערעכנט ניט מיט זיי און ניט מיט זייערע קינדער. און דעריבער איז איצט אַרויס די גזירה אויף די צען יידישע תּנאים.

„— האָט דען ביז אַהער גאָט ברוך הוא נישט געפֿונען קיין אַנדערע אויסער אונדז מיט וועמען זיך אָפּצורעכענען פֿאַר מכירת יוסף? — האָט רבי ישמעאל געפֿרעגט.

„— ישמעאל, מיין זון — ענטפֿערט אים דער מלאך גבריאל — ביי דיין לעבן, אַז זינט די שבטים האָבן פֿאַרקויפֿט יוספֿן האָט גאָט ניט גע־פֿונען צוזאַמען אין איין דור אַזעלכע צען פֿרומע צדיקים ווי איר, זיי זאָלן וועגן גלייך מיט די שבטים. דעריבער דאַרפֿט איר אָפּקומען...

„ווי סמאל הרשע האָט דערזען, אַז גאָט ברוך־הוא האַלט שוין ביי חתמענען די גזירה, האָט ער זיך שטאַרק דערפֿרייט און גענומען זיך באַרימען: איך בין בייגעקומען מיכאלן, דעם יידישן שר!״...

„ווערט גאָט ברוך־הוא זייער אין כעס אויף סמאלן, רופֿט צו זיין נאָ־ענטן גרעסטן מלאך מטטרון און גיט אים אַ באַפֿעל: „שרייב און חתמע — שוועבל און פֿלאַם־פֿייער אויף רוים די מרשעת, אויף אירע מענטשן און בהמות, אויף איר זילבער און גאָלד און אויף אַלץ וואָס זי פֿאַרמאָגט!״...

„ווי רבי ישמעאל האָט דאָס דערהערט, איז ער געוואָרן אַ ביסל באַ־רואיקט און האָט גענומען שפּאַצירן אויפֿן הימל אַהין און צוריק, דערזעט ער אַ מזבח שטייט נאָענט לעבן כסא הכבוד, פֿרעגט ער ביים מלאך גבריאל: ׳וואָס איז עס?׳

„ענטפֿערט אים גבריאל: ׳אַ מזבח!׳

„— וואָס פֿאַר אַ קרבנות — פֿרעגט רבי ישמעאל ווייטער -- ברענגט איר אויף דעם דאָזיקן מזבח יעדן טאָג?

„— נשמות פֿון צדיקים! — ענטפֿערט דער מלאך גבריאל.

„— ווער איז זיי מקריב?

„— דער גרויסער שר מיכאל.

„איז רבי ישמעאל אַראָפּ אויף דער ערד און דערציילט די חברים, אַז די גזירה איז שוין געחתמעט. האָבן זיי פֿון איין זייט געקלאָגט וואָס אַזאַ שלעכטע גזירה איז אויף זיי אַרויס און פֿון דער אַנדער זייט האָט זיי הנאה געטאָן, וואָס גאָט ברוך־הוא האָט זיי געוואויגן גלייך מיט די שבטים...״

ווען דער איינער פֿון רבי עקיבאס תלמידים האָט פֿאַרענדיקט דער־ציילן די לעגענדע, האָבן זיך ביי אַלע טרערן געזען אין די אויגן און רבי עקיבא האָט זיי געטרייסט.

— רבי ישמעאל, מיין חבר, דאַרף זיין גליקלעך: דער שטן האָט אים אין זיין רשות ניט באַקומען, דער מלאך מיכאל אַליין איז זיך מטפל מיט די צדיקים, און רוים וועט כאַפּן איר מפלה, מיט שוועבל און פֿלאַם־פֿייער וועט זי אומקומען פֿאַר אירע זינד...

ווען די תּלמידים האָבן זיך באַרואיקט, האָט אַ צווייטער תּלמיד אויס־גערופֿן:

— און איך וועל אייך דערציילן אַ צווייטע אגדה וועגן דעם גרויסן תּנא רבי ישמעאל: „רבי ישמעאל בן אלישע איז געכאַפּט געוואָרן צוזאַמען מיט אַ צווייטן גרויסן תּלמיד חכם, רבי שמעון בן נתנאל. ווען מ׳האָט זיי ביידע אַרויסגעפֿירט צום טויט, האָט זיך רבי שמעון בן נתנאל צעוויינט. זאָגט אים רבי ישמעאל:

„— יונגער פֿירשט! נאָך אַ פּאָר שפּאַן און דו גייסט אַריבער אין שויס פֿון די צדיקים, און דו וויינסט גאָר!

„— אַ, חבר מיינער — ענטפֿערט רבי שמעון — דאָס האַרץ גייט מיר אויס און איך וויס אַפֿילו נישט פֿאַרוואָס איך קום־אום...

„זאָגט אים רבי ישמעאל:

„— מעגלעך, ס׳האָט זיך אַמאָל געמאַכט, אַז עמעצער איז צו דיר געקומען מיט אַ נויטיקער דין־תּורה אָדער מיט אַ שאלה, און דו האָסט זיך ניט געאײַלט און יענעם געלאָזט וואַרטן, ביז דו וועסט אויסטרינקען דיין כּוס, צי אָנטאָן דיינע שיך אָדער איינהילן זיך אין דיין קלייד. לויט דער תּורה הייסט דאָס: לאָזן פּייניקן אַ מענטש, און דערפֿאַר קומט טויט־שטראָף!

„— רבי, האָסט מיך געטרייסט! — האָט רבי שמעון בן נתנאל געענטפֿערט.

„האָבן זיי זיך געבעטן ביים תּליון. רבי ישמעאל האָט געטענהט: „איך בין אַ כּהן־גדול, אַ זון פֿון אַ כּהן־גדול, פֿון אהרן הכּהנס אייניקלעך, טויט מיך פֿריער, איך זאָל ניט זען דעם טויט פֿון מיין חבר!" רבי שמעון האָט געטענהט: „איך בין אַ פֿירשט, דער זון פֿון אַ פֿירשט, פֿון דוד המלכס אייניקלעך, טויט מיך פֿריער, איך זאָל ניט זען דעם טויט פֿון מיין חבר."

„זאָגט דער תּליון: „וואַרפֿט צווישן זיך גורל!"

„איז געפֿאַלן דער גורל אויף רבי שמעון בן נתנאל. נעמט דער תּליון די שווערד און קעפּט אים. הויבט רבי ישמעאל אויף דעם אָפּגעהאַקטן קאָפּ, דריקט אים צו דער ברוסט, וויינט און שרייט: „אַ, הייליק מויל, אַ, וואַרהאַפֿטיק מויל, אַ, מויל, וואָס בריליאַנטן, דימענטן און פּערל האָבן זיך פֿון אים געשאָטן, ווער האָט איצט דיך געלייגט אין דער ערד אַריין און ווער האָט דיר די צונג אָנגעשטאָפּט מיט שטויב און אַש?! אָך און וויי, דאָס איז די תּורה און דאָס איז איר לוין?!...

„ווי רבי ישמעאל יאָמערט אַזוי, קוקט־אַרויס דעם קייסערס טאָכטער דורכן פֿענצטער, זי זעט רבי ישמעאלן און זי בלייבט שטיין פֿאַרגאַפֿט

פון זיין זעלטענער שיינקייט, ווייל רבי ישמעאל איז געווען איינער פון די זיבן בארימטע שיינהייטן אין דער וועלט און זיין געזיכט האט געשיינט ווי ביי א מלאך. באקומט זי אויף אים גרויס מיטלייד און זי בעט זיך ביים פאטער: „טו מיר צוליב, וואס איך וועל דיך בעטן".

„ענטפערט איר דער פאטער: „וועגן אלצדינג, וואס דו וועסט מיך בעטן, טאכטער מיינע, וועל איך דיר צוליב טאן, נאר אויסער וועגן ישמעאלן מיט זיינע חברים".

בעט זי אים ווידער: „שענק אים דאס לעבן, איך בעט דיך!"

„ניין! — ענטפערט ער איר — דאס איז אוממעגלעך, איך האב שוין געשווארן!"

„אויב אזוי — בעט זי אים נאכאמאל — באפעל מען זאל אים אפ־שינדן די הויט גאנצערהייט פון זיין קאפ, וועל איך זיך אין איר שפיגלען".

„האט דער קייסער אזוי באפוילן און מ'האט ביי רבי ישמעאלן גענו־מען שינדן די הויט פון קאפ. ווען ס'האט געהאלטן ביים ארט, וואו ער האט געלייגט די תפילין, האט רבי ישמעאל ארויסגעלאזט א ביטערן געשריי, אז הימל און ערד זיינען פארציטערט געווארן; א צווייטן נאך שרעקלעכערן געשריי, אז דער כסא הכבוד איז פארציטערט געווארן.

„— רבונו של עולם! — האבן שוין ניט אויסגעהאלטן די מלאכי־השרת און גענומען טענהן — אזא צדיק, וואס דו האסט פאר אים אויפ־געדעקט אלע שאצקאמערן פון די אויבערשטע וועלטן און אלע סודות פון די אונטערשטע וועלטן, זאל ער אומקומען דורך אזא ווילדן און אומ־דערבארעמדיקן טויט? אט דאס איז די תורה און דאס איז איר לוין?!"

„ענטפערט זיי גאט ברוך־הוא:

„— וואס זאל איך טאן פאר מיינע קינדער, ס'איז א גזירה און ס'איז ניטא ווער עס זאל זי אפרופן..."

„לאזט זיך הערן א בת־קול: „וועט רבי ישמעאל ארויסלאזן נאך איין געשריי, קערט זיך איבער די גאנצע וועלט".

„ווי רבי ישמעאל האט דאס דערהערט, איז ער אנטשוויגן געווארן.

„פרעגט אים דער קייסער:

„— וואס, דו פארזיכערסט דיך נאך אלץ אויף דיין גאט?...

„— יא! — ענטפערט רבי ישמעאל — ער מעג מיך טויטן און צו אים וועל איך אלץ האפן!... — און מיט די ווערטער האט ער אויס־געהויכט זיין הייליקע נשמה".

א הייליקע שטילקייט איז אריינגעטראטן, נאכדעם ווי דער תלמיד האט געענדיקט זיין דערציילן די לעגענדע וועגן טויט פון רבי ישמעאל בן אלישע. טרערן האבן אויפגעגלאנצט אין רבי עקיבאס אויגן. ער האט

דעם קאָפּ זיינעם אַריינגענומען צווישןביידע הענט און אַזוי איז ער אָפּגע־זעסן אַ לאַנגע צייט און נאָכגעטראַכט וועגן זיין אומגעקומענעם חבר.

ער האָט זיך אין דער רגע דערמאָנט אָן די רייד פון זיין רבין רבי אליעזר בן הורקנוס, בעת ער איז אים מיט אַנדערע תּלמידי־חכמים געקומען אַמאָל מבקר־חולה זיין. ער האָט אים דעמאָלט פאָרויסגעזאָגט, אַז אויך ער וועט אומקומען אויף אַן אכזריותדיקן אופן.

האָט ער איצט, האַלטנדיק אַזוי פאַרטראַכט זיין קאָפּ מיט דער לאַנגער שניי־ווייסער באָרד צווישן ביידע הענט, געשעפּטשעט מיט די ליפּן: „אויב, רבונו של עולם, עס איז אויף מיר נגזר געוואָרן אומצוקומען דורך די רוצחישע הענט פון די רוימער, דערבאַרעם דיך אויף מיר און נעם דו צו מיין נשמה, ווי דו האָסט צוגענומען די נשמה ביי מיין חבר רבי ישמעאל בן אלישע, און איבערענטפער זי ניט אין די הענט פון שטן...״

די תּלמידים אַרום אים אין פעלד האָבן געשוויגן, די רייפע תבואה־זאַנגען האָבן זייערע שווערע קערנער־קעפּ געהאַלטן אַראָפּגעלאָזט און ווי מיטגעטרויערט אין דעם גרויסן יידישן טרויער. די תּלמידים האָבן ניט געוואָגט זייער רבין איבערצורייסן אין זיינע טראַכטונגען.

ווען רבי עקיבא האָט זיין קאָפּ אויפגעהויבן, זיינען ביי אים די אַלטע אויגן געווען רויט, אָבער דאָס פּנים זיינס האָט געלויכטן ווי ביי אַ געט־לעכן מלאך. עס איז געלעגן דערויף אַן אויסדרוק פון ענערגיע, שטאַרקייט און אַנטשלאָסנקייט. עס האָט אויסגעזען, אַז ער האָט עפּעס ביי זיך אָפּגע־מאַכט, וואָס ער איז גרייט מיט אַלע זיינע כּוחות דאָס דורכצופירן.

די תּלמידים האָבן געוואַרט פון אים אַן אַנדייט, אַ וואונק פון זיינע טראַכטונגען, אָבער ער האָט וועגן עפּעס אַנדערש גאָר אָנגעהויבן:

— גרויס איז ער געווען מיין חבר רבי ישמעאל, כאָטש ער האָט ניט מסכּים געווען צו מיין אָרט אויסטייטשן די תּורה. ער האָט געהאַלטן פון דעם פּשוטן טייטש: „דברי תורה כּלשון בני אדם״ — די תּורה האָט גערעדט ווי עס רעדן מענטשן״... — פלעגט ער שטענדיק איינווענדן קעגן מיינע אויספירן, און ער האָט באַשטימט דרייצן כּללים, לויט וועלכע די תּורה קאָן אויסגעטייטש ווערן — שלוש עשרה מדות שהתורה נדרשת בהן. גרויס איז ער געווען מיין חבר, רבי ישמעאל, כאָטש איך האָב מיט אים נישט מסכּים געווען... — האָט רבי עקיבא מיט זיין קאָפּ געשאָקלט און טרערן זיינען פון זיינע אַלטע אויגן געפלאָסן, באַוויינענדיק דעם אכזריותדיקן טויט פון זיין געליבטן חבר...

⁂

דעם אויסגעלאָסענעם קייסער אדרינוס איז געשען אַן אומגליק. זיין ליבלינגס־יינגל אַנטיניאוס איז אויף אַ געהיימנישפולן אופן אומגעקומען.

מ'האָט געשמועסט אין רוים און אין אַלע אונטערטעניקע לענדער, אַז אין דעם טויט פֿון דעם דאָזיקן בילד־שיינעם ייִנגל איז שולדיק געווען די קייסערין סאַבינאַ און דער רוימישער קריגספֿירער לוציוס ווערוס, איר געליבטער.

די קייסערין פֿלעגט זיך אָפֿט באַקלאָגן פֿאַר אירע נאָענטע פֿריינט, אַז אָט דאָס קליינע ייִנגל אַנטיניאוס האָט אײַנגאַנצן ביי איר צוגערויבט די ליבע פֿון איר מאַן. גאַנצע טעג און נעכט טרייבט ער, דער קייסער, אויסגעלאַסענע שטיק מיט דעם שיינעם בחורל און דערצו האָט ער נאָך באַשטימט, אַז ער זאָל נאָך זיין טויט ווערן דער קייסער פֿון רוים.

— עס איז דאָך אַ חרפּה פֿאַרן סענאַט און פֿאַר די פֿעלקער, איבער וועלכע מיר הערשן! — האָט זי געזאָגט אַן אויפֿגערעגטע.

די קייסערין האָט זיך דאַן געזאָלט אָפּשמועסן מיט איר געליבטן, דעם קריגס־פֿירער לוציוס ווערוס, אַז מען דאַרף אָט דאָס קליינע ייִנגל, דעם קייסערס „געליבטע", אָפּרוימען פֿון וועג. זי האָט ווערוסן צוגעזאָגט, אַז ווען ער וועט די בלוטיקע אַרבעט דורכפֿירן, וועט זי שוין זען, אַז ער זאָל ווערן דער יורש פֿון רוימישן טראָן.

ווערוס האָט דעמאָלט אָנגעהויבן זיך דערנעענטערן צו דעם קליינעם אַנטיניאוס, געוואונען זיין פֿריינטשאַפֿט, פֿירנדיק מיט אים שמועסן וועגן די אויפֿגאַבן פֿון אַ קייסער און וואָס ער דאַרף אַליין לערנען, כּדי צו קאָנען איבערנעמען דעם רוימישן טראָן.

דער קליינער אַנטיניאוס האָט ממש געקלעבט אָן ווערוסן, ער האָט ליב געהאַט צו הערן די שמועסן וועגן זיין צוקונפֿטיקן הערשן איבער רוים. ער איז אָפֿט מיט אים געגאַנגען שפּאַצירן איבער די רוימישע גאַסן, גערט־נער און צירקן.

איינמאָל האָט זיך דער קליינער אַנטיניאוס געלאָזט אָנרעדן פֿון זיין עלטערן פֿריינט, לוציוס ווערוס, און ער איז מיט אים מיטגעפֿאָרן שפּאַצירן אין אַ שיפֿל איבער דעם טייך טיבער.

ווען זיי זיינען געקומען אינמיטן פֿון שטראָמיקן טייך, האָט לוציוס ווערוס דעם קליינעם אַנטיניאוס אַרויסגעוואָרפֿן פֿון שיפֿל און די כוואַליעס האָבן אים באַלד פֿאַרשלונגען לעולם ועד...

פֿאַרשטייט זיך, אַז ווערוס האָט די זאַך אַזוי איינגעאָרדנט, אַז דער קייסער אדריינוס זאָל ניט וויסן, מיט וועמען זיין „געליבטע" איז אַרויס־געפֿאָרן שפּאַצירן. אַליין איז ער באַלד אַהינגעלאָפֿן צו דער קייסערין סאַ־בינאַ און איר איבערגעגעבן וועגן זיין אָפּגעטאָענער זאַך. די קייסערין איז אַרויפֿגעפֿאַלן אויף זיין האַלדז, אים געקושט און געדאַנקט פֿון גאַנצן האַרצן.

די דאָזיקע נאַכט האָט זי אינגאַנצן געהערט צו איר געליבטן לוציוס ווערוס, דעם קריגספירער פון איר מאַן.

אדרינוס, זעענדיק ביינאַכט, אַז זיין קליינער אַנטיניאוס איז ניטאָ, האָט ער אויפגעהויבן אַ געשריי, און ער האָט אַלע זיינע קנעכט פונאַנדער־געשיקט איבער גאַנץ רוים אים זוכן. אָבער זייערע זוכענישן זיינען געווען אומזיסט. דער קייסער איז געווען אומגליקלעך, נישט וויסנדיק אַפילו וואו דאָס געביין פון זיין געליבט ייִנגל איז אַהינגעקומען. ערשט אויפן דריטן טאָג, ווען אַ כוואַליע פון טייך טיבער האָט אַרויסגעוואָרפן אויפן ברעג דעם טויטן קערפער פון דעם ייִנגל, האָט ער צעריסן אויף זיך זיינע פורפורנע קייסערלעכע קליידער און זיך צעיאָמערט אויפן קול.

די קייסערין האָט אירס אויסגעפירט. אדרינוס איז געוואָרן נעענטער מיט איר און זי האָט אויך מיט פאַרשידענע ליבעס־צוזאָגן צו איר פאַר־טרויערטן מאַן געפועלט ביי אים, אַז ער זאָל לוציוס ווערוסן מאַכן פאַר זיין יורש אויפן רוימישן טראָן און אים דערקלערן אַלס זיין זון.

וועלנדיק פון איר מאַן פאַרטרייבן דעם אומעט, וואָס האָט אים באַ־הערשט נאָכן טראַגישן טויט פון דעם קליינעם אַנטיניאוס, האָט זי אים צוגערעדט צו מאַכן וויִיטע רייזעס, וועט ער זיך באַרואיקן.

דער קייסער אדרינוס האָט אין דער באַגלייטונג פון דער קייסערין סאַבינאַ און זיין קריגספירער לוציוס ווערוס אונטערגענומען אַ רייזע קיין מצרים, פון דאָרט איז ער געפאָרן קיין אַנטיאָכיע, וואו ער האָט זיך אויף אַ געוויסער צייט באַזעצט.

טורנוס רופוס, דער רוימישער פאַרטרעטער אין יהודה, באַקומענדיק די ידיעה, אַז דער קייסער געפינט זיך אין דער שכנותדיקער אַנטיאָכיע, איז ער צו אים אַרויסגעפאָרן, כדי צו באַגריסן זיין האר און באַפעלער און אים צו טרייסטן אין זיין גרויסן „אומגליק”...

אין יהודה האָט מען געוואוסט, וואָס פאַר אַ פאַסירונג עס האָט דעם קייסער געטראָפן און זיי האָבן אויך געהערט, אַז ער איז פיל רואיקער געוואָרן. ער האָט באַטראַכט זיין אומגליק פאַר אַ שטראָף, וואָס ער פייניקט אַזוי שווער די ייִדן. האָבן די תלמידי־חכמים אין אושה אויסגענוצט דעם דאָזיקן מאָמענט און באַשלאָסן צו שיקן אַ בכבודיקן שליח צו אים קיין אַנטיאָכיע, וואו עס האָט זיך געפונען אויך רופוס, דער רשעותדיקער פראָ־קוראַטאָר פון יהודה, און דאָרט פאַרן קייסער זיך באַקלאָגן אויף די רציחות און ביִיזוויליקע גזירות פון זיין פאַרטרעטער.

דער שליח איז געווען רבי עקיבא, וועלכער איז פון פריערדיקע צייטן געווען באַפריינדעט מיט אדרינוס־קייסער.

אדריַנוּס האָט זייער פֿריינטלעך אויפֿגענומען דעם יידישן געלערנטן. ער האָט אים צוגעטיילט גרויס כּבוד, און מיט ערנסט אויסגעהערט די אָנקלאָגעס קעגן טורנוס רופֿוס, דעם פֿאַרטרעטער זיינעם אין לאַנד פֿון יהודה.

דריי הויפּט־אָנקלאָגעס זיינען דאָס געווען: דער פֿאַרבאָט מל צו זיין די יידישע קינדער, וואָס דאָס איז איינע פֿון די העכסטע עיקרים פֿון יידישקייט; דער פֿאַרבאָט צו האַלטן שבת און אָפּהיטן דעם דאָזיקן רו־טאָג; דער צוואַנג זיך צו בוקן צו די רוימישע אָפּגעטער, וואָס דאָס איז די גרעסטע עבירה פֿאַר אַ ייד. די אַלע יידן — האָט רבי עקיבא איבערגעגעבן דעם קייסער — וואָס בוקן זיך ניט צו די געטער אָדער פֿאָלגן ניט אויס די אַנדערע זיינע באַפֿעלן, ווערן פֿאַראורטיילט דורך טורנוס רופֿוסן צום טויט.

ביי אדריַנוסן האָט זיך אויפֿגעוועקט דער אַמאָליקער חשק צו וויכּוחים מיט די יידישע געלערנטע און צוצוהערן זיך צו זייערע פֿילאָזאָפֿישע שמועסן, האָט ער געלאָזט רופֿן צו זיך זיין קריגספֿירער טורנוס רופֿוס, וועלכער האָט נאָך געוויילט אין אַנטיאָכיע און איבערגעפֿרעגט אים וועגן די מעשים, וואָס ער טוט אין יהודה און ער האָט געפֿאָדערט פֿון אים, ער זאָל פֿאַר רבי עקיבאַן באַרעכטיקן זיינע טאַטן.

רבי עקיבא האָט דאַן אָנגעהויבן מתווכּח צו זיין זיך מיט טורנוס רופֿוס און אדריַנוס האָט מיט גרויס נייגעריקייט זיך צוגעהערט צו זייערע טענות. ער האָט דאָס געזאָלט זיין דער שופֿט צווישן זייביידע, ווער עס איז גערעכט.

וואָס שייך דעם ענין פֿון מילה, האָט רבי עקיבא אויפֿגעוויזן, אַז דאָס איז דער צייכן פֿון דעם אָפּמאַך צווישן גאָט און דעם פֿאָלק ישראל, וואָס זיי דאַרפֿן טראָגן אויף זייער לייב, כּדי זיי זאָלן אים קיינמאָל ניט פֿאַרגעסן. דער דאָזיקער הייליקער אָפּמאַך ציילט זיך נאָך פֿון די צייטן פֿון דעם פֿאָטער אברהם.

דעם קייסער זיינען געפֿעלן געוואָרן די רייד פֿון רבי עקיבאַן און ער האָט אויפֿן אָרט אָפּגעשאַפֿט דעם פֿאַרבאָט אויף דער מצווה פֿון מילה.

ווען טורנוס רופֿוס און רבי עקיבא האָבן זיך אָנגעהויבן אַמפּערן וועגן פֿאַרבאָט אָפּצוהיטן דעם שבתדיקן טאָג אַלס אָפּרו, האָט דער פּראָקוראַטאָר פֿון יהודה געשטעלט רבי עקיבאַן די קשיא:

— אויב אייער גאָט האָט אויסגעקליבן שבת פֿאַר אַ הייליקן רו־טאָג, פֿאַרוואָס־זשע האָט זיך דער דאָזיקער טאָג ניט אונטערשיידט אָדער זיך מיט עפּעס אויסגעצייכנט פֿון די אַלע איבעריקע טעג פֿון דער וואָך?...

האָט אים רבי עקיבא דערויף געענטפֿערט:

— ווען די יידן האָבן געבלאָנדזשעט אין דער מדבר נאָך זייער אַרויס־גיין פֿון מצרים, איז אַ גאַנצע וואָך פֿון הימל אַראָפּגעפֿאַלן צו די יידן דער מן, אָבער אין שבתדיקן טאָג איז דער מן ניט געפֿאַלן. אָט זעסטו, האָט דאָך גאָט יאָ אונטערשיידט דעם טאָג פֿון שבת פֿון אַלע אַנדערע טעג!

— דאָס זיינען אַלץ לעגענדעס! — האָט טורנוס רופֿוס מיט שפּאָט אָפּגעענטפֿערט און זיין פֿעט קיילעכדיק אָן־בערדיק פּנים מיט די קליינע אכזריותדיקע אייגעלעך האָט זיך גיפֿטיק צעשמייכלט — איך גלויב נישט אין קיין לעגענדעס!...

האָט רבי עקיבא ווייטער באַמיט זיך אים איבערצוצייגן און געזאָגט:

— עס איז פֿאַראַן, זאָגט מען, אַ טייך מיטן נאָמען „סמבטיון”, וועמענס וואַסערן זיינען זייער שטורמיש און וואַרפֿן אַרויס פֿון זיך שטיינער אַ גאַנצע וואָך, בלויז אין זיבעטן טאָג, אין שבת, רוט דער דאָזיקער טייך, קיין כוואַליע גיט זיך נישט קיין ריר, ער ליגט גלאַטיק־שטיל און בלאַנקט קעגן דער זון. אָט דעם דאָזיקן טייך האָט גאָט באַשאַפֿן אַלס צייכן, אַז שבת איז דער טאָג פֿון רו...

— דו ביסט צו קלוג, ייד! — האָט רופֿוס אויסגעשריגן מיט שפּאָט — דו נעמסט דיר אַלס עדות אַ זאַך, וואָס איז גאָר ווייט פֿון אונדז; וואָס וואָלסטו געוואָלט, אַז איך זאָל פֿאָרן אויפֿזוכן דעם דאָזיקן „סמבטיון” און זיך איבערצייגן אין דער אמתדיקייט פֿון דיינע רייד? גיב מיר בעסער אַ באַווייז, וואָס מ׳קאָן זיך דאָ אויפֿן אָרט איבערצייגן דערין!...

רבי עקיבא האָט זיך אַ ווײַלע פֿאַרטראַכט, ווערט איבערגעגעבן אין אַ לעגענדע, און ער האָט תּפֿילה געטאָן צו גאָט און געבעטן: „גאָט, דו אַל־מעכטיקער! דו, וועלכער האָסט געטאָן אַזוי פֿיל נסים צו דיינע גלויביקע, טו אויך מיט מיר היינט אַ נס און מאַך אַזוי, אַז דער רשע זאָל פֿאַר־שעמט בלייבן!”...

און דאַן האָט ער אויסגערופֿן:

— טיניאוס רופֿוס! דיין פֿאָטערס קבר געפֿינט זיך דאָך אין אַנטי־אָכיע, און דאָרט אויף יענער וועלט מוז ער דאָך געוויס אָפּקומען פֿאַר זיינע שלעכטע מעשׂים אויף דער ערד. אָבער די רשעים אין גיהנום ליידן בלויז זעקס טעג אין דער וואָך, אין זיבעטן טאָג, אין שבת, רוט דאָס גיהנום. שיק דעריבער מענטשן, זיי זאָלן אַכטונג געבן אויף דיין טאַטנס קבר, וואָס דאָרטן קומט פֿאָר, וועסטו זיך איבערצייגן, אַז אין משך פֿון די זעקס טעג גייט אַרויס אַ רויך פֿון זיין קבר, אָבער אין שבת רוט דיין פֿאָטער פֿון די גיהנומדיקע יסורים און עס גייט נישט אַרויס פֿון קבר קיין רויך.

האָט דער קייסער אדריַנוס געשיקט שלוחים אַכטונג צו געבן אויפֿן קבר פֿון טורנוס רופֿוסעס פֿאָטער, און זיי האָבן איינגעזען, פֿאַרענדיקט זיך די לעגענדע, אַז רבי עקיבאס רייד זיינען ריכטיק.

דער קייסער האָט דעמאָלט אויך אָפּגעשאַפֿט דעם פֿאַרבאָט פֿון אָפּצו־היטן שבת.

טורנוס רופֿוס איז פֿריער בלאַס געוואָרן, דערנאָך איז דאָס גאַנצע בלוט אים געקומען אין פּנים אַריין און ער האָט זיך זייער פֿאַרשעמט. דער כּעס האָט אין אים געזאָטן אויף רבי עקיבאן, אָבער ער האָט גאָרנישט געקאָנט אויפֿטאָן קעגן אים...

— פֿאַר היינט וועט זיין גענוג! — האָט אדריַנוס, צוזעענדיק די פֿאַר־לעגנהייט פֿון טורנוס רופֿוס, אויסגערופֿן — אָבער מאָרגן קומט ווידער, וועלן מיר פֿאָרזעצן אייער וויכּוח.

רבי עקיבא האָט מיט אַ זיגערישן בליק אָפּגעמאָסטן זיין רוימישן קעגנער און טורנוס רופֿוס האָט געהאַלטן דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזן און נישט געוואָגט דעם יידישן געלערטן אין די אויגן אַריינצוקוקן.

צומאָרגנס זיינען זיי ווידער ביידע, רבי עקיבא און רופֿוס, דערשינען פֿאַרן קייסער.

— וואָס פֿאַר אַ טענות האָסטו היינט צום יידישן געלערטן? אויב דו האָסט, פֿרעג!

— געוויס וועל איך פֿרעגן — האָט רופֿוס מיט אַן אָנגעצונדן פֿייערל אין זיינע אויגן אויסגערופֿן און מיט צאָרן געקוקט אויף רבי עקיבאן, זיין שטאַרקן קעגנער — פֿאַרוואָס, ייד, איז נישט פֿאַראַן נאָך איין פֿאָלק אויף דער ערד, וואָס זאָל זיין אַזוי אומפֿריינטלעך און שנאהדיק געשטימט קעגן אַנדערע, ווי עס זיינען די יידן? יעדער פֿאָלק האָט זיך זיינע געטער, אָבער זיי זיינען אויך גינסטיק געשטימט צו די געטער פֿון די אַנדערע פֿעלקער. בלויז די יידן זיינען פֿול מיט שנאה און פֿאַראַכטונג צו די פֿרעמדע געטער און זיי לערנען, אַז זייער גאָט האַלט די אָפּגעטער פֿאַר אומווירדיק. דער יידישער גאָט האָט פֿיינט די רוימער, די גריכן, די עגיפּטער, די פּערסן און אַלע אַנדערע פֿעלקער פֿון דער ערד, ווייל זיי דינען צו אַנדערע געטער און נישט צו אים!

ער האָט געענדיקט זיין פֿראַגע און מיט אַ גיפֿטיקן שמייכל געקוקט אויף רבי עקיבאן און געוואַרט פֿון אים אַן ענטפֿער. ער האָט איבערגעפֿירט זיין בליק פֿון רבי עקיבאן אויפֿן קייסער און זיגעריש געוואַרט, וואָס דער ייד האָט דערויף צו זאָגן.

— וואָס שוויגסטו, יידישער געלערנטער? — האָט אַדריַנוס האַלב אין ערנסט און האַלב מיט שפּאָט אין זיין בליק געפֿרעגט ביי רבי עקיבאן —

וואָס פֿאַר אַן ענטפֿער האָסטו צו געבן אויף דער דאָזיקער גערעכטער באַשולדיקונג ?

רבי עקיבא האָט אַ לייכטן שמייכל געטאָן און אין זיין שמייכל האָט זיך אַרויסגעפֿילט די פֿולסטע זיכערקייט אין זיך, אַזוי אַז רופֿוס איז שוין באַצייטנס בלאַס געוואָרן...

— ווייסטו מיר דערלויבן, גנעדיקער קייסער — האָט רבי עקיבא לאַנגזאַם, ווי ער וואָלט געציילט זיינע ווערטער, אָנגעהויבן — ווייסט מיר דערלויבן צו דערציילן דיר דעם חלום, וואָס עס האָט זיך מיר די היינטיקע נאַכט געחלומט: מיינס אַ פֿריינט האָט מיר געשאָנקען אַ מתנה צוויי הינט, אַ זכר און אַ נקבה. דער זכר האָט געהייסן רופֿוס און די נקבה — רופֿינאַ...

ביי די ווערטער איז טורנוס רופֿוס אויפֿגעשפּרונגען, גלייך ווי אַן עקדיש וואָלט אים אַ ביס געטאָן. ער איז רויט געוואָרן פֿון כּעס, און אדרינוס, דאַקעגן, האָט זיך זייער שטאַרק צעלאַכט.

— דו, געמיינער ייד! — האָט דער פּראָקוראַטאָר פֿון יהודה אויס־געשריגן מיט ציין־קריצעניש — טויט־שטראָף קומט דיר פֿאַר דיין חוצפּה! אַפֿילו אין אייערע חלומות זייט איר פֿיינטלעך און רעבעליש געשטימט קעגן אונדז. ווי וואַגסטו אָנצורופֿן דיינע הינט מיט מיין נאָמען און מיטן נאָמען פֿון מיין וויַיב?!...

— האָט דאָס דיך טאַקע אַזוי אויפֿגערעגט?... — האָט רבי עקיבא איראָניש געפֿרעגט — איז דען פֿאַראַן אַזאַ גרויסער אונטערשיד צווישן דיר און אַ הונט? דו עסט און טרינקסט און דער הונט עסט און טרינקט; דו שלאָפֿסט און דער הונט שלאָפֿט; דער הונט שטאַרבט און דו ווּעסט שטאַרבן, און דאָך ביסטו אַריינגעפֿאַלן אין אַזאַ גרימצאָרן, ווען איך האָב מיינע הינט, אַפֿילו בלויז אין חלום, אָנגערופֿן מיט דיין נאָמען!... — היינט־זשע ווי צאָרניק דאַרף זיין גאָט ברוך־הוא, וועלכער האָט באַשאַפֿן הימל און ערד, מענטשן און חיות און געוויקסן, ווען פֿאַרבלענדטע מענטשלעכע וועזנס רופֿן אָן מיט זיין נאָמען די געצן אויסגעאַרבעט פֿון שטיין און האָלץ?!...

טורנוס רופֿוס איז געבליבן שטיין, ווי מ׳וואָלט אים מיט אַ שטיק אייזן איבערן קאָפּ דערלאַנגט. ער האָט דאָס מויל ניט געקאָנט עפֿענען, בעת רבי עקיבאס אויגן האָבן געשיינט צוליב דעם אָפּגעהאַלטענעם נצחון.

אדרינוס־קייסער האָט קיין אַנדערע ברירה ניט געהאַט, ווי צוצו־פּסקענען, אַז דער יידישער געלערנטער איז גערעכט און ער האָט אויף דעם סמך אויך צוריקגעצויגן דעם באַפֿעל פֿון טורנוס רופֿוס, אַז יידן זאָלן זיך מוזן בוקן צו די רוימישע אָפּגעטער.

אַ צעבראָכענער און צעשטויבטער אויף אַש איז טורנוס רופֿוס אַהיימ־געגאַנגען צו זיך אין הויז. ער האָט געזאָטן ממש פֿון כּעס, אָבער ער איז

געווען הילפֿלאָז קעגן דעם ייד, ווען דער קייסער אַליין האָט אַזוי גע־אורטיילט.

רופֿינאַ, זיין ווייב, האָט אים כמעט נישט דערקענט, אַזוי פֿאַרענדערט איז זיין פּנים געווען.

— וואָס האָט מיט דיר פּאַסירט, מיין טייערער מאַן? — האָט זי אַ דער־שראָקענע געפֿרעגט, און איר שיין לענגלעכדיק פּנים מיט די צוויי גרויסע גרין־דימענטענע אויגן האָט זיך ווי מיט אַ וואָלקן איבערגעצויגן.

רופֿינאַ האָט געגאָלטן אַלס איינע פֿון די שענסטע רוימישע מאַטראָ־נעס און האָט אָפּגעשטאַמט פֿון גרויסן אַריסטאָקראַטישן יחוס און זי האָט מיט רופֿוסן חתונה געהאַט בלויז דערפֿאַר, וואָס ער האָט באַקומען אַזאַ הויכע שטעלע אַלס פּראָקוראַטאָר פֿון יהודה. דאָס האַרץ האָט איר אָנגע־הויבן קלאַפּן פֿאַר מורא, אַז עפּעס שרעקלעכס איז מיט איר מאַן געשען.

— רופֿוס!... — האָט זי ווידעראַמאָל אויסגעשריען, ווען זי האָט פֿון איר מאַן אַזוי גיך קיין תשובה נישט באַקומען — וואָס ביסטו אַזוי אומרואיק? צי האָסטו אָנגעוואוירן די לייטזעליקייט פֿון אונדזער קייסער? און אפֿשר האָט דיך גאָר אַדריגוס פֿאַראורטיילט צום טויט צוליב עפּעס אַ רכילות, וואָס ער האָט ליב לעצטנס אָנצונעמען אויף זיינע אייגענע מענטשן?... דו זעסט דאָך אויס שרעקלעך. רעד דאָך אַ וואָרט אויס צו מיר, מיין מאַן. זאָג מיר, וואָס פֿאַר אַן אומגליק איז מיט דיר געשען?!...

— דער ייד!... — האָט טורנוס רופֿוס צווישן די ציין אַרויסגע־ברומט. אָט דער דאָזיקער יידישער געלערנטער עקיבא רייצט מיך אויף ביז משוגעת. וואָס איך זאָל נישט זאָגן פֿאַרן קייסער, וואַרפֿט ער עס אָפּ מיט גרויס דערפֿאָלג. ער האָט מיך היינט אין דער קעגנוואָרט פֿון קייסער מיאוס באַזיגט און פֿאַרשעמט און דערצו האַלט נאָך דער קייסער מיט אים... עס איז מיר נישט געבליבן קיין אַנדער אויסוועג ווי נאָר דאָס לעבן זיך צו נעמען!

— איך וועל דיך פֿון אים באַפֿרייען! — האָט רופֿינאַ מיט פֿעסטקייט אויסגערופֿן.

— דו?!... — האָט דער מאַן זי איבערגעפֿרעגט מיט שטוינונג.

— יאָ, איך! — האָט זי מיט אירע שיינע אויגן אַ פֿינקל געטאָן — הער אויס, רופֿוס: מען זאָגט אויף מיר, אַז איך בין זייער אַ שיין ווייב, די שענסטע פֿון גאַנץ רוים... די יידן זיינען נישט אַנדערש פֿון אַנדערע מענער אין באַצוג צו שיינע פֿרויען, און אפֿילו אַלטע מענער וועלן זיך נישט קאָנען באַהערשן, ווען איך זאָל מיך מיט זיי וועלן אַ שפּיל־טאָן. איך וועל מיך אויספּוצן אין מיינע שענסטע קליידער, באַהענגען מיין האַלדז מיט די טייערסטע איידלשטיינער און צירונג, אויסשמירן מיין לייב מיט

די טייערסטע שמעקעדיקע בוימאיילן. איך וועל קומען צום אלטן יידישן רבין און איך וועל מאכן אויפפלאמען זיין הארץ; ער איז זיכער דורשטיק נאך ליבע און אין מיינע ליידנשאפטלעכע אָרעמס וועט ער פארברענט ווערן. מיין נאמען איז נישט רופינא, אויב ער וועט נישט פולשטענדיק פאלן צו מיינע פיס און ער וועט זיך ווי א ייִנגל נאריש אין מיר פארליבן, אזוי אז ער וועט אלץ טאן, וואס איך וועל אים נאר הייסן; צי דורך א זיסן שמייכל, צי דורך א זידיקער טרער — וועט ער מיר נאכקריכן ווי א קעלבל נאך א קו. איך וועל אים אויסשטעלן צו נאר, כ'וועל אים מאכן לעכערלעך אין די אויגן פון קייסער, אין די אויגן פון די רוימער און אפילו אין די אויגן פון זיין אייגן פאלק. דאן וועט ער ווערן אומשעדלעך און דו וועסט איבער אים טריאומפירן!

— איך גלויב קוים, צי עס וועט דיר געלינגען מיט דעם דאזיקן מאן עפעס אויפצוטאן. ער איז א גרויסער חכם, א פילאזאף און דערצו איז ער געוואלדיק פרום.

— נארישער מאן מיינער! — האט רופינא מיט א קלינגענדיק קולכל זיך פונאנדערגעלאכט — עס איז שוין געווען א גרעסערער פילאזאף אויף דער וועלט ווי אט דער יידישער געלערטער און דאס איז דער גריכישער געלערטער און פילאזאף אריסטאטל. מסתמא ווייסטו דאך די געשיכטע, ווי אלעקסאנדער מוקדון, ווען ער איז נאך יונג געווען און געלערנט ביי אריסטאטל, האט זיך פארליבט אין א שיינער און לייכטזיניקער פרוי פון אתונא (אטען) און זיין לערער אריסטאטל האט אים דערפאר אויסגע־שטראפט און געזאגט מוסר צוליב דער דאזיקער ליבע...

„איז אלעקסאנדער געגאנגען צו דער געליבטער פרוי זיינער און זיך באקלאגט פאר איר, אז אריסטאטל לאזט אים נישט ווייטער אנהאלטן זיין ליבע מיט איר. די פרוי האט אבער געטרייסט איר געליבן: ,דו לאז מיך נאר אליין און וועסט זען, ווי דיין לערער וועט באלד ענדערן זיין מיינונג וועגן מיר'...

„די פרוי האט זיך דאן אויסגעצירט אין איר פולסטן פראכט און איז אוועקגעגאנגען צום גרויסן פילאזאף. אין אנפאנג האט אריסטאטל אפילו נישט געוואלט איר שענקען קיין בליק, אבער ביסלעכוויז איז דאס 'אייז' פון זיין הארץ צעגאנגען, ער האט זי אנגעהויבן צו צערטלען און צו קושן. זי האט זיין ליידנשאפט פונאנדערגעריצט צו דער העכסטער מדרגה, און ווען ער האט שוין געפלאקערט פון גרויס ליבע צו איר, האט זי פון אים אנגעהויבן צו פארלאנגען די אומזיניקסטע זאכן.

„אַריסטאָטל האָט זיך אַפֿילו לויט איר פֿאַרלאַנג אויסגעצויגן אויף דער ערד אויף אַלע פֿיר און זי האָט זיך אַנידערגעזעצט רייטן אויף זיין רוקן און צוגעשמיסן מיט אַ בייטשל, אַז ער זאָל שנעלער לויפֿן...

„אין דעם מאָמענט איז אַלעקסאַנדער זיין תּלמיד — אַזוי האָט זיך די פֿרוי געהאָט אָפּגערעדט מיט איר געליבטן — אַריינגעקומען צום פֿילאָזאָף אין חדר און דערזען די דאָזיקע נאַרישע סצענע, ווי זי רייט אויף די פּלייצעס פֿון גרויסן פֿילאָזאָף.

„פֿאַרשטייט זיך, אַז דער פֿילאָזאָף האָט זיך זייער פֿאַרשעמט פֿאַר אַלעקסאַנדערן, און פֿון דעמאָלט אָן האָט ער אים שוין נישט מער גע־מוסרט צוליב דער דאָזיקער פֿרוי...״

ווען רופֿינאַ האָט ווידער מיט אַ קלינגענדיק געלעכטער פֿאַרענדיקט די געשיכטע, האָט רופֿוס, איר מאַן, אויסגערופֿן:

— באמת, עס איז אַ וואונדערלעכע געשיכטע, און קיין גרעסערער חכם פֿון אַריסטאָטעלן איז נישט פֿאַראַן, און אויב ער האָט געקאָנט געפֿאַנגען ווערן אין דער נעץ פֿון אַ שיינער פֿרוי, טאָ גיי און פּרוביר אויס דאָס זעלבע אויך מיט דעם יידישן געלערנטן עקיבא!...

רבי עקיבא איז געזעסן איינער אַליין אין זיין חדר און איז געווען פֿאַרטיפֿט איבער אַ פּאַרמעטענער מגילה, וואָס ער האָט געהאַלטן אין דער האַנט און פֿון דאָרט עפּעס אַרויסגעלייענט.

פּלוצלינג עפֿנט זיך די טיר און עס קומט צו אים אַריין אַן אויסגע־שלייערטע אין איר שענסטער פּראַכט די פֿרוי פֿון טורנוס רופֿוס, רופֿינאַ. פֿאַרשכּורנדיקע ריחות פֿון די טייערסטע שמעקעדיקע בוימאיילן האָבן זיין צימער אָנגעפֿילט.

אויפֿן ערשטן אָנבליק פֿון רבי עקיבאן מיט זיין שניי־ווייסער באָרד און פּאַרמעט־אַלטן פּנים, וועמענס אויגן זיינען געווען אַראָפּגעלאָזט אין דער מגילה און די ווייסע לאַנגע ברעמען האָבן ווי פֿאַרהאַנגען זיי איבער־געדעקט, איז רופֿינאַ געבליבן שטיין אַ דערשראָקענע ביי דער טיר און נישט געוואַגט ווייטער צו מאַכן אַ שריט.

ווען רבי עקיבא האָט דערפֿילט לויט דעם שטאַרקן ריח, אַז עמיצער איז דאָ ביי אים אין שטוב, האָט ער אויפֿגעהויבן זיין קאָפּ, די ליכטיקע אויגן האָבן ווי צוויי אָנגעגליטע קוילן זי דורכגענומען, אַז זי איז אַזש אויפֿגעטרייסלט געוואָרן. רבי עקיבא האָט זיך דאַן צעשריגן אויף איר מיט זיין לייבן־שטימע, פֿאַרוואָס זי האָט אים געשטערט אין לערנען. דער־נאָך האָט ער זיך פּלוצלינג זאַנפֿט צעשמייכלט און מיט אַ ווייכער שטימע

זי איבערגעבעטן פֿאַר זיין פֿריערדיק שרייען, און דאַן האָבן מיטאָמאָל שטראָמען טרערן אָנגעהויבן צו פֿליסן פֿון זיינע אויגן.

רופֿינאַ איז געבליבן שטיין צעמישט און דערשטוינט פֿון דער דאָזיקער מאָדנער באַגעגענונג פֿון יידישן רבין, און נאָך אַ ווײַלע שטילשווייגן, האָט זי ענדלעך געוואַגט דאָס מויל צו עפֿענען און פֿרעגן מיט אַ שטילער געבראָכענער שטימע:

— פֿאַרוואָס, גרויסער יידישער רבי, האָסטו זיך פֿריער אַזוי צעשריגן אויף מיר, דערנאָך האָסטו זיך אַזוי זאַנפֿט צעשמייכלט און צום סוף אַזוי ביטער געגאָסן מיט טרערן?...

רבי עקיבא האָט זי אָנגעקוקט און זי באַטראַכט אין איר אויסגעשלייערטקייט, זיין פֿלאַמיקער בליק האָט אין איר דאָס בלוט אָנגעצונדן ווי דורך אַ צוויבערהאַפֿטן פֿייער־שטראָם און ער האָט אויסגערופֿן:

— כ׳האָב מיך צעשריגן אויף דיר, וואָס דו, אַ געצנדינערין, האָסט געוואַגט צו קומען צו מיר מיט שלעכטע כּוונות און געוואָלט מיר שטערן אין לערנען און אָנרעדן צו זינד... כ׳האָב מיך דערנאָך צעשמייכלט, ווײַל מיין האַרץ האָט מיר געזאָגט, אַז דו וועסט זיך סוף־כּל־סוף מגייר זיין און מיט מיר חתונה האָבן... און טרערן האָבן זיך מיר פֿון מיינע אויגן אָנגעהויבן גיסן, ווען כ׳האָב דערזען דיין פּרעכטיק געשטאַלט. גאָט האָט זיין גאַנצע שיינקייט אַריינגעלייגט אין דיר, און צום סוף וועט דאָס דאָזיקע פּראַכטפֿולע באַשעפֿעניש דאַרפֿן אַמאָל פֿוילן אין דער ערד. אָט די דימענטענע אויגן דיינע וועלן זיך אַמאָל אויסלעשן, די גראַציעזקייט פֿון דיין געשטאַלט וועט פֿאַרשוואונדן ווערן, ווי זי וואָלט גאָר קיינמאָל נישט עקזיסטירט אויף דער וועלט און וועט ווערן די שפּייז פֿאַר כּלערליי מיני ווערים. דיין נשמה וועט אַראָפּנידערן אין די טיפֿענישן פֿון גיהנום און זיין אויסגעשטעלט אויף אייביקע פּיין און יסורים, ווײַל האָסט קיינמאָל אין דיין לעבן קיין גוטע מעשים נישט געטאָן, האָסט ניט דערפֿילט דעם ציל פֿון גאָטס באַשעפֿעניש — צו ווערן אַ בעסערע און קליגערע פֿרוי...

רופֿינאַ איז געשטאַנען ווי פֿאַרשטיינערט פֿאַר רבי עקיבאַן, זי האָט זיך איינגעהערט אין זיינע ווייכע, גלעטנדיקע און גלייכצייטיק שטראָפֿנדיקע רייד, וואָס האָבן ווי מוזיק אָפּגעקלונגען אין אירע אויערן און זיך מיט וואַרעמקייט פֿונאַנדערגעגאַנגען איבער אַלע אירע אברים. איר האַרץ האָט ווי אַ לעבעדיק טייבעלע געצאַפּלט אין איר ברוסט. אַלע אירע שלעכטע כּוונות האָט זי אין דעם מאָמענט געהאַט פֿאַרגעסן. טרערן האָבן אויפֿגעגלאַנצט אין אירע גרינע דימענטן־אויגן, זיי זיינען געפֿלאָסן מיט צוויי הייסע שטראָמעלעך איבער אירע סאַמעט־גלאַטע באַקן און מיטאָמאָל האָט זי מיט אַ יאָמערלעך קול ווי אַ פֿאַרוואונדעטע חיה זיך צעוויינט.

— רבי! — האָט זי דורך שטיקנדיקע טרערן אויסגערופֿן — צי איז נאָך מעגלעך, אַז איך זאָל מיין צוקונפֿטיק לעבן קאָנען ענדערן צום גוטן?...

— עס איז מעגלעך... — האָט רבי עקיבא שטיל געענטפֿערט, און מיט רחמנותפֿולע בליקן זי אָנגעקוקט אַזוי ווייך און ליבהאַרציק — דער אַלמעכטיקער גאָט איז מוחל דעם זינדיקן און איז פֿול מיט רחמים צו די, וואָס טוען תּשובה...

רופֿינאַס פּנים האָט אויפֿגעשיינט און די גרין־דימענטענע אויגן אירע האָבן זיך צעשמייכלט. אויף אירע באַקן זיינען נאָך געווען קענטיק די פֿאַרטריקנטע טרערן. זי איז אַ ווייל געשטאַנען און באַוואונדערט דעם אַלטן מאַן, דעם יידישן רבין ר׳ עקיבא, ווי ענערגיש און פֿול מיט לעבן עס איז זיין יעדע באַוועגונג. זייערע בליקן האָבן זיך צונויפֿגעטראָפֿן. זי האָט דעם גלי פֿון זיינע אויגן נישט אויסגעהאַלטן און האָט אַראָפּגענידערט איר שיינעם קאָפּ צו דער ערד.

— רבי... — האָט זי נאָך אַ לענגערער ווײַלע שטיל און מיט אַ ציטערדיק קול געפֿרעגט — רבי, צי איז מעגלעך, אַז איך זאָל קאָנען אָננעמען די יידישע אמונה?...

— עס איז מעגלעך און דו דאַרפֿסט עס טאָן... — האָט רבי עקיבא אויך שטיל געענטפֿערט און זיין שטים האָט לייכט ווי אַ סטרונע אַ וויבריר געטאָן — דאַרפֿסט זיך באַקענען מיט דער לערע פֿון אַלמעכטיקן גאָט, דעם באַשעפֿער פֿון דער וועלט, מיין טאָכטער. דאַרפֿסט זוכן צו געפֿינען די אייביקע לייטזעליקייט זיינע. אָבער דעמאָלט דאַרפֿסטו פֿאַרוואַרפֿן דיינע אָפּגעטער און אָפּזאָגן זיך פֿון די אַלע אומווירדיקייטן, וואָס די רוימער טוען. דאַרפֿסט פֿריער פּרוּוון, צי דו קאָנסט די אַלע זאַכן אויספֿירן, צי עס וועט ניט זיין צו שווער פֿאַר דיר. יידישקייט איז אַ שווערע לאַסט פֿאַר די, וואָס זיינען נישט צוגעוואוינט, נישט אַלע קאָנען עס דערטראָגן... עס זיינען פֿאַראַן זעקס הונדערט און דרייצן מצוות, וואָס מען דאַרף אָפּהיטן...

— רבי... האָט רופֿינאַ נאָך שטילער אַרויסגעמורמלט און איר פּנים איז אָפּגעגאָסן געוואָרן מיט אַ פּורפּור־רויטקייט — איך בין אַהערגעקומען מיטן ציל דיך צו פֿאַרפֿירן מיט מיין שיינקייט, דיך צו באַצויבערן מיט מיין גלאַנץ און פּראַכט און צו מאַכן דיך לעכערלעך אין די אויגן פֿון קייסער און פֿון גאַנצן פֿאָלק, כּדי מיין מאַן רופֿוס, ווען דו פֿאַרשעמסט אַזוי אָפֿט פֿאַרן קייסער מיט דיין אומגעהויערער חכמה, זאָל זיך ענדלעך באַזיגן און טריאומפֿירן איבער דיר... דו האָסט מיך אָבער אַנטוואָפֿנט מיט דיין איידלקייט און מיט דיינע איבערצייגנדיקע רייד. איך האָב פֿאַר־וואָרפֿן מיין נאַרישן פּלאַן און איך וועל פֿון היינט אָן טיף זיך פֿאַרטראַכטן

איבער מיין לעבן, כ׳וועל שטרעבן מיך אויסצואיידלען און כ׳וועל שעפן מיין וויסן פון דער יידישער לערע, כ׳וועל ווי א דורשטיקע טרינקען פון דעם קוואל פון אמת... כ׳וויל ווערן א מיטגליד פון יידישן פאלק...

— און דיין מאן?... — האט רבי עקיבא געפרעגט.

רופינא האט זיך א ווײַלע פארטראכט און דערנאך געענטפערט:

כ׳וועל פרואוון מיט אלע מיינע כוחות איבערצוצייגן רופוסן אנצו־הויבן פירן א בעסער לעבן. אין הארץ לאכט ער אליין אויך אפ פון די אפגעטער. ער טוט עס בלויז צוליב זיין דינסט פאר דער רוימישער אימ־פעריע... זיין אייביק שטרעבן נאך גאלד, נאך רייכקייט מאכט אים פאר־דארבן. כ׳וועל פרואוון אים אומקערן אויפן ריכטיקן וועג.

— און אויב ער וועט ניט וועלן?... — האט רבי עקיבא געפרעגט — ווארים עס גלויבט זיך מיר קוים, אז אזא מאן ווי טורנוס רופוס, וואס זיין האנט איז אויסגעשמירט מיטן בלוט פון אזוי פיל אומשולדיקע מענטשן, זאל זיך קאנען אומקערן אויפן רעכטפארטיקן וועג...

רופינא האט געשוויגן. עס איז געווען צו זען, אז זי טראכט שטארק איבער דער דאזיקער פראגע און זוכט צו געבן אן ענטפער.

— און אויב ער וועט ניט וועלן? — האט רבי עקיבא נאך א לענגע־רער ווײַלע נאכאמאל זיין פראגע איבערגעחזרט.

— וועל איך אים פארלאזן!... — האט רופינא מיט פיל אנט־שלאסנקייט געענטפערט און זי האט שנעל זיך געגעבן א דריי־אויס און שוין ביי דער טיר האט זי אויסגערופן — זיי געזעגנט, רבי! וועסט נאכ־אמאל הערן פון מיר...

קאַפּיטל 17

משיח איז געקומען

●

רבי עקיבא איז נאָך לאַנג געזעסן ביי זיך אין חדר און נאָכגעטראַכט וועגן דער דאָזיקער אויסטערלישער און אומגעריכטער פּאַסירונג. לאַנגע שאָטנס האָבן זיך אָנגעהויבן אויסציִען אויף דער וואַנט, וואָס איז געווען אַנטקעגנאיבער דעם פֿענצטער. די זון איז שוין געהאַט פֿאַרשוואונדן געוואָרן הינטערן מערבדיקן האָריזאָנט.

די נאַכט איז צוגעפֿאַלן. אין חדר איז געוואָרן טונקעלער און טונקעלער, און רבי עקיבא איז נאָך אַלץ געזעסן פֿאַרטיפֿט אין זיינע מחשבות. עפּעס מאָדנע, שוין לאַנג פֿאַרגעסענע בילדער האָבן איצט אין דער פֿינצטערניש אויפֿגעטויכט פֿאַר זיינע אויגן. אַן אומבאַוואוסטע גוטסקייט און אָנגענעם געפֿיל איז זיך איבער אַלע זיינע גלידער צעגאַנגען. ער האָט זיך דערזען אַלס יונגערמאַן, עקיבא דעם פּאַסטוך מיט זיין חבר עזריה אויפֿן פֿעלד מיט די שעפּסן צוזאַמען.

ווי איצט געדענקט ער אַזוי קלאָר יענע נאַכט פֿאַרן צעשיידן זיך מיט זיין חבר און ער איז געגאַנגען אַוועק קיין טבריה צו די גיטער פֿון כלבא שבוע. זיי זיינען פֿאַרקוקט דעמאָלט געווען אין די בערג פֿון יהודה, וואָס האָבן זיך געבאָדן אין דעם פּורפּור־שיין פֿון דער אויפֿגייענדיקער רויטער לבנה. ער געדענקט נאָך עזריהס רייד: „שטייג ניט צו הויך, ווייל דאָס אַראָפּפֿאַלן פֿון דער הויך אין דער נידער טוט שטאַרק וויי...״

— אָ, ווי לאַנג דאָס איז שוין!...

מיטאַמאָל דערזעט ער פֿאַר זיך רחלען. זי שלייכט זיך אַריין אין זיין חדר מיט פּאַמעלעכע טריט. זי איז פּונקט די זעלבע ווי דעמאָלט, ווען זי איז געקומען צוזאַמען מיט הורקנוסן זוכן אַ פּאַסטוך־אויפֿזעער פֿאַר איר פֿאָטער כלבא שבוע.

— רחל!... — שעפּטשען אין אומבאַוואוסטזיין זיינע ליפּן.

אָבער דאָס בילד פֿון זיין טייערער רחל צעשווימט ווי ווייסער רויך, בלויז איר שמייכל הענגט אין דער לופֿטן און איר זאַנפֿטער בליק קוקט אַרויס פֿון דעם גאָרנישט, וואָס איז נאָר־וואָס צעפֿלאָסן געוואָרן אין זיין

פּינצטערן צימער. ער רייבט זיך די אויגן, ער וויל מיט אַלע זיינע כּוחות צוריק אויפברענגען דאָס דאָזיקע טייערע בילד. אויף אַ רגע געלינגט עס אים... ער דערזעט ווידער איר צעשמייכלטע פּרעכטיק פּנים, פון אירע אויגן קוקט אַרויס אַזוי פיל גוטסקייט און פאַרגעבונג, ווי זי פלעגט אָפט־מאָל אַזוי קוקן אויף אים, ווען ער האָט דערוווּדערט איר געבעט וועגן פאַרן קיין יבנה לערנען.

פלוצלינג נעמט איר פּנים אָן אַן אַנדער געשטאַלט. אירע שוואַרצע שמייכלענדיקע אויגן גייען איבער אין דימענט־גרין. אַ ריח פון די טייערסטע בוימאיילן ווייען אין זיינע נאָזלעכער און פאַר זיינע אויגן שטייט גאָר רופינאַ, די געצנדינערין, וועלכע וויל גאָר איצט אַננעמען דאָס יידישע גלויבן...

„זיי געזעגנט, רבי, ווערסט נאָך אַמאָל הערן פון מיר!״... — קלינגען נאָך איצט אָפּ אין זיינע אויערן אירע לעצטע רייד.

עס דערהערט זיך אַ לייכטער קלאַפּ אין דער טיר. עס קומט אַריין זיין באַגלייטנדיקער תּלמיד מיט אַן אָנגעצונדן אייל־לעמפּל. אויף די ווענט צעטאַנצן זיך עפּעס אַזעלכע מאָדנע שאָטנס. אָבער וואָס מער דאָס פלעמל פון אייל־לעמפּל צעפלאַקערט זיך, אַלץ שנעלער ווערן די שאָטנס אַלע פאַרשוואונדן.

אין צימער ווערט ליכטיק. רבי עקיבא שטעלט זיך אויף אין זיין גאַנצער העלדישער הויך און זיין שניי־ווייסע באָרד ציטערט אַביסל. די אויגן לייכטן ביי אים ווי צוויי אָנגעגליטע קוילן.

ער רופט אויס אַזוי ווייך און שטיל:

— ווי גרויס זיינען דיינע מעשים, גאָט! און ווי פאַרשידנאַרטיק זיינען דיינע וועגן!...

— רבי! — רופט אויס זיין תּלמיד — כ׳האָב געדונגען אויף מאָרגן אינדערפרי צוויי אייזלען. נאָך פאַר זון־אויפגאַנג רייטן מיר אָפּ אַהיים!

רבי עקיבא גיט אַ מאַך מיט דער האַנט אַלס סימן, אַז דער תּלמיד זאָל אים איצט פאַרלאָזן.

דער תּלמיד פאַרשווינדט. רבי עקיבא נעמט ווידער אין זיין האַנט אַריין די מגילה, וואָס ער האָט געהאַלטן בעת רופינאַ איז פלוצלינג אין זיין חדר אַריינגעקומען.

ער פאַרטיפט זיך אין די רייד פון דער תּורה, שטרענגט זיך אָן צו פאַריאָגן די אַלע געדאַנקען און בילדער, וואָס רייסן זיך מיט אַלע כּוחות צו אים אין מוח.

ער דערמאָנט זיך דאָס פּנים פון טורנוס רופוס, ווי ער האָט אויס־געזען לעבערלעך אין די אויגן פון קייסער אדרינוס, ווען ער האָט אים

באַזיגט אויף אַלע זיינע פֿראַגן, און אַ צופֿרידענער שמייכל האָט אויפֿגע־לויכטן איבער זיין פֿאַרמעט־אַלטן פּנים.

— זיי געבענטשט, גאָט, וואָס האָסט מיך ניט באַשאַפֿן קיין גוי!...

— האָט ער געשעפּטשעט מיט זיינע ליפּן און אַ באַרואיקטער געלייגט זיך שלאָפֿן, ווייל מאָרגן גאַנץ פֿרי דאַרף ער זיך אומקערן אין זיין געליבט לאַנד אַריין, צו זיין געליבט און טייער פֿאָלק, וואָס וואַרט אויף אים ווי אויף אַ דערלייזער...

צומאָרגנס איז רבי עקיבא צוריקגעפֿאָרן קיין אושה. ער האָט גאַנץ גוט געוואוסט, אַז טורנוס רופֿוס איז איצט איין שטיק פֿייער קעגן אים און ער האָט זיך צו ריכטן גאָר אין אַ קורצער צייט אויפֿן אויסברוך פֿון צאָרן מצד דעם רוימישן פֿאַרטרעטער אין יהודה.

טורנוס רופֿוס איז צוריקגעקומען קיין קיסריה אבל וחפוי ראש. ווען ער האָט זיך אין אַנטיאָכיע געזעגנט מיטן קייסער אדרינוס, וועלכער איז אויך אין זעלבן טאָג צוריקגעפֿאָרן קיין רוים, האָט ער באַמערקט אין זיינע אויגן גרינגשעצונג און שפּאָט.

איין מפּלה איז געקומען נאָך דער צווייטער. רופֿינאַ, וועלכע איז אַהינגעגאַנגען צו רבי עקיבאן מיטן צוועק אים צו פֿאַרפֿירן און לעכערלעך מאַכן אין די אויגן פֿון אַלעמען, איז צוריקגעקומען גאָר אַן אַנדער מענטש. רופֿוס האָט זי ממש נישט דערקענט. אויף אירע באַקן האָט ער באַמערקט צייכנס פֿון טרערן. די אויגן אירע זיינען געווען רויט און דאָס פּנים אַזוי געענדערט, אַז ער האָט זיך פּשוט דערשראָקן.

— וואָס איז מיט דיר געשען, מיין טייער וייב — האָט ער אַ פֿאַר־ציטערטער אויסגערופֿן, ווען רופֿינאַ איז נאָר איבערגעטראָטן די שוועל פֿון הויז.

רופֿינאַ האָט באַלד נישט געענטפֿערט. זי האָט זיך בלויז אַראָפּגע־זעצט אויפֿן טעפּיך, וואָס איז געלעגן אויסגעשפּרייט אויף דער ערד און זיך אויפֿסניי צעוויינט.

— איך בין אַ זינדיקע... — האָט זי נאָכן אויסוויינען זיך שטיל געמורמלט — כ׳בין זינדיק צו מענטשן און צו גאָט...

— צו די געטער, מיינסטו... — האָט איר רופֿוס פֿאַרריכט.

— ניין, נישט צו די געטער פֿון האָלץ און שטיין, נאָר צו דעם אייביקן און מעכטיקן גאָט, וועלכער האָט באַשאַפֿן הימל און ערד און אַלץ וואָס איז דאָ אין דער וועלט.

— ביי יופּיטער! — האָט רופֿוס ווי נישט מיט זיין קול אויסגערופֿן. — וואָס פֿאַר אַ כּוח האָבן דאָס די יידן... אונקלוס, דער גרויסער האַר און קרוב פֿון קייסער אדרינוס, האָט דאָס יידישע גלויבן אָנגענומען און

דערנאָך אַלע סאָלדאַטן, וואָס איך האָב נאָך אים געשיקט, האָט ער אָנגע־רעדט זיך מגייר צו זיין. צי האָט דער עקיבא אויך אויף דיר...

ער האָט נישט פאַרענדיקט דעם זאַץ, ווארים ער האָט זיך אַליין דער־שראָקן פאַר די רייד, וואָס ער האָט געוואָלט אַרויסזאָגן. ער האָט אָנגע־קוקט די שיינע רופינאַ, וואָס קיין שום מאַנסביל וואָלט זיך איר נישט געקאָנט אַנטקעגנשטעלן. איר רייץ און פראַכט האָט דאָך אין גאַנץ רוים געשמט. אַלע גרעסטע הארן זיינען דאָך ביי אירע פיס געלעגן. אַפילו אדרינוס אַליין האָט אָנגעהויבן לעצטנס צו וואַרפן אויף איר פייערדיקע בליקן, און ווען נישט דאָס שיינע יינגל, אין וועלכן דער קייסער האָט זיך געהאַט „פאַרליבט", וואָלט ער שוין זיין רופינאַ נישט מער געהאַט ביי זיך...

— הער אויס, רופוס! — האָט רופינאַ מיט אַ געבראָכענער שטימע אָנגעהויבן צו רעדן — דער יידישער רבי איז אַ גרויסער מאַן. די יידישע לערע איז אינגאַנצן אַנדערש, ווי די רוימישע און גריכישע. דאָס, וואָס האָט געקאָנט פּאַסירן מיט אַזאַ גרויסן פילאָזאָף ווי אַריסטאָטל, קאָן באַין אופן נישט פּאַסירן מיט רבי עקיבאן...

— וואָס האָט ער דען גערעדט מיט דיר, דער דאָזיקער יידישער מכשף? — האָט רופוס בייז אויסגערופן — האָט ער דיך אָנגערעדט אָפּשר אָנצונעמען דאָס יידישע גלויבן, דאָס גלויבן אין אַן אומגעזעענעם גאָט, וואָס זיי, די יידן, רעדן זיך איין, אַז ער זיצט אין די הימלען און האָט נישט מער וואָס צו טאָן ווי נאָר צו טראַכטן וועגן זיין אויסדערוויילט פאָלק ישראל?

— ניין, רופוס, ער האָט מיך נישט צוגערעדט. דאָס האָב איך ביי אים געבעטן, ער זאָל מיר דערלויבן אָנצונעמען די יידישע אמונה, ווייל זי איז די ריינסטע און ערלעכסטע צווישן אַלע אמונות, וואָס זיינען אין דער רוימישער אימפעריע פאַראַן...

— אומגליקלעכע... — האָט רופוס אַ באַגאַסענער מיט רויטקייט אויסגערופן — ווילסטו אויסטוישן דאָס לעבן אין רו און אין פאַרגעניגנס אויף אַ לעבן פון אַן אייביק געפלאָגטער. זעסט דאָך, ווי זייער גאָט קאָן זיך פאַר זיי אָננעמען, אַז ער ראַטעוועט זיי צומאָל נישט פון מיינע הענט. וואָס פאַר אַ בייז איך זאָל זיי נישט טאָן, זיינען זיי אָנמעכטיק זיך אַנט־קעגנצושטעלן. איך וועל זיי איצט נאָך מער פאַרביטערן דאָס לעבן. איך וועל אויסטראַכטן די גרעסטע פּיין און יסורים, וואָס דער מענטשלעכער געדאַנק קאָן נאָר באַנעמען, און זאָל זיי זייער גאָט אין די הימלען באַשי־רעמען פון מיינע הענט!...

— רופוס... — האָט רופינאַ מיט אַ שוואַך קול זיך ביי אים גע־בעטן — האָב רחמנות אויף דיין נשמה, גאָט וועט זיך אָן דיר סוף־כּל־סוף נוקם זיין. ער וועט זיך נוקם זיין אָן גאַנץ רוים. עס איז נישט מעגלעך אַ לאַנד זאָל אַזוי אונטערדריקן זיינע אונטערטאַנען און דאָס דאָזיקע לאַנד זאָל בלייבן אומבאַשטראָפט. פאָלג מיך, מיין מאַן, גיי אַהין צו רבי עקיבאַן קיין אושה, פאַל אים צו די פיס און בעט ביי אים פאַרגעבונג. ער וועט זיך אויף דיר דערבאַרעמען. נישטאָ אַזעלכע גוטע און פאַרגעבלעכע מענטשן ווי עס זיינען די יידן...

— ווילסטו, הייסט עס, אַז איך זאָל אויך אָננעמען דאָס יידישע גלויבן; איך, וועמענס הענט זיינען איינגעטונקען אין אַזויפיל בלוט פון אָט די דאָזיקע יידן? איך האָס זיי, איך קאָן נישט פאַרטראָגן זייער חכמה, איך לייד נישט זייער צו גרויסע פאַרשטענדיקייט, זייער איינרעדעניש, אַז זיי זיינען די אויסדערוויילטע. כאַ־כאַ... אויסדערוויילטע צו כאַפּן יסורים־דיקע קלעפּ פון אונדז, רוימער... איך זאָל ווערן אַ ייד? קיינמאָל נישט אין לעבן!

— וועל איך דיך מוזן פאַרלאָזן, רופוס. אַזוי האָב איך באַשלאָסן, נאָכדעם ווי איך האָב געהאַט דאָס געשפּרעך מיט דעם גרויסן יידישן געלערטן. ער האָט מיר דערציילט אַ פיינע געשיכטע, ווי אין די גאָר אַלטע צייטן האָט דער קעניג פון מואב, בלק, געשיקט זיין נביא בלעם צו שעלטן די יידן, און ווען ער איז צו די יידן געקומען, האָט ער זיי גאָר געבענטשט... אויך מיט מיר איז דאָס זעלבע פאַרגעקומען: דו האָסט מיך געשיקט אים פאַרפירן אויף אַ שלעכטן וועג און איך בין אַרויפגעפירט געוואָרן אויף דעם רעכטפאַרטיקן וועג פון גלויבן אין דעם איינאיינציקן גאָט, און איך בענטש דערפאַר דעם גרויסן יידישן רבין...

רופוס איז בלאַס געוואָרן ווי דער טויט. אַז אויף אַזוי ווייט איז ביי איר שוין דערגאַנגען, האָט ער זיך ניט געריכט.

— רופינאַ! — האָט ער ווי אַ פאַרוואונדעטע חיה אַ ריטש געטאָן! — דו ווילסט מיך פאַרלאָזן?!...

— איך קאָן מער נישט בלייבן אונטער איין דאַך מיט אַ געצנדינער און מערדער פון אומשולדיקע נפשות, וואָס וויל אַפילו נישט בעטן קיין פאַרגעבונג פאַר די באַגאַנגענע בלוטיקע זינד!

— רופינאַ, איך דערקען דיך גאָרנישט. דאָס ביסטו די לעבנסלוס־טיקע רוימישע מאַטראָנע, וועלכע איז אַוועק ערשט מיט עטלעכע שעה צוריק פאַר אַזאַ שפּאַסיקן צוועק, און איצט ביסטו אַזוי ערנסט, ווי אַן אַלטע אָפּגעלעבטע פרוי!

רופינאַ האָט אים דערויף גאָרנישט געענטפערט. זי האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און איז פאַרזונקען אין אירע אייגענע געדאַנקען. עס האָבן איר מער נישט געאַרט זיינע רייד, וואָס ער רעדט.

אַ דערצאָרנטער ביז גאָר אויף דער אויסטערלישער אויפפירונג פון זיין ווייב, האָט רופוס באַשלאָסן אין דעם איצטיקן מאָמענט בעסער זי צו לאָזן אַליין. זאָל זי זיך באַקלערן, זאָל זי אַליין איינזען, וואָס פאַר אַ גע־וואַלטיקע נאַרישקייט זי גייט דאָ אָפּטאָן, און נישט זאָגנדיק איר מער קיין וואָרט, האָט ער פאַרלאָזן דאָס הויז און איז אַוועק צו זיינער אַ געליבטער, אַ גריכישער קורטיזאַנע, כּדי ביי איר צו שטילן זיין אומגעוויינלעכן כּעס.

ווען רופינאַ איז געבליבן אַליין, איז זי שנעל אויפגעשפרונגען ווי אַ יונגע הירשין, גענומען עטלעכע קליידער אירע, וואָס זי האָט געהאַט נויטיק און שנעל פאַרלאָזט דאָס טמא הויז, ווי זי האָט ביי זיך אין געדאַנק געטראַכט וועגן איר ביז איצטיקער היים. זי האָט זיך געלאָזט גיין צו אירס אַ יידישער פריינדין אין עק פון דער שטאָט, וואו זי האָט געזאָלט בלויז איבערנעכטיקן. זי האָט געהאַט בדעה צומאָרגנס אַוועקצוגיין קיין אושה און בעטן ביי אַ יידישן רבין, ער זאָל זי מגייר זיין און לערנען די יידישע געזעצן.

ווען רופוס איז אַהיימגעקומען און זיין ווייב נישט געפונען, האָט ער זיך צעקלאָגט אויפן הויכן קול און ווי אַ פאַרוואונדעטער טיגער האָט ער געשפרייזט איבערן צימער און געשריגן, געמאַכט משוגענע קולות צו די פיר ליידיקע ווענט.

— איך וועל אָן די יידן נעמען נקמה דערפאַר! זיי וועלן באַצאָלן פאַר מיין אומגליק! אָבער גאָר טייער וועט באַצאָלן אַט דער יידישער רבי זייערער עקיבא!... — האָט ער מיט דער האַנט געדראָט אין דער לופטן — ער וועט טייער באַצאָלן!

אַ פייער האָט געברענט אין האַרץ פון דעם רוימישן פאַרטרעטער אין יהודה. ווי אַ משוגענער האָט ער געשפרייזט אַרויף און אַראָפּ אין זיין צימער פון פּאַלאַץ אין קיסריה און געדאַנקען ווי פייערדיקע בליצן זיינען געפלויגן דורך זיין קאָפּ. ער האָט געשטורעמט און געברויזט פון גרויס צאָרן.

שוין עטלעכע מאָל האָט עמעצער פון זיינע צענטוריאָנס געוואָלט צו אים אַריינגיין און וועגן עפּעס מעלדן, אָבער רופוס האָט מיט אַן אומגע־דולדיקן מאַך מיט דער האַנט זיינער אים אָפּגעשטעלט. יענער האָט זיך אין שרעק צוריקגעצויגן.

— איך וועל פאַסן פלייש פון אים לאָזן רייסן! — האָט ער געטראַכט און נישט געפילט בשעת מעשה, אַז זיינע טראַכטונגען רעדט ער אַרויס

אויפֿן הויכן קול — איך וועל דעם דאָזיקן אַלטן מכשף די ווייסע באָרד אויסרייסן, די גרעסטע יסורים אָנטאָן פֿאַר די אַלע פּיין, וואָס ער האָט מיר פֿאַרשאַפֿט!...

און ווידער האָט ער זיך אָנגעהויבן דרייען איבערן צימער ווי אַ משוגענער. ער איז מיט די דראָאונגען אַ ביסל באַרויִקט געוואָרן. עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער האָט שוין איבער זיין שונא דאָס אַלץ אויסגעפֿירט.

אָבער באַלד איז ער ווידער אַריינגעפֿאַלן אין אַ גרימצאָרן און אָנגעהויבן רעווען ווי אַ ווילד־געוואָרענע חיה:

— מיט דער ערד וועל איך זייערע הייזער אויסגלייכן און אין זייער בלוט וועל איך מיך באָדן! — האָט ער געדראָט מיט דער האַנט אין דער לופֿטן.

ענדלעך האָט ער זיך באַרויִקט און אויפֿגעעפֿנט די טיר פֿון זיין צימער.

דער צענטוריאָן, וועלכער וואַרט שוין שעהן לאַנג הינטער דער טיר, איז אַריינגעקומען און דערזעענדיק די בלאַסקייט אויף זיין האַרס פּנים, איז ער געבליבן שטיין אָן לשון. ער האָט דאָך אויך געהערט זיין שרייען הינטער דער טיר. עס האָט אים שוין באַלד באַנג געטאָן, וואָס ער איז בכלל אין דער דאָזיקער צייט געקומען מיט זיין גישט־איבעריק גוטער נייעס צום פּראָקוראַטאָר פֿון יהודה.

אָבער באַלד האָט רופֿוס מיט אַן אויפֿגעברויזטער שטימע אַ פֿרעג געטאָן:

— וואָס ברענגסט דיך צו מיר אַזוי פֿרי, לוציוס?

— וויכטיקע נייעס האָב איך פֿאַר דיר, איידעלער האַר — האָט אים לוציוס, דער צענטוריאָן, געענטפֿערט — די יידן בונטעווען זיך שוין ווידער.

— וואו?! — האָט רופֿוס אַ ריטשע געגעבן הויך אויפֿן קול און אויסגעקאָלערט פֿון דערשטוינונג זיינע אויגן.

דער צענטוריאָן איז געבליבן שטיין דערשראָקן.

— נו, רעד! וואָס ביסטו אַנטשוויגן געוואָרן! וואו בונטעווען זיך דאָס די יידן? איך וועל זיי שוין איינצוימען אַזוי שטאַרק, אַז עס וועט זיך זיי אָפּגלוסטן מורד צו זיין אין רוים!...

— זיי בונטעווען זיך אין אושה, זיי זיינען אומרויִק אין טבריה און שרייען אויף די גאַסן פֿון לוד, אומעטום אין יהודה און אין גליל שפּירט זיך דער אָטעם פֿון אויפֿשטאַנד! עפּעס געפֿינט זיך צווישן זיי איינער אַ געוויסער שמעון פֿון דעם שטעטל כּזיב. ער איז דער גאַנצער אָנפֿירער

פון דער מרידה. איך האָב אים אַנומלט געזען. אַ העלדישער ייד זעט ער אויס צו זיין, אַ גבור! די יידן שרייען אויף אים: „משיח"!

רופוס איז אויפגעשפרונגען ווי אַן אָפּגעבריטער. די דאָזיקע ידיעה איז פאַר אים געווען ווי בוימאייל אויפן פייער אין זיין איצטיקן געמיט־צושטאַנד.

— בינד אים מיט שטריק און ברענג אים אַהערצושלעפּן, דעם דאָ־זיקן „משיח"! — האָט ער אַ רעווע געטאָן.

דער צענטוריאָן איז בלאַס געוואָרן. ווי קאָן ער אויספירן אַזאַ באַפעל, אַז יענער איז שטענדיק אַרומגערינגלט מיט טויזנטער יידישע יונגעלייט, וועלכע גייען פאַר אים אין פייער און וואַסער. פון אַלע געגנטן אין יהודה און גליל ציען זיך צו אים מענטשן, און ביי אים איז עס אַזוי פשוט: „בינד אים און ברענג אים צו שלעפּן!"

— פאַרוואָס ביסטו אַנטשוויגן געוואָרן? — האָט רופוס זיך גע־וואונדערט.

— איידעלער האַר!... — האָט דער צענטוריאָן אַרויסגעשטאַמלט — כדי אַט דעם שמעונען צו ברענגען צו דיר, דאַרפן מיר האָבן עטלעכע גוט־באַוואָפנטע רוימישע לעגיאָנען! ער איז נישט אַליין!

— ווער איז דען מיט אים?! — האָט רופוס הויך אויסגעשריגן און ער איז רויט געוואָרן ווי פּורפּור.

— אַלע יידן! — האָט דער צענטוריאָן געענטפערט.

רופוס האָט דעם צענטוריאָן באַפרייט און געהייסן זיין גרייט צו יעדער צייט, ווען ער וועט אים רופן. אַליין האָט ער זיך אוועקגעזעצט און אָנגעשריבן אַ לאַנגן באַריכט צום קייסער אדרינוס קיין רוים און מיט אַ ספּעציעלן שליח אים אָפּגעשיקט.

⁂

אַ גרויסע אויפרודערונג איז געקומען אין די שטעט פון גליל און יהודה. פון צווישן די געהיימע חברות, וואָס האָבן געהאַט פאַר אַ ציל צו באַפרייען זיך פון אונטער דער הערשאַפט פון רוים, האָבן זיך אויסגעשיילט פיל דרייסטערע יונגעלייט, וואָס האָבן זיך געריסן פאַראויס און גערופן צום אָפענעם אויפשטאַנד. צווישן די אַלע אָבער האָט זיך צום מייסטנס אַנגעזען דער יונגערמאַן פון דעם שטעטל כזיב, שמעון. ער איז געווען הויך און ברייט־פּלייציק. אַלע האָבן אים געהאַלטן פאַר אַן איבערנאַטירלעכן גבור. מיט דער גרעסטער לייכטקייט האָט ער געוואָרפן די ריזיקסטע שטיינער מיט דער בלויזער קני און שטענדיק געטראָפן אין ציל אַריין. אַחוץ דעם האָט ער געקאָנט מיט זיינע פייערדיקע רייד אָנ־

צינדן דעם מוט ביי די טויזנטער יונגעלייט. צו זיינע רייד האָט מען זיך געמוזט צוהערן. ער האָט נישט גערעדט, נאָר געדונערט און מיט אַזאַ היץ, אַז די אַלע, וועלכע האָבן געהערט, זיינען גרייט געווען אַלץ צו וואַרפן און אים נאָכגיין.

ווען רבי עקיבא איז צוריקגעקומען פון זיין שליחות ביי אדרינוסן אין אַנטיאָכיע, האָט ער שוין אין אושה געטראָפן אַ גאַנצע איבערקערעניש.

אומעטום, אין אַלע גאַסן, אין אַלע הייזער האָט מען בלויז געהערט איין געשריי: „משיח איז געקומען! ער, שמעון, וועט אונדז אויסלייזן פון די הענט פון די רוימער!"

די תלמידי־חכמים זיינען צעטיילט געוואָרן אויף צוויי לאַגערן. איין טייל האָט בשום אופן נישט געוואָלט דערלאָזן צו אַן אָפענעם אויפשטאַנד קעגן די רוימער. עס זיינען אַפילו געווען אַזעלכע, ווי רבי יוסי בן קיסמא, וועלכער איז געווען אַן אָנהענגער פון שלום מיט רוים. ער האָט צו זיך געהאַט נאָך פיל אָנהענגער, ווי יוחנן בן תורתא און אליעזר המודעי.

דער אָנפירער פון צווייטן לאַגער איז געווען רבי עקיבא. ער איז דעמאָלט געווען די גרעסטע אויטאָריטעט ביים יידישן פאָלק.

אין אַ גרויסן וויכוח, וואָס זיי האָבן אָפגעהאַלטן אין בית המדרש פון אושה, האָט רבי יוחנן בן תורתא מיט היץ אויסגעשריגן צו רבי עקיבאן:

— גראָז וועט פון דיינע באַקן אויסוואַקסן, עקיבא, און משיח וועט נאָך נישט האָבן געקומען!

רבי עקיבא האָט זיך דאַן אויפגעשטעלט אין זיין גאַנצער מאַיעסטעטישער הויך. ער האָט אינגאַנצן געציטערט פאַר אויפרעגונג. זיין ווייסע באָרד האָט זיך געטרייסלט און פון די אויגן האָט געשאָסן מיט פייער.

— ווי לאַנג איז דער שיעור — האָט ער געשריגן — צו לאָזן זיך דערנידעריקן פון יעדן אומווירדיקן רוימער! וויפיל נאָך יסורים און פיין דאַרפן מיר אויסשטיין, כדי אונדזער געדולד זאָל ענדלעך פּלאַצן! וואו איז דער כבוד פון אונדזער אויסדערוויילט פאָלק. עס איז ווינד־און־ווי צו אונדז, אויב עס געפינען זיך נאָך ביי אונדז מענטשן, וואָס ווילן שלום מיט אונדזער ערגסטן שונא, וועלכער וויל זען אונדזער אונטערגאַנג, וועלכער וועט זיך נישט אָפשטעלן פאַר גאָרנישט און וועט אונדז פאַרניכטן, אויב ער וועט דערפילן אונדזער שוואַכקייט.

— רבי עקיבא איז גערעכט! רבי עקיבא איז גערעכט! — האָבן זיך דערהערט אויסגעשרייען פון אַלע זייטן.

— אויב עס האָבן זיך שוין געפֿונען אַזעלכע הייליקע יונגעליט, וואָס ווילן מיט זייער לעבן אויסלייזן אונדז פֿון דער שווערער שאַנד, וועט איר איצט זיי לייגן שטיינער אויפֿן וועג! — האָט רבי עקיבא זיך פֿאַרקייכט און מער נישט געקאָנט אַרויסרעדן קיין וואָרט.

— פֿאַרטרייבט זיי, די פֿאַררעטער! — האָבן זיך געהערט שטימען, און עטלעכע יונגעלייט האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צו רבי יוסי בן קיסמא — וויפֿיל קריגסטו באַצאָלט פֿון די רוימער פֿאַר דיין רעדן גוטס אויף זיי?!...

רבי יוסי בן קיסמא איז געוואָרן בלאַס ווי קרייד. ערשט רבי עקיבא האָט דעם צעהיצטן עולם איינגעהאַלטן און געבעטן זיך ביי זיי:

— נאָר נישט קיין אייגן בלוט פֿאַרגיסן! איידער איין ייד, הרגעט בעסער צען רוימער, בלויז אין זיין פֿאַרבלענדקייט רעדט ער אַזוי!...

די צעהיצטע בחורים האָבן זיך עטוואָס באַרואיקט און דער וויכוח איז ווייטער אַנגעגאַנגען.

רבי אליעזר פֿון מודיעין האָט מיט שטילע און האַרציקע רייד אַנגע־הויבן אייננעמען די צעהיצטע מאַסע, וואָס איז געווען פֿאַרזאַמלט אין בית המדרש.

— וואָס טראַכט איר וועגן מיר, אַז איך בין, חלילה, אַ שונא פֿון אונדזער פֿאָלק, ווען איך בעט אייך אַביסל באַזינונג? קוקט־אָן אונדזער מחנה און זעט, מיט וויפֿיל מער דער שונא קאָן קעגן אונדז אַרויסשטעלן. אונדזער קאַמף קעגן רוים איז לכתחילה פֿאַרמשפּט אויף מפּלה. זיי וועלן אונדז דערדריקן מיט זייער געפּאַנצערטער מאַכט — האָט ער שטיל, נישט היצנדיק זיך, געטענהט צום געוויסן פֿון די יונגעלייט — אייער לעבן איז מיר אַזוי טייער, ווי מיין אייגן לעבן, און איך וויל נישט זען, ווי די ראָבן און די הונגעריקע חיות אין פֿעלד וועלן פֿרעסן די טויטע קערפּערס פֿון אונדזער טייערער יוגנט...

— עס איז אָבער בעסער, אַז די חיות זאָלן אונדז אויפֿפֿרעסן, ווען מיר וועלן פֿאַלן אין גלייכן קאַמף מיט אונדזער שונא, ווי די רוימער זאָלן אונדז ווי שעפֿעלעך אויסשעכטן, אָדער אונדזערע בחורים און בתולות פֿאַרקויפֿן אויף די שקלאַפֿן־מערק! — האָט רבי עקיבא אים געענטפֿערט און זיינע אויגן האָבן דערביי געפֿלאַקערט, ווי צוויי אַנגעגליטע קוילן, די ווייסע באָרד און זיין ווייסער קיטל, אין וועלכן ער איז אַנגעקליידט גע־ווען, האָבן זיך אויסגעמישט און אויך זיין פּנים איז ווייס געוואָרן, ווען ער האָט זיך אַנגעשטרענגט מיט זיין רעדן.

— מיין חבר רבי עקיבא! — האָט רבי אליעזר המודעי זיך געבעטן ביי אים און טרערן זיינען אים געקומען אין די אויגן אַריין — צי האָט אונדזער רבי יהושע בן חנניה אַזוי געלערנט?...

— רבי יהושע בן חנניה האָט זיין טעות אָנערקענט פאַר זיין טויט!

— האָט אים רבי עקיבא אויפן אָרט אָפּגעענטפערט — ער האָט געגלויבט אין די רייד פון פאַלשן אַדריגוס, אָבער איידער ער האָט זיין הייליקע נשמה אויסגעהויכט, האָט ער מיר געזאָגט: „אל תבטחו בנדיבים בבן אָדם שאין לו תשועה" — פאַרלאָז דיך נישט אויף די האַרן, אויף דעם מענטש, וועלכער קאָן אייך גאָרנישט העלפן... ניין, רבי אליעזר, מיר וועלן זיך אויף די רוימישע האַרן מער נישט פאַרלאָזן, בלויז אויף אונדזער שווערד און אויף אונדזער אַלמעכטיקן גאָט, וועלכער האָט אונדז צוגע־שיקט דעם גרויסן העלד שמעון! „דרך כוכב מיעקב" — אַ שטערן איז אויפגעגאַנגען פון יעקב! — האָט ער אויסגעשריגן מיט פייער.

די יונגעלייט האָבן אונטערגעכאַפּט מיט באַגייסטערונג דעם דאָזיקן אויסרוף פון רבי עקיבאן, און באַלד איז געפאַלן פון עמיצן דאָס וואָרט: „בר־כוכבא" — און אַזוי האָט מען אים פון דעם דאָזיקן אָוונט אָן גערופן: „בר־כוכבא"... — דער זון פון שטערן.

אַרום דעם דאָזיקן העלד האָבן זיך אָנגעהויבן וועבן די שענסטע לע־גענדעס, וואָס זיינע אָנהענגער האָבן זיך איינע די אַנדערע דערציילט, און איטלעכער האָט נייעס פון זיך צוגעגעבן. און בר־כוכבא איז מיט די דאָזי־קע לעגענדעס אַרומגעצירט געוואָרן, ווי מיט אַ הערלעכער קרוין. מיט אָט די מעשיות איז מען אויסן־געווען איינצוהילן אים אין דעם משיחישן מאַנטל. אַפילו רבי עקיבא אַליין, ווען ער האָט אים צום ערשטן מאָל דער־זען אין זיין פּרעכטיקער געשטאַלט, האָט ער אויסגערופן: „אָט דאָס איז דער געזאַלבטער פון גאָט, אונדזער משיח!"

⁂

און אָט אַזוי האָט זיך די לעגענדע דערציילט: ס'האָט איינמאָל אַ ייד מיטן נאָמען ראובן באַגעגנט זיינעם אַ באַקאַנטן, אַן אַראַבער. עס איז געווען גראַד אין תשעה־באָב. האָט דער אַראַבער, וועלכער האָט זיך גע־רעכנט צווישן די זייניקע פאַר אַ נביא, געזאָגט צו דעם ייד: „אָט איצט, אין דער רגע, איז אין בית־לחם געבוירן געוואָרן משיח!...

ווען ראובן האָט דערהערט אַזאַ געוואַלטיקע בשורה, האָט ער וועגן דעם קיינעם נישט דערציילט, נאָר ער האָט גענומען און פאַרקויפט זיין איינציקע קו, וואָס ער האָט פאַרמאָגט און פאַר דעם געלט, וואָס ער האָט אָפּגענומען, האָט ער איינגעקויפט פאַרשידענע שפּילצייג פאַר קינדער און האָט זיך דערמיט אַוועקגעלאָזט קיין בית־לחם, כדי מיט זיינע אייגענע אויגן צו זען דעם ניי־געבוירענעם משיח.

ווען ער איז געקומען אין שטאָט אַריין, האָט ער זיך אָוועקגעשטעלט אויפֿן מאַרק, וואו די ווייבער קומען געוויינלעך איינקויפֿן פֿאַר זייערע באַדערפֿענישן, און ער האָט אָנגעהויבן אויסרופֿן זיינע שפּילצייג.

עס האָבן זיך פֿאַרזאַמלט אַרום אים ווייבער און האָבן געקויפֿט פֿאַר זייערע קינדער פֿאַרשידענע שפּילערייען. פּלוצים דערהערט ער, ווי איין פֿרוי רופֿט זיך אָפּ צו אַ יונגער מאַמען:

— גיי צו און קויף דו אויך עפּעס פֿאַר מנחמען.

— כ'וועל נישט קויפֿן קיין פֿאַר אים גאָרנישט! — האָט די יונגע מאַמע מיט כּעס געענטפֿערט — כ'האָב אים פֿיינט, ווייל ער איז געבוירן געוואָרן אין דעם טאָג, וואָס דאָס בית־המקדש איז חרוב געוואָרן.

— קויף פֿאַר אים אַ שפּילצייג! — האָט ראובן זיך אַריינגעמישט — אין זיין זכות וועט דאָס בית המקדש צוריק אויפֿגעבויט ווערן!...

— כ'האָב נישט קיין געלט! — האָט די יונגע מוטער געענטפֿערט.

— כ'וועל דיר אויסבאָרגן, ווען איך וועל נאָכאַמאָל דאָ פֿאַרבייגיין, וועסטו מיר באַצאָלן! — האָט איר ראובן געענטפֿערט.

דאָ האָט ער אַרויסגענומען אַ מטבע פֿון די צייטן פֿון די חשמונאים, אויף איין זייט פֿון דער מטבע איז געווען אויסגעקריצט אַ טייטלבוים און אויף דער צווייטער זייט — אַ הענגל ווייטנטרויבן. די מוטער האָט דאָס באַלד אָנגעהאָנגען אויפֿן האַלדז פֿון קליינעם מנחם.

עס איז פֿאַרביי אַ יאָר, און ראובן איז צוריקגעקומען קיין בית־לחם, כּדי צו זען, וואָס מנחם מאַכט אין געזונט. אויפֿן מאַרק האָט ער אָנגע־טראָפֿן די יונגע מוטער און ער איז צו איר צוגעגאַנגען. אָבער, ווען די מוטער האָט אים דערזען, האָט זי זיך צעוויינט מיט אַ ביטער געוויין און מיט טרערן אין די אויגן האָט זי ראובנען דערציילט דאָס אומגליק, וואָס עס האָט איר פּאַסירט.

— מיין קינד איז מיר פֿאַרשוואונדן געוואָרן און כ'ווייס נישט, וואו אים צו זוכן!

— ווי אַזוי איז דאָס געשען? — האָט אַ דערשראָקענער ראובן גע־פֿרעגט.

און די יונגע מאַמע האָט אים דערציילט איר גאַנצע געשיכטע. איר מאַן, דער פֿאָטער פֿון קינד, חזקיהו, וועלכער שטאַמט אָפּ פֿון מלכות בית־דוד, איז אַן אָרעמאַן און ער האָט זיך יעדן טאָג געמוזט פֿאַרדינגען צו עמיצן אַנדערש אויף אַרבעט. ווען חזקיהו איז אין אַזאַ טאָג געגאַנגען צו דער אַרבעט, איז זי, די מוטער, געגאַנגען אין וואַלד אַריין אויפֿצו־קלייבן דאַרע צווייגן און האָט מיטגענומען מיט זיך דאָס קינד.

זי האָט דאָס קינד אַנידערגעזעצט אונטער אַ בוים און אַליין האָט זי אָנגעהויבן צונויפקלייבן די צווייגן. בעת זי איז אַזוי פֿאַרנומען געווען מיט איר אַרבעט, איז דער הימל דערווייל באַדעקט געוואָרן מיט וואָלקנס און עס האָט זיך מיט אַמאָל אַראָפּגעלאָזט אַ שטורעם מיט דונערן און בליצן און אַ פּלייץ־רעגן. ווען זי איז צוגעלאָפן צום בוים, וואו זי האָט דאָס קינד איבערגעלאָזט, האָט זי דאָרט איר קינד נישט מער געפֿונען. דער שטורעם האָט עס אוודאי ערגעץ־וואו פֿאַרטראָגן. דערווייל איז געוואָרן פֿינצטער און דער רעגן האָט זיך געשטאַרקט און דאָס קינד איז נישט געווען.

⁂

אין דער זעלבער צייט, ווען דער שטורעם איז אויסגעבראָכן, איז לעבן דעם פּלאַץ פֿאַרבייגעגאַנגען אַ ייִד מיט דעם נאָמען לוי, פֿון דער שטאָט כּזיב. האָט ער דערזען, ווי אַ קינד ליגט אין אַ קאַלוזשע וואַסער און עס האַלט ביי דערטרונקען ווערן. האָט לוי גענומען מיט זיך דאָס קינד און עס אָוועקגעפֿירט צו זיך אין הויז אַריין קיין כּזיב און עס אויסגעהאָדעוועט ווי אַן אייגן קינד. היות ער האָט נישט געוואוסט ווי דאָס קינד הייסט, האָט ער אים אַ נאָמען געגעבן שמעון.

דאָס קינד איז אויסגעוואַקסן אַ שטאַרק בחור און זייער אַ שיינער. זיין גבורה האָט פּשוט געמאַכט אַלע צום וואונדערן. אַלע האָבן אים אויסערגעוויינלעך ליב געהאַט. ווען זיינע חברים פּלעגן אים אַמאָל פֿאַר־וואַרפֿן, אַז ער איז אַ געפֿונען קינד, האָט ער זיין כּבוד פֿאַרטיידיקט מיט דער פֿויסט, אַזוי אַז קיינער האָט מער נישט געוואָגט אים אַ שלעכט וואָרט צו זאָגן.

טיילמאָל איז אָבער שמעונען באַפֿאַלן אַ טרויער. ער האָט געוואָלט וויסן ווער זיינע ריכטיקע עלטערן זיינען געווען. האָט אים לוי געטרייסט און איינגערעדט, ער זאָל זיצן און לערנען תּורה, וועט ער אויפֿוואַקסן אַ גרויסער מאַן. אפֿשר מיט דער צייט וועט ער אויך זיינע עלטערן אָפּגע־פֿינען. ער האָט דערציילט, ווי ער האָט אים אין אַ שטורעם געפֿונען, ווען ער איז נאָך גאָר אַ פּיצל קינד געווען.

שמעון האָט געלערנט מיט גרויס פֿלייס. ער איז אויך אויפֿגעוואַקסן אַ גרויסער פּאַטריאָט. ער האָט ליב געהאַט זיין פֿאָלק און זיין לאַנד און דאָס האָרץ האָט אים וויי געטאָן, וואָס די רוימער הערשן איבער די ייִדן, און ער האָט זיך געטראַכט, אַז ווען ער וועט אַמאָל אויסוואַקסן, וועט ער אַלץ טאָן אין דער וועלט, כּדי זיין אומגליקלעך פֿאָלק צו באַפֿרייען פֿון די הענט פֿון זיינע אונטערדריקער.

ווען די שווערע גזירות זיינען אַרויסגעקומען קעגן יידן, וואָס מ׳האָט זיי צווישן פֿאָלק אָנגערופֿן: „די שמד־גזירה״, איז דער יונגער שמעון אַרומגעגאַנגען אײנגאַנצן אַ צעמישטער. ער האָט געפֿלאַקערט פֿון כּעס צו די רוימער. מיט אַלע זיינע כּוחות האָט ער זיך געדאַרפֿט איינהאַלטן, אַז ער זאָל אינמיטן גאַס נישט באַפֿאַלן קיין רוימישן זעלנער און אים טויטן.

גאַנצע טעג איז ער אַרומגעגאַנגען אַ פֿאַרחלומטער. ער האָט פֿאַר זיינע אויגן געזען ריזיקע מחנות פֿון יידישע קעמפֿער, באַוואָפֿנט מיט שפּיזן, שווערדן און פּאַנצערס. זיך אַליין האָט ער געזען אין די פֿאָדער־שטע רייען מיט אַ געשליפֿענער שווערד אין דער האַנט, און ווי גאָר ער באַווייזט זיך, אַזוי אַנטפֿאַלן די הערצער ביי דעם שונאס סאָלדאַטן.

אין די אויערן קלינגען ביי אים אָפּ די נצחון־געשרייען פֿון זיינע קעמפֿער און די וויי־געשרייען פֿון מפּלה ביי די רוימער. דאָס האַרץ וואַקסט ביי אים פֿון פֿרייד; ענדלעך איז געקומען די צייט פֿון באַפֿרייאונג, עס טרעט שוין נישט מער דער רוימער אויפֿן באַרג, וואו דאָס בית המקדש איז געשטאַנען אין ירושלים. אויסגערייניקט איז געוואָרן די טומאה פֿון דער הייליקער שטאָט און ווידער הערט זיך דער טרומייטער פֿון די לויים אין דער צייט פֿון זייער האַלטן וואַך פֿאַר די טויערן פֿון גאָטס הויז. די כּהנים טוען ווידער זייער הייליקע עבודה, בלויע רויכן ציען זיך פֿון מזבח גלייך צום הימל, דאָס ברענגען קרבנות די באַפֿרייטע און לעבן־געבליבענע יידן.

אָבער אַן אַנטוישטער איז שמעון געווען, ווען ער האָט זיך פֿון זיין פֿאַרחלומטקייט אויפֿגעכאַפּט און דערזען אַרום זיך דיווירקלעכקייט. אָט שפּרייזט דאָרט אַ רוימער מיט זיין חוצפּהדיקער גאווה, באַפּאַנצערט און באַוואָפֿנט. ער היט אָפּ, אַז אַ ייד זאָל חלילה נישט לערנען קיין תּורה אָדער מקיים זיין עפּעס אַן אַנדער מצווה, וואָס דער טיראַן רופֿוס האָט פֿאַרבאָטן...

טרערן זיינען ביי אים גערונען פֿון די אויגן טייכנווייז און ער האָט זיך קיין אָרט נישט געקאָנט געפֿינען.

איינמאָל איז דער יונגער שמעון געקומען צו זיין דערציער לוי און זיך זייער געקלאָגט פֿאַר אים. דאָס פּנים זיינס איז געווען בלאַס, די אויגן ווי נישט אויסגעשלאָפֿן. מ׳האָט געזען באַשיינפּערלעך, אַז עפּעס איז דער מער מיט דעם דאָזיקן יונגן בחור.

— וואָס איז דיר, מיין זון? — האָט לוי אַ באַאומרואיקטער אים גע־פֿרעגט — פֿאַרוואָס ביסטו אַזוי דערשלאָגן, וואָס האָט מיט דיר פּאַסירט?

— עס האָט זיך מיר געחלומט אַ חלום — האָט ער לוין געענטפערט

— וואָס האָט מיך אינגאַנצן צעטומלט און קאָן מיר קיין אָרט נישט געפינען . . .

— נאַריש קינד, לאָז זיך נישט באַאיינפלוסן פון עפּעס אַ חלום דאָרט, מסתּמא טראַכסטו אַ גאַנצן טאָג וועגן דעם, חלומט זיך דיר דאָס זעלבע ביינאַכט . . .

— עס איז מיר אָבער אַזוי אומעטיק, אַזוי טרויעריק — האָט דער יונגער שמעון זיך ווייטער געקלאָגט — איך וועל מיך פריער נישט באַרואיקן, ביז איך וועל דיר מיין חלום דערציילן.

— טאָ דערצייל־זשע מיר, מיין זון, אפשר וועט דיר לייכטער ווערן — האָט אים לוי געענטפערט.

און שמעון האָט אים אָנגעהויבן דערציילן וועגן דעם וואונדערלעכן חלום, וואָס ער האָט די לעצטע נאַכט געזען. ער איז געשטאַנען אויף אַ הויכן באַרג, איינגעהילט אין בלויע וואָלקנס. צו זיין אויער האָבן דערגרייכט עפּעס אַזעלכע ווייטע שאַלנדיקע טענער פון טראָמפּייטן, ווי אַ מחנה זיגער וואָלטן פון ערגעץ־וואו אָנגעקומען. מיטאַמאָל האָבן פון אַלע זייטן וועלט, פון אונטער דער ערד און פון די הימלען אָנגעהויבן שטראָמען מחנות רייטער אויף פייערדיקע פערד. ווי מלאכים־שרפים האָבן זיי אויסגעזען, מיט פלאַטערנדיקע ווייסע פליגל; און באַוואָפנט זיינען די רייטער געווען מיט גין־גאָלדענע שפּיזן און מיט פאַנצערס, וואָס האָבן געפלאַקערט ווי רעגנבויגנדיקע שטורקאַצן. בראש פון די דאָזיקע רייטער איז געריטן אויף אַ מילך־ווייס פערד אַ מאַן אין קעניגלעכע מלבושים אָנגעקליידט, מיט אַ פייערדיקער קרוין אויף זיין קאָפּ. און הונדערטער גבורים מיט בלאַנקע שווערדן האָבן אים אַרומגערינגלט און געשריגן מיט דונערנדיקע קולות: „זאָל לעבן דער יידישער קעניג! יחי המלך! . . .״

שמעון איז געבליבן אַ ווייל שטיין. ער האָט נישט פאַרענדיקט דאָס דערציילן פון זיין וואונדערלעכן חלום און לוי, וועלכער איז מיטגעריסן געוואָרן מיט דער שיינקייט פון זיינע רייד, האָט אים געמונטערט און געבעטן:

— נו, און וואָס איז ווייטער געשען?

— ווייטער? . . . — האָט דער יונגער שמעון מיט אויפגעריסענע אויגן איבערגעפרעגט, ווי ער וואָלט פון אַ שלאָף פלוצלינג זיך אויפגעכאַפּט.

— יאָ, ווייטער . . . דערצייל מיר, וואָס איז ווייטער געשען מיט דעם קעניג . . . — האָט לוי געבעטן.

דאָס יינגל איז רויט געוואָרן, אַ ציטער געטאָן מיט די ליפּן און קוים וואָס מ׳האָט געקאָנט הערן, האָט ער אַרויסגעשטאַמלט:

— און ווען איך האָב געוואָרפן אַ בליק אויף דעם מאַן אין די קעַ־ניגלעכע קליידער, האָב איך דערקענט זיך אַליין...

— דו??... — האָט לוי דערשראָקן איבערגעפרעגט.

— יאָ, איך... — האָט שמעון אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און טרערן האָבן אויפגעגלאַנצט אין זיינע אויגן.

און לוי האָט צו אים אַזוי געזאָגט:

— זיי נישט אומעטיק, מיין זון... אַ גוטן חלום האָסטו געזען. אפשר איז דיר טאַקע באַשערט, דו זאָלסט אַמאָל זיין אַ גרויסער מאַן ביי יידן! ווארים איך האָב ביז איצט אַ גרויסן סוד פון דיר באַהאַלטן; איצט אָבער, ווען האָסט מיר דיין וואונדערלעכן חלום דערציילט, וועל איך דיר אויס־זאָגן: ווען דו ביסט אַ קליין קינד נאָך געווען און כ'האָב דיך אַרויסגעצויגן פון וואַסער, איז אויף דיין האַלדז געווען אָנגעהאָנגען אויף אַ קייטעלע אַן אַלטע מטבע פון די חשמונאימס צייטן. איז אפשר שטאַמסטו גאָר אָפּ פון אַט דער העלדישער משפחה?

און לוי האָט אים דאָס קייטל מיט דער מטבע געוויזן, ווארים ער האָט עס געהאַט באַהאַלטן, כדי עס צו ווייזן דעם, וואָס וועט אים אפשר אַמאָל זוכן.

שמעון האָט זיך דערפרייט מיט דער דאָזיקער נייער אַנטדעקונג און ער האָט אָנגעהויבן וועגן זיך טראַכטן אויף אַן אמת, אַז ער וועט זיין דער פירער פון יידישן פאָלק.

אַ צעשטראָלטער איז ער די לעצטע טעג אַרומגעגאַנגען און פאַרשיי־דענע פאַנטאַזיעס זיינען אים געקומען אין קאָפּ אַריין. ער האָט אָנגעהויבן לעבן ווי אין אַ חלום. און נאָך מער פאַרשטאַרקט האָבן זיך זיינע פאַנטאַזיעס, ווען איינמאָל איז צו לוין אַריינגעקומען אַ פרעמדער ייד, וועלכן ער האָט נאָך פריער קיינמאָל נישט געהאַט געזען, אָבער לוי, זיין פאָטער, האָט זיך מיט אים זייער דערפרייט. דאָס איז געווען ראובן, זיין אַלטער פריינט, פון לוד.

לוי האָט זיין פריינט פאַרבעטן ער זאָל בלייבן זיין גאַסט. אין אַ געוויסן טאָג האָט ראובן באַמערקט ביי לוין אין שטוב דאָס קייטל מיט דער חשמונאים־מטבע. ער האָט אויסגעגלאָצט זיינע אויגן אין דער גרעסטער פאַרוואונדערונג און ווי נישט מיט זיין קול האָט ער אויסגעשריגן:

— לוי, ווי קומט צו דיר אין הויז אַריין אָט דאָס דאָזיקע קייטל מיט דער מטבע??!

און לוי האָט אים דערציילט די גאַנצע געשיכטע, ווי ער האָט אַמאָל אין אַ קאַלזשע וואַסער געפונען אַ קינד; דאָס איז געווען מיט אַ יאָר צוואַנ־

ציק צוריק, און דאָס קינד האָט אויף זיין האַלדז געטראָגן דאָס דאָזיקע קייטל מיט דער חשמונאים־מטבע.

— וואו האָסטו דאָס דאָזיקע קינד געפונען, לוי? — האָט ראובן איינגאַנצן אַ צעמישטער אויסגערופן.

לוי האָט אים אָנגעקוקט און נישט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס זיין פריינט ראובן איז אַזוי אויפגערעגט, און ער האָט אים געענטפערט:

— לעבן בית־לחם האָב איך דאָס קינד געפונען. אָט גיב אַ קוק אויף דעם שיינעם בחור, דאָס איז ער!

ראובן האָט אָנגעקוקט דעם העלדישן בחור, וואָס איז פאַר אים געשטאַנען און זיך נישט געקאָנט פון אים אָפּוואונדערן.

— שלמה המלך איז אוודאי אין זיין יוגנט נישט געווען שענער פון אים! — האָט ראובן מיט גרויס התפעלות אויסגערופן — זאָל זיין געבענטשט גאָטס נאָמען לעולם ועד! מנחם, איך באַגריס דיך אַלס דעם אויסלייזער פון יידישן פאָלק! דו ביסט דער משיח, וואָס איז מיט צוואַנציק יאָר צוריק געבוירן געוואָרן ביי חזקיהון אין בית־לחם, און איך זוך דיך די גאַנצע צייט אַרום!

שמעון איז בלאַס געוואָרן.

— מיין נאָמען איז דאָך אָבער נישט מנחם, נאָר שמעון! — האָט ער קוים געקאָנט אַרויסברענגען פון זיין מויל.

— ניין, מיין האַר, דיין נאָמען איז מנחם — טרייסט. דו וועסט טרייסטן אונדזער אומגליקלעך פאָלק, דו וועסט ברענגען באַפרייאונג צו אונדז אַלעמען. דיין פאָטער חזקיהו שטאַמט אָפּ פון מלכות בית דוד, און איך אַליין האָב דיר אָנגעהאָנגען דאָס דאָזיקע קייטל מיט דער מטבע אויפן האַלדז, אָבער דו ביסט דערנאָך פאַרלוירן געגאַנגען פון דיין מוטער און מ'האָט דיך מער נישט געקאָנט געפינען.

און ראובן האָט זיי ביידן דערציילט אַלץ, וואָס מיט דעם קליינעם מנחם איז געשען אין יענעם שטורעמדיקן טאָג, ווען זיין מוטער איז געגאַנגען קלייבן האָלץ אין וואַלד און אַ פלייץ רעגן האָט זיך אַראָפּגעלאָזט און זי האָט פאַרלוירן איר קינד.

די דאָזיקע דערציילונג האָט אויף דעם יונגען שמעון געמאַכט אַן אומגעהויערן איינדרוק און באַלד איז די בשורה באַוואוסט געוואָרן צווישן פאָלק, אַז — משיח איז געקומען!...

קאפיטל 18

דער אויפשטאַנד

ווי אַ בליץ האָט זיך פונאַנדערגעשפּרייט די ידיעה איבערן גאַנצן לאַנד: דער יונגער העלד שמעון, אויף וועלכן רבי עקיבא האָט אויסגעד־רופן, אַז אַ „שטערן איז אויפגעגאַנגען פון יעקב" און דאָס פאָלק האָט אים צוליב דעם אָנגעהויבן רופן מיטן נאָמען „בר־כוכבא", האָט אויפגעהויבן אַן אויפשטאַנד קעגן דעם מלכות פון רוים. דער רוימישער פאַרטרעטער טורנוס רופוס איז אַנטלאָפן פון קיסריה און זיך ערגעץ אויסבאַהאַלטן. טויזנטער יידישע יונגעלייט זיינען געקומען טאָג־טעגלעך פון אַלע עקן לאַנד און אַריינגעטרעטן אין זיינע רייען. דער גרעסטער טייל פון יהודה האָט זיך שוין געפונען אונטער דער הערשאַפט פון די אויפשטענדער, אין גאַנץ גליל איז שוין נישט פאַראַן געווען קיין שפור פון אַ רוימער.

די פרייד און די התלהבות ביי די יידן איז געווען אין לשער. און כאָטש עס האָט אין דער זעלבער צייט געהערשט אַ געוואַלטיקע אָרעמקייט אין לאַנד, אַ גאַנצע משפחה האָט זיך צוגעדעקט מיט איין קאָלדרע, מאַן און ווייב האָבן געטראָגן איין מלבוש, ברויט איז געווען זייער טייער — זיינען די יידן אָבער געווען גליקלעך, וואָס דער פאַרהאַסטער רוימער איז אַוועק.

אַלע האָבן דאָך געוואוסט פון וואַנען די אָרעמקייט שטאַמט. דאָס האָט דער אַכזריותדיקער טורנוס רופוס, אין נאָמען פון קייסער אַדרינוס, געריסן געוואַלטיקע שטייערן ביי דער אַזוי אויך פאַראָרעמטער באַפעלקערונג אין ארץ־ישראל. אַחוץ דעם אַזוי גערופענעם מלוכה שטייער, האָט נאָך טורנוס רופוס געגזלט פאַר זיך נאָך מער. צוליב דעם האָבן זיך מיליטער־לייט אין רוים געריסן צו דער דאָזיקער פעטער שטעלע פון אַ פּראָקוראַטאָר אין אַן איינגענומענער מדינה. גרויסע רייכטימער האָט טורנוס רופוס אַוועק־געשיקט אַהיים קיין רוים, געבויט זיך פּאַלאַצן, איינגעקויפט זיך גיטער און אַלץ אויף דעם חשבון פון די אָרעמע יידן אין גליל, וועלכע האָבן מיטן שווייס פון זייער לייב געגעסן דאָס טרוקענע שטיקל ברויט, און אויך דאָס האָט דער פאַרהאַסטער רוימער זיי נישט פאַרגינען. די ערגסטע גזירות

האָט ער אַרויסגעגעבן, ער האָט זיי פֿאַראומערט דאָס לעבן, שטענדיק געהאַלטן די געפּאַנצערטע פֿויסט אַנטקעגן זייערע פּנימער.

איז דעריבער קיין וואונדער ניִשט, וואָס ווען עס איז געקומען אַ מאַן מיט אַ שטאַרקן ווילן און אַ גרויסער ליבהאָבער פֿון זיין פֿאָלק און האָבנדיק דערצו די הסכּמה פֿון דעם גרעסטן תּנא אין זיין צייט, רבי עקיבא, אַז דאָס זאָל אַרויסרופֿן גרויס פֿרייד און ענטוזיאַזם צו דער זאַך פֿון באַפֿרייאונג.

צוויי און זעכציק יאָר נאָכדעם ווי דאָס בית־המקדש איז חרוב געוואָרן און ירושלים איז געוואָרן פֿאַרוויסט, האָט זיך ווידער די פֿאָן פֿון מרידה אויפֿגעהויבן און האָט שטאָלץ געווייעט און גערופֿן צום קאַמף.

אין גאַנצן לאַנד האָבן זיך אָרגאַניזירט קליינע באַוואָפֿנטע מחנות. אין פֿאַרוואָרפֿענע היילן און אין אונטערערדישע דורכגענג האָט מען געזאַמלט געווער, שפּיזן, שווערדן און פּאַנצערס. קיין שום רוימישער סאָלדאַט איז מער ניִשט זיכער געווען אין יהודה פֿריי אַדורכצוגיין די שטאָט. אין גרופּעס פֿון צען אָדער מער פֿלעגן זיי אַדורכמאַרשירן די גאַסן. די קעפּ האָבן זיי אָבער שוין ניִשט געהאַלטן אַזוי שטאָלץ פֿאַרריסן ווי אַמאָל. אַזאַ גרופּע האָט געדאַנקט איר גאָט „יופּיטער” אָדער „מאַרס”, אַז זי איז אָפּגעקומען מיט אַ בלויזער באַליידיקונג.

בר־כּוכבאס אָפּטיילונגען האָבן זיך ממש געריסן אין דער שלאַכט. זיי האָבן פֿאַרנומען איין שטאָט נאָך דער אַנדערער, איין פֿעסטונג נאָך דער צווייטער. די רוימישע גאַרניזאָנען זיינען געלאָפֿן ווי צעשראָקענע האָזן פֿאַר דעם דאָזיקן מעכטיקן סטיכישן אויפֿשטאַנד.

צו די אויפֿשטענדיקע יידן האָבן זיך אויך פֿאַראייניקט די אומצופֿרידענע לייט פֿון די שכנותדיקע פֿעלקער. במשך פֿון איין יאָר האָבן די יידישע אויפֿשטענדער אַריינגעקראָגן אין זייערע הענט ביז פֿופֿציק באַפֿעסטיקטע פּונקטן און 985 שטעט און ישובים אין גליל און יהודה. די זיגרייכע יידישע מחנות האָבן זיך אויך דערנענטערט צו ירושלים, און דער נאָמען פֿון דעם אויפֿגעשטאַנענעם העלד בר־כּוכבא איז געוואַקסן איבערן גאַנצן לאַנד און אַנגעוואָרפֿן אַ שרעק אויף די רוימישע חיילות.

טורנוס רופֿוס איז אָנגעקומען קיין רוים און ער האָט דאָרט איבערגעגעבן דעם קייסער אַדריאַנוס, וואָס אין לאַנד פֿון יהודה קומט פֿאָר.

— דו, גנעדיקער קייסער — האָט רופֿוס געוואָגט אַדריאַנוסן צו מאַכן פֿאָרוואורפֿן — האָסט מיט דיין ווייכן באַגיין זיך מיט דעם יידישן חכם רבי עקיבא דערברענגט צו דעם דאָזיקן צושטאַנד. ער, עקיבא, איז די נשמה פֿון דער מרידה. צו זיין קול הערט זיך צו דאָס יידישע פֿאָלק. בר־כּוכבא איז בלויז דער, וואָס פֿירט אויס זיינע באַפֿעלן!...

אדרינוס האָט אים אויסגעהערט מיט אַ פֿאַראַכטנדיקן שמייכל און זיך אָנגערופֿן:

— אָבער איך אויף דיין אָרט וואָלט נישט אַנטלאָפֿן ווי אַ פּחדן פֿאַר אַ הייפֿעלע יידן. האָסט דאָך געברענגט שאַנד און שפּאָט אויף די רוימישע לעגיאָנען. די גערמאַנער האָבן מיר באַזיגט, די דאַציער האָבן מיר אונ־טערטעניק געמאַכט, די גאַליער און די בריטן האָבן מיר צעשמעטערט, אַלע זיינען געוואָרן געהאָרכזאַמע אונטערטאַנען פֿון דער רוימישער מלוכה. ווייסטו פֿאַרוואָס? ווייל מיינע קריגספֿירער און די קריגספֿירער פֿון די פֿריערדיקע רוימישע צעזאַרן זיינען געווען העלדישע מענטשן און נישט קיין פּחדנים!

רופֿוס איז געוואָרן בלאַס. ער האָט געציטערט מיט דער אויבערשטער ליפּ און זיינע קליינע אכזרישע אייגעלעך זיינען ווי בלויער שטאָל געשטאַ־נען טויט אין זייערע אויגן־לעכער און נישט באַוועגט זיך. דאָס פֿעטע אָנ־געשוואָלענע פּנים האָט ווי אַ טויטע מאַסקע געקוקט אויפֿן קייסער.

— וואָס שטייסטו ווי אַ נאַרישער גולם?! — האָט דער קייסער אדרינוס אומגעדולדיק אויסגעשריגן — פֿאַרוואָס ענטפֿערסטו מיר נישט, דו טויגענישט!

באַלד איז אַדרינוס שטיל געוואָרן און אַ שמייכל האָט זיך באַוויזן אויף זיינע ליפּן. ער האָט זיך דערמאָנט אָן דעם שיינעם געשטאַלט פֿון רופֿינאַן, צו וועלכער ער האָט אַמאָל אַרויסגעוויזן גרויס חשק...

— און וואו איז רופֿינאַ? קום צו גיין צו מיר מיט דיין ווייב מאָרגן אָוונט. איך מאַך אַ גרויסע אויפֿנאַמע פֿאַר געסט פֿון מזרח, וועלכע זיינען געקומען קיין רוים אויסדריקן לאָיאַליטעט צו מיר און פֿאַרזיכערן, אַז זיי האָבן נישט קיין שום שייכות צו די אויפֿשטענדיקע יידן. הא, האָסט גע־הערט? וואָס ביסטו אַזוי בלאַס געוואָרן? — האָט אַדרינוס דערשראָקן געפֿרעגט, זעענדיק ווי רופֿוס האָט אינגאַנצן זיין לשון פֿאַרלוירן.

— רופֿינאַ האָט מיך פֿאַרלאָזט!... — האָט רופֿוס קוים אַרויסגע־שטאַמלט — זי האָט זיך אָנגעשטעקט מיט דער לערע פֿון די יידישע חכמים, איבערהויפּט פֿון דעם פֿאַרשאָלטענעם עקיבא...

— זי איז געוואָרן אַ יידין? זי, די פּרעכטיקע רוימעריך, פֿאַר וועלכער אַזוי פֿיל מענער זיינען פֿון ליבע שיער נישט אויסגעגאַנגען! — האָט אַדרינוס אויסגעשריגן.

— יאָ, גנעדיקער קייסער. זי איז געגאַנגען מיטן צוועק דעם דאָזיקן יידישן פֿילאָזאָף און געלערטן עקיבא צו פֿאַרפֿירן און זי איז אַליין פֿאַר־פֿירט געוואָרן!

— האָב איך דאָך מיט רעכט דיך אָנגערופֿן „טויגעניכטס"! — האָט אַדריאַנוס מיט שפּאָט זיך צעלאַכט... — פֿון לאַנד פֿון יהודה ביסטו אַנט־לאָפֿן, דאָס ווײַב האָט מען בײַ דיר צוגענומען, די לעגיאָנען מײַנע וועט אָט דער בר־כּוכבא אויסמאָרדן ביז איינעם, און דו האָסט זיך דאָס געריסן צו ווערן מײַן פֿאַרטרעטער אין דעם דאָזיקן לאַנד! בלויז די קעשענעס דײַנע האָסטו געוואוסט ווי אָנצופּילן! וויפֿיל גיטער און הײַזער האָסטו דיר פֿאַרשאַפֿן פֿאַר דעם געלט, וואָס דו האָסט אין יהודה אָנגערויבט?...

רופֿוס האָט געציטערט ווי אין אַ קדחת. פּלוצלינג איז ער אַנידער־געפֿאַלן אויף די קני פֿאַרן קייסער אַדריאַנוס און ער האָט אויסגערופֿן:

— גרויסער קייסער, הערשער פֿון דער מעכטיקער רוימישער אימ־פּעריע, פֿאַרגיב מיר מײַן גרויסע זינד. ס'איז אַלץ אמת, וואָס האָסט מיר פֿאַרגעוואָרפֿן. אָבער גיב מיר נאָך איין מאָל אַ געלעגנהייט זיך אויסצו־צייכענען און איך וועל דיר באַווײַזן, וואָס איך קאָן. גיב מיר אַ געלעגנהייט צו נעמען נקמה אָן די יידישע מורדים, אָן דעם מכשף, דעם יידישן געלערנטן עקיבא. לאָמיך נעמען נקמה פֿאַר דער צורייבונג פֿון מײַן ווײַב, פֿאַר דער גרויסער בושה, וואָס זיי האָבן מיר פֿאַרשאַפֿט. לאָמיך פֿון זיי נעמען נקמה!...

— שטיי אויף, רופֿוס! — האָט אַדריאַנוס שטרענג באַפֿוילן — עס פּאַסט נישט פֿאַר אַ רוימישן קריגספֿירער אַזוי צו בעטן. אַליין דאַרף מען זיך דאָס אַלץ נעמען. גוט, איך וועל דיר געבן די דאָזיקע מעגלעכקייט. אָבער דײַן ווײַב רופֿינאַ וועסטו אַלס שטראָף מער נישט האָבן, זי וועט געהערן צו מיר!...

— גוט, מײַן האַר, זי געהערט פֿון הײַנט אָן צו דיר... — האָט רופֿוס געוואָיעט ווי אַ געשלאָגענער הונט.

— ביסט אַ גוטער מיט יענעמס — האָט אַדריאַנוס חוזק געמאַכט — זי וועט סײַ־ווי צו אַזאַ פּחדן מער נישט צוריקגיין. רופֿינאַ איז אַ בראַווע און עכט־רוימישע פֿרוי... גיי, דו גרויסער העלד, איצט אַוועק פֿון מײַנע אויגן!

רופֿוס האָט זיך אַ פֿאַרשעמטער און אַ דערנידעריקטער אַרויסגעשאַרט פֿון קייסערס צימער. ער האָט אינגאַנצן געברענט פֿון כּעס און אַ געפֿיל פֿון אומאויסלעשבאַרער נקמה האָט אים אַרומגענומען. ער האָט אויפֿגעהויבן זײַן האַנט און געדראָט אין דער לופֿטן, אַליין נישט וויסנדיק אין דעם מאָ־מענט, צו וועמען די דראָאונג איז געווענדט.

⁂

רבי עקיבא איז געזעסן אָפּגעשלאָסן בײַ זיך אין צימער. ער איז געווען פֿאַרטיפֿט אין לייענען עפּעס אַ בריוו, וואָס ער האָט באַקומען פֿון בבל פֿון זײַנעם אַ פֿרײַנט, וועלכער בעט אים צו קומען דאָרט אַהין אויפֿצומונטערן

די דאָרטיקע יונגעלייט אָנטיילצונעמען אין דעם גרויסן אויפשטאַנד קעגן רוים.

„דיין וואָרט האָט גרויס וואָג צווישן אונדז״, האָט אים דער פּריינט זיינער געשריבן אינעם בריוו, „איין וואָרט דיינס, גרויסער רבי און טויזנטער יונגעלייט זיינען גרייט אָפּצוגעבן זייערע לעבנס פאַר דער גרויסער זאַך פון באַפרייען אונדזער הייליק לאַנד...״

פּלוצים האָט ווער אַ קלאַפּ געטאָן אין דער טיר. רבי עקיבא האָט אויפגעהויבן זיין קאָפּ. אויף דער שוועל איז געשטאַנען רופינאַ.

אַ בלאַסע אָבער מיט אַ שטאָלץ־אויפגעהויבענעם קאָפּ איז זי געשטאַנען פונדערוווייטנס און אירע דימענט־גרינע אויגן האָבן געפינקלט מיט אַזויפיל פייער.

— וואָס טוסטו דאָ, רופינאַ? — האָט רבי עקיבא פאַרוואונדערט זי אָנגעקוקט.

— כ׳האָב געבעטן, מען זאָל מיך צו דיר אַריינלאָזן און דיינע תּלמידים זיינען געווען אַזוי פריינטלעך און מיר געגעבן די דערלויבעניש, גרויסער האַר מיינער!...

און דאָס זאָגנדיק, האָט זי געמאַכט אַ שריט פאָרויס, אַנידערגעפאַלן צו רבי עקיבאס פיס, און אַרומנעמענדיק זיינע קניען האָט זי אויסגערופן:

— כ׳בעט דיך, רבי, פאַרטרייב מיך נישט פון דיר. דערלויב מיר צו פאַרבלייבן אין דיין הויז. כ׳וועל דיר זיין אַ דינסט און וועל דיר וואַשן דיינע פיס.

— שטיי־אויף, רופינאַ — האָט רבי עקיבא אויסגערופן — וואָס רעדסטו פאַר אַ נאַרישקייטן, דו האָסט דאָך אַ מאַן!

— ניין, רבי — האָט זי געענטפערט מיט צעשטראַלטע אויגן — איך בין נישט מער דאָס ווייב פון טורנוס רופוס. ווען איך האָב אים דערציילט, אַז איך גיי אָננעמען דאָס יידישע גלויבן, איז ער שטאַרק אין כּעס געוואָרן אויף מיר און איך האָב אים פאַרלאָזט. רבי יהודה בן בבא האָט מיך מגייר געווען. איצטער בין איך געקומען צו דיר, מיין גרויסער האַר. כ׳בעט דיך, פאַרטרייב מיך נישט פון דיין הויז!...

און רופינאַ איז געבליבן אין הויז פון רבי עקיבאן. ער האָט זי געמאַכט פאַר זיין ווייב. דאָס גרויסע רייכטום, וואָס זי האָט מיט זיך מיטגעבראַכט, האָט רבי עקיבא אוועקגעשענקט לטובת דעם גרויסן קאַמף פאַר דער באַפרייאונג פון זיין טייער פאָטערלאַנד.

רבי עקיבא איז לאַנג נישט געבליבן מיט רופינאַן, אַפילו זיך אָפּצופרייען די טעג נאָך זייער חתונה. ער איז באַלד אָפּגעפאָרן קיין בבל אויף דער אַרויספאָדערונג פון זיין פריינט. מיט גרויס כּבוד איז רבי עקיבא

דאָרט אויפֿגענומען געוואָרן. אַ גרויסע מחנה יונגעלייט זיינען אים אַנט־קעגנגעקומען אויפֿן וועג און אויף די הענט אים אַריינגעטראָגן אין שטאָט אַריין.

נאָך מער איז דער איינפֿלוס פֿון רבי עקיבאן אויסגעוואַקסן, ווען עס זיינען אָנגעקומען די פֿרייִלעכע ידיעות פֿון ארץ־ישראל, אַז די באַפֿרייאונג פֿון לאַנד גייט כּסדר פֿאָרויס. די רוימער אַנטלויפֿן אין דער גרעסטער בהלה פֿאַר די יידישע אויפֿשטענדער מיט בר־כּוכבאן אַן דער שפּיץ. ווער פֿון די רוימישע קריגספֿירער עס וויל אַרויסווייזן העלדישקייט און נישט אָפּטרעטן, ווערט אומבארחמנותדיק אומגעבראַכט צוזאַמען מיט זיינע חיילות.

די שטאָט ביתר האָט אויסגעזען ווי איין בליענדיקער גאָרטן. די דאָזיקע שטאָט האָט בר־כּוכבא געמאַכט פֿאַר זיין רעזידענץ. פֿון דאַנען איז נישט ווייט געווען ירושלים. דעריבער טאָקע האָט זיך דער הויפּט פֿון דעם אויפֿשטאַנד דאָ באַזעצט. ער האָט געוואָלט זיין נאָענט פֿון דער הייליקער שטאָט און דערמיט האָט ער אויך באַגייסטערט זיינע קריגסלייט.

בר־כּוכבא איז געשטאַנען אין כּסדרדיקן קאָנטאַקט מיט זיין רבין, רבי עקיבא, וועלכער האָט געמוזט אָפּפֿאָרן קיין בבֿל, כּדי אויפֿצורודערן די דאָרטיקע יידישע געהיימע חברותאס. פֿון בבֿל האָבן געקאָנט קומען טויזנטער און טויזנטער יונגעלייט, און אין מענטשלעכע כּוחות האָט דער יידישער קריגספֿירער זיך געניטיקט.

ער האָט גאַנץ גוט געוואוסט, אַז די רוימער וועלן נישט בלייבן זיצן מיט פֿאַרלייגטע הענט, אַז מסתּמא פּלאַנעוועט מען עפּעס אין רוים און אַזוי גלאַט וועט עס נישט אָפּגיין.

זיין אויסרעכענונג איז געווען אַ ריכטיקע. עס האָט נישט לאַנג געדויערט זינט רבי עקיבא איז אָנגעקומען קיין בבֿל און הונדערטער העלדישע יידישע בחורים זיינען באַלד אַריבערגעקומען פֿון דאָרטן און האָבן אָנגעפֿילט די מחנות פֿון בר־כּוכבאן.

רבי עקיבא האָט יעדן טאָג דאָרט גערעדט אין בית־המדרש און אין געהיימע שטיבלעך, וואו מאַסן מענטשן זיינען געקומען צו גיין אים הערן. ער האָט זיי אויפֿגעמונטערט און באַגייסטערט מיט זיינע רייד.

— הונדערטער יאָרן מוז מען טיילמאָל וואַרטן אויף אַזאַ גאָלדענער געלעגנהייט! — האָט ער געדונערט מיט זיין לייבן־שטימע — נישט אין יעדן דור שטייט אויף אַזאַ העלד, ווי עס איז דער מאַן פֿון דער שטאָט כּזיב. בלויז אונדז איז באַשערט געווען אין דעם דאָזיקן דור צו לעבן און מיר דאַרפֿן זיין גליקלעך צו קאָנען אָפּגעבן אונדזערע לעבנס פֿאַר דער דאָזיקער הייליקער זאַך.

— יחי רבינו! זאָל לעבן אונדזער רבי... — האָבן זיך געהערט היציקע קולות — יחי בר־כוכבא משיחנו! זאָל לעבן בר־כוכבא, אונדזער משיח!

ביי רבי עקיבאן האָבן זיך געשטעלט טרערן אין די אויגן פאַר גרויס פרייד.

— איצט גלויב איך באמונה שלימה, אַז די טעג פון אונדזער ענדגיל־טיקער באַפרייאונג און די מפלה פון רוים איז נישט ווייט. אַלע פעלקער פון מזרח וועלן זיך איצט אויפהויבן קעגן רוים און דאָס רשעותדיקע מלכות וועט אונטערגיין, ווי עס איז אונטערגעגאַנגען דאָס מלכות פון אַשור! — האָט רבי עקיבא העכער זיין קול אויפגעהויבן — ווי אַ פחדן איז דער טיראַן טיבעאוס רופוס אַנטלאָפן פון אונדזער לאַנד. זיי זיינען נאָר אַזוי לאַנג העלדן, ווען זיי האָבן צו טאָן מיט שוואַכערע פון זיך!... אָבער קוים שטרעקסטו אויס אַ שאַרפע שפיז קעגן זיי, טאָמער גיסטו אַ פאַכע מיט דיין געשליפענער שווערד, אַזוי באַפאַלט זיי אַ מורא.

— אַ טויט די רוימער! אַ טויט אונדזערע שונאים! — האָבן זיך געהערט באַגייסטערטע אויסרופן — באַפעל אונדז, גרויסער רבי, און מיר וועלן לויפן אין פייער און אין וואַסער.

— עס וועט קומען באַלד די צייט, ווען מיר וועלן ווידער עולה־רגל־זיין קיין ירושלים, אין אונדזער הייליקער שטאָט. אַראָפרייסן וועלן מיר דעם טמאדיקן רוימישן אָדלער פון הייליקן באַרג. צעשמעטערן וועלן מיר די עבודה־זרה, צו שטויב וועלן מיר מאַכן זייערע טעמפלען און מיר וועלן ווידער אויפבויען גאָטס הויז, וואו צענדליקער טויזנטער קינדער פון ישראל וועלן זיך פאַרזאַמלען און אָפּגעבן אַ לויב צו אונדזער גאָט, וואָס האָט שוין צו אונדז נישט איין נס באַוויזן!

ווען רבי עקיבא האָט געענדיקט אַזאַ דרשה, האָבן זיך באַלד הונדער־טער יונגעלייט צונויפגעזאַמלט און האָבן אָפּגעמאַרשירט מיט געזאַנג און אויסרופן פאַר אַ שנעלן נצחון צו דער גרענעץ פון לאַנד יהודה.

אַ גאַנצן חודש צייט איז רבי עקיבא געבליבן אונטערוועגנס פאַר זיין גרויסער און הייליקער אַרבעט. נישט קוקנדיק אויף זיין טיפער עלטער, האָט ער זיך קיינמאָל נישט אָפּגעזאָגט צו קומען, וואוהין מ׳האָט אים נאָר פאַרלאַנגט. פאַרקערט, ער האָט זיך נאָך אַליין געריסן, ער האָט אַליין גע־רופן פאַרזאַמלונגען, אָוונטן פון פייערדיקע וויכּוחים מיט זיינע קעגנער.

אינגאַנצן דערשלאָגן איז רבי עקיבא געוואָרן, ווען עס איז צו אים דערגאַנגען די ידיעה, אַז זיין אַמאָליקער חבר, אלישע בן אבויה, וועמען מען האָט גערופן „אחר", איז געוואָרן אַן אָפענער פאַררעטער. וואָס ער איז געוואָר געוואָרן עס טוט זיך אין יידישן לאַגער, האָט ער באַלד צוגע־

טראָגן צו די רוימער. אין די שטעט, וואָס זיינען נאָך געווען אונטער דער רוימישער הערשאַפט, פלעגט ער אַרומגיין און אויסזוכן די געהיימע בתי־מדרשים, וואו מ׳האָט געלערנט מיט קליינע קינדערלעך תורה, און אַרויס־געטריבן די קינדער פון דאָרט און אָפטמאָל אויך די מלמדים דערהרגעט.

„צו וואָס דאַרפן אומשולדיקע קינדערלעך פאַרברענגען ביי אַזעלכע נאַרישע זאַכן?״ האָט ער מיט שפּאָט עפנטלעך פאַר אַלעמען געטענהט — „וואָלט נישט בעסער געווען, ווען זיי לערנען זיך אַ מלאכה?״

די יידישע קעמפער האָבן אים געזוכט און געוואָלט דערהרגענען. אָבער רבי עקיבא האָט מיט טרערן אין די אויגן זיי אָפגערעדט דערפון: „פאַרט געווען אַמאָל איינער פון די גרעסטע תלמידי־חכמים...״

ווען אלישע איז דערפון געוואַר געוואָרן, איז ער געווען גערירט און דאָס האָט אויף אים מער געווירקט ווי טויזנט פייערדיקע שמיץ.

⁂

אַדרינוס האָט צוזאַמענגערופן אַ באַראַטונג פון אַלע זיינע גרעסטע קריגספירער צו זיך אין פּאַלאַץ, כדי אַנצוגעמען באַלדיקע מיטלען קעגן דעם אַלץ־וואַקסנדיקן אויפשטאַנד פון די „יודעער״.

— דו גיב מיר נאָר צוויי לעגיאָנען געקליבענע לייט, וועסטו זען ווי לאַנג עס וועט ביי מיר נעמען אַ סוף צו מאַכן פון דער גאַנצער יידישער מרידה! — האָט איין יונגער קריגספירער באַרימעריש זיך אָנגערופן.

— איר זענט אַלע גרויסע העלדן, ווען איר געפינט זיך אין רוים! קומט איר אָבער פנים־אל־פנים מיטן שונא, אַנטלויפט איר ווי דער ווינט. אָט נעמט מיין גרויסן העלד רופוס... — האָט דער קייסער אַדרינוס מיט דער האַנט אָנגעוויזן אויפן געוועזענעם פּראָקוראַטאָר פון יהודה, וועלכער איז געזעסן אין אַ ווינקל איינגעקאַרטשעט, כדי מען זאָל אים וואָס ווייני־קער אַרויסזען — צו רויבן און באַגזלענען די אָרעמע יידישע פּויערים איז ער געווען אַ העלד, אָבער ווען די זעלבע פּויערים האָבן אויפגעהויבן די שווערד קעגן אים, איז ער גיך געקומען צו לויפן קיין רוים!...

רופוס איז אָפּגעגאָסן געוואָרן מיט אַ פּורפּור־רויטקייט. ער האָט זיך נאָך מער פאַררוקט אין אַ ווינקל און גאַרנישט געענטפערט. דאָס האַרץ האָט אים געקלאַפט ווי ביי אַן אמתן גזלן. ער האָט מורא געהאַט, אַז סוף־כל־סוף וועט פון די אַלע שפּאַסן, דעם קייסערס, קיין גוטס פאַר אים נישט אַרויסקומען. ענדיקן וועט עס זיך מיט אַראָפּנעמען אים דעם קאָפּ.

אָבער דאָ האָט זיך אויפגעשטעלט אַן אָנגעזעענער קריגספירער, פּאַולוס מאַרציוס, וועלכער איז שוין באַרימט געווען פון זיינע העלדנטאַטן אין דאַציע, און האָט אויסגערופן מיט גרויס חשיבות אין זיין שטים:

— דער גרויסער האַר אונדזוערער, דער קייסער אַדרינוס, האָט רעכט! צו די „יודעער" דאַרף מען שיקן אַ מאַן, וועלכער האָט שוין אויף זיין חשבון כאָטש עטלעכע געוואונענע שלאַכטן. מאַכט נישט אַוועק מיט דער האַנט די יידן. זיי זיינען אַ קליין פֿאָלק, אָבער אַ האַרטנעקיק פֿאָלק, ווי זיי אַליין זאָגן וועגן זיך: אַן עם קשה עורף... איר האָט מסתמא נישט שטודירט זייער ווידערשטאַנד צו אַספּסיגנוסן און צו טיטוסן. איר לייענט איבער דאָס בוך פֿון זייערס אַ מענטש, פֿון יאָזעפֿוס פֿלאַוויוס: „די יידישע מלחמות", וועט איר אַ סך לערנען!

— ריכטיק! ריכטיק! — האָט אַדרינוס־קייסער מיט צופֿרידנקייט אויסגערופֿן, ענדלעך אַנטרעפֿנדיק אויף דעם מענטש, וועמען ער קאָן אָנ־פֿאַרטרויען זיינע רוימישע געקליבענע לעגיאָנען און אַרויסשיקן צום קאַמף קעגן דעם שוין דעמאָלט לעגענדאַרישן בר־כוכבא.

— פּאַולוס מאַרציוס איז דער ריכטיקער מאַן צו שטעלן זיך קעגן די יידן — האָבן עטלעכע חשובע סענאַטאָרן צוגעשטימט — אָבער ער דאַרף אַרויסרירן אין דער דאַזיקער קאַמפּאַניע מיט אַ גרויסער אַרמיי, כּדי מיט איין מאָל צו דערשטיקן דעם אויפֿשטאַנד, און ווען דער אויפֿשטאַנד וועט זיין דערשטיקט, דאַרף מען זיי אויסראָטן ביז איינעם!

טורנוס רופֿוס איז אויפֿגעשפּרונגען ביי די דאָזיקע ווערטער. יאָ, ווען דער אויפֿשטאַנד וועט שוין זיין דערשטיקט, וועט ער שוין וויטער קאָנען פֿאַרענדיקן... און זיינע אויגן האָבן אויפֿגעבליצט ווי ביי אַ ווילדער הונגעריקער חיה, וואָס האָט מיטאַמאָל דערשמעקט זיין רויב. ער האָט זיך אָבער געשעמט צו קומען איצט מיט אַזאַ פֿאַרשלאָג צום קייסער. ער וועט אים אויסלאַכן און פֿאַרשעמען פֿאַר אַלעמען אין די אויגן.

ער האָט באַשלאָסן צו רעדן מיט דעם קריגספֿירער אַליין, אַז ער זאָל אים געדענקען אין דעם מאָמענט, ווען ער וועט זיך האָבן אָפּגעפֿאַרטיקט מיט די יידעלעך אין יהודה, אים צו שיקן פֿאַרענדיקן די אַרבעט.

און אַזוי איז אויף דער דאָזיקער באַראַטונג באַשלאָסן געוואָרן: פּאַו־לוס מאַרציוס לאָזט זיך תּיכף אַרויס אויף אַ פּאָר צענדליק שיפֿן מיט אַן אַרמיי פֿון צוויי הונדערט טויזנט מאַן, באַוואָפֿנט מיט שווערדן און פּאַנ־צערס און מאַשינען צו צעשמעטערן מויערן.

דער קייסער אַדרינוס האָט לכּבוד דער דאָזיקער קאַמפּאַניע געגעבן אַ גרויס מאָלצייט פֿאַר זיינע מיליטערישע פֿירער. איינער דעם אַנדערן האָט זיך צוגעגעבן מוט. מען האָט אָנגעוואונטשן דעם קריגספֿירער הצלחה און „מאַרס" זאָל אים זיין צו הילף...

ווען אַלע זיינען שוין געווען בגילופינדיק, האָט זיך רופוס צוגעשאַרט צו פּאולוס מאַרציוס און אים געבעטן וועגן דעם, וואָס ער האָט פריער געהאַט ביי זיך אָפּגעמאַכט.

מאַרציוס האָט דאָס אים צוגעזאָגט:

— ווי נאָר איך קום צוריק זיגרייך פון מיין קאַמפּאַניע, וועל איך שוין אויסווירקן ביים קייסער, ער זאָל דיך שיקן קיין יהודה „מאַכן אָרדענונג"...

— און ער האָט זיך צעלאַכט ביי דעם דאָזיקן וואָרט.

— איך קען דאָס לאַנד דורך־און־דורך — האָט רופוס זיך אָנגעהויבן באַרימען — איך קען די מורדים, איך וויים אַלע זייערע באַהעלטענישן, איך פאַרשטיי זייער שפּראַך און איך באַנעם זייערע לערעס, קען אויסגע־צייכנט זייערע גייסטיקע פירער. איינער זייערער אַ געלערנטער, „רבי עקיבא" רופן זיי אים, אָט אים וואָלט איך נאָך געוואָלט קריגן אין מיינע הענט אַריין. פאַר אַלע מיינע פיין און יסורים, וואָס איך בין אויסגעשטאַנען, וועל איך מיר ביי אים אָפּנעמען!...

ווען די ידיעה איז דורך אייגענע מענטשן, וואָס האָבן זיך געפונען אין רוים, אָנגעקומען צו בר־כּוכבאָן, האָט ער צונויפגעקליבן אַלע זיינע ראַטגעבער און דער עיקר האָט ער געבעטן רבי עקיבאָן, ער זאָל אָנוועזנדיק זיין אויף דער דאָזיקער באַראַטונג.

רבי עקיבא איז גערן געקומען. ער האָט ווי אומעטום אויך דאָ גע־שפּילט די ערשטע ראָלע.

— גראָד קען איך דעם דאָזיקן מאַרציוס! — האָט ער אויסגערופן — און איך וויים זיינע מעלות און חסרונות, וואָס דאָס איז דער עיקר אין אַ מלחמה: צו קענען גוט דעם שונא. פּאולוס מאַרציוס איז אַ העלדישער קריגספירער, ער לויפט אין פייער אַריין, ער איז אומדערשראָקן. דאָס זיינען זיינע מעלות. זיינע חסרונות זיינען, וואָס ער איז נישט קיין איבער־געשפּיצטער און מיט חכמה קאָן מען אים גיכער באַזיגן ווי מיט דער שווערד.

בר־כּוכבא האָט זיך צעלאַכט פון רבי עקיבאס רייד:

— ווער האָט נאָך אַזויפיל חכמה ווי מיר יידן, ווען מיר האָבן צווישן זיך אונדזער גרויסן רבין, רבי עקיבא?!

— מען דאַרף פריער בעטן ביי גאָט, ער זאָל די חכמה אונדז אַריינ־געבן אין מוח, דאַמאָלס וועלן מיר געוויס זיגן!... — האָט רבי עקיבא באַ־שיידן געענטפערט.

בר־כּוכבא האָט נאָך דער דאָזיקער באַראַטונג גענומען זיך צוגרייטן צו באַגעגענען זיין מעכטיקן שונא. ער האָט באַפוילן צו באַפעסטיקן די שטאָט ביתר און די גאַנצע געגנט אַרום, צונויפגעזאַמלט זיינע בעסטע

כוחות, וואָס ער האָט פֿאַרמאָגט. צווישן זיי עטלעכע מחנות פֿון בבֿל און גליל, וועלכע ער האָט געהאַלטן פֿאַר די בראַווסטע קעמפֿער.

ער האָט געוואָלט, נאָך איידער פֿאַולוס מאַרציוס קומט־אָן מיט זיין חייל, וואָס מער שטעט פֿאַרנעמען, כּדי ער זאָל זיך קאָנען קאָנצענטרירן אויף איין פּלאַץ און אים געבן אַ טויט־קלאַפּ.

ער האָט דעריבער פֿריער געשטורעמט ירושלים. דער שונא האָט זיך געשלאָגן מיט דער גרעסטער ווילדקייט, וויסנדיק, אַז הילף קומט אָן. טויזנ־טער קרבנות זיינען געפֿאַלן פֿון ביידע צדדים, אָבער דעם יידישן קריגס־פֿירער איז געגאַנגען דעריך, אַז ער מוז פֿאַר יעדן פּרייז זיין געשטיצט פֿון זיינע ביידע זייטן און ירושלים מוז זיין אין יידישן באַזיץ, איידער דער רוימער קומט מיט זיין גרויסער אַרמיי.

ער איז אַליין געגאַנגען פֿאָרויס, אַליין זיך געוואָרפֿן אין דער שלאַכט און צוגעגעבן מוט זיינע קעמפֿער. רבי עקיבאן האָט ער פֿון זיך נישט אָפּ־געלאָזט. וויסנדיק, אַז דער גרויסער רבי איז מיט זיי, האָבן זיך די יידישע קריגער גאָר אַנדערש געשלאָגן, און אַ גרויסער נצחון איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן. ירושלים איז געפֿאַלן. מיט געוואַלטיקער פֿרייד האָבן די יידישע מחנות אַריינגעצויגן אונטער הונדערטער פֿענער און געזאַנג אין דער הייליקער שטאָט אַריין.

— צום טעמפּל פֿון יופּיטער! — האָט איינער פֿון די יונגעלייט אַ געשריי געטאָן.

און באַלד האָבן זיך אַ צענדליק געקליבענע גבורים אַ לאָז געטאָן צום באַרג, וואו דאָס בית־המקדש איז אַמאָל געשטאַנען, און איצט געפֿינט זיך דער טעמפּל פֿון דעם מיאוסן געץ. מיט די בלויזע הענט האָבן זיי גע־שטורעמט די שטיינערנע געביידע, מיט די בלויזע הענט האָבן זיי צעשמע־טערט אויף שטויב דעם רוימישן טעמפּל און מיט די פֿיס געטראָטן דעם רוימישן גאָלדענעם אָדלער, וואָס איז אַזוי שטאָלץ געהאָנגען ביים אַריינ־גאַנג פֿון טעמפּל.

— ירושלים איז פֿריי! יהודה איז פֿריי! — האָבן די קעמפֿער געיובלט.

בר־כּוכבא האָט לכּבוד דעם זיג פֿאַראָרדנט צו גיסן ספּעציעלע מטבעות מיט דער אויפֿשריפֿט: „לחירות ירושלים". און די פֿרייד איז געווען אין לשער.

די פֿרעמדע איינוואוינער פֿון דער יידישער הויפּטשטאָט זיינען באַלד אַרויסגעטריבן געוואָרן און אויף זייער אָרט האָבן אָנגעהויבן שטראָמען יידען פֿון אַלע ווינקעלעך פֿון לאַנד. אין גאָר אַ קורצער צייט איז ירושלים ווידער געוואָרן די פּראַכט פֿון יהודה. עס זיינען שוין געמאַכט געוואָרן פּלענער אויפֿצובויען צוריק דאָס בית־המקדש.

די פריערדיקע קעגנער פון אויפשטאַנד האָבן זיך איצט אויסבאַהאַלטן און נישט געוויזן זיך אויף דער ליכטיקער שיין. זיי האָבן איינגעזען זייער גרויסן פעלער און זיי וואָלטן שוין מיטגעאַרבעט מיט בר־כוכבאן, אָבער זיי האָבן מורא געהאַט פאַר דער גערעכטער נקמה מצד די רעוואָלוציאָנערן.

בלויז איין רבי אליעזר המודעי איז געווען פאַרעקשנט און האָט גע־האַלטן אין איין שטראָפן. ער האָט פאַרויסגעזאָגט, אַז רוים וועט דאָס נישט פאַרשווייגן און וועט ענדלעך קומען נעמען נקמה פאַר דער גרויסער באַ־ליידיקונג. רבי אליעזר המודעי איז געווען צו פרום צו גלויבן, אַז משיח וועט קומען צו די יידן אויף אַזאַ נאַטירלעכן אופן, ווי בר־כוכבא האָט זיך באַוויזן. ער האָט דערוואַרט די גאולה אויף אַ נסימדיקן אופן, צו וועלכן מען דאַרף האָפן און מען טאָר נישט וועלן זי ברענגען מיט געוואַלט.

רבי אליעזר פלעגט בעת זיינע וויכוחים מיט רבי עקיבאן אָפט באַנוצן זיין באַקאַנט ווערטל: „ווען איר וועט היטן די תורה, וועט איר אָפּגעהיט ווערן פון דער שווערד, ווען איר אָבער די תורה נישט אָפּהיטן, וועט אייך די שווערד פאַרטיליקן!...״

⁂

אָבער אָט האָט זיך פאַרשפּרייט די ידיעה, אַז אַ גרויסע מחנה פון רוי־מישע לעגיאָנערן האָט געלאַנדעט אין מצרים און מאַרשירט דורך דער מדבר סיני קעגן לאַנד פון יהודה. דער אָנפירער פון דער דאָזיקער מחנה איז טאַקע געווען פּאָולוס מאַרציוס, דער קריגספירער, וואָס האָט אַנטייל גע־נומען אין דער שלאַכט פאַר דאַציע.

אין ערשטן אויגנבליק איז אַ פחד אָנגעפאַלן אויף די יידן. די פעסטע רייד פון בר־כוכבאן און די אויפמונטערונג פון רבי עקיבאן האָבן אָבער דעם פחד באַלד פאַרטריבן און זיי האָבן מיט דער גרעסטער אומגעדולד אָפּ־געוואַרט דעם שונא.

בר־כוכבא האָט געמאַכט די לעצטע צוגרייטונגען. וואו עס איז נאָך געווען צו באַפעסטיקן, האָט ער באַפעסטיקט. ער האָט איצט געהאַט צו־זאַמען אין זיין אַרמיי צוויי הונדערט טויזנט פוסגייער, באַוואָפנט מיט שווערדן; דרייסיק טויזנט בויגן־שיסער, און צוואַנציק טויזנט רייטער. אין דער מיט פון דער מחנה האָט איינער אַ הויכער קריגער מיטן נאָמען ברק געטראָגן די פאָן פון קאַמף, אויף וועלכער עס איז געווען אויפגעשריבן די ווערטער: „דרך כוכב מיעקב״.

דער לעצטער איבערזיכט איבער דער דאָזיקער גרויסער מחנה איז געמאַכט געוואָרן. רבי עקיבא איז צוליב דעם ספּעציעל אַראָפּגעקומען פון אושה צו געבן זיין ברכה פאַרן דערפאָלג פון יידישן וואָפן.

— זייט געבענטשט, מיינע טייערע ברידער — האָט ער מיט אַ גע־רירטער שטים אויסגערופֿן צו דער אומגעהייערער מחנה, וואָס איז גע־שטאַנען אין דער גרעסטער שטילקייט, אַז מען האָט בלויז געהערט דאָס ווייען פֿון די פֿענער אויפֿן מילדן ווינטל, וואָס האָט אַ צי געטאָן — גאָט איז מיט אונדז און גייט מיט זיכערקייט צום קאַמף קעגן דעם באַרבאַרישן שונא. אונדזער קאַמף איז אַ גערעכטער, מיר גייען ביי קיינעם גאָרנישט צונעמען, בעת דער שונא קומט צורויבן פֿרעמד האָב און גוטס, וואָס עס געהערט נישט צו אים! מיר וועלן מיט אַלע כּוחות באַשיצן אונדזער הייליק לאַנד, מיר וועלן נישט זשאַלעווען טויזנט מאָל אַזויפֿיל בלוט צו פֿאַרגיסן אין דעם שונאס רייען...

— פֿאַרטיליקן דעם שונא! — האָבן זיך געהערט אויסגעשרייען — טויטן יעדן רוימער, וואָס וועט אונדז שטיין אין וועג!

בר־כּוכבא האָט זיין אַרמיי פֿונאַנדערגעטיילט אין צוויי מחנות, אויף אַ רעכטן און אַ לינקן פֿליגל. דעם צענטער האָט ער געלאָזט כּמעט ווי אומבאַשיצט. דאָס איז געווען געמאַכט בכּיוון, כּדי דעם רוימישן קריגס־פֿירער אַריינצופֿירן אין אַ טעות. „זאָל ער מיינען — האָט ער געזאָגט מיט אַ שמייכל צו רבי עקיבאן, וועלכער איז ביי זיין זייט געגאַנגען — אַז מיר האָבן ווינציק קרעפֿטן צו באַשיצן די שטאָט ביתר... כ'האָב געמאַכט נאָך אַ טריק: כ'האָב איינגערעדט איינעם פֿון די שומרונישע אָנפֿירער, אויף וועמען איך האָב אַ חשד, אַז ער איז בלויז לפּנים געקומען מיר העלפֿן, אָבער אין דער אמתן איז ער אונדזער גרעסטער פֿיינט און וויל ליבערשט האָבן די רוימער אין לאַנד פֿון יהודה — אַז מיר זיינען זייער שוואַך... ער, דער שומרונישער פֿירער, בין איך זיכער, וועט שוין די ריכטיקע ידיעה געבן איבערגעבן פּאַולוס מאַרציוסן, כאַ־כאַ־כאַ!...

— געבענטשט זאָל זיין דיין יעדער שריט! — האָט רבי עקיבא גע־ענטפֿערט — וואָס דו נעמסט אונטער, כּדי דעם שונא צו פֿאַרניכטן, איז גוט. אָבי דאָס פֿירט צו איין זאַך: צו דער באַפֿרייאונג פֿון אונדזער פֿאָלק! איין זאַך, וועל איך דיך בלויז בעטן — האָט רבי עקיבא נאָך אַ ווייל אָפּ־כאַפּן דעם אָטעם ווייטער גערעדט — געדענק, אַז דו קעמפֿסט אין גאָטס נאָמען. בלויז ווען וועסט פֿירן דעם קאַמף פֿאַר דעם רום פֿון אונדזער אַלמעכטיקן באַשעפֿער, וועסטו מצליח זיין...

— איך דאַנק דיר, רבי, פֿאַר דיינע ברכות. איך וועל טאָן אַלץ וואָס דו וועסט מיך הייסן — האָט בר־כּוכבא אויסגערופֿן, און מיט ערפֿורכט גע־קוקט אויף דעם אַלטן, ווייס־בערדיקן רבי עקיבא, וועמענס אויגן האָבן איצט געלויכטן מיט אַן עקשנותדיק פֿייערל און פֿול מיט גלויבן איז געווען זיין בליק.

צומאָרגנס פֿאַרטאָג, ווען עס האָט קוים אָנגעהויבן בלויען, האָט מען פֿונדערווייטנס שוין דערזען דאָס אָנציענדיקע חייל פֿון דעם רוימישן קריגספֿירער. אַזוי ווי אַ געוויש פֿון ים, אַזוי האָט זיך אויסגעוויזן דאָס געבערום פֿון די צענדליקער טויזנטער פֿיינטלעכע קריגער.

בלויז אַן ערך פֿינף הונדערט טריט זיינען די צוויי קעגנערישע מחנות געווען דערווייטערט איינע פֿון דער אַנדערער. אָבער די יידישע קעמפֿער האָבן פּלוצים אָנגעהויבן כּלומרשט זיך צוריקציען, ווי זיי וואָלטן זיך דערשראָקן פֿאַר די רוימער. און סך־הכל איז דאָ געשטאַנען, ווי עס איז פֿריער באַשטימט געוואָרן, נאָר אַ קליינע צאָל קעמפֿער.

אין רוימישן לאַגער איז אויסגעבראָכן אַ געוואַלטיקע פֿרייד.

— די יידן אַנטלויפֿן! פּחדנים וואָס זיי זיינען! — האָט מען געהערט אויסרופֿן.

פּאָולוס מאַרציוס האָט אין זיך געשמייכלט און איינגערוימט צו איינעם פֿון זיינע צענטוריאָנס:

— מיר וועלן די דאָזיקע יידישע געסט נעמען אין משך פֿון אַ האַלבער שעה! איך פֿאַרשטיי נישט דעם רופֿוסן. פֿאַרוואָס איז ער אַנטלאָפֿן און באַדעקט זיך מיט שאַנד? בלויז איין השערה קאָן איך דאָ אַרויסזאָגן: די גאַנצע מעשה מיט זיין שיינעם וויב רופֿינאַ איז אַן אַנגעשטעלטע שפּיל. רופֿוס האָט פֿאַרראַטן!

אמת! — האָט דער צענטוריאָן געענטפֿערט אין דער פֿולסטער זיכער־קייט — זע נאָר די קליינע מחנה, וואָס די יידן האָבן קעגן אונדז דאָ אָנ־געגרייט. צי זיינען זיי משוגע אָדער סתּם אַזעלכע פֿאַרביסענע ברואים!... און אפֿשר האָבן זיי ערגעץ נאָך באַהאַלטן רעזערוון פֿון מענטשן־מאַטע־ריאַל?...

— וואָס רעדסטו, פֿלאַרוס — האָט דער קריגספֿירער אָפּגעווענדט — דו האָסט דאָך געהערט נעכטן, וואָס דער שומרוני האָט דערציילט: „בר־כוכבא האָט זיך פֿאַר מיר באַקלאָגט", האָט ער געזאָגט, „אַז ער איז צו שוואַך קעגן די רוימער, אָבער ער האָט שוין נישט קיין אַנדערע ברירה, ווי נאָר צו קעמפֿן".

— קאָן מען גלויבן דעם שומרוני? — האָט פֿלאַרוס געפֿרעגט.

— ווייסטו נישט, וואָס פֿאַר אַ שנאה עס הערשט צווישן די יודעער און די שומרונים — האָט מאַרציוס געענטפֿערט — איינער וואָלט גע־וואָלט זען דעם צווייטנס בלוט פֿליסן.

— ווען טרעטן מיר אַרויס? — האָט פֿלאַרוס געפֿרעגט.

— איך וואַרט ביז די זון וועט אויפשפּראַצן. די שטראַלן וועלן דאַמאָלס זיין קעגן זייערע אויגן, און אין דעם ערשטן בלענד וועל איך אַ קלאַפּ טאָן און זיי וועלן אַפילו נישט וויסן פון וואַנען עס איז זיי געקומען!...

און אַזוי האָט ער געטאָן.

מיט אַ שעה שפּעטער האָט דער ערשטער זון־שטראַל אַ שפּראַץ־אויף געטאָן פון מזרח, און מיט דעם הייסן גאָלד אַ גלי געטאָן אין די אויגן פון די יידישע קעמפער, וועלכע זיינען געשטאַנען אַנטקעגן. אין דער זעלבער רגע האָט זיך דערהערט דער שאַל פון דעם שונאס טראָמפּייטל און זיינע רייטער האָבן זיך די ערשטע אַ וואָרף געטאָן אויף די יידישע פאָרפּאָסטנס, וועלכע האָבן זיך תיכף צוריקגעצויגן אויף אַ באַפעל פון זייער אַנפירער.

עס האָט זיך פאַרוויקלט אַ בלוטיקער קאַמף. די ערשטע טויטע קער־פּערס זיינען געפאַלן און רוימיש מיט יידיש בלוט האָט זיך אויסגעמישט. די רוימישע רייטער האָבן זיך פלוצים פונאַנדערגעשפּרייט אויף ביידע זייטן, און די באַפּאַנצערטע פוסגייער, מיט זייערע שפּיזן אויסגעשטרעקט, האָבן זייער אָרט פאַרנומען און, ניט קוקנדיק אויף די אָן אַ שיעור פיילן, וואָס האָבן זיך געשאָטן אויף זיי פון דער פעסטונג, זיינען זיי געגאַנגען פאָרויס אָן אַן אָפּשטעל.

די יידישע קעמפער האָבן זיך כסדר צוריקגעצויגן. זיי זיינען שוין מיט זייערע רוקנס געשטאַנען כמעט האַרט ביי די פעסטונג־מויערן פון דער שטאָט ביתר, און די גאַנצע רוימישע קראַפט האָט געשפּאַרט אַלץ מיט פאַרגרעסערטע כוחות. פּאולוס האָט שוין געגעבן זיין באַפעל צום שטורעם, נאָר דאָ איז געשען אַן אומגעוויינלעכע זאַך, וואָס האָט ביי די רוימער געמאַכט דאָס בלוט פאַרגליווערן:

אויף ביידע זייטן פון דער רוימישער אַרמיי האָבן, נישט צו וויסן פון וואַנען און פון ווען, אַנגעהויבן שטורעמען רייטער און פוסגייער, באַ־פּאַנצערטע און באַוואָפנטע מיט שפּיזן און שווערדן, און מיט אַ געשריי פון זיג האָבן זיי זיך פלוצים אַ לאָז געטאָן אויף דעם שונא.

די רוימישע לעגיאָנערן זיינען אין דעם ערשטן אויגנבליק געבליבן שטיין דערשטוינט פון גרויס באַוואונדערונג, אָבער באַלד האָט זיך אָנגע־הויבן אַ גרויסע מהומה. זיי האָבן געפּרואווט זיך צוריקציִען, איז אָבער פון הינטן אויך אָנגעפאַלן אַ גרויסע פון פריער צוגעגרייטע מחנה פון יידישע קעמפער, וואָס האָט זיך אַריינגעריסן צווישן די רוימער און גע־שניטן מיט די שווערדן אויף רעכטס און אויף לינקס. בלוט איז געפלאָסן ווי וואַסער, און די וויי־געשרייען פון די באַפאַלענע און די נצחון־אויסגעשרייען פון די אָנפאַלער האָבן זיך אויסגעמישט און געגאַנגען ביזן הימל אַריין.

דער קריגספירער פאולוס מארציוס איז געווארן צעמישט. ער האט אין דעם ערשטן מאמענט נישט געוואוסט וואס צו אנטשיידן. אפטרעטן האט ער נישט געקאנט, ווייל הינטער אים איז דער וועג געווען אפגעשלאסן דורך א געוואלטיק־גרויסער מחנה רייטער און עס וואלט אים געקאסט צופיל קרבנות צו פרואוון זיך אדורכרייסן אויף צוריק.

האט ער דעריבער, נאך א קורצן ישוב הדעת, געגעבן א באפעל אנ־צוגרייפן אין פראנט פון דער פעסטונג. ער האט געטראכט, אז אויב דאס וועט אים געלינגען, וועט ער די יידישע קריגער צעמישן און דאן וועט ער זיי פארענדיקן.

אין דעם זעלבן אויגנבליק איז בר־כוכבא אליין ארויסגעפאלן פון פעסטונג און איז צוגעלאפן ביז א צען טריט פון פאולוס מארציוס, דעם רוימישן קריגספירער. יענער, דערזעענדיק דעם העלדישן מאן, וואס לויפט אים אנטקעגן מיט אן אויפגעהויבענער שווערד אין דער האנט, האט ער זיך אויף א רגע פארלוירן, און אט די רגע האט בר־כוכבא אויסגענוצט און א זעץ געגעבן מיט דער שווערד דעם רוימער איבערן קאפ, וועלכער איז אויפן ארט צעשפאלטן געווארן אויף צווייען. א שטראם בלוט האט א פלייץ געטאן און דער רוימישער קריגספירער איז אנידערגעפאלן א טויטער.

דערזעענדיק דאס, איז די מחנה לעגיאנערן צעטומלט געווארן און האט אנגעהויבן לויפן וואוהין די אויגן האבן געטראגן. וואו זיי זיינען אבער געלאפן, האבן זיי אנגעטראפן אויף די אויסגעשטרעקטע שפיזן פון די העל־דישע יידישע קעמפער.

דער סוף איז געווען א שרעקלעכער פאר די רוימישע אנגרייפער. דרייסיק טויזנט פון זייערע בעסטע סאלדאטן זיינען געבליבן ליגן טויט אויפן שלאכטפעלד און די איבעריקע האבן זיך קוים מיטן לעבן גע־ראטעוועט.

די רוימער זיינען צוריקגעלאפן מיטן וועג, דורך וועלכן זיי זיינען אנגעקומען, איבערלאזנדיק זייערע בעסטע וואפן אין די הענט פון די זיגרייכע יידישע חיילות.

אומבאשרייבלעך איז געווען די פרייד אין יידישן לאגער. די העלדישע יידישע יונגעלייט האבן זיך ארומגעכאפט קושן און טאנצן אויף די גאסן.

— צעשמעטערט איז רוים, צעשטערט איז דאס רשעותדיקע מלכות!
— האבן זיי געיובלט מיט גרויס שמחה.

אבער נאך גרעסער איז די פרייד געווארן, ווען רבי עקיבא איז אנ־געקומען קיין ביתר. דער יידישער קריגספירער, בר־כוכבא, איז אים אנט־קעגנגעגאנגען מיט אויסגעשפרייטע ארעמס. ער האט אים ארומגענומען

און געקושט, אים איבערגעגעבן אַ באַריכט וועגן דעם אויסגאַנג פֿון דער שווערער שלאַכט:

— גאָט האָט מיר אַריינגעגעבן חכמה און איך האָב דעם שונא באַזיגט. דער נצחון איז אַ פֿולשטענדיקער. מיר האָבן כמעט קיין פֿאַרלוסטן נישט געהאַט. אַ מהומה איז אויף די רוימער געקומען, ווי אַמאָל אויף די חיילות פֿון סנחריב דעם מלך פֿון אַשור.

רבי עקיבאס פּנים האָט געשטראַלט פֿון גרויס פֿרייד און גליק.

— געבענטשט זאָל זיין גאָט אונדזער גאָט, וואָס האָט באַפֿרייט די יידן פֿון מצרים. היינט האָט ער דערפֿילט דעם צוזאָג, וואָס ער האָט אונדז געגעבן דורך די נביאים: „נאָך אַ ווייל און איך וועל אויפֿשטורעמען הימל און ערד, איך וועל צעשמעטערן די קעניגלעכע טראָנען און איך וועל פֿאַרטיליקן די קראַפֿט פֿון די פֿרעמדע פֿעלקער".

דאָס גאַנצע לאַנד האָט געשטורעמט פֿון פֿרייד נאָך דעם דאָזיקן גרויסן נצחון פֿון יידישן חייל. אין אַלע שטעט זיינען איינגעאָרדנט געוואָרן ספּעציעלע סעודות. מען האָט תּפֿילה געטאָן און געדאַנקט גאָט פֿאַר דעם גרויסן חסד, וואָס ער האָט זיי געטאָן און צוגעשיקט אַזאַ גרויסן העלד, ווי עס איז בר־כּוכבא.

— זאָל לעבן אונדזער משיח! זאָל לעבן דער געזאַלבטער פֿון גאָט, דער רעטער פֿון דער יידישער אומה!

— זאָל לעבן אונדזער גרויסער פֿירער רבי עקיבא! — האָט זיך דערהערט אַן אויסרוף, וועלכן אַלע האָבן מיט גרויס באַגייסטערונג אויפֿגעכאַפּט — בלויז אים האָבן מיר צו פֿאַרדאַנקען אונדזער היינטיקן גרויסן זיג!

בר־כּוכבא איז אויף אַ מאָמענט בלאַס געוואָרן. ער האָט זיך אָבער באַהערשט. עס האָט אים געאַרט, וואָס מען פֿאַררעכנט דעם דאָזיקן זיג בלויז אויפֿן חשבון פֿון רבי עקיבא. ער האָט אָבער וועגן דעם פֿאַרשוויגן. ער האָט רבי עקיבאן אָפּגעגעבן דעם כּבוד, וועלכן ער האָט זיך פֿאַרדינט.

ווען די ידיעה פֿון דער גרויסער מפּלה, וואָס עס האָט געליטן דער רוימישער קריגספֿירער פּאַולוס מאַרציוס, איז אָנגעקומען קיין רוים, איז דעם קייסער אַדריַנוס באַפֿאַלן אַ גרויסער פּחד.

ער האָט אויף שנעל צונויפֿגערופֿן דעם גאַנצן סענאַט און אַלע זיינע קריגספֿירער, וועלכע האָבן זיך געפֿונען אין רוים, און אָפּגעהאַלטן מיט זיי אַ באַראַטונג.

— דאָס איז נישט בלויז דער נצחון פֿון די יידן — האָט אַדריַנוס־קייסער געשריגן — וואָס וועלן זיך טראַכטן די איבעריקע פֿעלקער, וואָס זיינען דורך אונדז אונטערייאַכט. זיי וועלן זיך טראַכטן, אַז אויב די יידן,

אזאַ קליין פֿאָלק, איז געלונגען די רוימער צו באַזיגן, קאָנען זיי דאָך אויך דאָס זעלבע באַוויזן. עס ווען איצט אויפֿשטיין קעגן אונדז די גערמאַנער, די גאַליער, די עגיפּטער און די גריכן, און עס וועט קומען אַ סוף צו דער רוימישער הערשאַפֿט!

די סענאַטאָרן האָבן איינגעשטימט מיט די רייד פֿון דעם קייסער.

— מיר טאָרן נישט בלייבן זיצן מיט פֿאַרלייגטע הענט און לאָזן די זאַך ווי זי איז — האָט איינער פֿון די סענאַטאָרן געזאָגט — עס דראָעט אונדז אַ גרויסע געפֿאַר מצד די פֿעלקער אין מזרח. זיי וועלן זיך איצט פֿאַראייניקן מיט די יידן און וועלן אַראָפּוואַרפֿן פֿון זיך אונדזער יאָך. זיי וועלן אויפֿן ערשטן פּלאַן אונדז אויפֿהערן צו צאָלן די שטייערן. די יידן צאָלן שוין נישט. מיר טאָרן צו דעם נישט דערלאָזן!

נאָך די אַלע רייד און אָנווייזונגען פֿון די חשובֿע רוימישע סענאַטאָרן, האָט דער קייסער באַשלאָסן צו שיקן קיין יהודה איינעם פֿון זיינע בעסטע קריגספֿירער, יוליוס סעווערוס, וועלכער איז אין דעם מאָמענט געווען באַשעפֿטיקט מיט אונטערדריקן אַן אויפֿשטאַנד פֿון די בריטן.

עס האָט אָבער לאַנג גענומען, ביז יוליוס סעווערוס האָט געקאָנט קומען אין לאַנד פֿון יהודה. ער האָט געדאַרפֿט פֿריער פֿאַרענדיקן דעם קאַמפּיין אין בריטאַניע און דאַן ערשט צונויפֿקלייבן אַ גרויסע און אויס־געשטאַטעטע אַרמיי.

איבער דער דאָזיקער צייט האָט דערווייל בר־כּוכבא פֿאַרשטאַרקט די פֿעסטונגען אין יהודה און גליל. ער האָט אויסגעפֿלאַסטערט ברייטע וועגן איבערן לאַנד, אויפֿגעבויט די חרובֿע שטעט. ברייטע פֿעסטונגען אויסגעבויט. געלערנט יונגעלייט תּכסיסי־מלחמה. ער האָט אויך איבערגעגעבן אין די הענט פֿון רבי עקיבאַן צו באַזאָרגן די אָרעמע לייט מיט גענוג עסן. יעדן פֿרייטאָג האָט מען בלויז אין ביתר אויסגעטיילט צו די אָרעמע יידן 300 קויבערס מיט ברויט.

ער האָט באַפֿעסטיקט אויך די שטאָט טור מלכּא, וואָס ער האָט איבער־געגעבן אונטערן שוץ פֿון זיין בעסטן קריגספֿירער, בר־דרומא.

די יידן האָבן געגלויבט, אַז זייער נייער מלך בר־כּוכבא וועט אימ־שטאַנד צו באַשיצן דאָס לאַנד פֿאַר יעדן מעגלעכן שונא.

ענדלעך איז אויך בר־כּוכבא, מיט דער גוטהייסונג פֿון רבי עקיבאַן און זיינע אָנהענגער צווישן די תּלמידי־חכמים, צוגעטראָטן אויפֿצובויען דאָס בית־המקדש.

ביים לייגן דעם ערשטן ווינקלשטיין, זיינען זיך צוזאַמענגעקומען צענד־ליקער טויזנטער יידן פֿון גאַנצן לאַנד. מען האָט געפּראַוועט סעודות און

מאַלצייטן, מען האָט געפּייערט אויפּסניי דעם גרויסן זיג, וואָס ירושלים איז ענדלעך פריי.

מ׳האָט אָנגעהויבן ברענגען די טייערסטע מירמל־שטיינער, האָלץ פון טענענביימער, זילבער און גאָלד און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ פיבער־האַפטע אַרבעט ביים בויען דאָס הויז פון גאָט.

די כהנים זיינען זיך צוזאַמענגעקומען און האָבן אָנגעהויבן אונטער דער אויפזיכט פון די סנהדרין איבערחזרן די דינים פון מקריב זיין קרבנות. די לויים האָבן זיך איינגעחזרט די געזאַנגען פון הייליקע לידער און מ׳האָט אויסגעפּרוּווט די האַרפעס און פייפלעך.

מ׳האָט שוין געבויט די ספּעציעלע געביידע פון די סנהדרין. מ׳האָט אויך איינגעאָרדנט בתי־דינים אין אַלע שטעט און שטעטלעך פון ארץ־ישראל.

— וואויל איז צו דעם דור, וואָס האָט דאָס דערלעבט! — האָט מען פון אַלע זייטן זיך געוואונטשן.

אין דער זעלבער צייט האָט בר־כוכבא געגרייט זיך צו דער צערעמאָניע פון לייגן דעם ערשטן ווינקלשטיין פאַר דעם בנין פון בית־המקדש. מען האָט דערביי צעשמעטערט אומעטום, וואו מען האָט נאָר אָנגעטראָפן, אַלע געצן, וואָס די רוימער האָבן געהאַט איינגעפירט איבערן לאַנד און איבער־הויפּט אין דער הייליקער שטאָט ירושלים.

פיל טויזנטער מענטשן האָבן זיך פונאַנדערגעלייגט איבער דער גאַנ־צער אומגעגענט, ווייל אין דער שטאָט איז פּשוט נישט געווען קיין פּלאַץ פאַר אַזויפיל מענטשן. עס איז נישט געווען קיין אָרט אויף די גאַסן, וואו אַ טריט צו שטעלן.

שיינע טעג האָבן זיך אָנגעפאַנגען, די זון האָט אַזוי לויטער געשיינט אין דעם בלויען תכלתדיקן הימל. די גאַנצע לופט איז געווען אָנגעפילט מיט געזאַנגען און מיט דעם שפּילן פון האַרפעס און פייפלעך. די פרייד איז געווען אומגעהויער.

מיט שטאָלץ איז בר־כוכבא אַרומגעגאַנגען צווישן אָט די דאָזיקע יובעלנדיקע מחנות, דאָ און דאָרט זיך אָפּגעשטעלט מיט עמעצן פון פאַר־זאַמלטן המון און מיט אים גערעדט, אויסגעפרעגט זיך וועגן דעם לעבן אין זיין געגנט.

ער האָט אַלץ זיך גוט גענומען אין זכרון. וואו עס האָט געהערשט נויט, האָט ער באַשלאָסן באַלד צו שיקן הילף. וואו מ׳האָט זיך גענויטיקט אין געוויסע בעלי־מלאכות, האָט ער זיך פאַרצייכנט, אַז מען דאַרף אַזעלכע אַהינשיקן. דער יידישער קריגספירער און מלך, ווי טייל האָבן אים אָנגע־

הויבן רופֿן, האָט זיך פֿאַרנומען דאָס לאַנד אָוועקצושטעלן אויף דער העכ־סטער מדרגה פֿון פֿולקאָמענהייט.

ענדלעך איז אָנגעקומען דער פֿייערלעכער מאָמענט פֿון אָוועקלייגן דעם ווינקלשטיין. דער ריזיקער המון האָט זיך נעענטער צוגעדריקט צו דעם אָרט, וואו דאָס האָט געדאַרפֿט פֿאָרקומען. וואו מען האָט דעם בליק גע־וואָרפֿן, איז געווען שוואַרץ פֿון מענטשן. מענער, פֿרויען און קינדער האָבן געמאַכט פֿאַרשידענע פֿריידיקע אויסרופֿן און עס האָט געזשומעט אַרום ווי פֿון הונדערטער בינשטאָקן. רבי עקיבא איז אַרויפֿגעשטיגן אויף אַ ספּע־ציעל־צוגעגרייטער בימה. אין זיין גאַנצער הויך האָט ער זיך אַנידערגע־שטעלט און אַ ווייל אין שטילשווייגן אָנגעקוקט די פֿאַרזאַמלטע צענד־ליקער־טויזנטער־קעפּיקע מאַסע. זיין פּנים האָט אינגאַנצן געשיינט. דער עולם, דערזעענדיק די געטלעכע פֿיגור פֿון דעם אַלטן רבין זייערן, מיט זיין שניי־ווייסער באָרד און אין ווייסע זיידענע קליידער אָנגעטאָן, האָט אַרויסגעלאָזט אַ רוף:

— זאָל לעבן אונדזער גרויסער רבי און מנהיג, יחי רבי עקיבא!

די ערד האָט אַזש געציטערט פֿון אָפּקלאַנג פֿון די דאָזיקע קולות. די לויים האָבן אָנגעהויבן צו שפּילן אויף זייערע פֿייפֿלעך און צו זינגען. דער המון האָט צוגעהאָלפֿן. מען האָט געהערט אַן אויסגעמישטע סימפֿאָניע פֿון גראָבע מענערישע שטימען, מיט דינע ווייבלעכע שטימעלעך און די קוויטשענדיקע קולות פֿון די יונגע קינדער.

מיטאַמאָל האָט רבי עקיבא אויפֿגעהויבן זיין האַנט אַלס צייכן, אַז עס זאָל ווערן שטיל.

ווי מיט אַ שאַרף מעסער אָפּגעהאַקט, איז אַלץ פּלוצלינג אַנטשוויגן געוואָרן. מען האָט געקאָנט הערן דאָס לייכטע ווינטל בלאָזן, אַ זשום פֿון אַ פֿליג האָט אין די אויערן אָפּגעהילכט, אַזוי שטיל איז געוואָרן איבער דעם גרויסן און ריזיקן פּלאַץ, באַלייגט מיט צענדליקער טויזנטער מענטשן.

— טייערע ברידער מיינע! — האָט רבי עקיבא פֿריער מיט אַ שטיל קול אָנגעפֿאַנגען, דערנאָך האָט ער אַלץ העכער און העכער גערעדט, אַז עס האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ער שטייגט איבער דעם געבערום פֿון אַ לייב — מיינע טייערע ברידער, איך וויל דאָ מאַכן די ברכה פֿון „שהחינו“, וואָס אויף די אַלטע יאָרן מיינע האָב איך דערלעבט צו זען דאָס אויפֿבויען פֿון בית־המקדש. מיט מיינע אויגן האָב איך, צו מיין גרויסן ווייטיק, געזען די צעשטערונג פֿון גאָטס הויז; מיט מיינע אויגן האָב איך געזען, ווי דער אומדערבאַרעמדיקער שונא האָט אונדזערע בעסטע זין און טעכטער אָוועק־געשלעפּט אין שקלאַפֿעריי. כ׳האָב געזען דאָס פֿליסנדיקע בלוט פֿון אונדזער פֿאָלק ישראל. כ׳האָב מיך אָבער נישט געשעמט מיט זייער העלדישן ווידער־

שטאַנד. זיי האָבן באַוויזן מיט זייער עקשנותדיקן קאַמף, אַז זיי זיינען ווערט צו זיין די אייניקלעך פֿון די חשמונאים.

— לאַנג לעבן זאָל אונדזער רבי! יחי רבי עקיבא! — האָט מען פּלוצלינג פֿון אַלע זייטן איבערגעריסן זיין רעדן און מיט צענדליקער טויזנטער ווידער־קולות זיינען די געשרייען צוריקגעקומען און אָפּגעהילכט צווישן די בערג פֿון יהודה.

רבי עקיבא האָט זיך אָפּגעשטעלט, נישט וועלנדיק שטערן דעם אויס־ברוך פֿון פֿרייד צווישן די פֿאַרזאַמלטע יידן. בר־כוכבא, וועלכער איז גע־שטאַנען ביי דער זייט פֿון רבין, האָט אַ הויב געטאָן מיט דער האַנט און עס איז ווידער שטיל געוואָרן.

— איך דאַנק דעם אַלמעכטיקן באַשעפֿער פֿון דער וועלט, וואָס ער האָט מיר געשאָנקען יאָרן און איך זאָל דערלעבן אָט דאָס גרויסע ווערק צו זען מיט מיינע אייגענע אויגן. איך בין מיך דאָ מודה, אַז איך האָב מיין גאַנץ לעבן דערצו געשטרעבט, אַפֿילו נאָך דעמאָלט, ווען איך האָט געפֿי־טערט שאַף צופּוסנס פֿון די הרי־יהודה. אָבער כ׳האָב נישט געגלייבט, אַז איך וועל דאָס נאָך דערלעבן צו זען. ווען איך האָב געגעבן די הסכּמה צו שמעונען פֿון דער שטאָט כּזיב, אַז ער איז פֿון גאָט געשיקט און גע־זאַלבט געוואָרן אויסצולייזן דאָס יידישע פֿאָלק, האָב איך געפֿילט, אַז די צייט פֿון דער גאולה איז געקומען.

„כ׳האָב געהאַט פֿיל קעגנער און כ׳האָב זיי נאָך איצט. דאָס זיינען מענטשן מיט גוטן ווילן. כ׳בין זיי חלילה נישט חושד אין פֿאַרראַט, אָבער מיט שוואַכע געמיטער. זיי פֿאַרלאָזן זיך אויף אַ נס, אָבער זיי געדענקען נישט דעם שפּרוך פֿון אונדזערע חכמים: אין סומכין על הנס! די וועלט דאַרף גיין בדרך הטבע. מיר, מענטשן, מוזן צולייגן אַ האַנט און דער רבונו של עולם פֿון זיין זייט וועט אונדז שוין צוהעלפֿן אין אונדזערע מעשים.

„מיינע חברים רבי אליעזר המודעי, רבי יוסי בן קסמא און רבי יוחנן בן תּורתא און זייערע אָנהענגער זיינען נישט קיין בוגדים. אָבער אין אַ צייט, ווען מען דאַרף האָבן גרויסע געוואַגטקייט און מ׳האָט עס נישט, דאַרף מען אָפּטרעטן אָן אַ זייט! — האָט רבי עקיבא אויסגעשריגן — דאָס פֿאָלק וויל, און דער ווילן פֿון פֿאָלק איז דער ווילן פֿון גאָט! מען טאָר נישט גיין קעגן דעם רצון פֿון גאַנצן פֿאָלק. דאָס פֿאָלק וויל זיין פֿריי! זעט, וויפֿיל מענטשן דאָ האָבן זיך פֿאַרזאַמלט אָפּצוגעבן כּבוד זייער אויס־דערוויילטן מלך!

„איך גיב אָפּ דאָ כּבוד דעם מאַן, וואָס גאָט האָט אים אויסדערוויילט צו זיין דער באַפֿרייער פֿון זיין פֿאָלק. כ׳גיב אים דאָ מיינע ברכות און גוטע

וואונטשן, ער זאָל גיין אין גאָטס וועגן און שטענדיק אין זינען האָבן בלויז די טובה פֿון זיין פֿאָלק. ווען עס האַנדלט זיך וועגן דער טובה פֿון פֿאָלק, דאַרפֿן נישט זיין קיין אַנדערע כוונות דערביי. נאָר בלויז דאָס גוטס פֿאַר דער אומה דאַרף שטיין פֿאַר די אויגן פֿון דעם, וואָס דער אַלמעכטיקער האָט אים געגעבן די מאַכט דערצו!..."

ווען רבי עקיבא האָט געענדיקט רעדן, איז אויסגעבראָכן אַזאַ געוואַל־טיקער יובל, אַז עס האָט זיך געדאַכט די גאַנצע וועלט האָט אַ ציטער געטאָן.

באַלד האָט בר־כוכבא אַראָפּגענידערט פֿון דער בימה, וואו ער איז געזעסן צוזאַמען מיט רבי עקיבאן, און דערנענטערט זיך צו דעם ריזיקן שטיין, וואָס אַ צענדליק מענטשן האָבן אים צוגעקאַלערט צו דעם פּלאַץ, וואו עס איז געווען אָנגעצייכנט פֿון די בויערס.

דער העלדישער קריגספֿירער האָט זיך אַראָפּגעבויגן און צום שטוינען פֿון דעם גרויסן המון, האָט ער אַליין אויפֿגעהויבן דעם ריזיקן שטיין איבער זיין קאָפּ הויך, אַז אַלע האָבן דאָס געקאָנט זען און האָט אים גענומען מיט אַ לייכטקייט, ווי מען נעמט אַ קליין שטיינדעלע און אים אַוועקגעלייגט אויף דעם פּלאַץ, וואו מ׳האָט אָנגעהויבן בויען דעם הייליקן בנין.

— גאָט! — האָט זיך אַרויסגעריסן אַ געשריי ביי די אַלע מענטשן — דאָס איז דאָך דער גרעסטער גבֿרן, וואָס מ׳האָט ווען עס איז געזען! נאָר שמשון הגבור האָט געקאָנט אַזעלכעס באַווייזן...

— דאָס איז אַ צייכן, אַז ער איז דער געזאַלבטער פֿון גאָט, אַז דאָס איז דער געטלעכער משיח, אונדזער אויסלייזער!

ווען בר־כוכבא האָט פֿאַרענדיקט די צערעמאָניע פֿון אַוועקלייגן דעם ערשטן ווינקלשטיין, איז צו אים צוגעגאַנגען רבי עקיבא און האָט אויף זיין קאָפּ אָנגעטאָן אַ גאָלדענע קרוין, אויסגעזעצט מיט טייערע איידלשטיינער און בריליאַנטן, דערביי אויסרופֿנדיק:

— זאָל לעבן אונדזער האַר, דער מלך פֿון ישראל!

און טרערן האָבן זיך אים פֿאַר פֿרייד געשטעלט אין די אויגן בעת דעם דאָזיקן פֿייערלעכן מאָמענט.

— יחי המלך! זאָל לעבן אונדזער האַר דער מלך, דער געזאַלבטער פֿון גאָט! — האָט דער ריזיקער המון אונטערגעכאַפּט.

דעם טאָג וועלן מיר קיינמאָל נישט פֿאַרגעסן! — האָט איינער צום אַנדערן געזאָגט, נאָכדעם ווי עס איז אַלץ געווען פֿאַרענדיקט.

— דאָס איז דער שענסטער און גליקלעכסטער טאָג אין מיין לעבן! — האָט אַ צווייטער געענטפֿערט.

די זון האָט זיך אַ נויג געטאָן צו מערב און אַ צעפּלאַמטע מיט העלישן פייער האָט זי זיך אַראָפּגעלאָזט דאָרט ווייט הינטערן האָריזאָנט, וואו עס געפינט זיך דער גרויסער ים. דער המון איז אָפּגעגאָסן געוואָרן מיט דער רויטקייט און בר־כוכבאס קאָפּ מיט דער גאָלדענער קרוין אָנגעקליידט האָט געלויכטן ווי אַ העליש פייער.

רבי עקיבא האָט אים אַרומגענומען און אַ קוש געטאָן אין שטערן, זיך פאַראָפּשיידט מיט אים און אונטערן יובל פון צענדליקער טויזנטער מיילער, האָט ער זיך דערווייטערט.

קאַפּיטל 19

די גרויסע אַנטוישונג

●

די אַרבעט פון אויפבויען דאָס לאַנד און הויפּטזעכלעך ירושלים איז אַנגעגאַנגען אין פולן שוואונג. די מיליטערישע קראַפט האָט זיך אויך פון טאָג־צו־טאָג געשטאַרקט. בר־כּוכבא האָט פיל פון זיין צייט און ענערגיע אָפּגעגעבן פאַר דעם דאָזיקן צוועק.

זיין גאַנץ לייב און לעבן האָט ער אַריינגעטאָן אין דער אויסשטאַטונג פון זיינע אַרמייען. טאָג־איין, טאָג־אויס האָט ער געמאַכט איבונגען מיט די אַלף־פריש־צוגעקומענע יונגעלייט, וועלכע האָבן געהאַלטן אין איין צופליסן. ער האָט באַפוילן אויך אַלע שמידערייען, זיי זאָלן אָוועקוואַרפן זייערע אַלע אַנדערע אַרבעטן און נאָר שמידן שווערדן און שפּיזן.

— איך וועל אַוועקשטעלן אַזאַ גרויסע מחנה קעגן יוליוס סעווערוס, אַז פון בלויז אָנקוקן זי, וועט אים דאָס בלוט אין די אָדערן פאַרקילט ווערן! — האָט ער זיך באַרימט פאַר זיינע עלטסטע.

דעריבער, ווען איינמאָל זיינען געקומען צו אים פאָרשטייער פון דער שומרונישער עדה און אים פאַרגעלייגט, אַז זיי ווילן אויך אַריינטרעטן אין די רייען פון זיין אַרמיי און זיי ווילן ענדלעך מאַכן שלום מיט זייערע „ברידער" די בני־ישראל און ווילן אויך צוהעלפן ביים בויען דאָס בית־המקדש, האָט זיי בר־כּוכבא אויפגענומען מיט גרויס צופרידנקייט. וואָרים ער האָט געהאַט בלויז איין ציל פאַר זיך: וואָס גרעסער מאַכן זיין מיליטערישע מחנה.

די שומרונים האָבן כלומרשט געהאַלטן פון די יידישע מנהגים און געדינט צום איינציקן גאָט, אָבער אין דער אמתן זיינען זיי געבליבן און זיינען געווען געצנדינער. זיי האָבן אין הארץ פיינט געהאַט די יידן. זעענדיק אָבער די גרויסע נצחונות, וואָס בר־כּוכבא האָט אָפּגעהאַלטן איבער די רוימישע קרעפטן אונטער פאַולוס מאַרציוס, האָבן זיי מורא געקראָגן און זיך געטראַכט, אַז איצט לוינט זיך זיי צו זיין גוטע פריינט מיט די יידן און זיינען געקומען אונטערהאַנדלען מיט בר־כּוכבאַן.

בר־כוכבא האָט צונויפֿגערופֿן זיין ראָט, מיט רבי עקיבאן בראש און זיי פֿאַרגעלייגט די רייד פֿון די שומרונים.

— מיינע טייערע פֿריינט — האָט ער געזאָגט — אויב דער אויבערש־טער קלייבט אויס אַ מענטש צו טאָן מיט אים גוטס, ווילן אויך די פֿיינט מיט אים שלום מאַכן. אָט זיינען געקומען צו מיר די שומרונים און בעטן, איך זאָל מיט זיי שליסן שלום. זיי וועלן אויפֿהערן מיט זייער שנאה צו אונדז, וואָס ציט זיך שוין הונדערטער יאָרן. איך מיין, מיינע טייערע פֿריינט, אַז דאָס וועט זיין פֿאַר אונדזער טובה וועגן. אי מיר וועלן צוקריגן אַ גרויסע צאָל מענער אין קריג און אי מיר וועלן פּטור ווערן פֿון איבעריקע שונאים.

רבי עקיבא איז נישט איינגעזעסן רואיק, ווען בר־כוכבא האָט גערעדט. ער האָט זיך כּסדר געהאַלטן אין איין באַוועגן און מיטן קאָפּ געדרייט אַלס צייכן פֿון ניט איינשטימיקייט. ער האָט זיך יעדעס מאָל געוואָלט אויפֿהויבן און איבעררייסן אים אינמיטן די רייד. ער האָט זיך איינגעהאַלטן מיט אַלע כּוחות דאָס נישט צו טאָן.

אָבער ווי נאָר בר־כוכבא האָט געענדיקט, איז ער אויפֿגעשפּרונגען ווי אַ שטורעם־ווינט, די ווייסע באָרד איז צעשויבערט געוואָרן און די אויגן האָבן אויפֿגעפֿלאַמט.

— קעניג פֿון ישראל! — האָט ער אויסגערופֿן — דיינע רייד וואונ־דערן מיך ביז גאָר. נישט אַנדערש, נאָר דו מאַכסט אַ שפּאַס מיט אונדז, ווילסט אונדז אויספּרואוון, צי מיר האָבן גענוג צוטרוי אין דיר. אָבער ווי פֿאַלט דיר איין אין דער ערנסטער שעה פֿאַר אונדזער קיום, ווען אונדזער גורל הענגט אויף אַ האָר, צו וועלן שליסן מיט אונדזערע ערגסטע שונאים אַ בונד פֿון פֿריינטשאַפֿט?!

— אָבער, רבי... — האָט בר־כוכבא ווי געוואָלט זיך פֿאַרענטפֿערן.

רבי עקיבא האָט אים אָפּגעהאַקט און ווייטער גערעדט:

— וואָס טויג אונדז זייער נישטיקע הילף, ווען גאָט איז מיט אונדז! פֿאַרוואָס האָבן זיי געוואַרט הונדערטער יאָרן און עס איז זיי גאָר אויפֿן געדאַנק ניט געקומען מיט אונדז שלום צו מאַכן? אויב יאָ שלום מאַכן מיט אונדזערע ערגסטע אינעווייניקסטע שונאים, איז שפּעטער, ווען מיר וועלן האָבן ענדגילטיק באַזיגט די רוימער, נישט איצט. נישט איצט, ווען מיר דאַרפֿן צו יעדן מאַן אונדזערן האָבן דעם גרעסטן צוטרוי. צו זיי האָב איך נישט קיין צוטרוי, זיי וועלן אונדז ביי דער ערשטער געלעגנהייט פֿאַר־ראָטן. זיי זיינען געווען געצנדינער און זיינען געבליבן אין זייער גאַנץ וועזן געצנדינער, מען ענדערט זיך נישט אין איין רגע!

— עס קאָן דאָך אָבער מעגלעך זיין, אַז זיי האָבן חרטה אויף זייערע ביז־איצטיקע מעשים! — האָט בר־כוכבא געפּרואווט זיך פֿאַרענטפֿערן —

ווען מענטשן קומען און שטרעקן אונדז אויס אַ האַנט פֿון פֿרידן, פֿאַרוואָס זאָלן מיר זי אָפּוואַרפֿן, פֿאַרוואָס?

רבי עקיבא איז אָבער געבליבן איינגעשפּאַרט ווי אַ פֿעלזן און האָט דערווידערט:

— איך חזר נאָכאַמאָל איבער: מענטשן ענדערן זיך נישט אין איין רגע. דאָ איז פֿאַראַן עפּעס שלעכטס אין זייער קומען צו אונדז פּלוצלינג מיט פֿאָרשלאָגן וועגן שלום און הילף. מיר וועלן מיט זיי שליסן שלום, ווען מיר וועלן זיי מער נישט דאַרפֿן אַלס מיטהעלפֿער. מיר וועלן מיט זיי שליסן שלום, ווען מיר וועלן שוין זיין שטאַרק און פֿאַר קיינעם מער נישט קיין מורא האָבן. גאָט איז מיט אונדז און דאָס דאַרף פֿאַר דיר זיין גענוג!

— גאָר פֿאַרקערט! — האָט בר־כּוכבא אויסגעשריגן — ווייל מיר זיינען אַרומגערינגלט מיט אויסערלעכע שונאים, דאַרפֿן מיר אונדזערע פֿיינט פֿון אינעווייניק איינצוימען. עס איז מער שכל צו פֿאַרמינערן אונדזערע פֿיינט ווי צו פֿאַרמערן זיי! אָט איז היינט אָנגעקומען אַ ידיעה, אַז יוליוס סעווערוס מאַרשירט שוין קעגן אונדז; ער איז שוין אין מצרים מיט גאָר אַ גרויסער מחנה און מיר דאַרפֿן קעגן אים אַנטקעגנשטעלן כאָטש די זעלבע צאָל קריגער און מיר האָבן דאָס נישט. פֿאַרוואָס זאָלן מיר אָפּשטויסן מענטשן, ווען זיי קומען אונדז פֿאַרלייגן הילף?

עס האָבן זיך אַריינגעמישט אויך אַנדערע יועצים, וועלכע בר־כּוכבא האָט גערופֿן. מען האָט זיך געאַמפּערט אַ גאַנצן טאָג. רבי עקיבא איז געווען אַנטשיידן קעגן, און בר־כּוכבא, וועלכער האָט נאָר געזען אין דער גרויסקייט פֿון זיין אַרמיי די רעטונג, האָט דווקא געוואָלט די שומרונים אַריינציען אין זיין מחנה, און עס איז צו קיין ענדגילטיקן באַשלוס נישט געקומען.

רבי עקיבא איז אַוועק פֿון דער פֿאַרזאַמלונג אַ צאַרנדיקער, וואָס בר־כּוכבא האָט געוואַגט אים זיך אַנטקעגנצושטעלן.

— ער איז יונג און נישט דערפֿאַרן, ער זעט נישט די גרויסע סכּנה, וואָס לויערט מצד די דאָזיקע אייביקע יידישע שונאים, פֿון די שומרונים! — האָט רבי עקיבא געזאָגט צו איינעם פֿון זיינע באַגלייטנדיקע תּלמידים — ער ווייסט גאָרנישט פֿון דעם סוד, אַז נישט אין דער צאָל פֿון דער אַרמיי ליגט די וואָגשאָל פֿון זיג, נאָר אין גייסט פֿון די קריגער. גלייכער ווינציקער מענטשן, אָבער אייניק אין איין געדאַנק דעם שונא צו באַזיגן, ווי אַ סך אין צאָל און מען איז מיט זיי אינגאַנצן נישט זיכער!

רבי עקיבא האָט נישט געקאָנט איינשלאָפֿן פֿון גרויס צער. ער האָט זיך אויפֿגעהויבן פֿון זיין געלעגער און אָנגעהויבן צו שפּרייזן איבערן צימער הין און צוריק, ווי אַ ריזיקער שאָטן. ער האָט זיך קיין אָרט נישט געקאָנט געפֿינען.

ענדלעך האָט ער באַשלאָסן זיך אָנצוטאָן און אַרויסגיין אינדרויסן.

עס איז געווען אַ פּרעכטיקע לבנה־נאַכט. די בערג פון יהודה אַרום דער שטאָט ביתּר זיינען געווען איינגעהילט אין גרינעם שיין, דער הימל איז געווען טונקל־בלוי און קיין איין שטערנדל איז נישט געווען צו זען פון צופיל ליכטיקייט. די לבנה איז אַזוי שטיל און פאַרטראַכט געשוואומען אין הימל, אַרום איז גאָרנישט געווען צו הערן. אַ שטילקייט פון פאַר ששת ימי בראשית האָט געהערשט אינדרויסן. מען האָט נאָר פון צייט צו צייט געהערט די טריט פון די איינזאַמע וועכטער אָפּקלינגען אין דער לופט.

רבי עקיבא איז אַ ווייל געשטאַנען און ווי זיך באַראַטן מיט זיך אַליין. פּלוצלינג האָט ער אָנגענומען מיט אַן ענערגישן באַוועג פון זיין קערפּער אַ וויכטיקן באַשלוס און געלאָזט זיך גיין אין דער ריכטונג, וואו בר־כּוכבא האָט גערוט אין זיין געצעלט.

ווען ער איז צוגעקומען צום געצעלט און געוואָלט אַריינגיין, איז פאַר אים דערשינען דער וועכטער מיט אַן אויסגעשטרעקטער שווערד אין דער האַנט און פאַרשטעלט פאַר אים דעם וועג.

— איך מוז שוין זען דעם קעניג! — האָט רבי עקיבא מיט שטרענג־קייט אין זיין שטים אויסגערופן.

— איצט איז אוממעגלעך. ער שלאָפט! — האָט דער וועכטער געענט־פערט און איז געשטאַנען אין דעם איינגאַנג פון געצעלט און פאַרשטעלט מיט זיך די טיר.

— צי ווייסטו, ווער עס שטייט פאַר דיר? — האָט רבי עקיבא געפרעגט.

— איך ווייס — האָט דער וועכטער געענטפערט מיט גרויס דרך־ארץ.

— דו ביסט דער גרעסטער רבי צווישן דעם יידישן פאָלק, דו ביסט אונ־דזער מנהיג, דער נשיא פון אַלע יידן.

— טאָ לאָז מיך אַריין צום קעניג! — האָט רבי עקיבא אים באַפוילן.

— ניין, איך קאָן נישט! איך קאָן נישט!... — האָט דער וועכטער ביי אים זיך געבעטן.

אָבער אין דער רגע איז אין דער טיר דערשינען בר־כּוכבא. אויך ער איז אַ גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפן. ער האָט איבערגעטראַכט די רייד פון זיין רבין און ראַטגעבער.

— רבי, לערער מיינער! וואָס עפּעס אַזוי שפּעט אין דער נאַכט? מן הסתּם האָסטו זייער וויכטיקס מיר איבערצוגעבן. קום אַריין!

און זיי זיינען ביידע אַריינגעגאַנגען אין געצעלט.

בר־כּוכבא האָט זיך אַנידערגעזעצט אויפן טעפּיך, וואָס איז געווען אויסגעשפּרייט אויף דער ערד. ער איז געווען באַוואָפנט מיט אַ שווערד

און אַ פאַנצער איז געלעגן בײַ זײַן זײַט. ער האָט מיט אַ צייכן פון דער האַנט געבעטן רבי עקיבאַן, ער זאָל זיך אַנידערזעצן לעבן אים.

— ביסטו טאַקע אַנטשלאָסן, רבי מײַנער, אַז איך זאָל די שומרונים נישט אַרײַננעמען אין מײַן אַרמיי? איז דאָס דען אַ געפאַר פאַרן יידישן פאָלק? — האָט בר־כוכבא אָנגעהויבן דער ערשטער.

— יאָ, עס איז אַ געפאַר! — האָט רבי עקיבא כּמעט ווי מיט אַ באַפעל אויסגערופן — מען טאָר די פאַררעטער אין דער יידישער עדה נישט אַרײַנ־נעמען. זיי וועלן אונדז שלעכטס טאָן. מיר האָבן אָן זיי ביז איצט געזיגט מיט דער הילף פון אַלמעכטיקן און מיר וועלן ווײַטער זיגן. מיט דײַן צווייפ־לען פאַרשעמסטו דעם נאָמען פון גאָט!

בר־כוכבא איז אויפגעשפרונגען אַ דערצאָרנטער. ער איז געווען באַ־ליידיקט פון דעם טאָן, מיט וועלכן רבי עקיבא האָט מיט אים גערעדט. רבי עקיבא האָט זיך אויך אויפגעשטעלט און געוואָלט אַרויסגיין פון געצעלט.

—איך וואָרן דיך — האָט ער בײַ דער שוועל, זיך אויסדרייענדיק, אויסגערופן מיט אַן ערנסטן טאָן — אויב דו וועסט דיך נישט פאַרלאָזן, ווי ביז איצט, אויף גאָט, וועלכער האָט דיך פון מיסט אויפגעהויבן און דיך געמאַכט פאַר דעם קעניג פון יידן; אויב דו וועסט נישט גיין אין די וועגן פון דײַן עלטער־זיידן דוד, דעם גרויסן יידישן מלך, וועט דיר נישט באַשערט זײַן צו ברענגען די אויסלייזונג פאַרן יידישן פאָלק.

און רבי עקיבא האָט אויפגעהויבן זײַן האַנט, ווי ער וואָלט אים גע־דראָט. דורכן פענסטער האָט אַרײַנגעשײַנט די ליכט פון דער לבנה און איז געפאַלן אויף זײַן וואָוקסיקער געשטאַלט אין ווײַסן אָנגעטאָן. ער האָט אויסגעזען ווי אַ געטלעכער מלאך.

בר־כוכבאַן האָט אַ שרעק אַרומגענומען. ער איז געשטאַנען אַ ווײַל און זיך אײַנגעקוקט אין דעם מיסטעריעזן געשטאַלט פון רבי עקיבאַן און ער האָט זיך אינגאַנצן געטרייסלט פון מורא.

— צי טו איך דען נישט אַלץ, ווי דו האָסט געהייסן, רבי? בין איך דען נישט אויף דער וואַך פאַר דעם וואוילזײַן פון מײַן פאָלק? כ׳האָב באַוואָפנט אַ גרויסן טייל פון דער יידישער יוגנט, איך אַליין שלאָף נישט גאַנצע נעכט. איך בין גרייט מיט מײַנע וואָפן אין די הענט אויף יעדער רגע, ווען די שלאַכט וועט דאַרפן אויסברעכן.

— עס דרימלט נישט און שלאָפט נישט דער וועכטער פון ישראל! — האָט רבי עקיבא געענטפערט — אויב גאָט וועט נישט אויסבויען זײַן הייליק הויז, איז אומזיסט די מי פון זײַנע מענטשלעכע בויער.

— טאָ וואָס־זשע פאַרלאַנגסטו, רבי? — האָט בר־כּוכבא אַ רעזיג־נירטער געפרעגט.

— איך פאַרלאַנג, אַז מיר זאָלן זיך פאַרלאָזן אויף גאָט, בלויז אין זיין נאָמען קעמפן מיר!

— און מיר זאָלן זיצן מיט פאַרלייגטע הענט? — האָט בר־כּוכבא ווידער אַ בליץ געטאָן מיט זיינע אויגן.

— ניין. מיר דאַרפן בלויז טאָן אונדזער חוב צו אונדזער באַשעפער. קיין שום פערזענלעכס דאַרף דאָ נישט שפילן קיין ראָלע!...

— גרויסער רבי מיינער! — האָט בר־כּוכבא געענטפערט — איך ווייס, אַז איך בין דיר שולדיק אַ סך דאַנק, וואָס דו האָסט געטאָן מיט מיר. ווען נישט דיין אָנערקענונג צו מיר אַלס דער יידישער משיח, וואָלט דאָס פאָלק נאָך מיר נישט נאָכגעגאַנגען. און עס טוט מיר זייער ווי דאָס הארץ, וואָס אונדזערע געדאַנקען זיינען אַנדערש איינע פון די אַנדערע. איך בין פעסט איבערצייגט, אַז אָן דער הילף פון די שומרונים, וועלכע ווילן מיר צושטעלן אַזויפיל מענטשן, וועל איך די מלחמה קעגן די רוימער נישט קאָנען געווינען. זיי זיינען ריזיק באַוואָפנט און האָבן אַ גרויסע צאָל מענטשן. איך האַלט שוין אויף אַ וועג מיט דער פאַרניכטונג פון רוים, ווילסטו איצט, אין דער לעצטער רגע, מיר שטערן! אויב איך וועל די שומרונים נישט אַריינגעמען צו מיר אין דער מלחמה, וועלן זיי אָוועקגיין צו די רוימער און נאָך מער פאַרשטאַרקן זייערע רייען! פאַרוואָס, רבי, ווילסטו דאָס נישט פאַרשטיין?

— גאָט וועט דיר העלפן אויף אָן זיי! — האָט רבי עקיבא געענטפערט

— בעסער ווינציקער מענטשן, אָבער דערפאַר אַלע זיכערע. גאָט וועט שיקן זיין מלאך פאַרויס און מיר וועלן זיגן...

בר־כּוכבא האָט זיך ביטער צעלאַכט.

— איך גלויב נישט אין קיין ניסים! האָסט אַמאָל אַליין געזאָגט: אין סומכין על הנס... בלויז אויף דער שטאַרקייט פון מיין מחנה, בלויז אויף דער בראַווקייט פון מיינע העלדן פאַרלאָז איך מיך. זאָל נאָר גאָט נישט העלפן מיינע שונאים, און איך וועל מיך מיט זיי שוין אַליין אַן עצה געבן!...

ווען רבי עקיבא האָט דערהערט די דאָזיקע רייד, האָט ער צעריסן אויף זיך די קליידער און הויך זיך צעוויינט:

— דו שטאַמסט פון דער שטאָט כּזיב און דו ביסט אַ בן־כּוזיבא (ליגנער־זון. כּוזיבא איז דער טייטש: ליגנט). לויט דיינע איצטיקע רייד זע איך איין, אַז איך האָב געמאַכט אַ טעות מיט דיר, דו ביסט נישט דער מענטש, אויף וועלכן מיר אַלע וואַרטן שוין אַזוי לאַנג.

בר־כוכבא האָט זיך אַביסל פֿאַרגעסן. ער איז געוואָרן אָנגעצונדן מיט גרימצאָרן און אַ כאַפּ אַרויס געטאָן זיין שווערד פֿון דער שייד און איז אויפֿגעשפּרונגען ווי צו וואַרפֿן זיך אויף דעם תנא. ער האָט זיך אָבער באַצייטנס צוריקגעכאַפּט און זיך פֿאַרשעמט פֿאַר זיין טאָט.

— הרגע מיך, הרגע מיך! — האָט רבי עקיבא מיט אַ בייזן שמייכל אויסגערופֿן צו בר־כוכבאן — אַז איך האָב געקאָנט האָבן אַ טעות אין דיר, איז פֿאַר מיר גלייכער צו שטאַרבן. וואָרים איך וויל נישט צוזען די גרויסע מפּלה, וואָס וועט קומען אויף אונדז...

בר־כוכבא האָט זיך צוריקגערוקט אויף אַ פּאָר שריט און אַ ווייל גע־שוויגן. ער האָט אַליין איצט פֿאַרשטאַנען, ווי אומגערעכט ער איז געווען מיט דער דאָזיקער באַוועגונג. ער האָט געקאָנט פֿאַרויסזען, וואָס פֿאַר אַן אויפֿרודער דאָס וואָלט געמאַכט צווישן פֿאָלק, ווען ער הרגעט דעם גרעסטן יידישן געלערנטן.

ער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און נישט געקוקט אַ לאַנגע צייט רבי עקיבאן אין די אויגן אַריין. ענדלעך האָט ער איבערגעריסן די שטיל־קייט און מיט גרויס ביטערניש אויסגערופֿן:

— נו, גיי אַרויס איצט צום פֿאָלק און זאָג אים, אַז דו האָסט אַ טעות געהאַט. בר־כוכבא איז אַ פֿאַלשער משיח. זאָל מיך דאָס פֿאָלק צערייסן אויף שטיקער און זאָלן קומען די רוימער און באַזיגן אונדז און אויסהרגענען מענער, פֿרויען און קליינע קינדער. זאָלן זיי צוריק חרוב מאַכן דאָס, וואָס איך האָב שוין אויפֿגעבויט!

— ווינד און ווי איז צו מיר! — האָט רבי עקיבא געקלאָגט — עס איז נישטאָ קיין שום אויסוועג איצט פֿאַר מיר. איך קאָן שוין מיט דיר צוזאַמען נישט גיין, נאָכדעם ווי דו האָסט אַזעלכע שרעקלעכע ווערטער קעגן גאָט אויסגערופֿן! איך וועל דיר איצטער גאָרנישט מער שטערן, טו וואָס דו ווילסט און ווי דו פֿאַרשטייסט. פֿון מיר קיין מאָראַלישע הילף האָסטו אָבער מער נישט צו דערוואַרטן. איך וועל דעם פֿאָלק גאָרנישט זאָגן פֿון דעם פֿאַרגעקומענעם שטרייט צווישן אונדז, זאָלן זיי דיר נאָכ־גיין און קעמפֿן קעגן שונא. איך אָבער וועל פֿאַרלאָזן די שטאָט און וועל מיך אומקערן קיין אושה, וואו איך וועל ווייטער טאָן מיין פֿליכט, צו לערנען מיט תּלמידים גאָטס תּורה. זאָל גאָט שיקן זיין ברכה אויף דיר און אויף מיין פֿאָלק, אָבער איך וויל מער נישט אָנטיילנעמען אין אַ קאַמף, וואָס פֿירט זיך נישט אין גאָטס נאָמען!

ביי די ווערטער האָט ער פֿאַרלאָזט דאָס געצעלט פֿון בר־כוכבאן און איז אַוועק צו זיך אַהיים.

⁂

צומאָרגנס, באַלד אינדערפֿרי, האָט רבי עקיבא פֿאַרלאָזט, אין דער באַגלייטונג פֿון זיין תּלמיד, די שטאָט ביתר און איז אויף אַן אייזל אָוועקגעריטן קיין אושה, אין גליל.

אויפֿן וועג, רייטנדיק קיין אושה, האָט רבי עקיבא אָנגעטראָפֿן אויף אַ יונגנמאַן, וועלכן ער האָט אויפֿן ערשטן בליק נישט דערקענט. אָבער, ווען דער יונגערמאַן האָט אויסגערופֿן:

— רבי, צי דערקענסטו נישט אין מיר דעם תּלמיד, וועלכער האָט געוואָלט צו דיר אָנקומען לערנען אין יבנה, נאָר רבי אליעזר בן הורקנוס האָט נישט דערלאָזן, אַז איך זאָל ווערן אַ תּלמיד פֿון בית־המדרש.

רבי עקיבא האָט זיך טאַקע דערמאָנט, אַז אַזאַ יונגערמאַן איז אַמאָל געקומען צו אים לערנען און רבי אליעזר איז געווען קעגן אים. דער יונגערמאַן איז דעמאָלט אָוועק מיט גרויס עגמת־נפֿש. רבי עקיבאן האָט דאָס האַרץ ווי געטאָן, וואָרים רבי אליעזר האָט אַ סך אַזעלכע יונגעלייט, וועלכע זיינען אים אויסערלעך נישט געפֿעלן געוואָרן, פֿאַרטריבן. האָט ער דען נישט יאָרן־לאַנג נישט געוואָלט אָנערקענען אים אַליין, רבי עקיבאן!

— ווילסטו טאַקע באמת אַזוי שטאַרק לערנען? — האָט רבי עקיבא מיט מיטגעפֿיל צו אים אויסגערופֿן — דו ווייסט דאָך, ווי שווער דאָס איז און מיר ווייסן נאָך בכלל נישט, ווער עס וועט הערשן אין לאַנד פֿון יהודה, צי מען וועט גאָר קאָנען פֿריי לערנען!...

— איך נעם מיך אונטער אויף דעם שווערסטן, אַבי פֿון דיין מויל תּורה צו לערנען!

— טאָ קום מיר מיר! — האָט רבי עקיבא צו אים אויסגערופֿן.

און דער יונגערמאַן, וועמענס נאָמען עס איז געווען שמעון בן יוחאי, איז מיטגעגאַנגען און געוואָרן דער תּלמיד פֿון רבי עקיבאן.

⁂

בר־כּוכבא האָט זיינס אויסגעפֿירט. ער האָט געשלאָסן פֿרידן מיט די שומרונים און זייער אָנפֿירער האָט אַ צופֿרידענער פֿון דעם דאָזיקן אָפּמאַך אויסגערופֿן מיט גרויס פֿרייד:

— מיין פֿאָלק איז דיין פֿאָלק און מיינע קריגסלייט זיינען דיינע. מיר וועלן צוזאַמען אַרויסגיין אין מלחמה קעגן געמיינזאַמען פֿיינט און מיר וועלן אים טויט־שלאָגן!

בר־כּוכבא איז געווען גליקלעך און ער האָט אים געענטפֿערט מיט די־זעלביקע פֿריינטלעכע רייד:

— קיין שום אומרעכט צו דיין פֿאָלק וועל איך נישט לאָזן טאָן! די שנאה, וואָס עס האָט געהערשט צווישן אונדז אַזויפֿיל הונדערטער יאָרן, וועט אָפּגעמעקט און פֿאַרגעסן ווערן. לאָמיר זיך ליב האָבן מיט אַן אייביקער ליבע און זאָל הערשן שלום צווישן אונדז, לעולם ועד!

כּדי דעם גייסט פֿון די קריגער צו הויבן, האָט בר־כּוכבא עפֿנטלעך אַרויסגעוויזן פֿריינטשאַפֿט צו דעם הויפּט־פֿירער פֿון די שומרונים, געבנדיק זיך די הענט און פֿאַר אַלעמען אין די אויגן געשוווירן אייביקן שלום און זיי האָבן זיך ביידע צעקושט.

דאָס פֿאָלק האָט געיובלט און געטאַנצט אין די גאַסן. דאָס חייל האָט זיך געריסן ממש אין דער שלאַכט.

דער אַלטער רבי עקיבא האָט געהאַלטן וואָרט, ער האָט קיינעם גאָרנישט דערציילט. אין האַרץ האָט ער בר־כּוכבאן געוואונטשן, ער זאָל אָפּהאַלטן אַ זיג איבער די רוימער, אָבער ער איז געווען איבערצייגט, אַז פֿון זיין שלום מיט די שומרונים, די פֿאַרביטערטסטע שונאים פֿון די יידן, וועט קיין גוטס נישט אַרויסקומען.

אין איין שיינעם פֿרימאָרגן האָט זיך פֿונאַנדערגעטראָגן די שרעקלעכע ידיעה, אַז דער רוימישער קריגספֿירער, יוליוס סעווערוס, האָט זיך שוין אַריינגעריסן אין לאַנד פֿון יהודה און ער גייט פֿאָרויס אומגעשטערט, ברענט שטעט און דערפֿער, הרגעט אויס די יידישע באַפֿעלקערונג, צעטראָטעוועט די פֿעלדער און גערטנער און פֿאַרוויסט דאָס לאַנד, פּונקט ווי עס האָבן עס פֿאַרוויסט זיינע פֿאָרגעגנער, אַספּסינוס און טיטוס.

די דאָזיקע בייזע בשורה האָט אָנגעיאָגט אַ שרעק אויף דער באַפֿעלקערונג פֿון ירושלים און ביתר. בר־כּוכבא האָט געגעבן אַ באַפֿעל דערווייל אָפּצושטעלן דאָס בויען פֿון בית־המקדש. ער האָט אַלע כּהנים און לוויים פֿאַראָרדנט אַריינצוטרעטן אין זיין אַרמיי. אויך פֿיל פֿון די חכמים אין די בתּי־מדרשים האָבן פֿאַרלאָזט דאָס לערנען און זיך אָנגעשלאָסן אין די קעמפֿנדיקע מחנות.

דער פֿאַרלאַנג פֿון בר־כּוכבאן איז דערפֿילט געוואָרן: ער האָט געהאַט איצט אַ גרויסע מחנה מיט וואָס זיך אַנטקעגנצושטעלן יוליוס סעווערוסן, אָבער עס האָט געפֿעלט דער קריגערישער גייסט, וואָס רבי עקיבא האָט אַריינגעבלאָזן מיט זיין אָנוועזנהייט און מיט זיינע רייד.

בר־כּוכבא האָט פֿאַרלאָזט ירושלים אָן דער שפּיץ פֿון אַ גרויסער אַרמיי, וואָס איז פֿאַראייניקט געווען מיט אַן אַרמיי פֿון די שומרונים און זיי זיינען אַנטקעגנגעגאַנגען דעם רוימישן קריגספֿירער מיט דער האָפֿענונג אים צו צעקלאַפּן, נאָך איידער ער וועט באַוויזן זיך צו דערנעענטערן קיין ירושלים און ביתר.

מיטאַמאָל איז אָנגעקומען אַ שליח און געבראַכט אַ בייזע בשורה:

— דער שונא האָט זיך ביינאַכט אַריינגעריסן קיין עזה און אויסגע־שאַכטן אַלע אירע איינוואוינער און נישט איבערגעלאָזט קיין איין לעבע־דיק נפש!

עס האָט נישט באַוויזן דער ערשטער שליח צו פאַרענדיקן זיינע רייד, ווי אַ צווייטער־שליח איז אָנגעקומען מיט אַ נייער, נאָך ערגערער בשורה:

— דער שונא איז אומברחמנותדיק, ער ברענט און מאַכט חרוב שטעט ווי אַ וואולקאַן־אויסברוך, און הרגעט קליינע קינדערלעך, זקנים און פרויען!

אַלע האָבן פאַר גרויס טרויער די קליידער צעריסן און האָבן אויס־געבראַכן אין אַ גרויס געוויין.

צו די אַלע בשורות האָבן אָנגעהויבן אָנצוקומען גרויסע מאַסן פון פליטים, וועלכע זיינען אַנטלאָפן פון די ערטער, וואוהין דער שונא האָט זיך דערנעענטערט. זיי האָבן דערציילט געשיכטעס: „דער שונא גייט מיט אומגעהויערע מחנות, ווי אַ הייזעריק באַדעקט ער אַלע פעלדער און גערטנער. דאָס זיינען ווילדע באַרבאַרן, קיין פונק פון רחמנות איז אין זייערע הערצער נישטאָ".

דער שומרונישער קריגספירער האָט זיך געווענדט צו בר־כוכבאַן מיט פאָלגנדיקער עצה:

— לויט די אַלע ידיעות, וואָס מיר האָבן ביז איצט באַקומען, זעט־אויס, אַז עס וועט פאַר אונדז נישט מעגלעך זיין צו קעמפן קעגן שונא און אָפענעם פעלד. ער וועט אונדז פאַרניכטן. מיר מוזן זיך דעריבער צוריקציען אין אונדזער באַפעסטיקטער שטאָט ביתר, פון דאָרט וועלן מיר קאָנען דעם רוימישן חיל דערלאַנגען גרויסע קלעפ און אים אויסמאַטערן. פון טאָג־צו־טאָג וועלן זיינע כוחות ווערן אַלץ מער אָפגעשוואַכט. ווען מיר וועלן זען, אַז עס האַלט שוין ביי זיינע לעצטע לעגיאָנען, וועלן מיר ערשט דעמאָלט אַרויסטרעטן פון אונדזער פעסטונג און דערלאַנגען דעם לעצטן טויט־קלאַפ דעם שרעקלעכן שונא!

— דיינע רייד געפעלן מיר — האָט בר־כוכבא אויסגערופן צו זיין נייעם שומרונישן שותף — מיר דאַרפן זיך טאַקע איינשליסן אין דער פעסטונג־שטאָט ביתר.

ווען ירושלים איז געוואָרן פאַרלאָזט דורך דעם יידישן חיל, זיינען די רוימער דאָרט אַריין און האָבן איינגעאָרדנט אַ שרעקלעכע שחיטה איבער די דאָרטיקע איינוואוינער, וועלכע האָבן זיך באַצייטנס נישט באַ־וויזן צו ראַטעווען קיין ביתר. מיט גרויס רציחה האָבן זיך די רוימער

געוואָרפֿן אויף די אָנגעהויבענע מויערן פֿון בית־המקדש און זיי צעשטערט ביזן גרונט.

ווי אַ לאַווע האָבן זיך דעם פֿיינטס חיילות פֿונאַנדערגעגאָסן איבערן גאַנצן לאַנד, איינגענעמענדיק צוריק אַלע שטעט, וואָס בר־כוכבא האָט שוין געהאַט ווידער אויפֿגעבויט. די מענטשן זיינען אַנטלאָפֿן און האָבן זיך באַהאַלטן אין די פֿעלזן־שפּאַלטן, צווישן די בערג. ווועמען עס איז געלונגען אַריינצובאַקומען זיך אין ביתר, איז שוין געווען אַ גליקלעכער. וואָרים אין דער דאָזיקער באַפֿעסטיקטער שטאָט האָט בר־כוכבא באַוויזן אָנצוהאַלטן פֿיל שפּייז און טרינק־וואַסער.

די מענטשן אין דער באַפֿעסטיקטער שטאָט זיינען געווען אין בעסטן מוט, פֿאַרזיכערנדיק זיך אויף זייערע מיליטערישע אָנפֿירער, אַז זיי וועלן די מלחמה פֿירן מיט זייער גאַנצער קראַפֿט.

בר־כוכבא האָט גאַנצע טעג און נעכט געאַרבעט איבער די באַפֿעסטיקונגען פֿון ביתר. מען האָט געשאָטן הויכע שאַנצן אַרום דער שטאָט, אויפֿגעשטעלט נייע שטאַרקע מויערן, וואָס זיינען געווען גאָר הויך.

און איינמאָל, אַ פֿאַרטאָג, ווען די וועכטער איבער דער פֿעסטונג־מויער אין ביתר האָבן געשפּאַצירט פֿון אויבן אַכטונג צו טאָן, צי דער שונא דערנעענטערט זיך נישט, זיינען זיי פּלוצים אויפֿגעציטערט געוואָרן פֿון דעם שרעקלעכן גערויש און געטומל, וואָס האָט זיך דערטראָגן צו זייערע אויערן. עס האָט קוים אָנגעהויבן צו בלויען, אָבער ווען עס איז עטוואָס ליכטיקער געוואָרן, האָבן זיי דערזען אויף ווי ווייט דאָס אויג האָט נאָר געקאָנט גרייכן, רוימישע חיילות ווי דאָס זאַמד ביים ים.

באַלד האָבן זיי אָנגעהויבן צו קלאַפּן אין זייערע פּייקלעך און בלאָזן אין די שופֿרות און אַלע האָבן זיך אויפֿגעכאַפּט פֿון זייער שלאָף.

בר־כוכבא איז אַרויס דער ערשטער אויף דער מויער, און ווען ער האָט דערזען דאָס דאָזיקע בילד, איז ער אויפֿן ערשטן מאָמענט געוואָרן בלאַס.

די רוימער האָבן נישט געוואַרט קיין איבעריקע רגע און זיי האָבן באַלד אָנגעהויבן שטורעמען די פֿעסטונג.

פֿאַרשטייט זיך, אַז דער שונא האָט געליטן זייער גרויסע פֿאַרלוסטן, וואָרים דערנעענטערן זיך צו דער מויער איז געווען העכסט געפֿערלעך. גרופּעס פֿון פֿיילן־שיסער זיינען געשטאַנען אויבן און אַראָפּגעשאָסן מיט גאַנצע חמרים פֿון פֿיילן. די רוימער האָבן געפּרוּווט צושטעלן לייטערס, כּדי אַרויפֿצודראַפּען זיך אויף די הויכע פֿעסטונג־מויערן, אָבער קיין איינער איז פֿון זיי לעבעדיק מער נישט צוריק אַראָפּגעגאַנגען.

מיט יובל האָבן די יידן יעדעס מאָל באַגעגנט דעם אָנגרייפנדיקן שונא און באַשאָטן אים מיט שפּיציקע פּיילן. דער מוט ביי די יידישע קעמפער האָט זיך געשטאַרקט.

פון צייט־צו־צייט האָבן זיך אויך די יידן אַרויסגעכאַפּט אין פינסטערע נעכט פון דער פעסטונג און אָנגעמאַכט חורבנות צווישן די רוימער. זיי האָבן געשלאָגן אויף רעכטס און אויף לינקס.

ניט איינמאָל האָט זיך אויסגעוויזן, אַז די רוימער וועלן ענדלעך מיד ווערן און וועלן אָפּטאָן זייער באַלאַגערונג פון דער שטאָט. בפרט, אַז זיי זיינען אויך אָפּט באַפאַלן געוואָרן פון די יידישע איינוואוינער, וואָס האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין די שפּאַלטן פון די בערג. יוליוס סעווערוס האָט געליטן גאָר גרויסע פאַרלוסטן און ער האָט וועגן דעם באַריכטעט צום קייסער אַדרינוס. ער האָט געהאָפט, אַז דער קייסער וועט אים הייסן זיך צוריקציען, וואָרים עס איז אים שוין געהאַט פאַרמיאוסט געוואָרן דער דאָזיקער לאַנגוויילקער קאַמף, בעת וועלכן אַזויפיל רוימער זיינען אומגעקומען.

דער קייסער אַדרינוס האָט אָבער אָנשטאָט צו הייסן אים צוריקציען, אים צוגעשיקט נאָך מער פאַרשטאַרקונג און געהייסן די באַלאַגערונג אָנהאַלטן ביז אַן ענדגילטיקן זיג.

אַזוי האָט די באַלאַגערונג פון ביתר אָנגעהאַלטן אַרום צוויי יאָר. די רוימער האָבן געליטן שרעקלעכע פאַרלוסטן, אָבער אַדרינוס־קייסער האָט געהאַלטן כסדר אין איין צושיקן נייע קרעפטן. ער האָט נישט געזשאַלעוועט קיין מענטשן־מאַטעריאַל, אַבי נאָר צו צעברעכן דעם יידישן ווידערשטאַנד.

אָבער דער מוט ביי די יידישע קעמפער אין ביתר איז נישט געבראָכן געוואָרן. פאַרהעלטנישמעסיק האָבן די יידן געליטן אַ סך ווינציקער פאַרלוסטן פון די רוימער. וואָרים סוף־כל־סוף זיינען זיי דאָך געווען באַשיצט הינטער די מויערן פון דער פעסטונג.

דאָס געדולד האָבן בלויז אָנגעוואוירן די שומרונים. שטילערהייט האָבן זיי אָנגעהויבן צווישן זיך אונטערצומורמלען, אַז ווי לאַנג איז דער שיעור אַזוי צו זיצן איינגעשלאָסן אין דער פעסטונג. מען גיט שוין קלענערע פּאַרציעס ברויט און אויך דאָס וואַסער האָט מען אָנגעהויבן איינצושרענקען. גראָד איז אין דעם יאָר ווייניק רעגנס געפאַלן און מ'האָט נישט באַוויזן אַזויפיל וואַסער אָנצוזאַמלען, אין וויפיל די באַלאַגערטע האָבן זיך גענויטיקט.

די שומרונים האָבן אָנגעהויבן אָפּהאַלטן צווישן זיך געהיימע פאַרזאַמלונגען אין דעם הויז פון זייערס אַ פריינט, אַן איינוואוינער פון ביתר.

— ווי לאַנג וועלן מיר דאָס אַזוי ליידן פֿון דער באַלאַגערונג ? — האָט איינער פֿון די עלטסטע געפֿרעגט ביים שומרונישן קריגספֿירער — כּל־זמן מיר האָבן געגלויבט, אַז בר־כּוכבא וועט אָפּהאַלטן אַ שנעלן נצחון, האָט זיך דער קאַמף פֿאַר אונדז געלוינט. אָבער אויב דער קאַמף פֿאַרציט זיך שוין אַזוי צוויי יאָר און דער הונגער וואַקסט, וואָלט אפֿשר געווען אַ פּלאַן צו פֿאַרשטענדיקן זיך מיט די רוימער און מיר זאָלן אַרויס פֿון דעם אומ־גויטיקן קאַמף ?

— איך בין שוין לאַנג גרייט דאָס צו טאָן, אָבער איך זע נישט ווי אַזוי מיר זאָלן קאָנען צוקומען צו די רוימער. די יידן האָבן פֿון שטענדיק אַן אַ חשד קעגן אונדז און זיי האַלטן אונדז אויפֿן אויג. זייער גרויסער תּנא, רבי עקיבא, האָט בר־כּוכבאן געוואָרנט קעגן שליסן מיט אונדז שלום. איך בין עס געוואָר געוואָרן טאַקע פֿון בר־כּוכבאן אַליין, בשעת ער איז געווען אַביסל בגילופֿינדיק.

— איך האָב אַן עצה ! — האָט זיך זייער פֿריינט, דער שומרוני פֿון ביתר, ביי וועלכן זיי האָבן געוואוינט, אָנגערופֿן — איך קען די שטאָט ווי מיינע צען פֿינגער. ווען די שטאָט ביתר איז געבויט געוואָרן — און גע־בויט האָבן זי די יידן נאָך פֿאַר דער פֿאַרוויסטונג פֿון ירושלים — האָבן זיי אונטער דער ערד געצויגן קאַנאַלן, וואָס פֿירן אַרויס ביז הינטער דער שטאָט. דורך דעם דאָזיקן קאַנאַל וואָלט איינער פֿון אונדזערע לייט געקאָנט אַרויסגיין צום רוימישן קריגספֿירער יוליוס סעווערוס און אָנהויבן אונטער־האַנדלען וועגן אַ באַזונדערן שלום.

— דער פּלאַן איז אַן אויסגעצייכנטער ! — האָט דער שומרונישער קריגספֿירער אויסגערופֿן מיט פֿרייד — און מיר וועלן אים טאַקע נאָך היינט אויספֿירן. איך האָב געכטן געפֿרואווט רעדן וועגן שליסן שלום מיט די רוימער מיט בר־כּוכבאן זעלבסט. עס האָט מיר דערין צוגעהאָלפֿן זיין אייגענער פֿעטער, רבי אליעזר המודעי. אָבער בר־כּוכבא האָט מיט כּעס אָפּגעוואָרפֿן דעם דאָזיקן פֿאָרשלאָג. „איר, תּלמידי חכמים, זענט שטענדיק נאָר פֿאַר שלום מיטן שונא. אַזוי האָט געטאָן אין זיין צייט רבי יוחנן בן זכּאי און אַזוי ווילסטו אויך טאָן...״ — האָט ער אויסגערופֿן צו זיין פֿעטער.

— האָסטו גאָרנישט געדאַרפֿט אַפֿילו רעדן מיט דעם דאָזיקן יידישן בעל־גאווהניק ! — האָט איינער פֿון די עלטסטע, וואָס האָבן אָנטייל־גענומען אין דער באַראַטונג, אויסגערופֿן — עס חלומט זיך אים די יידישע קרוין פֿון דוד המלך !

נאָך לאַנגע באַראַטונגען איז ביי די שומרונים באַשלאָסן געוואָרן אָוועקצוטראָגן אַ בריוו פֿון דעם שומרונישן קריגספֿירער צו יוליוס סע־

ווערוסן, אים פֿאַרלייגן שלום און איבערגעבן דעם געהיימען אַריינגאַנג אין דער שטאָט.

— אין דעם פֿאַל וועלן מיר געשוינט ווערן! — האָט דער עלטסטער אויסגעדריקט זיין צופֿרידנקייט מיט דעם באַשלוס — די רוימער וועלן אונדז פֿאַרגעבן, וואָס מיר האָבן מורד געווען אין דעם רוימישן מלכות.

*

אין דער זעלבער צייט, וואָס ביי די שומרונים איז אויפֿגעגאַנגען דער געדאַנק צו פֿאַרראַטן זייערע פֿאַרבינדעטע, די יידן, האָט גראָד יוליוס סעווערוס אָפּגעהאַלטן אַ באַראַטונג מיט זיינע קריגספֿירער וועגן דער לאַגע אַרום דער באַלאַגערטער שטאָט ביתר.

— מיין מיינונג איז, אַז די מלחמה קאָן זיך אַזוי פֿאַרציען יאָרן און יאָרן. די יידן זיינען שטאַרק און פֿאַרעקשנט. זייער קריגספֿירער, בר־כוכבא, איז אַ גרויסער העלד און ער וועט זיך צו אונדז נישט אונטערגעבן... — האָט סעווערוס אָנגעהויבן צו רעדן אויף דער דאָזיקער פֿאַרזאַמלונג — מיר וועלן בלויז פֿאַרלירן מער מענטשן און דאָס איז אַלץ, וואָס מיר קאָנען דערוואַרטן פֿון ווייטערדיקן אומזיסטן קעמפֿן.

עס איז כּמעט קיינער פֿון די פֿאַרזאַמלטע נישט געווען דאַקעגן. זיי האָבן באַלד אויפֿן אָרט אָנגעשריבן אַ בריוו צום קייסער אַדרינוס קיין רוים און מיט אַ ספּעציעלן שליח אַוועקגעשיקט.

אַדרינוס האָט דאָס מאָל נישט געענטפֿערט מיט קיין בריוו, נאָר ער איז אַליין געקומען אויפֿן אָרט, כּדי זיך איבערצוצייגן, צי זיינען ריכטיק די רייד פֿון זיין גרויסן קריגספֿירער יוליוס סעווערוס.

אויפֿן אָרט האָט זיך אויך דער קייסער אַליין איבערצייגט, אַז די אַרבעט איז אַן אַרויסגעוואָרפֿענע. די שטאָט איז אַזוי שטאַרק באַפֿעסטיקט, אַז עס איז גאָר נישטאָ אַזאַ אַרמיי, וואָס זאָל זי קאָנען באַזיגן.

און אַדרינוס־קייסער האָט געגעבן ענדלעך זיין הסכּמה, אַז מען זאָל זיך ביינאַכט שטילערהייט צוריקציען פֿון דער פֿעסטונג און פֿאַרלאָזן דאָס לאַנד פֿון יהודה. „זאָלן כאָטש די יידן נישט קאָנען שפּאָטן פֿון אונדז!״ — האָט ער אויסגערופֿן.

סעווערוס האָט שוין געהאַט אַרויסגעגעבן די נויטיקע באַפֿעלן צו זיינע צענטוריאָנס, אַז זיי זאָלן זיך צוגרייטן צו דעם צוריקטריט. אָבער אין דעם מאָמענט האָט מען אים אָנגעמאָלדן, אַז אַ שליח איז געקומען פֿון דער פֿעסטונג ביתר.

אַלע רוימישע קריגספירער זיינען געווען שטאַרק פאַרוואונדערט.

— וואָס זאָל דאָס באַדייטן? — האָט אַדריינוס־קייסער געפרעגט ביי סעווערוסן.

— אפשר זיינען זיי געוואָר געוואָרן פון אונדזער באַשלוס אפּצוציען פון דאַנען און זיי האָבן געשיקט זייערס אַ שליח דערין זיך איבערצוצייגן.

— אויב עס איז אַזוי ווי דיינע רייד, וועלן מיר דעם שליח אויפן אָרט טויטן פאַר דער דאָזיקער חוצפּה! — האָט אַדרינוס מיט כעס אויס־געשריגן.

— שיק אים אַריין צום יידישן שליח! — האָט יוליוס סעווערוס באַ־פוילן צו זיין דינער — לאָמיר נאָר הערן, וואָס זיין פאַרלאַנג איז.

אויף דער שוועל פון דעם קריגספירערס געצעלט האָט זיך באַוויזן דער שליח פון שומרונישן קריגספירער. ער האָט זיך טיף פאַרנויגט פאַרן קייסער און פאַר יוליוס סעווערוסן, און גאָרנישט רעדנדיק, האָט ער זיי איבערגעגעבן דעם בריוו, וואָס עס האָט מיט אים מיטגעשיקט דער עלט־סטער זיינער.

לייענענדיק דעם בריוו, איז דער קייסער אַדרינוס געבליבן זיצן ממש דערשטוינט און דאָס פּנים האָט זיך אים צעשטראַלט. ער האָט דעם בריוו איבערגעגעבן צו זיין קריגספירער סעווערוס.

ווען סעווערוס האָט געענדיקט לייענען, האָט ער צוגערופן דעם שליח און אים אָנגעהויבן אויספרעגן וועגן מער איינצלהייטן, וואָרים ער האָט זיך דאָס גאָרנישט געקאָנט צוגלויבן.

דער שליח האָט אים איבערגעגעבן וועגן דעם אייביקן האַס, וואָס עס הערשט צווישן די שומרונים און יידן, אַז זיי — די שומרונים — גלויבן אין די זעלבע געטער וואָס די רוימער, נאָר די יידן צווינגען זיי צו דינען צו זייער אומגעזעענעם גאָט, און אַז אויס מורא פאַר די יידן, האָבן די שומרונים כלומרשט געשלאָסן שלום מיט זיי. אין דער אמתן אָבער זיינען זיי שטענדיק די בעסטע פריינט פון די רוימער.

אַלס סימן, אַז ער זאָגט דעם אמת, וועט ער זיי וויזן דעם געהיימען אַריינגאַנג אין דער פעסטונג און זיי וועלן די יידן באַזיגן.

— אַלס באַלוינונג פאַרלאַנגען מיר בלויז, אַז די רוימער זאָלן שוינען אונדזערע לעבנס און נישט צונעמען אונדזערע פאַרמעגנס — האָט דער שליח געזאָגט.

— נישט נאָר וועלן מיר ביי אייך גאָרנישט צונעמען, נאָר מיר וועלן אייך נאָך צוגעבן אַ טייל פון דעם האָב־און־גוטס פון די יידן — האָט אַדרינוס־קייסער אויסגערופן.

מיט אַ דער דאָזיקער תשובה איז דער שליח צוריקגעקומען קיין ביתר און געגאַנגען אויפזוכן דעם שומרונישן קריגספירער.

נישט אַזוי לייכט האָט ער אים געפונען. פריער איז ער געגאַנגען צו אים אין הויז, וואו ער האָט געוואוינט ביי זייער שומרונישן פריינט. נישט געפינענדיק אים דאָרט, האָט ער זיך געלאָזט גיין אין דער שול, וואו דער שומרונישער הויפט־פירער פלעגט אָפט זיצן און מתפלל זיין. דערמיט האָט ער געוואָלט אויפווייזן ווי פרום ער איז און ווי ער האַלט פון דער יידישער אמונה.

ווען דער שליח איז אַריינגעקומען אין דער שול, האָט ער דאָרט מער קיינעם נישט באַגעגנט, ווי בלויז דעם אַלטן רבי אליעזר המודעי, וועלכער איז געשטאַנען איינגעהילט אין זיין טלית און פרום תפילה געטאָן, אַז דער אויבערשטער זאָל באַשירעמען זיין פאָלק פון די הענט פון זיינע שונאים.

אַ קרומער שמייכל האָט זיך אויסגעלייגט איבער די ליפן פון דעם פאַררעטערישן שומרוני, און ער האָט זיך דערנעענטערט צו רבי אליעזרן און מיט שפּאָט אים אין אויער איינגערוימט:

— דו אַלטער נאַר, וואָס שטייסטו און ביסט מתפלל, אַז די געפאַר איז אַזוי גרויס. באַלד וועלן די רוימער אַריין אין שטאָט און אַלעמען אויס־הרגענען.

רבי אליעזר האָט אפילו נישט געהערט, וואָס ער רעדט צו אים, אַזוי פאַרטאָן איז ער געווען אין זיינע תפילות. אין דעם מאָמענט איז אַריינגע־קומען דער שמש פון שול, און עס האָט אים אויסגעזען, ווי דער שומרוני סודעט זיך עפּעס מיט דעם אַלטן רבי אליעזר. אָבער ער האָט דערויף קיין אַכט נישט געלייגט. וואָס שטעקט דען דערין פאַר אַ שלעכטס, וואָס דער שומרוני זאָגט דעם אַלטן רבין?...

דערווייל איז דער פאַררעטער אַרויס פון שול און ווייטער געגאַנגען זוכן זיין האַר, דעם קריגספירער פון דער שומרונישער אַרמיי.

ענדלעך האָט ער אים געפונען אויף דער גאַס אויפן וועג צו זיך אַהיים.

— ביסט שוין צוריקגעקומען, עמינדב? — האָט דער קריגספירער מיט פרייד אים געפרעגט.

— גנעדיקער האַר — האָט עמינדב געענטפערט — און איך האָב באַוויזן פיל אויפצוטאָן.

— דערצייל, מיין פריינט, האָט דער קריגספירער מיט אומגעדולד אויסגערופן — וואָס האָט מען דיר דאָרט געזאָגט?

— ערשטנס, מוז איך דיר איבערגעבן, מיין האַר, אַז דער קייסער אַדרינוס איז די טעג אָנגעקומען צום שלאַכטפעלד און געפינט זיך צוזאַמען מיט זיין קריגספירער יוליוס סעווערוס. זיי האָבן זיך דערפרייט מיט דיין

פֿאַרשלאָג און זיי האָבן צוגעזאָגט אונדז אָוועקצוגעבן אַ טייל פֿון דעם רויב, וואָס זיי וועלן צונעמען ביי די יידן.

— ווען וועלן זיי אַריינקומען אין דער שטאָט ? — האָט ווייטער דער שומרונישער קריגספֿירער אויסגעפֿרעגט זיין שליח — און ווי אַזוי וועט ער אונדז דערקענען, כּדי צו שוינען דאָס לעבן פֿון אונדזערע ברידער, די שומרונים ?

— ער האָט געהייסן אונדז אַלעמען אָנטאָן ווייסע בענדער אויף די אָרעמס און אַזוי אַרום וועלן מיר אויסמיידן דעם טויט. אַחוץ דעם וועלן מיר באַקומען פֿיל פּריווילעגיעס, און דו אַליין וועסט דערהויבן ווערן צו אַ העכערן אַמט, מיין האַר ! — האָט דער שומרוני געענדיקט זיין באַריכט.

— האָסט מיך באמת דערפֿרייט מיט דיינע נייעס, עמינדב — האָט דער קריגספֿירער געזאָגט — נאַ דיר, אַלס צייכן פֿון מיין אָנערקענונג, אָט דעם בייטל מיט גאָלד, און אַחוץ דעם וועל איך דיר עס ביי יעדער געלעגנהייט געדענקען. . .

עמינדב האָט באַדאַנקט זיין עלטסטן, געקושט אים די האַנט און זיך אָוועקגעלאָזט אין אַ ווינקעלער אויסצוטרינקען לכּבוד זיין דורכגעפֿירטער שליחות. אין דעם ווינקעלער האָט ער געטראָפֿן פֿיל יידישע און שומרוני־שע סאָלדאַטן, וועלכע האָבן זיך געלאָזט וואוילגיין צוליב דער נייעסטער בשורה, וואָס איין סאָלדאַט האָט דאָ דערציילט. ער איז געווען אויף אויס־שפּיר אין דער מחנה פֿון די רוימער לעצטע נאַכט און ער האָט באַמערקט אַ געוואַלטיקע צוגרייטונג צום אַנטלויפֿן.

— די רוימער זיינען שוין מיד און זיי נעמען אַראָפּ די באַלאַגערונג פֿון ביתר — האָט דער סאָלדאַט דערציילט.

— טאָ לאָמיר אויסטרינקען לכּבוד דער דאָזיקער בשורה נאָך אַ כּוס !

— האָט אַ צווייטער קריגער אויסגערופֿן מיט פֿרייד, שוין אַליין זייענדיק גוט בגילופֿין.

עמינדב, דער שומרונישער פֿאַררעטער, האָט זיך צוגעהערט צו די דאָזיקע רייד און אין זיך אַריינגעלאַכט, טרינקענדיק דערביי לכּבוד זיין בייטל מיט גאָלד, וואָס ער האָט פֿון זיין עלטסטן באַקומען.

ווען ער איז שוין געווען געבנוג שיכּור, האָט זיך זיין צונג פֿונאַנדער־געבונדן און מיט חוזק אָנגעהויבן צו רעדן וועגן דעם סאָלדאַט, וואָס האָט געבראַכט די „גוטע" בשורה, אַז די רוימער פּאַקן זיך שוין איין און נעמען אַראָפּ די באַלאַגערונג.

— וואו גייען זיי אַוועק, דו נאַר איינער ! — האָט ער מיט דער צונג קוים געקאָנט פּלאָנטערן — נישט נאָר גייען זיי נישט אַוועק, נאָר אין דריי

טעג אַרום וועלן זיי זיין דאָ אין שטאָט און וועלן אַלע יידן אויסשעכטן און פאַר די ווילדע חיות זייערע טויטע קערפּערס אַרויסוואַרפן!...

מיט רציחה זיינען די עטלעכע יידישע סאָלדאַטן אויפגעשפּרונגען און האָבן דעם שומרוני געוואָלט לעבעדיקערהייט צערייסן.

— דו פאַרשאָלטענער שומרוני! דו פאַררעטער איינער! דו אַליין וועסט באַלד אויפן אָרט געהרגעט ווערן. דאָס ווילט איר אַזוי, געמיינע מוסרים! און ווייל דו טראַכטסט אַזוי ניכטענערהייט, רעדסטו עס אַרויס, ווען דו ביסט שיכּור! אַ טויט די שומרונים! — האָבן זיך דערהערט פון אַלע ווינקלען אויפגערעגטע שטימען.

אין דעם געטומל זיינען אָנגעקומען פון דער גאַס נאָך עטלעכע מענטשן, צווישן זיי אַ צאָל שומרונישע סאָלדאַטן מיט שפּיזן אין די הענט. עס איז אויסגעבראָכן אַ געשלעג צווישן די יידן און די שומרונים און בלוט האָט זיך אָנגעהויבן גיסן.

ענדלעך האָט איינער פון זיי, אַ שטאַרקערער, אויסגערופן:

— מער פעלט אונדז נישט אין איצטיקן מאָמענט נאָר אַ ברודער־קריג אָנצוהויבן! אויב ער איז אין עפּעס שולדיק, לאָמיר אים שלעפּן צום קעניג און זאָל ער אים משפּטן!

— יאָ, צום קעניג! צום קעניג! זאָל ער משפּטן דעם פאַררעטער, דעם מיאוסן שומרוני! — האָט דער פאַרזאַמלטער עולם געשריגן.

און מ׳האָט עמינדבן אָװעקגעשלעפּט צו בר־כּוכבאן און דאָרט דער־ציילט, אין וואָס עס באַשטייט זיין חטא.

בר־כּוכבא האָט אָנגעשטעלט זיינע כּעסדיקע אויגן אויף דעם שומרוני, ווי נאָר אים איינצושלינגען.

— איז אמת, וואָס מען דערציילט וועגן דיר, אַז דו האָסט געזאָגט, די רוימער וועלן אין דריי טעג אַרום אַריינקומען אין שטאָט און אויסשעכטן אַלע יידן?! פאַרוואָס האָסטו עס אַזוי געזאָגט? פון וואַנען האָסטו די דאָ־זיקע בייזע נייעס געבערענגט? האָבן מיר נישט געשלאָסן קיין שלום מיט דיינע ברידער, הערשט דען נישט קיין גוט־פריינטשאַפט צווישן די שומ־רונים און די יידן זינט דעמאָלט אָן?

עס איז אמת, מיין קעניג, אָבער איך בין געווען שיכּור!... — האָט עמינדב זיך פאַרענטפערט און די ליפּן האָבן ביי אים געציטערט... — איך בין נישט קיין פאַררעטער, איך בין אַן ערלעכער דינער צו מיין האַר, דעם שומרונישן קריגספירער, וועלכער איז דאָך דיין פריינט...

— זאָג דעם אמת, שיכּור! — האָט בר־כּוכבא אַ געשריי געטאָן.

— איך ווייס גאָרנישט... איך ווייס גאָרנישט, אַדוני המלך!... — האָט עמינדב געקלאָגט מיט ביטערע טרערן.

— רעד אַליין, אויב נישט, וועל איך דיך צווינגען צום רעדן מיט אַזעל־כע מיטלען, אַז דו וועסט דיר בעסער ווינטשן דעם טויט!... האָט בר־כוכבא ווידער צו אים געשריגן.

עמינדב האָט זיך זייער דערשראָקן און עס איז אים איינגעפאַלן אַ נידערטרעכטיקער געדאַנק. ער האָט זיך אין דער רגע דערמאָנט, אַז זיין האַר, דער שומרונישער קריגספירער, האָט אַמאָל אויף אַ געוויסער פאַר־זאַמלונג צווישן די פאַרטרעטערישע שומרונים דערציילט, אַז צווישן בר־כוכבאַן און זיין פעטער, רבי אליעזר המודעי, גייט־אָן אַ שטילער קאַמף. אליעזר המודעי איז נעמלעך פאַר אונטערגעבן זיך צו די רוימער און בר־כוכבא טראָגט צו אים אַ שנאה דערפאַר. און ער האָט מיט אַ קלאָגעדיקער שטים געענטפערט בר־כוכבאן:

— גנעדיקער קעניג, איך ווייס נישט וואָס צו טאָן. וועל איך זאָגן דעם אמת, וועסטו מיך לאָזן הרגענען, און וועל איך זאָגן ליגן, וועסטו מיך אויך אומברענגען!...

— זאָג דעם אמת, איך וועל דיר פאַר דעם אמת גאָרנישט טאָן! — האָט בר־כוכבא אים פאַרזיכערט.

— איך דאַנק דיר, אדוני קעניג, איך דאַנק דיר פאַר דיין גרויסן חסד, וואָס דו ווייזט מיר איצטער אַרויס — האָט עמינדב מיט פרייד אויסגע־רופן — איך וועל דיר זאָגן דעם גאַנצן אמת. עס איז פאַראַן אַן אַלטער תלמיד־חכם, זיין נאָמען איז רבי אליעזר המודעי, ער האָט מיר דאָס איינ־גערעדט אַזוי צו זאָגן, כדי אַרויסצורופן אַ צעטומלעניש אין דער שטאָט, און דער שונא זאָל דערווייל קאָנען אַריינקומען און פאַרנעמען די פעסטונג. ערשט היינט האָב איך מיט אים גערעדט אין דער שול. ער האַלט, אַז מען דאַרף זיך אונטערגעבן צו די רוימער, פונקט ווי עס האָט אַמאָל געוואָלט רבי יוחנן בן זכאי!...

— עס איז נישט אמת! — האָט בר־כוכבא, ווי נישט מיט זיין קול, אויסגערופן — מיין פעטער וואָלט אַזאַ זאַך נישט געטאָן, דער תנא רבי אליעזר המודעי איז דען פעאיק אויף אַזעלכעס?

דער פאַררעטער האָט געמאַכט אַן אומשולדיקע מינע. ער האָט גלייך נישט געענטפערט, באַר אַ ווייל שטילגעשוויגן. דאַן האָט ער זיך אָנגעהויבן שווערן מיט כל־השבועות, אַז אַלץ וואָס ער האָט דאַ געזאָגט איז אמת.

— עס איז אמת, מיין גנעדיקער קעניג — האָט ער אַרויסגעשטאַמלט — ער האָט מיך אַפילו אָנגערעדט, אַז איך זאָל דיך הרגענען און אָט האָסטו דעם בייטל מיט גאָלד, וואָס ער האָט מיר דערפאַר געגעבן.

ביי די רייד האָט ער אַרויסגעצויגן דעם בייטל מיט גאָלד, וואָס דער שומרונישער קריגספירער האָט אים געשאָנקען פאַר זיין פאַררעטערישער שליחות צו סעווערוסן, און געוויזן בר־כּוכבאן.

— ניין, איך גלויב נישט! איך גלויב נישט!... — האָט בר־כּוכבא געריסן זיך די האָר פון קאָפּ פאַר גרויס עגמת־נפש — רבי אליעזר, אַ בוגד?!...

עמינדב איז געשטאַנען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און געמאַכט די אומשולדיקסטע מינע. מען האָט אים נעבעך אָנגערעדט צו אַ שלעכטער זאַך, וואָס איז ער שולדיק, ווען אַזאַ גרויסער תנא, ווי רבי אליעזר, נעמט אויף זיך די פאַראַנטוואָרטלעכקייט.

— ברענגט אַהער רבי אליעזר המודעי — האָט בר־כּוכבא באַפוילן.

עטלעכע דינער זיינען אַוועק אין געאייל אין שול אַריין, וואו דער אַלטער רבי אליעזר איז אַ גאַנצן טאָג געשטאַנען אין זיין טלית און מתפּלל געווען פאַר אַ נצחון פון יידישן געווער.

בר־כּוכבא האָט זיך אָבער נישט געקאָנט שענקען, אַז אַזאַ זאַך זאָל מעגלעך זיין. ער האָט זיך אים בשום אופן נישט געוואָלט גלויבן, און ער האָט ווידער אויפגעברויזט מיט גרויס צאָרן און אַ געשריי געטאָן צו עמינדבן:

— דו געמיינער פאַררעטער, וואָס האָב איך דיר געטאָן פאַר אַ שלעכטס, וואָס דו גייסט אויף מיין לעבן! ווי האָסטו געוואָגט צו טראַכטן איין מאָמענט וועגן העלפן די רוימער?!

— גרויסער האַר! — האָט דער שומרוני אויסגערופן אַ פאַרציטערטער — וואָס בין איך דען שולדיק? איך בין אַ פּשוטער מענטש און ווען דער אַלטער רבי איז צו מיר צוגעקומען און גערעדט אַזעלכע קלוגע רייד צו מיר, האָב איך אים געגלויבט. ער האָט מיר געזאָגט, אַז עס איז גלייכער איין מענטש זאָל געטויט ווערן און דערמיט וועלן אָפּגעראַטעוועט ווערן טויזנטער מענטשן. ער האָט מיר אויך געזאָגט, אַז דו ביסט נישט דער יידישער משיח, וואָרים אויב דו וואָלסט באמת געווען משיח, וואָלסטו די רוימער פאַרטיליקט מיט איין בלאָז פון דיין מויל!...

בר־כּוכבא איז טרויעריק געוואָרן און פאַרצווייפלט געשאָקלט מיט זיין קאָפּ:

— יאָ, יאָ... דער שומרוני זאָגט אמת. דאָס זיינען פּונקט ווי די רייד פון רבי עקיבאן. זיי האָבן זיך ביידע אָפּגעשמועסט מיך אומצוברענגען.

דער שומרונישער פאַררעטער האָט זיך איינגעקאָרטשעט ווי אַ געשלאָגענער הונט און מיט ציטערניש אָפּגעוואַרט, וואָס דאָ וועט זיך אויסלאָזן. ער האָט פונדעסטוועגן מורא געהאַט פאַר זיין הויט.

אָבער אָט איז רבי אליעזר אַריינגעפֿירט געוואָרן דורך עטלעכע דינער צו בר־כּוכבאן. זיינע אויגן האָבן אויסגעדריקט נאַאיווקייט און אומשולד. ער איז געווען איינגעהילט אין זיין טלית. אַזוי האָבן בר־כּוכבאס דינער אים געטראָפֿן שטיין אין דער שול און אַזוי האָבן זיי אים געברענגט.

— וואָס פֿאַרלאַנגט דער מלך פֿון מיר? — האָט ער שטיל געפֿרעגט, נישט אַרויסווייזנדיק קיין שום שרעק.

— וואָס רופֿסטו מיך עפּעס „מלך"? — האָט בר־כּוכבא מיט שפּאָט אים געפֿרעגט — בין איך דען דיין מלך? האָסטו מיך דען אַלס אַזעלכן ווען עס איז אָנערקענט?...

— פֿאַרוואָס זאָל איך דיך נישט אָנערקענען פֿאַר אונדזער מלך, ווען אונדזער גרויסער רבי עקיבא האָט דיך פֿאַר דעם יידישן מלך אויסגערופֿן? — האָט רבי אליעזר המודעי געענטפֿערט און געוואונדערט זיך וואָס בר־כּוכבא פֿאַרשט אים עפּעס אַזוי מאָדנע אויס.

— גוט, איך וועל באַלד פֿעסטשטעלן, צי דו זאָגסט דעם אמת — האָט בר־כּוכבא מיט אַ באַהאַלטענער פֿאַראַכטונג צו דעם אַלטן זיך אָנגערופֿן — גיב נאָר אַ קוק אויף דעם דאָזיקן מאַן, וואָס שטייט דאָ לעבן דיר! צי איז ער דיר באַקאַנט?

בר־כּוכבא האָט בעת דער דאָזיקער פֿראַגע גוט געקוקט רבי אליעזרן אין די אויגן, כּדי צו זען דעם איינדרוק, וואָס זיינע רייד מאַכן אויף אים.

רבי אליעזר האָט זיך אומגעדרייט, אָנגעקוקט דעם מאַן, אויף וועלכן בר־כּוכבא האָט אָנגעוויזן, און אַ גרויסע פֿאַרוואונדערונג האָט אויף זיין פּנים געשפּילט. ער האָט געדרייט מיט זיין קאָפּ און געענטפֿערט:

— ניין, מיין האַר, איך האָב דעם דאָזיקן מאַן קיינמאָל אין מיין לעבן נישט געזען און דערפֿאַר אויך קען איך אים נישט. קעגן וואָס אייגנטלעך די דאָזיקע אַלע פֿראַגן? — האָט ער מיט אַ לייכטן פֿאַרדראָס אין זיין קול געפֿרעגט.

— דו קענסט אים נישט?! — האָט בר־כּוכבא מיט צאָרן אויסגעשריגן — האָסטו דען אים נישט געדונגען פֿאַר אַ בייטל מיט גאָלד מיך צו דערהרגענען, כּדי וואוילצוגעפֿעלן אין די אויגן פֿון די רוימער, דיינע פֿריינט?...

רבי אליעזר האָט זיך אומגעקוקט אויף אַלע זייטן. ער האָט נישט געוואוסט, וואָס דאָ טוט זיך, צי טרייבט מען בלויז אַזאַ שפּאָס מיט אים, אָדער איז עס טאַקע אויף דער וואָר. אים, דעם אַלטן רבי אליעזר, וועלכער איז גאַנצע טעג מתפּלל צו גאָט, ער זאָל געבן די יידן נצחון איבער די רוימער, איז מען חושד אין אַזאַ אומווירדיקער זאַך!

— איך פֿאַרשטיי נישט... — האָט ער קוים אַרויסגעשטאַמלט — און דו, מיין שוועסטערן־זון, גלויבסט אין דעם דאָזיקן בלבול אויף מיר. אויף אַזוי ווייט קענסטו מיך, אַז איך זאָל זיין פֿעאיק אַזעלכעס צו טאָן?! איך שווער דיר ביי גאָט, אַז איך קען דעם דאָזיקן מאַן נישט און איך האָב אים אויף מיין לעבן קיינמאָל נישט געזען און קיינמאָל מיט אים נישט גערעדט.

— דער אַלטער זאָגט ליגן! — האָט דער שומרוני מיט געמאַכטן כּעס אויסגעשריגן — וואָס מאַכט ער דאָ אַזאַ אומשולדיקן אַנשטעל? ער האָט דאָך מיט מיר אָפּגעשמועסט וועגן דעם אַלעם אין דער שול. איך האָב אַן עדות דערויף: בעת מיר האָבן אַזוי איינגעטענהט, איז גראָד אַריינגעקומען דער שמש און ער האָט אונדז ביידן געזען. זאָל ער דאָ אַהערקומען און אָפּלייקענען!

— עס איז דאָך פּשוט צום שטוינען! — האָט רבי אליעזר זיך נישט געקאָנט באַרואיקן — אָדער דער דאָזיקער מאַן איז אַ ליגנער אָדער ער איז פּשוט משוגע! איך פֿאַרזיכער נאָכאַמאָל, אַז איך האָב דעם דאָזיקן מענטש קיינמאָל אויף מיין לעבן נישט געזען און קיינמאָל נישט גערעדט מיט אים. איך שטיי אַ גאַנצן טאָג אין שול און טו תּפֿילה פֿאַר דעם נצחון פֿון אונדזער פֿאָלק!

דערווייל איז דער שמש אָנגעקומען אין דער באַגלייטונג פֿון די שלוחים, וועלכע מ׳האָט נאָך אים געשיקט.

— צי קענסטו דעם דאָזיקן מאַן?! — האָט בר־כּוכבא זיך געווענדט צום שמש, אָנווייזנדיק אויף רבי אליעזרן.

— וואָס הייסט, צי איך קען אים. ווער ווייסט דען נישט, אַז ער איז דער גרויסער צדיק רבי אליעזר המודעי? — האָט דער שמש געענטפֿערט.

— און יענעם מאַן קענסטו? — האָט בר־כּוכבא ווייטער געפֿרעגט, אָנווייזנדיק אויף דעם שומרוני.

— איך קען אים נישט אַזוי גוט. נאָר היינט האָב איך אים געזען, ווי ער איז אַריינגעקומען אין שול און איז צוגעגאַנגען צו רבי אליעזרן און מיט אים עפּעס איינגעטענהט. וואָס ער האָט גערעדט, ווייס איך נישט, וואָרים איך בין געשטאַנען צו ווייט.

ביי די רייד איז בר־כּוכבא געוואָרן אָנגעצונדן ווי אַ פֿייער. ער איז אויפֿגעשפּרונגען, גלייך ווי אַ שלאַנג וואָלט אים אַ ביס געטאָן, און מיט גרויס גרימצאָרן אויסגערופֿן צו רבי אליעזר המודעי:

— דו בוגד! — האָסט געוואָלט מיך אומברענגען און דערמיט העלפֿן פֿאַרטיליקן דאָס גאַנצע יידישע פֿאָלק! וועסט אפֿשר איצט אויך וועלן לייקענען, אַז דו האָסט מיט דעם דאָזיקן מאַן גערעדט? צי וועסטו ווייטער

באַשטיין אויף דיינע רייד, אַז דו האָסט אים קיינמאָל אין דיין לעבן נישט געזען און נישט גערעדט צו אים?!...

רבי אליעזר איז געבליבן שטיין צעטומלט. ער איז בלאַס געוואָרן ווי דער טויט און דאָס מויל נישט געקאָנט עפֿענען. טרערן האָבן אים אָנגע־הויבן רינען פֿון די אויגן פֿון פֿאַרצווייפֿלונג. ער האָט מיט געבעט געקוקט אויף בר־כּוכבאן און ווי געזאָגט: „גלויבסטו זיי מער ווי מיר, דיין אייגענעם פֿעטער?"...

— פֿאַרוואָס שווייגסטו, פֿאַררעטער?! האָט בר־כּוכבא אָזש אויפֿגע־ציטערט פֿון כּעס — איך וועל דיך ווי אַ ווערעם צעטרעטן, דו געמיינער מענטש!

ביי די רייד האָט ער אויפֿגעהויבן זיין פֿוס און מיט דער גאַנצער קראַפֿט אַ בריקע געטאָן דעם אַלטן אליעזרן אין בויך. דער אַלטער איז אומ־געפֿאַלן אויף דער ערד אַ פֿאַרחלשטער.

און ווען ער האָט אויף אַ ווייל געעפֿנט די אויגן, האָט ער קוים מיט די ליפּן אַרויסגעשעפּטשעט:

— וואָס האָסטו געטאָן, שמעון? האָסט דערהרגעט דיין בעסטן פֿריינט... גאָט, איך בעט דיך, רעכן אים דאָס נישט פֿאַר אַ זינד און וויז אַרויס דיין חסד צום פֿאָלק ישׂראל!...

אַרויסגעזאָגט אָט די ווערטער, און ער האָט אויסגעהויכט זיין הייליקע נשמה.

אַ גרויסער טומל איז אויסגעבראָכן, נאָכדעם ווי רבי אליעזר המודעי איז געשטאָרבן פֿון דעם קלאַפּ, וואָס ער האָט באַקומען פֿון בר־כּוכבאן. די דאָזיקע ידיעה האָט זיך באַלד פֿונאַנדערגעשפּרייט איבער דער גאַנצער שטאָט און עס איז אויסגעבראָכן אַ מהומה.

בר־כּוכבא איז געוועזן בלאַס און ממש וואַנזיניק. ער האָט זיך קיין אָרט נישט געקאָנט געפֿינען. אַ געוואַלטיקע חרטה איז אים באַפֿאַלן פֿאַר זיין אָפּגעטוענער מערדעריי. ער איז אַריינגעלאָפֿן אין געצעלט און אָנידערגע־וואָרפֿן זיך אויפֿן טעפּיך און געריסן זיך די האָר פֿון קאָפּ. דאַן איז ער אויפֿגעשפּרונגען און ווי אַ ווילדער געלאָפֿן אַהין און צוריק איבערן גע־צעלט, געשריגן צו זיך אַליין, געדראָעט מיט די הענט, אַליין נישט וויסנדיק וועמען ער דראָעט.

דער שומרוני עמינדב האָט אויסגענוצט די דאָזיקע מהומה און ער האָט זיך אָפּגעטראָגן שנעל פֿון דאָרטן און איז אַוועקגעלאָפֿן צו זיין עלטסטן, דעם שומרונישן קריגספֿירער, און אים דערציילט, וואָס עס איז געשען.

דער פֿאַררעטערישער קריגספֿירער האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן ביים קאָפּ און מיט בליציקע אויגן אויסגערופֿן צו זיין שליח:

— איצט איז די צייט צו לאָזן וויסן די רוימער, אַז זיי זאָלן אָנפֿאַלן אויף דער שטאָט. בר־כּוכבא האָט מיט זיך צו טאָן, אין שטאָט הערשט אַ מהומה, וועט קיינער נישט באַמערקן דעם אַריינמאַרש פֿון סעווערוסעס אַרמיי. גיי שוין אַוועק דורך דעם געהיימען אַרויסגאַנג און גיב די רוימער וועגן דעם צו וויסן!

עמינדבֿ איז באַלד אַוועק אין דעם לאַגער פֿון די רוימער און איבערגעגעבן וואָרט אין וואָרט, וואָס זיין עלטסטער האָט אים געהייסן.

אַרום פֿאַרנאַכט, ווען די זון האָט זיך געהאַלטן ביים זעצן און מיט אַ פֿלאַמיקער רויטקייט באַגאָסן די גאַסן פֿון ביתר, האָט זיך מיטאַמאָל דערהערט אַ יאָמערלעך געשריי אין די גאַסן:

— די רוימער! די רוימער! אַ פֿאַרראַט!

און ווירקלעך האָט מען דערזען, ווי פֿון אײן זייט שטאָט רייסן זיך אַריין רוימישע לעגיאָנערן באַפּאַנצערט און באַוואָפֿנט מיט שווערדן און מיט שפּיזן. זיי האָבן זיך געוואָרפֿן אויף דער באַפֿעלקערונג מיט רציחה און געשטאָכן, געשניטן אויף רעכטס און אויף לינקס.

די ידיעה איז באַלד דערגאַנגען צו בר־כּוכבאן. ווען ער איז געקומען צו לויפֿן אין שטאָט אַריין און דערזען דאָס בילד, האָט ער אויף זיך די קליידער צעריסן פֿאַר גרויס צער. ער האָט תּיכּף באַפֿוילן זיינע בעסטע קעמפֿער, זיי זאָלן זיך פֿאַרזאַמלען אויף איין פּלאַץ און שטעלן אַן עקשנות־דיקן ווידערשטאַנד די רוימער.

אַ שוידערלעכע שלאַכט האָט זיך אַנטוויקלט אין שטאָט, בלוט איז געפֿלאָסן פֿון ביידע צדדים. די געשרייען זיינען געגאַנגען ביזן הימל אַריין.

קיינער האָט תּחילת נישט געוואוסט, דורך וואַנען און ווי אַזוי די רוימער זיינען אַריינגעדרונגען אין שטאָט. אָבער מיטאַמאָל האָט בר־כּוכבא דערזען אַ הויז, פֿון וואַנען די רוימער שטראָמען אַרויס מאַסנווייז. ער האָט באַפֿוילן זיינע קריגער דאָס דאָזיקע הויז צו באַפֿאַלן און נישט דערלאָזן קיין צופֿלוס פֿון דעם שונאס קרעפֿטן.

ווי דערשטוינט איז אָבער בר־כּוכבא געוואָרן, ווען ער האָט זיך אָנגעטראָפֿן אויף אַ האַרטנעקיקן ווידערשטאַנד מצד די שומרונים, וועלכע האָבן עקשנותדיק פֿאַרטיידיקט דאָס הויז און באַשיצט דאָס אַרויסקומען פֿון די רוימער.

ער האָט תּיכּף געהייסן רופֿן צו זיך דעם שומרונישן קריגספֿירער, מיט דעם זעלבן, מיט וועלכן ער האָט קעגן רבי עקיבאס ווילן געשלאָסן שלום. ווען יענער איז אַרויסגעקומען און טאַקע פֿון דעם זעלבן הויז, האָט בר־כּוכבא אויסער זיך אַ געשריי געטאָן:

— אלקנה! דו געפינסט זיך דאָ! דו האָסט פאַרראָטן? דו שענדלע־כער בוגד!

— איך בין נישט קיין בוגד! — האָט מיט אַ שפּאָטישן שמייכל אלקנה אָפּגעענטפערט — איך בין געקומען מיט דער דעה צו העלפן משיחן, אָבער דו ביסט נישט משיח; נישט גאָט האָט דיך געשיקט, נאָר האָסט אין זינען דיינע אייגענע פּערזענלעכע ענינים!...

— איך בין שולדיק! — האָט בר־כּוכבא יעמערלעך אויסגעשריגן — רבי עקיבא, רבי מיינער, זיי מיר מוחל פאַר מיינע באַגאַנגענע זינד! דו האָסט מיך געוואָרנט פאַר אַט די דאָזיקע אַלטע יידישע שונאים און פאַר־רעטער! פאַרוואָס האָב איך דיך נישט געהאָרכט!... הלוואַי וואָלט איך נישט געווען אַזוי איינגעשפּאַרט, מיין רבי און מיין לערער! — האָט בר־כּוכבא מיט פאַרדראָס איצטער געיאָמערט.

אָבער צו שפּעט זיינען איצט געווען זיינע חרטה־רייד. די שלאַכט האָט געפלאַקערט און בלוט האָט זיך געגאָסן טייכנווייז. בר־כּוכבא האָט אַרויס־געוויזן געוואַלטיקע גבורות. סיי די רוימער און סיי די שומרונים, די פאַר־רעטער, זיינען געפאַלן ווי די פליגן פון זיין שווערד. עס האָט לאַנג נישט געדויערט און דאָס הויז, אונטער וועלכן עס איז געווען דער קעלער און פון וואַנען עס האָט זיך געצויגן אַ געהיימער אַרויסגאַנג פון שטאָט, איז איינגענומען געוואָרן דורך די יידישע העלדישע קעמפער.

אָבער בעת דאָ איז פאָרגעקומען די בלוטיקע שלאַכט, איז ביים טויער פון דער שטאָט אויסגעוואָקסן עמינדב מיט אַ גרויסער מחנה פון שומרונים און האָט פאַרפירט פון הינטער אַרום אַ קאַמף מיט די היטער פון טויער און ער האָט זיי באַזיגט. די שטאָט איז געווען אָפן און אַ מחנה רוימער האָבן זיך איצטער אַריינגעריסן אין די גאַסן.

אין דעם זעלבן מאָמענט איז בר־כּוכבא אויך דאָ אויסגעוואָקסן און פאַרטריבן די שומרונים. די רוימער, וועלכע האָבן זיך באַוויזן אַריינצורייסן דורכן אָפענעם טויער, זיינען אומגעבראַכט געוואָרן ביז איינעם.

איצט איז שוין געגאַנגען אין אַמביציע. סעווערוס האָט זיך גענומען שטורעמען די פעסטונג פון אויסנווייניק מיט די ספּעציעלע מאַשינען צו ברעכן מויערן. איצט האָבן די יידן געהאַט אַ טאָפּלטן קריג, פון אויסנווייניק און פון אינעווייניק. די מחנה פון שומרונים איז געמלעך געווען גענוג גרויס.

נאָך עטלעכע טעג שווערן קאַמף, בעת עס זיינען געפאַלן טויזנטער מענטשן פוןביידע צדדים, איז די רוימער ענדלעך געלונגען זיך אַריינצו־רייסן אינעווייניק פון שטאָט און זיי האָבן אָנגעהויבן מאָרדן מיט דער

גרעסטער אַכזריות יעדן איינעם, ווען זיי האָבן נאָר אָנגעטראָפֿן אויף זייער וועג.

די גאַנצע שטאָט האָט זיך אַריינגעוואָרפֿן אין קאַמף. מענער, פֿרויען און קינדער האָבן זיך אַנטקעגנגעשטעלט מיט אַלצדינג, וואָס עס איז זיי נאָר געקומען אין דער האַנט אַריין. אומעטום איז געווען בר־כּוכבא. דאָ האָט מען אים געזען אין איין עק שטאָט און באַלד איז ער דערשינען אין צווייטן עק. און וואו נאָר ער האָט זיך באַוויזן, האָבן חמרים מיט פֿיינט־לעכע טויטע פֿאַרלייגט די וועגן.

— נישט ווי קיין מענטש שלאָגט ער זיך! — האָבן די רוימער אין גרויס פּחד געמורמלט צווישן זיך — דאָס איז אַ רוח, נישט קיין מענטש!...

— בן־כּוזיבא! — האָט עמינדב אויסגערופֿן מיט שפּאָט צו בר־כּוכבאן — גיב זיך בעסער אונטער, ווייל עס וועט דיר שוין גאָרנישט העלפֿן! די רוימער זיינען פֿיל מער אין צאָל!...

— פֿאַררעטער! — האָט בר־כּוכבא מיט צאָרן אויסגעשריגן צו אים און דערביי אויפֿגעהויבן אַ שטיין און געוואָרפֿן אויף אים, שפּאַלטנדיק אים דעם קאָפּ.

ווען עמינדב איז געפֿאַלן, האָט ער נאָך באַוויזן אַרויסצומורמלען:

— דו נאַרישער מלך, האָסט אומזיסט און אומנישט דערהרגעט דיין פֿעטער! ער איז געווען אומשולדיק. דאָס האָב איך אויסגעטראַכט אויף אים אַ בלבול!...

בר־כּוכבא איז בלאַס געוואָרן און האָט אינגאַנצן אָנגעהויבן צו ציטערן פֿון אויפֿרעגונג.

— ווי איז מיר, וואָס איך בין געוואָרן, אַ מערדער! כ׳האָב אומגעבראַכט אַן אומשולדיקן מענטש, דעם גרעסטן צדיק פֿון אונדזער דור! איצט בין איך פֿאַרלוירן. גאָט האָט אָפּגעטאָן זיין חסד פֿון מיר, ווייל איך האָב נישט געהאָרכט די רייד פֿון מיין רבין, רבי עקיבא!... גאָט, זיי מיר מוחל מיינע זינד! טו עס נישט פֿאַר מיינעטוועגן, נאָר פֿאַר דיין פֿאָלק! איבערענטפֿער אונדז נישט אין די הענט פֿון אונדזערע שונאים!

בר־כּוכבא איז אַנידערגעפֿאַלן אין אָנמאַכט. ער האָט נישט געקאָנט איבערטראָגן זיין גרויסע חרפּה. ער האָט זיך געפֿילט שולדיק. אויך די קריגער זיינע האָבן אָנגעוואוירן דעם חשק צו שלאָגן זיך, געוואָר ווערנדיק איצט דעם גאַנצן אמת, אַז רבי עקיבא האָט נישט צוגעלאָזן צו שליסן שלום מיט די שומרונים. צום שלעכטן האָט אויך געווירקט אויף דער מאָראַל פֿון דעם גאַנצן יידישן חייל דער פֿאַקט, וואָס בר־כּוכבא האָט דערהרגעט דעם אומשולדיקן רבי אליעזר המודעי.

מ׳האָט אָנגעהויבן שעפּטשען צווישן זיך, אַז ער איז נישט משיח.

— ער איז אַ פֿאַלשער משיח! — האָט דער עולם אָנגעהויבן שרייען
— וואו איז רבי עקיבא? בלויז צו אים אַליין וועלן מיר זיך צוהערכן!
וואו איז רבי עקיבא?!

אָבער רבי עקיבא איז איצט געזעסן אין אושה און אָנגעפֿירט מיט זיינע טויזנטער תּלמידים און צוגעגרייט זיי אויף דעם זעלבן אופן ווי אַמאָל זיין פֿאַרגעגנער רבי יוחנן בן זכאי. ער האָט מיט זיי געלערנט תּורה און אַריינגעהאַמערט זיי אין די מוחות, אַז בלויז דער יידישער גייסט וועט זיי אויפֿהאַלטן אין דער צייט פֿון דער רוימישער אונטערדריקונג.

„נישט מיט כּוח, נאָר מיט גייסט, וועט דאָס יידישע פֿאָלק אויפֿגעהאַלטן ווערן!" — האָט ער איצט געטענהט.

בר־כּוכבא איז געווען איינגאַנצן דערשלאָגן. די רוימער האָבן פֿאַרנומען איין גאַס נאָך דער צווייטער און אויסגעהרגעט די גאַנצע באַפֿעלקערונג פֿאַר נקמה, וואָס זיי האָבן אַזוי לאַנג געמוזט שטיין הינטער די מויערן פֿון ביתר און אַזויפֿיל מענטשן פֿאַרלירן.

— גאָט, פֿאַרלאָז מיך נישט! — האָבן זיינע ליפּן געשעפּטשעט.

אָבער ער איז שוין איצט נישט נאָר פֿון גאָט, נאָר אויך פֿון זיינע אייגענע מענטשן געווען פֿאַרלאָזן, און ביטערע טרערן זיינען אים פֿון די אויגן גערונען.

קאַפּיטל 20

דער דריטער חורבן...

●

די שטאָט ביתר איז געפאַלן. דער רוימישער קריגספירער סעווערוס האָט געגעבן אַ באַפעל צו זיינע סאָלדאַטן, אַז זיי קאָנען נעמען נקמה פאַר זייערע ליידן וויפיל נאָר זייער האַרץ גלוסט. און די סאָלדאַטן האָבן זיין באַפעל אויסגעפירט מיט דער גרעסטער פינקטלעכקייט.

די שחיטה אין דער שטאָט איז געווען אַזאַ גרויסע און שרעקלעכע, אַז די פערד פון די רוימישע רייטער זיינען געשוואומען אין בלוט און דער טייך, וואָס האָט אַרומגערינגלט ביתר, איז באַשטאַנען פון צוויי חלקים בלוט און איין חלק וואַסער. דאָס בלוט פון די מענטשן האָט געפליצט ווי אַ שטראָם צום ים הגדול און אַ גרויסער שטח פון ים איז געווען אָפּגעפאַרבט אויף רויט.

סעווערוס האָט דורכאויס געוואָלט כאַפּן בר־כוכבאַן אַ לעבעדיקן און אַוועקפירן אים קיין רוים אין אַ טריאומף־צוג, פונקט ווי טיטוס האָט געטאָן מיט די יידישע גבורים נאָכן חורבן בית־המקדש. ער האָט אָבער באַין אופן בר־כוכבאַן נישט געקאָנט געפינען. ער האָט דעריבער אַרויסגעגעבן אַ פרייז פאַר זיין קאָפּ, כאָטש צו ברענגען אים אַ טויטן.

האָט איינער אַ שומרוני, וועלכער האָט דעם פרייז געוואָלט געווינען, בר־כוכבאס קאָפּ געבראַכט צו סעווערוסן און האָט זיך באַרימט, אַז ער אַליין האָט אים דערהרגעט. סעווערוס האָט אָבער נישט געקאָנט גלויבן, אַז בר־כוכבא זאָל זיך האָבן געלאָזט הרגענען פון אָט דעם שומרוני און ער האָט זיך געהייסן אויך ברענגען דעם טויטן קערפער פון בר־כוכבאַן.

נאָך לאַנגע זוכענישן האָט מען דעם טויטן קערפער פון בר־כוכבאַן געפונען. ער איז געווען אַרומגעוויקלט מיט אַ שלאַנג.

האָט סעווערוס דאַן אויסגערופן:

— איך האָב געוואוסט, אַז נאָר גאָט אַליין האָט געקאָנט אַזאַ מענטש הרגענען, ווייל אַ מענטש וואָלט אים נישט געקאָנט בייקומען!...

און מ'האָט זיך טאַקע דערציילט וועגן בר־כוכבאס טויט די פאָלגנדיקע לעגענדע:

„ווען בר־כּוכבא, אַ דערשלאָגענער פֿון דער גרויסער מפּלה, וואָס זיין אַרמיי האָט באַקומען און נאָכדעם, ווי ער איז געוואָר געוואָרן פֿון דעם גוססדיקן שומרוני, אַז ער האָט געטויט רבי אליעזר המודעי אומשולדי־קערהייט, האָט ער זיך צוריקגעצויגן צו זיין געצעלט און פֿאַר מידקייט זיך אָנגעשפּאַרט אָן אַ וואַנט. דאָן איז פֿון צווישן די שפּאַלטן פֿון דער וואַנט אַרויסגעקראָכן אַ שלאַנג, זיך אַרומגעוויקלט אַרום בר־כּוכבאס האַלדז און אים דערשטיקט".

נישט קוקנדיק אויף דעם גרויסן נצחון, וואָס די רוימישע אַרמיי האָט אָפּגעהאַלטן איבער די יידן, האָט אַדריינוס־קייסער, ווען ער האָט געשיקט אַ באַריכט דעם רוימישן סענאַט, אַרויסגעלאָזט דעם געוויינלעכן נוסח, וואָס אַ קייסער שרייבט: "איך און די אַרמיי זיינען אין אַ גוטן צושטאַנד"... וואָרים נישט ער און נישט די אַרמיי זיינען אין קיין גוטן צושטאַנד נישט געווען. צענדליקער און הונדערטער טויזנטער רוימער האָבן זיך מען קיינ־מאָל קיין רוים נישט אומגעקערט, נאָר זיי זיינען געלעגן באַגראָבן אין דער ערד פֿון לאַנד פֿון יהודה.

דאָס לאַנד פֿון יהודה איז אָבער נאָך דעם דאָזיקן קריג חרוב ונחרב געוואָרן. אַחוץ די, וואָס זיינען אומגעקומען פֿון דער שווערד, זיינען אויך פֿיל געפֿאַנגענע יידן פֿאַרקויפֿט געוואָרן אַלס קנעכט. מען האָט דעמאָלט צווישן זיך גערעדט, אַז אויפֿן מאַרק אין חברון,ביים אשל־אברהם, האָט מען צונויפֿגעבראַכט אַזויפֿיל יידישע געפֿאַנגענע, אַז יעדערן פֿון זיי האָט מען געטוישט אויף אַ פֿערד. די פֿאַרבליבענע געפֿאַנגענע האָט מען אוועק־געפֿירט קיין מצרים. דערביי זיינען פֿיל אומגעקומען אויפֿן וועג פֿון הונגער אָדער זיינען אין ים דערטרונקען געוואָרן. פֿיל יידן האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין די הייל אין ארץ־ישראל און האָבן לאַנג נאָך אָנגעטאָן גרויסע צרות די רוימער. אַנדערע האָבן זיך געראַטעוועט דערמיט, וואָס זיי זיינען אַנט־לאָפֿן קיין ארם־נהרים, בבל און אַראַביע.

אַדריינוס האָט זיך פֿאַרנומען אָפּצומעקן דאָס גאַנצע יידישע פֿאָלק פֿון דער ערד. ער האָט געלאָזט אָנטאָן די גרעסטע אכזריותן צו די איבער־געבליבענע און געפּייניקט זיי מיט די אויסגעטראַכטסטע יסורים און גזירות. אַחוץ, וואָס מ׳האָט געפּייניקט זייערע לייבער, האָט ער אויך גע־מאַטערט זייערע נשמות. אויף שריט און טריט זיינען געוואָרן באַליידיקט זייערע הייליקסטע געפֿילן.

און נישט קיין אַנדער־ער איז עס געווען דער אויספֿירער פֿון דער דאָזיקער שרעקלעכער נקמה, ווי דער געוועזענער פּראָקוראַטאָר פֿון יהודה, טורנוס רופֿוס.

יוליוס סעווערוס האָט אויסגעפֿירט דעם צוזאָג פֿון פּאַולוס מאַרציוס. ווען די מלחמה מיט די יידן איז געווען פֿאַרביי און ער איז מיט טריאומף צוריקגעקומען קיין רוים, האָט ער געשיקט רופֿן טורנוס רופֿוס און אים אַזוי געזאָגט:

— דער יידישער לייב איז שטערבלעך פֿאַרוואונדעט, אָבער מען דאַרף אים נאָך טויט־שלאָגן. דאָס גיב איך דיר איבער צו פֿאַרענדיקן!...

רופֿוס האָט זיך אין דרייען געבויגן פֿאַר זיין נייעם האַר און די אויגן האָבן ביי אים חיהש אויפֿגעגלאַנצט, די ציין האָט ער אויסגעשטשירעט, ווי נאָר צו פֿאַרצוקן דעם קרבן. אויפֿן געדאַנק איז אים באַלד געקומען דער יידישער געלערנטער, רבי עקיבא. ער האָט געהאַט מיט אים אַ סך חשבונות און גאָר אַ גרויסן חשבון האָט ער מיט אים געהאַט פֿאַר צונעמען ביי אים זיין ווייב, די שיינע רופֿינאַ...

— ווען ווילסטו פֿאָרן קיין יודעאַ? — האָט סעווערוס אים געפֿרעגט נאָך אַ וויילע וואַרטן אויף זיינס אַן ענטפֿער.

— אַפֿילו שוין היינט! — האָט רופֿוס געענטפֿערט.

סעווערוס האָט אים צוגעוואונטשן גליק אין זיין אונטערנעמונג און אים אָנגעזאָגט, אַז ער דאַרף די זאַך זיינע אויספֿירן גרינטלעך.

— קיין איין ייד טאָר מער נישט בלייבן אויף דער ערד. זיי זיינען צו קלוג און צו עקשנותדיק פֿאַר אונדז. ווען בלייבן יידן לעבן אויף דער וועלט, איז נישטאָ קיין פּלאַץ פֿאַר אונדז, רוימער. ווען זיי עקזיסטירן, מוזן מיר אונטערגיין!...

רופֿוס האָט עס גוט פֿאַרשטאַנען. ער האָט קרום אַ שמייכל געטאָן און געזאָגט:

— גנעדיקער האַר, איך וועל טאָן דאָס בעסטע, וואָס אַן איידעלער רוימער איז נאָר אימשטאַנד צו טאָן. קאָנסט דיך אויף מיר פֿאַרלאָזן...

אַ ציטערניש איז אַלע איבערגעבליבענע יידן אַדורכגעגאַנגען איבער די גלידער, געוואָר ווערנדיק, אַז רופֿוס איז ווידער אָנגעקומען קיין יהודה. זיין אָנוועזנהייט האָט זיך באַלד געלאָזט פֿילן איבערן גאַנצן לאַנד. ער האָט ווידער איינגעפֿירט אַלע גזירות, וואָס זיינען נאָך זיין וויכוח מיט רבי עקיבאן, אין אָנוועזנהייט פֿון קייסער אַדריאַנוס, אָפּגעשאַפֿט געוואָרן. עס איז פֿאַרווערט געוואָרן מילה, דאָס אָפּהיטן פֿון שבת און עס איז ווידער באַפֿוילן געוואָרן, אַז יידן מוזן זיך בוקן צו די אָפּגעטער פֿון רוים. ווער עס וועט די דאָזיקע פֿאַרבאָטן נישט פֿאָלגן, אָדער וועט זיך נישט צוהערן צו די באַפֿעלן פֿון דער רוימישער מאַכט, וועט באַלד געטויט ווערן מיט די שרעקלעכסטע יסורים.

ער האָט זיך דאָס מאָל באַזעצט אין ירושלים, וואָס האָט איצט ווידער געהייסן עליאַ קאַפּיטאָלינאַ. די טייל מויערן, וואָס זיינען שוין אויפגעבויט געוואָרן פאַרן בית־המקדש, האָט רופוס צוריק געהייסן צעשטערן און אויף זייער פּלאַץ האָט ער געלאָזט אויפשטעלן אַ ריזיקן טעמפּל פאַר דעם אָפּ־גאָט „יופּיטער", און כּדי די יידן ווי צו טאָן, האָט ער געהייסן אויפן טויער צום אַריינגאַנג פון טעמפּל אויפשטעלן דעם קאָפּ פון אַ חזיר.

גאָר שפּעטער האָט ער אַרויסגעגעבן אַ באַפעל אונטער דער שטראָף פון טויט, אַז יידן טאָרן בכלל נישט אַריינקומען קיין ירושלים. דערנאָך האָט ער אַרויסגעגעבן דעם פאַרבאָט צו לערנען תורה. פאַר כאַפּן לערנען תורה איז געקומען טויט־שטראָף.

רופוס האָט גאַנץ גוט געוואוסט, אַז יידן וועלן זיך נישט לאָזן אַזוי טרעטן. ער האָט דעריבער די אַלע פאַרבאָטן אַרויסגעגעבן, כּדי צו געפינען אַ פאַרענטפערונג פאַר זיינע מאָרדן.

ער האָט איינגעפירט אַ סיסטעם פון מסירות. ווער עס האָט געבראַכט אַ מסירה, אַז ער האָט געכאַפּט אַ ייד לערנען תורה אָדער טאָן עפּעס אַנ־דערש, וואָס ס'איז פאַרבאָטן, האָט באַקומען אַ געוויסע באַלוינונג.

זיינען יעדן טאָג געקומען רוימער, וואָס האָבן זיך באַזעצט אין יהודה אָדער די פאַררעטערישע שומרונים און אַזעלכע מסירות געבראַכט צו רופוסן. עס האָבן זיך אָנגעהויבן די שרעקלעכסטע פּיין און יסורים פאַר די איבערגעבליבענע יידן אין ארץ־ישראל.

די רוימישע ריכטער האָבן געהאַט איבערן קאָפּ אַרבעט יעדן טאָג צו משפּטן די צענדליקער „יידישע פאַרברעכער" און זיי האָבן זיך געפּלייסט פאַר זייער איבער־מערדער, טורנוס רופוס, וואָס מער טויט־אורטיילן אַרויסצוגעבן און וואָס אכזריותדיקער זיי דורכצופירן.

רבי עקיבא איז דעמאָלט געזעסן אין אושה אין אַ גוט באַהעלטעניש, און הערנדיק וועגן די שרעקלעכע זאַכן, וואָס עס גייען אָן אין יהודה איבער זיין טייער פאָלק, האָט ער באַשלאָסן, קעגן דעם פאַרבאָט פון זיינע חברים, פון דאָרט אַרויסצוגיין און צו העלפן מיט וואָס ער קאָן זיינע געפּייניקטע ברידער.

ער האָט אויף אַ געהיימען אופן פונאַנדערגעשיקט שלוחים איבערן גאַנצן לאַנד און צונויפגערופן די חברים פון סנהדרין אויף אַ וויכטיקער באַראַטונג. אָבער גאָר ווייניק זיינען געקומען, ווייל דאָס רוב פון זיי האָט שוין רופוס געהאַט אויסגעמאָרדעט פאַר פאַרשידענע חטאים, אָדער זיי זיינען געווען אויסבאַהאַלטן אין היילן און מ'האָט זיי נישט געקאָנט געפינען.

צווישן די געקומענע מיטגלידער פון די סנהדרין איז געווען רבי טרפון און רבי יוסי הגלילי. זיי האָבן אָפּגעהאַלטן זייער באַראַטונג אויף אַ דאַך

פון ערגעץ אַ הויז. זיי האָבן נאָך פיל וויכוחים באַשלאָסן, נישט קוקנדיק אויף די שרעקלעכע שטראָפן, דאָך צו לערנען מיט קליינע קינדער תורה, וואָס טאָר באַין־אופן נישט פאַרגעסן ווערן.

רופוס האָט באַשטימט אַ גרויסן פרייז פאַרן קאָפּ פון רבי עקיבאן, אָבער מ׳האָט אים נישט געקאָנט געפינען. ער איז דערפון אַריינגעפאַלן אין אַזאַ גרויסער רציחה, אַז ער האָט זיך דערפאַר נוקם געווען אין סתם יידן. ער האָט אַרויסגעגעבן אַ באַפעל צו די רוימער, אַז יידן זיינען הפקר און זיי מעגן מיט זיי טאָן, וואָס זיי געפעלט נאָר. אַ רוימער, ווען ער האָט דערהרגעט אַ ייד, איז ער באַשטראָפט געוואָרן מיט אַ נישטיקער שטראָף, ווי ער וואָלט, למשל, געהרגעט עמעצנס אַן עוף אָדער הויז־חיה.

אַדרינוס־קייסער איז אָפט אַליין אַראָפּגעקומען קיין יהודה, כּדי אַכטונג צו טאָן אויף דער שטרענגסטער אויספירונג פון זיינע געזעצן. ער האָט אַליין געוויזן אַ ביישפּיל צו זיינע סאָלדאַטן מיט זיין אייגענער אַכזריות לגבי יידן.

ער איז אַמאָל געגאַנגען אין באַגלייטונג פון זיינע מקורבים אויף די גאַסן פון ביתר, איז אים אַנטקעגנגעקומען אַ ייד. דער ייד האָט זיך, פאַר־שטענדלעך, געבוקט צו דעם קייסער.

— דו הונט! — האָט אַדרינוס אויסגעשריגן — ווי וואַגסטו גאָר זיך צו בוקן צו מיר, אַ זון פון אײדעלן רוימישן פאָלק!... הענגט אים אויף!

— האָט ער געגעבן אַ באַפעל צו זיינע באַגלייטער.

דער באַפעל פון קייסער איז תיכף אויסגעפירט געוואָרן, מ׳האָט דעם אומגליקלעכן ייד אויפגעהאָנגען אינמיטן דער שטאָט, אַז אַלע זאָלן זען.

מיט אַ פאָר טעג שפּעטער איז ווידער דער קייסער געגאַנגען איבער דער שטאָט מיט זיינע באַגלייטער, און עס האָט זיך געמאַכט, אַז אַ ייד איז אים אַנטקעגנגעקומען. דאָס מאָל האָט זיך שוין דער ייד צום קייסער נישט געבוקט. ער האָט שוין געוואוסט וועגן דעם שרעקלעכן סוף, וואָס יענער ייד האָט געהאַט פאַר בוקן זיך צו אים.

— צי זענט איר אַ מבין אויף דער חוצפה פון דעם דאָזיקן ייד! — האָב אַדרינוס־קייסער אויסגערופן מיט צאָרן — ער וואַגט זיך נישט צו בוקן צום רוימישן קייסער! הענגט אים אויף!...

איינער פון דעם קייסערס באַגלייטער האָט נישט געקאָנט פאַרשטיין די דאָזיקע באַנעמונג פון אַדרינוסן און ער האָט אים געפרעגט:

— אַדוני קייסער, גיב מיר צו פאַרשטיין דעם שכל דערפון, וואָס דו האָסט געהייסן אויפהענגען סיי דעם ייד, וועלכער האָט זיך צו דיר יאָ געבוקט און סיי דעם ייד, וועלכער האָט זיך צו דיר נישט געבוקט?

האָט אים דער קייסער מיט אַ ציניש שמייכל געענטפערט:

— עס איז מיר אַלצייגס, צי יידן בוקן זיך יאָ אָדער בוקן זיך נישט, דער עיקר איז, אַז יידן זאָלן אויפגעהאַנגען ווערן!...

⁂

פיל העלדישקייט האָבן אַרויסגעוויזן די תנאים, וואָס אויף זיי האָט די רוימישע מאַכט געהאַלטן אַ שטרענג אויג. נישט קוקנדיק אויף די שטראָפן, וואָס מ'האָט אויף זיי אַרויפגעלייגט, זיינען זיי געזעסן און געלערנט.

גאָר גרויס מסירת־נפש האָט אַרויסגעוויזן רבי עקיבא. נישט געקוקט אויף די וואָרנונגען מצד זיינע אייגענע גוטע פריינט, האָט ער נישט אויפגעהערט זיין גייסטיקע טעטיקייט און עפנטלעך געלערנט תורה.

ווען איינער פון זיינע פריינט האָט אים געפרעגט:

— צי האָסטו גאָרנישט קיין מורא פאַר די רוימער?

האָט אים רבי עקיבא געענטפערט מיט אַ פיינעם משל:

„דער פוקס איז געשטאַנען אויפן ברעג פון טייך און זיך צוגעקוקט, ווי די פישלעך וואַרפן זיך אין וואַסער פון איין אָרט אויפן צווייטן. „פאַר וועמען אַנטלויפט איר דאָס?" האָט דער פוקס געפרעגט. „מיר אַנטלויפן פאַר די נעצן, וואָס מענטשן האָבן אויסגעשפרייט צו פאַנגען אונדז?" האָבן געענטפערט די פישלעך. דער פוקס האָט דאַן געזאָגט: „קומט־זשע אַרויס אויף דער יבשה און מיר וועלן וואוינען צוזאַמען". אָבער די פישלעך האָבן די דאָזיקע עצה פון כיטרען פוקס נישט געהאָרכט און האָבן געזאָגט: „אויב אין וואַסער, וואָס דאָס איז אונדזער לעבנס־סטיכיע, זיינען מיר שטענדיק אין געפאַר, איז ווי וועט אונדז שוין זיין אויף דער יבשה, וואָס דאָרט קאָנען מיר אינגאַנצן נישט לעבן!"

— פונקט אַזוי — האָט רבי עקיבא דערקלערט — איז מיט אונדז, יידן. אויב לערנענדיק די תורה, וואָס וועגן איר ווערט געזאָגט, אַז זי איז אונדזער לעבן און פאַרזיכערט אריכת־ימים, זיינען מיר פונדעסטוועגן אין אַ סכנה, איז וואָס־זשע וועט מיט אונדז זיין, בעת מיר וועלן אויפהערן צו לערנען!...

אין דער צייט פון די דאָזיקע שרעקלעכע רדיפות האָט רבי עקיבא אַ סך מער געווירקט און געשאַפן פאַר דער צונויפזאַמלונג פון אַלע משנות, וואָס זיינען געלערנט געוואָרן איבער דער גאַנצער צייט פאַר אים, פון הלל הזקן אָן. צוגעהאָלפן אים אין דער דאָזיקער אַרבעט האָבן זיינע תלמידים רבי מאיר און רבי נחמיה, וועלכע האָבן אַלץ פאַרשריבן, וואָס רבי עקיבא האָט נאָר אַרויסגעזאָגט. זיי האָבן, אונטער דער אָנפירונג פון זייער רבין, רבי עקיבא, צוגעגרייט דעם מאַטעריאַל, וואָס וועט שפּעטער קאָנען אַ סך לייכטער צונויפגעשטעלט ווערן.

איינער פֿון רבי עקיבאס באַליבסטע תּלמידים איז געווען רבי שמעון בן יוחאי, וועלכער האָט פֿון זיין רבינס מויל געלערנט אַלע געהיימע וועגן און אויסטייטשונגען פֿון דער תּורה.

מען האָט דעמאָלט צווישן רבי עקיבאס תּלמידים דערציילט פֿאָלגנדיקע געשיכטע:

רבי עקיבא איז איינמאָל געזעסן אין פֿעלד און אין געהיים געלערנט מיט זיינע תּלמידים תּורה, איז פֿאַרבייגעגאַנגען פּפּוס בן יהודה — דאָס איז געווען דאָס אייניקל פֿון יענעם פּפּוס בן יהודה, וואָס האָט זיך געהאַט געשדכנט צו רחלען, די טאָכטער פֿון כּלבא־שבוע — און טרעפֿנדיק רבי עקיבאן לערנען, האָט ער אים געפֿרעגט:

— ווייסטו דען נישט, אַז די רוימער גיבן אַרויס שרעקלעכע שטראָפֿן פֿאַר לערנען תּורה, פֿאַרוואָס־זשע האָסטו דערפֿאַר קיין מורא נישט?

האָט אים רבי עקיבא געענטפֿערט:

— צי כ'וועל יאָ לערנען תּורה אָדער נישט, אויף מיין לעבן לויערן זיי סיי־ווי. לאָמיך כאָטש קומען אויף יענער וועלט מיט דעם ריינעם געוויסן, אַז איך האָב פֿאַר מיינע באַרבאַרישע שונאים קיין מורא נישט געהאַט...

אָבער לאַנג איז רבי עקיבא אויף דער פֿריי נישט אַרומגעגאַנגען. ענדלעך האָט אַ מסור אים געפּאַקט און צוגעטראָגן טורנוס רופֿוסן, וואו ער געפֿינט זיך און ביינאַכט איז מען באַפֿאַלן דאָס אָרט, וואו ער האָט געוואוינט און מ'האָט אים גענומען געפֿאַנגען צוזאַמען מיט זיין ווייב, רופֿינאַ.

רופֿינאַן האָט רופֿוס באַפֿוילן צו ברענגען צו זיך אין הויז אַריין און רבי עקיבאן האָט ער באַפֿוילן אַפּצופֿירן אין תּפֿיסה.

ווען רופֿינאַ איז אַריבערגעטראָטן די שוועל פֿון איר געוועזענעם מאַן, האָט רופֿוס אויפֿגעהויבן זיינע אָרעמס און מיט געבעט אין זיין שטים האָט ער אויסגערופֿן:

— קום אַהער, מיין טייער ווייב, און איך וועל דיך אַרומנעמען! כ'האָב פֿאַרגעסן אַלע דיינע עוולות, וואָס דו האָסט מיר געטאָן, אַפֿילו דאָס, וואָס ביסט אַ צייט געווען דאָס ווייב פֿון דעם יידישן רבין. איך בין דיר דאָס אַלץ מוחל, אַבי קום צוריק צו מיר!...

— איך בין נישט מער דיין ווייב! — האָט רופֿינאַ געענטפֿערט — איך האָב מיך מגייר געווען און איך בין איצט איינע פֿון דיינע גרעסטע שונאים. קאָנסט מיך איצט באַשטראָפֿן מיט דעם זעלבן, וואָס דו באַשטראָפֿסט אַלע יידן!...

— כ'ווייס, אַז דו האָסט דיך מגייר געווען און איך בין דיר דאָס אויך מוחל. איך וועל דיין יידישן מאַן טויטן און דו וועסט ווידער זיין אויפֿגע־

בונדן. וועסט קאָנען זיך אומקערן צו מיר און אַפילו בלייבן ביי דיין יידיש־קייט... — האָט ער זיך ביי איר געבעטן.

— צי מיינסטו טאַקע, אַז אַ פרוי, וואָס איז געווען דאָס ווייב פון אַזאַ גרויסן צדיק ווי רבי עקיבא, קאָן ווידער ווערן דאָס ווייב פון דעם רוצח טורנוס רופוס?

— רוצח רופסטו מיך אָן! — האָט טורנוס רופוס ווי נישט מיט זיין קול אויסגעשריגן — איך בין נישט קיין רוצח, איך פיר נאָר אויס דעם באַפעל פון מיין קייסער... איך בעט דיך, רופינאַ, איך האָב דיך שטענדיק אַזוי שטאַרק ליב געהאַט און איך בין גרייט אַלע דיינע בקשות צו דערפילן. איך וועל צוליב דיר אויך רבי עקיבאן אַלץ מוחל זיין, אָבי קום צוריק צו מיר!

רופינאַ האָט אויף אים געוואָרפן אַ בליק פול מיט פאַראַכטונג און זי האָט מיט אַ טאָן פון עקל צו אים זיך אָנגערופן:

— מיין לעבן קאָן איך מקריב זיין פאַרן לעבן פון מיין מאַן, דעם גרויסן צדיק, רבי עקיבא. אָבער דאָס, וואָס דו פאָדערסט פון מיר, קאָן איך דיר קיינמאָל נישט צוליב־טאָן!

טורנוס רופוס איז פאַר כעס אַזש אונטערגעשפרונגען און ער האָט אָנגעהויבן אויפן קול צו קלאָגן און זיך בעטן ביי איר. ער האָט זיך צו אירע פיס געוואָרפן, געקושט דעם זוים פון איר קלייד, געוואָיעט ווי אַ פאַרוואונדעטע חיה. אָבער רופינאַ איז געבליבן קאַלט צו זיינע געבעטן און אַפילו אין זיין זייט אַריין נישט געוואָלט קוקן.

— געדענק! — האָט ער אויסגערופן, זעענדיק, אַז מיט קיין גוטן וועט ער ביי איר נישט אויספירן — איך גיב דיר צייט עטלעכע טעג זיך צו באַדענקען. אויב אָבער וועסט מיר נישט נאָכגעבן מיין פאַרלאַנג, וועל איך רבי עקיבאן טויטן מיט די גרעסטע יסורים, וואָס אַזעלכעס האָט נאָך קיין מענטש נישט דורכגעמאַכט!

רופינאַ האָט אים דערויף גאָרנישט געענטפערט.

און רופוס האָט באַפוילן זיינע דינער רופינאַן אָפּצופירן אין תפיסה אַריין.

רבי עקיבאן האָט רופוס געהייסן איינזעצן אין תפיסה אין ירושלים. פון אָנפאַנג האָט ער נישט אַזוי שווער געמאַכט אים דאָס זיצן אין תפיסה. ער האָט פאַרקוקט, ווען עס פלעגן יעדן טאָג קומען צו אים זיינע תלמידים און ברענגען שפייז, אָדער פלעגן מיט אים רעדן וועגן פאַרשידענע ענינים.

רופוס האָט נאָך אַלץ געטראַכט, אַז דורך אים וועט אים ענדלעך גע־לינגען צוריק צו געווינען דאָס האַרץ פון זיין געוועזן ווייב, רופינאַ.

מען האָט זיך דערציילט צווישן די תּלמידים די פֿאָלגנדיקע געשיכטע:

איינער פֿון זיינע תּלמידים, רבי יהושע הגרסי, פֿלעגט יעדן טאָג ברענגען צו רבי עקיבאן וואַסער אין תּפֿיסה אַריין. איינמאָל האָט אים באַגעגנט דער תּפֿיסה־אויפֿזעער און זעענדיק, ווי דער זעלבער תּלמיד ברענגט אים יעדן טאָג וואַסער, האָט ער אים געפֿרעגט: „וואָס טויג דיר אַזויפֿיל וואַסער? צי ווילסטו די תּפֿיסה פֿאַרפֿלייצן?..." און ער האָט גענומען אַ העלפֿט און אָפּגעגאָסן.

ווען עס איז געקומען די צייט צו עסן דאָס מאָלצייט און רבי עקיבא האָט זיך געוואָלט וואַשן די הענט, האָט אים זיין תּלמיד געזאָגט: „אויב דו וועסט דיר וואַשן די הענט, וועט דאָך דיר נישט בלייבן אַפֿילו אַ טראָפּן צו טרינקען!"

האָט רבי עקיבא אים געענטפֿערט: „בעסער זאָל איך שטאַרבן פֿון דורשט, איידער איך זאָל עובר זיין אויף אַ געזעץ פֿון די חכמים!"

איז געגאַנגען רבי יהושע הגרסי און האָט אונטערגעקויפֿט דעם תּפֿיסה־אויפֿזעער מיט אַ סך געלט, כּדי ער זאָל אים דערלויבן אַריינצוברענגען מער וואַסער אין תּפֿיסה.

ווען די איבעריקע חכמים האָבן זיך דערוואוסט וועגן דער דאָזיקער מעשה, האָבן זיי אויסגערופֿן: „ווי גרויס איז די פֿרומקייט פֿון רבי עקיבאן! אויב ער איז אויף דער עלטער אַזוי, איז ער דאָך אין דער יוגנט אַוודאי געווען נאָך פֿרומער. אויב ער איז אין תּפֿיסה אַזוי, איז ער דאָך אויף דער פֿריי אַוודאי און אַוודאי געווען פֿרום..."

טרויעריק איז דאָס פֿאָלק געווען אין לאַנד, ווען עס איז באַוואוסט געוואָרן, אַז דער ראש פֿון סנהדרין זיצט אַ געפֿאַנגענער פֿון דעם אַכזר טורנוס רופֿוס. זיי זיינען נאָך מער דערשלאָגן געוואָרן פֿון דער דאָזיקער ידיעה, ווי פֿון די שרעקלעכע פּיין און יסורים, וואָס זיי האָבן געהאַט אויס־צושטיין מצד דער רוימישער מאַכט.

עס איז נישט געווען דער טאָג, וואָס מען זאָל נישט איבערפֿאַלן אַ יידישע שטוב און פֿון דאָרט נישט אַרויסנעמען די מענטשן, מענער, פֿרויען און קינדער און פֿאַרשיקן אין די ווייטסטע לענדער אַריין פֿאַר שקלאַפֿן. קיינער איז מיט זיין לעבן נישט זיכער געווען. דאָס לעבן איז געוואָרן הפֿקר, און ווען רוימישן אַכזר עס איז וואויל־געפֿעלן געוואָרן עמעצנס ווייב אָדער טאָכטער, איז ער אַריין צום ייד אין שטוב און זי צוגענומען.

די יונגעלייט האָבן געקריצט מיט די ציין און אין זייער אָנמעכטיקייט זיינען זיי שיעור נישט פֿון זינען אַראָפּ. טייל זיינען אַזוי פֿאַרצווייפֿלט געווען פֿון די איבערגעלעבטע פּיין, אַז זיי זיינען פּשוט געגאַנגען אויפֿן טויט און

האָבן זיך אין אַ פֿינצטערער נאַכט גוקם געווען און דערשטאָכן עטלעכע רוימישע סאָלדאַטן.

עס האָט זיך אַזוי געמאַכט, אַז אַ רוימישער סאָלדאַט האָט מורא געהאַט דעם קאָפּ אַרויסצושטעקן איינער אַליין ביינאַכט. אָבער זייערע נגישות לגבי יידן האָבן זיך נישט אָפּגעשטעלט.

דער עיקר האָט געברענט מיט צאָרן דער רוימישער פֿאַרטרעטער טורנוס רופֿוס.

ער האָט אָפּגעוואַרט אַ פּאָר וואָכן און ווידער האָט ער צו זיך געהייסן ברענגען רופֿינאַן.

ער איז איר געפֿאַלן צו די פֿיס און מיט טרערן אין די אויגן האָט ער געחלשט פֿאַר איר, אַז זי זאָל זיך מיט אים איבערבעטן, און ווען זי האָט אים נישט געוואָלט אויסהערן, האָט ער זי ווידער געהייסן צוריקפֿירן אין תּפֿיסה אַריין און רבי עקיבאָן האָט ער באַפֿוילן אָנצוהויבן צו פּייניקן און אָנטאָן יסורים. ער האָט מער נישט צוגעלאָזט צו אים קיין שום פֿון זיינע תּלמידים. אַליין האָט ער אים געהאַלטן אָפּגעזונדערט, ער זאָל די ליכטיקע שיין נישט זען פֿאַר די אויגן.

ער האָט זיך שוין באַמיט, אַז רופֿינאַ זאָל וועגן דעם געוואויר ווערן. ער האָט געוואָלט זען, וואָס פֿאַר אַן איינדרוק דאָס וועט אויף איר מאַכן.

דאַן האָט ער צום דריטן מאָל זי געלאָזט צו זיך רופֿן און גערעדט מיט איר גוטע רייד:

— מיין ווייב, דערבאַרעם זיך אויף מיר! וואָס דו וועסט נאָר בעטן ביי מיר, בין איך דיר גרייט נאָצוגעבן און וואָס וועסט נאָר פֿאָדערן, וועל איך דערפֿילן, אַבי קער דיך אום צו מיר און זאָלן זיך ווידער ביי אונדז אָנהויבן די גוטע צייטן פֿון אַמאָל. און אויב דו ווילסט, וועל איך מיך אַפֿילו מגייר זיין און ווערן, ווי דו, אַ ייד...

— דו קאָנסט נישט ווערן אַ ייד! — האָט דאָס מאָל רופֿינאַ באַוויליקט אים צו ענטפֿערן — דיינע זינד זיינען אַזוי גרויס און דיין האַרץ איז אַזוי שלעכט און האַרט ווי אַ שטיין, אַז עס איז גאָר נישטאָ קיין פֿאַרגעבונג פֿאַר דיינע אַלע בלוטיקע זינד. און כ'האָב דיר שוין איינמאָל געזאָגט: נאָכדעם ווי עס האָט מיט מיר חתונה געהאַט דער גרעסטער יידישער געלערנטער, קאָן איך מיך שוין נישט דערנידעריקן און ווערן איצט דאָס ווייב פֿון טורנוס רופֿוס.

— אויב אַזוי — האָט טורנוס רופֿוס מיט געוואַלטיקן כּעס אויסגעשריען — וועל איך דיך מיט געוואַלט צווינגען, דו זאָלסט צוריק ווערן מיין ווייב!

— דו קאָנסט מיך נישט צווינגען! — האָט רופינאַ אים געענטפערט און זי האָט אַרויסגעצויגן אַ קורץ שווערדל פון אונטער אירע קליידער און זי האָט עס זיך אַריינגעשטאָכן אין האַרץ אַריין.

טורנוס רופוס איז אויפגעשפרונגען אַ פאַרציטערטער פון זיין אָרט און איז צוגעלאָפן זי ראַטעווען און האָט גערופן צוהילף נאָך מענטשן. אָבער איידער די מענטשן זיינען אַריינגעקומען, איז שוין רופינאַ געווען טויט.

⁂

ווען רבי עקיבא איז געזעסן אין תפיסה, זיינען די תלמידי־חכמים געווען ממש אָפּהענטיק און אַ סך שאלות האָט מען נישט געקאָנט פאַר־ענטפערן, נישט פריער זיך אָנצופרעגן ביי זייער גרעסטן אויטאָריטעט.

עס איז איינמאָל געווען אַ האַרבע שאלה וועגן אַ חליצה, וואָס האָט נישט געהאַט קיין עדות. האָבן די חכמים נישט געוואוסט ווי צו פּסקענען. האָבן זיי געשיקט ר׳ עקיבאס אַ תלמיד, ר׳ יוחנן הסנדלר, ער זאָל אויף וועלכן ס׳איז אופן ביי ר׳ עקיבאן פרעגן די דאָזיקע שאלה. האָט ר׳ יוחנן הסנדלר זיך פאַרשטעלט פאַר אַ הענדלער מיט אַ פּעקל סחורה אויף דער פּלייצע און איז מכלומרשט פאַרבייגעגאַנגען פאַר דער תפיסה, וואו רבי עקיבא איז געזעסן, און ער האָט אויסגערופן: „באַדלען! ווער קויפט נאָד־לען? העקעלעך! ווער קויפט העקעלעך? און אַ חליצה אָן עדות, ווי איז דער דין?" — האָט ער אינדערמיט אַריינגעוואָרפן די שאלה...

האָט רבי עקיבא צוגעשטעקט זיין קאָפּ צום תפיסה־פענסטערל און געזאָגט: „אפשר האָסטו שפּינדעלעך?" און דערביי אַריינגעוואָרפן: „יאָ, כשר!"...

איבער דער צייט, וואָס רבי עקיבא איז געזעסן אין תפיסה, האָט ער באַשטימט אַפילו אָן עיבור־יאָר, וואָס די סנהדרין האָבן דערנאָך באַשטע־טיקט.

ענדלעך איז געקומען דער מאָמענט — דאָס איז געווען נאָך רופינאַס טויט — ווען רופוס איז געקומען אויפמאָנען זיין נקמה פון דעם באַליבטן יידישן געלערנטן.

ער איז אַליין געקומען אין דער תפיסה, כדי אָנצוזעטיקן זיך מיט נקמה איבער זיין גרעסטן שונא. פונדעסטוועגן, ווען ער האָט זיך צוזאַמענ־געטראָפן פנים־אל־פנים מיט רבי עקיבאן, האָט ער אויפן ערשטן מאָמענט נישט געקאָנט דאָס מויל עפענען. נישט דער פאַראורטיילטער, נאָר דער „ריכטער", איז געבליבן אָן לשון אין דער אָנוועזנהייט פון דעם ליכטיקן מענטש.

רבי עקיבא האָט אויף אים אַפילו נישט געוואָרפן קיין בליק. ער איז געווען פאַרטאָן מיט זיין געדאַנק איבער עפּעס אַ וויכטיקער פראַגע, וואָס האָט געהאַט צו טאָן מיט אַ געוויסן דין.

טורנוס רופוס האָט געדולדיק געוואַרט, ביז רבי עקיבא האָט אויף אים אויפגעהויבן זיינע אויגן און אים אָנגעקוקט מיט פאַרוואונדערונג, ווי איינער פרעגט: „וואָס טוסטו דאָ ביי מיר אין תּפיסה?"

טורנוס רופוס האָט מיט דרך־ארץ געקוקט אויף דעם גרויסן ייד. אָבער וואָס מער רבי עקיבא האָט געשוויגן און כמעט אים ווי נישט געזען, איז ער אַריינגעפאַלן אַלץ אין אַ גרעסערן כעס.

— צי בין איך אַזאַ נידעריקע בריאה, וואָס דיר שטייט נישט אָן אַפילו אויף מיר אַ בליק צו וואַרפן? — האָט ער מיט איינגעהאַלטענעם כעס געפרעגט.

— איך האָב מיט דיר גאָרנישט צו רעדן — האָט רבי עקיבא רואיק אים געענטפערט — אונדזערע וועגן זיינען אַזוי פאַרשידן און אַזוי ווייט, אַז ס׳איז גאָר נישטאָ די בריק, וואָס זאָל אונדז קאָנען פאַראייניקן.

— אין מיין האַנט ליגט דיין לעבן אָדער טויט! — האָט רופוס אָנגעהויבן.

אָבער רבי עקיבא האָט אים אויפן אָרט איבערגעהאַקט:

— האָסט אַ גרויסן טעות, רוימישער האַר, לעבן און טויט געפינט זיך נאָר אין די הענט פון גאָט. אויב מיר איז באַשערט צו לעבן אָדער צו שטאַרבן, האָט עס שוין אונדזער גרויסער גאָט פאַרויס באַשטימט.

— עקשנותדיק פאָלק!... — האָט רופוס צווישן די ציין אַרויסגעברומט — ווען זיי שטייען שוין אין אָנבליק פון טויט, בויגן זיי זיך נישט אין זייער שטאָלץ...

רבי עקיבא האָט אים דערויף גאָרנישט געענטפערט.

טורנוס רופוס האָט געוואַרט אַ לאַנגע ווייל אויף אַן ענטפער, אָבער ווען דער ענטפער איז נישט געקומען, האָט ער מיט כעס אויסגערופן:

— פאַרוואָס ענטפערסטו מיר נישט אויף מיינע רייד, ייד!

— מיר האָבן מער גאָרנישט וואָס צו רעדן, רוימישער האַר... — האָט רבי עקיבא אין דעם וואָרט „האַר" אַריינגעלייגט זיין גאַנצע ביטערקייט און חוזק.

טורנוס רופוס איז פריער בלאַס געוואָרן, דערנאָך איז ער, אָפּגעגאָסן איינגאַנצן מיט אַ פורפור־רויטקייט, אויפגעשפרונגען, ווי אַ שלאַנג וואָלט אים אַ ביס געטאָן. „דער ייד וואַגט פון מיר חוזק צו מאַכן!" — האָט ער זיך געטראַכט.

דאַ האָט ער זיך שוין נישט געקאָנט מער איינהאַלטן און ער איז אַרויס מיט אַ שטראָם רייד, וואָס האָבן געפּלייצט, ווי מיט אַ מבול פֿון גיפֿט:

— דו האָסט פֿון מיר מיין בלוט געצאַפּט, פֿאַרשעמענדיק מיך פֿאַר מיין קייסער. האָסט קיינמאָל נישט אַרויסגעוויזן דעם געבוגנדיקן אָפּשיי פֿאַר דעם פּראָקוראַטאָר פֿון יהודה, וועלכער איז געווען דער האַר און גע־ביטער פֿון דיין לאַנד. האָסט ביי מיר צוגענומען מיין ווייב, מיין געליבטע און טייערע רופֿינאַ. האָסט אויפֿגעהויבן אַ מרידה קעגן דער הערשאַפֿט פֿון רוים. אַ דאַנק דיר זיינען צענדליקער טויזנטער רוימער געהרגעט געוואָרן אָדער אומגעקומען אין די שרעקלעכסטע יסורים. האָסט אויך געבונטעוועט דעם גאַנצן מזרח קעגן דער רוימישער אימפּעריע. פֿאַר די אַלע שווערע זינד איז איין טויט פֿאַר דיר ווייניק. איך וועל דיך צען מאָל אין טאָג טויטן און צוריק לעבעדיק מאַכן. איך וועל פֿון דיין לייב לאָזן רייסן שטיקער פֿלייש, ביז דו וועסט כאָטש אַרויסווייזן אַ צייכן פֿון חרטה פֿאַר דיינע שווערע זינד...

רבי עקיבא האָט מיט שפּאָט אַ שמייכל געטאָן.

— דער רוצח מאָרדעט און ער איז נאָך גערעכט!... — האָט ער מיט ביטערניש אויסגערופֿן — צי האָב איך דיך געצוואונגען צו האָבן מיט מיר וויכוחים אין דער אָנוועזנהייט פֿון קייסער? האָסטו דען נישט געוואוסט, אַז איך וועל דיך שטענדיק באַזיגן? איר, רוימער, זענט אַ פֿאָלק פֿון חומר און מיר, יידן, זיינען אַ פֿאָלק פֿון גייסט. האָסטו געוואָלט מיט דיין חומר באַ־זיגן אונדזער יידישן גייסט?... דיין ווייב האָב איך דיר נישט צוגענומען, נאָר זי האָט דיך פֿאַרלאָזן, ווייל זי האָט פּריצייטיק דערקענט דעם אמת. זי האָט פֿאַרוואָרפֿן די פֿאַלשע אָפּגעטער און האָט אָנגענומען דעם גלויבן פֿון אמתדיקן גאָט. דו האָסט געהאַט אַ ברירה איר נאָכצופֿאָלגן און דו האָסט דאָס נישט געטאָן, ווייל צופֿיל ביסטו איינגעטונקען אין מענטשלעכן בלוט. זי איז פֿון דיר אויפֿגעבונדן געוואָרן, ווען זי האָט פֿאַרלאָזט דיינע געטער און זי איז געווען פֿריי, ווען זי איז צו מיר געקומען. דו זאָגסט, אַז איך האָב אויפֿגעהויבן אַ מרידה קעגן רוים. יאָ, עס איז אמת. אָבער יעדער מענטש האָט אַ רעכט צו קעמפֿן פֿאַר זיין פֿרייהייט און זעלבסטשטענ־דיקייט. נישט מיר יידן זיינען צו אייך רוימער געקומען, נאָר איר זענט אונדזער לאַנד באַפֿאַלן און אויסגעמאָרדעט די באַפֿעלקערונג, פֿאַרברענט די שטעט, חרוב געמאַכט דאָס הייליקע הויז פֿון גאָט און די הייליקע שטאָט ירושלים אויסגעגלייכט מיט דער ערד. איך בין צוזאַמען מיט מיין פֿאָלק צייטווייליק אין דיינע הענט און דו קאָנסט טאָן מיט מיר וואָס דו ווילסט. איך האָב איצט נישט די קראַפֿט זיך דיר אַנטקעגנצושטעלן. וואָלט איך זי געהאַט, וואָלט איך רואיק נישט געזעסן און וואָלט אויפֿגעשטאַנען קעגן

דעם רשעותדיקן מלכות פֿון רוים. אָבער זיי רוּאיק: רשעות האָט נישט קיין קיום. אמת, איר האָט אונדז באַזיגט, איר וועט אָבער דורך אַנדערע מיט דער צייט באַזיגט ווערן. רוים וועט אונטערגיין און ירושלים וועט אייביק בלייבן לעבן, ווייל ירושלים האָט נישט געבויט איר עקזיסטענץ אויף רויב און גזילה!...

רבי עקיבא האָט זיך אָפּגעשטעלט. ער האָט אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם. דאָס האַרץ האָט אים געקלאַפּט פֿון אָפּגעמאַטערטקייט. ער האָט אַפֿילו קיין בליק זיין שונא נישט געשאַנקען. טורנוס רופֿוס האָט אויך געשוויגן. ער האָט געהאַלטן דעם קאָפּ זיינעם אַראָפּגעלאָזט צו דער ערד, גלייך אַ שווערע משא וואָלט אויף אים אַרויפֿגעוואָרפֿן געוואָרן.

דער גרויסער יידישער תנא און קעמפֿער האָט אים אָנגעקוקט ווי אַ זיגער און ער האָט נאָך אַ ווייל ווייטער פֿאָרגעזעצט זיינע שטראָפֿנדיקע רייד:

— נישט יענער הייסט אַ זיגער, ווער עס באַזיגט מיט מאַכט פֿון דער שווערד. גייסט איז שטאַרקער פֿון אַ שווערד. איר, געצנדינער, האָט גאָר־נישט דאָס געווער, מיט וועלכן איר זאָלט אונדז קאָנען מנצח זיין! ווען רוים וועט שוין לאַנג האָבן פֿאַרגעסן געוואָרן, וועט דער יידישער גייסט הערשן איבער דער וועלט. איר וועט בלויז עקזיסטירן אין דער געשיכטע, מען וועט פֿון אייך רעדן מיט פֿאַראַכטונג ווי וועגן אַ רויבער־פֿאָלק. מיר וועלן אָבער עקזיסטירן אויף דער ערד. מיך וועסטו טאַקע טויטן, אָבער מיין גייסט וועט דיך טויטן!...

אַ שווערע שטילקייט איז אַריינגעטראָטן נאָך רבי עקיבאס רייד. דאָס קול זיינס האָט אָפּגעקלונגען אין אַלע ווינקלען און אויך אין טורנוס רו־פֿוסעס האַרץ.

„דער ייד האָט מיך ווידער באַזיגט!...״ — האָט ער ביי זיך אין געדאַנק געטראַכט. „נאָך גוט, וואָס דער קייסער אַדריינוס איז נישטאָ דער־ביי, אַנישט וואָלט ער מיך ווידער אויסגעלאַכט!...״

דאָס האָט ער געטראַכט בלויז ביי זיך, אָבער צו רבי עקיבאן האָט ער אַנדערש זיך אָנגערופֿן:

— דאָס איז טאַקע דער אונטערשיד צווישן אונדז אידעלע רוימער און אייך יידן. מיר גלויבן בלויז אין דער קראַפֿט. ווער עס האָט די מאַכט, דער האָט אַ רעכט צו לעבן אויף דער וועלט.

— איז ווי צו אייך!... — האָט אים רבי עקיבא איבערגעריסן.

— מער האָב איך מיט דיר נישט צו רעדן! — האָט טורנוס רופֿוס מיט געמאַכטן שטאָלץ זיך אָנגערופֿן — איצט וועלן מיט דיר רעדן מיינע

העלפער, די וועלכע וועלן אין מיין נאָמען און אין נאָמען פון מעכטיקן רוים נעמען די פאָרדינטע און גערעכטע נקמה.

— „גערעכטע"... — האָט רבי עקיבא מיט שפּאָט איבערגעחזרט.

— פאַר אונדז רוימער, וועלכע באַזיצן די געוועלטיקע מאַכט אויסצו־פירן די נקמה, איז זי זיכער אַ גערעכטע... — האָט טורנוס רופוס אים צוגעוואָרפן און האָט פאַרלאָזן דעם טונקעלן קעלער, אין וועלכן רבי עקיבא איז שוין אַזוי לאַנג געזעסן.

ווידער איז דער גרויסער ייִד אַליין געבליבן זיצן אין דער פינצטער. ווידער איז ער פאַרטיפט געוואָרן אין זיינע מחשבות. ער האָט געטראַכט וועגן דער צוקונפט פון די יידישע קינדער, די צוקונפט בכלל פון גאַנצן יידישן פאָלק.

ער האָט די צוקונפט נישט געזען שוואַרץ. „צו אַלץ קאָן זיך אַ מענטש צוגעוואוינען, אפילו צו די שווידערלעכסטע יסורים"... — האָט ער גע־טראַכט — „זיי וועלן סוף־כל־סוף מיד ווערן און מיר וועלן ווידער זיין פון אויבן. דער עיקר נישט פאַרצווייפלען, נישט פאַרגעסן אַן גאָטס לערע, ווי ווייט מעגלעך זען אויפצוהאַלטן די ליכט פון דער יידישער אמונה. פאַר קיין שום יסורים זיך נישט אָפשטעלן, נאָר אויפהאַלטן דאָס געט־לעכע וואָרט..."

מיטאַמאָל האָט רבי עקיבא אויפגעציטערט. עס האָט זיך דערהערט אַ גערויש הינטער דער אייזערנער טיר פון קעלער. ער האָט זיך איינגע־האָרכט מיט נייגעריקייט, ווער עס קאָן דאָ ווידער קומען צו אים. „צי נישט אַמאָל ווידער דער געצנדינער!... — האָט ער אַ טראַכט געטאָן.

די טיר האָט זיך געעפנט און אויף דער שוועל איז געבליבן שטיין אַ מאַן, וואָס איז געווען איינגעהילט אין שוואַרצע קליידער. רבי עקיבא האָט נאָך אַלץ נישט געוואוסט ווער דאָס איז. ערשט ווען די טיר האָט זיך הינטער דער געהיימנישפולער פּערזאָן ווידער פאַרקלאַפּט, האָט ער דער־הערט אַ שטילן אויסרוף:

— רבי...

— דו, רבי יהושע הגרסי? — האָט רבי עקיבא פאַרוואונדערט אויס־גערופן — ווי אַזוי ביסטו דאָ אַריינגעקומען? דער טיראַן האָט דאָך פאַר־באָטן יעדן איינעם פון מיינע תלמידים מיך צו באַזוכן!

— כ'האָב אונטערגעקויפט דעם תּפיסה־וועכטער, האָט ער מיך אַריינ־געלאָזט צו דיר. כ'האָב אָפּגעוואַרט, ביז טורנוס רופוס איז אַוועקגעגאַנגען.

— וואָס הערט זיך אין לאַנד, מיין טייערער תּלמיד? — האָט רבי עקיבא געפרעגט.

— אין לאַנד פֿילט זיך אַ גרויסע דערשלאָגנקייט צוליב דיין זיצן אין תּפֿיסה, רבי... — האָט רבי יהושע הגרסי געענטפֿערט — מיר זיינען אָפּהענטיק אָן דיר. מיר קאָנען גאָרנישט באַשליסן אָן דיין הסכּמה.

— עס איז נישט גוט אַזוי, מיינע טייערע תּלמידים — האָט רבי עקיבא מיט פֿאָטערלעכער גוטסקייט אין זיין קול זיך אַנגערופֿן און עס איז געלעגן אַ געוויסער פֿאַרוואורף אין זיין טאָן — איר דאַרפֿט זיין גרייט אויף אַלעם שלעכטן. איך גלויב נישט, אַז דער רוימישער טיראַן, רופֿוס, זאָל מיך ווען עס איז פֿון דאַנען באַפֿרייען. איר מוזט אייך צוגעוואוינען צום געדאַנק, אַז עקיבא איז מער נישטאָ צווישן אייך...

דאָס קול זיינס האָט אַ ציטער געטאָן.

— רבי... — האָט רבי יהושע הגרסי געוואָלט עפּעס זאָגן.

אָבער רבי עקיבא האָט אים מיט אַ באַוועגונג פֿון זיין האַנט אָפּגעשטעלט, און ער האָט ווייטער פֿאָרגעזעצט:

— איך בין שוין אַלט. גאָט האָט מיר געשענקט פֿיל יאָרן. סיי־ווי וואָלט איך שוין לאַנג נישט געלעבט. איר מוזט אָנהויבן אַליין שטעלן אויף זיך. עס בלייבן איבער מיינע בעסערע תּלמידים און חברים. איר דאַרפֿט צווישן זיך אויסקלייבן עטלעכע פֿון זיי, וואָס זאָלן איבערנעמען די פֿירונג איבערן יידישן פֿאָלק נאָך מיין אַוועקגיין פֿון דער וועלט. עס איז דאָ רבי מאיר, רבי שמעון בן יוחאי, דו, מיין טייערער תּלמיד, רבי יוסי הגלילי, רבי יוסי בן קסמא...

— רבי, אָט דער נאָכשלעפּער פֿון די רוימער... — האָט רבי יהושע הגרסי געפּרוווט דערווידערן.

— ער איז נישט קיין בוגד... — האָט רבי עקיבא פֿאַר אים זיך איינגעשטעלט — ער האָט געמיינט גוט, און אפֿשר איז ער געווען גערעכט!... איך האָב געהאַט אַ טעות אין בר־כּוכבאן. דער קאָפּ האָט זיך אים פֿאַרדרייט פֿון דעם גרויסן כּבוד, וואָס דאָס פֿאָלק האָט אים אַרויסגעוויזן, און ער האָט שוין מיך נישט געהאָרכט, נאָר איז געגאַנגען אין זיינע אייגענע וועגן... אפֿשר האָבן עס רבי יוסי בן קסמא, רבי אליעזר המודעי פֿאַרויסגעזען און איך נישט...

רבי יהושע הגרסי האָט טרויעריק שטילגעשוויגן און רבי עקיבא האָט אים פֿאָטערלעך געגלעט איבער דעם קאָפּ און געזאָגט:

— מיידט אויס מחלוקות, לעבט אַלע צווישן זיך בשלום. מיר נויטיקן זיך איצט אין איינִיקייט פֿון גאַנצן פֿאָלק. ווער עס שטערט די איינִיקייט פֿון פֿאָלק, דער איז אַ בוגד צו זיין אייגענער אומה!... גיי לשלום און גיב איבער די דאָזיקע רייד צו די תּלמידים מיינע און זאָלן זיי דאָס ווייטער איבערגעבן צום גאַנצן פֿאָלק. דער עיקר, האַלט אויף די תּורה צווישן די

יידישע קינדער. זיי, די קינדער, זיינען אונדזער צוקונפט. זיי וועלן אויפ־האַלטן אונדזער פאָלק פון אונטערגאַנג.

ווען רבי יהושע הגרסי איז אַרויסגעקומען פון תפיסה ביי רבי עקיבאַן, איז ער באַלד אַוועק קיין אושה און איבערגעגעבן דאָרט פאַר די איבעריקע תלמידים די רייד פון זייער רבין.

— איז מער נישטאָ קיין שום מיטל אונדזער רבין צו ראַטעווען? — האָט דער געטרייער תלמיד, רבי שמעון בן יוחאי, מיט טרויער געפרעגט.

— ניין! — האָט רבי יהושע הגרסי געענטפערט — ער ווערט זייער שטאַרק געהיטן און אַחוץ דעם וואָלט עס אונדזער רבי גאָרנישט געוואָלט. „עס איז אַ גזירה פון גאָט!" — האָט ער מיר געזאָגט, ווען איך האָב אים אַרויסגעזאָגט אַ געדאַנק וועגן אַנטלויפן.

אַ שווערע צייט איז דעמאָלט אָנגעקומען אויף די יידישע חכמים. די רוימער האָבן מיט טויזנט אויגן געקוקט אויף זיי און אָפּגעהיטן זייערע טריט. עס האָבן זיך געמערט מסירות. אַפילו צווישן אייגענעם יידישן פאָלק האָבן זיך געפונען שלעכטע מענטשן, וואָס האָבן פאַר געלט אַרויסגעגעבן זייערע ברידער צו דער רוימישער מלוכה. מען האָט זיך געמוזט היטן מיט אַ וואָרט ווי פאַר פייער.

עס איז געשען אַמאָל, אַז רבי יהודה בר אילעאי, רבי יוסי בן חלפתא און רבי שמעון בן יוחאי זיינען געזעסן און געשמועסט צווישן זיך וועגן דער שרעקלעכער לאַגע, אין וועלכער זיי געפינען זיך; ווי די רוימישע רעגירונג האָט זיך גענומען מיט דער גאַנצער האַרבקייט פון זייער געזעץ אויסצוראָטן יעדן איינציקן, אויף וועמען עס איז נאָר געפאַלן אַ חשד, אַז ער לערנט תורה אָדער היט אָפּ אַנדערע יידישע מצוות. גראָד איז בעת דעם דאָזיקן שמועס אַריינגעקומען ר' יהודה בן גרים.

דער שמועס איז אַרויף אויף די גרויזאַמקייטן פון די רוימישע באַאַמ־טע. רבי יהודה בר אילעאי האָט גראָד בעת דעם דאָזיקן שמועס געלויבט די רוימער פאַר זייער אָרדענונג, וואָס זיי פירן איין אין לאַנד. זיי בויען אויף די חרובע שטעט, פלאַסטערן אויס די גאַסן.

— זאָלן זיי בויען! — האָט ער אויסגערופן — עס בלייבט דאָך סיי־ווי פאַר אונדז. סוף־כל־סוף וועלן מיר זיי אַמאָל פון דאַנען פאַרטרייבן. דאָס לאַנד איז דאָך, אַפילו אונטער דער הערשאַפט פון די רוימער, אונ־דזערס...

רבי יוסי בן חלפתא האָט זיך צוגעהערט צו רבי יהודה בן אילעאיס אויספירונגען און גאָרנישט זיך אָנגערופן. ער האָט נישט געוואָלט מסכים זיין צו זיינע שבחים פאַר די רוימער און ער האָט אויך מורא געהאַט צו רעדן אַ וואָרט קעגן.

רבי שמעון בן יוחאי האָט זיך אָבער נישט געקאָנט איינהאַלטן און אויסגערופֿן:

— וואָס איז פֿאַראַן צו לויבן? וואָס די רוימער טוען, טוען זיי פֿאַר זיך, זיי מיינען בלויז זייער אייגענע טובה.

די דאָזיקע רייד האָט רבי יהודה בן גרים באַלד אַרויסגעטראָגן — מעג־לעך נישט ווילנדיק — אין דער גאַס אַריין און זיי זיינען אָנגעקומען צו די רעגירונגס־מענטשן.

די רעזולטאַטן האָבן לאַנג אויף זיך נישט געלאָזט וואַרטן. רופֿוס האָט באַלד געגעבן אַ פֿאַראָרדענונג, אַז רבי יהודה בר׳ אילעאי, וועלכער האָט געלויבט די אויפֿטוען פֿון די רוימער, זאָל דערהויבן ווערן צו אַ הויכן אַמט; רבי יוסי בן חלפֿתא, וועלכער האָט געשוויגן און ער האָט קיין שום מיינונג נישט אַרויסגעזאָגט, זאָל אינטערנירט ווערן אין דער שטאָט צפּורי, פֿון וואַנען ער וועט מער נישט טאָרן זיך דערווייטערן. רבי שמעון בן יוחאי, וועלכער האָט געזידלט רוים, דאַרף באַשטראָפֿט ווערן מיט טויט.

רבי שמעון בן יוחאי איז צוליב דעם אַרויסגעטראָגענעם אורטייל דעמאָלט אַנטלאָפֿן און זיך באַהאַלטן אין אַ הייל צוזאַמען מיט זיין זון.

וועגן זיין אַנטלויפֿן איז שפּעטער מיט יאָרן אַרומגעגאַנגען אַ פּרעכ־טיקע לעגענדע:

ווען רבי שמעון בן יוחאי איז געצוואונגען געווען צוזאַמען מיט זיין זון צו ליגן באַהאַלטן אין דער הייל, איז אויף אַ וואונדערלעכן אופֿן אויס־געוואַקסן לעבן דער דאָזיקער הייל אַ באָקסער־בוים און עס האָט זיך באַ־וויזן אַ וואַסער־קוואַל, פֿון וועלכן זיי האָבן זיך געשפּייזט גאַנצע דרייצן יאָר.

אין דער דאָזיקער הייל — האָט מען דערציילט — פֿלעגן זיי ביידע, דער טאַטע מיטן זון, זיצן נאַקעט, פֿאַרגראָבן אין זאַמד ביזן האַלדז און אַזוי האָבן זיי אַ גאַנצן טאָג געלערנט תּורה. בלויז ווען עס איז אָנגעקומען די צייט פֿון דאַווענען, זיינען זיי אַרויסגעקומען פֿון זאַמד, האָבן אָנגעטאָן די קליידער און האָבן זיך געשטעלט דאַווענען. דערנאָך האָבן זיי צוריק אויס־געטאָן די קליידער, כּדי זיי נישט צו צערייסן, און זיי זיינען ווייטער גע־זעסן פֿאַרגראָבן אין זאַמד.

איינמאָל, ווען עס איז שוין געהאַט פֿאַרביי דרייצן יאָר, איז צו דער הייל צוגעקומען אליהו הנביא און האָט אויסגערופֿן: „ווער וועט עס מיט־טיילן צו ר׳ שמעון בן יוחאי, אַז דער קייסער אַדריינוס איז שוין געשטאָרבן!״

איז רבי שמעון בן יוחאי מיט זיין זון דעמאָלט אַרויס פֿון דער הייל און זיינען אַוועק צו ר׳ פּנחס בן יאיר, בן־יוחאיס איידעם, וואו זיי האָבן זיך דערנאָך אויפֿגעהאַלטן.

ווען רבי שמעון בן יוחאי איז אַרויס פֿון זיין הייל, האָט ער צווישן די ערשטע, וואָס ער האָט אויפֿן וועג אָנגעטראָפֿן, דערזען רבי יהודה בן גרים, וועלכער האָט מיט דרייצן יאָר צוריק אויסגעפּלוידערט צווישן מענטשן, וואָס בן יוחאי האָט געזאָגט וועגן די רוימער.

דערזעענדיק אים, האָט רבי שמעון בן יוחאי אויסגערופֿן מיט פֿאַר־וואונדערונג:

— אָט דער דרייט זיך נאָך אַלץ אַרום אויף דער וועלט?

דערביי האָט ער אַ קוק געטאָן אויף אים מיט זיינע ברענענדיקע אויגן, אַז יענער איז אויפֿן אָרט אַוועקגעפֿאַלן אַ טויטער...

דאָס איז, ווי אויבן געזאָגט, דערציילט געוואָרן מיט יאָרן שפּעטער. איצט אָבער איז רבי שמעון בן יוחאי נאָך געזעסן אין אושה און געלערנט אין רבי עקיבאס בית־המדרש מיט פֿיל תּלמידים, איינשטעלנדיק יעדן טאָג זיין לעבן.

שרעקלעכע נייעסן זיינען יעדן טאָג אָנגעקומען וועגן די אַכזריותדיקע טאַטן פֿון רופֿוסן. ער האָט אָפּגעהיטן געענוי אַלע באַפֿעלן פֿון קייסער אַד־רינוס, אויסצוראָטן די אַלע יידישע חכמים, וועלכע קאָנען אויפֿהאַלטן דעם גייסט פֿון דער געטלעכער תּורה. די שרעקלעכסטע יסורים זיינען צו די דאָזיקע מענטשן אָנגעטאָן געוואָרן.

מיט אַ שרעקלעכן טויט איז אומגעקומען רבי חנינא בן תּרדיון. אין די פֿריערדיקע יאָרן איז ער שטאַרק באַפֿריינדעט געוואָרן מיט רבי יוסי בן קסמא און זיי האָבן שטענדיק געלערנט צוזאַמען. רבי יוסי בן קסמא האָט זיך שפּעטער, ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן די געפֿערלעכע רדיפֿות אויף יידן, דערווייטערט פֿון זיין חבר און ער איז געווען אַן אָנהענגער פֿון מאַכן שלום מיט רוים.

עס איז אינטערעסאַנט איבערצוגעבן פֿאָלגנדיקע געשיכטע, וואָס רבי עקיבאס תּלמידים האָבן זיך ביים לערנען דערציילט וועגן דעם רבי יוסי בן קסמא. ווען ער איז איינמאָל קראַנק געוואָרן, איז זיין געוועזענער חבר, רבי חנינא בן תּרדיון, געקומען אים מבקר חולה זיין, האָט רבי יוסי אים אויסגעמוסרט, פֿאַרוואָס ער שטעלט איין דאָס לעבן, לערנענדיק מיט זיינע תּלמידים.

— זאָג אַליין — האָט רבי יוסי צו אים געזאָגט — אָט דער אומה, די רוימער, האָט דער אויבערשטער איבערגעגעבן די ממשלה. זיי האָבן חרוב געמאַכט זיין הויז, פֿאַרברענט די שטאָט ירושלים, דערהרגעט זיינע געליבטע קינדער, די בעסטע, וואָס אונדזער פֿאָלק האָט פֿאַרמאָגט, און איצט הער איך, אַז דו פֿירסט דיך אַרום מיט דיינע תּלמידים און לערנסט

מיט זיי תורה. צי וואָלט נישט בעסער געווען, אַז דו זאָלסט זיך באַקלערן, וואָס דער סוף קאָן דערפון זיין?

האָט רבי חנינא דערויף געענטפערט:

— דער אויבערשטער אין הימל וועט רחמנות האָבן!

האָט רבי יוסי ווייטער געזאָגט:

— איך רעד צו דיר מיט שכל און דו ענטפערסט מיר, אַז פון הימל וועט מען אויף דיר רחמנות האָבן. עס וועט מיך בלויז וואונדערן, אויב מען וועט דיך נישט כאַפּן און פאַרברענען צוזאַמען מיט דער ספר תורה!...

אַט די גוטע מיינונג פון רבי יוסי בן קסמא וועגן די רוימער, אַז מען דאַרף זיך אונטערגעבן צו זייער ווילן, איז גוט באַקאַנט געווען צו די רוימישע מאַכטהאָבער. ווען ער איז געשטאָרבן — דערציילט מען — האָבן די רוימער אים געמאַכט אַ בכבודיקע לוויה און אים באַקלאָגט ביי זיין קבר.

צוריקגייענדיק פון דער לוויה, האָבן די רוימער צופעליק געכאַפּט רבי חנינא בן תרדיון זיצן און לערנען אין פעלד מיט אַ גרופּע תלמידים, האַלטנדיק אין זיין שויס אַ ספר־תורה.

האָבן די רוימער אים תיכף אַרעסטירט און גענומען צום משפט, וואו מען האָט אים פאַראורטיילט צום טויט. איינע פון זיינע טעכטער האָבן די רוימער פאַרשיקט אין אַ שאַנד־הויז אַריין.

בעת די רוימישע ריכטער האָבן אויסגעפרעגט רבי חנינא בן תרדיון אויפן משפט, האָט ער דרייסט און אָן שום מורא דערקלערט, אַז ער האָט געטאָן דאָס, וואָס גאָט האָט אים געהייסן.

דער אורטייל איז געווען אַ שרעקלעכער: מען האָט אים איינגעוויקלט אין דער זעלבער ספר־תורה, מיט וועלכער מ׳האָט אים געכאַפּט לערנען, דערנאָך האָט מען אַרום אים אַוועקגעלייגט עטלעכע בינטלעך דינע צווייגן און זיי אונטערגעצונדן, און כּדי ער זאָל זיך פּייניקן און נישט באַלד פאַר־ברענט ווערן, האָט מען אים צוגעלייגט צום האַרץ בינטלעך וואָל, געווייקט אין וואַסער.

דערביי האָט געמוזט שטיין זיין טאָכטער ברוריה און אַ טייל פון זיינע תלמידים. האָט די טאָכטער זיך אָנגערופן צום פאָטער:

— ווי איז מיר, פאָטער, וואָס איך דאַרף דיך זען אין אַזאַ צושטאַנד!

האָט דער פאָטער איר געענטפערט:

— ווען איך זאָל אַליין דאַרפן פאַרברענט ווערן, וואָלטן מיר די יסורים זייער שווער געווען. אַזוי ווי איך ווער אָבער פאַרברענט צוזאַמען מיט דער ספר־תורה, בין איך זיכער, אַז ווער עס וועט זיך אָננעמען פאַר

דער לעסטערונג פֿון דער הייליקער תּורה, וועט זיך אָננעמען אויך פֿאַר מיר!

און ווען ער האָט שוין אָנגעהויבן פֿלאַקערן, האָבן די תּלמידים אים געפֿרעגט:

— רבי, וואָס זעסטו איצט?

האָט רבי חנינא בן תּרדיון זיי געענטפֿערט:

— איך זע בלויז ווי דער פּאַרמעט ברענט און די אותיות פֿליען אַוועק אין דער לופֿט!...

האָבן אים די תּלמידים געזאָגט:

— עפֿן אויף דאָס מויל, וועט דאָס פֿייער גיכער אין דיר אַרייַנגיין און דו וועסט שנעלער שטאַרבן!

האָט ער זיי געענטפֿערט:

— איך וויל נישט מיט מיינע אייגענע הענט דערנעענטערן דעם טויט!

דאָס הערנדיק, האָט אים דער הענקער, וועלכער האָט אָנגעצונדן דאָס פֿייער, געפֿרעגט:

— רבי, אויב איך וועל גרעסער מאַכן דאָס פֿייער, דו זאָלסט גיכער שטאַרבן, וועסטו מיך ברענגען צו עולם־הבא?

און ווען רבי חנינא האָט אים געענטפֿערט, אַז — יאָ! — האָט דער הענקער אַראָפּגענומען די נאַסע וואָל פֿון זיין האַרץ און די נשמה איז אים תּיכּף אויסגעגאַנגען.

טייל פֿון די חכמים האָבן דערנאָך באַרעכטיקט די שווערע שטראָף פֿון רבי חנינא בן תּרדיון און זיין פֿאַמיליע: ער איז פֿאַראורטיילט געוואָרן צום פֿאַרברענען, זיין פֿרוי יונג צו שטאַרבן און איינע פֿון זיינע טעכטער צו זיצן אין אַ שאַנדהויז. דאָס איז זיי געקומען דערפֿאַר, האָבן די חכמים דערקלערט, ווייל ער האָט באַנוצט פֿיל מאָל דעם „שם־המפֿורש". די פֿרוי זיינע האָט דאָס געהערט און זי האָט אים גאָרנישט געזאָגט דערפֿאַר, און די טאָכטער ווידער איז אַמאָל פֿאַרבייגעגאַנגען פֿאַר אַ חברה גרויסע לייט, פֿאַר רוימער, האָט זי געהערט, ווי יענע לויבן איר חנעוודיקן גאַנג, איז זי דעמאָלט שטאָלץ געוואָרן אויף אירע שיינע פֿיס און דעריבער האָט זי דער אויבערשטער געשטראָפֿט פֿאַר איר שטאָלץ...

אַ צווייטע טאָכטער פֿון רבי חנינא בן תּרדיון, מיטן נאָמען ברוריה, איז געווען דאָס ווייב פֿון רבי מאיר, און אויך איר איז אויסגעקומען צו ליידן יסורים און אומצוקומען אויף אַ טראַגישן אופֿן. מען דערציילט, אַז אין אַ וויכּוח צווישן די חכמים וועגן אַ געוויסער הלכה, האָט זיך אַמאָל באַטייליקט אויך אַ זון און אַ טאָכטער פֿון רבי חנינא בן תּרדיון. איז דאָן

געקומען וועגן דעם די ידיעה צו רבי יהודה בן בבא, האָט ער געזאָגט, אַז רבי חנינאס טאָכטער האָט בעסער געלערנט פּשט פֿונם זון.

דער זעלבער זון רבי חנינא בן תּדריונס האָט זיך נאָך ביים לעבן פֿון פֿאָטער אַנגעשלאָסן צו אַ באַנדע גזלנים. נאָך דעם דורכפֿאַל פֿון בר־כּוכבאס אויפֿשטאַנד זיינען פֿאַרבליבן גרופּעס יידישע קעמפֿער, וועלכע האָבן זיך אָרגאַניזירט אין באַנדעס און האָבן אָנגעפֿירט אַ באַהאַלטענעם קאַמף קעגן די רוימער, דערביי האָבן זיי גערויבט און געמאָרדעט, וויפֿיל עס האָט זיך נאָר געלאָזט. די רוימער האָבן אָנגעווענדט אַלע זייערע כּוחות, כּדי די דאָזיקע באַנדעס אויסצוראָטן. איינמאָל איז רבי חנינא בן תּרדיונס זון געכאַפּט געוואָרן דורך די רוימער און זיי האָבן אים צוגעזאָגט צו שענקען דאָס לעבן, אויב ער וועט אויסגעבן די סודות פֿון דער איבעריקער באַנדע. און ווען ער האָט דאָס געטאָן, האָבן אים זיינע פֿריערדיקע חברים דער־הרגעט און אָנגעשטאָפּט דאָס מויל מיט בלאָטע. דריי טעג שפּעטער האָט מען אים געפֿונען, האָט מען אים אַריינגעלייגט אין אַן אָרון צו באַגראָבן, און כּדי די עלטערן נישט צו פֿאַרשעמען, האָט מען געוואָלט האַלטן אַ הספּד נאָך אים, אָבער רבי חנינא האָט נישט צו דעם דערלאָזן.

אָבער גאָר אַ שרעקלעכן טויט האָט געהאַט דער פֿון אַלעמען געאַכ־טעטער און גרעסטער תּנא אין יענער צייט, רבי עקיבא בן יוסף. טורנוס רופֿוס האָט זיך צו דעם טאָג פֿון נקמה לאַנג געגרייט און ער האָט געוואָלט דעם זיסן כּוס אויסטרינקען מיט דער גאַנצע הנאה.

ער האָט געלאָזט רופֿן איינעם פֿון די ערגסטע און האַרצלאָזסטע תּליונים, וועלכער האָט אָפּגעשטאַמט פֿון די גערמאַנישע באַרבאַרן, וואָס זיינען מיט פֿיל יאָרן צוריק גענומען געוואָרן געפֿאַנגען דורך די רוימער. דאָס איז געווען אַ באַוואַקסענער מאַן ווי אַ מאַלפּע. אַ כוואַליע פֿון בלאָנדע האָר האָבן באַדעקט זיין גאַנץ לייב, קאָפּ און באָרד, און פֿון זיין מיט־בלוט־אָנגעגאָסענעם פּנים האָבן ווי בלויער שטאָל אַרויסגעקוקט באַוועגונגס־לאָזע קליינע אויגן. די נאָזלעכער זיינע פֿלעגן זיך שטענדיק פֿונאַנדער־שפּרייטן, ווען ער האָט דערשמעקט בלוט.

אָט דעם מאָנסטער האָט רופֿוס געלאָזט צו זיך קומען און אים אָנ־געזאָגט, אַז ער זאָל וויסן ווי צום אַכזריותדיקסטן צו באַהאַנדלען איינעם פֿון די פֿאַרמשפּטע, וועלכן ער וועט אים באַלד איבערגעבן אין זיין רשות.

— אַחוץ דיין געצאָלט פֿון יעדן קאָפּ, וואָס דו ברענגסט אום, וועסטו נאָך באַקומען אַ ספּעציעלע מתּנה פֿון מיר, אויב דו וועסט וואָס מער פּיין פֿאַרשאַפֿן אָט דעם מענטש, וועלכער איז מיין גרעסטער שונא! — האָט רופֿוס צו אים געזאָגט, איידער יענער האָט זיך גענומען צו זיין מערדע־רישער אַרבעט.

— גוט, מיין האַר! — האָט זיין רויע שטים אַ כריפּע געטאָן, ווי מיט אַ פאַרזשאַווערטער זעג — ווערסט פון מיר זיין צופרידן, בפרט אַז איך האָב שוין לאַנג נישט געשמעקט צו מענטשלעך בלוט...

רופוס האָט צופרידן אַ שמייכל געטאָן און געקלאַפּט דעם גערמאַנער איבער דער פּלייצע.

— איך וועל פון אַ ווינקל זיך צוקוקן, ווי דו ווערסט אים פּייניקן! — האָט רופוס נאָך אַ ווייל צוגעגעבן.

— זיי זיכער, מיין האַר, אַז דו ווערסט פון מיר זיין צופרידן. זיין שרייען פון די יסורים, וואָס איך וועל דעם ייד פאַרשאַפן, וועט דיר הנאה טאָן... — האָט דער באַרבאַר ווידער כריפּענדיק אַ ברום געטאָן.

און ער איז אַרויסגעגאַנגען פון רופוסן און געלאָזט זיך גלייך צו דער תּפיסה, וואו רבי עקיבא איז געזעסן און געדולדיק אָפּגעוואַרט זיין טרויעריקן סוף.

די לעצטע טעג האָט דער גרויסער תּנא פאַרבראַכט אין חשבון־הנפש. ער האָט זיך פאַרטיפט אין זיין רייכן און קאָלירפולן לעבן, וואָס ער האָט דורכגעמאַכט. ווי לעבעדיק איז פאַר אים געשטאַנען איצט דער טאָג, ווען ער האָט דערזען צום ערשטן מאָל די פּרעכטיקע רחל, וועלכע האָט אים געעפנט די אויגן און אַרויפגעפירט אויפן רעכטפאַרטיקן וועג.

ער האָט די צייט פון זיין לעבן אייגנטלעך אָנגעהויבן רעכענען פון אָט דעם דאָזיקן טאָג. די אַלע יאָרן ביז יענער צייט האָט ער נישט גענומען אין צאָל. „ביז דעמאָלט האָב איך נישט געלעבט!” — האָט ער צו זיך געזאָגט.

איצט, ווען ער איז שוין אַלט געווען איבער 90 יאָר, האָט ער געהאַט זייער פיל אָפּגעטאָן פאַר זיין יידישן פאָלק און עס האָט אים איצט שוין נישט געאַרט, וואָס מיט אים וועט ווייטער געשען.

דער עיקר איז אים איצט געגאַנגען, אַז דאָס אַלץ, וואָס ער האָט אָנגעזאַמלט און מסדר געווען אין די הלכות און זיינען אַרויסגעבראַכט וואָרן במשך פון דער צייט פון הלל הזקן אָן, זאָל נישט גיין לאיבוד.

„וועט בלייבן דער יידישער גייסט, וועט אויך מיין פאָלק קיינמאָל נישט אונטערגיין!” — האָט ער איינמאָל געזאָגט צו זיין תּלמיד רבי יהושע הגרסי, ווען ער האָט אים נאָך געקאָנט באַזוכן.

ער האָט מיט אים זייער לאַנג איינגעטענהט בעת דעם לעצטן באַזוך.

— איר זאָלט אָפּהיטן אונדזערע קינדער! דערציילט זיי און זאָלן זיי עס אייביק געדענקען, כדי זיי זאָלן זייערע קינדער קאָנען איבערדערציילן, וואָס דאָס רוימישע פאָלק האָט אונדז געטאָן! — האָט ער געהייסן איבערגעבן די לעבן־געבליבענע יידישע חכמים.

— איז דען נקמה אַ יידישע זאַך? — האָט אים רבי יהושע הגרסי געפֿרעגט — עס לערנט דאָך אונדז די תּורה: זאָלסט דיך נישט נוקם זיין און נישט נאָכטראָגן קיין שנאה!

— נישט נוקם זיין זיך און נישט נאָכטראָגן קיין שנאה איז געזאָגט געוואָרן אין דער באַציאונג צווישן מענטש און מענטש, אָבער נישט צווישן מענטש און חיה... — האָט דער גרויסער יידישער תּנא געענטפֿערט — זיי האָבן אונדז באַהאַנדלט ווי חיות און זיי זיינען דעריבער אַליין חיות. זיי וועלן אונטערגיין, אַז קיין שטויב וועט פֿון זיי נישט איבערבלייבן!

רבי יהושע הגרסי האָט געענוי איבערגעגעבן דעם גרויסן רבינס רייד צו זיינע תּלמידים. און רבי עקיבא איז דעריבער געוועזן רואיק און האָט אָפּגעוואַרט זיין גורל, וואָס עס איז אים באַשערט געוועזן פֿון גאָט.

אין אָט דעם מאָמענט האָט ער דערהערט אַ גריַלץ אין דער טיר פֿון זיין קעלער און אין דעם אַריינשיינענדיקן ליכט האָט ער דערזען אַ באַשעפֿעניש, וואָס איז מער ענלעך געווען צו אַ ווילדער חיה, ווי צו אַ מענטש. די חיה איז אָבער געגאַנגען אויף צוויי פֿיס און האָט זיך כּסדר אַלץ מער דערנעענטערט צו אים.

קאַפּיטל 21

דור הולך ודור בא...

●

רבי עקיבא האָט זיך נישט דערשראָקן. ער האָט בלויז מיט נייגעריקייט אָנגעקוקט די משונהדיקע בריאה, וואָס דאַרף לויט אַלע וואָרשיינלעכקייטן זיין אַ מענטש. באַלד האָט ער דערהערט אַ ברום, וואָס איז שוין מער ענלעך געווען צו דעם ברום פון אַ ווילדער וואַלד־חיה:

— שטיי־אויף, ייד! — האָט דער דאָזיקער ברום נאָכאַמאָל זיך איבערגעחזרט.

און ווען רבי עקיבא האָט אַזוי גיך נישט אויסגעפירט זיין באַפעל, האָט דער באַוואָקסענער מאַן אים אַ צי־געטאָן ביי דער האַנט און אים מיט כוח אויפגעשטעלט.

— וואָס ווילסטו דען פון מיר? — האָט רבי עקיבא מיט אַ רואיק קול צו אים אויסגערופן — ווער האָט דיך דאָ אַהערגעשיקט?

— דו ביסט איבערגעגעבן געוואָרן איז מיין רשות! — האָט דער האָריגער מאַן ווידער אַ ברום געטאָן — און איך קאָן מיט דיר טאָן, וואָס נאָר עס וועט מיר וואוילגעפעלן... געשיקט האָט מיך צו דיר מיין פריינט טורנוס רופוס.

ער האָט אונטערגעשטראָכן דאָס וואָרט „מיין פריינט", כדי צו באַווייזן, וואָס פאַר אַ וויכטיקער מענטש ער איז.

עס האָט זיך דערהערט אַ וויטער שאָרך, גלייך ווי עס וואָלט נאָך אימעצער דאָ אין טונקעלן קעלער אַנוועזנדיק געווען. רבי עקיבא האָט זיך אומגעקוקט מיט נייגעריקייט, אָבער נישט זעענדיק קיינעם, האָט ער ווידער זיין בליק אַנגעשטעלט אויף דעם משונהדיקן באַוואָקסענעם מאַן.

דער גערמאַנישער באַרבאַר האָט אַ שמייכל געטאָן אין זיין באַוואָקסנקייט אַריין. ער האָט שוין יאָ געוואוסט, וואָס דער שאָרך באַטייט. דאָס האָט רופוס פאַרזיכטיק זיך אַריינגעשליכט, כדי צוצוקוקן זיך צו רבי עקיבאס יסורים און נעמען נקמה אָן זיין גרעסטען שונא.

ער האָט דעריבער זיך באַלד אַ נעם געטאָן צו דער בלוטיקער מלאכה, ער האָט געוואָלט וואוילגעפעלן ווערן אין די אויגן פון זיין „פריינט", דעם טיראַן רופוס...

אַ כאַפּ טוענדיק רבי עקיבאן פּלוצלינג און אומגעריכט, האָט דער גערמאַנער אים אַ וואָרף געטאָן אויף אַ באַנק, מיט פלאַקסענע שטריק אים צוגעבונדן די פּיס צו דער דאָזיקער באַנק, דאַן האָט ער פון אים אָנגעהויבן ברוטאַל אַראָפּצושלעפּן די קליידער און געלאָזט אים אַ ווייל ליגן אַ נאַ־קעטן. ער האָט געוואָלט, אַז רבי עקיבא זאָל צו זיך קומען פון דער ערש־טער איבעררעשונג און זאָל זיך אָפּגעבן אַ דין וחשבון, וואָס מיט אים קומט־פאָר און אַזוי אַרום וועט זיין ווייטיק נאָך גרעסער זיין.

דער גרויסער תנא האָט אָבער קיין קרעכץ נישט אַרויסגעלאָזט. ער איז געבליבן ליגן שטיל, גלייך ווי די גאַנצע זאַך וואָלט גאָרנישט געשען מיט אים, נאָר מיט עמעצן אַנדערש.

רופוס, וועלכער איז געשטאַנען אין אַ ווינקל און מ׳האָט אים נישט אַרויסגעזען, האָט זיך אַזש אַ וואָרף־געטאָן פון כעס.

— עס אַרט אים גאָרנישט!... — האָט ער צווישן די ציין ווי אַ שלאַנג אַרויסגעשיפּעט.

דער גערמאַנישער מאָנסטער האָט אַ שמייכל געטאָן, צעשפּרייטנדיק אין דער גאַנצער ברייט זיין עקלהאַפטן מויל.

— וועסט באַלד שרייען, וועסט שוין נישט ליגן אַזוי שטיל... — האָט ער געברומט אונטער דער נאָז — אַ גערמאַנער דאַרף מען נישט לערנען ווי אַזוי צו פּייניקן אַ מענטש און ווי אים בעסער וויי צו טאָן. וועסט באַלד ביי מיר שפּרינגען פון דער הויט!

ער האָט זיך אַראָפּגעבויגן צו דער ערד און עפּעס דאָרט אַ ווייל גע־זוכט. רבי עקיבא האָט אים נאָכגעפאָלגט מיט די אויגן.

באַלד האָט ער אויפגעהויבן אַן אייזערנע קאַם מיט שפּיציקע ציין ווי ביי אַ זעג און מיט זיין גאַנצער קראַפט האָט דער באַרבאַר אַריינגעשטאָכן דאָס דאָזיקע פאַרזשאַווערטע אייזן אין רבי עקיבאס לייב, אַז בלוט האָט אַ שפּריץ געטאָן.

רבי עקיבא האָט קום־קוים אַ קרעכץ געגעבן, אָבער באַין־אופן נישט צוגעשטעלט דעם הענקער דאָס פאַרגעניגן הויך אויסצושרייען.

האָט דער הענקער אָנגעהויבן קראַצן דאָס לייב פון דעם אַלטן תנא מיט דער שפּיציקער אייזערנער קאַם און אין אַ ווייל אַרום עס פאַרוואַנדלט אין פאַסן בלוטיק פלייש. דאָס בלוט איז גערונען טייכנווייז. דער זקן האָט אָבער קיין פּיפּס נישט אַרויסגעלאָזט פון זיין מויל. ער האָט בלויז מיט די ליפּן געמורמלט אַ תפילה צו גאָט, אַז ער זאָל ביי אים וואָס גיכער צונעמען די נשמה און נישט דאַרפן דורכגיין אַזויפיל יסורים.

— וואָס מורמלסטו, אַלטער ייד? — האָט דער באַרבאַר אַ כריפּע געטאָן מיט זיין פאַרזשאַווערטער שטים — דו שעלטסט מיך?!

— דערוואַרטסט דען, אַז איך זאָל דיך בענטשן, דו פאַרשאָלטענער באַרבאַר? — האָט רבי עקיבא שטיל צו אים אויסגערופן.

דער באַרבאַר האָט דערויף גאָרנישט געענטפערט, נאָר מיט מער פאַר־ביסנקייט אָנגעהויבן צו קעמען אין פאַסן דאָס פליייש פון רבי עקיבאן אַרויף און אַראָפּ.

און ווען רופוס האָט פון זיין ווינקל געזען, אַז דער אַלטער גיט אַפילו קיין קרעכץ נישט, האָט ער זיך דערנענטערט צום הענקער און רבי עקיבאן און מיט אַ גיפטיקן שמייכל אויסגערופן צום יידישן געלערנטן:

— נו, ווי פילסטו זיך, מיין פריינט, רבי עקיבא?

— ווען דו פילסט אַזוי ווי איך, וואָלט דיין טרפהנע נשמה שוין לאַנג אַרויס פון דיין גוף, דו אומווירדיקע בריאה!

— און פאַרוואָס גיסטו אַפילו קיין קרעכץ נישט, ייד? ווילסט מיך דערמיט דערצערענען?

— כ'ווייס, אַז מיין קרעכץ וואָלט זיס געווען פאַר דיין אויער, אָבער איך קרעכץ נישט דערפאַר, ווייל גאָטס משפט טאָר מען נישט דערווידערן. מסתמא וויל גאָט אַזוי! — האָט רבי עקיבא מיט אַ ברענענדיקן ווייטיק אין זיין גאַנץ לייב מיט שטאָלץ געערדעט צו זיין הענקער.

— ניין, נישט אַזוי וועט אומקומען מיין גרעסטער שונא! — האָט פלוצים רופוס אויסגערופן — נישט אין אַ באַהעלטעניש, אַז קיינער זאָל אַפילו נישט זען. איך וועל דיך לאָזן פייניקן עפנטלעך אויפן הויף פון דער תפיסה און איך וועל צונויפטרייבן פיל יידן, זאָלן זיי זען די „גרויסע" מאַכט פון דיין נישט־געזעענעם גאָט, וויפיל ער קאָן דיר העלפן. איך וועל נאָך הייסן פאַרגרעסערן דיין פיין, וועסט מוזן אַרויסשרייען דיין ווייטיק!

און ער האָט אַ וואונק געטאָן צום באַוואַקסענעם באַרבאַרישן הענקער און יענער האָט אַ כאַפּ געטאָן דעם צעבלוטיקטן קערפער פון רבי עקיבאן און אים אַרויסגעטראָגן אויפן הויף, וואוהין רופוס האָט באַפוילן צונויפ־צוטרייבן פון אַלע עקן שטאָט די יידן, אַז זיי זאָלן זען ווי מען פייניקט זייער רבין.

אַרויסקומענדיק אויף דער ליכטיקער שיין, האָב רבי עקיבא איינגע־אָטעמט אין זיין צעפליקטן גוף אַביסל לופט. ער האָט געעפנט די אויגן צום בלויען הימל, איבער וועלכן עס האָט געשיינט אַ גאָלדענע הייסע זון. די אויגן זיינען אויך געפאַלן אויף דער מאַסע יידן, וואָס דער אַכזר טורנוס רופוס האָט צונויפגעטריבן.

— גאָט, דיין שטראָף נעם איך אָן מיט ליבע, אָבער פאַרוואָס פאַר־שאַפסטו מיינע שונאים אַזויפיל פאַרגעניגן? — האָבן זיינע ליפן גע־שעפטשעט.

רופוס האָט געגעבן אַ באַוועג מיט זיין האַנט צום הענקער, און יענער האָט באַלד ווידער אָנגעהויבן זיינע פּייניקונגען. דאָס מאָל האָט ער זיין אייזערנע קאַם אָנגעגליט אין פייער ביז רויט און דערמיט האָט ער אָנגעהויבן צו אָקערן איבער דעם אומקגליקלעכנס לייב, און וואָס מער רבי עקיבא האָט פאַרביסן מיט די ליפּן און געשוויגן, אַלץ אין אַ גרעסערן כעס איז דער הענקער אַריינגעפאַלן. ער האָט ווי אַ ווילדע חיה געריסן דאָס פליש פון דעם זקן און געברענט אים דאָס לייב מיט די אָנגעגליטע אייזנס, אָבער ער האָט קיין קרעכץ פון אים ניט אַרויסגעקראָגן.

רויט פון צאָרן איז רופוס צוגעקומען צום פּלאַץ, וואו ר׳בי עקיבא איז געלעגן. ער האָט אים אָנגעקוקט מיט בלוטיקע אויגן און שיפּענדיק ווי אַ שלאַנג, האָט ער אויסגערופן:

— אין אָנבליק פון טויט אַפילו זענט איר פאַרהאַרטעוועטע עקשנים, איר נידערטרעכטיקע יידן! כ׳האָב דעם ווילדסטן באַרבאַר אויסגעקליבן, ער זאָל דיך פּייניקן און עס אַרט דיך ניִשט!

— וואָס איז דען אַ גוף, ערד און אַש. באַלד וועט די נשמה מיין גוף פאַרלאָזן, וואָס וועט צוריקגיין, פון וואַנען ער איז געקומען. מיין גייסט וועט אָבער אויף אייביק בלייבן. איך ווייס, אַז די ערגסטע באַרבאַרן זוכט איר אויס צו פּייניקן; אָבער מיין ניִשט, אַז דו, כאָטש דו רירסט זיך ניִשט צו צו מיין לייב, ביסטו ניִשט דער זעלבער באַרבאַר, וואָס אַט די אומ־מענטשלעכע בריאה. ער פירט בלויז אויס דיין שליחות און אין זיין אומ־מענטשלעכקייט קאָן ער נאָך ערגערע זאַכן באַווייזן. ער טוט דאָס היינט און ער וועט דאָס טאָן אייביק. באַרבאַרן בלייבן באַרבאַרן. אָבער איר, וואָס שטייט און קוקט זיך צו פונדערווייטנס, זענט נאָך ערגער פון אים!... די זינד דערפאַר וועט אויך אייך גערעכנט ווערן.

רופוס האָט פאַר בושה דעם קאָפּ געהאַלטן אַראָפּגעלאָזט. אויך דאָ האָט אים דער ייד באַזיגט. ער האָט אים גאָרנישט וואָס צו ענטפערן. ער האָט אים נאָך פאַר אַלעמען עפנטלעך פאַרשעמט. ער האָט אַ וואונק געטאָן צום הענקער און יענער האָט אויפגעהויבן זיין שווערד, כדי זי באַלד אַראָפּצולאָזן אויף דעם קאָפּ פון דעם זקן.

רבי עקיבא האָט פאַרמאַכט די אויגן און מיט אַ דערהויבן קול האָט ער אָנגעהויבן צו זאָגן: „שמע ישראל ד׳ אלוקינו ד׳ אחד!״ אין דעם מאָמענט האָט דער תליון אַראָפּגעלאָזט די שווערד איבערן האַלז פון רבי עקיבאן, וועלכער האָט באַלד אויסגעהויכט זיין הייליקע נשמה.

אַ גרויס געוויין האָט אויסגעבראָכן צווישן דעם עולם פאַרזאַמלטע יידן אויפן תפיסה־הויף. זיי האָבן זיך געריסן די האָר פון קאָפּ, צעפּליקט די קליידער אויף זיך.

ערשט די עטלעכע תּלמידים פֿון רבי עקיבאן האָבן דעם עולם איינ־געשטילט, בעטנדיק זיך ביי זיי:

— ווען אונדזער רבי וואָלט געלעבט, וואָלט ער דערצו נישט דער־לאָזן. דער שונא וויל הערן אונדזער געוויין, אונדזערע טרערן זיינען ווי באַלזאַם פֿאַר אים. ווײנט נישט, פֿאַרדריקט אייער צער ביי זיך. וואויל איז דעם גרויסן צדיק, וואָס ער האָט זיין נשמה אויסגעהויכטביים וואָרט „אחד". רבי עקיבאס קערפּער איז טויט, אָבער זיין גייסט לעבט צווישן אונדז און וועט לעבן אַזוי לאַנג, ווי לאַנג עס וועלן יידן זיין אויף דער ערד! דאָס איז אונדזער איינציקע טרייסט קעגן אונדזערע שונאים; בלויז דעם קערפּער קאָנען זיי טויטן, דער גייסט אונדזערער וועט זיי באַזיגן. ווען מען וועט נאָך נאָכזאָגן די תּורות פֿון רבי עקיבאן, וועלן שוין מער קיין רוימער אויף דער וועלט נישט זיין...

דאָס פֿאָלק האָט זיך געטרייסט און זיי זיינען רואיק אַוועקגעגאַנגען.

פֿאַר כּעס האָט טורנוס רופֿוס געהייסן רבי עקיבאס קערפּער אַריינ־וואַרפֿן צוריק אין תּפֿיסה, כּדי ער זאָלט דאָרט פֿאַרפֿוילט ווערן.

האָט מען זיך דעמאָלט דערציילט אַ לעגענדע צווישן זיינע תּלמידים, אַז די זעלבע נאַכט האָט אַן אַלטער מאַן אויפֿגעוועקט רבי עקיבאס תּלמיד, רבי יהושע הגרסי, פֿון שלאָף און צו אים געזאָגט:

— שטיי־אויף און העלף מיר אונדזער רבין ברענגען צו קבורה.

רבי יהושע הגרסי האָט אויפֿגעוואַכט און איז מיטגעגאַנגען מיט דעם אַלטן מאַן. ווען זיי זיינען אָנגעקומען אין דער תּפֿיסה, האָבן זיי געטראָפֿן אַלע וועכטער פֿאַרזונקען אין אַ טיפֿן שלאָף. זיי זיינען אַריינגעגאַנגען אין קעלער אָן שום שטערונג פֿון עמעצן. רבי יהושע הגרסי האָט אַליין נישט געקאָנט אויפֿהויבן רבי עקיבאס קערפּער, האָט אים דער אַלטער מאַן דערין צוגעהאָלפֿן. זיי האָבן ביידע אַוועקגעפֿירט דעם מת אין דעם שטעטל אַנטיפּרס, וואו זיי האָבן צווישן די בערג געפֿונען אַ הייל, אינעווייניק אין דער הייל געפֿונען אַ בעט, אַ טיש און אַ ליכט. זיי האָבן דעם מת אַוועק־געלייגט אויפֿן בעט און אָנגעצונדן דאָס ליכט און פֿאַרמאַכט די הייל.

און דער אַלטער האָט געזאָגט: „וואויל איז צו דיר, רבי עקיבא, וואָס דיין נשמה איז אויפֿגעגאַנגען אין הימל און דיין גוף ליגט אין זיכערקייט אויפֿן בעט און וועט וואַרטן אַזוי לאַנג, ביז אַלע מתים וועלן אויפֿגעוואַכט ווערן צו אַ ניי לעבן..."

⁂

אַ פֿינצטערע נאַכט האָט זיך אַראָפּגעלאָזט איבערן יידישן פֿאָלק אויף לאַנגע, לאַנגע יאָרן. עס האָט געהערשט אַ גרויסער טרויער צווישן אַלע יידן איבער דער גאַנצער וועלט, אין אַלע לענדער, וואו זיי האָבן זיך נאָר געפֿונען.

רבי עקיבאס תּלמידים האָבן זיך פאַרקליבן צווישן די בערג, וואו אין היילן זיינען זיי געזעסן און געלערנט און צונויפגעקליבן אונטער דער אָנפירונג פון רבי מאיר אַלע הלכות און משנות, וואָס זיינען געלערנט און געזאַמלט געוואָרן דורך זייער רבין, רבי עקיבא.

אויף וויפיל עס איז מעגלעך געווען, האָט מען געלערנט מיט די יידישע קליינע קינדער תורה. מ׳האָט איינגעשטעלט די לעבנס און מ׳האָט זיך דעם אַכזריותדיקן שונא נישט אונטערגעגעבן.

רופוס איז נאָך דעם אויספירן דעם טויט־אורטייל איבער רבי עקיבאן צוריקגערופן געוואָרן קיין רוים. דער רוצח האָט זיינס אָפּגעטאָן און ער איז שוין אין לאַנד פון יהודה נישט מער נויטיק געווען.

ווי אַ געשלאָגענער הונט, איז ער צוריקגעקומען פון יהודה. ער האָט זיך געשעמט צו ווייזן פאַר זיין קייסער אַדריינוס, וועלכער האָט געמוזט שיקן אים רופן.

— וואו איז רופינאַ? — האָט ער אים דאָס ערשטע געפרעגט, ווען ער איז נאָר איבערגעטראָטן זיין שוועל.

רופוס האָט זיך צעקלאָגט ווי אַ פאַרוואונדעטע חיה.

— דו קלאָגסט! — האָט אַדריינוס מיט אים זיך געררייצט — עס פּאַסט דען פאַר אַ רוימער צו קלאָגן, דו האָסט זיך אָנגעשטעקט פון די יידן...

— ניין, מיין האר — האָט רופוס אַן איינגעבויגענער מיט הכנעה געענטפערט — יידן קלאָגן נישט. ווען דו זעסט, ווי אַזוי דער ייד, רבי עקיבא, איז געשטאָרבן, וואָלסטו אַזוי וועגן זיי נישט געזאָגט.

— דאַרפסטו זיך דאָך אַוודאי שעמען! — האָט דער קייסער פון אים חוזק געמאַכט — וואו איז דיין ווייב, רופינאַ, צו וועלכער איך גלוסט אַזוי שטאַרק?...

רופוס האָט זיך געפילט נאָך די דאָזיקע ווערטער ווי אַ צעטראָטענער וואָרעם.

— מיין ווייב רופינאַ איז געוואָרן אַ יידין, חתונה געהאַט מיט דעם יידישן רבין רבי עקיבאן און ... און דערנאָך האָט זי זיך דורכגעשטאָכן מיט אַ שווערדל, ווען איך האָב זי געוואָלט מיט געוואַלט צווינגען צוריק צו ווערן מיין ווייב...

אַדריינוס איז אַריינגעפאַלן אין גרויס צאָרן. ער איז אויפגעשפּרונגען און געוואָלט רופוסן ממש צעררייסן. רופוס איז אויף דער ערד געפאַלן און געבעטן רחמנות.

— איך בין שוין אַזוי אויך געשטראָפט, פאַרוואָס פּייניקסטו מיך, גנעדיקער קייסער?

אַדרינוס האָט אים געלאָזט שטיין אויף זײַנע קני און אַליין האָט ער פֿאַרלאָזן דעם זאַל. ווען ער איז שפּעטער מיט אַ ווײַל צוריק אַרײַנגעקומען, האָט ער רופֿוסן געטראָפֿן ליגן אין אַ קאַלוזשע בלוט מיט אַ שווערד אין זײַן ברוסט אַרײַנגעשטעקט. דער אַכזר האָט זיך אַליין דאָס לעבן גענומען, איבערלאָזנדיק אַ צעטעלע צום קייסער, אין וועלכן ער שרײַבט:

„דער גייסט פֿון דעם אַלטן רבי עקיבא האָט מיך אומעטום פֿאַרפֿאָלגט. איך האָב מיר קיין אָרט נישט געקאָנט געפֿינען. עס זײַנען אמת זײַנע רייד, וואָס ער האָט פֿאַרן טויט צו מיר געזאָגט. ער האָט געזאָגט, אַז ווען זײַן גייסט וועט נאָך לעבן צווישן ייִדישן פֿאָלק, וועט פֿון רוים שוין קיין זכר נישט מער זײַן. דער ערשטער רוימער בין איך, וואָס בין אַוועק פֿון דער וועלט. איך האָב געפֿילט, אַז זײַנע רייד זײַנען אמת. רוים וועט אונ־טערגיין, ווײַל זי האָט נישט קיין אמונה. זיי האָבן אָן אמונה, זיי האָבן צו וואָס צו לעבן!"

אַדרינוס האָט זיך פֿאַרטראַכט איבער דעם דאָזיקן טראַגישן בריוועלע. ער האָט קיינעם דערפֿון קיין וואָרט נישט געדאַכט, אָבער נאָכגעדענקט האָט ער דערפֿון זייער אַ סך.

⁂

ווי אַ בית־הקברות, אַזוי האָט אויסגעזען דאָס ייִדישע לעבן אין יהודה און גליל. מענטשן האָבן נישט געפֿירט קיין מסחרים. פֿעלדער זײַנען גע־שטאַנען נישט פֿאַראַקערט און נישט פֿאַרזייט. דער גרעסטער טייל פֿון פֿאָלק האָט אויך נישט געלערנט און זיי זײַנען פֿאַרגרעבט געוואָרן.

ווײַל זייער ווייניק מענטשן זײַנען געווען, וואָס האָבן געקאָנט אײַנ־שטעלן זייערע לעבנס. מען דאַרף האָבן דעם גייסטיקן כּוח דערצו. האָט זיך פֿאַרשפּרייט עם־הארצות און אומוויסנקייט צווישן פֿאָלק. אָבער די ליבע צו זייער לאַנד האָבן זיי נישט אָנגעוואוירן.

צווישן אָט די אומוויסנדיקע יונגעלייט האָט געקאָכט דאָס בלוט און די לוסט נאָך נקמה אָן דעם אַכזריותדיקן שונא. זיי האָבן זיך צונויפֿ־געקליבן אין די היילן צווישן די בערג און דאָרט האָבן זיי געפּלאַנט דעם שונא נישט צורו־צו־לאָזן.

— ער האָט אונדז טאַקע באַזיגט! — האָבן זיי צווישן זיך געטענהט — אָבער רואיק לאָזן אים באַקומען דעם דאָזיקן זיג טאָר מען נישט.

און זיי האָבן געהאַלטן וואָרט. יעדן טאָג האָט מען געהערט פֿון אַנ־דערע רוימער, וועלכע זײַנען אומגעקומען פֿון אַ געהיימער האַנט. וויפֿיל די רוימישע מאַכט האָט זיך געגעבן די מי אויסצוגעפֿינען ווער עס זײַנען די דאָזיקע געהיימע מערדער, האָט זיך זיי דאָס נישט אײַנגעגעבן. זיי זײַנען

שטענדיק געבליבן אומאנטדעקט, ווייל יעדעס מאָל איז דער מאָרד פֿאַר־געקומען אויף אַן אַנדער אָרט.

עס האָבן נישט געהאָלפֿן די שטרענגסטע רעפּרעסיעס. וואָרים וואָס האָט דען נאָך געקאָנט זיין ערגער ווי דאָס, וואָס די רוימער האָבן ביז איצט געטאָן צו די יידן.

איבערהויפּט האָט די יידישע יוגנט אַנגעוואוירן די שרעק פֿאַר די רוימער, זינט רופֿוס איז צוריקגערופֿן געוואָרן קיין רוים. קיין גרעסערער אַכזר פֿון אים האָט שוין רוים נישט געקאָנט שיקן.

די קאַמפּן מיט די רוימער האָבן זיך טיילמאָל אַזוי פֿונאַנדערגעפֿלאַקערט, אַז מען האָט געקאָנט מיינען, אַז אַ גרויסער אויפֿשטאַנד איז אויפֿסניי אויס־געבראָכן אין יהודה.

מיט שלאַכט־אויסרופֿן און געשרייען זיינען די יידן אַנגעפֿאַלן אויף די איינצלנע גאַרניזאָנען, וואָס זיינען געשטאַנען אין די שטעט און האָבן זיי ווי איבערגעשראָקענע געגנז פֿאַרטריבן, אויסהרגענדיק פֿון זיי מער ווי די העלפֿט.

אַ רוימער האָט מורא געהאַט אין אַ פֿינצטערער נאַכט אויף דער גאַס זיך צו באַווייזן. זיין לעבן איז קיין פּרוטה נישט ווערט געווען.

עס האָט נישט געהאָלפֿן, וואָס די רוימער האָבן געלאָזט אַרעסטירן עטלעכע פֿון די אַנגעזעענסטע תּלמידי־חכמים און זיי געפּייניקט. אַדרבה, דאָס האָט נאָך אַרויסגערופֿן מער צאָרן און פֿאַרביטערטקייט ביי די יידן — אַזוי אַז די רוימער זיינען געצוואונגען געווען זיי באַלד צוריק צו באַפֿרייען.

עס זיינען אַוועק קיין רוים אַלאַרמירנדיקע באַריכטן וועגן דעם באַ־גייטן יידישן אויפֿשטאַנד. דאָרט האָט מען זיך אויף אַן אמת דערשראָקן. מען האָט נאָך דאָרט גאַנץ גוט געדענקט די עטלעכע יאָר פֿון דער באַלאַ־גערונג אַרום ביתר, וואו אַזויפֿיל רוימער זיינען אומגעקומען, און עס האָט שוין דעמאָלט געהאַלטן דערביי, אַז מען זאָל אין אַ פֿינצטערער נאַכט אינ־גאַנצן די באַלאַגערונג אויפֿגעבן.

אונטער דער אָנפֿירונג פֿון אַ צווייטראַנגיקן קריגספֿירער האָט אַדרי־נוס צוגעשיקט עטלעכע לעגיאָנען און זיי האָבן דעם נייעם אויפֿשטאַנד באַלד אונטערדריקט.

עס איז געווען בלויז אַ לעצטער פּרוואו פֿאַר דער ענדגילטיקער צע־שמעטערונג פֿון דער יידישער אומאָפּהענגיקייט. עס איז געווען אַ ראַנגלען זיך מיטן טויט.

זינט דעם דורכפֿאַל פֿון בר־כּוכבא און די ווייטער דויערנדיקע אָנפֿאַלן פֿון די יידן אויף די רוימער און נאָך שווערערע רעפּרעסיעס מצד די רוימישע הערשער, איז דאָס יידישע פֿאָלק אַזוי אָפּגעשוואַכט געוואָרן, אַז

עס איז אַפילו נישט געווען צו פאַרגלייכן מיט דעם חורבן, וואָס אַספּסינוס און טיטוס האָבן איבערגעלאָזן אין יהודה.

דער טייל פון יהודה, וואָס איז נישט פאַרוויסט געוואָרן אין די צייטן פון אַספּסינוס און טיטוס, איז איצט פולשטענדיק חרוב געוואָרן. די פאַר־בליבענע באַפעלקערונג איז געווען אָרעם ואביון. פיל פון זיי האָבן זיך גע־ראַטעוועט פון די רעליגיעזע רדיפות דורכדעם, וואָס זיי זיינען אַנטלאָפן אין די אַנדערע לענדער און איבערהויפּט קיין בבל.

צווישן די פליטים זיינען אויך געווען פיל תנאים, וועלכע האָבן גע־וואָלט אויסמיידן דעם מאַרטירער־גורל פון רבי עקיבאן און זיינע חברים. דער דרומדיקער טייל פון יהודה האָט פאַרגעשטעלט מיט זיך ממש איין חורבה.

ירושלים איז געוואָרן דאָס הויפּט־זיץ־אָרט פון די געצנדינער און אונטערן נאָמען „עליא קאַפּיטאָלינאַ" איז זי פאַרשריבן געוואָרן אין דער געשיכטע פון רוים. יידן איז פאַרבאָטן געווען אַהין אַריינצוקומען.

אַזוי האָט אויך איצט אויסגעזען יבנה, די שטאָט, וואָס האָט געדאַרפט אויפהאַלטן דעם יידישן גייסט, דער געוועזענער צענטער פון יידישער זעלבסטפאַרוואַלטונג. די רוימער האָבן זיך באַמיט אינגאַנצן אויסצומעקן פון זכרון דעם נאָמען „יהודה". אַנשטאָט דעם דאָזיקן נאָמען האָבן זיי פאַר דעם לאַנד באַנוצט דעם אַלגעמיינעם נאָמען פון דער פּראָווינץ סיריע־פּאַלעסטינע.

אַ גרויסער טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג האָט איבערגעוואַנ־דערט קיין גליל, אויף צפון, וואָס איז ווינציקער געווען פאַרוויסט. וואָרים די הויפּט־מלחמות פון בר־כוכבאס צייטן און שפּעטער האָבן זיך אָפּגע־שפּילט הויפּטזעכלעך אין יהודה.

אין דער זעלבער צייט איז אָנגעקומען די ידיעה, אַז אדריינוס־קייסער איז געשטאָרבן און אויף זיין פּלאַץ איז געקומען דער אימפּעראַטאָר אַנטאָ־נינוס פּיאוס.

עס איז דעמאָלט געקומען אַ שטיקל פאַרלייכטערונג פאַר די לעבן־געבליבענע יידן.

עס זיינען ווידער אָפּגעשאַפט געוואָרן די פאַרבאָטן קעגן מילה און אָפּהיטן שבת און אויך אַדריינוסעס אַכזריותדיקע באַפעלן קעגן דער יידי־שער אמונה.

די דאָזיקע פאַרלייכטערונגען זיינען געקומען לויט ווי אַ לעגענדע דערציילט:

דער תנא יהודה בן שמוע האָט צוזאַמען מיט נאָך עטלעכע חברים זיך געווענדט נאָך הילף צו אַ געוויסער רוימישער מאַטראָנע, וועלכע איז גע־שטאַנען נאָענט צו די העכסטע קרייזן פון דער רוימישער רעגירונג.

זי האָט זיי נאָר געגעבן איין עצה: זיי זאָלן גיין אַרום די הייזער פון די אָנפירנדיקע קרייזן פון די רוימישע רעגירונגס־לייט און פשוט בעטן ביי זיי רחמנות.

זיי האָבן זי געפאָלגט און זיי זיינען געגאַנגען אין דער געגנט פון די הייזער, וואו די רוימישע הויכגעשטעלטע לייט האָבן געוואוינט און האָבן אויסגערופן:

— אָ, הימל, זיינען מיר דען נישט אייערע ברידער? זיינען מיר דען נישט קיין קינדער פון איין פאָטער און מוטער? מיט וואָס זיינען מיר ערגער פון אַנדערע פעלקער, וואָס איר רודפט אונדז אַזוי אומברחמנותדיק?

זייער געבעט — דערציילט די לעגענדע — האָט געהאַט אַ ווירקונג און דער נייער קייסער האָט אָפּגעשאַפט אַלע גזירות, וואָס אַדרינוס האָט געהאַט איינגעפירט.

די דאָזיקע בשורה איז אָנגעקומען אין לאַנד פון יהודה דעם 28סטן פון חודש אַדר, און דער דאָזיקער טאָג איז אַ לאַנגע צייט פאַררעכנט גע־וואָרן ווי אַ גרויסער יום־טוב ביי די יידן אין יהודה און אין די קאָלאָניעס פון די אַרומיקע לענדער.

פיל יידן האָבן זיך אָנגעהויבן אומקערן אַהיים. אויך אַ טייל פון די תנאים האָבן ווידער געפּרואווט איינשטעלן אין אושה די אַמאָליקע ישיבה, וואָס רבי עקיבא האָט איינגעפירט.

פיל זיינען געווען אַנטשידן קעגן דעם דאָזיקן אופן פון בעטן ביי די רוימער רחמנות.

— אונדזער גרויסער תנא רבי עקיבא וואָלט זיכער געווען קעגן דעם! — האָט רבי מאיר, איינער פון זיינע אָנגעזעעסנטע תלמידים, אויס־גערופן אויף אַ פאַרזאַמלונג, וואָס עס איז פאָרגעקומען לכבוד דעם ערשטן יאָרצייט נאָך רבי עקיבאָן.

— אמת, דאָס איז טאַקע אַזוי — האָט רבי שמעון בן יוחאי צוגע־געבן — זינט אונדזער גרויסער רבי ר׳ עקיבא איז געשטאָרבן, זיינען אָפּגעהאַקט געוואָרן די אָרעמס פון דער תורה און עס זיינען פאַרשטאָפּט געוואָרן די קוואַלן פון חכמה.

— טאָ ווער וועט אונדז פירן איצט דורך די שווערע וועגן, רבי? — האָבן פאַרצווייפלטע שטימען פון די איבעריקע תלמידי־חכמים געפרעגט.

— איצט וועט אונדז בלויז דער איינציקער גאָט פירן, און לאָמיר נישט פאַרלירן אונדזער האָפענונג — האָט רבי שמעון בן יוחאי מיט אויפגע־הויבענע אויגן צום הימל געענטפערט.

אַ דערלייכטערונג איז געקומען אויף דער קליינער גרופע יידן, וואָס זיינען נאָך איבערגעבליבן ביים לעבן. נאָכן טויט פון קייסער אַדרינוס זיינען אויך אַראָפגעזעצט געוואָרן די אַכזרישע קריגספירער און עס האָט אויפ־געהערט די בלוט־פאַרגיסונג אין לאַנד פון יהודה. די רוימער זיינען איצט געזעסן מיט זיכערקייט אין לאַנד.

ביסלעכווייז האָבן אָנגעהויבן אָנצוקומען די פון אַמאָל אַנטלאָפענע יידן קיין בבל, פערסיע און מצרים. זיי האָבן ווידער אָנגעהויבן פירן זייער שטיל לעבן אויף דער ערד פון זייערע אָבות. זיי האָבן געאַקערט און געזייט, געהאַנדלט מיט די אַרומיקע פעלקער און געהאָפט אויף בעסערע צייטן.

פול זיינען ווידער געוואָרן די בתי־מדרשים מיט נייע תלמידים, וועל־כע האָבן געשעפט תורה ביי די תלמידים פון דעם גרויסן רבי עקיבא. עס זיינען געעפנט געוואָרן פיל חדרים, וואו מען האָט געלערנט די קליינע קינדער די יידישע געזעצן. מען האָט זיי דערציילט וועגן דער בלוטיקער יידישער געשיכטע. עס איז אַזוי אַרום געהאַלטן געוואָרן די צוואה, וואָס רבי עקיבא האָט געגעבן צו זיינע תלמידים: „היט־אָפ דעם יונגען דור, היט־אָפ די יידישע קינדער, ווייל נאָר זיי זיינען אַ פאַרזיכערונג, אַז מיר וועלן נישט אונטערגיין אַלס פאָלק".

אָבער אַ טרויעריקייט האָט געהערשט איבער אַלעמענס פנימער. וואָרים פריש איז נאָך געווען די וואונד. עס האָבן נאָך געלעבט די איבער־געבליבענע אַלמנות, וועמענס מענער זיינען אומגעקומען אין די בלוטיקע אויפשטאַנדן. עס האָבן נאָך געלעבט די יתומים, וועלכע האָבן זייערע פאָ־טערס און מוטערס אָנגעוואוירן אין די שרעקלעכע מלחמות. מען האָט נישט געהערט קיין הויך וואָרט רעדן, נישט קיין געלעכטער האָט זיך אויף קיינעמס פנים באַוויזן. וואָרים ווי האָט מען געקאָנט אַ שמייכל טאָן, אַז אַזויפיל יידיש בלוט איז פאַרגאָסן געוואָרן און אַזויפיל יונגע מיידלעך און בחורים זיינען אַלס שקלאַפן פאַרקויפט געוואָרן אין די ווייטע לענדער.

די תלמידי־חכמים האָבן איצט געהאַט איין גרויסע אויפגאַבע: אויפ־צובינדן פיל פרויען, וועלכע זיינען געבליבן אָן זייערע מענער און מען האָט נישט געוואוסט אויף זיכער, צי זיי זיינען אומגעקומען אָדער זיי לעבן ערגעץ פאַרוואָרפן ווייט פון זייער היים.

פיבערהאַפט איז אויך איצט אָנגעגאַנגען די אַרבעט פון די געציילטע תלמידים רבי עקיבאס, מסדר צו זיין די הלכות און משנות, וואָס זייער רבי האָט מיט אַזויפיל מי צונויפגעזאַמלט. עס איז זיי געגאַנגען אין דעם,

אַז דאָס, וואָס אונדזערע חכמים האָבן געלערנט אין משך פֿון הונדערטער יאָרן, זאָל פֿאַרבלייבן פֿאַר די קומענדיקע דורות.

לעגענדעס זייַנען אַרומגעגאַנגען וועגן רבי עקיבאן. די שענסטע מעשׂיות האָט מען זיך דערציילט און איבערגעגעבן די קינדער.

מען האָט דערציילט, אַז ווען משה רבינו האָט געזען אין גן־עדן די גרויסע צאָל חכמים, וואָס דאַרפֿן קומען אויף דער וועלט נאָך אים, האָט ער מיטאַמאָל באַמערקט רבי עקיבאן, און זעענדיק דעם שרעקלעכן סוף, וואָס דער דאָזיקער גרויסער תּנא וועט האָבן, האָט ער מיט תּרעומות גע־פֿרעגט ביי גאָט:

— איז דאָס די תּורה און דאָס איז דער שׂכר?

האָט דער אויבערשטער געענטפֿערט:

— אַזוי האָב איך גוזר געווען!

דער מוסר השׂכל פֿון דער דאָזיקער לעגענדע איז געווען, אַז אויף גאָטס מעשׂים טאָר מען קיין קשיות נישט פֿרעגן. אַלע זייַנע טואונגען זייַנען באַרעכטיקט. „אַזוי דאַרף מסתּמא זיין", האָבן די חכמים געטענהט.

אַחוץ אין ארץ־ישׂראל האָט זיך אויך אין בבֿל אָנגעהויבן אַנטוויקלען אַ גרויסער יידישער ישוב, וואו מען האָט געלערנט תּורה. נישט אַלע תּלמידי־חכמים האָבן באַוויזן זיך אומצוקערן פֿון דאָרט. עס זייַנען אויפֿ־געקומען שטעט, וואו מען האָט געלערנט תּורה, און עס זייַנען אונטער־געוואַקסן נייע דורות פֿון יידישע געלערנטע, וועלכע האָבן פֿאַרגעזעצט דאָס, וואָס רבי עקיבא האָט אַזוי אייפֿעריק פֿאַרטיידיקט. אַלס נשׂיא איז אין יענער צייט אויסגעקליבן געוואָרן רבי שמעון, דער זון פֿון דעם אַמאָליקן נשׂיא רבן גמליאל. אויף זייַנע יונגע פּלייצעס איז אויסגעפֿאַלן דער שווע־רער עול פֿון אָנצוהאַלטן אָרדענונג און איינהאַלטן דעם יידישן גייסט, וואָס איז אין דער דאָזיקער שרעקלעכער צייט דעמאָראַליזירט געוואָרן.

ווי נאָר אַדריינוס איז געשטאָרבן און זייַנע גזירות זייַנען בטל געוואָרן, איז דער ערשטער געדאַנק פֿון די אַלע פֿאָלקס־אָנפֿירער געווען, ווי אַזוי ווידער אויפֿצושטעלן די זעלבסטפֿאַרוואַלטונג און דעם אייגענעם אָפּגע־זונדערטן נאַציאָנאַלן לעבנס־סדר.

אַחוץ דעם נשׂיא רבי שמעון בן גמליאל זייַנען אויך דעמאָלט זייער שטאַרק טעטיק געווען רבי עקיבאס תּלמידים: רבי מאיר, רבי שמעון בן יוחאי און רבי יהודה בן אילעאי.

מען האָט געמוזט אויסגעפֿינען אַ נייַ אָרט, וואו די תּלמידי־חכמים זאָלן ווייטער קאָנען זיך צונויפֿקומען און באַהאַנדלען פֿאַרשידענע פֿראַגעס, וואָס זייַנען נוגע דעם גאַנצן פֿאָלק. אָבער אין דער פֿאַרוויסטער יהודה איז קיין פּלאַץ נישט געווען, פֿון יבֿנה קיין זכר נישט איבערגעלאָזט, און עס איז גע־

בליבן בהסכם פון אַלעמען, אַז מען זאָל זיך ווידער באַזעצן אין אושה, הגם דאָס אויג פון די רוימער האָט דאָ געוואַכט.

וועגן דעם נשיא שמעונען האָט מען דערציילט פאָלגנדיקס:

ווען זיין פאָטער רבן גמליאל איז געשטאָרבן, איז ער נאָך געווען גאָר אַ יונג קינד. דערנאָך איז געקומען דער אויפשטאַנד פון בר־כוכבאן, און אַדרינוסעס שפּיאָנען האָבן געהאַלטן אַ וואַך אויג. זיי האָבן באַשלאָסן אויס־צוראָטן יעדן שפּור, וואָס האָט נאָר אָפּגעשטאַמט פון מלכות בית דוד. ער האָט געוואָלט זיכער זיין, אַז די יידן וועלן שוין מער קיינמאָל נישט פּרע־טענדירן אויף אַן אייגענעם טראָן.

דעם קליינעם שמעונען איז אָבער געלונגען זיך אויסצודרייען פון אַלע אַדרינוסעס וואַכזאַמע שפּיאָנען. עטלעכע יאָר האָט ער זיך אויסבאַהאַלטן אויסער די גרענעצן פון יהודה. ער איז געווען אַ לענגערע צייט אין בבל. דערנאָך האָט ער צוגעוואַרט אויף רואיקערע טעג אין מצרים. און ווען די געפאַר איז שוין געווען אַריבער, איז ער צוריקגעקומען אין לאַנד.

שמעון האָט אין זיין יוגנט באַקומען אַ ברייטע רעליגיעזע דערציאונג. אַחוץ דעם האָט ער אויך געלערנט חכמת יון. ער איז אויסגעוואַקסן אַ געבילדעטער מענטש, וועלכער האָט געקאָנט דרייסט זיך אַוועקשטעלן מתווכח זיין מיט אַ גריכישן געלערנטן, וואָס האָבן דעמאָלט געשמט אַלס די געבילדעטסטע מענטשן אין יענע לענדער.

פאַרשטייט זיך, אַז ווען די ניי־באַשטימטע סנהדרין האָבן זיך צוזאַ־מענגעקליבן צו דערוויילן אַ נייעם נשיא, איז דער גורל געפאַלן אויף דעם יונגען שמעון. היות אָבער, ער איז נאָך געווען יונג, האָט מען אים צוגע־געבן צוויי געהילפן פון די אָנגעזעענסטע געלערטע אין יענער צייט. דאָס איז געווען רבי מאיר און נתן הבבלי, דער ערשטער, מיטן טיטול הכם און דער צווייטער — אב־בית־דין.

שמעון בן גמליאל האָט באַלד אַרויסגעוויזן געוואַלטיקע פעאיקייטן אין אָנפירן מיט דער געזעצגעבונג אין לאַנד. שמעון האָט, פונקט ווי זיין פאָטער, זיך באַמיט איינצוהאַלטן אין געוויסע גרענעצן דעם רעספּעקט צו דעם אַמט פון אַ נשיא, ניט אָנווענדנדיק דערביי קיין שום געוואַלט־מיטלען.

ער האָט זיך פיל מער גערעכנט מיט די געוואוינהייטן פון פאָלק, ווי מיט די טרוקענע אויסגעמוטשטע דינים. ער האָט זיך געהאַלטן ביי פאָלגנדיקן הומאַניטאַרן כלל: „דאָס בית־דין דאַרף נישט מאַכן אַזעלכע תקנות, וואָס פאַר דער מערהייט זאָל זיין שווער זיי אויסצופירן”. „באַלאַסטעט נישט דאָס פאָלק מיט צופיל חומרות. זאָל עס בעסער זינדיקן בשוגג, איידער במזיד...”

אָבער אַפֿילו שמעון מיט זיין מילדן כאַראַקטער האָט נישט אויסגעמיטן קיין צוזאַמענשטויסן מיט די איינפֿלוסרייכע מיטגלידער פֿון דער תּלמידי־חכמים־חבֿרותא. שמעון האָט געוואָלט אָנהאַלטן די טראַדיציע פֿון זיין פֿאָטער. נישט אַזוי פֿאַר זיך פּערזענלעך, ווי פֿאַר דעם אַמט פֿון נשיא. האָט ער געפֿאָדערט דרך־ארץ. אויב עס וועט נישט זיין קיין דרך־ארץ צו דער נשיאות — האָט ער געטענהט — וועט דאָס פֿאָלק באַציען זיך מיט גרינגשעצונג און נישט וועלן אויספֿירן אַפֿילו די לייכטע תּקנות...

בכדי די מאַכט פֿון נשיא זאָל האָבן מער אָנזען ביים פֿאָלק, האָט שמעון איינגעשטעלט דריי פֿאָרמען פֿון אָפּגעבן כּבֿוד דעם נשיא און זיינע צוויי געהילפֿן, דעם „חכם” און „אב־בית־דין”. בעת אויף אַ גרויסגעבערישער אָדער סנהדרין־פֿאַרזאַמלונג, אַז עס פֿלעגט אַריינקומען דער נשיא, פֿלעגן אַלע אַנוועזנדיקע זיך מוזן אויפֿשטעלן. בעת אָבער עס פֿלעגן אַריינקומען זיינע געהילפֿן, פֿלעגן זיך אויפֿשטעלן בלויז אַ טייל פֿון די פֿאַרזאַמלטע. דערפֿון האָט זיך געפֿילט באַליידיקט דער אב־בית־דין, נתן הבבֿלי און דער חכם רבי מאיר, וועלכע האָבן מיט זייער געלערנטקייט אַ סך איבערגעשטיגן דעם נשיא.

זיי האָבן דעריבער צווישן זיך איינמאָל באַשלאָסן עפֿנטלעך צו דעמאַנסטרירן זייער גייסטיקע העכערקייט דערמיט, וואָס זיי וועלן שטעלן אויף די פֿאַרזאַמלונגען אַזעלכע פֿאַרוויקלטע שאלות, אויף וועלכע שמעון וועט נישט זיין אימשטאַנד צו ענטפֿערן.

אַזוי אַרום האָבן זיי געהאַט בדעה אַראָפּצורייסן זיין אויטאָריטעט אַלס געלערנטער. זיי האָבן געהאַפֿט, אַז אויף אַזאַ אופֿן וועט מען שמעונען אַראָפּזעצן פֿון זיין נשיאות און מען וועט אַרויפֿזעצן אָדער נתן הבבֿלי, אָדער רבי מאירן.

עס זיינען אָבער באַצייטנס אויפֿגעדעקט געוואָרן די פּלענער פֿון דער אָפּאָזיציע און מ׳האָט באַשטראָפֿט אירע אָנפֿירער. מ׳האָט געמלעך נתנען און רבי מאירן אויסגעשלאָסן פֿון די סנהדרין.

דאָס פֿעלן אָבער פֿון אַזעלכע צוויי גרויסע געלערנטע האָט זיך שטאַרק אָנגעזען אין די סנהדרין און זייערע אָנהענגער האָבן שטאַרק אָנגעהויבן צו פּראָטעסטירן קעגן זייער אויסשליסונג. „מיר זיינען דאָ און די תּורה איז אינדרויסן!” — האָבן זיי געזאָגט מיט ביטערניש.

זייערע פּראָטעסטן האָבן אַזוי לאַנג אָנגעהאַלטן, ביז מען איז איינגעגאַנגען אויף אַ פּשרה: מ׳האָט די צוויי געלערנטע צוגעלאָזן צו די זיצונגען, אָבער מיטן באַדינג, אַז די פֿאַרגעלייגטע הלכות דורך זיי זאָלן איבערגעגעבן ווערן אין בית־המדרש נישט אין זייער נאָמען, נאָר אָנאָנים.

נתן הבבלי האָט אײנגיכן שלום געמאַכט מיטן נשיא, אָבער רבי מאיר איז פֿאַרבליבען אין שטרענגער אָפּאָזיציע און דאָס האָט געפֿירט דערצו, אַז מ׳האָט אים אַרײנגעלײגט אין חרם.

רבי מאיר האָט זיך געװערט מיט אַלע כּוחות. ער האָט געשריגן און הויך פֿאַר אַלעמען אַרויסגעזאָגט די ביטערסטע רייד קעגן רבי שמעון בן גמליאל. ער האָט זיך צו אים און זײַנע אָנהענגער אײנמאָל געװענדט מיט די פֿאָלגנדיקע רייד:

— איך װעל אײך נישט האָרכן, ביז איר װעט מיר נישט אויפֿקלערן, װעמען איר האָט אַרײנגעלײגט אין חרם, אויף װעלכן סמך און פֿאַר װאָס פֿאַר אַ מעשים!

די אַלע צוזאַמענשטויסן האָבן געבראַכט דערצו, אַז רבי מאיר האָט זיך אין זײַנע לעצטע יאָרן אָפּגעטײלט פֿון זײַנע חברים אין אושא און האָט געגרינדעט אַן אײגן בית־המדרש.

אַ לעגענדע דערצײלט, אַז רבי מאיר האָט אָפּגעשטאַמט פֿון אַ געצנ־דינערישער משפּחה, װאָס האָט זיך מגייר געװען. די גרעסטע געזעץ־קע־נער פֿון דער צײט פֿון יבנה, רבי ישמעאל און רבי עקיבא זײַנען געװען זײַנע רביים און נאָך פֿאַר זײער לעבן האָט ער זיך אַרויסגערוקט אין פֿאָ־דערגרונט מיט זײַנע אויסערגעװײנלעכע פֿעאיקײטן. רבי עקיבא האָט אים פֿאַרויסגעזאָגט אַ גרויסע צוקונפֿט.

נאָך דעם דורכגעפֿאַלענעם אויפֿשטאַנד פֿון בר־כּוכבאַן איז ער גע־צװאונגען געװען אַרומצואװאַנדערן אין פֿאַרשידענע לענדער. אָבער װי נאָר עס האָט זיך אין יהודה אַביסל אײנגעשטילט, איז רבי מאיר צוריק־געקומען און געװאָרן, װי אויבן דערצײלט, אײנער פֿון די הויפּט־אָרגאַני־זאַטאָרן פֿון צוזאַמענפֿאָר אין אושא, װאָס האָט צוריק אויפֿגעשטעלט די סנהדרין און די נשיאות.

זײַן חיונה האָט רבי מאיר געצויגן דערפֿון, װאָס ער האָט איבער־געשריבן ביכער. ער האָט געהאַט אַן אויסערגעװײנלעך שײנע האַנטשריפֿט און ער האָט דערפֿינדן עפּעס אַ מין ספּעציעלן טינט, װאָס האָט דערפֿירט זײַן קאַליגראַפֿישע קונסט צו דער העכסטער מדרגה.

פֿון די פּערזאָנען, װאָס זײַנען געװען נאָענט צו רבי מאירן, ציט אויף זיך די ספּעציעלע אויפֿמערקזאַמקײט די אינטערעסאַנטע פֿיגור פֿון אלישע בן אבויה (אחר), װעלכער איז געװאָרן אויף דער עלטער אַ פֿרײדענקער.

עס זײַנען װעגן אלישע בן אבויהן אַרומגעגאַנגען שרעקלעכע קלאַנגען. מען האָט אויף אים געזאָגט, אַז ער איז אַ פֿאַררעטער, אַז ער רעדט אָן יידישע קינדער צו געצנדינערײ און אַז ער האָט געמסרט צו דער רוימישער מאַכט די אַלע, װעלכע האָבן געלערנט תּורה.

אַלע תּלמידי־חכמים האָבן זיך אָפּגעקערט פון אים, אָבער בלויז איין רבי מאיר איז אים כּסדר נאָכגעגאַנגען. ער האָט באַטראַכט זיין אַמאָליקן רבין נישט אַלס פאַררעטער, נאָר אַלס טראַגישע פערזאָן און האָט ווייטער געשעצט די הויכע קענטענישן פון דעם דאָזיקן אויסטערלישן דענקער.

ווען מ'האָט רבי מאירן פאָרגעוואָרפן, פאַרוואָס ער פאַרלאָזט נישט דעם דאָזיקן אַפּיקורוס, האָט ער קלוג געענטפערט:

— איך האָב געפונען אַ מילגרוים, עס איך אויף די פרוכט פון אינעווייניק און די שאָלעכץ וואַרף איך אַוועק!...

וועגן זיינע שווערע איבערלעבונגען זיינען געבליבן פאָלגנדיקע כאַראַקטעריסטישע לעגענדעס:

איינמאָל, אין שבת, איז אלישע געריטן אויף אַ פערד און רבי מאיר האָט אים באַגלייט צופוס און אויסגעהערט זיינע קלוגע רייד. פּלוצים האָט זיך אלישע אָפּגעשטעלט און געזאָגט צו זיין תּלמיד:

— מאיר, קער דיך אום און גיי אַהיים, ווייל לויט מיין אויסרעכענונג, ביסטו שוין דורכגעגאַנגען אַ תּחום־שבת.

— טאָ קער דיך דו, רבי, אויך אום!... (אַן אַנדייטונג, ער זאָל זיך אומקערן אויפן גוטן וועג) — האָט רבי מאיר אויסגערופן.

— ניין! — האָט געענטפערט טרויעריק אלישע — פאַר מיר איז שוין קיין צוריק נישטאָ, ווייל איך האָב שוין פון לאַנג געהערט אַ בת־קול: „טוט תשובה, אַלע זינדיקע, אויסער „אחר", ווייל ער האָט דערקענט מיין קראַפט און ער האָט זיך אָפּגעקערט פון מיר!"

ווען אלישע איז געלעגן אויף זיין טויטן־בעט, איז רבי מאיר געקומען אים מבקר־חולה־זיין.

— טו תּשובה! — האָט רבי מאיר געזאָגט צום שטאַרבנדיקן.

— וועט דען איצטער העלפן מיין תּשובה? — האָט אלישע פאַרביטערט געפרעגט.

האָט רבי מאיר געענטפערט:

— אַפילו אויפן ראַנד פון קבר איז נישט שפּעט תּשובה צו טאָן.

אלישע האָט זיך פונאַנדערגעוויינט און אין עטלעכע מינוט אַרום איז ער געשטאָרבן.

צום לעצטן מאָל האָט זיך פאַר מאירן אַנטפּלעקט די טיפע טראַגעדיע פון אַ נשמה, וואָס האָט געלעכצט נאָך אַן אידעאַל און וואָס דער גאַוּוהדיקער שכל האָט אים געשטערט צו גלויבן.

— דאַכט זיך, אַז מיין רבי איז געשטאָרבן מיט געדאַנקען פון תּשובה!... — האָט רבי מאיר געשעפּטשעט, שטייענדיק איבערן טויטן קערפּער פון דעם גרויסן אַפּיקורוס.

☙

און אַט אַזוי האָט רבי שמעון בן גמליאל אָנגעפירט מיט זיין נשיאות, אויסמיידנדיק צו גרויסע קאָנפליקטן מיט די רוימער, באַמיענדיק זיך אַרויסצורופן אַפשיי צו זיך און בכלל צו דעם אַמט פון נשיאות. זיין הויפט־שטרעבונג איז געווען אויפצוהאַלטן די איבערבלייבענישן פון יידישן פאָלק אַלס איין גאַנצס. אויף אַזאַ אופן האָט דער דאָזיקער פאַטריאַרך פאַראייניקט אין זיין פערזאָן גרויס געלערנטקייט מיט דעם טאַלאַנט אָנצופירן מיט דער אַדמיניסטראַציע פון לאַנד.

ער האָט אָנגעהאַלטן די צדקה־אינסטיטוציעס, וואָס רבי עקיבא האָט אַזוי גוט אָנגעפירט. ער האָט אַפעלירט צו די יידן, וועלכע האָבן געוואוינט מחוץ פון ארץ־ישראל, אַז זיי זאָלן אונטערשטיצן זייערע אָרעמע ברידער אין לאַנד. די יידן פון בבל און מצרים האָבן גערן געענטפערט אויף זיין רוף.

די יידן אין בבל האָבן געטאָן אַלצדינג, וואָס עס איז נאָר געווען אין זייערע כוחות, אויפצוהאַלטן דאָס יידישקייט. ווען אין לאַנד פון יהודה זיינען פאָרגעקומען די שרעקלעכע רדיפות, האָט זיך דאָרט קאָנצענטרירט אַ נייַ גייסטיק יידיש לעבן.

באַזונדערס שטאַרק אַנטוויקלט האָט זיך אין גייסטיקן זין די שטאָט נהרדעא, וואו עס האָט זיך געפונען דער פאָרשטייער פון די יידן אין בבל, וועלכער האָט געהאַט דעם טיטול „ריש־גלותא״ און ער האָט אויך געהאַט געוויסע רעכט פון דער דאָרטיקער רעגירונג.

עטלעכע יאָר פריער האָט עקזיסטירט אַ גרויסער יידישער ישוב אין דער שטאָט נציבין, וואָס איז נעענטער צו דער ארץ־ישראלדיקער גרענעץ. האָבן אָבער די רוימישע לעגיאָנען פון קייסער אַדרינוס דאָרט געהאַט אַריינגעדרונגען און אויסגעשאָכטן די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג.

עס איז דאָרט פאַרבליבן בלויז איינער פון די חכמים, רבי יהודה בן בתירה, וועלכער האָט שפעטער אָנגעפירט אַן אייגן בית־המדרש. עס איז אים אָבער נישט געלונגען צו קאָנצענטרירן אַרום זיך אַ גרויסן קיבוץ, ווייל די מענטשן האָבן מורא געהאַט צו באַזעצן זיך נאָענט פון דעם פלאַץ, וואָס האָט געקאָנט יעדע מינוט באַפאַלן ווערן פון די רוימער.

האָט אַן אַנדערער יידישער געלערנטער אויסגעקליבן די שטאָט נהרדעא אַלס דאָס אָרט, וואו ער האָט געגרינדעט אַ ישיבה. דאָס איז געווען חנינא, אַ ברודערזון פון רבי יהושע בן חנניה.

מיינענדיק, אַז אין ארץ־ישראל איז שוין אַלץ פאַרניכטעט, ווארים קיין בית־המקדש עקזיסטירט שוין מער נישט, ירושלים איז חרוב, האָט ער גענומען אָרגאַניזירן אין בבל אַ מין „בית־דין־הגדול״, וואָס זיין אַרבעט

איז באַשטאַנען בלויז אין פֿעסטשטעלן, ווען אַ יאָר איז עיבור און ווען עס פֿאַלן־אויס די ימים־טובים.

ווען רבי שמעון בן גמליאל איז דערפֿון אין ארץ־ישׂראל געוואָר געוואָרן, האָט עס אים שטאַרק פֿאַרדראָסן און ער האָט איינגעזען דערין אַ פֿאַרלעצונג פֿון זיין אויטאָריטעט און ער האָט אַוועקגעשיקט צוויי שלוחים קיין בבל, וועלכע האָבן געדאַרפֿט ווירקן אויף דעם חנינאַן, ער זאָל אויפֿגעבן זיין פֿירערשאַפֿט.

חנינא האָט זיי אָבער נישט געוואָלט הערן. ער האָט זיי געענטפֿערט מיט די פֿאָלגנדיקע ווערטער:

— איך האָב אַ רעכט צו טאָן וואָס איך פֿאַרשטיי עס איז נויטיק פֿאַרן יידישן פֿאָלק. איבעריקנס, האָט אויך רבי עקיבא באַשטימט דעם עיבור, ווען ער איז געווען מחוץ דעם לאַנד יהודה.

— ווי קאָנסטו זיך פֿאַרגלייכן צו רבי עקיבאַן?! — האָבן די שלוחים אויסער־זיך אויסגערופֿן — ער האָט דאָך נישט געהאַט זיינס גלייכן אין ארץ־ישׂראל!

— איך האָב אויך נישט איבערגעלאָזן מיינס גלייכן אין ארץ־ישׂראל! — האָט ער געענטפֿערט.

אָבער ענדלעך, נאָך דער איינשטעלעניש פֿון עטלעכע גרויסע חכמים, האָט ער נאָכגעגעבן.

ביסלעכווייז האָבן זיך יידן צוגעוואוינט צו דעם צושטאַנד. עס איז פֿאַרגעסן געוואָרן דער גרויסער חורבן פֿון דעם נישט־געלונגענעם אויפֿשטאַנד פֿון בר־כוכבאַן. די וועלט איז ווידער געווען וועלט. די פֿויערים האָבן זיך גענומען צום אַקעראייזן און די תּלמידי־חכמים האָבן פֿאַרגעזעצט דאָס לערנען.

נאָכדעם ווי רבי שמעון בן גמליאל איז געשטאָרבן, איז אויסגערופֿן געוואָרן אַלס נשׂיא זיין זון, רבי יהודה. דאָס איז געווען אַן ערך דרייסיק יאָר נאָכן טויט פֿון רבי עקיבאַן. ער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אַ פֿילפֿאַכער בילדונג. געבוירן איז ער געוואָרן אין דער שרעקלעכסטער צייט פֿון קייסער אַדריאַנוסעס רדיפֿות, האָט ער זיך שטענדיק געפֿונען אין אַ קרייז פֿון געלערנטע. ער האָט געלערנט אין דער ישיבה פֿון רבי שמעון בן יוחאי און פֿון אַנדערע געלערטע.

ער האָט זיך אַרויסגעוויזן אויך צו זיין אַ גוטער אַדמיניסטראַטאָר און געוואוסט ווי צו פֿירן פּאָליטיק. ער האָט איינגעשטעלט גוטע באַציאונגען מיט דער רוימישער מאַכט. ער איז אַפֿילו געווען זייער גוט באַפֿריינדעט מיטן דאַמאָלסטיקן רוימישן אימפּעראַטאָר מאַרקוס אַורעליוס, וועלכער איז געווען פֿאַרהעלטנישמעסיק בעסער צו יידן ווי די פֿריערדיקע פֿאַרגענגער זיינע.

רבי יהודה איז געווען זייער רייך און האָט זיך געפֿירט ווי אַ גרויסער שר, ווי דאָס האָט געפֿאָדערט זיין הויכער אַמט אַלס רעפּרעזענטאַנט פֿון יידישן פֿאָלק ביי דער רוימישער מלוכה.

ער האָט אויך אַרויסגעוויזן גרויס קענטעניש אין פֿאַרזאָרגן די פֿאַר־אָרעמטע יידן מיט פּרנסה, איינגעשאַפֿט פֿאַר זיי אַרבעט אָדער געשטיצט מיט געלט. ער האָט זייער פֿיל אונטערגעשטיצט די תּלמידי־חכמים און אויסגעהאַלטן ישיבות און פֿאַרשידענע בתּי־מדרשים.

אין מאַרקוס אַורעליוסעס צייטן האָט אויסגעבראָכן אַ גרויסער הונגער און מגפֿה, האָט ער געלאָזט עפֿענען זיינע אייגענע תּבואה־שפּייכלערס און געטיילט ברויט צו די נויטבאַדערפֿטיקע. אָבער ביים געבן הילף האָט ער אַרויסגעוויזן צופֿיל זיינע אַריסטאָקראַטישע נייגונגען. ער האָט, למשל, פֿאַראָרדנט, אַז מען זאָל שטיצן בלויז די געלערנטע און די עם־הארצים האָט ער נישט געוואָלט אויסטיילן קיין ברויט.

פֿיל פֿון זיינע תּלמידים זיינען נישט געווען צופֿרידן מיט אַזאַ פֿירונג.

— ביי אונדזער גרויסן פֿירער, רבי עקיבאַ, איז אַזעלכעס נישט מעג־לעך געווען! — האָבן זיי אָפֿן געהאַט תּרעומות.

— וואָרים רבי עקיבאַ האָט אָפּגעשטאַמט פֿון פּשוטן פֿאָלק! — האָט אַ צווייטער אַריינגעזאָגט — און רבי יהודה איז לויטער יחוס...

איינער פֿון די דאָזיקע תּלמידים, וואָס האָט זיך אַממערסטן געבונ־טעוועט קעגן דעם דאָזיקן נישט־יושרדיקן באַשלוס פֿון נשיא, יונתן בן עמרם, האָט אַלס פּראָטעסט נישט געוואָלט געניסן פֿון זיין געלערנטקייט. ער האָט זיך פֿאַרשטעלט פֿאַר אַן עם־הארץ און איז געקומען בעטן, מען זאָל אים אָנקאָרמענען, ווי מען קאָרמעט „אַ ראָב אָדער אַ הונגעריקן הונט".

ווען דער דאָזיקער פֿאַל איז באַקאַנט געוואָרן, האָט דער נשיא פֿאַר־שטאַנען, אַז דאָס איז געטאָן געוואָרן ספּעציעל אים אָנצוואַווייזן, אַז ער באַנעמט זיך שלעכט מיטן פּשוטן פֿאָלק. ער האָט דאַן געביטן זיין מיינונג און געזאָגט, אַז ביים העלפֿן הונגעריקע מענטשן טאָר מען די הונגעריקע נישט איינטיילן אויף פֿאַרשידענע קאַטעגאָריעס, און ער האָט באַפֿוילן צו געבן אַלעמען גלייך ברויט אָן אונטערשיד.

איינמאָל זיינען צו אים געקומען נאָך שטיצע די טעכטער פֿון אלישע בן אבויה. האָט ער זיי אָפּגעזאָגט, ווייל זייער פֿאָטער איז געווען אַ פֿאַר־רעטער און פֿאָלקס־פֿיינט...

— רבי — האָבן דאָן צו אים געטענהט די אומגליקלעכע יתומות — פאַרגעס דעם פאָטערס מעשים און גדענק בעסער וועגן זיין גרויסן וויסן.

דעם נשיא האָבן זיך געשטעלט טרערן אין די אויגן און ער האָט זיי געהייסן געבן שטיצע.

אין יהודה הנשיאס צייטן האָט זיך די סנהדרין איבערגעטראָגן פון אושא קיין צפורי. ער האָט דאָס אויסגעקליבן דערפאַר, וואָס דאָרט איז געווען דער געזונטסטער קלימאַט פון ארץ־ישראל און ער איז געווען שוואַך אין געזונט. ער האָט אויך געוואָלט זיין נאָענט פון דער רוימישער מאַכט, וועלכע האָט זיך אויך דאָרט אַהין אַריבערגעטראָגן. צפורי איז געמלעך דעמאָלט געווען די הויפּט־שטאָט פון גליל.

אָבער דער גרעסטער פאַרדינסט איז געווען פון יהודה הנשיא, וועלכער איז אויך באַקאַנט געווען אונטערן בלויזן נאָמען „רבי", וואָס ער האָט פאַר־ענדיקט די גרויסע אַרבעט, וואָס רבי עקיבא האָט אָנגעהויבן — צו ברענגען אין אָרדענונג דעם גאַנצן נאָך־ביבלישן מאַטעריאַל. די דינים און הלכות, וואָס האָבן זיך אָנגעזאַמלט אַלס „תורה שבעל־פה".

אונטער זיין אויפזיכט האָט מען אָנגעפירט אין די בתי־מדרשים אַן אומגעהויערע אַרבעט פון צונויפזאַמלען אין אַ סדר דאָס אַלץ, וואָס איז געלערנט געוואָרן אין די אַלע יאָרהונדערטער פון עזראס צייטן אַן ביז די לעצטע סנהדרינס אין אושא און צפורי.

ער האָט געהאַט פאַר זיך שוין אַ צוגעגרייטן באַדן, וואָס רבי עקיבא האָט איבערגעלאָזט בירושה.

ער האָט איינגעזען, אַז צופיל מאַטעריאַלן האָבן זיך אָנגעזאַמלט איבער דער דאָזיקער לאַנגער צייט און עס איז אוממעגלעך, אַז די דורות שפּעטער זאָלן דאָס קאָנען בזכרון געדענקען.

ער האָט די אַלע משנות איינגעטיילט אין זעקס סדרים און אין יעדן סדר זיינען געווען צונויפגעזאַמלט דינים און הלכות פון איין ענין.

ער איז אין זיין צייט אַזוי שטאַרק באַרימט געוואָרן פאַר דער דאָזיקער אַרבעט זיינער, אַז פיל פון זיינע חברים האָבן אים געשטעלט העכער פון רבי יוחנן בן זכאי און רבי עקיבא. אויף אַזוי ווייט איז זיין נאָמען פאַרהייליקט געוואָרן, אַז מ׳האָט אים אָנגעהויבן רופן „רבינו הקדוש".

אַ לעגענדע האָט זיך פאַרשפּרייט צווישן זיינע תלמידים, אַז אין דעם טאָג, וואָס רבי עקיבא האָט אויסגעהויכט זיין הייליקע נשמה, איז געבוירן געוואָרן רבי יהודה.

דער אויבערשטער פאַרלאָזט נישט זיין יידיש פאָלק — האָבן די תלמידים זיינע געזאָגט — דור הולך ודור בא... רבי עקיבא איז אַוועק, איז געקומען רבי יהודה הקדוש!

דער גייסט פֿון רבי עקיבאן האָט געלעבט אין זיין דור און אין דורות אַרום שפּעטער. מיט גרויס ערפֿורכט האָט מען זיין נאָמען דערמאָנט און אַרומגעוועבט מיט אָן אַ שיעור אויסערגעוויינלעכע לעגענדעס. דער נאָמען רבי עקיבא שיינט אַרויס צווישן זיינע גרויסע תּלמידים און זיינע שפּע־טערדיקע נאָכפֿאָלגער, ווי אַ זון, וואָס וואַרעמט און היילט מיט אירע גאָלדענע שטראַלן.